STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07129

YIDISHE NAFT-MAGNATN

Julien Hirshaut

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. הירשהויט

יידישע נאָפּט־מאַנאַטן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

101

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אַבּרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

י. הירשהויט

יידישע נאפט־מאגנאטן

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בועאָס־איירעס, 1954 — תשי״ד

אינהאַלט

דער בראשית פון פליסנדיקן גאָלד (אַריינפיר־קאַפּיטל) — — — — 7
די זין פונעם ריבניקער קרעטשמער — — — — — — — — — — — 16
דער ריבניקער הויף — — — — — — — — — — — — — — 26
דער וועג פירט באַרג־אַרויף — — — — — — — — — — — — — 35
שינויים — — — — — — — — — — — — — — — — — — 50
די מלחמה האָט זיך צעפלאַקערט — — — — — — — — — — — 61
אין כאַטיליעס מלוכה — — — — — — — — — — — — — — 80
דער ערשטער קריזיס אין דער באַריסלאַווער אינדוסטריע — — — 98
יוסף הערש שטערנבאַכס נסיון — — — — — — — — — — — 114
בייזע כוחות — — — — — — — — — — — — — — — — — 136
אין זכות פון די הייליקע מגידים — — — — — — — — — — 152
משה גאַרטענבערגס ערשטע נסיעה קיין ווין — — — — — — — 167
רבקה רחל פאַרקויפט בייגל — — — — — — — — — — — — — 176
ווי אַזוי ווערט מען אַן אַדלמאַן? — — — — — — — — — — 190
חנוכת הבית אינעם מושב זקנים — — — — — — — — — — — 200
דער יידישער בירגערמייסטער — — — — — — — — — — — — 210
דער גענעראַל זאָגט קדיש — — — — — — — — — — — — 230
דער קייסער איז געקומען — — — — — — — — — — — — — 239
אַ יידישע רעוואָלוציע — — — — — — — — — — — — — — 258
כאַטיליעס נדר — — — — — — — — — — — — — — — — 276
דער פאָדעם האָט זיך איבערגעריסן — — — — — — — — — — 284
דער נייער דור — — — — — — — — — — — — — — — — 294
אַן אייגנאַרטיקע בערזע — — — — — — — — — — — — — 310
די וועלט שטייט אין פלאַמען — — — — — — — — — — — 325
בלוטיקע וואַלן — — — — — — — — — — — — — — — 345
דער קיניג איז געשטאָרבן — — — — — — — — — — — — 382

דער בראשית פון פּליסנדיקן גאָלד

(אַריינפיר־קאַפּיטל)

צופוסנס פון די טונקל־גרינע רוקנס פון די הויכע בעסקידן־בערג, וואָס שפּיגלען זיך אין דער זון מיט דער גאַקעטקייט פון זייערע פעל־זיקע שפּיצן, האָט זיך צעלייגט אַ דאָרף. אַ דאָרף פונקט ווי אַלע דערפער פון יענעם צוריקגעשטאנענעם קאַרפּאטן־ווינקל. פאַראָרעמט און פאַר־מרה־שחורהט, מיט איינגעהויקערטע הייזקעס און פאַרבלאָטיקטע וועגן, האָט זיך דאָס דאָזיקע דאָרף אונטערשיידט מיט עטלעכע אייגנשאַפטן פון זיינע שכנים. עס איז געווען אומגעלומפּערט לאַנג און עס האָט זיך פון אים אויף מיילן געטראָגן אַ נישט אָנגענעמער ריח.

אינעם פינפטן צענדליק פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט איז אייראָפּע געווען אויפגערודערט פון די פרייהייטס־אידייען, וועלכע האָבן אָנגע־זאָגט דאָס דערנענטערן זיך פונעם פעלקער־פרילינג. אָבער דאָ, אין דעם דאָזיקן פאַרוואָרפענעם העק, האָט מען וועגן דעם אַלעמען נישט אָנגע־הויבן צו וויסן. די ערד איז דאָ געווען אומברחמנותדיק קאַרג און די פויערים פלעגן דאָ אַרומגיין פאַרחושכטע און הונגעריקע. די תבואה פלעגט דאָרט נישט אויפגיין ווי אין אַלע אַנדערע דערפער. אַנשטאָט צו ווערן צייטיק אין זומער איז זי געוואקסן און געוואקסן ביז אין מיטן האַרבסט אַריין. אויך דעמאָלט זענען די זאנגען געווען דארע און ביז צו אַ העלפט אויסגעטריקנטע.

עפּעס אַ סודותפולער כוח איז געווען פאַרבאָרגן אין דער דאָזיקער ערד. די זרע איז אין איר קאַליע געוואָרן באַלד ביים סאמע אָנהייב, נאָך איידער די פלאנץ איז אויפגעגאַנגען. און אַז די פלאנץ איז שוין יאָ אויפגעגאנגען, איז זי געווען אַ פאַרקריפּלטע, אַ פאַרברענטע. קאַרטאָפל זענען אַפילו יאָ געראָטן, נאָר זיי האָבן געהאט עפּעס אַ משונהדיקן גע־רוך, וואָס אַ צוגערייזטער האָט אים לחלוטין נישט געקענט פאַרטראָגן. דעם זעלבן גערוך האָט אויך געהאט דאָס וואַסער אין די ברונעמס.

מענטשן האָבן געזאָגט, אַז דאָס אַלץ קומט פון דער ערד, וואָס איז דאָרט געווען אַנדערש ווי אומעטום. זי האָט געהאַט אַ טונקל־ברוינעם קאָליר און אז מ׳האָט פון איר אַ ביסל גענומען אויף דער האַנט, האָט זי זיך געקלעפּט און געלאָזט אויף דער האַנט־פלאַך אַ טונקל־פעטן פלעק.

ס׳פלעגט זיך אָפט טרעפן, אַז אין מיטן פון אַ הייסן תמוז, ווען ס׳האָט געהערשט טריקעניש און די נאַטור איז ממש אויסגעגאַנגען נאָך אַ לעק וואַסער, האָט זיך פּלוצים אַ טייל פעלדער באַדעקט מיט בלאָטע. די בלאָטע האָט געהאַט דעם באַקאַנטן שאַרפן ריח און איז ווער אַריין אין איר מיט די שטיוול, האָט ער פאַרשפּאַרט אויף אַ לאַנגער צייט צו נוצן דאָס שטיוול־שמירעכץ. די שטיוול האָבן אָנגעזאַפּט די פעטקייט פון דער בלאָטע. די דאָזיקע בלאָטע האָט באַדייט מפּלה פאַר יענע פּויע־רישע משפּחות, וואָס זענען מיט איר באַגליקט געוואָרן. זי האָט פאַר־ברענט אַלע געוויקסן, נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין גרעזעלע.

פון יאָר צו יאָר האָט די שטינקענדיקע בלאָטע אָנגעמאַכט אַלץ גרעסערע חורבנות. ווען מ׳האָט גענומען גראָבן אַ ברונעם, איז אַנשטאָט וואַסער אונטערגעקומען ווידער די זעלבע שטינקענדיקע פליסיקייט. מענטש און בהמה זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער און דורשט. איין מפּלה האָט געיאָגט די צווייטע און מ׳האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן, כדי פּטור צו ווערן פונעם שרעקלעכן אַנשיקעניש.

אויך ביי די בערך הונדערט יידישע משפּחות, וואָס האָבן געלעבט אין דעם דאָזיקן גרויסן דאָרף, באָריסלאַוו, איז דחקות געווען אַ שטענדי־קער גאַסט. יידן האָבן זיך ס׳רוב פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט און צו ביסלעך אויך געמסחרט מיט די פּויערים. אַז דער פּויער האָט נישט מצליח געווען, איז עס אויך דעם ייד נישט געווען וואָס מקנא צו זיין.ביידע האָבן זיי געליטן נויט און הונגער.

ווען אבראַמאַלע שריינער האָט שוין אויפגעהערט צו לערנען ביים רבין אין חדר, איז פּונקט אַריינגעטראָטן אַ שינוי אינעם לעבן פון די באָריסלאַווער יידן. מ׳האָט געפונען אין דער ערד עפּעס אַ חומר, וואָס האָט לפּנים אויסגעזען ווי אַ האַרטע גרודע ערד. דער חומר איז אָבער געווען פיל לייכטער פון דער ערד. אַז מ׳האָט אים געלאָזט אויסטריקע־

נען און מ׳האָט אים אָפּגערייניקט פונעם זאמד, וואָס האָט זיך אַרום אים געקלעפּט, האָט ער באַקומען אַ פינקלדיק ברוינעם קאָליר. אין דער היץ איז ער לכתחילה געוואָרן ווייך און דערנאָך צעלאָזט זיך אויף אַ פליסיקייט. נאָכן אָפּקילן איז ער ווידער געוואָרן האַרט.

יידן האָבן אויסגעפונען, אַז דאָס איז אַ מין ערד־וואַקס, פון וועלכן מ׳קען מאַכן שבת־ליכט. אַבראַמאַלעס פאָטער האָט דער ערשטער אויס־געפּרוּווט די זאַך. אין אַ קופּערנעם טאָפּ האָט ער צעלאָזט דעם וואַקס, צוגעגרייט באַוולנע קנייטלעך און געגאָסן ליכט אין בלעכענע פאָרעמ־לעך. די ליכט האָבן גאַנץ גוט געברענט. פונדעסטוועגן זענען זיי נישט געקומען צו די פיינע ליכט פון בין־וואַקס, וואָס זענען אין יענער צייט געניצט געוואָרן צום בענטשן. דער פלאַם פון זיי איז געווען אַ שוואַכער און בעתן ברענען האָט זיך פון זיי געטראָגן אַ שלעכטער ריח. צו דעם האָבן זיי נאָך כסדר געצאַנקט, אָנגעפילט די שטוב מיט שוואַרצער סאַדזשע און געהאַלטן אין איין קנאַלן, ווי ס׳וואָלט זיך לעבן זיי איינער אַוועקגעשטעלט מיט אַ ביקס און וואָלט נישט אויפגעהערט צו שיסן. ביי די דאָזיקע אַלע חסרונות האָבן די דאָזיקע ערשטע ליכט פון ערד־וואַקס געהאַט איין גרויסע מעלה. זיי האָבן גאָרנישט געקאָסט און דאָס איז פאַר די אָרעמע באָריסלאַווער יידן געווען אַ זייער וויכטיקע זאַך.

פלעגט מען שוין אין באָריסלאַוו צינדן אין אַלע שטיבער די ערד־וואַקסענע ליכט. אַבראַמאַלעס טאַטע, וואָס האָט דער ערשטער געוווּסט, ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען פונעם ליכט די שיינע קיילעכדיקע פאָרם, האָט אָנגעהויבן צו מאַכן ליכט אויף מסחר.

אַבראַמאַלע איז שוין דעמאָלט געווען אַ חתן־בחור און איז געשטאַ־נען אין שידוכים. ביי זיינע זעכצן יאָר האָט זיין פּנים געהאַט אַן אויס־דרוק פון מאַנסבילשער רייפקייט. ער פלעגט כסדר אַרומגיין אַ פאַר־טראַכטער און זעלטן צו ווענען זיך אָנרופן מיט אַ וואָרט. ווער קען דען וויסן, מיט וואָס ס׳איז פאַרנומען דער יונג־בחורישער מוח? און נישט וויסנדיק טאַקע פאַרוואָס, האָבן זיך די באָריסלאַווער ישובניקעס באַצויגן צו אַבראַמאַלען מיט עפּעס אַ באַזונדערן דרך־ארץ, כאָטש ער האָט ווייט נישט געמאַכט קיין איינדרוק פון אַ שטאַרקן יונג און כאָטש די באָרד האָט ביי אים נאָך אַפילו נישט אָנגעהויבן צו וואַקסן.

אַבראַמאַלע האָט געקוקט, ווי דער טאַטע לייגט אַריין זיין גאַנץ געזונט אין די ערד־וואַקסענע ליכט און אַז ער מאַכט זיי שוין פאַרטיק, האָט ער פון זיי נישט קיין נחת. האָט ער זיך אַמאָל אָנגערופן צום טאַטן:

— וואָס קלערסטו צו טאָן, אַז די ליכט זאָלן ווערן בעסער?

דער טאַטע האָט געצויגן מיט דער פּלייצע און געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— וואָס זאָל איך טאָן?

— מיר דאַכט זיך — האָט אַבראַמאַלע נישט אָפּגעטראָטן — אַז מ׳וואָלט יאָ געקענט בעסער מאַכן די סחורה. ס׳ווענדט זיך אין דעם אופן, ווי מ׳רייניקט דעם וואַקס איידער מ׳שטעלט זיך גיסן די ליכט. מ׳מוז גוט אָפּרייניקן דעם וואַקס, טאַטע.

דער טאַטע האָט זיך צעבייזערט.

— דו זאָגסט מיר מוסר, הלמאי איך רייניק שלעכט דעם וואַקס? וואָס קלערסטו? דו ביסט שוין אַזאַ גרויסער אויפטוער, אַז דו זאָלסט קענען מוסר זאָגן דעם טאַטן.

— נישט דאָס מיין איך — האָט דער זון רואיק געגעבן צו פאַרשטיין דעם פאָטער — דו רייניקסט זיכער גוט דעם וואַקס. אָבער נישט דאָס איז דער אופן, ווי מ׳דאַרף טאָן אַזאַ זאַך.

— פונוואַנען ווייסטו אַזוי גוט? אדרבה, אפשר ווּעסטו אַ פּרווו טאָן, וועט מען באַלד זען, וואָס דו קענסט אויפטאָן.

— גוט, כ׳וועל פּרווון.

און ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט צעלאָזט אַ טאָפּ וואַקס און ווען דער וואַקס איז שוין געווען פליסיק, האָט ער פון אים אָפּגעשעפּט די אויבערשטע שיכטן און אַלץ, וואָס איז געבליבן פון אונטן, האָט ער אַרויסגעוואָרפן. דערנאָך האָט ער געזאָגט צום פאָטער:

— נעם, טאַטע, אָט דאָס און מאַך דערפון ליכט.

דער טאַטע האָט ביטולדיק געשמייכלט און אומגערן גענומען זיך צו דער אַרבעט. ווען די ליכט זענען געווען פאַרטיק און ווען מ׳האָט איינס אָנגעצונדן אויף פּראָבע, איז דער טאַטע געוואָרן איבעראַשט. דאָס אָנגעצונדענע ליכט האָט געברענט מיט אַ לויטערן פלאַם, ס׳האָט נישט

פאַרסמט די לופט מיט קיין שלעכטן ריח און מ׳האָט אויך פון אים נישט געהערט די משונהדיקע קנאַלן.

ווי אַזוי אברהמלע שרײַנער איז געפאַלן אויף דער המצאה פון רייניקן דעם וואַקס, איז נישט באַוווּסט. מ׳ווייסט בלויז, אַז ער האָט קיין מאָל אין לעבן נישט געלערנט קיין פיזיק און אַז פון ביכער האָט ער זיכער נישט אַרויסגעלייענט דעם פיזישן כלל, אַז אַ לײַכטער חומר מוז שטענדיק אַרויפשווימען אין דער הויך און אַ שווערער מוז בלײַבן פון אונטן. מ׳ווייסט אויך נישט, ווי אַזוי ער האָט אויסגעפונען, אַז דער ריינער וואַקס איז לײַכטער פונעם זאַמד און פון די כלערליי אומרייני־קייטן, צוזאמען מיט וועלכע דער וואַקס קומט אַרויס פון דער ערד. אויך פון אונדזערע יידישע ספרים האָט דער יונגער אַבראַמאַלע נישט גע־קענט אַרויסלייענען די דאָזיקע חכמה. פשוט צוליב דעם, ווײַל ער איז נישט געווען קיין גרויסער לערנער. אין חדר האָט פון אים דער רבי בסדר געהאט גרויסע צרות. אַבראַמאַלע האָט קיינמאָל נישט געקענט דעם שיעור און שטענדיק איז ער געווען פאַרנומען מיט זײַטיקע זאַכן. אָדער ער האָט מיט אַ מעסערל עפּעס אויסגעשניטן פון האָלץ, און אַז נישט פלעגט ער זיך סתם אַזוי וועגן עפּעס פאַרטראַכטן. ווען דער רבי האָט אים געוואָלט אויפוועקן פון דער פאַרטראַכטקייט און אים אַרײַנ־ציִען אין לערנען, האָט אַבראַמאַלע אויפגעשטעלט אויפן רבין אַ פּאָר פאַרחידושטע אויגן, וועלכע האָבן עדות געזאָגט אויף דעם, אַז אַבראַ־מאַלעס נשמה איז זייער ווייט פונעם חדר. זי שוועבט ערגעץ אין די הימלדיקע הויכקייטן.

איצט, ווען אברהמלע האָט געפונען דעם ריכטיקן אופן פון רייניקן דעם וואַקס, זענען דעם טאַטנס ליכט געוואָרן אַ זייער חשובע סחורה. אַבראַמאַלע אליין האָט די ליכט געטראָגן צו פאַרקויפן אין די דערנע־בנדיקע דערפער. ער פלעגט גיין איבער מעראַזניצע ביז סכידנעצע און פון דער צווייטער זײַט האָט ער געהאט זײַן אויסגעטראָטענעם וועג אי־בער טוסטאַנאָוויטש ביז צום קוראָרט טרוסקעוויץ, וואָס האָט שוין אין יענע צײַטן געשמט מיט זײַן גוטן הייל־וואַסער. אין יארידים־טעג איז אַבראַמאַלע געגאַנגען מיט אַ זעקל ליכט אין שטאָט אַרײַן. די שטאָט דראָהאָביטש ליגט אויף צפון פון באָריסלאַוו, אַן ערך דריי שעה גוטן

גאַנג. אַבראַמאַלע האָט זיך נישט געפוילט. ער איז אַהין געגאַנגען אויף אַ יעדן גרעסערן יאַריד, ווייל דאָרט האָט ער געמאַכט דעם בעסטן פדיון.

נישט לאַנג איז אבראמאלע געבליבן אַ וואַנדערנדיקער הענדלער. באַלד זענען געקומען ווייטערדיקע שינוים אינעם לעבן פון די באָריסלאַווער יידן, די דאָזיקע שינוים האָבן אויך געהאַט אַ שייכות צו דער משפחה שריינער. די וועלט האָט זיך דערוווסט פונעם באָריסלאַווער וואַקס. גרעסערע ליכט־פאַבריקן, וואָס זענען געווען אינעם לאַנד, האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיטן ערד־וואַקס און האָבן אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן ערד־וואַקסענע ליכט, וואָס זענען געווען אַ סך ביליקער פון די בינן־וואַקסענע. שריינערס פרימיטיווע הויז־אינדוסטריע האָט פאַרלוירן דעם גרונט אונטער די פיס. דערפאַר האָבן זיך אָבער געעפנט גאַנץ אַנדערע מעגלעכקייטן פאַר די באָריסלאַווער יידן און פאַר די שריינערס בתוכם.

רויער ערד־וואַקס איז געוואָרן אַ שטאַרק געזוכטער אַרטיקל. יעדער יידישער בעל־הבית, וואָס האָט געהאַט אין באָריסלאַוו אַ שטיקל פעלד, האָט זיך אויפגעשטעלט אַ „קאַשערע" און אָנגעהויבן צו גראָבן וואַקס. ווי שוואַמען נאָך אַ רעגן האָבן זיך כסדר געמערט אין באָריסלאַוו די קאַשערעס, וואָס זענען געווען אויף אַ פרימיטיוון אופן איינגעאָרדנטע וואַקס־גרובנס. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער ביטערער קאַמף מיט דער ערד. דער מענטש האָט גענומען אַרויסרייסן פון דער ערד איר פאַרבאָרגענעם אוצר. יידישע בעלי־בתים זענען אויפגעריכט געוואָרן אין אַ קורצער צייט. אָרעמעלייט האָבן זיך אָנגעדונגען אויף אַרבעט ביי די בעלי־בתים אין די קאַשערעס. באָריסלאַווער יידן זענען שוין געווען פאַרזאָרגט מיט פרנסה.

די נישט־יידישע באַפעלקערונג האָט נאָך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען, אַז אונטער אירע פיס וואַלגערן זיך אַזעלכע גרויסע אוצרות. זי איז געבליבן אין אַ זייט פונעם געיעג נאָך וואַקס. דער פויער האָט ווייטער געשאָלטן זיין אומדאנקבארע ערד, וואָס האָט כסדר פאַראַטן זיינע האָפענונגען. די בלאָטיקע סמעטענע, וואָס האָט פאַרביטערט זיינע יאָרן, איז ווייטער געבליבן די קללה פונעם דאָרף. מיט דער צייט איז זי געוואָרן נאָך מער האָפערדיק, נאָך מער אַגרעסיוו. זי האָט צעפרעסן אַלץ

מער פעלדער און אָנגעהויבן צו פאַרפלייצן אַפילו די וועגן אַרום דעם דאָרף.

אין דער באַריסלאַווער מסורה ווערט דער אויפקום פון נאַפט פאַר־בונדן מיט דער צייט פון דער גרויסער מגפה. במשך פון אַ גאַנצן זומער האָט די מגפה געבושעוועט און געשניטן מענטשלעכע לעבנס. די סכנה איז געווען זייער גרויס און מ׳האָט נישט געוווּסט, ווי זיך פאַר איר צו פאַרהיטן. געגוג געווען, אַז אַ מענטש זאָל פּלוצים פאַרשוואַכט ווערן און אין עטלעכע שעה אַרום איז ער שוין געווען טויט.

די גאַנצע באַפעלקערונג האָט געלעבט אין אַ שטענדיקער שרעק. אין קירכעס און צערקוועס האָט מען אָפּגעריכט גאָטעסדינסטן, אין קלויזן און בתי־מדרשים האָבן יידן נישט אויפגעהערט צו זאָגן תהילים. ווייבער האָבן געריסן קברים און געמאָסטן פעלדער. מ׳האָט געשטעלט חופּות אויף בית־עלמינס. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן. ערשט ביים אָנהייב פון ווינטער האָט זיך די מגפה לאַנגזאַם איינגעשטילט.

אין יענער צייט איז שוין אברהם שריינער געווען אַ חתונה גע־האַטער יונגערמאַן. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין שום שייכות צו די ליכט־מסחרים. ער איז געווען אַ בעל־הבית מיט אַן אייגענער שטוב און אַן אייגענער וואַקס־קאַשערע אויפן הויף. קיין פּרנסה האָט אים, מסתמא, נישט אויסגעפעלט און בעצם וואָלט ער געדאַרפט זיין צופרידן פון זיין לעבן.

פונדעסטוועגן איז אברהם שריינער ווייטער ארומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער און ער האָט כסדר געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט. אַפילו די שרעקלעכע מגפה, וואָס האָט געבושעוועט אַרום אים, איז אים נישט אָנגעגאַנגען. זיין יונגע פרוי איז אויף אים געווען אין כעס, הלמאי ער דרייט זיך אַרום אַ גלייכגילטיקער און ער מאַכט זיך גאָרנישט פונעם גרויסן אומגליק. ווי אַלע יידן, דאַרף ער גיין אין בית המדרש און זאָגן תהלים.

אברהם האָט אָבער נישט אַריינגעשמעקט אין בית המדרש אַריין. פונקט דעמאָלט האָט ער זיך אויף גאַנצע טעג פאַרמאַכט אין זיין קעלער און בסוד סודות עפּעס דאָרט געטאָן. ביז איינמאָל איז באַקאַנט גע־וואָרן אין באַריסלאַוו, אז אברהם שריינער האָט אַנטדעקט אַ זייער וויכ־

טיקע זאַך. די בלאָטע, וואָס גייט פּלוצים אויף אויף די באַריסלאַווער פּעלדער, איז נישט גלאַט אַזוי אַ בלאָטע. זי אַנטהאַלט אין זיך זייער אַ סך פעטן ערד־אייל, וועלכער פאַרמאָגט אַ שטאַרקע ברען־קראַפט. פּונקט אַזוי ווי מ׳קען דעם ערד־וואַקס נוצן אויף ליכט, קען מען מיט ערד־אייל פאַרטרעטן דעם בוימל, וואָס ברענט אין די קאַניצלעך, וועלכע באַלויכטן די שטיבער אין די ווינטערדיקע אָוונטן.

אַברהם שריינערס אַנטדעקונג באַדייט פאַר אייראָפּע דעם אָנהייב פון דער נאַפט־עפּאָכע. נאַפט איז דערנאָך געפונען געוואָרן אין אַנדערע לענדער און וועלט־טיילן און ער איז געשטעלט געוואָרן אין דינסט פון דער מענטשהייט, סיי צו גוטע און סיי צו בייזע צוועקן. מיט דער צייט האָט נאַפט פאַרנומען די יסודותדיקע פּאָזיציע פון דער וועלט־ווירט־שאַפט. ער איז באַקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען פון פליסנדיקן גאָלד. אין דעם גרויסן טומל אַרום דעם נאַפט האָט די וועלט פאַרגעסן אין זיין באַשיידענעם אַנטדעקער, דעם באַריסלאַווער חסידישן ייד, אברהם שריינער.

דערמיט ענדיקט זיך נאָך נישט די דאָזיקע געשיכטע. מיט שריי־נערס אַנטדעקונג האָט זיך פאַראינטערעסירט די לעמבערגער כעמישע פאַבריק, מיקאלאש. איר אייגנטימער, דער פּוילישער אינזשיניער לוקאַשעוויטש, האָט שריינערן איינגעלאַדן צו זיך, כדי זיך צו באַראַטן, ווי אַזוי מ׳קען פּראַקטיש אויסנוצן דעם געפונענעם ערד־אייל. אַברהם שריינער איז געפאָרן קיין לעמבערג און האָט זיך צוזאַמען מיט לוקאַ־שעוויטשן אַוועקגעזעצט צו דער אַרבעט. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז אָנגעצונדן געוואָרן דער ערשטער נאַפט־לאָמפּ.

די באַריסלאַווער בלאָטע, וואָס איז פאַר דורות געווען אַ קללה, איז במשך פון אַ גאָר קורצער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ברכה. אַ שטראָם פון גליק־זוכער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין דעם פאַרוואָרפענעם דאָרף, באַריסלאַוו. מ׳האָט גענומען שעפּן דעם נאַפט פון זיינע רייכע קוואַלן.

באַריסלאַוו איז נתעשר געוואָרן איבער נאַכט. אָרעמע פּויערים, ביזאיצטיקע שנאָרערס, זענען געוואָרן גבירים. פאַר יעדן שטיקל באָדן, וואָס איז פריער נישט ווערט געווען קיין פּרוטה, האָבן זיי איצט אָפּגע־

נומען שטיקער גאָלד. יידן, ביי וועמען דער אונטערנעמונגס־גייסט איז שטענדיק געווען אַ שטאַרקערער, האָבן גענומען זוכן און אויסשעפּן דעם אייל פון דער ערד. אין באָריסלאַוו האָט זיך אָנגעהויבן דאָס קאָפּ־ברע־כנדיקע יאָגעניש, דער שפּאַנענדיקער האזארד־שפּיל, וועלכער טראָגט דעם נאָמען: נאַפט־אינדוסטריע.

די דאָזיקע געשיכטע האָט נאָך אַ קליינעם עפּילאָג. אין יאָר 1943, בעת באָריסלאַוו און דראהאביטש זענען אָקופּירט געוואָרן דורך נאַציס, האָט אין איינער פון די דראהאביטשער נאַפט־ראַפינעריעס געאַרבעט אַ קליין ביסל יידן. זיי זענען געווען אַ רעשטל פון די טויזנטער יידישע פאַך־ארבעטער אין דער נאַפט־אינדוסטריע. דאָס צייטווייליקע לעבן פון די טויזנטער יידישע פאַך־אַרבעטער האָבן זיי געהאט צו פאַרדאַנקען דעם רוצחס חסד. מאָרגן, ווען זייער אַרבעט וועט אים שוין זיין נישט נויטיק, וועט ער אויך זיי פירן צו דער שחיטה.

אין די הענט פון די דאָזיקע יידישע אַרבעטער איז על פּי צופאַל אַריינגעפאַלן אַ שטיקל פון אַ דייטשער „וויסנשאַפטלעכער" צייטונג וועגן נאַפט־פּראָבלעמען. אין דער צייטונג איז אָפּגעדרוקט געווען אַן אַר־טיקל איבער דער געשיכטע פון נאַפט. איז דאָרט געווען געשריבן, אַז דער אַנטדעקער פון נאַפט איז „אַ פאָלקס־דייטש מיטן נאָמען שריינער". אברהם שריינערס אַן אייניקל האָט זיך געפונען אין דער גרופּע יידישע אַרבעטער. ער האָט געלייענט די דאָזיקע מעשה וועגן זיין זיידן, דעם „פאָלקס־דייטש", וועלכן ער האָט נאָך געדענקט ווי אַן אַלטן ייד מיט אַ גרויער באָרד און פּיאות.

א.

די זין פונעם ריבניקער קרעטשמער

פיר אַזייגער פאַרטאָג האָט זיך משה אַרויסגעשאַרט פון דער הייז־קע און איז שטיין געבליבן אין מיטן פונעם רחבותדיקן קרעטשמערישן הויף. אין דרויסן איז געווען שטאָק־פינצטער. משהס יונגע אויגן האָבן דורכגעשפּיזט דעם חלל, אָבער ביי דער דאָזיקער פינצטערקייט האָט זיין בליק נישט געקענט דערגרייכן ווייטער, ווי אויף אַ מרחק פון איין טריט. די לונגען האָבן איינגעאָטעמט די דעמפּיקע נאַסקייט פון דער לופט, וואָס האָט זיך ווי אַ שווערע משא געלייגט אויף דער ברוסט. איבער משהן איז געהאנגען אַ געדיכטער נעפּל, וואָס האָט די אַרומיקע הויכע בערג־רוקנס, צוזאמען מיטן ריבניקער טאָל איינגעהילט אין אַ שלייער פונעם ששת ימי בראשיתדיקן תוהו ובוהו.

משהס מגושמדיקע שטיוול האָבן ווייך געסקריפּעט אין דעם פייכטן זאַמד, מיט וועלכן דער ריבניקער קרעטשמער האָט אויסגעשאָטן זיין הויף. משה האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, ווי ער וואָלט געוואָלט פון דאָרט עפּעס אַרויסלייענען. ער האָט אַ שמעק געטאָן מיט דער נאָז און שטיל צו זיך געזאָגט:

— ס׳שטעלט זיך די האַרבסטיקע סלאָטע.

פון דער אַנדערער זייט הויף, דאָרט, וווּ ס׳איז געשטאנען די שטאַל, איז צו משהס אויערן דערגאנגען אַ שטיל פערדיש הירזשען. משה האָט אין דער פינצטער געטאַפּט דעם וועג צו דער שטאַל.

— האַ, בולאַן, דו ביסט פריילעך — האָט משה מקבל פנים געווען זיין פערדל מיט אַ לייכטן פּאַטש איבערן נאַקן — יאָ, יאָ, מ׳מוז שוין גיין. האָסטו כאָטש גוט געפרעסן?

משה האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע און אָנגעצונדן דאָס וואַקסענע ליכט אינעם גלעזערנעם לאמטערן.

— יאָ, געפּרעסן האָסטו גאַנץ גוט, אָבער צו טרינקען האָסטו, נעבעך, נישט וואָס.

משה האָט געכאַפּט דעם עמער און איז מיטן לאָמטערן אַרויסגעלאָפן צום ברונעם אָנשעפּן פריש וואַסער. אָנגעטרונקען דאָס פערד, האָט ער עס אַרויסגעפירט אין דרויסן און עס איינגעשפּאַנט צום קליינעם לייטער-וואָגן.

— און איצט, בולאַן, גיי. מוזט אַליין פירן. כ'זע גאָרנישט.

אַ צמאָקע מיטן מויל און אַ קנאַל מיט דער בייטש. דאָס פערדל האָט אַ הויב געטאָן מיטן הינטן און פוס ביי פוס אָנגעהויבן צו גיין. משה האָט נישט געהאַט קיין טעות. בולאַן האָט גוט געקענט דעם וועג, וואָס ער פלעגט דורכמאַכן יעדן פאַרטאָג. ער איז אַליין געגאַנגען אין דער פינצטערניש. דער וואָגן האָט פאַרקערעוועט אויף רעכטס, די רעדער האָבן הילכיק געקלאַפּט אויפן האַרטן גרונט און די אונטערטאַנצנדיקע בלעכענע כלים, וואָס זענען אויסגעשטעלט געווען אויפן וואָגן, האָבן זיי אָפּגעענטפערט מיט זינגענדיק-מעטאַלישע קלאַנגען.

משהן איז געווען קאַלט. אַן איינגעקאָרטשעטער האָט ער זיך אָוועקגעזעצט אויפן היי-זאַק, וואָס האָט אים געדינט ווי אַ זיץ. דער לאָמטערן, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, האָט אַרום זיך געוואָרפן אַ קאַרגן צאַנקענדיק-געלבלעכן שיין.

באַלד איז בולאַן געבליבן שטיין. משה האָט אויפגעהויבן דעם לאָמטערן און זיך אַרומגעקוקט. ער איז געשטאַנען לעבן דער ערשטער זאַגראַדע. אַן אַלטע פּויערטע האָט שוין געוואַרט ביים הילצערנעם טירל. משה האָט זי פריילעך באַגריסט.

— גוט מאָרגן, יעוודאָכע, וואָס טוען אייערע בהמות?

— אַ לויב צו גאָט. גאַנץ גוט. ס'קומט שוין די סלאָטע און באַלד וועט וועלן ווינטער.

— איר זענט טאַקע גערעכט, יעוודאָכע. מיר איז שוין קאַלט.

— היינט דאַרפסטו, מאַשקו, מיטנעמען אויפן וועג אַ ברעזענטענעם זאַק — האָט זי אים מוטערלעך געעצהט — ווייל אָט באַלד וועט זיין אַ רעגן.

משה האָט אַראָפּגעשלעפּט פונעם וואָגן אַ שעפל מיט אַ קאַן און

ביידע זענען אַריין אין שטאל מעלקן די קי. פון יעוודאָכעס זאַגראַדע איז בולאן געגאַנגען ווייטער, ביז משה האָט צוזאַמענגעקליבן זיין גאַנצע מילך. ווען ער איז שוין פאַרטיק געווען מיט דער לעצטער זאַגראַדע, האָט צוביסלעך אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן די שטאָק־פינצטערקייט און איר פּלאַץ האָט פאַרנומען אַ טונקל־בלוילעך ליכט פון אַ שפּעטן בין השמשות. ביי ד'עם דאָזיקן ליכט האָבן די אַרומיקע הויכע בערג זיך אַרויסגעזען ווי אַ שוואַרצער, ווייטער נעפּל. פונעם הימל האָבן זיך ווי קליינע מאַנדלען גע־גאָסן אומצאָליקע טראָפּנס פון אַ דריבנעטשקן האַרבסטיקן רעגן.

משה האָט איבער זיין שוואַרץ רונדיקן קאַפּעליוש אַרויפגעצויגן אַ ברעזענטענעם זאַק מיט אַן עפענונג פאַרן פּנים. ער האָט פעסט אָנגענו־מען די לייצעס און אַ צמאָקע געטאָן צו זיין פערדל:

— נו, בולאן, פאַרשעם מיך נישט. מ'מוז צו דער צייט אָנקומען קיין סכידנעצע.

דער וואָגן האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבערן שטיינערדיקן וועג אין דער ריכטונג פונעם שכנותדיקן דאָרף, קראַפּיווניק. באַלד האָט שוין משה איבערגעלאָזט הינטער זיך דעם הויכן שטיינערנעם צלם, וואָס האָט אָנגעצייכנט די גרענעץ פון זיין היים־דאָרף, ריבניק, און ער איז אַריין אין אַ שמאָלן טאָל ארומגענומען מיט צוויי שוואַרץ־פאַרנעפּלטע בערג־אָרעמס. פּאַראַלעל צום וועג איז געלאָפן דער ברייטער טייך, סטרי, וואָס איז אין דער דאָזיקער שפּעט־האַרבסטיקער צייט געווען אָנגעלאָדן מיט בייז־צעבראָיזטע כוואַליעס. דאָס האַרטע רעדער־געריוש פון משהס וואָגן האָט זיך איצט צוזאַמענגעגאָסן מיטן בייזן געבערום פון די רייסנדיקע כוואַליעס און ביידע צוזאַמען האָבן זיי מיט אַ פאַרטויבטן ווידערקול אָפּ־געהילכט אין די ווייטע בערג־הויכקייטן.

נישט אומזיסט פלעגט מען אין סכידנעצע און אין באָריסלאַוו רופן משהן: דער שטאָט־זייגער. אז ער האָט געדאַרפט אַזייגער זיבן אין דער פרי זיין אין סכידנעצע, איז ער נישט געווען אַ מינוט פאַר זיבן און אויך נישט אַ מינוט נאָך זיבן. ביי יעדן וועטער, ביי רעגן אָדער שניי, ביי פראָסט אָדער היץ פלעגט ער זיך פונקט צו דער רגע באַווייזן אויפן פאַרבלאָטיקטן סכידנעצער הויפּט־וועג. און דאָס זעלבע אין באָריסלאַוו.

אַהין פֿלעגט ער קומען פּונקט אַזייגער ניין, נישט פֿריער און נישט שפּעטער.

אויך יענעם פֿרימאָרגן, כאָטש דער פּוילער דריבנעטשקער רעגן, באַגלייט פֿון אַ דין־פּראָסטיק ווינטל, האָט אומאויפֿהערלעך געשמיסן אין פּנים אַריין, האָט זיך משה נישט פֿאַרשפּעטיקט. פּונקט זיבן אַזייגער האָט זיך ביים עק פֿון דער סכידנעצער הויפּט־גאַס, דאָרט ווו זי פֿליט אַרויס אויפֿן באָריסלאַווער קייזער־וועג, דערהערט דאָס סקריפּען פֿון רעדער מיט אַ פֿריילעכן געקלאַפּעריי פֿון בלעכענע מילך־קאַנען אויפֿן וואָגן. באַלד האָט זיך פֿאַרן גרויסן עולם וואַרטנדיקע ווייבער אָפּגע־שטעלט משהס פֿערדל, בולאַן.

משה האָט געהאַט זיינע געשווירענע קונהטעס, וואָס וואָלטן פֿאַר קיין שום געלט נישט גענומען מילך ביי עמעצן אַנדערש. ביי משהן קען מען די מילך נעמען מיט פֿאַרמאַכטע אויגן. נאָך אַ יונגער בחור טאַקע, אָבער זעלטן קען מען טרעפֿן אַ צווייטן מילך־ייד, וואָס זאָל זיין אַזוי אָפּגעהיט אין דיני הכשרות, ווי ער. ער פֿאָרט אַליין אַרום איבער די זאַגראַדעס און שטעלט אונטער ביים מעלקן די קי זיין אייגן געכשרט שעפֿל. מיט די אייגענע הענט גיסט ער דאַן איבער די מילך אין די קאַנען. די ווייבער האָבן גוט געקענט משהס ערלעכקייט און אָפּגעהיט־קייט. קיין מאָל וואָלט ער אויך וועמען נישט איז אָפּגענאַרט ביי דער מאָס. אַ געשיקטקייט ביים מעסטן די מילך פֿאַרמאָגט ער אויך אַ זעל־טענע. עמעצן אָפּנאַרן מיט אַ טראָפּן מילך טאַקע נישט, אָבער צוגעבן עמעצן פֿון זיינער אוודאי נישט. זיין מאָס איז געווען אַ פּינקטלעכע, אַן אַקוראַטנע ביזן לעצטן טראָפּן.

ווען משה האָט זיך מיט זיין פֿערד און וועגעלע אָפּגעשטעלט פֿאַר די ווייבער, האָט זיך געמאַכט אַ גרויסער רעש. די ווייבער זענען דורכ־געפֿרוירן געווען פֿון דער קעלט און דורכגענעצט פֿונעם רעגן. יעדע האָט וואָס שנעלער געוואָלט שוין זען די מילך אין איר כלי. האָט זיך אָנגע־הויבן אַ רייסעניש און אַ שטופּעניש מיט טעפּלעך און קריגלעך, וועלכע האָבן געשוועבט אין דער לופֿט, איבער די מענטשלעכע קעפּ.

משה האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק פֿון די ווייבערישע יללות. ער האָט רואיק אַוועקגעלייגט די בייטש און אַראָפּגעשלעפּט דעם צע־

ווייקטן ברעזענטענעם זאַק פון איבערן קאָפּ. פלינק איז ער אַראָפּגע־שפּרונגען פונעם וואָגן און אַ גלעט געטאָן בולאַנען איבערן דורכגענעצטן רוקן, פון וועלכן ס'האָבן אַראָפּגעטריפט דיניטשקע ריטשקעס וואַסער. ער האָט אַראָפּגעשלעפּט פונעם וואָגן אַ וואָלענע דעקע און צוגעדעקט דאָס ציטערנדיקע פערדל. דאַן האָט ער אים אָנגעבונדן אונטער דער מאָרדע אַ זעקל מיט האָבער און אַליין איז ער צוריק אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן.

משה איז געשטאַנען איבער דער קאַן און אַ שווייגנדיקער געמאָסטן די מילך. די אָנגעצויגענע באַקן, אויף וועלכע ס'האָט זיך קוים וואָס אָנ־געהויבן צו באַווייזן אַ שיטערער רויטלעכער באָרד־מאָך, האָבן עדות געזאָגט, אַז ער טוט די אַרבעט מיט גרויס כוונה. ווען ער האָט זיך אויף אַ רגע אויפגעהויבן פון איבער דער קאַן, כדי איבערצוגעבן אַן אָנגע־פולטע כלי און נעמען ביי אַ צווייטער יידענע אַ ליידיקע, האָבן זיך לוס־טיק געשאָקלט זיינע דינטשיק־איינגעדרייטע פּיאהלעך, וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען פון אונטערן רונדיקן סאַמעטענעם קאַפּעליוש.

פאַרענדיקט דאָס צעטיילן די מילך, האָט משה אַראָפּגענומען פונעם פערד די וואָלענע דעקע און דעם האָבער־זאַק, צוריק זיך איינגעהילט אין זיין ברעזענט און גענומען די בייטש אין דער האַנט. פּונקט ביין אַזייגער האָט זיך דער זעלבער משא ומתן איבערגעחזרט אין באַריסלאַוו. נאָר באַריסלאַוו איז געווען גרעסער פון סכידנעצע. דאָרט האָט ער זיך גע־מוזט אָפּשטעלן אויף עטלעכע פּונקטן פון דער לאַנגער הערן־גאַס. נאָכן פאַרענדיקן די עסקים אין באַריסלאַוו זענען זיינע קאַנען געווען ליידיק. ער האָט פאַרקערעוועט צוריק און בולאַן, וועלכער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז דער טאָג אַרבעט איז אַ געענדיקטער און אָט באַלד וועט ער זיך אָפּרוען אין זיין וואַרעמער שטאַל, האָט מיט ברען געהויבן זיינע פלינקע פיסלעך און נישט לייגנדיק קיין אַכט אויפן כסדרדיקן רעגן, האָט ער זיך געטראָגן ווי אַ טייוול.

משה האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין היי־זאַק און גענומען זיך אויסרעכענען דעם פאַרדינסט פאַרן היינטיקן טאָג. דער טאַטע וועט זי־כער זיין צופרידן פונעם ריווח, וואָס משה וועט היינט ברענגען אין שטוב אַריין. אַ פראַגע? היינט האָט ער דאָך געפירט דריי קאַנען מער ווי

אַן אַנדערן טאָג. אַ שאָד, וואָס בלויז דריי קאַנען, ווייל ווען ער וואָלט געהאַט נאָך מער, וואָלט ער עס אויך אָפּגעזעצט. אויף מאָרגן מוז ער באַשטעלן די מילך ביי די פּויערים פון די ווייטערע זאַגראָדעס. מילא, וועט ער מוזן מאָרגן אויפשטיין אַ שעה פריער. פאַרפאַלן. וואָס קען מען טאָן. אָבער דער טאַטע וועט זיך פרייען, ער וועט ווידער זאָגן: מיין משה, קיין עין הרע, אוי איז ער אַ כוואַט. ער האַלט דאָך מיר אויס די גאַנצע שטוב.

דערמאָנט זיך דעם טאַטן, האָט זיך אַ וואַרעמקייט צעגאָסן אין משהס אַלע אברים. אַ געפיל פון רחמנות אויפן דאָזיקן איידעלן ייד האָט באַהערשט זיין האַרץ. ער שטייט, נעבעך, דעם גאַנצן טאָג היגטערן פּוסטן שענק־טיש אין דער קרעטשמע און קוקט זיך אויס די אויגן נאָך אַ קונה. דער קונה קומט אָבער נישט. ווער זאָל היינטיקע צייטן קומען טרינקען בראַנפן, אז דער פּויער איז אויסגעהוילט און ער האָט נישט קיין קריי־צער ביי דער נשמה. אַמאָל איז ריבניק געלעגן ביי אַ וויכטיקן טראַקט, וואָס האָט פון גאַליציע געפירט ביז קיין אונגארן. אין יענע צייטן פלעגן איבערן דאָרף דורכגיין אַ סך וועגענער. סוחרים און בעלי־עגלות פלעגן זיך אָפּשטעלן ביי דער קרעטשמע און האָבן געגעבן צו לייזן. דער טאַטע דערציילט אָפט וועגן יענע גוטע צייטן, ווען ס׳האָט אין שטוב נישט אויסגעפעלט קיין פרנסה. נאָר איצט איז שוין גאַנץ אַנדערש. מ׳האָט אויסגעבויט דעם קייזער־וועג און ריבניק איז געבליבן אין אַ זייט. קיין פרעמדער מענטש שמעקט דאָרט אַפילו נישט אַריין. טאָ פון וועמען קען דער טאַטע האָבן לייזונג אין דער קרעטשמע?

אַ מערכה, אַז משה האָט זיך גענומען צום מילך־מסחר. אַז נישט וואָלט אויסגעקומען פשוט אויסצוגיין. משהס עלטערער ברודער, לאָזער, וואַרפט זיך אויך, ווו ער קען נאָר. אָט האָט ער זיך גענומען צו אַ האָלץ־מסחר, אָבער דער אויבערשטער שענקט אים עפּעס נישט קיין הצלחה. דער מסחר ווי דער מסחר, יאַקאַש גייט ער. אָבער קיין ריווחים ברענגט ער לעת עתה נישט אַריין. דער טאַטע איז פון לאָזערן נישט זייער צו־פרידן. נישט, חלילה, צוליב דעם, וואָס ער איז נישט מצליח אין זיינע געשעפטן. דעם טאַטנס נישט צופרידנקייט האָט אַ גאַנץ אַנדערן טעם. לאָזער איז שוין אַ בחור אין די יאָרן און ער וויל נישט חתונה האָבן.

דער טאַטע רעדט צו אים מיט גוטן און מיט בייזן. ס׳העלפט אָבער נישט. ער דרייט זיך כסדר אַרויס. בער־מע, דער שידוך געפעלט אים נישט, ער איז נאָך נישט איינגעאָרדנט, ער האָט נאָך צייט.

בנוגע אים, משהן, זאָגט דער טאַטע, אַז ס׳איז שוין אויך צייט חתונה צו האָבן. אַ בחור פון זיבעצן יאָר דאַרף שוין האָבן אַ ווייב. משה ווייסט, אַז דער טאַטע איז נישט אינגאַנצן אומגערעכט. פאַרגאַנגענעם זומער האָט דער טאַטע געכאַפּט משהן ביי אַן עבירה. ער האָט נאָכגע־קוקט דאַרפס־מיידלעך, וואָס האָבן זיך פונקט געבאָדן אינעם טייכל. משה האָט נישט געהאַט דערביי קיין שום שלעכטע כוונה. ער האָט סתם אַזוי געקוקט. אָבער דער טאַטע האָט אַ זיפץ־געטאָן, אַז משהן האָט אַזש אַ ריס געטאָן ביים האַרץ. דערנאָך האָט דער טאַטע געזאָגט: דו דאַרפסט חתונה האָבן, משה. נאָר ווי אַזוי קען מען דאָס חתונה מאַכן אַ ייִנגערן ברודער פאַר אַן עלטערן?

משה האַלט גראָד נישט פאַר קיין עוולה פון לאָזערן, הלמאי ער וויל נישט חתונה האָבן. אים, משהן, אַליין גלוסט זיך אויך נישט חתונה צו האָבן. די אַלע מיידלעך, וועגן וועלכע מ׳שמועסט כסדר אין שטוב, געפעלן אים נישט. ווען ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט חתונה צו האָבן, למשל, מיט כאַטיליען, דעם ריבניקער פּריצס טאָכטער, וואָלט זיך משה נאָך מישב געווען. בלויז ביים סאַמע געדאַנק האָט זיך משה פאַררויטלט און אַ שמייכל האָט אויפגעבליט אויף זיינע ליפּן. אָבער באַלד איז ער צוריק געוואָרן ערנסט. יאָ, וואָס האָט מען דערפון, אַז אַזאַ זאַך איז נישט מעגלעך. זי איז דאָך די טאָכטער פון ר׳ גדליה, דער בעל־הבית איבער די ריבניקער גיטער. און ווער איז ער, משה? אַ מילך־יונג, אַ נישט גע־לערנטער, אַ זון פון אַן אָרעמען קרעטשמער.

ביי אַזעלכע געדאַנקען איז משהן שנעל אַדורכגעלאָפן דער וועג פון באַריסלאַוו קיין ריבניק. איידער ער האָט זיך אומגעקוקט איז פאַר אים פלוצים אויסגעוואַקסן דער הויכער שטיינערנער צלם, וואָס האָט באַ־צייכנט די גרענעץ פונעם דאָרף ריבניק. משה איז געווען אין דער היים.

***

אויב משהן האָבן זיינע מסחרים געפירט איבער קראַפּיווניק קיין סבידנעצע און באַריסלאַוו, האָבן לאָזערן, משהס עלטערן ברודער, זיינע

געשעפּטן געפירט אין אַ פּונקט פאַרקערטער ריכטונג. דאָרט, פון דער צווייטער זייט ריבניק, פירט דער וועג דורך אַ שמאָלן טאָל, וואָס ליגט אַריינגעקוועטשט צווישן צוויי הויכע בערג־אָרעמס. דער דאָזיקער טאָל זעט כמעט קיינמאָל נישט די זון. ער באָדט זיך שטענדיק אין דעם קילן שאָטן פון די באַוואַלדיקטע בערג, וועלכע באַוואַכן אים.

פאָרנדיק מיטן דאָזיקן וועג, זעט מען בלויז דעם וואַלד־שאָטן און שטיקלעך פונעם זילבערנעם וואַסער־פלאך, וואָס קוקן אַרויס פון הינטערדיקע צווייגן פון די אַלטע עשן־ביימער, וועלכע באַוואַקסן געדיכט דעם טייך־ברעג. איבערן קאָפּ אַ שמאָלער הימל־פּאַס, וואָס ווערט איינגעשלונגען דורך די הויכע שפּיצן פון די בערג. אָפּגעפאָרן אַ שטיק וועג, באַמערקט זיך קוים, ווי דער טאָל האָט זיך אויסגעברייטערט. דער טייך, וואָס איז געלאָפן פּאַראַלעל צום וועג, איז פּלוצים ערגעץ פאַרשוווּנדן געוואָרן און בלויז פון דער ווייטנס הערט זיך זיין בייזער געברום. דאָ געפינט זיך שוין אַ צווייט דאָרף. עס הייסט מאַידאַן און עס איז, פּונקט אַזוי ווי ריבניק, שטיל און אָרעם, פּוסט און פאַרחושכט. דער וועג שטעלט זיך נאָך דאָ נישט אָפּ. פון מאַידאַן לויפט ער ווידער אַרויס אין אַ שמאָלן טאָל צווישן באַוואַלדיקטע בערג און אַזוי גייט ער ביז לוביענצע און סינאַוואָדזק, ווו ער שליסט זיך אָן אינעם ברייטן קייזער־שליאַך, וועלכער פאַרבינדט גאַליציע מיט אונגאַרן.

אויף אָט דעם דאָזיקן וועג האָט לאָזער, משהס עלטערער ברודער, אָנגעהויבן זיינע קליינע האָלץ־מסחרים. לכתחילה האָט ער זיך געשאַפן אַ קרייז פון פריינט צווישן די אָרומיקע פּויערים, די באַיקעס, וואָס האָבן זייערע שאָף געפּאַשעט אויף די הויכע פּאַלאָנינעס. די פּויערים פלעגן גנבענען האָלץ אין די וועלדער און פלעגן עס ברענגען אַראָפּלאָזן אין די טאָלן. לאָזער האָט אָפּגעקויפט דאָס דאָזיקע האָלץ ביי די באַיקעס און האָט עס געפירט צום פאַרקויפן אין דער קליינער וואַסער־זעגעריי אין מאַידאַן. פאַרדינען פלעגט ער עטלעכע קרייצערס. אַ גילדן ריווח איז ביי אים געווען דערגרייכבאַר בלויז אין חלום.

לאָזער האָט, פּונקט ווי משה, געבערענגט אין שטוב אַריין דאָס גאַנצע פאַרדינטע געלט. די פאַרדינסטן פון די ביידע ייִנגלעך האָבן דעם ריבניקער קרעטשמער דערמעגלעכט דאָס דורכשטופּן זיך מיט דער

הוצאה פונעם הויז. די גאַנצע וואָך פלעגט דורכגיין ביי שווערער אַר־בעט. דער טאַטע ביי דער אָרעמער קראָם, די זין אויף פורן און וועגן. נאָר ווען ס׳איז געקומען דער הייליקער שבת, האָט זיך די שכינה אויס־געשפּרייט איבערן קרעטשמערס אָרעמער שטוב. אליין איז דער קרעטש־מער נישט געווען קיין תלמיד חכם. קוים וואָס ער האָט געקענט דאַוונען. אָבער אין פרומקייט און דבקות איז ער נישט אָפּגעשטאַנען פאַרן שאַרפסטן חסיד. מיט דער דאָזיקער שטרעבונג צו קדושה פלעגט דער קרעטשמער אָנפילן שבת זיין שטוב. ער האָט מיט איר אויך משפּיע געווען זיינע קינדער, וועלכע ער איז נישט געווען ביכולת צו לערנען און וועלכע זענען ביי אים געוואַקסן גאַנצע עמי הארצים.

די זין פלעגן שבת מיטגיין מיטן טאַטן צום דאַוונען. דאָס מנין איז געווען אין דעם הויף, ביים גוט־באַזיצער ר׳ גדליה רייזגעווירץ. דאָרט פלעגן זיך פאַרזאַמלען אַלע יידן פונעם דאָרף און ר׳ מנחם מענדל, דער מלמד, איז געווען דער בעל־תפילה און דער בעל קורא. דעם קרעטשמערס זין פלעגן מיט התמדה אַריינקוקן אין זייערע סידורים און ביים טאַטן האָט נעבעך דאָס האַרץ געוויייטיקט. ער האָט דאָך געוווסט, אַז זיי פאַר־שטייען נישט קיין וואָרט פונעם דאַוונען. פונדעסטוועגן האָט דער קרעטשמער נישט געלאָזט אויף זיך דערקענען זיין צער. דעם שבתדיקן טיש האָט ער ביי זיך געפירט מיט דער רחבותדיקייט פון אַ גרויסן בעל הבית, מיט חלה, פיש און פלייש און צומאָל אויך מיט אַן אורח.

אין אַ געוויסן שבת, ווען די גאַנצע עדה איז געווען פאַרזאַמלט ביים דאַוונען אין ר׳ גדליהס גרויסער סאַלע און מ׳האָט פונקט געהאַלטן ביי קריאת התורה, האָט ר׳ גדליה צוגעוווּנקען דעם ריבניקער קרעטשמער ער זאָל זיך דערנענטערן. דער קרעטשמער איז צוגעגאַנגען און ר׳ גדליה האָט אים געזאָגט:

— אייער יינגערער זון ווייזט מיר אויס צו זיין אַ לייטישער בחור.

— א, ר׳ גדליה — האָט דער קרעטשמער באַשטעטיקט — אַ גאָלדן קינד.

— אפשר וואָלט איר מאָרגן, אם ירצה השם, אים צו מיר צוגעשיקט. כ׳האָב מיט אים צו שמועסן וועגן אַן ענין.

— יאָ, ר׳ גדליה, ער וועט מאָרגן ביי אייך זיין — האָט זיך דער

קרעטשמער פאַרנויגט פאַרן פריץ. ער האָט נישט איבערגעפרעגט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, מחמת ס׳איז געווען שבת. נאָר במשך פונעם גאַנצן קומענדיקן מעת לעת האָט אים געפייניקט די דאָזיקע פראַגע: וואָס דאַרף ר׳ גדליה האָבן משהן?

ב.

דער ריבניקער הויף

דער ריבניקער הויף האָט זיך, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע יידישע הייף אינעם אַמאָליקן גאַליציע, געפּירט מיט אַ גבירישער רחבותדיקייט און ברייטהאַרציקייט. די טירן זענען געשטאַנען אָפן פאַר כלערליי אורחים. ר׳ גדליה ריינגעווירץ, אַ הויכער און ברייט צעוואַקסענער ייד מיט אַ הדרת פּנימדיקער גרויער באָרד און פּיאות, אַנגעטאָן אין דער וואָכן אין אַ ראַצעמאַנער בעקעשע און לאַקירטע שטיוול, האָט אַליין אויפגענומען און מקרב געווען די געסט.

דאָס עשירות איז קענטיק געווען נאָך איידער מ׳האָט אריבערגע־טראָטן די שוועל. דער הויכער, ווייס געמאָלענער טויער פון דעמבענעם האָלץ איז כסדר געשטאַנען ברייט צעעפנט. דער וועג פונעם טויער צום הויכן גאַנעק איז אויסגעלייגט געווען מיט שטיינער. דאָס גרויסע, ציכטיק אָפּגעקאַלכטע הויז איז געשטאַנען אין מיטן פון אַ גוט געפּלעגטן בלומען־גאָרטן מיט ברייטע קלאָמבעס און צענדליקער שפּיגל־קוילן פון כלערליי קאָלירן, אויפגעשטעקטע אויף הויכע ווייס־לאַקירטע שטעקע־נעס. פרילינג און זומער־צייט האָבן זיך הימל און זון געשפּיגלט אין די דאָזיקע קוילן. אין אַלע גרויס־פּריצישע הייזער זענען אין יענער צייט די גערטנער געווען באַצירט מיט אַזעלכע קוילן און ר׳ גדליה האָט נישט גע־וואָלט אָפּשטיין פון די אַנדערע פּריצים.

מילך און וואַלד זענען געווען די הויפּט־יסודות פון ר׳ גדליהס ווירטשאַפט. זיינע סטאַדעס קי און שאָף האָבן זיך געפּאַשעט אויף די אַרומיקע בערג. יעדעס יאָר פלעגט ער פון זיין רייכן וואַלד־באַזיץ פאַר־קויפן אַ שטיקל צום אויסהאַקן. די תבואה איז נישט געראָטן אויף דער פעלזיקער ערד. נאָר פונדעסטוועגן האָט אויך ר׳ גדליה געהאַט גאַנץ היבשע תבואה־שטחים אין די טאָלן.

אַ בת־יחידה האָט ר׳ גדליה געהאַט. זי האָט געהייסן כאַטיליע. זי איז געווען דאָס אויג אין קאָפּ ביי אירע עלטערן און קיין צו טייערע זאַך איז פאַר איר נישט געווען. ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע פלעגט מען פאַר איר די שפּילעכלעך ברענגען אַזש פון ווין. צוויי לערערס האָט דער פאָטער געהאַלטן פאַר זיין טאָכטער. איינעם פאַר דייטש און אַ צווייטן, אַ מלמד, פאַר יידיש. כאַטילע האָט אָבער נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק צום לערנען. זי האָט געהאַט גאַנץ אַנדערע פאַראינטערעסירונגען. זי האָט געקענט אַביסל דאַוונען, געלייענט מיטן לערער אַ ביסל שיללער און געטע, צומאָל געכאַפּט אין האַנט עפּעס אַ דייטשן ראָמאַן. ר׳ גדליה האָט אַפילו יאָ געהאַט עגמת־נפש פון זיין טאָכטערס קליינעם חשק צום לערנען, ער פלעגט זיך אָבער פאַר קיינעם נישט קלאָגן צוליב דעם. בלויז צום ווייב פלעגט ער זאָגן:

— כאַטיליע, זאָל לעבן, איז טאַקע אַ צדיקת. נאָר וואָס האָט מען דערפון, אַז זי האָט נישט קיין קאָפּ צום לערנען? מאַ, וואָס קען מען טאָן? מיט נאָך טויזנט רייניש נדן וועט מען עס פאַרגלעטן.

דער טאַטע האָט געשענקט דער טאָכטער אַ קאָלעס מיט צוויי ווייסע פערד. זי האָט באַקומען אַ סטאַנגרעט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע אַרבעט, ווי נאָר אַרומצופאָרן מיט כאַטיליען. אָבער פאַר דעם דאָזיקן לוקסוס האָט כאַטיליע אויך נישט געהאַט קיין באַזונדערס גרויסן אינטערעס. זי איז געבליבן אויף שטענדיק דאָס עניוותדיקע דאָרפס־מיידל, וואָס האָט זיך אַמבעסטן געפילט צווישן אירע דאָרפישע חבר־טעס. ריבניקער תושבים, וואָס האָבן כאַטיליען געדענקט נאָך פון יענע צייטן, האָבן דערציילט, אַז מיידלווייז פלעגט זי פאַרברענגען אויס־שליסלעך אין דער געזעלשאַפט פון די יידישע דאָרפס־מיידלעך. זי פלעגט אַריינקומען אין די אָרעמע שטיבלעך און דאָרט זיך שפּילן מיט אירע חברטעס גאַנצענע נעכט. שוין דעמאָלט האָט זי אַרויסגעוויזן אַ סך האַרץ פאַר נויט און אָרעמקייט. און נאָך אַ פאַסירונג איז געבליבן אין דעם געדעכעניש פון די עלטערע מענטשן. ווען כאַטיליע איז נאָך געווען אַ גאַנץ קליין מיידעלע, האָט זי פון זיך אַמאָל אַראָפּגעשלעפּט דאָס קליידעלע און די שיכלעך און זיי אַוועקגעשענקט אַן אָרעמער פרוי, וועלכע איז גראָד מיט אַן אָפּגעריסן קינד ביי דער האַנט פאַרבייגעגאַנ־

געגן דאָס דאָרף. כאַטיליע איז דעמאָלט אין בלויזן העמד'ל געקומען צו לויפן אין שטוב אַריין און די מאַמע האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. ווען כאַטיליע האָט מיט געוויין דערציילט דער מאַמען די מעשה מיט דער אָרעמער פרוי און קינד, איז די מאַמע געבליבן פאַרגאַפט. וואָס זאָל זי טאָן? צי זאָל זי דעם קינד זאָגן אַ שבח, הלמאי ס'האָט אַזאַ גוט הער־צעלע, צי זאָל זי עס שטראָפן פאַר אָפּטאָן די מעשה נבלה פון בלייבן נאַקעט אין מיטן דאָרף? אַזוי ווי זי האָט נישט געוווסט, וואָס צו טאָן, איז זי אַריינגעפאַלן אין דער צווייטער שטוב צום מאַן. ביי ר' גדליהן איז פּונקט געזעסן דער הייליקער צדיק פון דראהאביטש, ר' פייוול מגיד. דער צדיק האָט דעמאָלט אָפּגעריכט גלות און איז צופוס געגאַנגען איבער דער מדינה. אין יענעם טאָג האָט ער זיך אויף אָפּרו אָפּגעשטעלט אין ריבניק, ביי ר' גדליהן אין הויף.

ר' גדליהס ווייב איז אַן אויפגערעגטע אריין אין צימער און האָט דערציילט דעם מאַן, וואָס ס'איז געשען. ר' פייוול, שוין דעמאָלט אַ טיי־פער זקן, האָט אויפגעשטעלט די אויערן און האָט אויסגעהערט די גאַנצע מעשה.

— וואָס זאָגט איר דערצו, ר' פייוול? 1) — האָט געפרעגט ר' גדליה.

— אר־ווא, לאָמיר נאָר זען ס'קינד — האָט דער זקן געבעטן מיט אַ שוואַכן קול.

די מוטער האָט אַריינגעפירט כאַטיליען אַ האַלב נאַקעטע. ר' פייוול האָט געפינטלט מיט זיינע שוואַכע אויגן און גוט באַטראַכט דאָס קינד. דאַן האָט ער זי אָנגענומען ביים הענטל און צוגעצויגן צו זיך. זיינע צוויי אויסגעדאַרטע הענט האָט ער ארויפגעלייגט אויפן קינדס קאָפּ און האָט געזאָגט:

— אין די וועגן פון די מלאכים גייסטו, קינד מיין. זאָלסט זיין געבענטשט און די ברכה פון אונדזערע נביאים זאָל אויף דיר מקויים ווערן. אַ מלכה בישראל זאָלסטו אויסוואַקסן!

---

1) ר' פייוול מגיד איז באקאנט געווען דערמיט, וואָס ער האָט נישט דערלויבט מ'זאָל אים רופן „רבי". ער האָט אויך קיינמאָל נישט גענומען קיין פדיון.

אַזאַ ברכה פון ר׳ פּייוול מגיד איז נישט קיין קלייניקייט. די משפּחה האָט זי געדענקט אויפן גאַנצן לעבן.

ווען כאַטיליע איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, האָבן די עלטערן אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַ שידוך. זי איז געווען פון מיטעלן וווקס, פעסט געבויט. דאָס נישט באַזונדערס שיינע פּנים איז געווען אָפּגעבערענט פון דער זון. אויפן דאָרפישן שטייגער איז זי געווען אַ שעמעוודיקע. ר׳ גדליה, אַ שאַרפער סאַדיגורער חסיד, האָט געחלומט וועגן אַ יחוסדיקן שידוך פאַר זיין טאָכטער. בעצם איז עס אים געקומען. אַליין אַ גביר און אַ גוט־באַזיצער, אַ חסיד און אַ למדן, האָט ער געוואָלט האָבן אַן איידעם, וואָס זאָל אים נאָך איבערשטייגן סיי אין עשירות און סיי אין לומדות. אין ריבניק און בכלל אין דער געגנט האָט ר׳ גדליה נישט געקענט געפינען קיין פּאַסענדיקן חתן פאַר זיין טאָכטער. האָט ער זיך פאַרבונדן מיט שדכנים פון די גרויסע שטעט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגע סעריע פון „באַקוקן״.

כאַטיליע פלעגט אַרויספאָרן מיט דער מוטער. זיי פלעגן פאָרן קיין לעמבערג, קראָקע און ווין. געהייסן האָט עס, אַז מ׳פאָרט מאַכן „טואַלעטן״, אָבער אין דאָרף האָט מען געוווסט, אַז כאַטיליע שטייט אין שידוכים. זומער־צייט פלעגט כאַטיליע פאָרן מיט דער מוטער אין פאַרשידענע קוראָרטן. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פון קרעניץ, וואָס ליגט נישט ווייט אין די קאַרפּאַטן־בערג, און געענדיקט האָט זיך ביי מעראַן אין דעם שיינעם טיראָל און אין אבאַציע ביים ברעג פונעם אַדריאַטישן ים. די צוויי פרויען פלעגן אומעטום פאָרן מיט אַ רייכן שטאַט און פלעגן איינשטיין אין די טייערסטע פּענסיאָנען.

במשך פון צוויי יאָר האָבן געדויערט די דאָזיקע וויבערישע נסיעות. קיין ממשותדיקס איז אָבער פון זיי נישט אַרויסגעקומען, וואָרום ביי אַכצן יאָר איז נאָך כאַטיליע כסדר געזעסן ביים טאַטן אין שטוב און ס׳האָט נאָך נישט געהאַלטן דערביי, זי זאָל ווערן אַ כלה. ר׳ גדליהן האָט די זאַך זיכער געקרענקט. ער האָט אָבער נישט געלאָזט אויף זיך גאָרנישט דערקענען. ס׳איז אַ באַשערטע זאַך, האָט ער געטראַכט. מיט דער הילף פון השם יתברך וועט מען געפינען דעם ריכטיקן זיווג.

***

במשך פונעם גאַנצן שבתדיקן טאָג האָט דער ריבניקער קרעטשמער נישט דערציילט משהן, אַז דער פריץ וויל אים צומאָרגנס זען. ערשט נאָך הבדלה האָט ער עס אים געזאָגט. משה האָט זיך שטאַרק געחידושט און האָט געפרעגט:

— וואָס דאַרף ער מעך?

דער קרעטשמער האָט געצויגן די פּלייצע.

— ער זאָגט, אַז ער האָט מיט דיר עפּעס צו שמועסן.

כאָטש משה האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אויפרעגונג, האָט זיך אין אים דאָס האַרץ געוואָרפן פאַר אומרו. דאָס איז געווען דער ערשטער שבת נאָך שבועות און אין די בערג האָט זיך געהאַט געשטעלט אַ פּרעכטיקער פרילינג. צומאָרגנס פאַרטאָג איז משה ווי שטענדיק אַרויסגעפאָרן מיט זיין מילך און אויפן גאַנצן וועג האָט אים אין מוח געעקבערט דער איינציקער געדאַנק: וואָס דאַרף אים דער ריבניקער פריץ? דער וועג האָט אים היינט אויסגעוויזן צו זיין דאָפּלט לענגער. מיט רציחה האָט ער געטריבן בולאַנען, אַז ער האָט פונעם פערדל שיער נישט אַרויסגעטריבן די נשמה. אויפן צוריקוועג איז זיין אומגעדולד געוואַקסן פון רגע צו רגע. מיט צרות האָט זיך משה דערוואַרט דעם מאָמענט, ווען בולאַן איז אַן אויסגעמאַטערטער אַריינגעלאָפן אינעם הויף פון דער קרעטשמע.

משה האָט אַוועקגעשטעלט פאַר בולאַנען האָבער און וואַסער און אַליין איז ער אַריינגעלאָפן אין דער הייזקע. ער האָט פון זיך אַראָפּגע־וואָרפן דעם וואָכעדיקן זשאַקעט און אָנגעטאָן זיך דאָס שבתדיקע מלבוש. מיט שנעלע טריט איז ער אַוועקגעלאָפן צום הויף. בעת ער האָט פונעם ברייטן דאָרפס־וועג מיט אימפּעט פאַרקערעוועט צום ווייסן טויער פונעם הויף, האָט ער פלוצים דערזען כאַטיליען, וועלכע איז אַן אָנגע־בויגענע איבער אַ פלאַנץ געשטאַנען אויף אַ דערנעבנדיקער בייט. הערנ־דיק הינטער זיך האַסטיקע טריט, האָט זיך כאַטיליע אויפגעהויבן און משהס בליק האָט זיך באַגעגנט מיט כאַטיליעס בלויע אויגן. פונעם פלוצימדיקן באַגעגעניש האָט זיך משה פאַרלוירן. דאָס גאַנצע בלוט איז אים אַריין אין פּנים. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן איז ער געלאָפן ווייטער.

כּאַטיליע האָט באַמערקט משהס צעטומלטקייט. אויך זי האָט זיך פֿאַר־שעמט און איז אַ רגע שטיין געבליבן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

משה האָט איצט געשפּרייזט איבערן שטיינערדיקן וועג, וואָס האָט געפֿירט צום גאַנעק. ער האָט זיך געמאַכט פֿאָרוואָרפֿן, הלמאי ער איז אַזוי צעטומלט געוואָרן ביי דער באַגעגעניש מיט כּאַטיליען.

— ס'איז דאָך אַ וויסטע חרפּה — האָט ער זיך אַליין געמוסרט — זי האָט געמוזט באַמערקן, אַז כ'האָב זיך פֿאַרלוירן ווי אַ חדר־ייִנגל.

משהן איז איינגעפֿאַלן, אַז ער טאָר נישט וויִיזן כּאַטיליען, וואָס ער טראַכט וועגן איר. ווען זיי זענען געווען קליינע קינדער, פֿלעגן זיי זיך צוזאמען שפּילן אין זאַמד, אָט דאָרט ביים ברעג פֿונעם טייכל. נאָר זינט זיי זענען אויפֿגעוואַקסן, קענען זיי זיך נישט. אַזוי מוז זיין. זי איז אַ פּריציש קינד. פֿאָרט אַרום איבער דער גרויסער וועלט. און ער וואָס? ער פֿאָרט אַרום מיט בולאַנען און צעפֿירט די מילך. פֿונעם דאָזיקן לע־כערלעכן פֿאַרגלייך האָט אַ ביטולדיקער שמייכל אויפֿגעבליט אויף משהס פּנים און מיט דעם דאָזיקן שמייכל איז ער צוגעגאַנגען צום גאַ־נעק, ווו ער האָט געטראָפֿן ר' גדליהן אַ האַלב־ליגנדיקן אין זיין גרויסער וויג־שטול.

— שלום עליכם, משה, — האָט ר' גדליה געשמייכלט — קום נאָר צו נענטער.

משה האָט זיך פֿאַרנויגט און איז צוגעגאַנגען נאָענט צו ר' גדליהן.

— כ'האָב אַ סך געהערט פֿון דיינע מסחרים. ווי גייט עס דיר, משה?

— נישקשה, ר' גדליה. גאָט צו דאַנקען.

— העם, איז אַ דאַנק דעם אויבערשטן. — ר' גדליה האָט אויסגע־שטרעקט די האַנט, זי צוגעפֿירט צו זיין ברייטער באָרד און זי גענומען גלעטן מיט דער דלאָניע — העם, פֿאַרוואָס־זשע ביסטו צו מיר נישט געקומען פֿרעגן, צי כ'וואָלט דיר נישט אָפּגעגעבן די מילך?

— ס'איז מיר נישט איינגעפֿאַלן, ר' גדליה. כ'ווייס דאָך, אַז אויף אייערע מילכן פֿעלן נישט קיין בעלנים. און עד? וויפֿל קען עד דען אָפּ־געמען? אַ קליין ביסעלע. וועט איר זיך וועלן טאַלאַפּיען מיט מיין ביסל מילך?

— נישט געזאָרגט, משה, נישט געזאָרגט — האָט ר' גדליה גע־

שמייכלט — כ׳וועל דיר הייסן ארויסגעבן יעדן טאָג מילך, וויפל דו וועסט דאַרפן. מאַרגן פרי קענסטו שוין קומען און נעמען.

זינט דעמאָלט איז משה אויפגעריכט געוואָרן. ער האָט נישט גע־דאַרפט מער אַרומפּאָרן איבער די פּויערישע זאַגראָדעס און היטן דאָס מעלקן די קי. ביי ר׳ גדליהן אין הויף איז ר׳ מנחם מענדל דער מלמד געווען דער משגיח איבער כשרות און אויף אים האָט מען זיך שוין גע־קענט פאַרלאָזן. משה האָט שוין איצט נישט געדאַרפט אויפשטיין פאַר־טאָג. זעקס אַזייגער פלעגט ער צופאָרן צום הויף. זיינע באַשטעלטע קאַנען האָבן אויף אים שוין געוואַרט. בלויז איין מינוט האָט געדויערט ביז די ארבעטער פון ר׳ גדליהס הויף האָבן אָנגעלאָדן די קאַנען אויף משהס וואָגן און שוין איז ער געווען גרייט צום פאָרן.

דאָס איז נאָך נישט געווען אַלץ. די מילך פונעם ריבניקער הויף האָט אין דער גאַנצער געגנט געשמט ווי די בעסטע. משה האָט איצט באַקומען אַ סך נייע קונים און ער האָט געפירט דאָפלטע מילך ווי פריער. חוץ לזה האָט אים די מילך פונעם הויף געקאָסט אַ סך ביליקער ווי ביי די פּויערים. מיט דער צייט האָט ער אָנגעהויבן צו פירן אויך הויפישע פּוטער און קעז און ער האָט אָנגעהויבן צו מאַכן גאָר גרויסע ריווחים.

אָבער אַ קורצע צייט שפּעטער האָט זיך געענדערט די לאַגע אינעם הויז פונעם ריבניקער קרעטשמער. אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט אַ הצלחה אין לאָזערס מסחרים. לאָזער האָט זיך שטאַרק אויסגעברייטערט זיין האַנדלס־פּעריפעריע. ער האָט געפונען נייע מקורות פאַר האָלץ־איינ־קויף. פאַר שאַרוואַרק־אַרבעטן אין די הייף פלעגן פּויערים באַקומען פון די פּריצים דערלויבענישן אויסצוהאַקן זיך אין די וועלדער האָלץ צום הייצן. זענען אָבער די פּויערים געווען קליגער פון די פּריצים. וואָס דאַרפן זיי האַקן האָלץ צום הייצן, אַז הייצן קענען זיי מיט כרוסטעס, וואָס זייערע קינדער קלויבן צוזאַמען אויף די וועגן ביים וואַלד? אויב מ׳האָט שוין אַ דערלויבעניש צו האַקן, דאַרף מען האַקן גוט האָלץ, וואָס פּאַסט זיך פאַר די זעגערייען. לאָזער איז געוואָרן דער הויפּט־אָפּקויפער פונעם דאָזיקן האָלץ.

די פּויערים פלעגן איצט מיט זייערע שקאַפּעס אַליין ברענגען צו שלעפּן דאָס האָלץ צו לאָזערן אין שטוב אַריין. נישט ווייט פון דער

שטוב האָט זיך לאָזער אויפגעשטעלט אַ קליינע ווינט־זעגעריי. ער האָט צעשניטן דאָס האָלץ אויף קלעצער און דיקע ברעטער און האָט די סחורה געפירט קיין באַריסלאוו, צו די וואַקס־קאַשערעס, וועלכע האָבן שוין דעמאָלט אָנגעהויבן אויפצוקומען.

ווען לאָזער האָט געזען, אַז זיין געשעפט שטייט אויף זיכערע יסו־דות, האָט ער געזאָגט צו זיין ברודער, משה:

— צייט דו זאָלסט פאַרענדיקן דיינע מסחרים מיט מילך. מיט מיר קענסטו מאַכן בעסערע געשעפטן.

דעמאָלט האָט משה אויפגעהערט צו פירן מילך. ער איז צוגעשטאַ־נען צו לאָזערן ווי אַ שותף. משה איז אַוועקגעגאַנגען צו ר׳ גדליהן מעלדן אים, אַז ער וועט שוין נישט נעמען די מילך.

— כ׳בין געקומען אייך דאַנקען פאַר אַלעמען — האָט משה גע־זאָגט צו ר׳ גדליהן — כ׳האָב באַשלאָסן צו ענדיקן מיינע מילך־עסקים.

— אַזוי גאָר. הייסט עס, צו וואָס נעמסטו זיך?

כ׳טרעט צו ווי אַ שותף צו מיין ברודערס האָלץ־מסחרים.

— אַהאַ, טאַקע זייער גלייך. אָבער דו ווייסט דאָך, אַז ביי האָלץ־מסחרים קען עך דיר אויך וואָס נישט איז העלפן.

משהן איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק.

— אפשר — האָט ער איינגעשטעלט — וואָלט עך געקענט ביי אייך קויפן אַ שטיקל וואַלד צום אויסהאַקן?

ר׳ גדליה איז געווען פאַרוואונדערט.

— האַלט עס שוין דען אַזוי ווייט? — האָט ער געפרעגט — דו ווילסט ווערן אַ וואַלד־סוחר?

— אדרבה, פאַרוואָס נישט?

— יאָ, — האָט זיך ר׳ גדליה פאַרטראַכט — ס׳איז אָבער נישט אַזוי פשוט. כ׳האָב אָפּמאַכן מיט די פריצים און כ׳טאָר נישט אויף איי־גענער אחריות פאַרקויפן וואַלד. נאָר נישט געזאָרגט, משה, כ׳וועל שוין זען עפּעס צו טאָן פאַר דיר.

ר׳ גדליה האָט געהאַלטן וואָרט. נאָך דעם זעלבן האַרבסט האָבן משה און לאָזער געהאט אַ קאָנטראַקט אויף אַ שטיק וואַלד. מ׳האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. לאָזערס ווינט־זעגעריי האָט שוין איצט

נישט געטויגט. האָט מען אָפּגעדונגען אַלע פרייע וואַסער־זעגערייען, וואָס זענען געווען אין דער געגנט און מ׳האָט געשניטן דאָס האָלץ בייטאָג און ביינאַכט. באָריסלאַוו האָט געפאָדערט אַ סך האָלץ. די וואקס־קאַשערעס האָבן זיך דאָרט כסדר געמערט. יעדע קאַשערע האָט געדאַרפט קלעצער און ברעטער. די ברידער גאַרטענבערג זענען איצט ביז איבערן קאָפּ פאַרטאָן געווען אין די געשעפטן. יעדן טאָג זענען געקומען נייע באַשטע־לונגען אויף האָלץ. מיט אַלע כוחות האָבן זיי געיאָגט, כדי נאָכצוקומען די דאָזיקע גרויסע באַדערפענישן.

משה גאַרטענבערג איז איצט געווען אַ שטענדיקער איינגייער ביי ר׳ גדליהן אין שטוב. אַזוי ווי דער פאַרלאַנג אויף האָלץ איז כסדר גע־וואַקסן, האָט משה געדריקט ר׳ גדליהן ער זאָל אים געבן אַלץ נייע קאָנטראַקטן אויף וואַלד־שטחים. ר׳ גדליה האָט שוין דעמאָלט געהאט באַמערקט, אַז אין דעם דאָזיקן בחור ברענט אַ פייער און אַז ער איז בכוח גובר צו זיין אַ וועלט. אַמאָל, ווען זיי זענען געזעסן ביי ר׳ גדליהס ברייטן טיש און האָבן געמאַכט זייערע חשבונות, האָט ר׳ גדליה געזען מיט וואָס פאַראַ פלינקייט משה מאַכט די פאַרוויקלטסטע חשבונות אין קוביק־מעטערס. האָט ער זיך אָנגערופן:

— דאָ אין דאָרף האָט מען דיר אַ נאָמען געגעבן משה גוי. באַ־דייט דאָס, אַז קיין סך האָסטו, מן הסתם, נישט געלערנט. פון וואַנען־זשע קומט צו דיר אַזאַ פלינקייט ביים חשבון?

משה האָט געשמייכלט:

— כ׳ווייס טאַקע נישט פון וואַנען. קיין לערערס האָט מיין טאַטע צו מיר נישט געהאלטן. כ׳האָב אַפילו נישט געהאט ווען צו לערנען. נאָר דער חשבון לייגט זיך מיר עפּעס אויפן שכל.

ערשט איצט האָט ר׳ גדליה באַמערקט, אַז משה באַהאלט די פּיאות הינטער די אויערן און אַז זיין בלאָנד בערדל איז ביי אים גלייך צוגע־שוירן. כאָטש ר׳ גדליה האָט זיך אין זיינע מסחרים באַגעגנט מיט אַ סך יידן מיט געשוירענע בערד, אָדער אַפילו אָן בערד, פונדעסטוועגן האָט אים פאַרדראָסן אויפן זון פונעם ריבניקער קרעטשמער, הלמאי ער שערט די באָרד און באַהאלט די פּיאות. ר׳ גדליה האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט. ער האָט די זאך באַהאלטן אין זיך.

ג.

דער וועג פירט באַרג־אַרויף

לאַזער און משה זענען געווען גרויסע האָלץ־סוחרים. לאַזער איז געווען טעכנישער לייטער פונעם געשעפט. ער האָט געדונגען זעגערייען, אָרגאַניזירט די אַרבעט אין די וועלדער און צוזאַמענגעפירט דאָס האָלץ אין די זעגערייען. ער איז געווען אַ מענטש פון גרויסער סוחרישער איניציאַטיוו און אין אַלע אומשטענדן האָט ער געוווּסט, וואָס צו טאָן, כדי וואָס מער צו אַנטוויקלען דעם פאַרנעם פון די מסחרים. משהס געביט איז געווען דער פאַרקויף פון דער פאַרטיקער סחורה. ער איז געזעסן אין באַריסלאַוו, האָט אָנגענומען באַשטעלונגען, אָפּגערעכנט זיך מיט די סוחרים און איינקאַסירט די געלטער.

ביים טאַטן אין שטוב פלעגן איצט די זין פאַרברענגען זייער זעלטן. געוויינלעך פלעגן זיי אַהיימקומען בלויז אויף שבת, אָבער אָפט פלעגט זיך טרעפן, אַז עמעץ האָט אויך שבת געמוזט האַלטן אויסער דער שטוב. ביים קרעטשמער אין שטוב האָט אָנגעהויבן צו שמעקן מיט עשירות. דער טאַטע איז נאָך אַפילו יאָ געשטאַנען ביים שענק און געמאָסטן די „באַדעקעס" בראָנפן פאַר די באַיקעס, אָבער פון זיין אויפפירן זיך איז געווען קענטיק, אַז ער איז שוין נישט אָנגעוויזן אויפן אָרעמען ריווח פונעם שענק; אז ער האָט שוין בעסערע פרנסה־קוואַלן.

אין שטוב האָט נישט געפעלט פון קיין פויגל־מילך. בפרט איז דער שבת און דער יום־טוב, טעג, ווען לאַזער און משה זענען געווען אין דער היים, געפּראַוועט געוואָרן מיט רחבותדיקייט און גלאַנץ. אין דאָרף איז דער קרעטשמער געווען אַן אָנגעזעענער בעל־הבית. ער האָט זיך געפירט גלייך, ווי ער וואָלט געווען אַ געבוירענער גביר. ער פלעגט געבן די שענסטע נדבה און די גאַנצע געגנט האָט וועגן אים געוווּסט, אַז ער איז אַ גרויסער מכניס אורח.

אין אַ געוויסן שבת, אין מיטן פון חודש תמוז, בעת די קרעטש־מער־משפחה איז געזעסן ביי דער רייכער סעודה, האָט זיך לאָזער אָנגע־רופן צו משהן:

— ווייסטו וואָס, משה? מאָרגן קלער עך מיט דיר זען אוועקצו־קלייבן קיין באָריסלאוו.

— האַ, וואָס איז די מעשה?

— גאָרנישט. כ׳וויל מיר אָנקוקן די וואקס־קאַשערעס. ס׳איז דאָך סתם אַזוי כדאי אַמאָל צו זען, וואָס יידן טוען דאָרט אויף.

צומאָרגנס, לאנג פאַר זון־אויפקום, זענען שוין די ברידער געזעסן אויף אַן אויסגעבעטער פור. די פאַרטאָגיקע לופט, כאָטש אין מיטן תמוז, איז געווען אַ שנייאיק־קאַלטע. ווייסע נעפל־וואָלקנס זענען צע־שפּרייט געווען איבער די בערג. סיי פון מזרח און סיי פון מערב האָט דער נעפל פאַרדעקט דעם הימל צוזאמען מיט די בערג. בלויז אין מיטן פונקט איבער די קעפּ פון די פרימאָרגנדיקע רייזענדערס האָט זיך דער הימל אַנטפּלעקט מיט זיין פאַרטאָגיקער טונקעלער גרויקייט.

דער אַנטרייבער האָט אַ שמיץ געטאָן די צוויי ווייסע לייבן־פערד. זיי האָבן אַ וויג געטאָן מיט די אויסגעפּאַשעטע הינטנס און פויל גע־רירט פון אָרט. די מענטשן האָבן געגענעצט, לאנגזאם אויסגעצויגן די ביינער, וואָס האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעטרייסלט פון נאַכט און שלאָף. אויך אין דער נאַטור האָט געהערשט די נאַכט־שטילקייט. קיין שום באַ־שעפעניש האָט נאָך נישט אָנגעקינדיקט דער וועלט, אַז עס לעבט. ערשט, ווען די פור איז פאַרבייגעפאָרן די לעצטע הייזקעס פונעם דאָרף, האָבן אָנגעהויבן צו קרייען די ערשטע הענער.

לאָזער און משה האָבן זיך איינגעהילט אין וואַרעמע בונדעס און שווייגנדיק באַטראַכט דעם אַרום. דער געדיכטער נעפל פון איבער די בערג האָט אָנגעהויבן פאַלן צו דער ערד. די מזרח־זייט איז פּלוצים פאַרפּלייצט געוואָרן דורך בלוט־רויטן ליכט. פון הינטער די וואָלקנס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצושיילן מאָסיווע געשטאַלטן פון בערג. אַ פייַ־ערדיקע קויל איז געבליבן שטיין איבער אַ הויכן באַרג־שפּיץ. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ געצוויטשער פון שפּערלינגען,

וואָס האָבן אַרומגעשפּרונגען איבער די ביימער ביים וועג. פון דער ווײַ־טנס האָט מען שוין געהערט דעם געברום פונעם טייך סטרי.

לאָזער האָט איבערגעריסן דאָס שווײַגן.

— ווי אַזוי מיינסטו, משה? וויפל קאַשערעס האָט שוין אויפגעשטעלט ישראל ליבערמאַן?

— די צאָל קען עך נישט. כ׳מיין, אַז א סך, זייער אַ סך. ער האָט וואַקס און אייל.

— אייל האָט ער אויך, האַ?

— פאַרשטייט זעך. נאָר דו דאַרפסט וויסן, לאָזער, אַז ר׳ ישראל ליבערמאַן איז אַ פיינער סוחר און, אגב, אונדזער בעסטער קונה. אונדז האָב׳מער שוין ביי אים היבש פאַרדינט און ער גיט צו פאַרדינען. ער איז ווערט, אַז דער אויבערשטער זאָל אים שענקען הצלחה.

— טאַקע זייער גוט. — לאָזער האָט זיך פאַרטראַכט און מער שוין נישט געפרעגט.

דער וועג האָט איצט געפירט לענגאויס דעם ברייטן טייך־בעט. אויף דער מזרח־זייט האָט די זון דורכגעבראָכן דעם לעצטן נעפּל־פּאַנ־צער. זי האָט איצט אַפּירגעלויכטן פון הינטערן באַרג מיט אַ ליכט פון ריינעם גינגאָלד. דער נעפּל איז פאַרשוווּנדן געוואָרן און אין דעם קלאָרן טאָג־ליכט האָבן די באַוואלדיקטע בערג געגלאַנצט מיט אַ פרישער גרינקייט. בלויז אין דער מערב־זייט איז נאָך איבער איין באַרג געהאַנגען אַ געדיכטער וואָלקן־שלייער פון מילך־קאָליר.

משה האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים צום הימל און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די בונדע.

— דער טאָג שטעלט זיך אַ שיינער — האָט ער געזאָגט — די לופט איז איצט ריין, אַ מחיה.

ער האָט געוואָלט אָנהייבן אַ שמועס, אָבער לאָזער האָט נישט גע־האַט קיין חשק אים אונטערצוהאַלטן. לאָזער האָט נישט געענטפערט.

די פערד זענען איצט געגאַנגען אין גאַלאָפּ, אונטערטאַנצנדיק אויף די הינטערשטע פיס. דער וואָגן האָט זיך גיך געטראָגן איבערן שטיינער־דיקן וועג, אָנפילנדיק דעם חלל מיט אַ געררויש פון געקאָוועטע רעדער. אַזוי האָט מען דורכגעטאַנצט סכידנעצע און מ׳איז אַרויף אויפן סער־

ו. חירשהויט

פּענטין־וועג, וואָס שלענגלט זיך אַרום דעם הויכן מעראַזניצער באַרג. די בּרידער זענען איצט געפאָרן באַרג־אַראָפּ, אינמיטן פון אַן אוראַלטן וואַלד, פון וועלכן ס׳האָבן זיך געטראָגן ריחות פון געצייטיקטע רויטע יאַגדעס. אַ פרייליכער געצוויטשער פון פייגל האָט באַגלייט די פאָרערס.

ביידע בּרידער זענען פאַרטיפט געווען אין זייערע געדאַנקען. לאָזער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע קאַלקולאַציעס, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום אויסברייטערן דעם פאַרנעם פון די געשעפטן. משה האָט אפשר נישט אַזוי פיל אַריינגעטראַכט אין עצם פון די געשעפטן. דאַקעגן האָט ער שטילערהייט געמאַכט פאַר זיך זיינע חשבונות. וויפל ריווח בלייבט אויף זיין חלק. וויפל מזומנים האָט ער שוין אויף זיין ביכל אין דער שפּאָר־קאַסע און וויפל ער וועט האָבן נאָך דעם מזלדיקן ליקווידירן פון די אַלע געשעפטן, וועלכע זענען שוין אָנגעהויבן געוואָרן.

שוין דעמאָלט האָט זיך געמערקט דער עצמדיקער כאַראַקטער־אונטערשיד צווישן די ביידע בּרידער. לאָזער איז געווען אַ מאַן פון גרויס־סוחרישן טעמפּעראַמענט. אים האָט געצויגן דאָס ריזיקאָ און דעריבער האָט ער זיך אין זיין איניציאַטיוו נישט גערעכנט מיט קיין שכלדיקע און אָביעקטיווע מעגלעכקייטן. דער ריווח איז פאַר אים געווען אַ זייטיקער ענין, מיט וועלכן ער האָט זיך ווייניק אינטערעסירט. דאַקעגן איז משה געווען אַ גאַנץ אַנדערער. אין דעם געשעפט האָט ער געזען קודם־כל דעם ריווח. ער האָט אים פאַרויסגעזען און באַוואָרנט און אַרום אים האָט ער כסדר געפירט זיינע קמצנישע אויסרעכענונגען. צוויי אַנטקעגנגעזעצטע טיפּן, צוויי פאַרשידענע וועלטן זענען זיי געווען, די צוויי בּרידער גאַרטענבערג. פונדעסטוועגן האָט דאָס זיי נישט געשטערט צו פירן בשלום זייערע עסקים. פאַרקערט, צומאָל איז עס גאָר געווען אַ טובה. ביידע שותפים האָבן זיך קעגנזייטיק דערגאַנצט. וואָס לאָזער האָט פאַרטראַכט, האָט משה דאַן דורכגעקייט מיט זיין פרימיטיוון שכל און אויסגערעכנט די מעגלעכקייטן, וואָס דאָס געשעפט האָט געגעבן. ביי דער רעאַליזירונג פונעם געשעפט האָט מען זיך שוין געקענט אויף אים פאַרלאָזן. ער וואָלט נישט געלאָזט פאַרפאַלן גיין קיין איין איינציקע פּרוטה.

ווען דער וואָגן האָט זיך מיט אימפּעט אַראָפּגעגליטשט פונעם מע־

ראַזניצער באַרג און פון אַ ווייטן מהלך האָבן זיך שוין געלאָזט זען די ערשטע באַריסלאווער הייזקעס, איז די זון געשטאַנען הויך אויפן הימל. לאָזער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרטראַכטקייט און געפרעגט:

— זאָג־זשע, משה, וווהין וועלן מיר פאַרפאָרן?

— וואָס פאַרא פראַגע. אין מיין אכסניה אויף דער קאַסערן־גאַס. מ׳עט אָפּדאַווענען, נעמען עפּעס אין מויל אַריין און דערנאָך ׳עט מען זען, וואָס צו טאָן ווייטער.

אין יענער צייט איז באַריסלאוו געשטאַנען אויפן שוועל פון אַ וווּנדערלעכן אויפבלי. עטלעכע און צוואַנציק יאָר זענען פאַריבער, זינט אברהם שריינער האָט געמאַכט זיינע דערפינדונגען. ערד־וואַקס און ערד־אייל האָבן זיך ווי חשובע אַרטיקלען איינגעבירגערט אין דער עקאָנאָמיק פונעם לאַנד. די נאָכפראַגע איז אויף זיי געווען זייער גרויס און ווער עס האָט געהאַט אַ ביסל „פּראָדוקציע״, איז באַלד געוואָרן אַן עושר.

נאָכן דאַווענען און עסן האָט לאָזער געבעטן משהן ער זאָל אים צו־פירן צו אַ קאַשערע, ווייל ער וויל זען, וואָס ס׳טוט זיך דאָרט אינע־ווייניק. די קאַסערן־גאַס, ווו די ברידער זענען איינגעשטאַנען אין דער אכסניה, איז דעמאָלט געווען דער הויפּט־צענטער פון אַלע קאַשערעס. דאָס איז געווען מער־ווייניקער אַרום דעם אָרט, ווו מ׳האָט מיט צען יאָר שפּעטער צוגעצויגן די באַן־ליניע פון דראָהאָביטש און ווו מ׳האָט אויפ־געשטעלט דעם באַן־הויף באַריסלאוו - טוסטאַנאָוויטש. אין דער צייט, וועגן וועלכער עס רעדט זיך, האָט מען אין באַריסלאוו נאָך נישט גע־טראַכט וועגן אַ באַן. די גאַנצע קאַסערן־גאַס איז געווען פאַרלייגט מיט קאַשערעס און ס׳האָט דאָרט געהערשט אַ שטענדיקערווירוואַר פון אַר־בעט. דאָס רוב פון די קאַשערעס אויף דער קאַסערן־גאַס האָט געהערט צו ישראל ליבערמאַנען, דעם באַריסלאַווער גביר. צו אים האָט אויך גע־הערט דאָס רוב פון די קאַשערעס אין די צוויי אַנדערע פּונקטן פון באַ־ריסלאוו: אויפן פּאַטיק און ביים אָנהייב פונעם דערנעבנדיקן דאָרף וואָלענקע.

משה האָט צוגעפירט לאָזערן צו אַ קאַשערע, ווו ער איז געווען באַ־פריינדעט מיטן קאַסירער. אריינקומענדיק אויפן הויף, האָט משה גע־פרעגט לאָזערן:

— נו, וואָס זעסטו דאָ?

— וואָס זע עך? אַ גרויסער ברונעם און אַן אייזערנע אַקס מיט אַן אַרומגעוויקלטער קייט.

— אָט דאָס איז די יאמע — האָט זיך איצט משה געפּילט ווי דער וועג־ווייזער, — באַלד וועט מען זען וויי‎טער.

פון ביוראָ איז אַרויסגעקומען דער קאַסירער, אַ ברייטער ייד, דייטש אָנגעטאָן און מיט אַן אָפּגעגאָלטער באָרד. ער האָט פריינטלעך געשמייכלט צו משהן:

— וועמען ברענגסטו מיר פאַר אַ גאַסט?

— דאָס איז מיין עלטערער ברודער. ער איז געקומען פון ריבניק און וויל אָנקוקן אַ יאמע.

— אַ, זייער אָנגענעם — האָט זיך דער קאַסירער העפלעך באַגריסט מיט לאָזערן — איר ווילט טאקע אַראָפּפאָרן אין דער נידער?

— יאָ, כ׳וואָלט געוואָלט.

— וועל עך עס באַלד צוגרייטן.

דער קאַסירער האָט זיך אויסגעדרייט און איז ערגעץ אַוועק. משה און לאָזער זענען געבליבן אַליין אויפן הויף. לאָזער האָט געפרעגט:

— וואָס מיינט אַ קאַסירער?

— דאָס איז דער טעכנישער לייטער פון דער קאשערע. ער פירט אָן מיט אַלעמען און איז פאַר אַלץ פאַראַנטוואָרטלעך. ער איז נישט איינער אַליין, זיין באַהעלפער איז דער פלוסטאַק.

דער קאַסירער איז באַלד צוריקגעקומען און האָט געפירט מיט זיך דעם פלוסטאַק. דער פלוסטאַק האָט געהאַלטן אין דער האַנט צוויי הערמעטיש פאַרמאַכטע, ברענענדיקע לאמטערנס. צוויי יידישע אַרבעטער זענען צוגעגאַנגען צום ברונעם און אַוועקגעשטעלט זיך ביי די צוויי עקן פון דער אייזערנער קאַרבע. דער פלוסטאַק האָט לאָזערן דערלאַנגט אַ לאמטערן און געזאָגט:

— לאָמיר גיין.

— איר וועט מיט מיר אַראָפּגיין? — האָט לאָזער געפרעגט.

— נו וואָ׳ דען. מ׳עט אייך אַליין לאָזן?

— וואָסזשע דאַרף עך דעם לאָמטערן?

— האַלט אים, ר׳עט צונויץ קומען. נאָר טוט אכטונג איר זאָלט, חלילה, נישט צעברעכן ס׳גלאָז. אונטן זענען דאָ גאזן, מ׳זאָל אָפּגעהיטן ווערן פון אַן אומגליק.

דער פלוסטאק איז פלינק אַריינגעשפּרונגען אין דעם לעפיש גרויסן אייזערנעם קעסל, וואָס איז אַראָפּגעהאנגען פון דער קייט ארום דער אַקס. ער האָט געוויזן לאָזערן ער זאָל אים נאָכגיין. לאָזער האָט זיך דער־נענטערט צו דער הילצערנער צעמבראַוועגע און האָט אַריינגעקוקט אין דעם שווארצן תהום פונעם ברונעם. דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט און מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ביי אַ ברעט. דער פלוסטאק האָט זיך צעבייזערט:

— וואָס קלערט איר אַזוי פיל? קריכט שוין אַריין אַמאָל.

לאָזער האָט אַוועקגעגעבן דעם פלוסטאק זיין לאמטערן און צוהאַל־טנדיק זיך פעסט ביים ברעט פון דער צעמבראַוועגע, איז ער מיט זיינע בערישע פיס הינטערווײַלעכטס אַריינגעקראָכן אין דעם קעסל. ער האָט געציטערט פון שרעק.

די אַרבעטער האָבן געלאָזט די קאָרבע. דער קעסל מיט די צוויי פּאַסאַזשירן איז אַראָפּגעפּאָרן. ווען זיי האָבן אונטן דערפילט דעם גרונט אונטער די פיס, האָט זיך לאָזער אַ ביסל באַרויקט.

— פאַרוואָס איז דאָ עפּעס אַזוי פינצטער? — האָט ער געפינטלט מיט די אויגן.

די צוויי לאמטערנעס האָבן אַרום זיך געוואָרפן אַ קאַרגן ליכט־שיין. ווייטער ווי אויף צוויי שריט איז נישט מעגלעך געווען עפּעס צו זען.

— איר ווילט גאָר ליכט אונטער דער ערד — האָט דער פלוסטאק גוטמוטיק געלאַכט — איר זענט נאָך קיין מאָל נישט געווען אין אַ יאמע?

— ווי טיף איז דאָ? — האָט לאָזער אויסגעמיטן צו ענטפערן אויפן פלוסטאקס פראַגע.

— דער שאַכט איז נישט זייער טיף. אַן ערך זעכציק מעטער סך־הכל.

— זענען דען פאַראַן טיפערע שאכטן?

— אוודאי. דאָ אויף דער קאַסערן־גאַס האָבן מיר שאַכטן הונדערט מעטער טיפֿע.

— פֿאַרוואָסזשע איז דער שאַכט נישט אַזוי טיף און אַנדערע זענען טיפֿער?

— דאָס ווענדט זיך אין דעם, ווו מ׳טרעפֿט דעם וואַקס. מ׳גראָבט אַזוי לאַנג, ביז מ׳קומט צו צום וואַקס. אַז מ׳דערטאַפּט אים, הערט מען אויף צו גראָבן אין דער טיף און מ׳נעמט זיך צום גראָבן די שטאַלניעס. אָט דאָ גייען מיר שוין אין דער שטאַלניע.

דער פֿלוסטאַק האָט זיך אָפּגעשטעלט, צוגעלייגט די הענט צום מויל און גענומען שרייען:

— האָ־רו־ו.

זיין קול האָט אָפּגעקלונגען מיט אַ פֿאַרדעמפֿטן עכאָ אין דער אונ־טערערדישער ווייטקייט. באַלד האָט זיך דערהערט אַן ענטפֿער:

— האָ־רו־ו.

אַ באַוועגלעך ליכט־פֿינטעלע האָט זיך באַוויזן טיף אינעם לאַנגן קאָרידאָר. דאָס פֿינטעלע האָט אָנגעהויבן צו ווערן גרעסער. עס האָט זיך דערנענטערט. באַלד האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּן פֿון געקאָוועטע שטיוול אין די ברעטער, וואָס זענען געווען אַרויסגעלייגט אין דער לענג פֿון דער שטאַלניע. אַ מענטש איז אָנגעקומען מיט אַ לאַמטערן.

— שטשענשטש באָזשע! (גאָט באַגליק!) — האָט אויסגערופֿן דער פֿלוסטאַק.

דער אָנקומענדיקער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין צעפֿליקטע אַר־בעטס־בגדים און זיין פּנים איז געווען שוואַרץ ביז צו די אויגן - ווייס־לעך. דער פֿלוסטאַק האָט צו אים גערעדט פּויליש.

— ווי גייט היינט?

— גוט. מיר האָבן אָנגעטראָפֿן אויף נייע וואַקס־קוואַלן.

— איר האָט שוין אַ סך אָנגעגראָבן?

— קומט וועט איר זען. — ער האָט זיך צוריקגעקערט און דער פֿלוסטאַק מיט לאָזערן זענען אים נאָכגעגאַנגען.

אויפֿן וועג האָט דער פֿלוסטאַק לאָזערן געגעבן צו פֿאַרשטיין:

— דער מאַן איז דער שטיגאַר. דער איינציקער גוי אויף דער יאַמע.

אַלע אנדערע אַרבעטער זענען יידן. דער שטיגאר מוז אָבער זיין אן אויספראקטיצירטער פון די קוילן־גרובנס און אַזעלכע יידן זענען נישט פאַראן.

לאָזער האָט זיך צוגעווינט צו דער פינצטערקייט. ער האָט שוין וואָס נישט איז געזען ארום זיך. די שטאָלניע איז געווען אַרומגעקלאַפּט מיט דיקע ברעטער און אונטערגעסטעמפּלעוועט מיט קלעצער. ער האָט זיך געחידושט:

— און אָט אַזוי מיט דעם האָלץ האַלט זיך דאָס אלץ? — האָט ער געפרעגט דעם פלוסטאק.

— איר פרעגט אַזעלכע שאלות? ס׳איז דאָך אייער אייגן האָלץ, וואָס איר פאַרקויפט אונדז. ווילט איר אפשר זאָגן, אַז דאָס האָלץ איז נישט גוט? — האָט זיך דער פלוסטאק געמאַכט תמעוואטע.

— ניין, נישט דאָס מיין עך — האָט לאָזער זיך פאַרענטפערט — נאָר עך וואונדער זיך צוליב דעם אַלעמען, וואָס עך זע.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן פון דזשעגאַנעס אין דער האַרטער ערד. ביים סאַמע סוף פון דער שטאָלניע זענען אין אַ ריי אויסגעשטעלט געשטאַנען יידן מיט בערד און האָבן מיט אייזערנע כלים צעגראָבן די ערד.

— אָט דאָ אונטער דער וואַנט — דער פלוסטאק האָט געוויזן מיטן פינגער אויף הויך אָנגעלייגטע הויפנס ערד — ליגט דער אָנגעגראָבענער וואַקס.

בעת לאָזער איז מיטן פלוסטאק געווען אונטן, האָט משה פאַרפירט אַ שמועס מיטן קאַסירער. זיי האָבן שפּאַצירט איבערן פעלד, אָנגעלייגט מיט קופּעס טונקל ברוינעם וואַקס. אין מיטן פעלד איז איבער אַ פייער געווען אָנגעהאַנגען אַ גרויסער קופּערנער קעסל און צוויי לעפאַקעס האָבן זיך אַרום אים געפּאָרעט. זיי האָבן גערייניקט דעם וואַקס.

דער קאַסירער האָט געוויזן אויפן פייער מיטן קעסל און האָט געזאָגט צו משהן:

— אָט וועסטו ביי אונדז באַלד ווידער לייזן געלט. מ׳עט זיך שטעלן בויען אַ הילצערנעם בנין פאַר די לעפאַקעס. ס׳איז נישט מעגלעך צו קאָכן דעם וואקס אויף דער פרייער לופט.

— נעמט איר זיך איינצופירן אָרדנונג?
— ווייסטו דען נישט, אַז ישראל ליבערמאַן האָט ליב אָרדנונג?
נאָר וואָס איז דער חידוש? קיין געלט פעלט ביי אים נישט.
— טאַקע? די געשעפטן גייען ביי אים גוט?
— פיו, פיו — האָט דער קאָסירער זיך פאַרכליניעט — אַ פראַגע צי גוט. ער וואַקסט פון שעה צו שעה. אָט גייט ער איצט קויפן אַ גרויסן טערען אין טוסטאַנאָוויטש. דאָרט איז פאַראַן ווינציקער וואַקס, אָבער דערפאַר איז דאָ אַ סך קיפּיעטשקע. מ'טוט אַ גראָב אונטער און באַלד קומט ער, דער אייל. דאָס איז נאָך בעסער פון וואַקס. פטור פון די טשי־גאַרעס, פון קריכן אונטער דער ערד. מ'שטעלט זיך אַוועק מיט אַן עמער און מ'שעפּט דעם אייל. ווי להבדיל וואַסער פון אַ ברונעם.
— אין טוסטאַנאָוויטש זאָגט איר. וואָס פאַראַ טערען איז עס?
— אַנדרעי דראַזד'ס פעלדער קויפט ער אָפּ.
— אַהאַ, ביי אַנדרעי דראַזד. עך קען די פעלדער. אמת. ס'איז אַ גוטע געגנט — האָט משה באַשטעטיקט.
לאָזער איז אָנגעקומען מיטן פלוסטאַק. לאָזער איז געווען אײַנ־גאַנצן שוואַרץ, פונקט ווי ער וואָלט אַרויסגעקראָכן פון אַ קוימען. משה האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.
— וואָס איז מיט דיר, לאָזער. גייזשע און וואַש זיך אַרום.
— יאָ. מ'עט שוין גיין.
אויפן וועג האָט לאזער געפרעגט משהן:
— דו ביסט נאָך קיין איין מאָל נישט געווען אונטן?
— וואָס 'על עך קריכן. אַן עסק האָב עך.
— איי משה, וואָס רעדסטו. ס'זענען גאָר גרויסע ענינים. ווייסט וואָס עך וויל?
— דהיינו?
— אָנהייבן גראָבן יאַמעס.
— האַ? — האָט משה נישט געגלויבט, וואָס ער הערט.
— יאָ, יאָ. יאַמעס על'מיר זיך שטעלן גראָבן.
משה האָט אָנגעקוקט לאזערן. לאזערס אויגן האָבן געפינקלט מיט יענע משהן גוט באַקאַנטע בליצן פון אַנטשלאָסנקייט. משה האָט גע־

ווּסט, אַז קיין שום טענות וועלן נישט העלפן. טאָמער האָט ער זיך אַריינ־געקלאַפּט אַ מאַנקאַליע אין קאָפּ אַריין, איז אַלץ פאַרפאַלן. משה האָט געוווּסט, אַז לאַזער וועט אויספירן דאָס זייניקע.

***

שבת אין דער פרי איז ר׳ ישראל ליבערמאַן געגאַנגען אין בית־המדרש דאַווענען. זיין מאַיעסטעטיש הויכע געשטאַלט, זיין פּאַטריאַרכאַ־לישע גרויע באָרד האָבן געוועקט דרך־ארץ ביים עולם יידן, וואָס איז פּונקט ווי ר׳ ישראל געגאַנגען דורך דער הערן־גאַס צום בית־המדרש. ר׳ ישראל האָט געשטעלט פעסטע טריט. זיין נייע זיידענע בעקעשע מיט די ברייט־צעעפנטע פּאָלעס האָט אנגענעם געשאָרכעט, זיין גביריש ברייט שטריימל האָט זיך לייכט געשאָקלט אויף זיין הויך אויפגעהויבענעם קאָפּ. אַ טריט הינטער ר׳ ישראלן האָט געשפּאַנט זיין משרת מיט אַ גרויסן סאַ־מעטענעם טלית־זאַק אין דער האַנט.

אין דער וואָכן פלעגט ר׳ ישראל דאַווענען ביי זיך אין שטוב. אין זיין הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף דער הערן־גאַס באַלד ביים עק פון דער קאַסערן־גאַס, האָט ער געהאַט אַ גרויסן זאַל, ווו ער האָט איינגעאָרדנט אַ שולכל. דאָרט פלעגן זיך יעדן אינדערפרי און פאַרנאַכט צוזאַמענקומען זיינע מענטשן, די קאַסירערס, פּלוסטאַקעס און אַרבעטער פון זיינע צאָל־רייכע קאַשערעס, צום מנין. מ׳האָט געדאַוונט און נאָכן דאַווענען פלעגט מען שטענדיק דערלאַנגען צום טיש עפּעס איבערצובייסן. ר׳ ישראל האָט געשמט ווי אַ גרויסער מכניס־אורח. גאַנצע המונים אורחים, אָרעמע דורכ־גייערס און סתם אָרעמעלייט האָבן געשטראָמט אין זיין הויז. אין ר׳ ישראלס הויז פלעגן זיי שטענדיק באַקומען אַ לעפל געקעכץ און אַ נדבה.

לכבוד שבת פלעגט ר׳ ישראל גיין דאַוונען אין בית־המדרש. און איצט, ווען ער האָט געשפּרייזט איבער דער הערן־גאַס, זענען אים אַלע דורכגייערס אַנטקעגנגעקומען מיט אַ וואַרעמען גוט שבת. ר׳ ישראל האָט אַלעמען געענטפערט מיט גבירישער ברייטקייט:

— גוט שבת, גוט שבת.

אין פּאָליש פונעם בית־המדרש האָט דער עולם קאַסירערס און לע־פּאַקעס געמאַכט אַ וואַרע פאַרן בעל־הבית. ר׳ ישראל איז שנעל דורכ־

געגאַנגען דעם פּאָליש, צוגעגאַנגען צו זיין שטאָט ביי דער מזרח־וואַנט און אָפּגענומען ביים משרת דעם טלית.

מ׳האָט זיך געשטעלט דאַוונען. ר׳ ישראל איז די גאַנצע צייט פונעם דאַוונען געשטאַנען איינגעהילט אין זיין גרויסן טלית מיט דער גאָלדענער עטרה. ערשט ביי קריאת־התורה האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און האָט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן דעם גרויסן עולם מתפללים. אין דער שטימונג פונעם עולם האָט ער דערקענט אַ נישט־געוויינלעכע יום־טובדיקייט. אַזאַ שטימונג הערשט אינעם בית־המדרש נאָר אין אַ שבת, ווען מ׳רופט אויף אַ חתן אָדער מ׳גיט אַ נאָמען אַ ניי־געבוירענעם קינד און דער עולם גרייט זיך צו אַ כיבוד. די אַלגעמיינע גוטע שטימונג האָט געווירקט אויך אויף ר׳ ישראלן. ער איז געוואָרן אויפגעלייגט און האָט געטראַכט:

— ברוך השם, ס׳גרייט זיך אַ שמחה ביי יידן.

צווישן דעם עולם מתפללים האָט ר׳ ישראל פלוצים דערזען משה גארטענבערגן. מיט זיין בלאָנד־רויטלעך בערדל האָט ער זיך געגרעשט און איז אַרומגעלאָפן פון איין טיש צום צווייטן. ר׳ ישראל האָט געקענט משהן. זינט יאָרן זענען זיי געשטאַנען אין געשעפטן. ער האָט געוווסט, אַז משה פאָרט כסדר אַהיים אויף שבת. האָט ער זיך געחידושט, הלמאי ער׳ טרעפט אים היינט דאָ.

ר׳ ישראל האָט זיך צוגעבויגן צו זיין נאָנטסטן שכן, דעם אַביסל טויבלעכן גמרא־מלמד, ר׳ מאירל.

— האַ, ר׳ מאירל, אַ גאַסט האָב׳ מיר אונדז היינט?

— אַ גאַסט? — האָט ר׳ מאירל איבערגעפרעגט מיט אַ הויכן קול. אים האָט זיך געדאַכט, אַז קיינער הערט נישט, וואָס ער רעדט — אויב איר׳ מיינט די ריבניקער, זענען עס צוויי געסט.

— יאָ, כ׳זע דאָך דאָ משהן, דעם ריבניקער האָלץ־סוחר. אָבער ווי אַזוי זענען עס צוויי געסט?

— זיי זענען צוויי ברידער. שוין עלטערע בחורים. מ׳זאָגט, אַז גאַנץ פיינע נגידים.

— אַהאַ — האָט זיך איצט ר׳ ישראל געכאַפּט — איז ער, משה, געקומען מיט זיין עלטערן ברודער. ס׳וואָלט כדאי געווען צו זען, ווי ער

זעט אויס, דער ברודער זיינער. נאר הערט, ר׳ מאירל, וואס פארא שמחה גרייט זיך דא היינט?

ר׳ מאירל האט נישט דערהערט ר׳ ישראלס פראגע און ער האט ווייטער גערעדט דאס זייניקע:

— יא, יא, עלטערע בחורים שוין. וועגן דעם עלטערן ברודער האב עך געהערט, אז ער איז גאר א גרויסער אויפטוער. כ׳האב אפילו געקלערט צו רעדן זיי שידוכים. איר ווייסט דאך, ר׳ ישראל, אז מלמדות איז ביי היינטיקע צייטן נישט פון די בעסטע געשעפטן. האב עך געקלערט, אז ס׳וועט נישט שאטן צו כאפן א פארדינסטל ביי שדכנות. כ׳האב פאר זיי געהאט שידוכים, איי, איי, איי. דאס בעסטע פונעם בעסטן. נאר וואס קומט דערפון ארויס, אז זיי ווילן אפילו נישט הערן.

— וואס פארא שמחה גרייט זיך דא היינט? איר ווייסט נישט, ר׳ מאירל. — ר׳ ישראל האט מיט א העכערן קול איבערגעחזרט די פראגע דעם מלמד דירעקט אין אויער אריין.

— יא, טאקע די צוויי ברידערס שטעלן לעקעך און בראנפן פארן גאנצן עולם.

— אזוי. וואסזשע איז אויף זיי די שמחה?

— עפעס א געשעפט האבן זיי דא געמאכט.

— א געשעפט? וואס פארא געשעפט? — האט ר׳ ישראל געשלעפט פון ר׳ מאירלען.

— א גרויסן טערען האבן זיי אפגעקויפט.

ר׳ ישראלן האט די מעשה אנגעהויבן נישט צו געפעלן. וואס הייסט א טערען? ס׳איז דאך נישט קיין קלייניקייט. יידן פירן דא וואקס־עסקים זיבט כמה יארן און פונדעסטוועגן געלינגט כמעט קיינעם נישט צוצוקומען צו א טערען. בלויז ער, ר׳ ישראל, כמעט ער איינער איז דא אויפן פלאץ דער איינציקער בעלן אויף טערענען. און אט זענען פלוצים אראפגעקומען צוויי ברידערשיקעס, וואס האבן קיינמאל נישט געהאט צו טאן מיט נאפט און כאפ־לאפ, שוין געקויפט א טערען. א, ניין. דער ענין איז נישט אזוי גלאטיק.

אויפן באלעמער האט זיך דערווייל דער בעל־קורא געשאקלט איבערן צעעפנטן ספר־תורה. ער האט געלייענט די פרשה. ר׳ ישראל האט געגנו־

מען אין האַנט דאָס חומשל און אַריינגעקוקט. דער ענין מיטן טערען האָט אים אָבער נישט געלאָזט במנוחה. האָט ער זיך ווידער צוגערוקט צו ר׳ מאירלן און אים אַריינגעזאָגט אין אויער אַריין:

— זאָגט מיר, ר׳ מאירל. איר ווייסט נישט צופעליק, וואָס פאַראַ טערען זיי האָבן געקויפט?

— פאַרוואָס זאָל עך נישט וויסן, אַז די גאַנצע שטאָט קלינגט שוין דערמיט. דעם גרויסן טערען אין טוסטאַנאָוויטש האָבן זיי געקויפט. ביי אַנדרעי דראזד.

ר׳ ישראל איז אָפּגעשפּרונגען פונעם מלמד, ווי פון אַ פייער. דאָס גאַנצע בלוט איז אים אַוועק פונעם פּנים און אַ בלייכער איז ער אומבאַוועגלעך געבליבן זיצן אויף זיין באַנק. אין קאָפּ האָט ער דערפילט אַ היץ, ווי ס׳וואָלט דאָרט עפּעס געברענט. אין דער קעל אַ שטיקנדיקע טריקעניש. די געדאַנקען האָבן זיך ביי אים געפּלאָנטערט. ער האָט נישט געוווּסט, וווּ אַריין און ווו אַרויס.

מיט אַ שפּיץ פינגער האָט זיך ר׳ ישראל געקלאַפּט אין שטערן אַריין און האָט שטילערהייט גערעדט צו זיך אַליין:

— היתכן, היתכן! געוואָלט געשריגן! כ׳האָב דאָך דריי יאָר געדונגען דעם טערען און פּונקט איצט בין איך מיטן גוי פאַרטיק געוואָרן. האָט דער רוח געדאַרפט אָנטראָגן די צוויי יונגען און זעט אַן אומגליק. זיי האָבן מיר אויסגעכאַפּט דאָס געשעפט.

ר׳ מאירל האָט צוגעטראָגן די ברילן צו זיין לאַנג־שפּיציקער נאָז. ער האָט פון דער זייט באַטראַכט ר׳ ישראלן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיטן גביר טוט זיך עפּעס. האָט ער צוריק אַוועקגעלייגט די ברילן און אָננעמענדיק מיט דער האַנט זיין קליין ציגן־בערדל, האָט ער זיך צוגעבויגן צו ר׳ ישראלן.

— פע — האָט ער אים געמוסרט — ס׳איז דאָך הײנט עפּעס שבת אויף דער וועלט. ס׳פּאַסט אפילו נישט צו קלערן פון עניני חול.

דערווייל איז אויפן באַלעמער פאַרויסגעגאַנגען דאָס לייענען. די גבאים האָבן געטיילט עליות. עפּעס אַ הדרת פּנימדיק יידל, וואָס האָט געהאַט שלישי, האָט נאָך געזאָגט די ברכה און דער גבאי האָט שוין אויפגערופן לאזערן צו רביעי. לאזער איז מיט פעסטע טריט אַרויף אויפן באַ־

לעמער און מיט זיין עם־הארצישן עברי האָט ער געהאַקט די ברכה, שאָק־לענדיק דערביי מיט זיין ברייטער פלייצע. בעת ער איז אַראָפּגעגאַנגען פונעם באלעמער, האָבן זיך זיינע שטאָל־גרויע אויגן צופעליק באַגעגנט מיט די פון צאָרן פאַררויטלטע אויגן פון ר׳ ישראלן. אין לאָזערס קאַלטן בליק האָט דער גביר דערזען אַ פאַרבאָרגענעם פונק פון שמייכלענדיקער להכעיסדיקייט. ער איז אַריין אין גרימצאָרן.

— דו חוצפּהניק איינער — האָט אין אים אַלץ געזאָטן — כ׳על דיך נאָך אָנלערנען. צו מיר אין בית־המדרש וואָגסטו קומען און פראַווען די שמחה. מ׳עט זיך נאָך אָפּרעכענען.

די דאָזיקע מחשבות האָבן נישט געשטילט ר׳ ישראלס צעברויזטן צאָרן. אין דער לופט איז נאָך געהאָנגען לאָזערס קאַלטער בליק און דער גביר האָט אין אים געזען אַ בפירושן אָנזאָג פון סכנה. ר׳ ישראלס אַליינ־הערשאַפט איבערן באַריסלאַווער געביט איז באַדראָט. מיטן דאָזיקן פאַר־שויך, וואָס האָט אַזעלכע געפערלעכע אויגן, וועט די מלחמה נישט זיין קיין לייכטע.

ד.

שינויים

ווען משה גארטענבערג איז מיט קנאַפּע צוויי יאָר שפּעטער געקומען קיין ריבניק אויף אַ באַזוך צו זיינע עלטערן, האָט ער דאָרט געטראָפן אַזעלכע שינויים, אַז ער האָט פּשוט נישט דערקענט זיין אַמאָליקע היים. דער טאַטע האָט אויפגעגעבן די קרעטשמע. איצט, זינט ער האָט איבערגענומען די האָלץ־מסחרים, וואָס לאזער מיט משהן האָבן אים איבערגעלאָזט, איז ער שוין אַליין געוועזן אַן עושר. צוויי נייע שטיבער האָט ער זיך צוגעבויט און דאָס גאַנצע הויז אויפגעפרישט און באַפּוצט.

די יינגערע זין זענען איצט אַרומגעפאָרן איבער די וועלדער. דער טאַטע האָט אַכטונג געגעבן אויף דער זעגעריי, וועלכע האָט געאַרבעט אומאויפהערלעך, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. די נאָכפראַגע אויף האָלץ איז כסדר געוואקסן. באָריסלאוו האָט איינגעשלונגען ריזיקע מאַסן ברעטער און קלעצער. דער אַמאָליקער ריבניקער קרעטשמער האָט נישט געקענט נאָכקומען מיטן אויספירן די גרויסע באַשטעלונגען, מיט וועלכע ער איז כסדר געווען פאַרשאָטן. זיינע גרעסטע אָפּנעמערס זענען געווען טאַקע די אייגענע זין, לאזער און משה, וואָס האָבן געהאַט שוין אויפגעשטעלט זייער אַ סך קאשערעס און האָבן כסדר פאַרלייגט נייע און נייע יאַמעס. ווען דער טאַטע וואָלט געאַרבעט בלויז אויף צו באַדינען זיינע אייגענע זין, וואָלט ער שוין פון דעם אַליין געהאַט גענוג פּרנסה. ער האָט אָבער געוואָלט צופרידן שטעלן אויך די אַנדערע קונים און דערפון האָט זיך גענומען דאָס כסדרדיקע יאָגעניש אין דער אַרבעט, וועלכע מ׳פלעגט נישט אָפּשטעלן אפילו אויף אַ רגע.

אויך ביי משהן אַליין האָט מען באַמערקט גרויסע שינויים. ער האָט זיך איצט געפירט מעשה פריץ. געגאַנגען קורץ אָנגעטאָן, מיט אַ האַרטן קיילעכדיקן האביג־הוט אויפן קאָפּ. פון קיין פּיאות איז שוין קיין

זכר נישט געווען, זיין בלאָנד בערדל איז געווען פיין צוגעשוירן לויט דער ווינער מאָדע און אין שטוב פלעגט ער זיצן אין בלויזן קאָפּ.

באַלד ביים אָנקומען האָט ער צוליב דעם טאַקע געהאַט דעם ערשטן סכסוך מיטן טאַטן, וועלכער האָט גענומען מוסרן דעם זון:

— אַז דער אויבערשטער העלפט אַ ייד, איז נישט געמאָלן, אַז דער ייד זאָל צוזאַמען מיטן דחקות אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס יידישקייט. דו האָסט זיך קורץ אָנגעטאָן, איז מילא, וואָס קען עך זיך העלפן? אָבער זיצן אין שטוב בגילוי ראש? ווער האָט עס דען געזען ביי אַן ערלעך יידיש קינד? מילא, מיט לאַזערן האָב עך קיינמאָל נישט געקענט אויספירן. ער איז אַן עקשן און אַ תכיף נאָך דערצו. ער גייט זיינע אייגענע דרכים. נאָר זינט ער האָט, ברוך השם, חתונה געהאַט און ער האָט אַ ווייב — זי זאָל זיין געזונט — זאָרג עך זיך שוין נישט צוליב אים. אָבער דו, משה? דו ביסט דאָך שטענדיק געווען דאָס גוטע קינד אין שטוב. וואָס איז טאַקע מיט דיר געשען, משה?

משה האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן זיך אין טענות מיטן טאַטן. ער האָט אים צוליב געטאָן און ווי לאַנג ער איז געווען אין דער היים, האָט ער געטראָגן אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ און יעדן אינדערפרי געלייגט תפילין.

שינויים זענען אויך פאָרגעקומען אינעם ריבניקער הויף, ביי ר׳ גדליה רייכגעווירצן. אָבער דאָרט איז אַלץ געגאַנגען פּאַרקערט, מיט דער פּוטער אַראָפּ. ר׳ גדליהס ירידה האָט זיך אָנגעהויבן ביי זיינע דורכפאַלן מיט די שידוכים, וואָס ער האָט געפּרוווט צו טאָן מיט זיין בת־יחידה, כאַטיליע. ר׳ גדליה האָט דווקא געוואָלט האָבן אַלץ צוזאַמען. אי יחוס, אי עשירות, אי אַ חתן אַ וויל־לערנער. האָט זיך ביי אים נישט געקלעפּט קיין זיווג. אמת, כאַטיליע איז געווען אַ זייער וויל מיידל, אָבער קיין צו שיינע איז זי נישט געווען און צו פיל געלערנט אויך נישט. פלעגט זיך כסדר אָזוי מאַכן, אַז דער חתן, וואָס ר׳ גדליה האָט אים יאָ געוואָלט, האָט נישט געוואָלט ר׳ גדליהן. די צייט איז דערווייל דורכגעלאָפן און כאַטיליע איז געוואָרן פאַרזעסן.

כל־זמן ר׳ גדליה האָט געקענט אַרויסקומען מיטן טייסטער, האָט ער אַלץ נאָך געהאָפט, אַז ער וועט געפינען דעם ריכטיקן שידוך. אָבער אין די לעצטע יאָרן האָט אים אָנגעהויבן אויך צו גיין שלעכט אין זיינע געד

שעפטן. אויף די חובות, וואָס האָבן באַלאַסטעט די ריבניקער גיטער, זע־נען אָנגעוואַקסן פּראָצענטער און די בעלי־חובות האָבן גענומען דריקן אויף ר׳ גדליהן ער זאָל צאָלן. ר׳ גדליה האָט זיך דאָס אַלץ שטאַרק גענומען צום האַרץ און ער איז קראַנק געוואָרן. זיין קראַנקייט האָט ווידער איינ־געשלונגען אַן אוצר געלט.

זייענדיק אין באַריסלאַוו, האָט משה פון דעם אַלעמען גוט געוווּסט. ער פלעגט אָפט טרעפן ריביניקער יידן און אויספרעגן זיי, וואָס עס טוט זיך אינעם דאָרף. יידן פלעגן אים אַלץ דערציילן, און זיי האָבן נישט געמאַכט קיין סוד פון דער שווערער לאַגע אינעם ריבניקער הויף.

משה האָט אָנגעהויבן דרייסטער צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס ער האָט ביז איצט נישט געהאַט קיין מוט אַרויסצוברענגען פאַרן מויל. אפשר וועט אים איצט גאָט העלפן, אַז כאַטיליע וועט ווערן זיין כלה? אמת, דער ווייסער מילך־פלעק לאָזט זיך אַזוי לייכט נישט אָפּוואַשן. אפילו די גראָ־בע טויזנטער, וועלכע ער פאַרמאָגט איצט, זענען עס נישט בכוח צו טאָן. נאָר פונדעסטוועגן פירט זיך איצט אַלץ אַזוי, ווי די ישועה וואָלט גע־דאַרפט זיין זייער נאָענט. שוין גאַנצע צען יאָר חלומט ער פון כאַטיליען. און אָט האָט במשך פון די גאַנצע צען יאָר דאָס גבירישע מיידל נישט געקענט געפינען קיין חתן. אין דער זעלבער צייט איז ר׳ גדליה געוואָרן אַ יורד און ער, משה, איז אויסגעוואַקסן אַ גביר.

זיכער זענען אין משהס האַרץ געווען וואַרעמע געפילן פאַר כאַטיליען. אָבער נאָך מער האָט אים געצויגן דער געדאַנק, אַז ער קען ווערן דער איידעם פון אַזאַ יחוסדיקער משפחה, ווי עס זענען די רייכגע־ווירצס. ער האָט באַשלאָסן צוצוטרעטן איצט צו מעשים. נישט פרעגנדיק ביי קיינעם קיין עצה, האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט קיין ריבניק און אָט איז ער איצט געקומען צו זיינע טאַטע־מאַמע.

געפאָרן איז ער מיטן פעסטן באַשלוס אָפּן זיך צו שדכענען צו ר׳ גדליהס טאָכטער. נאָר אָנגעקומען קיין ריבניק, האָט ער פאַרלוירן דעם מוט. ער האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי זיך צו נעמען צום ענין. אַן אָנגע־כמורעטער האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבערן דאָרף און אין אַ געוויסן פאַרנאַכט האָט ער זיך גאַנץ פּלוצימדיק אָנגעשטויסן אויף כאַטיליען. זייערע בליקן האָבן זיך ווידער געטראָפן.

אירע בענקעדיק־פּאַרלאָשענע, בלויע אויגן האָבן אויף אים געקוקט מיט פאָרוואורף און משהן האָט זיך געדאַכט, אַז זיי באַקלאָגן זיך אויף אים.

— אָט וואַרט איך אויף דיר — האָבן זיי געזאָגט — אַזויפיל יאָרן און דו קומסט נישט צו מיר.

ביי משהן האָט דאָס האַרץ געצאַפּלט. זיין פּנים האָט זיך דאָס מאָל נישט באַגאַנגען מיט קיין רויטקייט, ווי מיט יאָרן צוריק. שוין האָט ער געוואָלט צוגיין צו כאַטיליען און מיט איר זיך אָפּן דורכשמועסן. אין לעצטן מאָמענט האָט ער זיך אָבער באַקלערט. אַן דעם טאַטנס הסכמה וועט זי מיט אים נישט גיין חתונה האָבן. און היינט ווי פּאַסט עס פאַר אַ בחור זיך אַוועקשטעלן שמועסן מיט אַ מיידל, איידער די עלטערן האָבן באַשלאָסן צו טאָן דעם שידוך? איז ער פאַרבייגעגאַנגען לעבן כאַטיליען און איז ווייטער געבליבן שטעקן אין זיין ראַטלאָזער מרה שחורהדיקייט.

משה האָט אָבער נישט געוווסט, אַז אין דער זעלבער צייט קומט אים צו הילף אַ צווייטער צד. דער טאַטע האָט זיך אָנגעשטויסן, צוליב וואָס משה איז געקומען צו פאָרן. אויך אין אים האָט געעגבערט דער געדאַנק צו ווערן ר׳ גדליהס מחותן. אָן אויסצוריידן קיין איינציק וואָרט, האָט דער טאַטע פאַרשטאַנען דעם זון און ער האָט באַשלאָסן צו האַנדלען אויף איי־גענער אחריות. באַלד האָט זיך געפונען אַ שליח, וואָס האָט זיך אונטער־גענומען צו גיין רעדן דעם שידוך.

דער שליח איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי ר׳ מנחם מענדל דער מלמד. קיין מלמד איז מנחם מענדל שוין נישט געווען זינט איבער צען יאָר. ער איז געווען אין ריבניק אַ חשובער בעל־הבית מיט אַן אייגענער שטוב און אַ קו. ווי אַ גוטער בעל־תפילה איז ער געווען דער זייל פון ר׳ גדליהס מנין. נאָר פון די אַמאָליקע צייטן איז אים געבליבן דער צונאָ־מען „מלמד". ר׳ גדליה אַליין האָט פון אים געהאַלטן שטאַרק און אייזן און אין דער אמתן איז מנחם מענדל געווען צו ר׳ גדליהן אַן אויפריכטי־קער פריינט.

מנחם מענדל האָט געהאַט ר׳ גדליהן זייער אַ סך צו פאַרדאַנקען. אַ יונגערמאַנטשיק איז ער נאָך געווען, ווען ר׳ גדליה האָט אים אַראָפּגע־בראַכט אַהער ווי אַ מלמד צו זיין טאָכטער. מנחם מענדל האָט עטלעכע יאָר אָפּגעלערנט מיט כאַטיליען און ווען זי האָט שוין אויפגעהערט צו לער־

נען, האָט אים ר׳ גדליה פון זיך נישט אָוועקגעשיקט. ער האָט אים באַ־שטימט ווי אַ משגיח אויף כשרות אין זיין מילך־ווירטשאַפט און האָט אים חוץ דעם כסדר צוגעשאַנצט גאַנץ היפּשע פּאַרדינסטלעך. אין משך פון די יאָרן האָט זיך מנחם מענדל גוט אַרויפגעאַרבעט און ער איז געוואָרן מיט לייטן גלייך.

איצט, ווען ער איז אין אַ פּשוטן פאַרנאַכט אַריינגעקומען צו ר׳ גדליהן אין שטוב אַריין, איז ער ווי שטענדיק געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. ר׳ גדליה האָט ליב געהאַט צו כאַפּן אַ שמועס מיטן קלוגעטשקן מנחם מענדל, מיט וועלכן ער האָט געקענט האַלטן אַן עצה אין וויכטיקע ענינים. בפרט איצט, ווען ר׳ גדליה האָט זיך געפילט זייער שוואַך, איז אים צום האַרץ געווען די אָנוועזנהייט פון זיין אַמאָליקן מלמד.

ר׳ גדליה איז געלעגן אויף זיין ווייכער סאָפע, פון וועלכער ער איז שוין זינט אַ צייט כמעט נישט אַראָפּגעגאַנגען. צו ר׳ מנחם מענדלען האָט ער אויסגעשטרעקט אַן אויסגעדאַרטע האַנט מיט אַרויסשטאַרצנדיקע גריב־לעכע אָדערן.

— שלום עליכם, מנחם מענדל. דו קומסט פּונקט גוט אָן, ווייל כ׳האָב שוין וועגן דיר געטראַכט. אָט דאָ האָב עך דעם „פּעסטער ללאָיד״, שטייט דאָרט, אַז ס׳גרייט זיך אַ פרישע מלחמה. ד׳ער פראַנצויז מיטן דייטש זע־נען עפּעס נישט שוה־בשוה. קלער עך, אַז אפשר וואָלט געווען אַ טובה אָפּצוהאַלטן זיך מיטן פאַרקויף פונעם ביסל תבואה, וואָס ליגט ביי מיר נאָך פונעם ווינטער. האַ, וואָס מיינסטו?

— וואָס זאָל עך מיינען — האָט ר׳ מנחם מענדל געדרייט די פּיאות, אַ סימן, אַז ער טראַכט, וואָס צו זאָגן — מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק, ווען די האַנוועדן זענען דאָ אַראָפּגעקומען פון יענער זייט בערג, פון אונ־גאַרן, געדענקט איר דאָך, וואָס פאַראַ יקרות ס׳איז געוואָרן אויף ברויט. אַ מלחמה איז דעמאָלט געווען. וואָס־זשע מיין עך איצט? אויב ס׳גרייט זיך אַ נייע מלחמה, איז טאַקע בעסער צו האַלטן די תבואה.

— דו קלערסט טאַקע, מנחם מענדל, אַז ס׳קען ווערן אַ יקרות אויף תבואה? — האָט ר׳ גדליה דורכויס געוואָלט וויסן און ווי צו זיך אַליין האָט ער שטיל צוגעגעבן:

— אוי טאַטע אין הימל, ווי וואָלט איצט צונוץ געקומען אַפּצולייזן אַ פּעטערן גילדן.

ר׳ מנחם מענדל איז נישט געוווינט געווען צו הערן פונעם פּריץ אַזעל־כע קלאָגנדיקע רייד. דאָס האַרץ האָט זיך ביי אים אַ ריר געטאָן און ער האָט שטאַרק רחמנות באַקומען אויפן קראַנקן ר׳ גדליה. ס׳איז אים איינ־געפאַלן, אַז דער שידוך מיט משהן וואָלט פאַר ר׳ גדליהן געווען ממש אַ ישועה. מילא, אַז מען מוז, קוקט מען אַוועק פון יחוס, פון געלערנטקייט. דער בחור איז אָבער אַ גביר און חוץ דעם אַ פיין קינד. אַזאַ יאָר אויף אַלע פּריינט. די דאָזיקע מחשבות האָבן מנחם מענדלען צוגעגעבן קוראַזש און ער האָט גענומען רעדן וועגן דעם ענין.

— ר׳ גדליה, עך בין היינט נישט געקומען צו אייך סתם אַזוי. עך בין געקומען אין אַ וויכטיקן ענין. נאָר איידער עך זאָג אייך עפּעס, וויל עך אייך דערמאָנען צוויי זאַכן. ערשטנס, וועל עך אייך קיינמאָל נישט פאַר־געסן די טובות, וואָס איר האָט מיר געטאָן. צווייטנס בין עך אייך אַן אויפריכטיקער ידיד און עך נעם זיך אויס מיט אייך פאָרויס, אַז אויב השם יתברך וועט העלפן און דער ענין וועט ווערן ענין, טאָרט איר מיר נישט געבן קיין איין פרוטה פאַר מיין טרחה. איר הערט, עך האָב געטאָן אַ נדר נישט צו פאַרדינען דערביי קיין איין גרייצער.

— יאָ, כ׳הער. זאָג זשע שוין אין וואָס ס׳האַנדלט זיך.

— באַלד, באַלד. כ׳מוז זיך מיט אייך נאָך עפּעס אויסנעמען. טאָ־מעו׳, חלילה, ווערט דערפון גאָרנישט. ס׳געפעלט אייך, למשל, נישט, מוזט איר מיר צוזאָגן, אַז איר וועט מיר מוחל זיין. איר וועט פאַרגעסן אין דעם, פונקט ווי אונדז וואָלט׳מיר פון דעם נישט געשמועסט. איר זאָגט צו, ר׳ גדליה?

— כ׳זאָג צו, נאָר נעם ביי מיר נישט אַרויס די נשמה און זאָג שוין אין וואָס ס׳גייט.

— יאָ, כ׳זאָג. ס׳גייט אין אייער מיידל. איר ווייסט, אַז כהאָב זי ליב פונקט ווי מיין אייגן קינד און אויף מיר און אויף אונדזערע אַלע ליבע זאָל געדאַכט זיין, וואָס עך וויל אויף איר זען. נאָר איר ווייסט דאָך, ביי אַ שידוך מוז מען אַמאָל אַוועקקוקן אַ קלייניקייט. דער אוי־בערשטער פאָרט זיווגים. פאָרט ער זיי נישט שטענדיק מיט אַלעמען אַזוי

ווי מ׳וויל. וואָס וויל מען: יחוס, עשירות און חכמה. מאַכט זיך אַמאָל, אַז ס׳איז דאָ ווינציקער יחוס, אָדער ווינציקער חכמה. איז דערפאַר דאָ מער עשירות און מער מענטשלעכע גוטסקייט. איז וואָס? קוקט מען אַוועק פון די צוויי זאַכן, וואָס פעלן און מ׳איז צופרידן פון דעם, וואָס עס איז דאָ בהרחבה. אמת, ר׳ גדליה?

— אפשר איז עס אמת. אָבער זאָג שוין ווען דו מיינסט.

— איך מיין, ר׳ גדליה, משהן, דעם קרעטשמערס זון. — האָט מנחם מענדל אויסגעשאָסן אין איין אָטעם.

דער איינדרוק איז געווען אַ שטאַרקער און די פּאָלגן אַזעלכע, אַז ר׳ מנחם מענדל האָט באַלד חרטה באַקומען אויפן גאַנצן שליחות. ר׳ גדליהס פּנים איז נאָך בלייכער געוואָרן. ער האָט זיך אויפגעריסן פונעם געלעגער, אַ פּאָכע געטאָן מיט ביידע הענט און באַוועגנדיק מיט די ליפּן איז ער שווער צוריקגעפאַלן אויף דער סאָפע. ר׳ מנחם מענדל האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. ער האָט אָנגעמאַכט אַ געוואַלד. די שטוב־מענטשן זענען אָנ־געלאָפן מיט אַ געשריי.

— וואָס איז געשען?

— געחלשט — האָט ר׳ מנחם מענדל געציטערט און געוויזן אויף ר׳ גדליהן.

אין שטוב איז געוואָרן אַ טומל. מ׳האָט געמינטערט דעם פאַרחלשטן און ר׳ מנחם מענדל האָט זיך אַ פאַרלוירענער אַרויסגעשאַרט פון דער שטוב און האָט גיך פאַרלאָזט דעם הויף. צום קרעטשמער איז ער נישט אַריינגעגאַנגען. צו שטאַרק האָט אויף אים געווירקט דאָס, וואָס ער האָט נאָר־וואָס איבערגעלעבט. אַ שטילן פאַרדרוס האָט ער איצט אין זיך גע־טראָגן צום קרעטשמער, וואָס האָט אים צוגערעדט צום דאָזיקן שליחות. ר׳ מנחם מענדל איז אַ דערשלאָגענער צוריקגעקומען צו זיך אין שטוב און האָט קיינעם נישט דערציילט קיין וואָרט וועגן דער פאַרגעקומענער זאַך.

אָבער צומאָרגנס איז מען פונעם הויף געקומען מנחם מענדלען רופן צו ר׳ גדליהן. מנחם מענדל איז געגאַנגען מיט אַ שווער האַרץ און דורכן גאַנצן וועג האָט ער זיך אַליין געשטראָפט מיט מוסר־רייד:

— אַ מלמד ביסטו טאַקע געבליבן, שוטה איינער. אַליין האָסטו נישט פאַרשטאַנען, אַז דער שידוך איז נישט קיין גלייכער? היינט גייסטו און מאַכסט אַן אַ חורבן. אַזאַ וויסטן חורבן, אַז דער אויבערשטער אַליין זאָל זיך נאָר מרחם זיין.

ר׳ מנחם מענדל האָט אינגאַנצן געציטערט, בעת מ׳האָט אים אַריינ־געפירט צו ר׳ גדליהן אין שטוב אַריין. אויפן שוועל איז ער אָבער גע־וואָרן אַנגעגעם איבערראַשט. ר׳ גדליה איז היינט געווען אפשר אַביסל בלייכער, ווי נעכטן. ער איז אָבער נישט געלעגן אויף דער סאָפע, נאָר געזעסן אָנגעלענט אויף אַ קישן. ער איז געווען גאַנץ רואיק און זיינע אויגן האָבן געהאַט אַ געזינטערן גלאַנץ. ער האָט מנחם מענדלען געוויזן מיט דער האַנט אַ שטול און מיט אַ לויטערער שטימע האָט ער זיך אָנגערופן:

— כ׳האָב גוט דורכגעטראַכט דיינע נעכטיקע רייד, מנחם מענדל, און כ׳זע, אַז דו ביסט גערעכט מיט דעם, וואָס דו זאָגסט, אַז דער אויי־בערשטער פאָרט נישט שטענדיק די זיווגים אַזוי, ווי מ׳וויל. האַ, אפשר דאַרף טאַקע זיין אַזוי ווי דו זאָגסט און מיט דער הילף פון השם יתברך וועט עס זיין מיט מזל.

ביי מנחם מענדלען האָט זיך פּלוצים געביטן די גאַנצע שטימונג. ער איז געוואָרן אויפגעלייגט און אַ שמחה האָט אָנגעפילט זיין האַרץ.

— ר׳ גדליה, עך גלויב באמונה שלמה, אַז ס׳וועט זיין מיט מזל. זי וועט ביי אים זיין אַ פּרינצעסין, אַן אמתדיקע מלכה.

— יאָ, יאָ, ר׳ פייוול מגיד ז״ל האָט איר דאָך צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיין אַ מלכה. — אין ר׳ גדליהס שטימע האָט זיך געפילט אַ בפירוש־שער טאָן פון חוזק.

מנחם מענדל האָט זיך אויפגעריסן פון זיין שטול. ער איז געוואָרן אָנגעצונדן.

— ס׳איז אַן עבירה פאַר גאָט צו ברענגען אַזעלכע רייד פאַרן מויל. אויסשפּייען זאָלט איר עס באַלד, ר׳ גדליה. ווי קען דען אַ מענטש אָפּשאַצן דעם אויבערשטנס באַשטימטע דרכים? ר׳ גדליה, געדענקט, אַז ס׳איז דעם הייליקן ר׳ פייוולס ברכה.

— יאָ, מנחם מענדל, ס׳איז אמת, וואָס דו זאָגסט. כ׳האָב חרטה. זאָל

מיר דער אויבערשטער מוחל זיין. און איצט וויל עך דיך בעטן, גיי און רעד דעם שידוך.

*****

די חתונה איז באַשטימט געוואָרן אויף עטלעכע וואָכן שפּעטער, שבת נאָך שבועות. סיי עלטערן און סיי חתן און כלה האָבן נישט געוואָלט לאַנג אָפּשלעפּן. וויבאַלד דער שידוך איז שוין געטאָן געוואָרן, איז אמגלייכסטן געווען תיכף חתונה צו מאַכן. חתן און כלה האָבן זיך צוזאַמענגערעדט און ס׳האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן, אַז אַ סך פון ר׳ גדליהס פריערדיקע באַוואָרענישן זענען גאָרנישט געווען באַגרינדעט. כאַטיליע איז געווען זייער צופרידן פונעם חתן און דאָס איז דאָך געווען דער עיקר. ווען זי האָט דערציילט דעם פאָטער, ווי גוט משה איז צו איר און ווי זי פילט זיך גליקלעך, זענען ביי ר׳ גדליהן זיינע אויסגעלאָשענע אויגן נאַס געוואָרן.

די חתונה האָט מען געפּראַוועט מיט גרויס פּאַראַד. אַ קיילעכדיקע וואָך האָט אָנגעהאַלטן די שמחה אינעם ריבניקער הויף. ר׳ גדליה האָט געוואָלט, אַז די חתונה פון זיין בת יחידה זאָל בלייבן אויף אַ לאַנגער צייט אינעם זכרון פון דער גאַנצער געגנט. נישט בלויז יידן האָבן געגעסן, געטרונקען און געטאַנצט אויף דער חתונה, נאָר אויך פּויערים זענען פאַרבעטן געוואָרן אויף אַ ספּעציעל פאַר זיי איינגעאָרדנטער סעודה. די פּויערישע פּריצים פון די אַרומיקע הייף און עטלעכע גרעסערע לייט פון לעמבערג זענען אויפגענומען געוואָרן מיט באַזונדערן כבוד. דאָס גאַנצע דאָרף איז געווען כסדר פאַרפולט מיט פאַרשידענע פרעמדע געשפּענער. סטאַדעס אויסגעשפּאַנטע פערד זענען מיט פאַרבונדענע פעדערשטע פּיס אַרומגעלאָפן איבער די ריבניקער לאָנקעס. אורחי פורחיניקעס און סתם אָרעמעלייט האָבן אָן אויפהער געשטראָמט קיין ריבניק פון ביידע זייטן וועג. מ׳האָט דערציילט אַ גוזמא, אַז בלויז מיטן פונאַנדערגעטיילטן צדקה־געלט האָט מען געקענט אויפבויען אַ שטעטל.

במשך פון דער גאַנצער חתונה־וואָך איז ר׳ גדליה בלויז געציילטע מאָל אַראָפּגעגאַנגען פון זיין סאָפע. ער האָט זיך כסדר געפילט זייער שוואַך און צומאָל האָט זיך אים געדאַכט, אַז די כוחות פאַרלאָזן אים שוין. ווען די לעצטע געסט זענען שוין אַוועקגעפאָרן און דאָס יונגע פּאָרפאָלק האָט

זיך אָנגעהויבן צוצוגרייטן צו דער נסיעה אין זייער נייער היים, האָט ר׳ גדליה אַריינגערופן צו זיך דעם איידעם. ר׳ גדליה איז געווען שוואַך און האָט געדעדט זייער שטיל. משה האָט געמוזט זיך נאָענט צורוקן צום שווער, כדי צו הערן, וואָס ער זאָגט.

— שוין ברוך השם, נאָך דער שמחה — האָט ר׳ גדליה געזאָגט — זאָל־זשע זיין אין אַ גוטער שעה. נאָר איצט קען איך דיר זאָגן דעם אמת. ס׳איז געווען איבער די כוחות. איצט הייב איך ערשט נישט אָן צו וויסן, ווי אַזוי זיך אַרויסצוקאָפּען פון די כלערליי צרות. אַ ראַטע אין דער היפּאָ־טעקן־באַנק, וועקסלען מיט צינזן און צו דעם אַלעמען בין איך אַזוי שלאַף. כ׳קען זיך נישט רירן פונעם געלעגער.

ווי שאַרפע מעסערס האָבן זיך ר׳ גדליהס רייד אַריינגעשניטן אין משהס האַרץ. ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז רק ער איז אין אַלעמען שולדיק.

— דאָס איז טאַקע צוליב מיר, צוליב אונדז — האָט ער זיך אָנגע־רופן — די חתונה האָט אייך אַזוי פיל אָפּגעקאָסט.

— גיי, נאַריש קינד. וואָס ביסטו אין דעם שולדיק? ווען מיינע גע־שעפטן וואָלטן גוט געגאַנגען, וואָלט די גאַנצע הוצאה פאַר מיר געווען אַ קינדער־שפּיל. אָבער אַז די געשעפטן גייען נישט? אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן.

און נאָך אַ קורצן שווייגן האָט ער צוגעגעבן, ווי ער וואָלט זיך אַליין פאַר זיך פאַרענטפערט:

— וואָס האָב איך געקענט טאָן? האָב איך דען פאַר דער גאַנצער וועלט געקענט ווייזן מיין בראָך?

משה האָט זיך פּלוצים עפּעס דערמאָנט.

— שווער, וועגן דער ראַטע און די אַלע חובות דאַרפט איר נישט זאָרגן. זיי זענען שוין באַצאָלט.

— האָ? וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן.

— יאָ, יאָ — האָט משה פאַרזיכערט. אַלץ איז באַצאָלט. כ׳האָב געגעבן אַן אָנווייזונג אין מיין באַנק צו באַצאָלן אַלע אייערע פעליקע פאַרפליכטונגען.

— ווי פאַלסטו אויס צו טאָן אַזא זאַך? — אין ר׳ גדליהס שוואַכער

שטימע איז געווען אויפרעגונג און צער. — כ׳דאַרף דיר סילוקן נדן און אָט פלוצים שפרינגסטו גאָר אַרויס מיט צאָלן מיינע חובות.

— שווער, איר נעמט ביי מיר גאָרנישט. איר וועט מיר, מיט גאָטס הילף, אַלץ אומקערן, אפילו דעם נדן אויך. און איצט זייט רואיק און נעמט אייך גאָרנישט צום האַרצן. דער עיקר, איר זאָלט זיין געזונט.

ר׳ גדליה האָט זיך מיט די הענט צוגעדעקט די אויגן און זיינע ליפן האָבן עפּעס אַריינגעפּליסטערט אין דער לאַנגער באָרד אַריין. אין דעם גרויסן צימער האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט.

ה.

די מלחמה האָט זיך צעפּלאַקערט

נאָך דעם זעלבן טאָג איז אין ר׳ גדליהס גרויסער קאַלעס אַוועקגע־פאָרן פון ריבניק דאָס יונגע פּאָרפאָלק. דער אַנטרייבער, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער פּריצישער ליבעריע, איז אַ שטייף־אויסגעצויגענער געזעסן אויפן באָק און האָט מיט זײַער בייטש לייכט אונטערגעשמיסן די צוויי פייערדיקע פערד. משה און כאַטיליע זענען איצט נישט געפאָרן קיין באַ־ריסלאַוו. זייער וועג האָט געפירט איבער באַריסלאַוו, אָבער געפאָרן זענען זיי דירעקט אין שטאָט אַריין, קיין דראָהאָביטש. משה האָט געקויפט אין דראָהאָביטש אַ נײַ הויז און האָט עס געלאָזט אײַנאָרדענען מיט אַלע מאָדערנסטע באַקוועמלעכקייטן.

ס׳איז שוין געווען גוט נאַכט, ווען דער וואָגן איז אַרײַנגעפאָרן אין שטאָט אַרײַן. די פערד זענען שוין געווען אויסגעמאַטערט און זיי האָבן קוים נאָכגעשלעפּט די פיס. דער אַנטרייבער האָט זיי אונטערגעיאָגט. פאַר־נעם עק באַריסלאַווער וועג האָט ער פאַרקערעוועט אויף לינקס און אין אַ גאַלאָפּ דורכגעשפּרייזט דעם פינצטערן מאַרק־פּלאַץ. באַלד איז מען אַרײַנ־געפאָרן אין דער סאַמבאָרער גאַס. ביים אָנהייב פון דער דאָזיקער גאַס, פּונקט אַנטקעגן דער אַלטער רויט־געמויערטער קירכע, וואָס האָט נאָך גע־דענקט דעם קיניג יאַגיעללאָ, איז געשטאַנען משהס הויז. אַ צוויי־שטאָקי־קער בנין, מיט ווייס־געקאַלכטע ווענט, פון פאָרנט אַ רחבותדיקע, געדעק־טע טאַראַסע, אונטערגעשפּאַרט דורך אַ באַלוסטראַדע אינעם אַלט־רוי־מישן סטיל. אַ גרויסער סאָד, אַרומגעצוימט מיט אַ בלאַנקענדיק נייעם הילצערנעם פּאַרקן, האָט זיך געצויגן לענגאויס דער דורכקרייצנדיקער באַרטאָלאָמיעיא־גאַס. משהס הויז האָט געהאַט אַן אַרויסקוק אויף צוויי גאַסן. דער הויף איז געווען ציכטיק אויסגעפּלאַסטערט מיט שטיינער. ס׳איז דאָרט נאָך געשטאַנען אַ הייזקע פאַרן וועכטער און אַנטרייבער און אַ

שטאָל פאַר פערד. אַט אין דעם הויז האָט משה אַריינגעפירט זיין יונג ווייב.

פון דעם אופן, ווי משה האָט איינגעאָרדנט זיין נייע היים, איז געווען צו דערקענען, אַז זיינע עסקים גייען גוט. משה איז נישט געווען קיין אויסברענגער. בטבע אַ בעל־חשבון, האָט ער געקענט אויך דעם סוד פון לעבן מיט חשבון. אויב ער האָט אויסגעגעבן אַזוי פיל געלט בלויז אויף דער סאַמע שטוב, איז דאָס געווען אַ סימן, אַז חוץ דעם פאַרמאָגט ער נאָך כפלי כפלים.

אַזוי איז טאַקע געווען. אין יענער צייט האָט משה צוזאמען מיט לאַזערן געהאט שוין אָפגעקויפטע ריזיקע טערענען אין גאַנץ באַריסלאָוו. זיי האָבן געהאט אַ סך יאמעס אין טוסטאַנאָוויטש, אויף דער קאַסערן־גאַס און אויפן פאַטיק. דאָס מזל האָט זיי צוגעשפּילט און ווי נאָר זיי האָבן געשטעלט אַ פוס, איז זיי געלונגען. אויב זיי האָבן נישט געפונען קיין קיפּיעטשקע באַלד ביים אָנהייב פונעם גראָבן, איז זיי אַ ביסל שפּעטער אונטערגעקומען וואַקס. כמעט קיינמאָל האָט נישט געטראָפן, אַז זיי זאָלן פון אַ טערען אַוועק מיט ליידיקע הענט. די דאָזיקע כסדרדיקע דערפאָלגן האָבן די צוויי ברידער אָנגעפילט מיט דרייסטקייט און זיי זענען געגאנגען כסדר ווייטער און ווייטער, געקלעטערט אַלץ העכער און העכער.

אין משך פון אַ גאַר קורצער צייט זענען זיי דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז זיי האָבן געקענט שוין וואגן צו פאַרמעסטן זיך אַפילו מיט ישראל ליבערמאַנען. דאָס איז נישט געווען קיין קלייניקייט. ר׳ ישראל האָט געוווסט, אַז די צוויי שנאָרערישע ברודערטשיקעס זענען אַזוי שטאַרק אויפגעריכט געוואָרן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט שוין פאַרלוירן זיין פּאָזיציע פונעם איינציקן גביר אין באַריסלאָוו. אָבער ער האָט זיך גאָרנישט געקענט העלפן. פונדעסטוועגן איז ער ווייט געווען פון מאכן שלום מיטן נייעם צושטאַנד. אַ דאָפּלטן כעס קעגן די צוויי ברידער האָט ער געטראָגן אין האַרצן. ערשטנס, צוליב דעם אויסגעקויפטן טערען ביי אַנדרעי דראָזד. צווייטנס, האָט ער זיך נישט געקענט מוחל זיין, אַז דווקא ער אַליין איז געווען דער שליח, וואָס האָט זיי דער־

פירט צו זייער גרויסקייט. דאָס ערשטע געלט האָבן זיי געמאַכט ביי אים, ביי די האָלץ־צושטעלונגען צו זיינע יאַמעס.

נישט בלויז פאַרדרוס צוליב אָפּגעטועגע עוולות, נאָר אויך אַ סך קנאה און שנאה איז געווען אין ר׳ ישראלס באַציאונג צו די צוויי ריב־ניקער ברידער. ר׳ ישראלן איז אַלץ אָנגעקומען מיטן זיבעטן שווייס. ביי יעדער קלייניקייט, ביים דערווערבן יעדע קלענסטע פּאָזיציע האָט ער שטענדיק געמוזט גובר זיין טויזנטער מניעות. און אָט זענען נישט מיר נישט דיר אָנגעקומען צוויי יונגעלייטלעך און אַזוי, אָן גאָרנישט, העני־דום פּענדום, האָבן זיי מצליח געווען. זיי גייען זיך שוין מעסטן מיט אים, מיט ישראל ליבערמאַנען.

פאַר ר׳ ישראלן איז דער ענין פאַרבונדן געווען מיט אַן אינער־לעכער אַנטוישונג. אויך זיין פּאָזיציע פון פּאַטריאַרך איז געווען אונ־טערגעגראָבן. צענדליקער יאָרן האָט ער געטאָן צדקה. הונדערטער משפחות פאַרזאָרגט מיט פרנסה און איצט זעט ער, ווי פריינט קערן זיך פון אים אָפּ. זיי לויפן אריבער צו יענע צוויי, ווייל זיי פילן, אַז דאָרט קענען זיי האָבן אַ בעסערן פּדיון.

עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין גוטע פריינט, וואָס האָבן אָנ־געהויבן פאַרשידנס צוצוטראָגן. אייניקע האָבן עס געטאָן, ווייל זיי האָבן געמיינט זיך אונטערצוחנפענען ר׳ ישראלן. אַנדערע ווידער האָבן אין אים דערלעבט אַ נקמה און זיי האָבן אים געוואָלט נעמען די גאל. האָט מען אָנגעהויבן צו טראָגן פּלאָטקעס. איינמאָל האָט מען דער־ציילט, אַז די צוויי ברידער האנדלען שוין ווידער נייע טערענען, אַ צווייט מאָל האָט מען צוגעטראָגן, אַז משה גוי האָט אויף ישראלן געזאָגט רכילות און אַזוי כסדר טאָג נאָך טאָג. ר׳ ישראל האָט אַלץ אויסגעהערט און געשוויגן. ער האָט זיך באַמיט נישט צו ווייזן, וויפל געזונט ס׳קאָסט אים דאָס גאנצע עסק.

אָבער אין אַ געוויסן טאָג האָט ביי ר׳ ישראלן געפּלאַצט די געדולד און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די באַוווסטע מלחמה צווישן ליבערמאַ־נען און די ברידער גארטענבערג. די מלחמה האָט געדויערט צענדליקער יאָרן. זי האָט אָנגעמאַכט חורבנות און געקאָסט אויך מענטשלעכע לעבנס.

אָנגעהויבן האָט זי זיך אַזוי: ר׳ ישראל האָט פאַרהאנדלט אַ נייעם

טערען. דער קאָנטראַקט־געבער איז געווען דער אויטאָנאָמער באַצירקס־ראָט אין דראהאביטש. אַלץ איז געווען שוין אָפּגעמאַכט. וועגן מקח האָט מען זיך שוין פאַרגלייכט, די אדונים פונעם באַצירקס־ראט האָבן באַקו־מען זייער כאַבאַר און ס׳איז שוין באַשטימט געווען דער טאָג פון חתמענען דעם אָפּמאַך. אָבער אין דעם באַשטימטן טאָג איז דער אָפּמאַך מיט ליבערמאנען נישט געחתמעט געוואָרן. די סיבה איז געווען די, אַז מיט צוויי טעג פריער איז דער זעלבער טערען פאַרקויפט געוואָרן צו די גאַרטענבערגס און אַלע חתימות זענען פאַרטיקע געשטאנען שוין אויפן פּאַפּיר.

ווי אזוי איז עס געשען? אין יענער צייט האָבן שוין ביידע ברידער, סיי משה און סיי לאַזער, געוווינט אין דראהאביטש און זיי האָבן געהאט אָנגעקניפּט די געהעריקע פאַרבינדונגען מיט אַלע מאַכט־אָרגאנען, וואָס זענען געווען אין דראהאביטש. ווען מ׳האָט זיי פונעם באַצירקס־ראט צוגעטראָגן, אַז עמעץ האָט דאָרט צוגעזאָגט ליבערמאנען צו פאַרקויפן אַ טערען, זענען זיי גיך געלאָפן וווהין מ׳האָט געדאַרפט און נישט וואַר־יזנדיק קיין איבעריקע מינוט האָבן זיי דורכגעזעצט, אַז די קניה זאָל גע־מאַכט ווערן דורך זיי.

פאַר ישראלן איז דער דאָזיקער דורכפאַל געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ. ער איז געווען אויסער זיך פון כעס און פונקט האָט זיך געטראָפן, אַז דעם זעלבן טאָג האָבן אים זיינע מענטשן צוגעטראָגן, אַז אין אַ געוויסער יאַמע אויפן פּאַטיק האָבן זיך די גאַרטענבערגס ארונטערגעגראָבן אונ־טער זיין, ר׳ ישראלס, טערען און זיי ציען פון דאָרט אַרויס דעם וואַקס. פאַר ר׳ ישראלן איז דאָס שוין געווען צו פיל. נישט טראַכטנדיק קיין סך, האָט ער אָנגעדונגען אַ חברה ווילדע יונגען און געשיקט זיי „מאַכן אָרד־נונג" אויף דער יאַמע. די ווילדע יונגען האָבן זיך ביינאַכט אַריינגעריסן אין דער קאשערע פון די גאַרטענבערגס. זיי האָבן אונטערגעהאַקט די קלעצער פון די שטאַלניעס און האָבן פאַרשאָטן די יאַמע. צוויי אַרבע־טער, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף דער נאַכט־שאַכט, זענען אומגעקומען.

יענע נאַכט באַדייט נישט בלויז דעם אָנהייב פון דער אַקטיווער מלחמה צווישן די צוויי גבירישע הייזער, נאָר חוץ דעם אויך דעם אויפ־קום פון דער הערשאַפט פון ווילדע יונגען איבער דער גאַנצער באָריס־

לאווער באַפּעלקערונג. זינט אַ לאַנגער צייט האָבן קיין באַריסלאַוו גע־שטראָמט כלערליי אונטערוועלטניקעס און זוכערס פון לייכטע פּאַר־דינסטן. עס האָבן זיי צוגעצויגן די לעגענדאַרע אוצרות, וואָס ליגן פאַר־באָרגן אין דער באַריסלאַווער ערד. לכתחילה האָבן זיי זיך גענומען צו פאַרשידענע נישט באַשטימטע אַרבעטן. געזוכט עפּעס צו קויפן אָדער צו פאַרקויפן, ביי עמעצן עפּעס אויסצונאַרן אָדער אַוועקצוגנבענען. מיט דער צייט האָבן זיי פאַר זיך געשאַפן אַ געוויסן נייעם פרנסה־מקור. דאָס איז געווען די „מכירה״. אַ מכירה האָט געמיינט אָפּצומאַכן מיטן פלוס־טאַק, אַז ביינאַכט, ווען דער קאַסירער איז נישטאָ, זאָל ער אַזאַ פּאַר־שוין אַרויסגעבן פון דער יאַמע עטלעכע בלעכלעך קיפּיעטשקע, אָדער אַן עמער וואַקס. דער פלוסטאַק האָט, פאַרשטייט זיך, נישט דערלייגט צו דער מכירה און די פאַרשוינען, וואָס האָבן זיך דערמיט פאַרנומען, האָבן געהאַט פרנסה.

דער דאָזיקער סיסטעם פון קליינע גנבות האָט אָנגעהאַלטן ביז צו יענער צייט, ווען די גבירים האָבן אָנגעהויבן אַן אָפענע מלחמה. די ווילדע יונגען זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער מלחמה און דערמיט זענען זיי געוואָרן דערמוטיקט. זיי האָבן זיך נישט געוואָלט מער באַגנו־גענען מיט די מכירות. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין כנופיות און גע־וואַרט, אַז די גבירים זאָלן זיי שיקן אויף „אַרבעט״. האָבן זיי די גבירים געשיקט, איז געווען גוט און אויב נישט, זענען זיי געגאַנגען אויף אייגענעם חשבון. זיי פלעגן זיך אַריינרייסן אין וועלכן נישט איז שאַכט. פלעגן אויסליידיקן די מאַגאַזינען און אַוועקפירן די סחורה. ביי דער דאָ־זיקער אַרבעט האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ הפקרותדיקע דרייסטקייט. נישט מורא געהאַט נישט פאַר קיין וועכטערס און נישט פאַר קיין מאַכט־אָרגאַנען.

גאַנץ באַריסלאַוו האָט געלעבט אין שטענדיקן פחד פאַר די ווילדע יונגען. אַ טייל בעלי־בתים פלעגן זיך ביי זיי אויסקויפן. מ׳האָט זיי גע־צאָלט וואָכן־געלט און דעמאָלט איז מען שוין מיט אַלעמען געווען זיכער. ווייל באַריסלאַווער ווילדע יונגען האָבן געהאַט זייער עטיק און זייער אייגנאַרטיקע באַציאונג צום באַגריף פון ערלעכקייט. ווען דער ווילער יונג האָט פון אַ בעל־הבית באַקומען דאָס וואָכן־געלט, האָט במשך פון

דער וואָך דער בעל־הבית געקענט רואיק שלאָפֿן. נישט בלויז, וואָס ער אַליין האָט דעם בעל־הבית געלאָזט אין מנוחה, נאָר ער האָט נאָך אָפּגע־היט, אַז אַ צווייטער ווילער יונג זאָל אים נישט טשעפּען. די דאָזיקע מנוחה האָט אָבער אויך געהאט איר געוויסע גרענעץ. ווען עס פלעגן אויסברעכן מחלוקתן צווישן די ווילע יונגען גופא, פלעגן די בעלי־בתים זיין די ערשטע קרבנות. ווייל אַ ווילער יונג, וואָס האָט געוואָלט שעדיקן זיין חבר, האָט פשוט באַפאלן דעם בעל־הבית, וועלכער האָט זיך אויסגעקויפט ביים דאָזיקן חבר. אין אַזעלכע פאלן זענען אָנגעגאנגען בפירושע מלחמות און בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער.

באַריסלאווער ווילע יונגען זענען געווען אַ וועלט פאַר זיך. אַן אייגן בית־המדרש האָבן זיי געהאט אויפן פאטיק, אייגענע כלי־קודש און אַן אייגענעם גבאי. אויך אַ בית־דין האָבן זיי געהאט. ער האָט גע־משפט אין סכסוכים, וואָס פלעגן צווישן זיי אָפט אויסברעכן.

ביים אָנהייב פון דער גבירישער מלחמה אין באַריסלאוו איז דער הויפט פון אַלע ווילע יונגען געווען דער רויטער לייבוש. אַ קליין, ברייט־פּלייציק יידל, מיט אַ פייערדיק־רויט ציגן־בערדל און אַ פּאָר קליינע פייערדיקע אויגעלעך, וואָס זענען קוים איינגעזעסן אין זיינע שיפּע אויגנלעכער. אים האָט געהאָרכט די גאַנצע שטאָט, סיי יידן און סיי גוים. זיין וואָרט האָט געהאט מער וואָג, ווי דאָס וואָרט פונעם בירגערמייסטער, פונעם פּאָליציי־אינספּעקטאָר און אַפילו פונעם דראַ־האָביטשער זשאַנדאַרמעריע־קאָמענדאַנט. אַז דער רויטער לייבוש האָט געוואָלט, איז אַ בעל־הבית אין איין נאַכט געוואָרן אַ קבצן און ער האָט נישט געהאט קיין אַנדערע ברירה, ווי צו גיין איבער די הייזער. וועגן דעם דאָזיקן רויטן לייבוש האָט מען דערציילט אויסטערלישע מעשיות אויפן שטייגער פון יענע לעגענדעס, וועלכע מ׳דערציילט וועגן דאבאשו, דעם פּאַרצייטיקן הויפּט פון די רויבערס אין די קאַרפּאַטן־בערג. לויט די דאָזיקע לעגענדעס האָט דער רויטער לייבוש געזאָלט זיין אַ מענטש פון יושר. קיין ערלעכע לייט פלעגט ער נישט טשעפּען. בלויז גבירים און דאָס אַזעלכע, וואָס זענען צו זייער פאַרמעגן געקומען דורך פרעמדער עוולה. פון אַזעלכע האָט ער געריסן שטיקער. מ׳פלעגט אויך דערציילן,

אז דער רויטער לייבוש האָט זייער אַ סך געלט צעטיילט צווישן דער אָרעמקייט, אַז ער האָט זיך ממש מיט יעדן ביסן געטיילט.

דעם דאָזיקן רויטן לייבוש האָט ר׳ ישראל ליבערמאן געוווּנען פאַר זיך. אַזוי אַרום האָט ישראל געהאט אויף זיין צד די גאַנצע באָריסלאווער אונטערוועלט, ווייל קיין שום ווילער יונג וואָלט זיך נישט געוואגט אַנטקעגנצושטעלן דעם אָנערקענטן פירער פון די ווילע יונגען, דעם רויטן לייבוש. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פאַרשיטן די יאַמע אויפן פאַטיק איז געווען זיין שטיקל אַרבעט. נאָכן אויספירן די דאָזיקע ערשטע וויכטיקע ארבעט האָט דער רויטער לייבוש פאַרשטאנען, אַז איצט הויבט זיך אָן אַ גוטער סעזאָן פאַר די כנופיות. ער האָט צוזאמענגערופן אויף אַן אסיפה די פירערס פון די באַזונדערע כנופיות און האָט זיי בפירוש אָנגעזאָגט, אַז זיי דארפן שטיין אין אַ כסדרדיקער גרייטקייט און האָרכן זיינע באַפעלן. אויב ווער נישט איז חוץ אים וועט זיך צו זיי ווענדן און וועלן זיי שיקן אויף אַרבעט, זאָלן זיי אָפּזאָגן.

בקרוב זענען געקומען קיין באָריסלאוו משולחים פון די גארטענבערגס. זיי האָבן געוואָלט ווערבירן ווילע יונגען פאַר אַ נייער כנופיה. און כאָטש זיי האָבן אָנגעבאָטן גאַנץ שיינע שכירות, האָבן זיי נישט געפונען קיין קאנדידאטן. די גארטענבערגס האָבן געמוזט אַראָפּברענגען קיין באָריסלאוו ווילע יונגען פון אַנדערע שטעט, ווייל אַז נישט וואָלטן זיי געבליבן אָן שוץ.

די מלחמה צווישן די גבירים האָט אָנגעהאלטן לאַנגע יאָרן. נישט אַלע שטרייט-פראַגן האָבן געקענט אויסגעקעמפט ווערן מיט וויל-יונגערישע פויסטן. אָפט פלעגן די צדדים קומען פאַרן געריכט און בפרט האָט דער גארטענבערגישער צד אַהין געצויגן. די גארטענבערגס האָבן זיך געשאפן גוטע פאַרבינדונגען מיט די ריכטערס. מ׳האָט אין שטאָט געזאָגט, אַז זיי האַלטן אין זייער קעשענע סיי דעם דראהאביטשער באַצירקס-געריכט און סיי דעם סאמבערער קרייז-געריכט, וואָס איז געווען די העכערע אינסטאנץ. זיי האָט זיך געלוינט ביי יעדער געלעגנהייט אָנצוקלאָגן דעם שונא פאַרן געריכט. זיי האָבן פאַרויס געוווּסט, אַז דער פסק דין וועט פאַר זיי זיין אַ גינסטיקער.

ווען די גארטענבערגס האָבן שוין געהאט אין באָריסלאוו זייער

חברה, האָבן זיי אויסגעפירט אַ נקמה־אַקט פאַר דער חרוב־געמאַכטער יאמע אויפן פּאַטיק. ליבערמאנס צד איז נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער און אַזוי האָט מען זיך קעגנזייטיק כסדר געפייניקט. אויף אַזאַ אופן האָט זיך במשך פון אַ לאנגער צייט געפירט דער דאָזיקער פּאַרטי־זאַנער־קריג, ביז אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען צום אַנטשיידנדיקן פּאַרמעסט.

אין מיטן פון אַ האַרבסט־טאָג איז אויף אַ נייעם טערען, ווו די גארטענבערגס האָבן אָנגעהויבן צו גראָבן עטלעכע יאמעס, אַראָפּגעקו־מען דער רויטער לייבוש מיט עטלעכע באַגלייטערס. דער קאַסירער איז פּונקט נישט געווען אויפן טערען און דער פלוסטאַק, יידל קאַך, אַ הויכער און ברייטער ייד מיט אַ שוואַרץ שיטער בערדל, איז אַרויסגעקומען פונעם הילצערנעםביידל, וואָס האָט געדינט אַלס ביוראָ. זינט עטלעכע טעג האָט געהאלטן אין איין גיסן און דאָס גאַנצע פעלד איז געלעגן אונטער אַ דיקן צודעק פון בלאָטע און וואַסער. אין געוויסע ערטער איז די בלאָטע דערגאנגען ביז צו די קני. יידל האָט אויפן ווינק פאַרשטאנען, אַז ס׳גרייט זיך אַ גראטשקע. ער איז אָבער נישט געווען קיין איבערגע־שראָקענער. פון דער היים איז ער געווען אַ קצב און דערציילט האָט מען וועגן אים, אַז ער איז אַזוי שטארק, אַז מיט די הוילע הענט קען ער צוי־מען אַ צעווילדעטן אָקס. איצט איז ער מעשה גוטער ברודער אנטקעגן־געגאנגען לייבושן און אים געשטופּט שלום עליכם.

לייבוש האָט זיינע באַגלייטערס איבערגעלאָזט ביים אַריינגאנג און אַליין שפּרינגענדיק איבער דער בלאָטע האָט ער זיך דערנענטערט צו יידלען.

— וואָס אי׳ די מעשה, וואָס דו קומסט מיט דיין גאַנצער כאַ־ליאסטרע? — האָט יידל תמעוואטע געפרעגט, אָבער אין זיין פראגע האָבן אָפּגעקלונגען טענער פון צאָרן.

יידל קצב האָט אויך געקענט דערלאנגען מיט דער יד. ער האָט נישט געהערט צו קיין שום חברה, אָבער בעת אַ געשלעג האָט ער ליב געהאט אַריינצושטעקן זיין „בינטל פינגער". זיין קלאַפּ האָט מען גוט געפילט.

— יידל — האָט אים לייבוש געענטפערט — פרעג נישט קיין

קשיות, הייב דיך אויף און גיי אַוועק. דיינע משרתים מעגסטו מיטנעמען.

— וואָס הייסט כ׳זאָל אַוועקגיין? — האָט יידל באַקומען חשק צו דערלאַנגען לייבושן אין דער רויט־באַוואַקסענער מאָרדע. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אין לייבושס באַגלייטערס, וואָס זענען געשטאַנען עט־לעכע שריט ווייטער. האָט ער זיך בלויז געביסן די ליפּן און געדרייט נערוועז מיט דער האַנט די שוואַרצע וואָנצעס.

— לייבוש — האָט איצט יידל אָנגעהויבן מיט גוטן — ווי קענסטו פון מיר פאָדערן אַזאַ זאַך? אונדז זעמער דאָך עפּעס גוטע ברידער און אָט גייסטו פון מיר מאַכן אַ תל. פאַרוואָס קומט מיר דאָס, לייבוש, פאַרוואָס?

לייבושן האָט דאָס האַרץ שטאַרק וויי געטאָן אויף יידלען. זינט יאָרן זענען זיי געווען גוטע פריינט. נישט אויף איין שמחה צוזאַמען געמאַכט אַ לחיים. נישט איין מאָלצייט צוזאַמען געגעסן פון איין שיסל. לייבוש האָט פון יידלען שטאַרק געהאַלטן און אָט איצט איז אים דער גאַנצער ענין געווען זייער פּיינלעך. נאָר וואָס האָט ער געקענט טאָן? ווי־באַלד ער האָט זיך אונטערגענומען דורכצופירן אַ זאַך, האָט ער זיך נישט געקענט רעכענען מיט קיין שום געפילן. וואָס איז ער דען, אַ נקבה? ער איז דאָך לייבוש, דער הויפּט פון די ווילדע יונגען. לייבוש האָט זיך אָנ־גענומען מיט כוח און געגעבן יידלען צו פאַרשטיין:

— האָרך, יידל! נישט דעך מיינט מען דאָ, נאָר דיינע באַלעבאַטים, די גזלנים. ווייל עך בין דיר אַ פריינט, זאָג עך דיר אָט וואָס: טראָג דעך אָפּ און גיי טאַקע צו דיינע באַלעבאַטים און זאָג זיי, אַז דאָ האָבן זיי נישט וואָס צו זוכן. דאָ איז לייבוש מיט זיינע מענטשן. אַז ס׳עט זיך זיי פאַרגלוסטן אַהער צו קומען, עט מען ברעכן ביינער. פאַרשטייסט מעך, יידל?

יידל האָט פאַרשטאַנען. אַזוי ווי ער איז געשטאַנען, האָט ער זיך אַוועקגעשאַרט און אָן אַ זיי געזונט איז ער אַוועק מיט אַ זייטיקן וועג. לייבוש האָט צוגערופן זיינע באַגלייטערס און מ׳האָט זיך אַוועקגעשטעלט האַלטן אַן עצה. די לייטונג פון דער יאַמע איז שוין נישטאָ. בלייבט נאָך צו פּטרן די אַרבעטער. די אַרבעטער האָבן שוין עפּעס דערשנאַפּט און ס׳איז צווישן זיי קענטיק געווען אַ בהלהדיקע שטימונג. אַרום דרייסיק

מענטשן האָבן דאָ געארבעט. אַן ערך צען יידן און די איבעריקע פּאָליאַקן, צוגעקומענע פון מערב־גאַליציע, וואָס יידן האָבן זיי דאָ גערופן מאַזוירן. די אַרבעטער זענען איצט אין אַ גאַנצן געזעמל געשטאַנען אַרום דער ערשטער יאַמע. לייבוש איז צו זיי צוגעגאַנגען.

— גייטס אַוועק — האָט ער זיי קורץ באַפוילן.

— ווער וועט אונדז באַצאָלן פאַר דער אַרבעט? — האָבן זיי געפרעגט.

— פרעגט נישט קיין קשיות, נאָר היט אייך די ביינער — איז לייבושעס באַהעלפער, גדליה זופאַק, צוגעשפרונגען צום געזעמל.

לייבוש האָט גדליהן געכאַפּט ביים אָרעם און געוואָלט אים אַוועקציען פון די אַרבעטער. ס'איז אָבער געווען שוין צו שפּעט. אַ פייערדיקער קנאַל האָט זיך דערהערט און גדליה איז מיט אימפּעט אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט. דאָס האָט אים אַ מאַזויער דערלאַנגט אַזאַ פּאַטש. גדליה האָט מיט אַ געשריי זיך צוריקגעוואָרפן אויפן מאַזויער, נאָר איצט איז לייבושן שוין יאָ געלונגען אים איינצוהאַלטן.

— כאַפּ נישט, גדליה, מ'דאַרף נישט מאַכן קיין טומל. וואַרט צו!

און צו די אַרבעטער האָט לייבוש געזאָגט:

— מאָרגן עט עץ באַקומען דעם אויסצאָל. אַ נייע געזעלשאַפט האָט איבערגענומען דעם טערען. ווער ס'עט זיך אָנשטענדיק אויפפירן, וועט ווייטער קענען דאָ אַרבעטן, אָבער איצט גייט אַהיים.

לייבושעס רייד האָבן באַרואיקט די אַרבעטער. זיי האָבן געפאָלגט און זענען געגאַנגען. לייבושעס חברה־לייט האָבן זיך דערווייל פאַרזיכטיק געדרייט אַרום דעם גוי, וואָס האָט גדליהן דערלאַנגט אַ פּאַטש. זיי האָבן אַזוי געקערעוועט, אַז דער גוי זאָל כסדר בלייבן אַ שריט פון הינטן. ווען אַלע אַרבעטער זענען שוין געווען אויף דער גאַס, האָט איינער אַ שטופּ געטאָן דעם מאַזויער צוריק. אין דער זעלבער רגע זענען צו אים צוגעלאָפן עטלעכע יונגעז און האָבן אים גוט אָנגעמקלט. דערנאָך האָבן זיי אים געכאַפּט, ווער ביים קאָפּ און ווער ביי די פיס, צעהוידעט אים אין דער לופט און אַ שליידער געטאָן איבערן פאַרקאַן גלייך צו די פיס פון די איבעריקע אַרבעטער, וואָס זענען פאַרגאַפטע געשטאַנען אויף דער גאַס און זיך צוגעקוקט. עמעץ האָט צוגעשריגן צו די ארבעטער:

— עץ זאָלט וויסן, אַז לייבושעס אַ מענטש טאָר מען נישט שלאָגן.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט דאָס איינגעמען דעם נייעם טערען פון די ברידער גאַרטענבערג. לייבוש מיט זיין חברה האָבן דאן צוריק פאַרשאָטן אַלע יאמעס, וועלכע מ׳האָט אָנגעהויבן צו גראָבן. די כנופיה איז במשך פון עטלעכע טעג געזעסן אויפן טערען און געהיט, אַז דער צווייטער צד זאָל נישט קומען אָפּשלאָגן. אָבער די גארטענבערגס האָבן נישט געהאט בדעה אָפּצושלאָגן. זיי האָבן אָנגעהויבן זיך צו גרייטן צו אַ געריכטלעכן פּראָצעס.

**
*

זינט יאָרן איז ביי ר׳ ישראל ליבערמאַנען געווען אַן איינגעפירטער מנהג, אַז אין דער פרי נאָכן אויפשטיין פלעגט ער זיך נישט אָנטאָן אַזוי גיך. אין זיין וואטענעם שלאָפראָק און אין שטעקלאטשן אויף די באָר־וועסע פיס פלעגט ער זיך אַ גוטע האַלבע שעה אַרומדרייען איבערן גאַנצן הויז און אַכטונג געבן, אַז די דינסטן און די משרתים זאָלן טאָן זייער אַרבעט, ווי ס׳דאַרף צו זיין און אַלץ זאָל צוגעגרייט ווערן פאַר דער גרויסער באַלעבאַטישקייט. ערשט דערנאָך איז ר׳ ישראל געגאַנגען זיך וואַשן און אָנטאָן און באַלד איז ער אַריינגעגאַנגען אין דער גרויסער סאַלע מיטן ארון קודש ביי דער מזרח־וואַנט און מיט די לאַנגע טישן און בענק פון געהובלעוועטן האָלץ אין מיטן. די דאָזיקע סאַלע איז געווען ישראלס שולכל, ווו מ׳האָט אין דער וואָכן צוויי מאָל אין טאָג געדאַוונט מיטן מנין.

געוויינלעך, ווען ר׳ ישראל איז אַריינגעקומען אין שולכל, איז שוין דאָרט געזעסן ר׳ מאירל דער גמרא־מלמד און האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר. ר׳ ישראל האָט ר׳ מאירלען געצאָלט וואָכן־געלט און ר׳ מאירל האָט געהאט די אויפגאַבע אריינצוקומען צו ר׳ ישראלן יעדן פרימאָרגן און אָפּצולערנען מיט אים אַ פּרק משניות. בעת מ׳האָט געהאַלטן אין לערנען האָבן אָנגעהויבן זיך צוזאַמענצוקומען די מתפללים. לכתחילה איינציקווייז און שפּעטער אין גרופּקעלעך. באַלד איז דאָס שולכל געווען אָנגעפּולט מיט מענטשן. צווייערליי מתפללים האָט ר׳ ישראל געהאט אין זיין שולכל. שטענדיקע, וואָס פלעגן קומען יעדן טאָג און צופעליקע,

וואָס האָבן זיך איינמאָל געוויזן און מער האָט מען זיי נישט געזען. די ערשטע זענען דאָס רוב געווען אָנגעשטעלטע פון ר׳ ישראלס צאָלרייכע שאַכטן. די צווייטע זענען געווען ואַנדערנדיקע שנאָרערס, וואָס האָבן געוווסט, אַז ביים באָריסלאַווער גביר קען מען זיך אָנוואַרעמען און גוט אָפּעסן.

נאָך יעדן דאַווענען פלעגט מען דעקן די טישן און דערלאַנגען אַ סעודה. ווער ס׳האָט געוואָלט איז געגאַנגען זיך וואַשן און האָט מיטגע־געסן. ר׳ ישראל אַליין פלעגט זיצן ביים טיש און ער האָט זיך באַמיט ווי נאָר מעגלעך מקרב צו זיין די געסט. ערשט נאָכן פאַרענדיקן די פרי־מאָרגנדיקע סעודה פלעגט ר׳ ישראל אַריינגיין אין דער שרייב־שטוב און נעמען זיך צום דערליידיקן די געשעפטלעכע ענינים.

אין יענעם ווינטער ־ טאָג, פונקט צום ערשטן חנוכה־ליכטל, איז אָבער דער סדר אין ליבערמאַנס הויז איבערגעדרייט געוואָרן מיטן קאָפּ אַראָפּ. געשען איז עס אַזוי: פאַרטאָג, בעת אין דרויסן איז נאָך געווען גאַנץ פינצטער, איז דער משרת אַריינגעקומען אין ר׳ ישראלס שלאָף־שטוב און אָנגעהויבן צו וועקן דעם בעל־הבית.

— בעל־הבית, בעל־הבית, שטייט אויף!

ר׳ ישראל האָט זיך אויפגעריסן פונעם שלאָף און געזעצט זיך אויפן בעט.

— וואָס איז געשען? — האָט ער אַ צעשראָקענער געפרעגט מיט אַ פאַרשלאָפענער שטימע.

— דער שרייבער איז געקומען און האָט אייך געהייסן אויפוועקן.

— וויפל איז דען דער זייגער? — האָט ליבערמאַן געפרעגט, אָבער דער משרת האָט נישט געענטפערט. ער האָט דערלאַנגט דעם בעל־הבית זיין וואַטענעם שלאָף־ראָק און האָט זיך אָנגעבויגן איבער דער פּאָדלאָגע און געטאַפּט אין דער פינצטער, זוכנדיק די ווייכע שטעק־לאַטשן.

ווען ליבערמאַן איז אַהיימגעקומען אין דער שרייב־שטוב, האָט דאָרט ליכטיק געברענט דער נאַפטענער בליך־לאָמפּ און יוסף ווינטער, ר׳ ישראלס שרייבער, איז געזעסן ביים טיש איבער אַ בינטל פּאַפּירן.

— גוט מאָרגן, ר׳ ישראל — האָט דער שרייבער באַגריסט דעם בעל־הבית, נישט אויפהויבנדיק די אויגן פונעם פּאַפּיר.

— וואָס איז געשען? — האָט ר׳ ישראל אומגעדולדיק געפרעגט.

— זיי האָבן אונדז אָנגעקלאָגט פאַרן געריכט.

צווישן ליבערמאַנס שטוב־מענטשן האָט דאָס וואָרט „זיי" נישט געדאַרפט קיין שום פירושים. „זיי", האָט יעדער געוווסט, מיינט די ריב־ניקער ברידער, די אויסוווּרפן, וואָס האָבן גאַנץ באַריסלאַוו דערפירט צום „חורבן".

ר׳ ישראל האָט קוים געכאַפּט דעם אָטעם פון איבערראַשונג. סאַ־פּענדיק האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שטול.

— אָר־וואַ. האָבן זיי אונדז, הייסט עס, אָנגעקלאָגט. יאָ, האָסט שוין די קלאגע, יאָסל?

— אָט האָב עך זי. דער געריכטס־אָפיציאַל, וואָס איז אונדזערס אַ מענטש, איז ביינאַכט מיט אַ שליטן געקומען פון דראָהאָביטש און האָט מיר זי געבראַכט. ער האָט געמיינט, אַז אויב אונדז עמ׳ער פריער זי האָבן, וועל׳מער האָבן מער צייט זיך צוצוגרייטן. גאַנץ פיין פון זיין זייט. ניין?

— געוויס, אַ וווילער ערל. נאָר וואָס ווילן זיי?

— אויסטערלישע זאַכן, ר׳ ישראל. ס׳רעדט זיך וועגן געוואַלט און מאָרד. אַן אַרבעטער איז צעשלאָגן געוואָרן שיער נישט צום טויט. גרויסע היזקות. זיי פאָדערן פופציק טויזנט גולדן אָנטשעדיקונג.

— פופציק טויזנט? זיי מיינען, אַז עכ׳ל זיין אַ שוטה און לויפן צאָלן? האַ.

כאָטש ליבערמאַן האָט באַמיט זיך צוצוגעבן זיך קוראַזש, איז אָבער פון זיין געקנייטשטן שטערן און פון די פאַרצויגענע ליפּן געווען צו זען, אַז ער איז שטאַרק דערשיטערט. אַ רגע האָט ער מיט די פינגער גע־קלאַפּט איבערן טיש־ברעט און פּלוצים זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעהויבן צו שפּרייזן איבער דער שטוב, לאָזנדיק הינטער זיך אַ געקלאַפּעריי פון זיינע באַלאַטשטע פיס.

עוזר, דער בוכהאַלטער, האָט זיך שטילערהייט אַריינגעשאַרט אין דער שרייב־שטוב און נאָך אים האָט דער משרת דורך דער האַלב־געעפנ־טער טיר אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ. שווייגנדיק האָט זיך עוזר אַוועק־געזעצט אויף זיין בענקל איבערן דיקן בוך. ר׳ ישראל האָט כסדר גע־

שפרייזט איבער דער שטוב און ס׳איז געווען קענטיק, אַז ער איז באַ־הערשט געוואָרן דורך אַ גרימצאָרן. ווען ער האָט זיך פּלוצים אָפּגע־שטעלט אַנטקעגן יוספן, האָבן זיינע אויגן געשפּריצט מיט פייער און די באַקן זענען געווען צעפלאַמט.

— און דאָס, אַז זיי האָבן ביי מיר אָוועקגערויבט די בעסטע טערע־נען, שרייבן זיי נישט? — האָט ער פאַרביטערט געפרעגט — און דאָס, אַז זיי לאָזן מעך בדיל הדל, אויך נישט? און אַז זיי באַגנבענען זייערע אייגענע מענטשן און האָבן אויף קיינעם נישט קיין דריבעלע רחמנות? דאָס אויך נישט, האַ? ער מיינט, דער גוי, אַז מיט דעם ביסל צדקה, וואָס זיין ווייב טוט, וועט ער זיך אויסקויפן פאַר די זינד. אָט דאָס איז זייער אַרבעט. אונטערגעצונדן אַ פייער אין שטאָט און שוין. און אַ וועלט יידן קוקט זיך צו און שווייגט.

אַ מבול פון גאל האָט געשפּריצט פון ר׳ ישראלס מויל. אַ צעהיצ־טער האָט ער זיך אַזש פאַרכליניעט פאַר גרויס אויפרעגונג. אַרום זיינע באַזילבערטע שליפן האָבן זיך די אויפגעבלאָזענע אָדערלעך אָוועקגע־שטעלט ווי בלוילעך רויטע נעצעלעך. ער האָט אויסגעשפּרייט די הענט און אין אַזאַ פּאָזע האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט הינטער עוזרס פלייצע, אַריינקוקנדיק יוספן, דעם שרייבער, גלייך אין די אויגן אַריין, ווי ער וואָלט פון יוספן דערוואַרט אַן ענטפער.

אָבער יוסף ווינטער איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און האָט געשוויגן. די טיר האָט זיך שטילערהייט געעפנט און דער משרת האָט זיך אריינגעשאַרט.

— ר׳ ישראל, מ׳וואַרט אויף אייך מיטן מנין. — אין דעם משרתס באַהערשטער שטימע האָט זיך געהערט אַ בפירושער טאָן פון פאָרוואורף. היתכן, אַן עדה יידן איז זיך צוזאַמענגעקומען, כדי אָפּצוריכטן די פרי־מאָרגנדיקע תפילה. יעדער איז פאַריאָגט, פאַרהאָוועט און וואָלט גערן געוואָלט וואָס גיכער פון דאַנען אַרויסגיין. אָבער וואָס קומט פון דעם אַרויס, אַז דער בעל־הבית, דער גביר, האָט פאַרגעסן, אַז ס׳איז שוין צייט צום דאַווענען. די יידן זיצן און וואַרטן אומגעדולדיק אויפן גביר און דער גביר מאַכט זיך פאַרגעסן.

ר׳ ישראל האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי אַן אָפּגעבריטער.

— אוי ווי איז מיר. שיער נישט פאַרשפּעטיקט דעם זמן שחרית.

ער איז אַרויסגעלאָפן פון דער שרייב־שטוב און פאַרקערעוועט גלייך אין דער תפילה־סאַלע. דער משרת האָט אים געכאַפּט פאַרן אַרבל פונעם וואַטענעם שלאָף־ראָק.

— בעל־הבית, איר מוזט זיך אָנטאָן.

— אהא, ווידער שיער נישט פאַרגעסן.

ווען ר׳ ישראל איז אַן אָנגעטוענער אין זיין וואָכעדיקן כאַלאַט אַריינגעקומען אין דער תפילה־שטוב, האָט ער זיך באַמיט נישט צו ווייזן זיין אויפרעגונג פאַרן עולם. ער האָט געפּרוווט אַפילו צו שמייכלען און אַזוי האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער מזרח־וואַנט און גענומען אָנטאָן טלית און תפילין. אָבער דער עולם איז נישט געווען קיין גולם. יידן האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז אין דעם דאָזיקן הויז איז היינט עפּעס געשען. מ׳איז געווען נייגעריק צו וויסן, וואָס ס׳איז געשען.

נאָכן דאַוונען, ווען ר׳ ישראל האָט זיך ווי געוויינלעך אַוועקגעזעצט אויף זיין שטול ביים לאַנגן הילצערנעם טיש, האָבן אַלע געמיינט, אַז אָט איצט וועט ער עפּעס דערציילן. אָבער ר׳ ישראל האָט נישט געטראַכט צו דערציילן פון זיינע זאָרגן. ער האָט אָנגעהויבן סתם אַזוי צו שמועסן וועגן וועלט־זאַכן.

— וואָס איז דער תכלית פונעם לעבן — האָט ער מיט אַ גמרא־ניגון געווענדט זיך צו ר׳ מאירלען, דעם גמרא־מלמד — אַז אַ גאַנצע שטאָט, אַן אָנשטענדיקע, אַ באַלעבאַטישע איז אין מיטן העלן טאָג באַ־הערשט געוואָרן דורך רויבערס און גזלנים?

ר׳ מאירל איז געווען טויב און האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער גביר מיינט דאָ צו זאָגן. האָט ער אויף יעדן פאַל צוגעשאָקלט אויף יאָ און האָט געוואַרט, וואָס ר׳ ישראל וועט ווייטער זאָגן.

— אָט האָבן מיר דאָ רואיק און שיין געלעבט — האָט דער גביר פאָרגעזעצט — קיינער האָט קיינעם נישט געטשעפּעט און איינער איז דעם צווייטן נישט געשטאַנען ווי אַ דאָרן אין אויג. און אָט איז פלוצים געקומען אַ צייט פון שלאָגן, פון הרגענען, פון רויבן. ווילדע יונגען, כנופיות הערשן איבער דער שטאָט. ס׳איז סכנות נפשות. מ׳איז פשוט נישט זיכער מיטן לעבן.

ר׳ מאירל האָט אָנגעשטרענגט זיין שוואַכע שמיעה און ער האָט שוין צוביסלעך פאַרשטאַנען, וואָס ר׳ ישראל דערציילט. ער האָט ווידער געשאָקלט מיטן קאָפּ, אָבער שוין נישט אויף יאָ. עפּעס אַזוי האָט ער געשאָקלט, ווי איינער, וואָס איז נישט מיט אַלעמען מסכים.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן, ר׳ ישראל? — ר׳ מאירל האָט די שפּאַקולן אַראָפּגענומען פון זיין לאַנגער נאָז און האָט זיינע פאַררוי־טלטע אויגן אָנגעשטעלט אויף ליבערמאַנען — איר ווילט, אַז אונדזער שטאָט זאָל זיין אַ שטאָט פון גאָלע מלאכים? אַז ביים רבונו של עולם איז געווען רעכט, אַז ירושלים, עיר הקודש, זאָל באַהערשט ווערן דורך רוצחים, וואָס־זשע איז זיך צו חידושן איבער אונדזער שטעטל און אי־בער אונדז, פּשוטע בשר ודמס. זאָגט דאָך דער נביא אין „איכה״: היתה לזונה קריה נאמנה מלאתי משפט צדק ילין בה ועתה מרצחים.

ר׳ מאירל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע און געקוקט, וואָס פאַרא איינדרוק ס׳האָט אויפן עולם געמאַכט דער מאמר. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אויסגעדרייט צו ר׳ ישראלן.

— וואָס־זשע מיינט איר, ר׳ ישראל? אַז די הייליקע שטאָט, ירוש־לים, האָט געקענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטאָט פון רוצחים, טאָ וואָס פאַרלאַנגט איר פון באַריסלאַוו, להבדיל? און נאָך אַלעמען, ר׳ ישראל, וואָס נעמט איר זיך די וועלט־יסורים אַזוי שטאַרק צום האַרצן? איר ווילט טאַקע אויף אַ רעכטן אמת פאַרזאָרגן די גאַנצע וועלט? אויב מן השמים ווערט געפירט אַזוי, איז דאָך ביי אונדז אוודאי וואוודאי רעכט. כ׳לעבן, ר׳ ישראל, איר דאַרפט זיך נישט אַזוי קווענקן. ס׳האַרץ טוט ממש וויי, ווען מ׳קוקט זיך צו, ווי איר האָט זיך אין דער לעצטער צייט געביטן.

ר׳ ישראל האָט ביטולדיק געשמייכלט און געטראַכט:

„וואָס פאַרשטייט ער דען, דער אַלטער שוטה? אַ למדן, אַ חכם, אָבער פאָרט אַ מלמד״. און אויפן קול האָט ער צוגעגעבן:

— ר׳ מאירל, אָבער אַז מען ווערט דערפון אליין געטראָפן? זענען עס דאָך נישט קיין וועלט־יסורים, נאָר פּערזענלעכע, מענטשלעכע צרות.

— כ׳פאַרשטיי נישט, ר׳ ישראל. וואָס פאַראַ צרות קען דען האָבן אַזאַ גביר, קיין עין הרע, ווי איר?

ר׳ ישראל האָט זיך צעשמייכלט. ער האָט אָבער נישט געענטפערט דעם מלמד. פּונקט אין דעם מאָמענט איז אים איינגעפאַלן אַ זייער וויכ־טיקע זאַך.

— בין איך דען פאַראַנטוואָרטלעך — האָט ער געטראַכט — פאַרן רויטן לייבושעס מעשים? וואָס הייסט זיי האָבן אָנגעקלאָגט פאַרן גע־ריכט. אָבער וואָס פאַראַ באַווייזן האָבן זיי, אַז איך האָב געהאַט אַ שייכות צום רויטן לייבוש? ער אליין איז נישטאָ, וועט מען אים במילא נישט קענען פאַרהערן. אויב מ׳זאָל אים אַפילו גוט זוכן, וועט מען אים אויך נישט געפינען. וואָס־זשע דאַרף איך טאַקע פאַר זיי מורא האָבן? דער רויטער לייבוש האָט אָפּגעטאָן די זאַך. אָבער ווי קום איך צו זיין דער־פאַר פאַראַנטוואָרטלעך?

וואָס מער ר׳ ישראל האָט געטראַכט וועגן דעם, אַלץ זיכערער איז ער געוואָרן ביי זיך. אַ צעשטראַלטער איז ער איצט געזעסן ביים טיש און אָנגעקוואָלן פון זיין אייגענער חכמה. די טיש־מענטשן האָבן באַ־מערקט דעם פּלוצימדיקן שינוי ביים גביר. זיי זענען געוואָרן אויפגע־לייגט. ביים טיש איז איצט אָנגעגאַנגען אַ פריילעכער שמועס. מ׳האָט געמאַכט איין לחיים נאָכן אַנדערן.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט זיך ר׳ ישראל מיט זיינע צוויי באַאמטע, דער שרייבער און דער בוכהאַלטער, אויפגעזעצט אויף אַ שליטן, צו וועלכן מ׳האָט צוגעשפּאַנט צוויי אויסגעפּאַשעטע קאַשטאַנעס און אַזוי איז מען אַוועקגעפאָרן קיין דראָהאָביטש צום אַדוואָקאַט.

***

פאַרן געריכט איז אָבער די זאַך נישט דורכגעגאַנגען אַזוי לייכט, ווי ליבערמאַן האָט געטראַכט. די ריבניקער ברידער זענען אויך נישט געווען קיין נאַראָנים און זיי זענען נישט געקומען צו ר׳ ישראלן ער זאָל זיי לערנען שכל. דעם פּראָצעס האָבן זיי צוגעגרייט מיט אַלע פּינטעלעך און דאָס געריכט האָבן זיי געהאַט אויף זייער צד.

ווען די צדדים זענען געקומען פאַרן ריכטער, האָבן די גאַרטענבערגס באַלד אָנגעהויבן צו טענהן, אַז ליבערמאַן האָט אויף זיי אָנגעשיקט די כנופיה און רק ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע שאָדנס, וואָס די

חברה־לייט האָבן געמאַכט. ר׳ ישראל ליבערמאַן האָט געלייקנט שטיין און ביין. נישט ער האָט געשיקט די כנופיה און נישט ער ווייסט עפּעס וועגן דעם רויטן לייבוש. דעמאָלט זענען די צוויי ברידער אַרויסגעקומען מיט אַן עדות. דער עדות איז געווען אַ חברה־מאַן, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער איז צוזאַמען מיט לייבושן געגאַנגען דעמאָלט אויף דעם „שטיקל אַרבעט״. דער חברה־מאַן האָט דערציילט דעם ריכטער, אַז ער איז צוזאַמען מיט לייבושן געווען ביי ליבערמאַנען, בעת דער לעצטער האָט געגעבן דעם באַפעל, אַז מ׳זאָל פאַרטרייבן פון דער קאַשערע די גאַרטענבערגישע אַרבעטער. דער עדות האָט מיט אַלע פּרטים באַשריבן דעם צוזאַמענטרעף און האָט כמעט וואָרט ביי וואָרט איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פונעם שמועס צווישן ר׳ ישראלן און דעם רויטן לייבוש.

ר׳ ישראל איז געבליבן אַ דערשטוינטער. צוויי זאַכן האָט ער נישט געקענט תופס זיין. ערשטנס, האָט ער געוווסט, אַז דער עדות איז אַ פאַלשער, ווייל מיטן רויטן לייבוש האָט ער געשמועסט אונטער פיר אויגן און ס׳איז לחלוטין נישט מעגלעך געווען, אַז עמעץ זאָל דערביי זיין. ר׳ ישראל האָט נישט געקענט באַגרייפן, ווי אַ ייד וואַגט זיך אונטער אַ הייליקער שבועה צו זאָגן פאַלש עדות. די צווייטע סיבה, צוליב וועלכער ר׳ ישראל איז געבליבן דערשטוינט, איז געווען די, וואָס בעצם איז כמעט אַלץ, וואָס דער חברה־מאַן האָט דערציילט וועגן ר׳ ישראלס שמועס מיטן רויטן לייבוש, געווען וואָר. דער צוזאַמענטרעף זייערער האָט טאַקע אויסגעזען אַזוי, ווי דער חברה־מאַן האָט אים געשילדערט און דער אינהאַלט פון זייער שמועס איז געווען דער זעלבער, האָט טאַקע ר׳ ישראל נישט פאַרשטאַנען, פון וואַנען דער דאָזיקער מענטש ווייסט דאָס אַלץ אַזוי פּינקטלעך, אויב בעתן שמועס איז קיינער נישט געווען חוץ אים און דעם רויטן לייבוש.

ליבערמאַנס אַדוואָקאַט האָט דעם חברה־מאַן ויענומען אויף אַ קרייצפאַרהער. יענער האָט זיך אָבער פעסט געהאַלטן ביים זייניקן און דער אַדוואָקאַט האָט נישט געקענט אַרויסגעפינען קיין שום גרונט מבטל צו מאַכן זיין עדות־זאָגן. דער ריכטער האָט אָנגענומען דעם עדות און אַרויסגעגעבן דעם אורטייל. ר׳ ישראל ליבערמאַן האָט פאַרשפּילט.

אויך אין דער העכערער געריכטס־אינסטאַנץ האָט ר׳ ישראל פאַר־

שפּילט די אַפּעלאַציע. ער האָט געמוזט באַצאָלן די גאַנצע אַנטשעדיקונג, וואָס די צוויי ברידער האָבן געפאָדערט און חוץ דעם נאָך אַן אוצר געלט פאַר פּראָצעס־הוצאות.ביים סוף איז ער נאָך געווען צופרידן, וואָס ער איז אָפּגעקומען בלויז מיט געלט. נאָך אַזאַ אורטייל פונעם ציווילן געריכט האָט ר׳ ישראלן געדראָט אַ קרימינעלער פּראָצעס פאַר אָנשיקן די כנופיה אויף די גאַרטענבערגס. ס׳האָט ר׳ ישראלן געקאָסט נאָך אַ סך געלט דאָס אויסקויפן זיך פונעם פּראָקוראָר.

דער דאָזיקער משפט, וואָס אין בּאָריסלאַוו האָט מען אים גערופן „דער גרויסער פּראָצעס", איז דער אָנהייב פון ישראל ליבערמאַנס ירידה. די פּאָזיציע פונעם ערשטן גביר אויפן באָריסלאַווער געביט האָט ער ענדגילטיק פאַרלוירן און ער האָט זיך געמוזט צוגעוווינען צום פאַקט, אַז די צוויי אויפגעקומענע ברידער האָבן אים שוין ווייט איבערגעיאָגט. דאָס צוגעוווינען זיך צום דאָזיקן געדאַנק האָט אים געקאָסט אַ סך געזונט און די גאַנצע זאַך האָט איבערגעלאָזט אַן אומהיילבאַרע ווונד אין זיין האַרץ. ער האָט געמוזט אויפגעבן דאָס פירן די אַקטיווע מלחמה, אָבער די האָפענונג אָפּצוצאָלן אַמאָל זיינע דם־שונאים האָט ער קיינמאָל נישט אויפגעגעבן. ער האָט אין זיך געטראָגן אַ נישט געשטילטן האַס, אַ האַס פון אַ באַזיגטן צו זיין באַזיגער, אַ האַס פון אַ יורד צו אַ ניי אויפגעקומענעם גביר.

זינט יענעם פּראָצעס האָט זיך פון ר׳ ישראלן אָפּגעקערט דאָס מזל. ס׳האָט ביי אים אָנגעהויבן צו גיין באַרג אַראָפּ. געשעפטן פלעגן נישט געלינגען. ווו ער האָט געשטעלט אַ פוס, איז געוואָרן שלעכט. דאָס עשירות האָט אָנגעהויבן אויסצורינען, דאָס גרויסקייט פאַרשווינדן. בלויז ווי אַן אָנדענק פון זיין גבירישן אַמאָל איז ביי אים געבליבן דאָס רחבותדיקייט אין זיין לעבנס־שטייגער און ברייט־צעעפנטע טירן פון זיין הויז, ווו ער פלעגט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן אויפנעמען כלערליי אורחים. זיי מקרב זיין און באַשפייזן.

ו.

אין כאַטיליעס מלוכה

כאַטש משה האָט אויפריכטיק געשטרעבט צו דעם, אַז כאַטיליע זאָל מיט אים זיין גליקלעך, איז זייער צוזאַמענלעבן אין די ערשטע פופצן יאָר נאָך דער חתונה נישט געווען קיין גלענצנדיקס. קיין אויסערלעכע סיבות, וואָס וואָלטן געקענט שטערן דאָס גוטע צוזאַמענלעבן צווישן דעם פּאָרפּאָלק, זענען גאַנץ זיכער נישט געווען. אדרבה, אויב מעסטן לויט די אויסערלעכע סיבות, וואָלט דאָס צוזאַמענלעבן געדאַרפט זיין דאָס סאַמע בעסטע. אַ קאָרג יאָר נאָך דער חתונה איז געשטאָרבן ר׳ גדליה ריינגעווירץ און געציילטע חדשים נאָך אים איז כאַטיליעס מוטער אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט. כאַטיליע איז געבליבן אַ קיילעכדיקע יתומה און דער איינציקער נאָענטער מענטש, וואָס איז איר געבליבן אויף דער וועלט, איז געווען דער מאַן. באַלד דערנאָך האָט כאַטיליע אָנגעהויבן צו קינדלען און אין משך פון עטלעכע יאָר האָט זי פיר קינדער געבראַכט אויף דער וועלט. משהס עשירות האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. פון יאָר צו יאָר האָט זיך פאַרגרעסערט דער פאַרנעם פון זיינע עסקים און עס זענען געוואַקסן זיינע הכנסות.

אַזוי אַרום איז געווען אַ גענוגנדיקער גרונט, אַז כאַטיליע זאָל זיך צובינדן צום מאַן און צו איר פיין איינגעאָרדנטער היים און זי זאָל זיך פילן גליקלעך. אָבער כאַטיליע האָט זיך אין די ערשטע יאָרן נישט געפילט גליקלעך. צווישן מאַן און ווייב זענען געווען גאַנץ ערנסטע גרילצן און מיספאַרשטייענישן, וואָס האָבן אָפט געשטערט דאָס שלום בית. שולדיק אין דעם איז אין דער ערשטער ריי געווען די פאַרשידנקייט פון זייערע כאַראַקטערן, וואָס האָט זיך ווי אַ שווערע משא געלייגט צווישן זיי ביידע און נישט דערלאָזט צו אַ דערגרייכונג פון אַ פשרהדיקן לעבנס־

וועג, וואָס וואָלט געקענט זיין גלייך אָננעמבאר פאַר ביידע, פאַר משהן און פאַר כאַטיליען.

משה איז לויט זיין כאַראקטער און אויפפירונג געבליבן אויך ווייטער' דער גראָבער נפש, וואָס האָט אינגאנצן געאָטעמט און געלעבט מיט זיינע געשעפטלעכע ענינים. זיין וועלט האָט זיך אָנגעהויבן און געענדיקט ביי השבונות, זיינע אַלע חושים זענען געווענדט געווען צו איין איינציקן ציל: פאַרגרעסערן דאָס רייכטום. כאַטיליע האָט געהאט גאַנץ אַנדערע נייגונגען און שטרעבונגען. פון איר פאָטער האָט זי געירשנט אַ ביסל פילאָזאָפישע באַציאונג צו דער וועלט און צו אַלעמען, וואָס די וועלט גיט דעם מענטש. עשירות איז נישט מער, ווי אַן איבערגייענדיקע זאַך. עשירות קומט און קען, חלילה, אַוועקגיין, איבערלאָזנדיק אין האַרצן ווונדן און אַנטוישונגען. פון עשירות מאכן דעם גאַנצן אינהאַלט פון לעבן איז נישט כדאי. עס איז אַפילו געפערלעך, ווייל אַמאָל קען מען זיך אויף דעם שטאַרק אָפּבריען. מען קען פאַרלירן די נשמה, די מענטשלעכע צורה.

פאַר כאַטיליען איז עשירות געווען אַ מיטל צום ציל. דער ציל גופא איז געווען טראָגן הילף צו נויטבאַדערפטיקע. מענטשן, וואָס דער גורל האָט צו זיי נישט געטאָן קיין שמייכל, וואָס זענען שווער געפרוווט געוואָרן אין לעבן און האָבן געמוזט אָנקומען צו פרעמדע, אַזעלכע מוז מען העלפן און כאַטיליע האָט אויף זיך גענומען דעם עול דאָס צו טאָן.

און אָט אויף דעם געביט האָט משה בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין זיין ווייב. ער האָט זי אַרומגערינגלט מיט אַ לוקסוס, וואָס די וועלט האָט עס אַזעלכעס נישט געזען. וואָס מען קען זיך נאָר אויסחלומען, דאָס אַלץ האָט משה געבראַכט כאַטיליען. דערמיט האָט משה געמיינט צו סילוקן אַ חשבון, אָפּצוצאָלן כאַטיליען דעם חוב, וואָס איר איז געקומען מצד דער השגחה. זי, אַ פריצישע טאָכטער איז געוואָרן זיין ווייב, דאָס ווייב פון אַן אויפגעקומענעם גביר און אַ נישט געלערנטן מענטש. משה האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען און אין האַרצן פלעגט זיך ביי אים אָפּרופן אַ געפיל פון רחמנות צו זיין כאַטיליען.

— איר איז געקומען אַ זיידענער יונגערמאַן פאַר אַ מאַן — האָט ער געטראַכט אין אַזעלכע מאָמענטן — אַ בן תורה, צי עךווייס וואָס, אַן

אַדוואָקאַט, אָדער אַ דאָקטער. און וואָס בין איך? משה ריבניקער, וואָס אַמאָל פלעגט מען מיך רופן משה גוי.

אין אַ מאָמענט פון אַזאַ שוואַכקייט פלעגט משה כאַטיליען אין אַלעמען נאָכגעבן. וועגן קיין שום זאַך האָט ער זיך נישט געשפּאַרט מיט איר און וואָס זי האָט פון אים געפאָדערט, האָט ער איר צוליב געטאָן. נאָר ווייבאַלד ער האָט זיך באַפרייט פון דער דאָזיקער שוואַכקייט, איז ער שוין געווען אַן אַנדערער מענטש. אַ צעכעסטער און אַ וואָרטשענדיקער פלעגט ער זיך אַרומדרייען איבערן הויז און אָפט פלעגט ער אָפן ברענגען צום אויסדרוק זיין פאַרדרוס. פאַרדראָסן האָבן אים אַ סך זאַכן. קודם־כל די גבאיטעס, וואָס האָבן זיך געמאַכט אַ נעסט אין זיין הויז. משה האָט נישט געקענט תופס זיין, אַז אַ פרוי, וואָס דאַרף טראַכטן פאַר אַ גאַנצער שטוב, דאַרף דערציען קינדער, קען זיך טאָג־איין, טאָג־אויס פאַרנעמען מיט פוסטע זאַכן, מיט קהלישע נאַרישקייטן, וואָס ברענגען נישט אַריין דאָס, וואָס אַ שמעק טאַבאַק איז ווערט. ווי קען עס געמאָלט זיין, אַז אַזאַ פיינע פרוי, ווי כאַטיליע, אַ סאַלאָן־דאַמע, זאָל כסדר פירן עסקים מיט אַלטע, פאַרשמוציקטע ווייבער, וואָס האָבן ניין מאָס רייד און ס׳גייט זיי שטענדיק אָן, וואָס ס׳טוט זיך ביי יענעם אין טעפּל.

במשך פון אַ לאַנגער צייט איז משה דערגאַנגען כאַטיליען די יאָרן צוליב די דאָזיקע גבאיטעס. כאַטיליע האָט געשוויגן, אָבער זי האָט ווייטער געטאָן דאָס איריקע. נאָר אַמאָל, ווען משה איז געוואָרן צו פיל צודרינגלעך, האָט ביי כאַטיליען געפּלאַצט דאָס געדולד און זי האָט אים אַריינגעזאָגט:

— וואָס מיינסטו, משה — איר שטימע איז געווען רואיק, ווי שטענדיק — די פאַר גילדן, וואָס דו פאַרמאָגסט, זענען שוין דאָס גאַנצע לעבן? נישט אויף לויטער עולם־הזה שטייט די וועלט. פאַר עולם־הבא דאַרף מען אויך זאָרגן.

— נו, כ׳האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזוי פרום.

— יאָ פרום, נישט פרום — האָט זי קורץ אָפּגעשניטן — ס׳זענען דאָ זאַכן, וואָס דו קענסט זיי נישט פאַרשטיין. פאַר דער חתונה האָב׳מער אונדז אָפּגעמאַכט, אַז דו וועסט זעך נישט אַריינמישן אין מיינע געשעפטן. וויל עך דעך בעטן דו זאָלסט האַלטן וואָרט. דאָס וואָס עך טו,

האָט נישט צו טאָן נישט מיט נאַפּט און נישט מיט וואַקס. צו דיין קאָפּ קומט עס יעדנפאַלס נישט. זייַ־זשע מוחל, משה, און היט דיר דיינע געשעפטן. מעך אָבער זאָלסטו אָפּלאָזן.

ווי אַן אָפּגעשמיסענער איז משה געבליבן שטיין אַנטקעגן זיין ווייב. ער האָט פאַרלוירן דאָס לשון און אין זייַן קאָפּ האָבן זיך געפּלאָנטערט פאַרשידענע געדאנקען. כאַטיליעס אויסגעצייכלטע ווערטער האָבן אים נאָך געקלונגען אין די אויערן. ער האָט אין זיי געהערט פאָרווורפן און נישט דערזאָגטע אָנצוהערענישן. ער האָט אויף איר געקוקט מיט שולדיקע אויגן און אויף זיין פּנים האָט אויפגעבליט זיין אייגנאַרטיק גארעשעוואטע שמייכעלע. משה האָט גוט פאַרשטאנען כאַטיליעס נישט דערזאָגטע געדאנקען:

— נישט פאַר דיין גויישן שכל און נישט פאַר דיין גראָבער נשמה קענען פאַרשטענדלעך זיין די דאָזיקע איידעלע ענינים, מיט וועלכע איך פאַרנעם מיך. טשעפּע זיך פון מיר אָפּ און גיי דיר צו דיינע גנבהשע נאַפּט־געשעפטן.

יאָ, דאָס האָט זי זיכער געמיינט, כאַטיליע, זי האָט עס בלויז געזאָגט מיט דעליקאַטע ווערטער, אָבער ער, משה, איז אַ מבין און ער פאַרשטייט אויפן ווינק אירע רעיונות אין נישט דערזאָגענישן. האָט ער זי אָפּגעלאָזט און מער זי נישט געטשעפּעט. אָבער אין האַרצן איז אים אויף לאנג געבליבן אַ ווייטיק, ער האָט זיך געהיט אים אַרויסצוברענגען פאַרן מויל. ער האָט אים געשטיקט אין זיך.

דאקעגן כאַטיליע האָט זיך פון אַלעמען געמאַכט נישט וויסנדיק. זי האָט ממשיך געווען איר אַרבעט און אַנטוויקלט אַ גאַנצע צדקה־באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגענומען אַ צענדליק פאַרשידענע געזעלשאַפטן און פאַריינען. דער הכנסת־כלה־פאַריין האָט זיך פאַרנומען מיט חתונה מאַכן יונגע, אָרעמע פאָר פעלקער, דער שפּיטאָל־פאַריין האָט באַזאָרגט מיט כשר עסן יידישע קראַנקע אינעם שטאָטישן שפּיטאָל, „מתן בסתר" האָט געטראָגן הילף צו פאַרבאָרגענע יורדים, וואָס האָבן זיך געשעמט אַרויסצוגיין אין גאַס מיט אַן אויפגעשטעלטער האַנט. חוץ די דריי אויסגערעכנטע האָט כאַטיליע געגרינדעט נאָך אַ סך אַנדערע כאַריטאַטיווע פאַריינען.

די גבאיטעס פון אַלע פאַריינען פלעגן זיך כמעט יעדן אָוונט צו־זאַמענקומען אויף זיצונגען ביי כאַטיליען אין איר בלויען ווינטער־סאַלאָן. די טריט פלעגן זיך דאָ פאַרליר̇ן אין דער הויכער פּוכיקייט פונעם גרויסן פּערסישן טעפּיך, וואָס איז געווען פון אַ דינעם הימל־בלויען קאָליר, פּונקט אַזוי ווי די ווענט פונעם גרויסן צימער. זיצן פלעגט מען דאָרט אין ווייכע, מיט בלויען פּליוש אויסגעבעטעטע פאָטעלן און בעת־מעשה האָט דאָס דינסט־מיידל סערווירט טיי און קוכן אין דינעם פאַר־צעלייענעם געשיר. די צוויי גרויסע בליץ־לאָמפּן, וואָס האָבן אַראָפּגע־האָנגען פונעם דיל, האָבן פון אונטער זייערע בלויע אַבאַזשורן פאַר־פלייצט דעם סאַלאָן מיט אַ מבול פון ווייכן ליכט, וואָס האָט אַזוי באַ־רואיקנדיק געווירקט אויף די אויגן.

כאַטיליע איז געווען די פּרעזידענטין פון אַלע פאַריינען. זי האָט געפירט די זיצונגען פון איר גרויסער שטול, וואָס איז געווען פאַרצויגן מיט אַ בלויער חופּה און האָט אויסגעזען, ווי אַ קיניגלעכער טראָן. פון צווישן אירע הויך פאַרקעמטע האָר האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסצוקוקן זילבערנע שטרייפעלעך, כאָטש איר פּנים האָט נאָך געשיינט מיט אַ ראָזיקער פרישקייט און אירע אויגן זענען פול געווען מיט יוגנטלעכן גלאַנץ.

ביי אַ באַזונדערן טישל איז געזעסן די קליינע רבקה רחל. אַ מיידל פון אַ יאָר אכצן. זי איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ, וואָלן קליידל און אַ פּאָר שוואַרצע, הויך פאַרשנורעוועטע שיך. די דאָזיקע רבקה רחל איז געווען כאַטיליעס רעכטע האַנט. כאָטש צום שרייבן איז זי נישט געווען צו פיל געשיקט, האָט זי דאָ געהייסן די שרייבערקע. איר אויפ־גאַבע איז געווען צו פאַרצייכענען אויף אַ בויגן פּאַפּיר דאָס וויכטיקסטע, וואָס מען האָט גערעדט אויף די זיצונגען. דער עיקר, די נעמען פון די מענטשן, צו וועלכע מען דאַרף גיין נעמען געלט. רבקה רחלס אַרבעט פלעגט זיך נישט ענדיקן ביים שרייב־טישל. דאָ האָט זי זיך ערשט אָנ־געהויבן, וואָרום דאָס רוב פלעגט זי טאַקע אַליין אויך גיין אויפמאָנען דאָס געלט.

ביים אויפמאָנען די דאָזיקע געלטער האָט רבקה רחל אַרויסגעוויזן אַ זעלטענע געשיקטקייט. זי האָט די דאָזיקע אַרבעט געמאַכט מיט אַזוי

פּיל איבערצייגונג און חן, אַז קיינער האָט איר נישט געקענט אָפּזאָגן. זי פלעגט אַריינקומען אין אַ גבירישער שטוב, אַוועקשטעלן זיך אין עק פון דער קיך און שטיל וואַרטן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ווי זי וואָלט, ח"ו, געקומען בעטן אַ נדבה פאַר זיך. דער בעל־הבית האָט געוווּסט וואָס איר באַזוך מיינט. איז ער אַרויסגעקומען אין דער קיך און געפרעגט:

— רבקה רחל, דו ביסט שוין ווידער דאָ? וואָס איז עפּעס נייעס? וואָס גייט איר עפּעס ווידער אויפטאָן?

— די פרוי גאַרטענבערג האָט מיך צו אייך געשיקט — האָט רבקה רחל געענטפערט, נישט אויפהויבנדיק די אויגן — דער פאַריין מאַכט חתונה ראַניעלע די יתומה מיט לייבושן, דער וואַסער־טרעגער. דאָס פּאָרפאָלק איז שוין גאַרנישט יונג און ס'איז פּשוט אַן עבירה צו לאָזן זיי זאָלן זיך ארומדרייען פּוסט און פּאַס. דאַרף מען, הייסט עס, איינקויפן פאַר זיי עפּעס אין שטוב אַריין, עפּעס אָנצוטאָן, נו און די חתונה אַליין? די פרוי גאַרטענבערג גיט צו שטייער אַ העלפט פון דער גאַנצער הוצאה. די צווייטע העלפט דאַרפן געבן אַלע בעלי־בתים און איר צווישן זיי. וועט איר אַזוי גוט זיין מיר געבן עטלעכע גולדנס און אין דעם זכות וועט אייך דער אויבערשטער העלפן מיט הצלחה און מיט כל־טוב.

רבקה רחל האָט געקענט דעם צויבער פונעם נאָמען גאַרטענבערג. דעריבער האָט זי זיך ביי יעדער געלעגנהייט אויף אים פאַררופן. כמעט שטענדיק האָט ער געווירקט. דראָהאָביטשער יידן זענען צוגעוווינט געוואָרן צו געבן געלט אויף צדקה־צוועקן.

אָט די דאָזיקע רבקה רחל איז געווען כאַטיליעס רעכטע האַנט. זי האָט געפירט די „פּראָטאָקאָלן" פון די זיצונגען, כאָטש זי איז נישט געווען קיין גרויסע קענערין אין די אותיות. דער מקור פון איר בילדונג איז געווען שרה די רביצין, וואָס פלעגט אַרומגיין איבער יידישע שטיבער און לערנען מיט מיידלעך. שרהס לימוד־פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון עטלעכע תפילות אויף אויסנווייניק, מיט אַ צוגאָב פון אַ ביסל עברי און פון לייענען דעם „גאָט פון אברהם" אין דער צאינה וראינה. רבקה רחל איז ביי שרהן געווען די בעסטע שילערין. האָט זי שרה אויסגעלערנט נאָך שרייבן יידישע אותיות. האָט רבקה רחל געשטעלט אויפן פּאַפּיר אירע קרום־געהאַקטע, מגושמדיקע יידישע אותיות מיט די

פתחס, סגלס און קמצס אין דער נידער. דאָס געשריבענע לשון איז ביי איר אַרויסגעקומען דייטשמעריש און איר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז די שפּראַך פון דער צאינה וראינה, די שפּראַך, וועלכע זי האָט געהאַלטן פאַרן סאַמע אידעאַל פון שיינקייט.

כאַטיליע איז אויף רבקה רחלען געווען אַ גוטע מבינטע. זי האָט ביי איר באַהעלפערין נישט געזוכט קיין ווילקענערישקייט. זי האָט אין דעם מיידל געשאַצט איר ערלעכקייט און פרומקייט, איר איבערגעגעבנקייט פאַר דער צדקה־אַרבעט. רבקה רחל איז אַליין געווען אַן אָרעם קינד. אין אירע יונגע יאָרן איז ביי איר, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, געשטאָרבן דער טאַטע. די מאַמע איז געבליבן אַן אלמנה מיט פיר קינדער. האָט זי געמוזט זיך אַליין נעמען צום מסחר, כדי מפרנס צו זיין די הונגעריקע שטוב. זלאַטעס פּרנסה איז נישט געווען קיין גלענצנדיקע. אַ גרויסן קויש מיט בייגל האָט זי געשלעפּט איבער דער גאַנצער שטאָט און פון דעם האָט זי געצויגן איר בצימצומדיקע חיונה.

ווען רבקה רחל האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען צו כאַטיליען, איז איר מוטער, זלאַטע, געווען דערפון קנאַפּ נתפּעל. זי וואָלט ליבערשט געוואָלט, אַז דאָס מיידל זאָל זיך נעמען צו עפּעס אַ ממשותדיקער אַרבעט און וואָס נישט איז אַריינברענגען אין שטוב אַריין. דאָס דחקות איז געווען זייער גרויס און אין שטוב איז געווען נאָך אַן עלטערע שוועסטער, וועמען מ׳האָט געדאַרפט חתונה מאַכן. ביי אַזעלכע אומשטענדן איז דער מאַמעס פאַרדרוס געווען אַ פולשטענדיק באַרעכטיקטער. אַ דערוואַקסן מיידל, וואָס וואָלט געקענט גאַנץ שיין פאַרדינען, ווען זי גייט אַריין אַרבעטן צו אַ שניידערקע, האָט טעג און נעכט געפּטרט ביי קהלישע געשעפטן, וועלכע האָבן נישט אַריינגעבראַכט וואָס אַ שטרוי איז ווערט. חדשים־לאַנג האָט זלאַטע געאַרבעט מיט רבקה רחלען און באַמיט זיך זי צו איבערצייגן, אַז זי דאַרף ווערן אַ מענטש. ס׳זענען געווען אַרויס־געוואָרפענע רייד. די מאַמע האָט גערעדט און די טאָכטער האָט ווייטער געטאָן דאָס אירינקע.

אין אַ געוויסן טאָג האָט אָבער זלאַטע געמוזט ענדערן איר באַ־ציאונג צו רבקה רחלס פירונג. דאָס איז געשען דעמאָלט, ווען ס׳האָט זיך שוין געהאַט דערנענטערט די צייט פון דער התונה פון רבקה רחלס על־

טערער שוועסטער. זלאַטע איז פּשוט געווען פאַרצווייפלט. זי האָט לחלוטין נישט געוווּסט, פון וואַנען זי וועט נעמען דאָס געלט, וואָס איז נויטיק צום חתונה מאַכן. אויסשטייער פאַר דער כּלה. אַפילו ווי אָרעם, אָבער פונדעסטוועגן מוז מען דאָך עפּעס מאַכן. אַ פּאָר זאַכן אַריינצושטעלן אין שטוב אַריין. און היינט די חתונה גופא. און נאָך דער חתונה דאַרף מען דאָך פּרנסה פאַרן פּאָרפאָלק. דער חתן איז געווען אַ בית־המדרש־בחור און האָט גאָרנישט געוווּסט ווי מען נעמט זיך צו עפּעס אַן אַרבעט. זלאַטע איז אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען אַ פאַרדאגהטע און נישט געוווּסט ווו איין און ווו אויס. ביז איין מאָל האָט איר רבקה רחל געבראַכט אַ נייעס:

— מאַמע, די פרוי גאַרטענבערג האָט געזאָגט דו זאָלסט צו איר אַרויפקומען.

— די פרוי גאַרטענבערג? — האָט זלאַטע איבערגעפרעגט און איר שטימע איז געווען פול מיט חידוש און דרך־ארץ פאַרן גבירישן נאָמען.

— וואָס דאַרף זי מעך?

— כ׳ווייס נישט, מאַמע. זי דאַרף דעך עפּעס.

נאָכן באַזוך ביי כאַטיליען האָט זיך זלאַטע געביטן, ווי נישט זי וואָלט עס געווען. מ׳האָט זיך שוין אויף אַ רעכטן אמת אָנגעהויבן צו גרייטן צו דער חתונה. ס׳איז געווען אי אויסשטייער, אי אַ דירה און ס׳איז נאָך געבליבן געלט אויף צו עפענען אַ קלייטל. באַלד נאָך דער חתונה האָט רבקה רחלס שוועסטער אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט מעל און מיט גרויפּנס אויפן שטאָטישן קליינעם מאַרק־פּלאַץ.

זינט דעמאָלט האָט זלאַטע נישט געשטערט רבקה רחלען אין איר צדקה־אַרבעט. אדרבה, זי האָט ערשט איצט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס פאַראַ ווילכטיקע זאַכן ס׳ווערן אויפגעטאָן דאָרט, ביי דער יידישער פּריצהטע אין אירע סאַלאָנען. מיט ליבשאַפט און שטאָלץ האָט איצט זלאַטע געקוקט אויף איר טאָכטער, וואָס איז צו דעם אַלעמען אַ שותפטע.

בעת די זיצונגען אין כאַטיליעס בלויען סאַלאָן, פלעגט רבקה רחל אַ שטילעטשקע זיצן ביי איר טישל און כאַטיליע פלעגט פירן דעם שמועס מיט די פאַרזאמלטע ווייבער. כמעט אַ יעדע זיצונג פלעגט זי אָנהייבן מיט דעם זעלבן שפּרוך:

— מיין גאָטזעליקער פאָטער זאָגטע, דאָס גוטע טאָטן זינד די פונ־דאַמענטן דער וועלט. דער־בער איז אונדזער חוב צו טאָן צדקה און צו העלפן אַלע אָרעמע מענטשן.

אויך אין מיטן פון אַ שמועס פלעגט זי פלוצים אַריינפלעכטן אַ דערציילונג וועגן ר׳ גדליהן. ווי ער האָט זיך געחברט מיט די סאַמע גרעסטע פוילישע פריצים, ווי ער האָט מקרב געווען גוטע יידן און ווי ס׳האָבן אים נאָך דער פטירה מספיד געווען גדולים פון דער תורה־וועלט.

די ווייבער האָבן מיט אָפענע מיילער זיך צוגעהערט צו די רייד פון דער גבירישער יחסנטע און זיי האָבן זיך געפילט שטאַרק געהויבן, וואָס זיי זיצן צוזאַמען מיט איר און טוען בשותפותדיק די זעלבע אַרבעט, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען אירע חברטעס.

אין שטאָט האָבן אַ שם געהאַט כאַטיליעס פורימדיקע סעודות. פורים איז פונעם סאַמע פרימאָרגן אָן כאַטיליעס שטוב געשטאַנען אָפן פאַר אַלעמען. אין דער גרויסער עס־שטוב, וואָס איז אַרומגעשטעלט גע־ווען מיט שווערע מאַהאָניענע מעבל, זענען אַוועקגערוימט געוואָרן די טעפּיכער און די בלאַנקענדיקע פּאַרקעט־קוואַדראַטן האָבן געגלאַנצט מיט פרישער אויסגעפוצטקייט. אין דער לענג פון דער גרויסער שטוב זענען געווען אויסגעשטעלט דריי אַרויסגערוקטע טישן, געדעקטע מיט ווייסע טישטעכער. צוויי טישן זענען געווען פול אָנגעשטעלט מיט פאַנען און בלעכן. ביים דריטן טיש איז געזעסן כאַטיליע, אָן אויסגעפוצטע אין אַ שווארץ סאַמעטענעם קלייד מיט אַ ווייס־געשפּיצטן קעלנערל, פּאַרקנע־פּלט אונטערן האלדז. פאַר כאַטיליען זענען געשטאַנען טורעמלעך פון כלערליי צוזאַמענגעלייגטע מטבעות, אָנהייבנדיק פון קופּערנע זעקסערס ביז צו זילבערנע גולדנס, גבאיטעס אין קופּקעס אָדער שייטלען אויף די קעפּ האָבן זיך געפּאָרעט אַרום די צוויי טישן זיסוואַרג. פרומעט די סאַרווערין האָט כסדר צוגעטראָגן פון דער קיך פרישע המן־טאַשן, לעקע־כער און פלאָדנס.

מענטשן זענען אַריינגעקומען און אַרויסגעגאַנגען. פאַרשטעלטע ביחידות, אָדער געפּאָרט, צומאָל גאַנצע גרופּעס, זענען געקומען און האָבן אָפּגעזאָגט זייערע פורימדיקע פּזמונות. זיי האָבן געגומען, וואָס מ׳האָט זיי געגעבן. אַ טרונק בראָנפן, אַ פּעקל פורים־געבעקס און אַ מטבע פון

כאַטיליעס טיש. ס׳האָבן אויך נישט אויסגעפעלט קיין „קאָמעדיאַנטן״, וואָס זענען געקומען אָפּשפּילן דעם פּורים־שפּיל מיט אסתר המלכה, מרדכי און המן. כאַטיליע האָט אַלעמען אויפגענומען מיט אַ שמייכל און מיט אַ ברייטער האַנט האָט זי געטיילט און געטיילט.

נאָכמיטאָג האָט זיך אָנגעהויבן צו ווייזן אַ מער חשובער עולם. ווייניקער פאַרשטעלטע און מער יידן אין בעקעשעס און רונדיקע סאַמעט־טענע קאַפּעליושן. הדרת פּנימדיקע רביישע אייניקלעך, קהלישע קאָך־לעפל, וואָס זענען געגאַנגען זאַמלען געלט פאַר דער תלמוד תורה און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע צוועקן. פאַר אַזעלכע געסט זענען געווען צוגעגרייט בענקלעך. מ׳האָט זיי געבעטן זיצן און מכבד געווען כיד המלך.

משהן זענען די דאָזיקע „פּרימאָרגנדיקע חתונות״ לחלוטין נישט געווען צום האַרצן. געזאָגט האָט ער אַפילו, אַז ס׳אַרט אים נישט, וואָס כאַטיליע פּטרט אויף דעם אוצרות געלט. ער קען בלויז נישט אָנקוקן די גבאיטעס, וואָס זשאַנדזען זיך אין זיין שטוב. כאַטיליען האָבן ווידער נישט געאַרט משהס פּראָטעסטן און נישט האָבנדיק קיין ברירה, פלעגט משה יעדן פּורים אין דער פרי אַרויסגיין פון דער שטוב און ער פלעגט צוריקקומען ערשט פאַרנאַכט, ווען מ׳האָט זיך אָנגעהויבן צו גרייטן צו דער סעודה. אויף דער סעודה איז שוין משה געווען דער בעל־הבית. צו דער סעודה פלעגן קומען בלויז איינגעלאַדענע געסט, משהס פריינט און גוישע פּריצים, מיט וועלכע מ׳האָט געדאַרפט „גוט לעבן״. די הויפּט־געסט זענען געווען דער סטאַראָסטע, דער בירגערמייסטער, דער פּאָרזיי־צער פונעם געריכט מיט עטלעכע ריכטערס און דער מאַרשאַלעק פונעם אויטאָנאָמישן באַצירקס־ראַט. זיי פלעגן קומען מיט די ווייבער און קינדער און ס׳האָט זיי שטאַרק הנאה געטאָן גוט זיך אָנצועסן אויף אַ רייכער יידישער סעודה.

דער זייל פון די דאָזיקע סעודות איז געווען יוסף הערש שטערנבאַך, משהס אַ נאָענטער ידיד און אַ „מענטש״. אין יוסף הערשן האָט זיך משה געשפּיגלט, ווי אין אַ צירונג, מחמת יוסף הערש איז נישט בלויז געווען אַ יונגערמאַן, אַ תלמיד חכם, נאָר ער איז אויך געווען שטאַרק געלערנט אין דייטש און אין פּויליש. ער האָט זיך געטראָגן האַלב דייטש, האָט

געהאט אַ קליין קמץ־בערדל און די צונג פלעגט זיך ביי אים נישט צאַפּ־שטעלן. פון אַלעמען האָט ער געוווסט און אַלץ האָט ער געקענט און אָן אים וואָלט זיך משה נישט געקענט קיין עצה געבן אויף דער סעודה, ווו עס זענען געווען אַזויפיל הויך־געשטעלטע געסט, וועלכע מ׳האָט גע־דאַרפט פאַרוויילן מיט אַן אינטערעסאַנטן שמועס.

אמת, משה האָט איצט געגומען לעקציעס פון דייטש און פּויליש ביי די זעלבע לערערס, וואָס האָבן געלערנט זיינע אונטערוואַקסנדיקע קינ־דער. ער האָט אויך געצוואונגען כאַמיליען, זי זאָל ביייווינען און אויך לערנען. ס׳האָבן גאָרנישט געהאָלפן אירע טענות, אַז דאָס, וואָס זי קען איז פאַר איר גענוג. אין דעם פּרט האָט משה בשום אופן נישט גע־וואָלט אָפּטרעטן. ער האָט געטענהט, אַז אַזעלכע מענטשן ווי זיי, וואָס זענען דאָס אויבערשטע פונעם שטייסל אין דער שטאָט, מוזן אומבאַ־דינגט זיין אינטעליגענט. וואָס ס׳מיינט זיין אינטעליגענט, דאָס האָט משה אויפגעקלערט כאַמיליען אויף פאָלגנדיקן אופן: מ׳מוז אַ סך קענען און פון אַלעמען וויסן, אַזוי ווי, למשל, יוסף הערש שטערנבאַך, וועל־כער ווייסט אַלץ, וואָס שטייט געשריבן אין די דיקע ביכער. ער קען אויפ־קלערן פאַרשידענע אינטערעסאַנטע סודות: ווי אַזוי ס׳פאָרט די באַן, אַז פערד שלעפּן זי נישט און ווי אַזוי אַ בריוו קען במשך פון עטלעכע שעה איבערגעטראָגן ווערן דורך אייזערנע דראָטן אויף אַ ווייטן מהלך.

משה וואָלט שטאַרק געוואָלט פאַרשטיין די אַלע סודות, כדי צו קענען פריי שמועסן מיט די פּריצים. פּונקט ווי ס׳טוט עס יוסף הערש. משה האָט אַפילו איינגעקויפט אין שטוב אַריין אַ סך שיינע ביכער, אַלע עלעגאַנט געבונדן אין לעדער פון ברויגעם קאָליר. די ביכער שטייען אויסגעשטעלט אין גלייכע שורות אינעם מאהאָגאָניענעם שאַנק, וואָס זיינע טירלעך זענען פון אַ דיקן קרישטאָל־גלאָז. די ביכער און די שאַנק באַ־צירן זייער פיין משהס שרייב־צימער. נאָר ביי דעם ענדיקט זיך זייער ווערט פאַר משהן, וואָרום ער פאַרשטייט נישט, וואָס ס׳שטייט אין זיי אָנגעשריבן. וויל ער איצט ביי זיינע עטלעכע און פערציק יאָר ענערגיש נע־מען זיך צום לערנען און נאָכיאָגן אַלץ, וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט. ער וויל אויך, אַז זיין ווייב זאָל ווערן אַן אמתדיקע סאַלאָן־דאַמע. זי זאָל קענען אויפנעמען ביי זיך פּריצישע פרויען און שמועסן מיט זיי וועגן

אינטערעסאַנטע וועלט־זאַכן, וועגן מאָדע, מוזיק, ליטעראַטור און וועגן אַלעמען, וואָס מ׳שמועסט אין די גרויסע סאַלאָנען.

אָבער משה האָט נישט קיין מזל צו אָט די אַלע זאַכן. כאַטילע ווייזט אַרויס אַן אָפּענעם אומווילן צום לערנען און ער אַליין? אים קריכט עס עפּעס נישט אין קאָפּ אַריין. ס׳איז אַפילו נישט קיין ווונדער, וואָרום זיין קאָפּ איז כסדר אָנגעפּראָפּט מיט חשבונות און פאַרשידענע קאָמבינאַציעס. ביים אָנהייב פון דער לעקציע, בעת דער לערער הייבט אָן צו לייענען אַ ליד פון שילער אָדער מיצקעוויטש, איז נאָך אַלץ ווייל און פיין. משה לייגט צו קאָפּ און ער פאַרשטייט גאַנץ גוט, וואָס דער לערער טראָגט פאָר. נאָר אין מיטן פון דער לעקציע דערמאָנט ער זיך פּלוצים עפּעס אַ נאַרישע זאַך. אָט צום ביישפּיל, אַז די אַרבעטער פון די ביי׳ע קאַשערעס אין טוסטאַנאָוויטש האָבן פּונקט היינט, ווען ער איז דאָרט געקומען צו פאָרן, כדי אָנצוקוקן די אַרבעט, פאַרלאַנגט אַ הוספה. דאָס הייסט דירעקט אים האָבן זיי דאָס נישט געזאָגט. זיי האָבן בלויז געמאָלדן דעם קאַסירער, אַז זיי קומען נישט אויס מיט די צען גרייצערס אַ טאָג און זיי פאָדערן דאָפּלט, פּונקט אַזוי־פיל, וויפל מ׳צאָלט אויף אַלע אַנדערע קאַשערעס. משהן האָט שטאַרק פאַרדראָסן די חוצפה פון די פאַרשמירטע אַרבעטער, וואָס פאָדערן אויף איין מאָל אַ דאָפּלטע הוספה. וואָס איז די מעשה? האָט ער דען אויפן דאָזיקן טערען שוין געמאַכט אַ גאָלדן געשעפט? מ׳גראָבט דאָך ערשט די אויבערשטע שיכטן און לעת־עתה זעט מען נאָך גאָרנישט, נישט קיין וואַקס און נישט קיין קיפּיעטש־קע. האָט ער, משה, תיכף צוזאַמענגערופן די אַרבעטער און האָט זיי געזאָגט:

— עך זענט דאָך יידן. ווי אַזוי־זשע קענט עך זיין אַזעלכע גזלנים. וואָס פאַרא גליקן האָט עך פּלוצים דערזען דאָ, אויף דער קאַשערע, אַז עך פאָדערט אַזש דאָפּלטע שכירות?

האָבן זיי געענטפערט:

— יאָ גליקן צי נישט־גליקן איז פאַר אונדז אַלץ איינס. אז איר וועט מאַכן גליקן, וועט איר אונדז סיי ווי נישט צונעמען פאַר קיין שותפים. אונדז אַרבעט׳מער פּונקט אַזוי שווער, ווי די יידן פון די אַנדערע קאַשערעס, קומט אונדז דאָס זעלבע, וואָס זיי פאַרדינען.

משה האָט זיך אַפילו נישט געלאָזט. ער האָט זיך פאַר זיי תקיפותדיק אָוועקגעשטעלט און געזאָגט, אַז ער וועט נישט דערלייגן און וועמען ס׳געפעלט נישט, דער קען שוין אַוועקגיין. דערויף האָבן אים די חוצפה־ניקעס געענטפערט:

— אונדז גיי׳מער אַלע אַוועק. אָבער קיין אַנדערע אַרבעטער וועט איר דאָ נישט האָבן. אונדז ע׳מער נישט צולאָזן.

ווען משה טוט זיך אַ דערמאָן די דאָזיקע זאַך, פאַרלירט ער תיכף דעם אָנהאַלט אינעם לערנען. דער לערער לייענט זיך ווייטער און משהס געדאַנקען שוועבן דערוויל ערגעץ אַנדערש. בלויז פון צייט צו צייט דערגייט צו אים דעם לערערס אַן אָפּגעהאַקט וואָרט. משה הערט עפּעס אַ מעשה מיט אַ גלאָק, וואָס מ׳גיסט זי אויס פון אייזן. דער לערער לייענט עפּעס וועגן אַרבעטער, וואָס גיסן די גלאָק און משהן דאַכט זיך, אַז ס׳רעדט זיך דאָ פון זיינע טוסטאַנאָוויטשער ערד־גראַבערס, וואָס שטייען פאַר אים איינגעקאָרטשעטע אין די אָפּגעריסענע און אָפּגעשלי־סענע בגדים. זייערע בערד זענען אַרומגעקלעפּט מיט טונקל־ברוינעם ליים און פון די אויגן טראָגן זיך דערשראָקענע בליקן. זיי שטייען אַנט־קעגן אים און מאָנען.

פון זיין לערנען האָט אַזוי אַרום משה נישט געהאַט קיין נחת. כאַטיליע ווידער האָט געלערנט געצוווּנגענערהייט און במילא האָט איר לערנען נישט געקענט האָבן קיין שום פּעולה. די אַלע חכמות האָבן איר נישט אויסגעפּעלט. מיט אירע גבאיטעס האָט זי סיי־ווי געקענט דורכקו־מען און וועגן אַנדערע זאַכן האָט זי נישט געטראַכט.

משהן איז נישט געלונגען צו ווערן „אינטעליגענט". ער איז גע־בליבן ביי זיין מיט גאָלד אויסגעשטאָפּטן עם הארצות און איצט, בעת אין זיין גרויסן עס־זאַל זענען אַרום דעם אַרויסגערוקטן טיש געזעסן זיינע פּריצישע געסט ביי דער פּורימדיקער סעודה, האָט ער נישט געהאַט וועגן וואָס מיט זיי צו שמועסן. ער איז געזעסן אויבנאָן אויף זיין פאָטער־שטול און מיט אַ שמייכל צוגעהערט זיך צום שמועס, וואָס זיין ידיד, יוסף הערש שטערנבאַך, האָט געמיטלעך געפירט. די פּריצים האָבן זיך מיט אינטערעס צוגעהערט צו יוסף הערשס פּלאַפּלעריי, פונדעסטוועגן האָט זיך לייכט געלאָזט באַמערקן, אַז אַ סך מער הנאה האָבן זיי פון די

גרויסע קאַרפּן־קעפּ און פון די פּעטע אינדיקעס, וואָס מ׳האָט זיי דער־לאַנגט. זיי האָבן געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט די פיש און דאָס פליייש, פאַרבייסנדיק מיט קרושקעס פונעם געל געזאָפּערטן פורים־קוילעטש און פאַרטרינקענדיק מיט באַלעבאַטישע כוסות סליוואָוויץ און ליקער. גע־וויס האָבן די פּריצים נישט שלעכט פאַרברענגט אין דער געזעלשאַפט פונעם וויל־געלערנטן יוסף־הערש, נאָך אין דער זייט פונעם שווייגנדיקן משה האָבן זיי געקוקט מיט אַ נישט באַהאַלטענעם יראת הכבוד. נישט איינער פון זיי האָט זיך אפשר געטראַכט: דאָס אַלץ, וואָס דער געלע־רנטער זשידעק דערציילט, זענען פּוסטע זאכן. נאָר יענער שווייגנדיקער גביר מיט זיין שטענדיקן נישט סימפּאַטישן שמייכל אויפן פּנים איז עפּעס אַנדערש. מיט אים איז כדאי אָנצוהאַלטן אַ גוטע פאַרבינדונג, ווייל לעבן אים איז לייכט צו פאַרדינען אַ גרעסערע מטבע.

יוסף הערש איז דערווייל ממש פון דער הויט געקראָכן, כדי צו וויילן די געזעלשאַפט. ער האָט נישט אויפגעהערט צו פּראָדוצירן זיין געלערנטקייט. ער האָט רעציטירט פון אויסנווייניק דייטשע דיכטונגען, דערציילט איבער נייע דערפינדונגען און בעת מעשה געוואָרפן אַ זיי־טיקן בליק אויף משהן, כדי צו זען צי ער איז פון אים צופרידן.

דאָס איז געווען דער לעצטער פורים פאַרן אויסברוך פונעם ערשטן גרויסן קריזיס אין באָריסלאוו. יענע פורימדיקע סעודה איז משהן נישט אָפּגעלאָפן גאַנץ גלאַטיק. געשען איז עס אַזוי: יוסף הערש האָט געהאַלטן זיינע דרשות און ווי שטענדיק האָט ער בעתן דרשנען געזוכט צו באַקו־מען פון די פּריצים אַ הסכמה אויף זיינע רייד.

— גיעפּראַוודאַזש, פּאַניע סטאַראָסטאָ? 1) — פלעגט ער זיך כסדר צובייגן צום סטאַראָסטע און זיינע אויגן האָבן געפרעגט: בין איך גע־רעכט?

דער סטאַראָסטע, אַן אדלמאַן, הויך און דאַר ווי אַ שטעקן מיט אַ פּאָר לאַנגע שוואַרצע וואָנצעס און מיט אַ מאָנאָקל אין דעם לינקן אויג, האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געענטפערט:

---

1) איז ריכטיק, הער באַצירקס־הויפּטמאַן.

— בעז וואַנטפּיעניאַ, פּאַניע שטערנבאַך 2).

אַזוי איז עס געגאַנגען כסדר. אָבער אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען יוסף הערש האָט פּונקט געהאַלטן אין מיטן פון אַ לענגערער מעשה איבער דעם טעלעפאָן, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו די נייסטע דערפינדונגען, האָט דער אַלטיטשקער בירגערמייסטער, אַ קליין־קיילעכדיקער בעקער־מייסטער מיט אַ גרויסן פליך אויפן קאָפּ, אָנגעהויבן זיך אומרואיק צו דרייען אויף זיין בענקל און האָט געגעבן אַ צייכן, אַז ער וויל עפּעס זאָגן.

— איך בעט אייך איבער, פּאַניע יוזעפּיע — האָט ער מיט זיין שטימע ווי פון אַ פאַס איבערגעהאַקט יוסף הערשן אין מיטן זאַץ — איך האָב זיך דערמאָנט עפּעס אַ וויכטיקע זאַך, וואָס איך דאַרף פרעגן דעם פאַן גאַרטענבערג.

משה האָט זיך אַן אומרואיקער אויסגעדרייט צום אַלטן בירגערמייסטער און האָט אויף אים אויפגעשטעלט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן. דער בירגערמייסטער האָט זיך געפּילט אַ ביסל אומהיימלעך און ס׳איז לייכט געווען צו באַמערקן, אַז ער ווייסט אַליין נישט, פון וואָס ער זאָל אָנהייבן.

— כ׳האָב געוואָלט עפּעס איבערגעבן דעם פאַן גאַרטענבערג — האָט דער בירגערמייסטער אָנגעהויבן מיט אומזיכערקייט אין זיין שטימע — ס׳האַנדלט זיך אין דעם, אַז דער שטאָט־ראַט האָט באַשלאָסן אויפצובויען אַן „אָכראָנקע“ פאַר יתומים (אַ קריסטלעכער בית־יתומים). דאָס מיינט נישט, אַז די שטאָט וועט זיך דירעקט פאַרנעמען מיט יתומים. אַ, ניין. די שטאָט וועט בלויז אויפבויען דעם בנין און אים אויסשטאַטן. דערנאָך וועלן די נאָנעס, די באַרמהערציקע שוועסטערס, איבערנעמען די גאַנצע געביידע און זיי וועלן אָנפירן מיטן בית יתומים. נו, ביז איצט איז אַלץ גוט און שיין — דער בירגערמייסטער האָט געשמייכלט — אָבער פונדעסטוועגן איז פאַראַן אַ געוויסע וויכטיקע שטערונג. די שטאָט האָט נישט קיין געלט. איז באַשלאָסן געוואָרן צו ווענדן זיך צו עטלעכע אָנגעזעענע בעלי־בתים, זיי זאָלן צושטייער געבן לפּחות אַ

2) אַן ספק, הער שטערנבאַך.

העלפּט פונעם נויטיקן געלט. גלויב איך, אַז איר, פאַניע גארטענבערג, וואָס איר טוט אַזויפיל גוטס פאַר מענטשן, וועט נישט וועלן בלייבן אין אַ זייט, בעת ס'האַנדלט זיך וועגן אָרעמע קינדער, וועגן יתומים.

משהן איז ענג געוואָרן אין זיין רחבותדיקן עס־צימער. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זיצט אויף צעגליטע קוילן. אין וואָס פאַרא עסק גייט מען אים אַריינשלעפּן? ס'איז דאָך אַן עסק מיט אַ קלויסטער, מיט נאָנעס און ווער ווייסט נאָך מיט וואָס פאַרא צרות. און צו דעם אַלעמען דאַרף מען נאָך געבן געלט. נישט סתם געלט, נאָר שיינע עטלעכע טוי־זנטערס. ער איז געבליבן זיצן אַ צעטומלטער און נישט געוווסט פּשוט וואָס צו ענטפערן, אָבער דער סטאַראָסטע אליין איז אים געקומען צו הילף.

— יאָ, יאָ — האָט ער געזאָגט — איך פאַרשטיי, פאַניע גארטענ־בערג, אַז אייך איז שווער זיך צו דעצידירן אין אַזא ענין. איר דאַרפט אָבער וויסן, אַז עס איז פאַראַן אַ פאַראָרדנונג פון לעמבערג, אונטער־געשריבן דורכן סאַמע גובערנאַטאָר, זיין עקסעלענץ כראביע באַדעני, אַז מ'דאַרף שטיצן מיט וואָס נאָר מעגלעך די צדקה־אינסטיטוציעס. מען שרייבט דאָרט, אַז בירגערס, וועלכע וויזן אַרויס אַ ספּעציעלן אינטע־רעס פאַר די דאָזיקע זאכן, דאַרפן פאַרגעשטעלט ווערן צו אויסצייכע־נונגען. זיי וועלן באַקומען אָרדנס.

משה האָט געקוקט אויף כאַטיליען און ער האָט געזען, ווי זי איז אָנגעצונדן געוואָרן. הונדערטער פראגן האָבן זיך איר גערוקט אויף דער צונג. פאַרוואָס זאָרגט די שטאָט פאַר קריסטלעכע יתומים און וועגן יידישע טראַכט זי נישט? זענען דען יידן נישט דער רוב פון דער באַפעל־קערונג? און ווער צאָלט דעם רוב פון די שטייערן, אויב נישט יידן? איז נישט בלויז וואָס די שטאָט זאָרגט נישט פאַר די יידישע ענינים, נאָר מ'קומט נאָך צו אַ ייד און מ'פאָדערט פון אים געלט אויף אַ קריסטלע־כער אינסטיטוציע. משה האָט פאַרשטאַנען וועגן וואָס כאַטיליע טראַכט. ער האָט אָבער געהאַט זיינע אויסרעכענונגען. ער האָט נישט געטאָרט איינרייסן מיט די גדולים. ער האָט אַ ווייל געשוויגן און דערנאָך אָנגע־רופן זיך מיט זיין צעקאַליעטשעטן פּויליש:

— גוט, פאַנאָוויע, איך וועל דורכטראַכטן די זאַך און אייך געבן צו וויסן, וואָס איך קען פאַר אייך טאָן.

דער ווייטערדיקער טייל פונעם אָוונט איז אַדורך אין אַ פאַר־שטערטער שטימונג. ווען די געסט זענען זיך פונאנדערגעגאנגען און משה מיט כאַטיליען זענען שוין געווען אין דער שלאָף־שטוב, האָט כאַטיליע, אַן אָנגעברוגזטע, געזאָגט צו משהן:

— אָט זעסטו, העלד מיינער, אַז ס׳האַנדלט זיך אין העלפן אַן אָרעם יידיש קינד, וואָלסטו זיך געלאָזט אַרויסרייסן אַלע ציין פונעם מויל. און איצט וועסטו שוין גאַנץ פיין באַצאָלן די נאָנעס, די אנטיסעמיטקעס, וואָס ברענען יעדן יידישן טריט.

משה האָט אַ פּאַרטראַכטער אויסגעטאָן זיך די שיך. ער האָט נישט געענטפערט. כאַטיליע האָט אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט.

— זע, משה, ווי די גוייִם נעמען זיך אויפצושטעלן אַן „אָכראַנקע״. יידישע יתומים, נעבעך, וואַלגערן זיך אין די בתי מדרשים. זיי האָבן נישט קיין לעפל געקעכץ. ביי אונדז האָט מען שוין אַ סך מאָל גע־שמועסט וועגן אַ בית יתומים, נאָר וואָס איז די פעולה, אַז ס׳איז נישטאָ דאָס געלט.

ווען משה האָט ווייטער עקשנותדיק געשוויגן, האָט זי אים דירעקט געפרעגט:

— וואָס טראַכסטו וועגן אַזאַ זאַך: דו וועסט געבן צען טויזנט גולדן און מ׳וועט דאָ אויפשטעלן אַ יידישן בית יתומים?

משה איז אַזש אויפגעשפרונגען פון שרעק.

— צען טויזנט גולדן? ס׳איז דאָך אַ פאַרמעגן און פונקט זאָגסטו עס איצט, ווען עכ׳ל מוזן יענע רשעים באַצאָלן אַן אוצר מיט געלט. כאַטיליע, וואָס פאַלט דיר איין?

כאַטיליע האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס באַדייט ביי דיר צען טויזנט גולדן? פון איין גוטער קאַ־שערע האָסטו דאָך אין איין האַלב יאָר מער ווי צען טויזנט גולדן ריווח. נאָר גאָרנישט. כ׳פאַרשטיי דעך זייער גוט. דו האָסט נישט ליב צו געבן געלט. על׳עד מיט דיר רעדן אויף אַן אַנדערן אופן. ווען דער גאָטזעלי־קער טאַטע איז נפטר געוואָרן, האָסטו מיר צוגעזאָגט, אַז פון דער ירושה

וועסטו גאָרנישט רירן. דו האָסט מיר איבערגעלאָזט די ברירה צו טאָן מיט איר, וואָס עכ׳ל וועלן.

— און די חובות, וואָס עך האָב באַצאָלט? שווערע טויזנטער, כאַ־טיליע. דאָס ווילסטו נישט רעכענען?

— יאָ, עכ׳ל זיי רעכענען — כאַטיליע האָט זיך נישט פאַרלוירן — לאָמיר פאַרקויפן ס׳גוט. דו וועסט אָפּנעמען אַלץ וואָס דו האָסט באַצאָלט און וואָס ס׳וועט בלייבן, וועט זיין פאַר מיר, פאַרן בית יתומים. משה, די שטאָט מוז האָבן אַ בית יתומים און אונדז מוז׳מער אים אויפשטעלן.

משה האָט זיך אָנגעצונדן.

— וואָס? דעם טאטנס גוט ווילסטו פאַרקויפן? אַזאַ טאָכטער ביסטו, אַז אָך און וויי איז צום טאטן, וואָס האָט דעך איבערגעלאָזט פאַר דער פאַרזאָרגערין.

— זאָרג דעך נישט, משה, פאַר מיין טאטן. ווען ער וואָלט גע־לעבט, וואָלט ער מיר זיכער געגעבן גערעכט.

כאַטיליעס רייד האָבן נישט געהאָלפן. משה האָט פון גאָרנישט נישט געוואָלט הערן. ער האָט זיך געקאָכט פאַר כעס און אַ ברוגזער האָט ער זיך געלייגט אין בעט אַריין. ביז שפּעט ביינאַכט האָבן זיך מאַן און ווייב געדרייט אויף זייערע געלעגערס און נישט געקענט איינשלאָפן. זיי האָבן אָבער צו זיך מער נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

ז.

דער ערשטער קריזיס אין דער בּאָריסלאַווער אינדוסטריע

אין יאָר 1885 איז אויסגעבראָכן דער ערשטער קריזיס אין דער פּרימיטיווער בּאָריסלאַווער אינדוסטריע. ייִדן האָבן נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, פון וואַנען ער האָט זיך גענומען און צו וואָס ער קען דער־פירן. זיי האָבן בלויז געוווּסט, אַז לעמבערגער סוחרים, וואָס פלעגן שטענדיק מחנותוויִיז קומען קיין דראָהאָביטש און בּאָריסלאַוו און אָפּ־קויפן ביי די קאַשערעס־באַזיצערס די אָנגעזאַמלטע סחורה, האָבן זיך פּלוצים אויפגעהערט צו ווייזן. דער דראָהאָביטשער מאַרק־פּלאַץ, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרפולט מיט פויערישע וועגענער, אָנגעלאָדענע מיט פעסלעך נאַפט און זעקלעך וואַקס, האָט געפּוסטעוועט און די באַ־וועגונג אויפן פאַרבלאָטיקטן „קייזער־וועג“, וואָס האָט פונעם דראָהאָבי־טשער מאַרק־פּלאַץ געפירט איבערן הויכן טעפּציוש־באַרג קיין בּאָריס־לאַוו, איז פּלוצים אָפּגעשטאָרבן.

אויף די הייף פון די בּאָריסלאַווער בעלי־בתים האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען לאַגערס מיט סחורה. בערגלעך מיט אָנגעגראָבענעם וואַקס האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן און יעדן טאָג זענען צוגעקומען פרישע פעסלעך מיט בלאָטיקן ערד־אייל. די בעלי־בתים האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט דער סחורה. זיי האָבן נישט געהאַט די נויטיקע איינ־ריכטונגען פאַר דער מאַגאַזינירונג און חוץ דעם האָט זיי אָנגעהויבן אויסצופעלן מזומן געלט. לכתחילה האָט מען געלאַטעט, ווי מען האָט געקענט, אַבי זיך דורכצושטופּן מיט דער טאָג־הוצאה. די הוצאה איז נישט געווען קיין קליינע. די אַרבעטער האָבן געמוזט באַקומען צו דער צייט זייערע שכירות און כמעט יעדן טאָג האָט מען געמוזט וואָס נישט איז צוקויפן פאַר די יאַמעס.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג אויף אויסדויער. ווער עס וועט קענען לענגער אויסהאַלטן. די שוואַכערע בעלי בתים האָבן שוין נאָך עטלעכע וואָכן געמוזט אָפּשטעלן די אַרבעט אין זייערע גרובנס. הונ־דערטער אַרבעטער זענען שוין אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט און אָן ברויט. די רייכערע האָבן זיך נאָך געהאַלטן, אָבער זיי האָבן געפּאַכעט מיט די לעצטע כוחות. ביסלעכווייז האָבן אויך זיי, איינער נאָכן צווייטן, געמוזט אָפּשטעלן די אַרבעט. בלויז אויף די יאַמעס פון די סאַמע גרעסטע גבירים, פון ר׳ ישראל ליבערמאַן און פון די צוויי ריבניקער ברידער, איז נאָך אָנגעגאַנגען די אַרבעט. אַלע איבעריקע קאַשערעס זענען געווען איינגעזונקען אין אַ טויטער שטילקייט.

יידן זענען זיך כסדר צונויפגעקומען און געשמועסט וועגן דעם אומגליק. וואָס איז די סיבה פון דער מיתה משונה, וואָס איז אַזוי פּלוצים אויסגעגאַנגען צו דער שטאָט? אפשר האָט מען נאָך ערגעץ געפונען קוואַלן פון נאַפט און וואַקס און די סוחרים פאָרן אויף די נייע געפונענע געביטן? וואָרום אויב נישט, טאָ ווי אַזוי קען מען זיך פאַרשטעלן, אַז אַזאַ גרויסע מדינה זאָל קענען אויסקומען אָן נאַפט און אָן ליכט? ס׳איז דאָך די גאַנצע זאַך אַן אמתדיק רעטעניש.

אייניקע קליגערע יידן האָבן אָנגעוויזן אויף די עטלעכע טורעמס, וואָס זענען אין די לעצטע חדשים אויסגעוואַקסן אין פאַרשידענע געגנטן פון באָריסלאַוו. די קליגערע האָבן אויסגעדריקט די השערה, אַז פון די דאָזיקע טורעמס שטאַמט דאָס גאַנצע אומגליק. בקרוב זענען די דאָזיקע השערות געוואָרן באַשטעטיקט. עטלעכע סוחרים, וואָס זענען פאָרט נאָך אַראָפּגעקומען קיין באָריסלאַוו און האָבן געגעבן אַ ביסל צו לייזן, האָבן דערציילט, אַז אויף דער וועלט וויל מען שוין נישט קויפן דעם יידישן נאַפט. וואָס איז די מעשה? לעבן ווין האָט מען אויסגעבויט אַ נאַפט־פאַבריק, וואָס איז אַזוי גרויס, אַז עס איז פשוט נישט נאָכצוזאָגן. פון דאָרט שיקט מען אַרויס אַ פיינעם, ווייסן נאַפט, וואָס ברענט אַזוי העל, ווי די זון. אויך ליכט קומען פון דאָרט. זיי זענען פיין אויסגעאַרבעט און ווייס ווי דער שניי. דאָס איז נאָך נישט אַלץ. נישט בלויז, וואָס די ווינער סחורה איז אָן אַ פאַרגלייך בעסער פון דער באָריסלאַווער, איז זי נאָך אַ שפּאָר ביסל ביליקער. אָט דאָס האָבן דערציילט די סוחרים

און זיי האָבן טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ, ווייל צוליב דער ווינער פאַבריק זענען אויך זיי געבליבן אָן פּרנסה.

בּאַריסלאַווער יידן האָבן זיך בשום אופן נישט געקענט פונאַנדער־קלייבן אין דעם אַלעמען, וואָס זיי האָבן געהערט. קודם כל האָבן זיי נישט געגלויבט, אַז די ליכט, וועלכע מ׳אַרבעט אויס אין ווין, קענען זיין ווייס. ס׳איז דאָך פּשוט נישט מעגלעך, ווייל וואַקס האָט אַ טונקל־ברוינעם קאָליר. און ווען מ׳זאָל אים אַפילו זייער גוט אָפּרייניקן, קען מען אַרויסבאַקומען אַ געל קאָליר. אָבער ווייס קיינמאָל נישט.

— ר׳ סוחר, האָט איר אַליין געזען די דאָזיקע ליכט? זענען זיי טאַקע ווייס?

— וואָס פרעגט איר עפּעס שאלות! ווייס ווי פּאַפּיר.

בּאַריסלאַווער יידן האָבן זיך איבערגעקוקט און אין זייערע בליקן איז געווען חידוש און חשד. באַלד איז זיי אָבער די זאַך געוואָרן מער פאַרשטענדלעך.

— אָבער פון וואַנען נעמען זיי דאָרט אין ווין די קיפּיעטשקע?

— וואָס הייסט פון וואַנען? — האָט זיך דער סוחר געחידושט — עץ שיקט זיי דאָך פון דאַנען דעם ערד־אייל.

— אונדז?! ר׳ סוחר, וואָס זאָגט איר, וואָס רעדט איר? ביי אונדז וואַלגערט זיך די גאַנצע סחורה אויף די הייף. אדרבה, קומט מיט אונדז, וועט איר באַלד זען, ווו זי ליגט. און די אַרבעט אין די קאַשערעס איז אָפּגעשטעלט זינט חדשים שוין.

עמעץ האָט מיטן פינגער געוויזן אויף אַ ווייטן הילצערנעם טורעם, וואָס איז אַ פאַריתומטער געשטאַנען אין מיטן פעלד.

— איר זעט דעם טורעם, יידן? אָט פון דאָרט קומט אונדזער אומגליק.

אַזוי איז עס טאַקע געווען. די עטלעכע טורעמס האָבן אָפּגעקוילעט די שטאָט יידן. און די מעשה מיט די דאָזיקע טורעמס איז געווען פאָל־גנדיקע: נאָך מיט חדשים צוריק האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצוקומען קיין בּאַריסלאַוו נייע מענטשן. זיי פלעגן קומען מיט דער באַן, וואָס איז שוין דעמאָלט געגאַנגען ביז קיין בּאַריסלאַוו. גערעדט האָבן די מענטשן דייטש און פויליש. קיין יידן זענען צווישן זיי נישט געווען. שפּעטער האָבן אָנ־

געהויבן צו קומען קיין באָריסלאַוו גאַנצע לאַסט־צוגן מיט אייזן־וואַרג, מאַשינען, קעסלען, שינעס און מכשירים, וואָס איין גאָט ווייסט, צו וואָס זיי טויגן.

די נייע מענטשן, וואָס זענען געקומען קיין באָריסלאַוו, זענען געוועזן שליחים פון עטלעכע גרויסע ווינער באַנק־הייזער, וואָס זענען דעמאָלט צוגעטראָטן צו דער עקספּלאָאַטירונג פונעם באָריסלאַווער נאַפט מיט נייע טעכנישע מעטאָדן. די דאָזיקע זענען שוין דעמאָלט איינגעפירט געוואָרן אין אַמעריקע. די מענטשן זענען באַלד צוגעטראָטן צו אַ פיבערהאַפטער אַרבעט. קיין אָרטיקע יידישע אַרבעטער האָבן זיי נישט געוואָלט צונעמען. זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט מאַזורן פון די מערב־גאַליצישע געביטן און אויב עס האָט צוגעפעלט אַ האַנט, האָבן זיי צוגענומען רוטענישע אַרבעטער פון די אַרומיקע דערפער. דער נאָמען ייד איז פאַר זיי געווען טריף.

אין געציילטע טעג זענען אויפגעשטעלט געוואָרן ריזיקע טורעם־סקעלעטן פון גאלע אייזן, די דאָזיקע סקעלעטן זענען דאַן אַרומגעשלאָגן געוואָרן מיט דיקע ברעטער. אַרום די נייע שאכטן זענען אויפגעשטעלט געוואָרן הילצערנע הייזלעך, ווו אַלע צוגעקומענע מענטשן האָבן געוווינט.

באָריסלאַווער יידן האָבן זיך לכתחילה נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פון דער סכנה, וואָס דראָט זיי מצד די נייע מעכטיקע קאָנקורענטן. פאַרקערט, זיי האָבן מיט פרייד געקוקט אויף דעם, וואָס עס טוט זיך. די פּריצים גייען דאָ עפּעס זוכן, האָבן זיי געטראַכט. ס'וועט ווערן לעבעדיק און במילא וועט אויך די היגע באַפעלקערונג דערפון אָפּלעקן אַ ביין.

אָבער אין אַ צייט אַרום האָבן פון דער באָריסלאַווער באַן־סטאַציע אָנגעהויבן אָפּצוגיין גאַנצע צוגן מיט ציסטערנעס. זיי זענען געווען אַדרעסירט קיין ווין צו דער גרויסער נאַפט־פאַבריק, וואָס האָט איבערגעאַרבעט דעם אייל אויף נאַפט און אויף אַלע אַנדערע פּראָדוקטן, וואָס קומען אַרויס פונעם אייל. עס איז שוין דעמאָלט באַוווּסט געווען, אַז איינער פון די זייטיקע פּראָדוקטן, וועלכע קומען אַרויס ביי דער ראַפינירונג פון ערד־אייל, איז דער פּאַראַפין. פונעם דאָזיקן פּאַראַפין האָט מען געמאַכט ליכט. די פּאַראַפין־ליכט זענען נישט ערגער פון די וואַק־

סענע, כאָטש זיי זענען נישט געל, נאָר ווייס. זיי זענען אויך אָן אַ שיעור ביליקער פון די וואקסענע ליכט.

אויף אַזאַ אופן איז מיט איין קלאפּ חרוב געוואָרן די גאַנצע פּרימי־טיווע אינדוסטריע פון די באַריסלאַוער יידן. ווען די יידן האָבן זיך אַרומגעקוקט, וואָס דאָ איז געשען, זענען זיי שוין געווען אין אַ מעמד פון מאַכטלאָזיקייט. זיי האָבן געפּאַכעט מיט די נשמות. וואָס איין שאַכט האָט געקענט פּראָדוצירן אין משך פון איין טאָג, האָבן אַלע יידישע קאַ־שערעס צוזאמען נישט געקענט באַווייזן אין אַ חודש. ווער זשע האָט איצט געדאַרפט האָבן די יידן מיט זייער קיפּיטשקע? און וואָס שייך וואַקס, איז ער בכלל געוואָרן אַן איבעריקער אַרטיקל. דער פּאַראַפין האָט אים אַרויסגעשטויסן פונעם מאַרק.

זעקס טויזנט יידישע משפחות זענען געבליבן אָן ברויט. דאָס זע־נען געווען די קליינע און די מיטעלערע אייגנטימערס פון קאשערעס און זייערע אָנגעשטעלטע: קאַסירערס, פּלוסטאַקעס, לעפּאַקעס און ערד־גראָבערס. די הויכע שאַכט־טורעמס, אין וועלכע עס האָבן איצט בייטאָג און ביינאַכט געברויזט און געזשומעט די ריזיקע מאַשינען, האָבן אויף דער שטאָט אָנגעיאָגט אַ פּחד. דער גאַנצער צאָרן איז געווען געווענדעט קעגן זיי. ווייטזעעווידיקע און קלוגע יידן האָבן אַפילו געזאָגט, אַז סוף־כל־סוף מוזן די טורעמס אַריינברענגען אַן אויפלעבונג אין דער שטאָט. ס׳וועלן זיך מאַכן גרויסע מעגלעכקייטן פאַר האנדל־וואנדל און מיט דער הילף פונעם אויבערשטן וועט די וועלט צוריק ווערן וועלט.

אַזוי האָבן די ווייטזעערס פאַרויסגעזען די צוקונפט און זיי האָבן זיך באַמיט צו באַרואיקן דעם עולם און קודם כל זיך אַליין. אפשר זענען זיי אַפילו געווען גערעכט, די ווייטזעערס. נאָר וואָס האָט מען פון דער צוקונפט, אַז דער היינט איז אַזוי ביטער. צו וואָס זאָלן זיך דערווייל נעמען די טויזנטער אויסגעוואָרצלטע יידן? די פּריצים ווילן זיי נישט צו־נעמען אויף אַרבעט און דאָס ביסל עסן דאַרף מען האָבן יעדן טאָג. פון די גוטע אויסזיכטן אויף דער צוקונפט קען מען היינט נישט זיין זאט. דאָס איז געזאָגט וועגן די ארבעטסלאָזע אָנגעשטעלטע. און די בעלי־בתים אַליין? אויך זייער לאגע איז גאָרנישט קיין פריילעכע. צו וואָס זאָלן זיי זיך נעמען? באמת זייער טרויעריק. מ׳דאַרף אַ סך רחמים.

***

אין דער זעלבער צייט האָט זיך יוסף הערש שטערנבאַך, דער תלמיד חכם און פילאָזאָף, וואָס האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט די סאַמע משונהדיקסטע אידייען, אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ אַריין עפּעס אַ בייעם פּלאַן. אַ געוויסע צייט האָט ער דעם פּלאַן געהאַלטן אין זיך, נאָר דערנאָך איז ער אַוועק צו זיין ייִנגערן ברודער, מרדכי, כדי מיט אים איבערצו־שמועסן דעם ענין.

— וואָס קלערסטו, מרדכי, וועגן אָט אַזאַ זאַך? — האָט ער גע־פרעגט דעם ברודער — מילא, וואָס שייך ראָטשילדן, ווייסט ער זיכער, וואָס ער טוט. עכ׳ל אים נישט גיין לערנען שכל. נאָר צוריקגעשמועסט, ווו איז טאַקע דער שכל — יוסף הערש האָט איצט גערעדט מיט אַ גמרא־ניגון און בעת מעשה געטייטלט מיטן גראָבן פינגער — אַז מען שלעפּט דעם אייל פון באַריסלאַוו ביז קיין ווין און ערשט דאָרט שטעלט מען זיך אַוועק אים איבערצואַרבעטן. הא, מרדכי, ווו איז דאָ דער שכל?

מרדכי איז געווען איינשטימיק מיטן ברודער.

— טאַקע ריכטיק — האָט ער באַשטעטיקט — וואָס דאַרף מען שלעפּן דעם אייל. די באַן־הוצאות פרעסן דאָך אויף אַזוי פיל געלט.

— באַן־הוצאות זאָגסטו — האָט זיך יוסף הערש אָנגעצונדן — ס׳זענען דאָפּלטע באַן־הוצאות. איין מאָל באַצאָלט מען די באַן־הוצאות פאַרן אייל, וועלכן מ׳שלעפּט קיין ווין. דאָס צווייטע מאָל צאָלט מען דעם פראַכט פאַרן פאַרטיקן נאַפט און ליכט, וואָס ווערן פאַרקויפט אָט־דאָ אַרום אונדז, אין די גאַליצישע שטעט און דערפער. נו, וואָס זשע זאָגסטו צו אַזאַ אויסבערענגערייַ? אַ מערכה ס׳טוט עס ראָטשילד אַליין און וואָס ער טוט, איז גוט. נאָר אָט־דאָ ביי די דאָפּלטע פראַכט־הוצאות קען ער לייזן די מפּלה, כאָטש ער איז ראָטשילד, הא, מרדכי, אפשר וועל׳מער זיך אַ פאַרמעסט טאָן מיט ראָטשילדן?

יוסף הערש האָט זיך צעהיצט פון זיינע אייגענע רייד. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען שפּרייזן איבערן צימער. מרדכי, וועלכער איז געווען אַ סך נידריקער פון זיין ברודער, האָט אים נאָכגעטאָן. ער איז מיט זיינע קליינינקע טריטעלעך געלאָפן ביי יוסף הערשס זייט און

אַזוי האָבן זיי זאָלבעצווייט געשפּרייזט אַ לענגערע ווײַלע, ביז מרדכי האָט אָפּגעשטעלט יוסף הערשן אין מיטן פונעם צימער.

— אפשר וואָלטן אונדז ביידע געשטעלט זיך מאַכן אַ נאַפט־פאַבריק? — האָט מרדכי געפרעגט. — ס'ליגט דאָך ס'געלט פונעם טאטן עליו השלום. די העכסטע צייט עפּעס דערמיט אויפצוטאָן.

— אונדז ביידע? — האָט זיך יוסף הערש צעבייזערט — מיט צען טויזנט גולדן ווילסטו מאַכן אַ נאַפט־פאַבריק? בלויז אויף סאַמע מאַשי־נען דאַרפסטו מער ווי צען טויזנטערס. און היינט, וווּ איז דער פּלאַץ און ווו די געביידעס און ווו די קוימענעס?

— קוימענעס טראַכסטו גאָר אויפצושטעלן? — האָט זיך מרדכי געוווּנדערט. פאַר אים איז דער גאַנצער ענין געווען פרעמד. אים האָט זיך געדאַכט, אַז מען קען די זאַך מאַכן אויף אַזאַ אופן, ווי עס מאַכן עס די באַריסלאַווער לעפּאַקעס. מ'שטעלט אַוועק אַ קופּערנעם קעסל אין מיטן פון אַ פעלד, מ'דעקט אים גוט צו, כדי דער אייל, וואָס איז אינעווייניק, זאָל זיך נישט אָנכאַפּן. דערנאָך צינדט מען אָן אַ פייער אונטערן קעסל און מ'וואַרעמט אויף דעם אייל. אַז דער אייל איז שוין וואַרעם, שעפּט מען פון אויבן אָפּ דעם נאַפט און דעם גודראָן, וואָס בלייבט פון אונטן, פאַרקויפט מען די פויערים, וואָס שמירן דערמיט די וועגענער.

— אונדז קען מען עס מאַכן פיל בעסער פון די לעפּאַקעס — האָט מרדכי געגעבן צו פאַרשטיין יוסף הערשן — אונדז ע'מער איינפירן אַ דאָפּלטע רייניקונג און במילא וועט ביי אונדז דער נאַפט אַרויסקומען אַ בעסערער. מ'דאַרף בלויז נוצן די גרויסע קעסלען און נישט די קליינע, וואָס די לעפּאַקעס פלעגן זיי נוצן — האָט ער געזאָגט — אָבער אַלץ איינס וועט מען קענען די זאַך מאַכן מיט די צען טויזנט גולדן. ס'וועט נאָך איבערבלייבן אַ רעשט פונעם געלט.

יוסף הערש האָט זיך שטאַרק צעלאַכט. אַט דער מרדכי, אַ יונגער־מאַן מיט אָפענע אויערן און אויגן און פונדעסטוועגן ווייסט ער גאָר־נישט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. יוסף הערש האָט זיך איצט דערפילט אין זיין הויט. ער, וואָס פּאַלגט נאָך די אַנטוויקלונג פון דער טעכניק און קען כמעט אַלע אירע סודות, האָט זיך איצט אַנטקעגן מרדכין דערפילט ווי אַ שטאַרקער לייב אַנטקעגן אַ שוואַכן נפשל. ער

האָט דעם ברודער אָנגענומען ביי דער האנט און אים אָנגעהויבן אויפצוקלערן:

— מרדכי, אויף אַזאַ אופן, ווי דו טראַכסט, וועסטו גאָרנישט אויפטאָן. פאַרגעס נישט, אַז מ׳האלט שוין היינט ביי דער דאמף־מאַשין און ביי עלעקטריציטעט. קאָכן די קיפּיעטשקע אין אַ קופּערנעם קעסל קענען די לעפּאַקעס אויך און זיי דאַרפן נישט האָבן דיך צו דעם. און נאָך אַלעמען איז עס שוין היינט נישט קיין עסק. והא ראיה, די לעפּאַקעס שטייען אָן אַ שטאָך אַרבעט און זייערע בעלי־בתּים ליגן מיט דער גאַנצער סחורה. האָסטו זיך אַמאָל פאַרטראַכט, מרדכי, פאַרוואָס עס איז אַזוי? כ׳זע, אַז דו פאַרשטייסט עס טאַקע נישט. און כ׳וועל דיר אויפקלערן. ס׳האָט זיך שוין געענדיקט די צייט פון קאָכן דעם נאַפט. היינט דעסטילירט מען אים און צו דעם צוועק זענען פאַראַן אַזעלכע מאַשינען, וואָס הייסן דעסטילאַטאָרס. יעדער דעסטילאַטאָר איז אַזוי גרויס ווי אַ קליינער בנין. ער ווערט אָנגעטריבן דורך אַ דאמף־מאַשין און די דאמף־מאַשין באַקומט דעם דאמף פון אַ ריזיקן קעסל, וועלכער ברענט נאָר דעמאָלט, ווען ער האָט אַ שטאַרקן לופט־צוג. דעריבער מוז זיין דער הויכער קוימען, אדאנק וועלכן ס׳מאַכט זיך דער לופט־צוג.

מיט אַ צעעפנטן מויל האָט מרדכי אויסגעהערט דעם ברודערס רייד. יוסף הערש האָט אים ווייטער געהאַלטן אין שפּאַנונג און האָט געצויגן זיין שמועס:

— דער עיקר איז, אַז דער נאַפט, וואָס קומט אַרויס פון אַזאַ דעסטילאַטאָר, איז אָן אַ פאַרגלייך בעסער פונעם לעפּאַקישן נאַפט. ער איז ריינער און דעריבער לייכטער און וויסער. ער קאָפּטשעט נישט און גיט אַ קלאָרע ליכט. חוץ דעם איז ער נאָך פיל ביליקער. דער גאַנצער גודראָן ווערט אויסגענוצט און ער ווערט איבערגעאַרבעט אויף פאַרשידענע פּראָדוקטן, וואָס ווערן פאַרקויפט פאַר גוט געלט. במילא ווערן פאַרקלענערט די קאָסטן פונעם נאַפט. די לעפּאַקעס וועלן זיך נישט קענען אַנטקעגנשטעלן דער פאַבריק. זיי זענען שוין פאַרשפּילט אויף אייביק. קומסטו היינט, מרדכי, און דו ווילסט ווידער אָנהייבן אַ פאַרשפּילט געשעפט.

— אויב אַזוי — האָט מרדכי געפרעגט — וואָס קלערסטו צו טאָן וועגן דער פאַבריק?

— מ׳דאַרף האָבן אַ סך געלט, אָן אַ שיעור, און ערשט דאַן וועט מען קענען אויפטאָן גרויסע זאַכן.

מרדכי האָט גוט געקענט יוסף הערשן. ער האָט געוווסט, אַז דער ברודער איז אַ בעל חלומות און האָט אַ שוואַכן חוש פאַר פּראַקטישע ענינים. אַן עסק, וועלכן יוסף הערש האָט זיך אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ אַריין, פלעגט אים אינטערעסירן נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ער איז געווען פאַרבונדן מיט עפּעס אַ נייער טעכנישער דערפינדונג, וועלכע יוסף הערש האָט נאָך נישט דערגרונטעוועט מיט זיין שכל. וויבאלד ער האָט זי דערגרונטעוועט, האָט זי אים אויפגעהערט צו אינטערעסירן און ער האָט פאַרגעסן אינעם גאַנצן עסק. צומאָרגנס האָט ער שוין געהאט אַ פרישן איינפאַל, וואָס האָט אים ווידער פאַסצינירט און אָנגעפולט מיט אומרו.

מרדכי האָט געקענט זיין ברודערס טבע און דעריבער, ווען ער האָט נאָר דערהערט, אַז יוסף הערשס פלענער וועגן דער נאַפט־פאַבריק האָבן אַזאַ רחבותדיקן פאַרנעם, האָט ער פאַרשטאַנען, אז עס איז ווידער עפּעס אַ חלום פונעם עקזאַלטירטן יוסף הערש.

— מסתמא וועט ער שוין מאָרגן נישט געדענקען, וואָס ער האָט היינט געזאָגט — האָט מרדכי ביי זיך געטראַכט און האָט אויפן גאַנצן עסק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

אָבער עטלעכע וואָכן שפּעטער איז מרדכי געבליבן איבערראַשט פון דער בשורה, וואָס יוסף הערש האָט אים געבראַכט אין שטוב אַריין.

— היינט ביינאַכט — האָט יוסף הערש געמאָלדן מרדכין — האָבן מיר די גרינדונגס־זיצונג פון דער נייער נאַפט־פאַבריק.

— האַ. וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן? — האָט מרדכי נישט פאַרשטאַנען אין וואָס ס׳האַנדלט זיך.

— אונדז שטעל׳מער זיך שוין בויען די פאַבריק — האָט יוסף הערש געענטפערט מיט אַ טאָן פון זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, ווי איי־נער וואָלט געזאָגט: מיר גייען אין בית המדרש צו מנחה ומעריב.

— וואָס זשע מיינט די זיצונג? מיט וועמען איז זי און ווו גייט מען בויען? — האָט מרדכי געפרעגט און אין זיין שטימע האָט זיך

גֿעהערט נישט־זיכערקייט און פאַרדאַכט. אפשר איז עס ווידער אַ נייער נישט־געשטויגענער און נישט־געפלויגענער איינפאַל.

— אמת, כ׳האָב דיר דאָך גאָרנישט געזאָגט. ס׳איז שוין דאָ די געזעלשאַפט, וואָס נעמט זיך צום אויפשטעלן די פאַבריק. דער סטאַטוט איז שוין אַפילו פאַרטיק. היינט וועט מען באַשליסן אים אָנצונעמען און מאָרגן וועט מען אים לעגאַליזירן און מאכן די ווענדונג וועגן אַ קאָנ־צעסיע.

— ווער איז די געזעלשאַפט? — האָט מרדכי נאָך אַלץ נישט גע־גלויבט.

— וואָס הייסט ווער? די גאלדהאמערס.

— אר־ווא. די גאָלדהאמערס גאָר, ווי אזוי ביסטו צו זיי דערגאנגען?

יוסף הערש האָט געשמייכלט און מרדכין איז עפּעס שווער געווען תופס צו זיין די גאַנצע זאַך. די גאָלדהאמערס זענען דאָס סאמע אויבערשטע פונעם שטייסל אין דער שטאָט. דאָס איז די גרויס־פּריצישע משפחה, צו וועלכער עס געהערט דער גיטער־שליסל אַרום דראהאביטש. אויך די גרעסטע באָדן־שטחים אין דער שטאָט גופא געהערן צו זיי. היינט ווי אזוי איז יוסף הערש צו זיי דערגאנגען און ווי אַזוי האָט ער זיך מיט זיי צוזאמענגערעדט?

דעם זעלבן אָוונט זענען ביידע ברידער געגאנגען צו דער גרינדונגס־זיצונג. זי איז פאָרגעקומען ביים אַדוואָקאַט גאָלדהאמער, דער זון פונעם אַלטן פּריץ. באַטייליקט האָבן זיך פיר מענטשן: דער אַלטער פּריץ מיטן זון, דער אַדוואָקאט און די צוויי ברידער שטערנבאך. געווען איז נאָך אַ פינפטער שותף, גאָלדהאמערס איידעם, ד״ר קאלישער, וואָס האָט גע־ווינט אין לעמבערג און דאָרט אָנגעפירט מיט די פאַרצווייגטע עסקים פון דער משפּחה. ד״ר קאַלישער איז נישט געקומען צו דער זיצונג. ער האָט איבערגעגעבן די פולמאַכט דעם שוואָגער.

די משפּחה גאָלדהאמער איז געווען פולשטענדיק אסימילירט. זיי האָבן נישט געהאט קיין שום מגע ומשא מיט יידן. דער אַלטער פּריץ האָט נאָך אפשר עפּעס געוווסט פון יידישקייט און פלעגט נאָך איין מאָל אין יאָר זיך אַריינכאַפּן אין אַ שול. אָבער זיינע קינדער זענען געווען פולשטענדיק פאַרפּוילישט. וועגן דעם אַדוואָקאט האָט מען אַפילו גע־

רעדט, אַז ער האָט זיך געשמדט. דאָס איז אָבער נישט געווען אמת. בייזע צינגער האָבן עס אויסגעטראַכט.

אינטערעסאַנט איז, אַז נישט דער טאַטע, נאָר דווקא דער זון, דער אדוואָקאַט, האָט זיך געפירט ווי אַן אמתדיקער פוילישער פּריץ. ער פלעגט אַרומפאָרן אין אַ קאַרעטע איינגעשפּאַנט אין פיר פערד. דער אַנטרייבער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ גלאַנצנדיקער ליבעריע מיט אַ צילינדער אויפן קאָפּ. אין שטוב האָט ער געהאַלטן אַ גרויסע דינער־שאַפט, פון וועלכער ער האָט זיך געלאָזט רופן „יאשניע פּאַן״, ווי אַן אמתדיקער „דזיעדזיץ״.

דער מעצענאַס גאָלדהאמער איז געווען אַ הייסער פּוילישער פּאַ־טריאָט און ער האָט זיך געקהלט אין אַלע פּוילישע געזעלשאַפטן, וווּ מ׳האָט אים ווי אַ ייד נישט פאַרמאַכט דעם אַריינטריט. אַליין אַ הויכער און צעוואַקסענער יונגערמאַן, מיט אַ פּאָר לאַנגע, בלאָנדע וואָנצעס און פאַרחלומטע בלויע אויגן, פלעגט ער אויף זיך ציִען אַלע ווייבערישע בליקן. ער איז געווען אַ לעב־יונג און אַן אָפטער באַזוכער פון די לעמבער־גער טעאַטערס און קאַבאַרעטן. מיט זיין פרוי פלעגט ער זיך צו אָפט נישט ווייזן. בפרט פלעגט ער אַליין פאָרן קיין לעמבערג, וווּ ער האָט אויף הוליאַנקעס פאַרבראַכט מיט זיינע יוגנט־חברים, די זונדלעך פון פּוילישע אַריסטאָקראַטן.

ווען יוסף הערש און מרדכי זענען אין יענעם אָוונט פון דער גריב־דונגס־זיצונג אַריינגעקומען צום אַדוואָקאַט גאָלדהאמער אין זיין גרויס הויז אויף דער סאמבערער גאַס, איז זיי דער מעצענאַס אַנטקעגנגעקומען מיט אַ ברייטן שלום עליכם און האָט זיי אַריינגעפירט אין זיין פיין מעבלירטן קאַבינעט. דער אַלטיטשקער פּריץ איז שוין דאָרט געזעסן אין אַ ווייכער לעדערנער שטול און האָט געגרויכערט אַ דיקן קובע־ציגאַר. די צוויי יונגעלייט האָבן זיך פאַרנויגט פאַרן פּריץ און אַוועקגעזעצט זיך ביים טיש.

באַלד איז מען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. דער אַדוואָקאַט האָט איבערגעלייענט דעם פּראָיעקט פונעם סטאַטוט און דעם גרינדונגס־אָפּמאַך. די צדדים האָבן געחתמעט דעם איינלייטונגס־אָפּמאַך און אויף

צומאָרגנס האָט מען אָפּגעשמועסט צו טרעפן זיךביים נאַטאַר, ווו מען וועט אונטערשרייבן דעם עצמדיקן גרינדונגס־אָפּמאַך.

— אַלץ גייט ביי אונדז צו אין אָרדנונג — האָט דער אַדוואָקאַט זיך אָנגערופן — נאָר די שווערסטע פראַגע וועט זיין דאָס אַרויסבאַקו־מען די קאָנצעסיע. אָבער איך האָף, אַז מיט דער הילף פון מיינע באַ־קאַנטשאַפטן אין די הויכע פענצטער, וועל איך די זאַך שנעל דורכפירן.

מען האָט זיך דערלאַנגט די הענט, געווונטשן זיך מזל טוב און מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

אויף אויפצושטעלן די פאַבריק האָט גאָלדהאַמער געגעבן אַ ריזיקן באָדן־שטח אינעם דאָרף דערעזשיץ, וואָס ליגט אין אַ מרחק פון אַן ערך דריי קילאָמעטער פונעם דראָהאָביטשער מאַרק־פּלאַץ. דער דאָזיקער באָדן־שטח איז געווען גוט צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ מין פאַבריק. פון איין זייט האָט ער געגרענעצט מיטן קייזער־וועג, וואָס האָט געפירט קיין באָ־ריסלאַוו און פון דער צווייטער זייט מיט דער באַן־ליניע. אַזוי אַרום האָט מען אָן שוועריקייטן געקענט אַריינפירן אַ זייטיקע באַן־ליניע אויפן שטח פון דער צוקונפטיקער פאַבריק.

קודם כל האָט מען געדאַרפט צוגרייטן דעם באָדן צו די בוי־אַר־בעטן. מ'האָט אים געדאַרפט אַרומצוימען מיט אַ פּאַרקאַן, צופירן די באַן־ליניע און ערשט דערנאָך האָט מען געקענט אָנהייבן צו בויען די בנינים און דעם הויכן קוימען. די שותפים האָבן גערעכנט, אַז ביז מ'וועט פאַר־טיק ווערן מיט אַלע בוי־אַרבעטן, וועט אָנקומען די קאָנצעסיע און דאַן וועט מען אַראָפּברענגען דעם אינזשעניער און דעם מייסטער און מ'וועט אָנהייבן מאָנטירן די מאַשינען. סיי דעם אינזשעניער און סיי דעם מייס־טער האָט מען געדאַרפט ברענגען אַזש פון פראַנקרייך. די מאַשינען און פאַבריקס־איינריכטונגען — פון די גרויסע עסטרייכישע אייזן־פאַבריקן אין וויטקאָוויץ.

די פיבערהאַפטע אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן אויף די דערעזשיצער פעלדער. הונדערטער פויערים פון די אַרומיקע דערפער זענען געקומען אַרבעטן ביים בוי. הונדערטער פורמאַנקעס 1) האָבן צונויפגעפירט דאָס

1) פויערישע וועגעלעך.

האַלץ פון די זעגערייען און דעם זאַמד פונעם טייך. דערווייל האָט נאָך יוסף הערש אַליין אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַרבעט. אַז מ׳וועט זיך שטעלן בויען, וועלן שוין מוזן קומען אינזשיניערן און ספּעציאַליסטן. דער פּלאַן איז געווען, אַז נאָך אין דעם זעלבן יאָר, פאַר די ערשטע פרעסט, זאָלן די בנינים אַרויפגעצויגן ווערן ביז אונטער די דעכער.

ווען די אַרבעטן זענען שוין געווען אין פולן גאַנג, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז עס נויטיקט זיך אַ קליינער שינוי אין דעם באַשטימטן סדר. יוסף הערש, וועמענס קאָפּ עס האָט שטענדיק געאַרבעט און געזוכט, ווי אַזוי צו פאַרזיכערן די צוקופט פון דער אָנטשטייענדיקער פאַבריק, איז אַמאָל אַריינגעקומען צו זיינע שותפים, די גאָלדהאַמערס.

— מיר שטעלן אויף אַ גרויסע פאַבריק — האָט ער געזאָגט — נאָר מיר האָבן נישט דורכגעטראַכט, וואָס מיר וועלן טאָן אין דער דאָ־זיקער פאַבריק.

דער אַלטער גאָלדהאַמער האָט יוסף הערשן באַטראַכט מיט שטוינונג.

— איר האָט דאָך אַליין פאַרגעלייגט דאָס געשעפט. ווייסט איר נישט וואָס מיר וועלן טאָן אין דער פאַבריק?

— ניין, פּאַניע דזיעדזיצו, נישט דאָס מיין איך. איך בין געקומען אייך דערמאָנען אַ וויכטיקע זאַך, וואָס מיר האָבן ביז איצט וועגן איר נישט געטראַכט. די פראַגע איז: פון וואַנען וועלן מיר נעמען דעם ערד־אייל?

— פון וואַנען? פעלט דען אין באָריסלאַוו אייל? מיר דאַכט זיך, אַז עס איז דאָ צו פיל, ווייל אָט זעט איר דאָך, אַז די יידן האָבן געמוזט אָפּשטעלן די אַרבעט, ווייל זיי ליגן מיט דער סחורה און האָבן זי נישט וווּ צו פאַרקויפן.

— אָ, ניין, פּאַניע דזיעדזיצו, אויב איר טראַכט אַזוי, איז טאַקע נישט גוט. איר מיינט, אַז נאַפט איז אַ באָוול־סחורה? נאַפט איז גאָלד. זי הייבט אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער וועלט־געשיכטע, פּאַניע דזיעדזיצו. אויב מיר וועלן לעבן, וועלן מיר נאָך זען, ווי פעלקער וועלן נאָך בלוטיקן צוליב נאַפט. און אייך דאַכט זיך, אַז ס׳איז גאַרנישט. איי די יידן ליגן מיט זייער אייל און ווייסן נישט וואָס דערמיט צו טאָן? איז עס אָן

איבערגעייענדיקע זאַך. איר ווערט זען, אַז מאָרגן וועט מען אויסגיין נאָך אַ לעק אייל. און וואָס שייך אונדזער פאַבריק, טאָר מען זיך נישט פאַר־לאָזן אויף ניסים. מען דאַרף רעכענען אָט אַזוי: כדי צו פירן דעם באַ־טריב וועלן מיר דאַרפן לפּחות צוואַנציק ציסטערנעס אייל אַ חודש. פון וואַנען קענען מיר זיי נעמען? די גרויסע שאַכטן וועלן אונדז נישט געבן קיין איינציקן לעפל אייל. זיי זענען דירעקט פאַרבונדן מיט דער ווינער קרעדיט־אַנשטאַלט און זיי שיקן אַלץ אַוועק קיין ווין. מוזן מיר אָנקומען צו די באָריסלאַווער יידן. און וויפל מייגט איר באַטרעפט דער גאַנצער לאַגער אויף אַלע אָפּגעשטעלטע קאַשערעס? הויך געשאַצט אַכט ציס־טערנעס. דאָס וועט פאַר אונדז קלעקן פונקט אויף די ערשטע צען טעג. און וואָס ווייטער?

— האָט איר דאָך די גאַרטענבערגס און ליבערמאַנען. וועלן זיי אייך נישט פאַרקויפן קיין אייל?

— ווען זיי זאָלן אונדז געבן דעם אייל, וואָלט שוין גוט געווען. אָבער מיט אַזעלכע גבירים קען מען קיין מאָל נישט זיין זיכער. דעריבער טאָרן מיר זיך נישט אויף זיי פאַרלאָזן. מיר מוזן האָבן אַ געזיכערטן צופלוס פון אייל און דעריבער איז נויטיק דורכצופירן שוין היינט צוויי וויכטיקע זאַכן. ערשטנס, מוזן מיר אָנזאַמלען אין אונדזער פאַבריק וואָס מער אייל און, צווייטנס, מוזן מיר ווירקן אויף די באָריסלאַווער יידן, אַז זיי זאָלן תּיכף באַנייען די אַרבעט אויף זייערע קאַשערעס.

— ווי אַזוי ווילט איר אויף זיי ווירקן?

— די זאַך איז אַ גאַנץ פּשוטע. מיר וועלן ביי זיי קויפן דעם גאַנצן אייל, וואָס זיי האָבן ליגן. מיר וועלן מיט זיי אונטערשרייבן אָפּמאַכן, וואָס וועלן פאַרפליכטן גלייכצייטיקביידע צדדים, זיי וועלן זיך מתחייב זין צו פאַרקויפן אונדז דעם גאַנצן אייל און מיר וועלן זיך פאַרפליכטן שטענדיק ביי זיי אָפּצונעמען די גאַנצע פּראָדוקציע. אויב מיר וועלן מאַכן די דאָזיקע זאַך, פּאַניע דזיעדזיצו, וועלן די באָריסלאַווער יידן תּיכף באַנייען די אַרבעט.

אָבער דאָס דורכפירן די דאָזיקע זאַך איז פאַרבונדן געווען מיט נייע געלט־אינוועסטיציעס, וואָס זענען נישט געווען פאָרויסגעזען אין די פריערדיקע פּלענער. מ'האָט געמוזט באַלד אינסטאַלירן אַ גרויסן

רעזערוואר, וואָס זאָל אַריינגעמען דעם גאַנצן אייל און חוץ דעם איז נויטיק געווען אַ באַדייטנדיקער סכום געלט אויף צו באַצאָלן די באַריסלאַווער בעלי־בתים. דער גרינדונגס־קאַפּיטאַל פון דער פאַבריק האָט געמוזט געהעכערט ווערן און דער אַלטער גאָלדהאמער האָט נישט געהאַט קיין חשק אַרויסצונעמען פון זיין פייער־קאַסע פריש געלט און אַריינצובאָדן עס אין אַ געשעפט, וואָס קען ערשט מיט יאָרן שפּעטער ברענגען ריווח.

יוסף הערשן האָט געקאָסט פיל מי, ביז ער האָט איבערצייגט דעם פריץ, אַז ער מוז געבן נאָך געלט, וואָרום אויב נישט וועט די גאַנצע אַרבעט זיין אַ בחינמדיקע און די פאַבריק וועט נישט קענען עקזיסטירן. נאָכן אַרויסבאַקומען די הסכמה פון גאָלדהאמערן האָט יוסף הערש אַרויסגעשיקט זיין ברודער מרדכין קיין באָריסלאַוו און געהייסן אים פאַרהאַנדלען מיט די נאַפט־יידן. זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געמאַכט קיין שום שוועריקייטן. פאַרקערט, זיי האָבן זיך אין דעם עסק אָנגעכאַפּט, ווי אין אַן אבן טוב. זיי האָבן געדן פאַרקויפט דעם אייל און געחתמעט אַלע אָפּמאַכן. זיי האָבן אַפילו מסכים געווען, אַז דער פאַרקויפטער אייל זאָל דערווייל בלייבן ביי זיי, ביז ס'וועט פאַרטיק זיין דער גרויסער רעזערוואר אין דער פאַבריק.

אויף אַזאַ אופן האָט אינעם שווערן יאָר 1885 יוסף הערש שטערנבאַך געראַטעוועט פון אונטערגאַנג די יידישע נאַפט־אינדוסטריע. ווי נאָר די באָריסלאַווער בעלי־בתים האָבן אָפּגעלייזט דאָס ביסל געלט, האָבן זיי באַנייט די אַרבעט און נאָך חדשים פון טויטער שטילקייט איז ווידער אַ חיות אַריין אין די קאַשערעס. באָריסלאַוו איז צוריקגעשטעלט געוואָרן אויף די פיס.

פונדעסטוועגן איז געבליבן אַ טייל יידן, וואָס זענען דורך יוסף הערשן נישט געהאָלפן געוואָרן און וואָס קיין שום זאַך האָט זיי שוין נישט געקענט העלפן. דאָס זענען געווען די לעפּאַקעס, וואָס זייער אַרבעט איז באַשטאַנען אין רייניקן דעם וואַקס און דעם אייל. ביים ערדאייל האָבן זיי ענדגילטיק פאַרלוירן דעם אָנהאַלט. די פאַבריק האָט זיי אַרויסגעשטויסן פון זייערע פּאָזיציעס און פאַרוואַנדלט זיי אין אומנוצלעכע מענטשן. וואָס שייך וואַקס, איז די לאַגע אויפן דאָזיקן געביט

ווייטער געבליבן אַ שלעכטע. וואַקסענע ליכט זענען כמעט אינגאַנצן אַרויסגעפאַלן פונעם מאַרק. זיי האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן די קאָנקורענץ מיט פּאַראַפין.

עטלעכע הונדערט לעפּאַקעס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שנאָרערס און האָבן מיט דער צייט פאַרלוירן זייער מענטשלעכע צורה. אין מיטן פונעם געוואַלטיקן גע'יעג נאָך פּרנסה זענען זיי געוואָרן פאַרגעסן און מ'האָט זיי פּשוט צעטראָטן מיט די פיס. עס איז אַפילו פאַרגעסן געוואָרן דער באַדייט פון זייער נאָמען. דער נאָמען לעפּאַק איז אַמאָל געווען אַ באַצייכנונג פון אַ בכבודיקער פּראָפעסיע, וואָס האָט געשפּילט די ערשטע ראָלע אינעם נאַפט־געביט. מיט דער צייט איז דער דאָזיקער נאָמען געוואָרן אַ סינאָנים פון אַזעלכע אויסדרוקן, ווי: אַרבעטסלאָזער, שנאָרער, אומנויטיקער מענטש וכד'.

אַפילו מיט יאָרן שפּעטער, ווען דער באַריסלאַווער אָזאָקעריט־וואַקס איז געוואָרן אַ שטאַרק געזוכטער אַרטיקל, האָט אויך דאָס נישט געענדערט די לאַגע פון די לעפּאַקעס. ער איז אַריינגעפירט געוואָרן אויפן וועלט־מאַרק אַלס אַ יחיד במינו, ווייל ער איז געווען דער איינציק אויף דער וועלט עקזיסטירנדיקער חומר, וועלכן מ'האָט געקענט נוצן צום איזאָלירן די טעלעגראַפישע קאַבלס אינעם ים. צו די לעפּאַקעס האָט אָבער די זאַך נישט געהאַט קיין שייכות. דעם וואַקס האָט מען שוין דעמאָלט גערייניקט אויף אַ מעכאַנישן אופן אין ספּעציעל איינגעאָרדנטע פאַבריקן. די לעפּאַקעס זענען שוין קיינמאָל נישט אויפגעשטאַנען קיין תחית־המתים.

ח.

יוסף הערש שטערנבאכס נסיון

יוסף הערש האָט געשלאָגן דעם רעקאָרד פון געשווינדקייט. ביים אָנהייב פונעם קומענדיקן זומער האָט ער געהאַט שוין אַ פאַרטיקע פאַבריק. דאָס הייסט צום גאַנצלעכן פאַרטיק זיין האָט נאָך אַ סך געפעלט. מ׳וועט נאָך דאַרפן בויען און בויען. אָבער די עיקרדיקע טיילן פון דער פאַבריק זענען שוין געווען איינגעמאָנטירט און מ׳האָט גלייך געקענט אָנהייבן דעם באַטריב.

דאָס פאַרגאַנגענע יאָר איז פאַר יוסף הערשן געווען אַ יאָר פון אי־בערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען. בטבע איז ער געווען אַ שוואַכער יונגערמאַן און איצט נאָכן אָפּפלאָגן זיך דאָס גאַנצע יאָר, איז ער אויסגעטריקנט געוואָרן ווי אַ שטעקן. זיין נאָז האָט זיך נאָך שאַרפער אָפּגעשניטן אויפן קאָנטיקן פנים. איבערן שיטערן קמץ־בערדל זענען די באַקן פאַרלאָפן מיט אַ קרענקלעכער רויטקייט. פון אונטער די נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן האָבן אַראָפּגעהאָנגען צוויי בלויליכע קישעלעך.

ס׳איז געווען קענטיק, אַז יוסף הערש ציט מיט די לעצטע כוחות. זיין איינציקע טרייסט איז געווען דער געדאַנק, אַז אַט דערנענטערט זיך דער טאָג פון חנוכת הבית פון זיין נייער פאַבריק. די האָפענונג אויפן דאָזיקן פריידיקן טאָג האָט יוסף הערשן געהאַלטן אויף די פיס און נישט געלאָזט אים פאַלן אפילו דעמאָלט, ווען זיין גוף האָט געהאַלטן ביים צוזאַמענברעכן זיך צוליב מידקייט און זיין מוח איז שוין געווען אויסגעטריקנט פונעם שטענדיקן טראַכטן און קאָמבינירן. יוסף הערש האָט געוואָלט, אַז די פאַבריק זאָל ווי אַמשנעלסטן זיין פאַרטיק. דערביי האָט ער אָבער געמוזט שטאַרק שפּאָרן מיט די אויסגאַבן. ער האָט נישט געוואָלט נאָך אַמאָל קומען צו גאָלדהאַמערן און בעטן אַ הוספה.

— ווי דערציט מען צו דער דערעפענונג פון דער פאַבריק, — האָט יוסף הערש שווער געזיפצט — ווי זעט מען זי שוין אינעם באַטריב.

דעמאָלט וועט ער זיך אָפּשלאָגן פאַר דער גאַנצער צייט, פאַר אַלע פּלאָגענישן און מאַטערנישן, פאַר די ליידן און פאַרן פּיין. ווייל דאָס וועט זיין די שמחה צוליב נצחון. זיין שמחה און זיין נצחון. יוסף הערש האָט שוין געהאַט צוגעגרייט דעם גאַנצן פּלאַן פון דער חנוכת־הבית־פייערלעכקייט. עס וועלן קומען הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן פון לעמבערג און אפשר גאָר פון ווין. פון די היגע נכבדים איז שוין אָפּגע־רעדט. אַלע וועלן באַוווּנדערן דאָס גרויסע ווערק, וואָס איז דאָ געשאַפן געוואָרן, זיין, יוסף הערשס ווערק.

אָבער ווען יוסף הערש האָט געהאַלטן נאָענט צום דאָזיקן פריידיקן טאָג, איז אויף אים אַראָפּגעפאַלן אַ גאַנץ נייער קלאַפּ. די קאָנצעסיע, אויף וועלכער מען האָט שוין געוואַרט כמעט אַ יאָר צייט, איז אַלץ נאָך נישט געווען. דער אַדוואָקאַט גאָלדהאַמער איז געקומען פון לעמבערג און האָט געבראַכט נישט קיין פריילעכע ידיעות. דער אַדוואָקאַט האָט געקלאַפּט אין אַלע טירן. ער האָט אפילו נישט אויסגעמיטן דעם שר אַליין, דעם גראַף באַדעני. מען האָט אים אפילו צוגעזאָגט צו טאָן, וואָס מעג־לעך, נאָר וואָס האָט מען פון די צוזאָגעכצן, אַז דאָס פּאַפּיר איז נישטאָ.

דער סוף פון די בוי־אַרבעטן איז אָבער געווען נאָענט און מען האָט געמוזט זוכן אַן אויסוועג, כדי צו קענען לאָזן די פאַבריק אין גאַנג. דער אַדוואָקאַט איז אַריינגעגאַנגען צום לעמבערגער אינדוסטרי־ראַט, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער אַלע גאַליצישע פאַבריקן און ביי אים געפאָ־דערט אַ ממשותדיקן ענטפער. האָט דער אינדוסטרי־ראַט געענטפערט, אַז לויט זיינע השערות טרעפט אָן דער ענין אויף שוועריקייטן אין ווין. ער האָט געראָטן אַריבערצוכאַפּן זיך קיין ווין, ווו מען וועט קענען דער־גיין דעם גאַנצן סוד. אַדוואָקאַט גאָלדהאַמער האָט זיך נישט געלאָזט אָפּפאַרטיקן מיט גאָרנישט. ער איז צוגעשטאַנען צום אינדוסטרי־ראַט, אַז מען מוז באַלד לאָזן די פאַבריק אין גאַנג און מען קען נישט וואַרטן אויף די ווינער נסים. הונדערט טויזנט גולדן האָט אָפּגעקאָסט דאָס ווערק און אויב מען וועט זיך פונקט איצט מוזן אָפּשטעלן, וועט דאָס זיין אַ חורבן און אַן אומגליק. דעמאָלט האָט דער אינדוסטרי־ראַט גע־

זאָגט, אַז ער וועט זיך באַמיען צו טאָן דאָס מאַקסימום פון זיינע מעג־לעכקייטן. קיין אַנדערן וואָלט ער עס זיכער נישט געטאָן, ווייל עס איז אַ ריזיקאַלישע זאַך, אָבער גאָלדהאַמערן, וועלכער איז זיין בעסטער פריינט, קען ער נישט אָפּזאָגן. ער וועט אים אַרויסגעבן אַ צייטווייליקע דערלוי־בעניש אויף אָנצוהייבן דעם באַטריב אין דער פאַבריק. מיט דער דאָזי־קער דערלויבעניש קען מען לעת־עתה פירן די אַרבעט, אָבער אין אייגע־נעם אינטערעס מוזן די בעלי־בתים פון דער פאַבריק זיך באַמיען נישט צו מאַכן קיין טומל אַרום דעם גאַנצן ענין. אַן רעש דאַרף מען לאָזן די פאַבריק אין גאַנג און וואַרטן וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. פאַרוואָס דווקא אָן טומל? די סיבה איז פאָלגנדיקע: מסתמא איז פאַראַן ווער נישט איז אין וויך, וואָס שטערט דער געזעלשאַפט אינעם באַקומען די קאָנצעסיע. ווען זיין געזינטער, אויב דער דאָזיקער שטערער וועט זיך נישט דערוויסן אַזוי גיך, אַז די פאַבריק גייט שוין. פאַרשידענע זאַכן קענען אָנגעדרייט ווערן אין ווין, האָט דער אינדוסטרי־ראַט געהאַלטן, און דאָס מיניסטעריום קען מבטל מאַכן די דערלויבעניש, וואָס איז אַרויס־געגעבן געוואָרן דורכן אינדוסטרי־ראַט. דעריבער מוז מען זיך שטאַרק היטן, ווייל אויב ווין וועט מבטל מאַכן די דערלויבעניש, בלייבט נישט קיין אַנדער זאַך, ווי לעבעדיקערהייט זיך באַגראָבן. אין אַזאַ פאַל קען שוין לעמבערג גאָרנישט העלפן. די ענדגילטיקע עצה פונעם אינדוסטרי־ראַט איז געווען, אַז די געזעלשאַפט זאָל לאָזן אין גאַנג די פאַבריק, אָבער גלייכצייטיק זאָל עמעץ אַוועקפאָרן קיין ווין און דאָרט זוכן וועגן צו די שררות.

אַזאַ באַריכט האָט דער אַדוואָקאַט גאָלדהאַמער איבערגעגעבן יוסף הערשן פונעם לעצטן באַזוך אין לעמבערג. יוסף הערשן איז פינצטער גע־וואָרן פאַר די אויגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט נאָר, וואָס עס קען שוין קיין רייד נישט זיין פון אַ חנוכת־הבית־פייערונג, אָבער די גאַנצע עקזיסטענץ פון דער פאַבריק איז נישט קיין זיכערע. אויסגעבויט אַזאַ ריז און אָט שטייט ער אויף הינערישע פיסלעך. עס פעלט אים די קאָנצעסיע, וואָס איז טאַקע נישט מער, ווי אַ שטיקל פאַפּיר, אָבער פונדעסטוועגן איז עס דער פונדאַמענט פונעם געשעפט.

— ממש אַ הימלגעשריי — האָט זיך יוסף הערש אָנגערופן און

אויסגעשטעלט אויפן אַדוואָקאַט אַ פּאָר פֿרעגנדיקע אויגן — וואָס זשע וועט טאַקע זיין?

— קומענדיקע וואָך וועל איך פאָרן קיין ווין.

אָבער פון ווין איז דער אַדוואָקאַט צוריקגעקומען מיט דעם זעלבן, מיט וואָס ער איז געפאָרן. ער האָט בלויז אויסגענישטערט, אַז די שטע־רערס זענען די לייט פון דער ווינער קרעדיט־אַנשטאַלט, וואָס פינאַנ־סירט די נאַפט־ראַפינעריע אין ווין און די נייע נאַפט־שאַכטן אין באָ־ריסלאַוו. זיי ווילן פשוט נישט צולאָזן קיין קאָנקורענט. נאָך איין וויכ־טיקע זאַך איז דער אַדוואָקאַט געוויר געוואָרן אין ווין. דער בערג־בוי־אַמט אין קראָקע, וואָס האָט צו זאָגן איבערן גאַנצן באָריסלאַווער נאַפט־געביט, איז אָפּגעחורשט געוואָרן דורך דער קרעדיט־אַנשטאַלט. דער נייער פאָרשטייער פונעם בערג־בוי־אַמט, וואָס האָט זיך פונקט מיט אַ וואָך צוריק באַזעצט אין דראָהאָביטש, איז זייערס אַ מענטש. פאַרן דאָ־זיקן פאָרשטייער דאַרף מען זיך שטאַרק היטן.

נישט קוקנדיק אויף די אַלע שטערונגען איז די פאַבריק געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. זי האָט געאַרבעט אויף אַלע כלים און דאָס מיניסטער־יום האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק. עס האָט נישט מבטל געמאַכט די דערלויבעניש פונעם אינדוסטרי־ראַט. אָבער די קאָנצעסיע האָט עס אויך נישט אַרויסגעגעבן. די שותפים האָבן געלעבט אין אַ כסדרדיקן אומרו. ווער ווייסט, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען, אַז מיטן הייגט איז מען אויך נישט זיכער.

דערווייל האָט זיך אין דער גאַנצער געגנט פונאַנדערגעטראָגן דאָס נייעס וועגן דעם נייעם פאָרשטייער פונעם קראָקעווער בערג־בוי־אַמט, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין דראָהאָביטש. כאָטש קיינער האָט אים נאָך נישט געזען אויף די אויגן, האָט מען געוווּסט צו דערציילן, אַז ער איז אַ גרויסער רשע און אַ צורר ישראל. מיט זיין אָראָפּקומען, האָט מען געזאָגט, איז אַ גרויסע גזירה אויסגעגאַנגען אויף דער שטאָט יידן. ווער ווייסט, וואָס פאַראַ צרות יידן וועלן איצט האָבן אויסצושטיין. דאָס יידישע נאַפט־געביט האָט ווידער געדאַרפט רחמים.

עטלעכע וואָכן זענען דורכגעגאַנגען. באָריסלאַוו איז געווען פאַר־טאָן אין איר טאָג־טעגלעכער אַרבעט. אויף אַלע קאַשערעס איז אָנגע־

גאַנגען אַ געיעג נאָכן פּליסנדיקן גאָלד. די נייע פאַבריק האָט געפּאָדערט אַ סך אייל. די פּראָדוקציע פון אַלע יידישע קאַשערעס צוזאַמען האָט איר געקלעקט אויף איין אָנבייסן. מרדכי שטערנבאַך איז געגאַנגען פון איין קאַשערע צו דער צווייטער און האָט אונטערגעיאָגט די בעלי־בתים. ער האָט פאַרלאַנגט מען זאָל אויסברייטערן דעם אַרבעטס־פּאַרנעם, פאַר־שנעלערן דאָס טעמפּאָ פון דער אַרבעט און פאַרלייגן נייע ברונעמס. האָט מען אין באַריסלאַוו געאַרבעט אויף צוויי „זמענעס" און געשלעפּט די עמערס אייל פון די ברונעמס סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. ווען אַ ברונעם איז געווען אויסגעשעפּט, האָט מען אים אונטערגעגראָבן טיפער און ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן, איז מען אַריבערגעגאַנגען אויף אַ צווייטן אָרט און דאָרט ווידער געגראָבן, פאַרלייגט הילצערנע צעמבראַ־ווענעס און געוואַרט, אַז די קיפּיעטשקע זאָל אונטערקומען.

אָבער ווי אויף להכעיס האָט איצט אָנגעהויבן צו גיין ערגער. אַנ־שטאַט דעם געגאַרטן אייל פלעגט וואָס אַמאָל אָפטער אונטערקומען וואַ־סער. דאָס וואַסער האָט אויך געהאַט אַ ברוינעם קאָליר און זיין אויי־בערפלאַך איז באַדעקט געווען מיט ברייט־אויסגעשפּרייטע אויגן, ווי אַ פעטע יויך פון אַ שבתדיקן טיש. די דאָזיקע פעטע פלעקן פלעגן שימע־רירן אַנטקעגן דער זון מיט אַלע פאַרבן פון אַ רעגנבויגן. דאָס וואַסער האָט נישט געהאַט דעם שאַרפן ריח פון קיפּיעטשקע. עס האָט זיך פון אים געטראָגן אַ לייכטער גערוך פון נישט פרישע אייער.

יידישע מבינים זענען געקומען מיט פאַרשידענע השערות. אַ טייל האָט געהאַלטן, אַז נישט אַנדערש, נאָר דער אייל איז אַוועק. אייל האָט זיך אונטער דער ערד זיינע אייגענע וועגן און ער איז פון דאַנען אַליין אַוועק, פּונקט אַזוי ווי ער איז אַליין געקומען. אַנדערע מבינים האָבן דערויף געדרייט מיט די קעפּ, אַ צייכן, אַז זיי זענען נישט מסכים. ווי אַזוי האָט דער אייל געקענט אַוועקגיין, אַז די גרויסע שאַכטן הערן נישט אויף צו שרעקן די שטאָט מיט זייער בייזן געברומערייי? בייטאָג און ביינאַכט הוזשען דאָרט די שווערע מאַשינען און דאָס פאַרטויבטע קלאַפּן פון די שווידערס אין דער ערד הערט זיך אויף ווייטע מרחקים. קיין אייל פעלט זיי נישט אויס. והא ראיה, פון וואַנען נעמען זיך אַזויפיל אָנגע־

לאָדענע ציסטערנעס אויף דער באַן? און די צוגן גייען איצט אָפּ נישט יעדע עטלעכע טעג, נאָר ממש יעדן טאָג.

אַ גאַנץ אַנדערע זאַך מוז אין דעם שטעקן — האָבן די צווייטע מבינים געהאַלטן — דער אייל פון אונטער דער סאַמע אויבערפלאַך איז שוין אוודאי אויסגעשעפּט. דעריבער קען מען שוין נישט דערוואַרטן קיין גרויסע דערפאָלגן פון די פלאַך־אויסגעגראָבענע ברונעמס. מען מוז אָנהייבן צו בויערן אין דער טיף און דאָרט וועט מען געפינען די ריכ־טיקע מנה יפה. ס׳איז אָבער לייכט צו זאָגן: בויערן אין דער טיף. צו דעם דאַרף מען דאָך האָבן קורחס אוצרות. יעדער שאַכט איז אַ גאַנצע פאַבריק. אמת, ס׳וועט זיך אויסצאָלן, אַז מ׳וועט זיך דערבויערן. אָבער מיט וואָס הייבט מען אָן? פון דער ביז־איצטיקער קאַרגער פּראָדוקציע האָט מען נישט געקענט מאַכן קיין גרויסע געלטער. קיין איבעריקער גולדן איז כמעט נישט געבליבן אין דער האַנט.

ביי דער איצטיקער לאַגע איז די באַריסלאַווער קאַשערע־יידן נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. און פּונקט אין אַזאַ צייט האָט זיך פּלוצים אַ שווערע גזירה אַ שאָט געטאָן אויף זייערע קעפּ. דער נייער שררה פונעם נאַפט־געביט, דער שליח פונעם קראָקעווער בערג־בוי־אַמט, שומסקי, האָט געלאָזט פון זיך הערן. אין אַ געוויסן טאָג האָבן אַלע קאַשערע־בעלי־בתים באַקומען דורך דער פּאָסט צוגעשטעלט אַ מודעה, אַז לויט אַ פאַראָרדענונג פונעם עסטרייכישן אַגריקולטור־מיניסטעריום מוז יע־דער שאַכט תיכף ווערן איבערגעבויט. חוץ דעם איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז יעדער שאַכט מוז אַרום זיך האָבן גאַנצע זיבן הונדערט קוואַדראַט מעטער פרייען באָדן, כדי די געגנט זאָל אָפּגעהיט ווערן פון שרפות.

ביים סוף פון דער מודעה איז געשטאַנען, אַז די פאַראָרדענונג ווערט אַרויסגעגעבן, כדי צו באַוואָרענען די זיכערקייט פון די אַרבעטער און פון דער באַפעלקערונג און אַז במשך פון די קומענדיקע זעקס וואָכן מוז אַלץ דערפירט ווערן צו אַן אָרדענונג. נאָך די זעקס וואָכן וועלן אַרויס־געשיקט ווערן קאָמיסיעס פונעם בערג־בוי־אַמט און ווו ס׳וועט געפונען ווערן אַ מכשול, דאָרט וועט מען תיכף ליקווידירן און פאַרשיטן דעם שאַכט.

נאָכדעם ווי די יידן האָבן זיך פונאַנדערגעקליבן אין דעם אינהאַלט

פון דער מודעה, איז פאַר זיי קלאָר געוואָרן, אַז עס איז אויף זיי אַראָפּגעפאַלן אַ שווערע גזירה. דאָס איבערבויען די קאַשערעס איז טאַקע נישט געווען קיין שווערע זאַך, אָבער מיטן פרייען שטח אַרום די יאַמעס איז געווען אַ גרויס אומגליק. דאָס רוב יאַמעס איז געשטאַנען אויף די הייף. לעבן דער קאַשערע האָט דער ייד געהאַט זיין שטוב, וווּ ער האָט געוווינט מיט זיין משפּחה. איז אים איצט נישט געבליבן קיין אַנדערער אויסוועג, ווי פונאַנדערצוּוואַרפן די אייגענע שטוב און אַזוי אַרום צו שאַפן דעם פרייען שטח אַרום זיין יאַמע. ביי אַ טייל וואָלט אפילו דאָס פונאַנדערוואַרפן די שטוב נישט געהאַט קיין פּעולה, ווייל די שטוב מיט דער קאַשערע צוזאַמען האָבן נישט פאַרנומען די געפאָדערטע זיבן הונדערט קוואַדראַט־מעטער.

דער רשע, שומסקי, האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט געשיקט קאָמיסיעס, וואָס האָבן בודק געווען אַלע יידישע קאַשערעס און נאָך די קאָמיסיעס זענען געקומען אַרבעטער מיט באַוואָפנטע זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבן חרוב געמאַכט אַלע קאַשערעס, אין וועלכע ס׳איז געפונען געוואָרן דער מינדסטער מכשול. דער חורבן איז געווען אַ גרויסער. ביי די טויזנט יידישע משפּחות, בעלי־בתּים און אַרבעטער, זענען געבליבן אָן ברויט. יידן האָבן אויפגעהויבן אַ גרויס געשריי. די מעשה נבלה איז דאָך געשען אין באָריסלאַוו, אין דער מלוכה פון די ווילדע יונגען. האָט מען לכתּחילה זיך געטראָגן מיטן געדאַנק צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. מען האָט געמיינט, אַז מ׳וועט קענען מיט קאָטשערעס און לאָפּעטעס פאַרטרייבן די משולחים פונעם רשע שומסקי. אָבער ווייבאַלד מען האָט דערזען, אַז די משולחים קומען מיט זשאַנדאַרמען, באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז פיס, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז וועגן אַ ווידערשטאַנד קען דאָ נישט זיין קיין רייד. מלכות אַליין האָט זיך גענומען צום חרוב מאַכן דאָס יידישע פאַרמעגן, דאָס יידישע שווער־פאַרהאָרעוועטע בלוט. יידן זענען נעבעך אין גלות און זיי זענען הילפלאָז, בעת מלכות אַליין האָט זיך פאַרמאָסטן צו צעשטערן זייער אָרעמע פּראַצע.

צוליב דער גאַנצער מהומה האָט זיך פאַרערגערט אויך די לאַגע אין דער דראָהאָביטשער נאַפט־פאַבריק. יוסף הערשן איז באַשערט געווען זיך כּסדר צו מוטשען און נישט צו האָבן קיין מנוחה אפילו אויף

אַ קורצער צייט. צום ערשטן אומגליק מיט דער קאָנצעסיע איז איצט צוגעקומען אַ צווייט אומגליק, פאַר וועלכן יוסף הערש האָט זיך די גאַנ־צע צייט געשראָקן, דאָס אומגליק פון מאַנגל אין רוי־מאַטעריאַל. אין די ערשטע עטלעכע חדשים האָט די נייע פאַבריק אויסגעאַרבעט דעם גאַנצן אָנגעזאַמלטן זאַפּאַס פון ערד־אייל און דאַן האָט יוסף הערש דער־פילט, אַז די פעדעם רייסן זיך און אַלץ לאָזט זיך אויס. דער אייל, וואָס יידישע קאשערע־בעלי־בתים האָבן אים געקענט געבן אין די פאַרגאַנגענע גוטע חדשים, האָט געדעקט בלויז אַ קליינעם טייל פון זיינע באַדערפע־נישן. וואָס זשע וועט זיין איצט, אַז אַ טייל פון די דאָזיקע קאשערעס זענען געוואָרן אָפּגעשטעלט און צעשטערט?

יוסף הערש איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ ווייטיק אין האַרצן, אַ ווייַ־טיק קעגן וועלט, מלכות און מענטשן. זיין אויפטו האָט דעם גאַנצן לאַנד געטראָגן אַ ברכה. ס׳איז דאָך נישט קיין קלייניקייט, נאָר אַ פאַבריק, וואָס גיט אַרבעט הונדערטער מענטשן, פאַרזאָרגט מיט ליכט שטעט און דערפער. האָט ער, הייסט עס, אויפגעטאָן אַ געוואַלטיקע זאַך און זיין אויפטו האָט געדאַרפט דורך מלכות באַגריסט ווערן מיט פרייד. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז ס׳הייבט זיך גאָרנישט אָן. מלכות רודפט אים און טוט אים אַלץ אָפּ אויף להכעיס. די קאָנצעסיע האָט מען אים ביז היינט נישט געגעבן און אויב דאָס איז ווייניק, לייגט מען נאָך איין וועלטן, כדי אים, יוסף הערשן, אָפּצושניידן דעם צופלוס פון ערד־אייל.

יוסף הערש, דער עלוישער קאָפּ, וואָס האָט געקענט האַלב ש״ס אויף אויסנווייניק און געוווסט אַלע סודות פון דער מאָדערנער טעכניק, איז איצט געבליבן שטיין ווי אַן אָפּגעשמיסן חדר־יינגל. וואָלט ער כאָטש זיכער געווען, אַז די גאַרטענבערגס וועלן אים פאַרקויפן אַביסל אייל, וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה. אָבער אויך משה, זיין בעסטער פריינט, האָט אים אַנטוישט. אמת, פון צייט צו צייט וואַרפט ער אים צו אַביסל אייל, ווי מ׳וואַרפט צו, להבדיל, דעם הונט אַ ביין. דער־ביי מאַכט אים משה רייך, פונקט ווי ער וואָלט אים דעם אייל געגעבן אומזיסט. יוסף הערש וואָלט שוין אָוועקגעקוקט פון כבוד. זאָל ער אים רייך מאַכן, זאָל ער טאָן, וואָס ער וויל, נאָר זאָל ער געבן אייל. אָבער משה גיט נישט. דעם רוב פון דער פּראָדוקציע זאַמלען די גאַרטענבערגס

ביי זיך. זיי האָבן אויפגעשטעלט אין באַריסלאַוו עטלעכע ריזיקע רע־זערוואַרן, וועלכע זענען כסדר אָנגעפולט מיט ערד־אייל. דער גוטער יאָר ווייסט זיי, נאָך וואָס זיי טוען עס.

אין דער לעצטער צייט איז מיט דער גאַרטענבערגישער קיפּיעטש־קע געוואָרן נאָך ערגער. ווען יוסף הערש האָט זיך אַנומלט געטראָפן מיט לאַזערן, האָט אים לאַזער געזאָגט בפירוש, אַז פון איצט אָן וועט יוסף הערש נישט קענען באַקומען אפילו דאָס ביסעלע אייל, וואָס מען פלעגט אים ביז איצט אַמאָל צווואַרפן. זיי רייסן איצט אַרונטער, האָט לאַזער געזאָגט, אַלע קאָשערעס און שטעלן זיך בויען גרויסע שאַכטן. זיי גייען אַריבער, הייסט עס, אויף מעכאַנישער בויערונג. יוסף הערש האָט אפילו נישט פאַרשטאַנען וואָס פאַראַ שייכות עס האָט דאָס אַריבערגיין אויף מעכאַנישער בויערונג מיטן פאַרקויף פון קיפּיעטשקע צו זיין פאַבריק. פאַרקערט, אויב זיי שטעלן גרויסע שאַכטן, וועלן זיי דאָך איצט האָבן די אמתדיקע אייל־אוצרות. טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי נישט געבן כאָטש אַביסל פון זייער אייל פאַר יוסף הערשס פאַבריק? נאָר גאָרנישט. לאַ־זער האָט געזאָגט און יוסף הערש האָט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס אַנדערש זאָגט ער און עפּעס אַנדערש טראַכט ער. האָט יוסף הערש געצויגן די פּלייצע און האָט גאָרנישט נישט געענטפערט.

דערווייל האָט יוסף הערשן געטריקנט דער קאָפּ. אין אַ שיינער פאַסטקע האָט ער זיך אַריינבאַקומען. צו זיין ביי משהן אַ מענטש איז אים נישט אָנגעשטאַנען. ער איז געגאַנגען איינרייסן אַ וועלט, מיט ראַ־טשילדן אַביסעלע זיך פאַרמעסטן. יוסף הערש האָט איצט געשאָלטן די מינוט, וואָס האָט אים געבראַכט דעם אומגליקלעכן איינפאַל פון בויען די פאַבריק. ווי האָט ער געקענט זיין אַזוי לייכטזיניק און אָפּטאָן דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן? אַריינגעצויגן זיך אַליין אין אַ בלאָטע און מיט־געצויגן נאָך מרדכין (וואָס איז ער נעבעך שולדיק?) און די פּריצים, די גאָלדהאַמערס.

אַ פאַריאָושטער האָט איצט יוסף הערש אַלץ געזען אין די סאַמע שוואַרצסטע פאַרבן. די קאָנצעסיע איז נישטאָ, נאָר ווען זי וואָלט אפילו געווען, וואָס וואָלט מען מיט איר משטיינסגעזאָגט אויפגעטאָן, אַז אים, יוסף הערשן, פעלט דער יסוד, דער באָדן אונטער די פיס. ווייל וואָס

איז ווערט די גאַנצע פאַבריק, אויב זי האָט נישט קיין געזיכערטן צו־פלוס פון רוי־שטאָף? וואָס פאַראַ אויסוועג קען מען דאָ געפינען? סיידן ס׳זאָל אָנהייבן צו רעגענען מיט קיפּיעטשקע. נאָר דאָס וואָלט דאָך גע־ווען אַ נס און קיין נסים זענען ביים היינטיקן טאָג נישטאָ. וואָס זשע טוט מען טאָקע? געוואָלט וואָס טוט מען?

— שאַ — האָט זיך יוסף הערש אָנגעכאַפּט אָן אַ געדאַנק, ווי אַ טרינקענדיקער כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי — דער אַלטער ליבערמאַן קען נאָך ראַטעווען די לאַגע. ווען מרדכי איז ביי אים געווען דאָס לעצטע מאָל, האָט ער טאַקע עפּעס געפּאָנפּעט אונטער דער נאָז, נאָר צום סוף האָט ער געהייסן קומען נאָך אַמאָל.

יוסף הערש האָט באַשלאָסן נישט צו שיקן מער מרדכין, נאָר אַליין זיך מטריח זיין צו ר׳ ישראלן. און טאַקע נישט וואַרטן, נאָר תיכף ומיד זיך צו אים אַריבערכאַפּן. האָט ער אָנגעטאָן דעם שוואַרצן, ברייטן הוט, אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם איבערציער און איז אַרויס אין גאַס. אויפן מאַרק־פּלאַץ ביים ראָטהויז האָט יוסף הערש צוגערופן אַ פיאַקער און געהייסן זיך פירן צו דער קליינער באַן־סטאַציע, וועלכע איז געווען אַ סך נענטער פונעם שטאָט־צענטער, ווי דער הויפּט־וואָקזאַל. פון דער קליינער באַן־סטאַציע פלעגט מען שטענדיק נעמען דעם צוג קיין באַריס־לאָוו.

דער פיאַקער־ייִד איז געוואָרן אויפגעלייגט צוליבן באַקומען דעם פאַרשוין. ער האָט אַ טרייב געטאָן די אויסגעדאַרטע שקאַפּע און באַלד האָבן די רעדער געקלאַפּט איבער די שאַרף־קאַנטיקע שטיינער, מיט וועל־כע דער מאַרק־פּלאַץ איז געווען אויסגעלייגט. עס האָט פונקט געהאַלטן אין מיטן טאָג. נאָך אַ שטאַרקן רעגן, וואָס האָט געגאָסן צוויי טעג נאָכ־אַנאַנד, האָט זיך געשטעלט אַ ברענענדיקע היץ. די אינמיטן־זומערדיקע זון האָט געבריט מיט אַ העליש פייער. די קאָלעס האָט זיך עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן אויף דעם נישט גלייכן גרונט פונעם מאַרק־פּלאַץ און באַלד האָט דער פיאַקער פאַרקערעוועט באַרג־אַראָפּ אויפן טרוסקעוויצער וועג. יוסף הערש איז פאַרבייגעפאָרן די ווייס־געקאַלכטע רויטענישע צערקווע, וואָס האָט געקיניגט איבער דער געגנט מיט אירע הויכע קאָ־פּולדיקע גלאָקן־טורעמס.

— וויאָ, וויסטאָ — האָט דער בעל־עגלה געשריגן צו זיין שקאַפּע און דאָס פערדל איז טאַנצנדיק אַראָפּגעלאָפן, פּלאָנטערנדיק מיט די הינטער־שטע אויסגעדאַרטע פיסלעך. דער וואָגן האָט זיך לייכט אַראָפּגעגליטשט, לאָזנדיק הינטער זיך אַ וואָלקן־שטויב. באַלד האָט ער אָנגעהויבן צו קלעטערן באַרג־אַרויף. פון דער לינקער זייט האָט זיך פאַרן אויג געעפנט אַ ברייטע פּאַנאָראַמע פון געלע ליים־פעלדער, אַרומגעוואַקסן דורך מאָ־גערע בערעזע־ביימער. ביים שפּיץ פונעם בערגל, אויף וועלכן דער פיאַ־קער האָט געקלעטערט, האָט זיך דער וועג געטונקען אין אַ ים פון שאָטן. דאָס האָבן די אַלטע ווערבעס פונעם קריסטלעכן צווינטער, וואָס איז שטיל געלעגן ביי דער רעכטער זייט פונעם וועג, באַשיצט מיט זייער שאָטן דעם אַרום פון דער צעגליטער זון. דער וואָגן איז ווידער געלאָפן באַרג־אַראָפּ. אין גאַלאָפּ האָט ער אויסגעמיטן דעם נידעריקן און לאַנגן בנין פון די מיליטערישע קאַזאַרמעס און דעם אין גרינס איינגעטונקע־נעם גאָרטן פונעם שטאָטישן שפּיטאָל. באַלד האָט דער פיאַקער פאַר־קערעוועט אויף רעכטס און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן ברייטן פּלאַץ פון דער קליינער באַן־סטאַציע.

אויף דער קליינער באַן־סטאַציע האָט זיך כסדר געַרעשט און גע־טומלט. בפרט איז דאָרט די באַוועגונג געווען גרויס אין די שעהן, ווען עס האָט געדאַרפט פאַריבערגיין דער צוג פונעם דראָהאָביטשער הויפּט־וואָקזאַל קיין באָריסלאַוו. שוין אין יענע צייטן האָבן אין דראָהאָביטש געוווינט אַ סך מענטשן, וואָס האָבן זייערע עסקים געהאַט אין באָריס־לאַוו. אין דראָהאָביטש זענען געווען מעגלעכקייטן איינצואָרדענען זיך אין באַקוועמערע דירות. דאָרט זענען אויך געווען שולן, וווּ מען האָט גע־קענט לאָזן שטודירן די קינדער ביז צו דער אוניווערזיטעט. בכלל איז די שטאָט געווען דער צענטער פונעם נאַפט־באַצירק. דאַקעגן זענען אין באָריסלאַוו נישט געווען די אַלע באַקוועמלעכקייטן. באָריסלאַוו, וואָס איז אַזוי גרויס געווען אין שטח, איז כסדר געלעגן אונטער אַ דיקן צודעק פון אַ ששת ימי בראשיתדיקער בלאָטע, וואָס האָט דאָרט נישט אויסגעטריקנט אַפילו אין די וואַרעמסטע זומער־חדשים. צוליב אָט־די אַלע טעמים האָבן אַ סך מענטשן, סיי יידן און סיי קריסטן, וואָס האָבן אין באָריסלאַוו גע־האַט זייערע געשעפטן, ליבערשט גענומען אויף זיך דעם עול פון פאָרן

יעדן טאָג מיט דער באַן אַהין און צוריק, אַבי נישט צו דאַרפן וווינען אין באָריסלאַוו.

די קליינע סטאַציע איז געווען דער טרעף־פּונקט פון די אַלע טאָג־טעגלעכע פאָרערס. זיי זענען כמעט אַלע געווען צווישן זיך היימיש און פלעגן די צייט פון דער רייזע פאַרטרייבן מיט שמועסן און וויצן. אויך יוסף הערש האָט זיך געפילט היימיש צווישן דער חברה פאָרערס און אויב עס איז אים ווען נישט איז אויסגעקומען צו פאָרן קיין באָריסלאַוו, פלעגט ער אויף דער באַן זיין דער גאַנצער רעדל־פירער. אויך היינט, ווען דער עולם, וואָס האָט געוואַרט אויפן צוג, האָט אים דערזען אַן אַריינקומענ־דיקן, איז געוואָרן אַ גרויסע שמחה. אָבער יוסף הערש האָט דאָסמאָל אַנטוישט זיינע מיטרייזנדערס. ער איז די גאַנצע צייט געבליבן אַן איינ־געשלאָסענער אין זיך, אַ שווייגנדיקער. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, וואָס גוטע ברידער האָבן אים געוואָלט אַריינציען אין אַ שמועס. יוסף הערש האָט בלויז פון יוצא־וועגן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און זעלטן גע־ענטפערט מיט אַ וואָרט.

ווען יוסף הערש איז אויסגעשטיגן אין באָריסלאַוו, האָט ער גענומען אַ פיאַקער און געהייסן זיך פירן צו ליבערמאַנען. ווען ער איז אַריינגעקו־מען צו ר׳ ישראלן אין הויז, האָט מען דאָרט פּונקט געהאַט פאַרענדיקט דעם אָנבייסן. ר׳ ישראל איז נאָך געזעסן ביים לאַנגן דעמבענעם טיש מיט אַ גרויסן עולם פריינט און אורחים. מען האָט געהאַלטן ביים בענטשן.

יוסף הערש האָט זיך שטיל אַריינגעשאַרט אין דעם עס־זאַל און איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. ר׳ ישראל האָט אים באַלד דערזען און אים צוגעווונקען ער זאָל קומען נענטער. נאָכן בענטשן האָט אים ר׳ ישראל באַגריסט.

— שלום עליכם, יוסף הערש. וואָס ברענגסטו נייעס?

יוסף הערש האָט זיך פאַרלעגן אַרומגעקוקט און צוגעוואָרפן ר׳ ישראלן אַ פילבאַדייטנדיקן בליק, ווי איינער רעדט:

— ביי אַזאַ עולם, קיין עין־הרע, ווילט איר, אַז איך זאָל זיך אַוועק־שטעלן דערציילן, וואָס איך דאַרף?

אָבער ר׳ ישראל האָט פאַרשטאַנען דעם מיין פון יוסף הערשס בליק. ער האָט זיך באַלד אויפגעהויבן פון דער שטול, אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַ

גלייך־אויסגעצויגענער מיט זיין הויכער און ברייט־צעוואקסענער גע־שטאַלט און האָט גענומען שפּרייזן אין דער ריכטונג פון אַ זייטיקער טיר. יוסף הערש איז אים נאָכגעגאַנגען. ווען זיי זענען שוין געזעסן אין אַ באַזונדערן צימער, האָט ר׳ ישראל אָנגעהויבן דער ערשטער:

— אַ זעלטענער גאַסט, יוסף הערש. נאָר לאָמיר הערן, וואָס ס׳ברענגט דיך היינט צו מיר?

— איר ווייסט דען נישט, ר׳ ישראל? מיין ברודער, מרדכי, האָט מיט אייך געשמועסט וועגן אַן ענין און איר האָט אים געהייסן קומען נאָך אַמאָל.

— אַהאַ, ביסטו, הייסט עס, געקומען וועגן דער קיפּיעטשקע.

— איר האָט געטראָפן, ר׳ ישראל. מיר קענען זיך נישט באַגיין אָן אייער אייל. ס׳דראָט אָפּצושטעלן דעם באַטריב.

ר׳ ישראל האָט מיט די פינגער געקלאַפּט איבערן טיש און גע־שוויגן. יוסף הערש האָט אים באַטראַכט און געקלערט:

— ער וועט נישט פאַרקויפן און דאָס וואָס ער טראַכט איצט, איז נישט מחמת ער איז זיך מישב, נאָר מחמת ער זוכט אַ פּאַסיקן תירוץ מיר אָפּצוזאָגן.

יוסף הערשס השערה איז געווען אַ ריכטיקע און באַלד האָט עס ר׳ ישראל באַשטעטיקט מיט זיין אַנטשלאָסענער שטימע:

— הערסט, יוסף הערש, איכ׳ל דיר נישט פאַרקויפן קיין קיפּיעטש־קע.

— היתכן?...

— איך ווייס גוט, אַז דו וועסט פאַרשידן טראַכטן. דו וועסט אפשר זאָגן, אַז איך גיי דיך רודפן, ווייל דו ביסט ביי די ריבניקער יונגען אַ מענטש, אָדער ווייס איך וואָס דו וועסט טראַכטן. פונדעסטוועגן בין איך דיר מבטיח, אַז איך בין דיר נישט קיין שונא ח״ו. אויב אפילו נישט צוליב דיר אַליין, איז זיכער צוליב דיין טאַטן עליו השלום, מיט וועלכן מיר זענען געווען נאָענטע ידידים. יוסף הערש, אויב איך זאָג דיר אָפּ, טו איך עס צוליב דיין טובה.

— צוליב מיין טובה גאָר? — האָט יוסף הערש געפרעגט און זיין שטימע איז פול געווען מיט ביטול און גאַל.

— יאָ, יאָ, דיין טובה. ווען איך וואָלט געמיינט מיין טובה, וואָלט איך דיר איצט דווקא יאָ פאַרקויפט אייל. כ'זע, אַז דו פאַרשטייסט נישט, וואָס איך מיין, נאָר אַמאָל ווּעסטו מיך פאַרשטיין. איצט הער גוט, וואָס איך זאָג דיר. פאָר אַהיים און זע עפּעס צו טאָן, אַז דו זאָלסט דעם גאַנצן עול פּטרן פון דיין קאָפּ. ס'איז נישט פאַר דיר.

ווען יוסף הערש איז אַ צעבראָכענער געשטאַנען ביי דער טיר, האָט אים ר' ישראל נאָכגערופן:

— זאָלסט ח"ו קיינעם נישט דערציילן וועגן וואָס דו ביסט ביי מיר געוועזן. געדענק! דאָס איז אויך פאַר דיין טובהס וועגן.

יוסף הערש איז אַרויס פון ר' ישראלס שטוב און האָט געשפּרייזט איבערן פאַרבלאָטיקטן הויף צום טויער, וואָס האָט אַרויסגעפירט אויף דער הערן־גאַס. ער איז געווען אַזוי פאַרטראַכט, אַז ער האָט אפילו נישט באַמערקט, ווי ער איז דורכגעגאַנגען דעם טויער און איז אַרויס אין גאַס. פלוצים האָט ער דערהערט דאָס קלאַפּן פון זיינע אייגענע טריט איבער דעם הילצערנעם טראָטואַר. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער פאַרגליווערטקייט און זיך אַרומגעקוקט.

— אַהאַ — האָט ער באַמערקט — כ'בין שוין אויף דער הערן־גאַס.

דער הילצערנער טראָטואַר איז געווען אויפגעשטעלט אויף אַ הויך פון אַ האַלבן מעטער איבערן שטראָז. דאָס איז געמאַכט געוואָרן, כדי די פעטע און קלעפּנדיקע בלאָטע, וואָס האָט כסדר פאַרדעקט דעם שטראָז, זאָל נישט פאַרפלייצן אויף דעם טראָטואַר, ווו מענטשן דאַרפן דורכ־גיין. אַדאַנק דעם האָט דער דורכגייער אויפן טראָטואַר געשפּאַנט אין דער טרוקן. ווען ער האָט אָבער געמוזט אַריבערגיין די גאַס, האָט אים שוין קיין שום זאַך נישט געקענט אָפּראַטעווען פון אַריינקריכן אין דער בלאָטע ביז צו די קני. אַפילו איצט, אין דעם הייסן זומערדיקן נאָכמיטאָג, איז זיך די בלאָטע פראַנק און פריי געלעגן איבער דער גאַנצער ברייט און לענג פון דער הערן־גאַס. יוסף הערש איז נישט געווען אַנגעטאָן אַזוי, ווי מ'האָט געדאַרפט גיין אָנגעטאָן אין באַריסלאַוו. ער האָט נישט געטראָגן קיין שטיוול, נאָר אַ פּאָר געשנורעוועטע שיך מיט לאַנגע הויזן. אין אַזאַ הולך האָט ער זיך נישט געקענט פריי באַוועגן. ער האָט גע־

זוכט אַ פיאַקער, וואָס זאָל אים צוריקפירן צו דער באַן, אָבער ווי אויף להכעיס איז פונקט נישט געווען קיין פיאַקער.

יוסף הערש איז דערווייל געגאַנגען ווייטער. ער האָט אויסגערעכנט, אַז ביז צו דער קאַסערן־גאַס דאַרף ער נישט אַראָפּגיין פונעם הילצער־נעם טראָטואַר. איז ער געגאַנגען און זיינע מחשבות האָבן אים ווי וועררעמלעך כסדר געבויערט דעם מוח.

וואָס פאַראַ רעטעניש הייסט אים לייזן ר׳ ישראל? אפשר מאַכט ער גאָר חוזק פון אים, פון יוסף הערשן? וואָס באַדייט זיין שפּראַך? אַזוי ווי ער איז אים אַ פריינט, זאָגט ער, און מיינט זיין טובה, וויל ער אים נישט פאַרקויפן קיין אייל. וואָס זשע וויל ער יאָ? אים דערשטיקן, פאַרניכטן און אָפּמעקן. אַזוי טוט אַ פריינט? ניין, קיין פריינט איז ער אים זיכער נישט. והא־ראיה, ער האָט אים אַליין געשטופּט דעם פינגער אין מויל אַריין: „דו ווערסט טראַכטן, אַז איך בין דיר אַ שונא, ווייל דו ביסט ביי די ריבניקער אַ מענטש". מען קען שוין אַזעלכע חכמים. ער כאַפּט די פיש פאַר דער נעץ. אַ מערכה, אַז ער, יוסף הערש, גלויבט נישט אין ר׳ ישראלס צביעותדיקע רייד.

— אַזאַ מכה אויף אים — האָט יוסף הערש צו זיך געזאָגט — ווי ס׳איז טאַקע אמת. ער איז מיר אַ שונא, אַ דם שונא. ער מאַכט טאַקע פון מיר אַ תל, דער אַלטער גזלן.

גייענדיק אַזוי פאַרטראַכט האָט יוסף הערש אַליין נישט באַמערקט, ווי ער האָט פאַרקערעוועט אין דער קאַסערן־גאַס און האָט שוין געשפּרייזט איבער די ברעטער, וואָס האָבן געפירט צום וואָקזאַל. פּלוצים האָט ער הינטער זיך דערהערט עמעצן רופן זיין נאָמען.

— יוסף הערש, יוסף הערש, וווּ גייסטו דאָס אַזוי פאַרטראַכט?

יוסף הערש האָט זיך אומגעקערט און האָט הינטער זיך דערזען, שטיין אין מיטן שטראָז לאַזער גאַרטענבערגס געל־געפאַרבטע ברישקע, איינגעשפּאַנט אין זיינע צוויי גניאַדע לייבן־פערד. אויפן הינטערשטן זיץ איז לאַזער אַליין געזעסן אַ צעשפּאַרטער. זיין פּירעקיק געשוירן בערדל איז שוין געווען גוט גרוי. ער האָט זיך איצט געטראָגן אינגאַנצן ווי אַ דייטש. אויפן קאָפּ אַ שוואַרצער, ווייכער הוט, די לאַנגע הויזן אַריינגעשטעקט אין כאַלעוועס פון הויכע שטיוול.

— וואָסזשע גייסטו אַזוי פאַרטראַכט? — האָט לאזער געפרעגט — קום אַרויף, וועל איך דיך צופירן, וווהין דו דאַרפסט.

— כ׳גיין צו דער באַן, כ׳וויל אַהיימפאָרן.

— אַהיים? פאַרוואָסזשע זאָגסט נישט? כ׳פאָר דאָך אויך אין שטאָט אַריין, וועסטו מיט מיר מיטפאָרן.

יוסף הערש האָט באַקומען חרטה אויף דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. וואָס דאַרף ער איצט פאָרן צוזאַמען מיט לאָזערן ביז אין שטאָט אַריין? ס׳איז אַן ערך דריי פערטל שעה צו פאָרן און לאזער וועט אים די גאַנצע צייט דולן אַ קאָפּ. יוסף הערש האָט הייגט נישט קיין געדולד אויסצוהערן לאזערס טענות. אָבער געזאָגט איז פאַרפאַלן. די ברייטשקע האָט זיך שוין צוגעשאַרט צום סאַמע ראַנד פונעם טראָטואַר, כדי יוסף הערש זאָל ביים איינשטייגן נישט דאַרפן אַריינקריכן אין דער בלאָטע און זיך נישט איינשמירן. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז יוסף הערש אַרויפגעקראָכן אויפן וואָגן און אַוועקגעזעצט זיך אויפן פרייען פּלאַץ לעבן לאזערן. דער אָנטרייבער, אַ יונגער רוטענער מיט אַ רויט אָנגעגאָסענעם פּנים, האָט לייכט אַ טרייב געטאָן די פייערדיקע פערד. זיי האָבן זיך אַ טראָג געטאָן פאָרויס, בראָדזשענדיק מיט די פיס אין דער געדיכטער בלאָטע. די רעדער האָבן זיך שווער געדרייט אין דער צעווייקטער ערד. זיי האָבן זיך קרעכצנדיק געשאַרט און געשפּריצט אַרום זיך מיט אַ רעגן פון פעטן שמוץ.

יוסף הערש איז צוריקגעפאָרן צו דער הערן־גאַס. דער וואָגן האָט דאַן פאַרקערעוועט אויפן דראָהאָביטשער וועג. אָפּגעפאָרן אַ שטיקל וועג האָט זיך פאַר די אויגן אַנטפּלעקט אַ נייע פּאַנאָראַמע. די איינגעהויקערטע הייזקעס, וואָס זענען ביז איצט געשטאַנען פון ביידע זייטן וועג, זענען פּלוצים נעלם געוואָרן און אנשטאָט זיי האָט דאָס אויג געזען אַ ברייט צעגאָסענעם שטח פון ליידיקע פעלדער, באַדעקטע מיט גרוי־פאַרברענטן גראָז. פון דער לינקער זייט, העט ווייט, ווי דאָס אויג האָט דערגרייכט, האָט זיך פונעם האָריזאָנט אָפּגעטיילט אַ שוואַרצער נעפּל. דאָס זענען געווען די שאָטנס פון די הויכע קאַרפּאַטן־בערג, צופוסנס פון וועלכע עס ליגט באָריסלאַוו. פון יענער זייט האָט געבלאָזן אַ קיל ווינטל, וואָס האָט מחיהדיק אָפּגעפרישט די פאַרשוויצטע רייזנדערס.

אין אַ סך ערטער האָבן פון דער ערד־פלאַך אַרויסגעשטאַרט הויכע טורעמס מיט גרויסע הילצערנע קאַסטנס אויף זייערע שפּיצן. די קאַסטנס זענען געדעקט געווען מיט האַלב־קיילעכדיקע דעכער און זיי האָבן גע־מאַכט דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט זיי צופעליק אַרויפגעשטעלט אויף די טורעמס. די דאָזיקע קאַסטנס זענען דאָ אָבער נישט געווען קיין צו־פעליקע געסט. זיי זענען געווען אמתדיקע בעלי־בתים פון די שאַכטן־טורעמס, אויף וועלכע מען האָט זיי אַרויפגעשטעלט. דאָס זענען נישט געווען קיין איינפאַכע קאַסטנס, נאָר אייזערנע מיט ברעטער אַרומגעשלאָ־גענע צריפים, ווו עס איז געווען איינגעאָרדנט די גאַנצע מאַשינען־איינ־ריכטונג, וועלכע האָט געטריבן די באַוועגונג אויפן שאַכט. דער קאַסטן איז געווען דאָס האַרץ פונעם שאַכט. אָן אים וואָלט דער שאַכט געווען אַ טויטע זאַך, ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש אָן אַ האַרץ.

פון דער ווייטנס האָבן זיך אין פאַרשידענע ערטער געבייכט איי־זערנע רעזערוואַרן, וואָס יעדער פון זיי איז געווען אַזוי גרויס, ווי אַ פיר־שטאָקיקער בנין. לאַזער האָט מיט הנאה געקוקט אויף די רעזערוואַרן און עס איז געווען צו זען, אַז ער פילט זיך צו זיי ווי עפּעס אַ נאָענטער מקורב. אַ בעל־הבית אָדער לפּחות אַ שותף. בעת מען איז פאַרבייגעפאָרן אַ פלאַץ, ווו עס זענען געווען אָנגעלייגט הויכע הויפנס אייזנוואַרג און געהילץ און אַ מחנה אַרבעטער האָט זיך געפּאָרעט אַרום אַ צעפלאַקערטן פייער, האָט לאַזער געהייסן אָפּשטעלן די ברישקע. פונעם פלאַץ האָט זיך געטראָגן אַ קלאַפּן פון שווערע האַמערס און אַ רעש מיט אַ טומל פון אַ גרויסער באַוועגונג, וואָס האָט טויב געמאַכט דעם אַרום. לאַזער האָט אַ לענגערע ווײַלע געקוקט אויף דער באַוועגונג און דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן, איבערשרייענדיק דעם גרויסן טומל:

— זעסט, יוסף הערש, אָט דאָ שטעל עך נאָך צוויי שאַכטן. מ'האָט אַראָפּגעבראַכט געאָלאָגן, האָבן זיי אויסגעפאָרשט דעם באָדן און האָבן געזאָגט, אַז אָט דאָ ליגן גרויסע אוצרות.

מען איז ווייטער געפאָרן און יוסף הערש האָט כסדר געשוויגן. לאַזער האָט זיך באַמיט אים אַריינצוציען אין אַ שמועס.

—די קליינע שאַכטן — האָט ער געזאָגט — די קאַשערעס און די ברונעמס, האָבן שוין דאָ נישט וואָס צו טאָן. נישט מיטן רידל וועט מען

אַרויסנעמען דעם נאַפט פון דער ערד, נאָר מיטן שטאָלענעם שווידער, וואָס ווערט געטריבן דורך אַ גרויסער מאַשין.

דער שמועס האָט זיך נישט געקלעפּט, ווייל יוסף הערש האָט נישט געענטפערט. נאָך עטלעכע מינוט פאָרן האָבן זיך געענדיקט די פרייע פעלדער־שטחים און דער וואָגן איז אַריינגעפאָרן אין אַ וואַלד. די בלאָ־טע אונטער די פיס איז פאַרשוווּנדן. די רעדער האָבן איצט הויך גע־קלאַפּט אויף דעם שטיינערדיקן וועג. אין אַ לייכטן גאַלאָפּ האָבן די פערד געצויגן פאָרויס. מ׳איז געפאָרן איבער אַ באַשאָטנטן וואַלד־וועג, וואָס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אויפצוהייבן באַרג־אַרויף איבערן טעפּציוש־באַרג. וואָס ווייטער האָבן די פערד אַלץ שווערער געשלעפּט דעם וואָגן. די מענטשן האָבן געשוויגן.

יוסף הערש איז די גאַנצע צייט פאַרטאָן געווען אין זיינע געדאַנקען. „זע צו פּטרן דעם עול פון דיין קאָפּ", האָט ער זיך דערמאָנט ר׳ ישראלס עצה. ווי קען ער אים פּטרן, אַז ער ליגט אים נישט בלויז אויפן קאָפּ, נאָר ער האָט זיך צוגעקלאַמערט צו זיין גאַנצן גוף און אפילו צו דער נשמה. לייכט צו זאָגן: גיי און פּטר אים, אָבער ווי אַזוי טוט מען עס און וואָס וועט זיין מיט מרדכין, אַז דאָס גאַנצע פאַרמעגן פונעם טאַטן, עליו השלום, איז איינגעבראָקט געוואָרן אין דער צרה. און הייגט די גאַלד־האַמערס, וואָס וועט זיין מיט זיי? אַ שווידער איז אַדורך יוסף הערשס קערפּער. וואָס וועט זיין, אַז שוין מאָרגן מוז אָפּגעשטעלט ווערן דער באַ־טריב פון דער פאַבריק, ווייל דער אייל האָט זיך געענדיקט? וואָס וועט טאַקע זיין?

לאָזער האָט יוסף הערשן אַ שלעפּ געטאָן ביים אַרבל. יוסף הערש האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך אַרומגעקוקט. דער וואָגן איז שוין געווען אויף דער צווייטער זייט פונעם טעפּציוש־באַרג און האָט אָנגעהויבן אַראָפּצוגליטשן זיך אין דער נידער. דער וואַלד האָט פונקט זיך געענ־דיקט, פאַר די אויגן איז ווי אויף אַ טעלער געלעגן די געבערגלטע דראָ־האָביטשער פאַרשטאָט. באַלד צופוסנס פונעם טעפּציוש האָט זיך זיל־בערדיק געשלענגלט דער טייך טיסמעניצע. פון זיין צווייטן ברעג האָבן זיך ווי קליינע קינדער־שפּילעכלעך אַרויסגעזען עטלעכע טונקעלע בני־

נים און אַ הויכער פאַבריקס־קוימען, פון וועלכן עס האָט געזעצט אַ שוואַרצער רויך.

— וואָס זיצסטו אַזוי פאַרטראַכט? — האָט לאָזער געפרעגט — אָט האָסטו דאָך שוין דיין פאַבריק. קוק זי אָן.

יוסף הערש האָט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן געקוקט אויף די בנינים מיטן קוימען און פּלוצים האָט זיך אַ וואַרעמקייט צעגאָסן אין זיינע אַלע אברים. אָט דאָס איז זי, די תכשיטקע, די פאַבריק זיינע, אין וועלכער ער האָט אַריינגעלייגט אַזוי פיל כוחות און וועלכע צאָלט אים איצט צוריק מיט פיין און יסורים. ער האָט אָבער געפילט, אַז זי איז אים איצט עפּעס אַזוי נאָענט, אַזוי היימיש. יעדעס ווינקעלע אירס קען ער, יעדער שטיין אירער איז אים טייער.

— זאָל גאָט העלפן — האָט ער צו זיך געזאָגט — אַז מיר זאָלן ביישטיין דעם נסיון. מירביידע צוזאַמען: איך און די פאַבריק.

לאָזער האָט אים ווידער איבערגעריסן די געדאַנקען.

— אַהאַ, ווו האַלטסטו טאַקע ערגעץ מיט דיין פאַבריק?

— הם, ווו קען איך האַלטן, אַז דו ווילסט מיר נישט פאַרקויפן קיין אייל.

— וואָס הייסט כ׳וויל נישט? — האָט זיך לאָזער כלומרשט געפילט געטראָפן — ווי אַזוי קען עך דיר פאַרקויפן אייל, אַז אונדז גיי׳מער אַליין שטעלן אַ פאַבריק.

יוסף הערשן האָט זיך געדאַכט, אַז עמעץ האָט אים דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין קאָפּ אַריין.

— האַ? כ׳האָב דאָך גאָרנישט געוווּסט.

— נו, מאַ, אוודאי, מ׳מוז עס טאָן.

די בריטשקע איז שוין דורכגעפאָרן די הילצערנע בריק איבערן טייך און האָט זיך דערנענטערט צו דער באַן־ראַמפּע, וואָס האָט דורכגעשניטן דעם וועג.

— און נאָך עפּעס דאַרפסטו וויסן — האָט לאָזער אַנגענומען יוסף הערשן ביים אָרעם — דו האָסט איצט אַ געלעגנהייט גינסטיק אַרויסצוקריכן פון דיין געשעפט. איידער מיר שטעלן זיך בויען די פאַבריק, קען

מען שמועסן וועגן אָפּקויפן ביי אייך אייער פאַבריק. נו, וואָס זאָגסטו, יוסף הערש?

יוסף הערש האָט לאזערן געקוקט גלייך אין די אויגן און האָט גאָר־נישט געענטפערט. לאזער האָט פאָרגעזעצט:

— גיי און מאַך אַ חשבון פון אַלעמען, וואָס די פאַבריק האָט אייך געקאָסט. בפירוש אַלץ זאָלסטו אַריינרעכענען, אפילו אַזעלכע קלייני־קייטן, ווי אַ נסיעה קיין באַריסלאַוו. כ׳וועל אייך באַצאָלן פונקט ס׳טאָפּל־טע, וואָס איר האָט אַריינגעלייגט. ס׳געשעפט וועט געמאַכט ווערן אויף דיין נאמנות, יוסף הערש. דו ווייסט דאָך, אַז דיר גלויב איך מער, ווי מיין אייגענעם ברודער. כאָטש מאָרגן שטעל צוזאַמען דעם חשבון און לאָמיר אָפּשליסן די קניה.

ווען יוסף הערש האָט כסדר עקשנותדיק געשוויגן, האָט לאזער צו־געגעבן:

— דו דאַרפסט גאָרנישט דאגהן, יוסף הערש, דו ביסט ביי אונדז אַ שטאַרק געשאַצטער מענטש און דו וועסט לעבן אונדז שטענדיק גע־פינען דיין פרנסה. יאָ, נאָך עפּעס. כ׳בין נישט קיין שוטה און כ׳פאַר־שטיי אַן ענין. אויב מ׳עט באַצאָלן ס׳טאָפּלטע, וועלן פונעם עסק קודם־כל געניסן די גאָלדהאַמערס, ווייל זיי האָבן צו שטעקן דעם רוב פונעם קאַפּיטאַל. און דו מיט מרדכין? איר וועט מסתמא באַקומען ס׳טאָפּל־טע, וואָס איר האָט צו שטעקן, הייסט עס צוואַנציק טויזנט גולדן. כ׳פאַר־שטיי, אַז דיר קען דאָס נישט צופרידנשטעלן. דו האָסט דאָך אין דער פאַבריק אַריינגעלייגט אַזוי פיל אַרבעט, האָב איך נאָך אַ פאָרשלאַג. דו וועסט פון אונדז באַקומען עקסטרא נאָך צען טויזנט גולדן. גוט?

— מאַ, כ׳ווייס — האָט יוסף הערש נישט געוווסט, וואָס צו ענט־פערן.

— יאָ, יאָ — האָט לאזער ווידער אונטערגעכאַפּט — כ׳ווייס, אַז אין אַזאַ זאַך קענסטו אַליין נישט באַשליסן. דעריבער דאַרפסטו גיין צו דיינע פריצים און מיט זיי איבערשמועסן. קלער זיי אויף, אַז איר האָט נישט קיין אַנדערן אויסוועג. אין אַ טאָג אָדער צוויי, ווען מירן צוטרעטן צום שטעלן אַ פאַבריק, וועט איר שוין דאָס אויך נישט האָבן. טו, וואָס איך הייס דיר, יוסף הערש, ווייל אויב נישט, ביסטו אומגליקלעך.

די בריטשקע האָט זיך איצט געשלעפּט איבער אַ זייטיקער גאַס אין מיטן שטאָט. דער אָנטרייבער האָט קודם געוואָלט אַהיימפירן יוסף הערשן און דערנאָך ערשט זיין בעל־הבית. האָט ער באַלד פונעם באָריס־לאָווער וועג פאַרקערעוועט אין דער זייטיקער יאַגעלאָנער גאַס, ווו די שטערנבאַכס האָבן געהאַט זייערע הייזער.

יוסף הערש איז וייטער געזעסן אָן לשון. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז לאַזערס פאָרשלאַג איז אַ זייער גינסטיקער און די גאָלדהאַמערס וועלן זיך אָן אים אָנכאַפּן ווי אָן אַן אבן טוב. ער אָבער קען זיך ביי זיך נישט פועלן, אַז ער זאָל זיך גיין צעשיידן מיט דער פאַבריק. זי האָט זיך אים איינ־געבאַקן אין האַרצן, ווי דאָס טייערסטע אין דער וועלט. ער האָט זי אַליין אויסגעטראָגן ווי אַ געטרייע מאַמע, ער האָט זי אויפגעבויט און אַריינ־געלייגט אין איר זיין גאַנץ חיות. אָבער זי האָט אים אויך צוריקגעצאָלט מיט אַ ברייטער האַנט. זי האָט אים פאַרשאַפט אַזוי פיל כבוד און אַזאַ גרויסע האָפענונג אויף ווערן איינער פון די פירנדיקע פערזענלעכקייטן אינעם נאַפט־געביט. און איצט וואָס? אַלע האָפענונגען וועלן צערונען און ער מוז צוריקגיין צו זיין פריערדיקער פרנסה. ווידער זיין אַ „מענטש" ביי די גאַרטענבערגס, ווידער פאַרוויילן די פריצים ביי די פורימדיקע סעודות.

ביים דערמאָנען זיך וועגן די פורימדיקע סעודות איז אַ שוידער דורכגעלאָפן יוסף הערשס לייב. ניין, נאָר נישט דאָס. ער האָט עס גע־נוג. ער וועט מיט די ציין האַלטן די פאַבריק און אויב זי וועט פאַלן, איז מיט אים צוזאַמען.

די בריטשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן יוסף הערשס שטוב. מען האָט געדאַרפט לאַזערן געבן אַן ענטפער.

— כ׳וועל איבערשמועסן מיט גאָלדהאַמערן — האָט יוסף הערש געזאָגט לאַזערן — כ׳וועל דיר אין אַ פּאָר טעג געבן אַן ענטפער.

— געדענק, יוסף הערש, דאָס איז פאַר דיר דער איינציקער אויס־וועג. כ׳זאָג עס דיר ווי אַ פריינט. — לאַזער האָט אים נאָכגעשריגן, ווען ער איז שוין געווען אויפן הויף.

יוסף הערש איז אַריין אין זיין גאָרטן. ער האָט געפילט, אַז ער מוז זיין שטאַרק געענדערט אויפן פּנים און אין אַזאַ מעמד האָט ער זיך נישט

געוואָלט ווייזן פאַר זיינע בני־בית. האָט ער זיך אויף אַ רגע אָוועקגע־
שטעלט אונטער אַ בוים, כדי זיך אָפּצורוען.

— אַלע זענען זיי פריינט — האָט ער געטראַכט — ליבערמאַן פאַר־
זיכערט מיר אין זיין פריינטשאַפט און אָט קומט לאזער און זאָגט, אַז ער
איז אויך אַ פריינט. נאָר פונדעסטוועגן שטשערען זיי אַלע מיט זייערע
וועלפישע ציין. דאָס איז זייער פריינטשאַפט.

יוסף הערש האָט אַראָפּגענומען דעם הוט פונעם קאָפּ.

— יאָ, יאָ, אַ שיינער חלום איז עס געווען. נאָר איצט איז דער
חלום פאַרביי. ווי זאָגט עס דאָרט וויספיאַנסקי: „מיאַלעש, כאַמיע, זלאָ־
טי רוג". האָסט געהאַט, חם, אַ גאָלדענעם האָרן, און איצט?... איצט
האָט זיך פון אַלעמען אויסגעלאָזט אַ בוידעם.

יוסף הערש האָט נאָך אַביסל געטראַכט און פּלוצים האָט ער זיך
געשטאַרקט:

— די פאַבריק וועל איך זיי סיי־ווי נישט אָוועקגעבן — האָט ער
צו זיך געזאָגט און איז אַן אַנטשלאָסענער אַריינגעגאַנגען אין שטוב
אַריין.

ט.

בייזע כוחות

כאָטש יוסף הערש האָט לאזערן צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך דורכ־שמועסן מיט זיינע שותפים מכוח דעם פאַרקויף פון דער פאַבריק, האָט ער נישט געטראַכט צו האַלטן וואָרט. ער האָט געמיינט, אַז ס'וועט אים געלינגען צו פאַרשווייגן דעם גאַנצן ענין און ער האָט נאָך כסדר גע־האָפט, אַז ער וועט בשלום דורכקומען די שווערע צייט. אָבער צומאָרגנס, ווען ער איז געקומען צו די גאָלדהאַמערס, כדי מיט זיי איבערצושמועסן וועגן פאַרשידענע טעגלעכע געשעפטס־ענינים, האָט ער תיכף באַמערקט אַ נישט־געוויינטלעכע אָנגעלאָדנקייט. דער אַלטער פריץ האָט מיט פעס־טע טריט געשפרייזט איבערן זונס אַרבעטס־קאַבינעט און ווען יוסף הערש איז אַריינגעקומען, האָט זיך גאָלדהאַמער אָפגעשטעלט אַנטקעגן אים און אויפגעשטעלט דאָס גלאַט אָפגעגאָלטע, ברייט צעיוירענע פנים מיט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן.

יוסף הערש איז געוועזן איבערראַשט. וואָס באַדייט דעם אַלטנס אויפגערעגטקייט? — האָט ער זיך געפרעגט. ווייסט ער שוין עפּעס וועגן לאזערס פאָרשלאַג? אויב יאָ, טאָ פון וואַנען?

דער אַלטער גאָלדהאַמער איז באַלד אַרויס מיט לשון:

— וואָס טראַכט איר, פּאַניע שטערנבאַך, וועגן דעם נייעם פאָר־שלאג פון די גארטענבערגס? — האָט ער געפרעגט.

יוסף הערש האָט שוין נישט געהאַט קיין שום ספק וועגן דעם, אַז דער פריץ ווייסט פון אַלעמען. פון גרויס איבערראַשונג האָט ער קוים געקענט צוזאַמענקלייבן זיינע געדאַנקען. עפּעס אַ געהיימע האַנט מוז פאַרמישט זיין אין דעם גאַנצן עסק, האָט ער געטראַכט. ס'איז דאָ עמעץ פאַראַן, וואָס גראָבט אונטער אים, וואָס וועבט אינטריגעס און וויל אים פאַרניכטן. ווער ווייסט, צי די סודותפולע רייד פון ר' ישראל ליבערמאַן האָבן אויך נישט קיין שייכות צו די דאָזיקע אינטריגעס?

יוסף הערש האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט, ווען גאָלדהאַמער ווייסט שוין וועגן לאַזערס פאָרשלאַג, טאָר ער נישט לייקענען. אויב ער וועט לייקענען, וועט ער זיך באַגראָבן נאָך טיפער, ווייל ער וועט פאַרלירן דעם צוטרוי פון זיינע שותפים. האָט יוסף הערש זיך באַהערשט און ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי קיין שום זאַך וואָלט אים נישט גע־אַרט. מיט אַ פולער רואיקייט האָט ער געענטפערט:

— טאַקע דער עיקר צוליב דעם בין איך איצט צו אייך געקומען, פּאַניע דזיעדזיצו.

גאָלדהאַמער האָט געוואָלט וויסן אַלץ, וואָס לאַזער האָט געזאָגט, וועגן יעדן קלענסטן פּרט האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט. גאָלד־האַמערס זון, דער אַדוואָקאַט, האָט זיך צוגעהערט צום שמועס. ער האָט זיך אָבער נישט אָנגערופן.

יוסף הערש איז געזעסן ווי אויף הייסע קוילן. גאַנץ אומגעריכט איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם דאָזיקן דעצידירנדיקן שמועס און ער האָט אפילו נישט געהאַט איבערגעטראַכט, ווי אַזוי ער דאַרף רעדן מיט זיינע שותפים און וואָס פאַראַ פאָדערונגען ער דאַרף אַרויסשטעלן. האָט ער זיך געדרייט, ווי אַ פיש אין וואַסער און האָט אויף אַלע פראַגן גע־ענטפערט מיט אַ האַלב מויל. גאָלדהאַמער האָט אָבער כסדר געפרעגט און יוסף הערש האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז נישט ווילנדיק האָט ער דעם פריץ שוין אַלץ דערציילט. נאָר וועגן צוויי זאַכן האָט יוסף הערש געשוויגן. וועגן דעם, וואָס ר' ישראל האָט אים געזאָגט און וועגן לאַ־זערס צוזאָג צו געבן אים עקסטראַ צען טויזנט גולדן מעקלעריי.

דער אַלטער גאָלדהאַמער האָט נישט געמאַכט קיין סוד פון דעם, אַז ער איז גרייט איינצוגיין אויף לאַזערס פאָרשלאַג.

— פּאַניע שטערנבאַך — האָט ער געזאָגט — דאָס איז אַ גוטע געלעגנהייט אַרויסצוקריכן פון געשעפט. מיר האָבן נישט קיין אַנדער אויסוועג.

נישט פרעגנדיק ביי יוסף הערשן קיין דעה, האָט אים דער פריץ תיכף אָנגעהויבן צו געבן ממשותדיקע אינסטרוקציעס:

— איר וועט מיט די גאַרטענבערגס אַליין פירן די פאַרהאַנדלונגען

— האָט ער געזאָגט. — איך וואָלט געוואָלט אויסמיידן דאָס צוזאַמענ־טרעפן זיך מיט זיי. איר וועט אַלץ דורכפירן ביזן סאַמע סוף און איך באַשטיי אויף דעם, אַז דעם קאָנטראַקט זאָל שרייבן זייער אַדוואָקאַט. איר וועט אונדז בלויז ברענגען דעם קאָנטראַקט צום איבערלייענען און דאַן וועלן מיר צוגיין צום נאָטאַר און דאָרט אים חתמענען. איר פאַר־שטייט, פאַניע יוזעפיע?

יוסף הערש האָט פאַרשטאַנען.ביים אַלטן גאָלדהאַמער איז זיין פריצישער כבוד מער ווערט געווען, ווי די גאַנצע פאַבריק. אויפן פאַר־קויף פון דעם דאָזיקן צירונג איז ער איינגעגאַנגען אָן שום האַרץ־קלאַ־פעניש, אָן אַ קנייטש אויפן שטערן, פונקט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פּאָר בייגל פאַר אַ גראָשן. אָבער צוזאַמענטרעפן זיך מיט די גאָר־טענבערגס פּאַסט אים נישט, דעם פּריץ. ווי קומען זיי צו אים? זיי, די אויפגעקומענע גבירים און גראָבע נפשות, פון וועלכע עס שפּירט זיך נאָך דער ריח פון שטאַל און מילך, וואָס זיי האָבן פונאַנדערגעפירט. יוסף הערש האָט זיך גוט פונאַנדערגעקליבן אין די געדאַנקען פונעם אַלטן גאָלדהאַמער. זיין פאַרדרוס איז אָבער נישט געווען צוליב דעם פּריצס באַציאונג צו די גאַרטענבערגס. אָן עסק האָט ער מיט זיי? ווייניק האָבן זיי זיך אים, יוסף הערשן, איינגעגעסן אין די ביינער? נאָר פאַר־דראָסן האָט יוסף הערשן די לייכטקייט, מיט וועלכער גאָלדהאַמער באַ־ציט זיך צום גאַנצן ענין. און נאָך עפּעס. ער, יוסף הערש, האָט אויך עפּעס אַ חלק אין דער פאַבריק און גאָלדהאַמער, נישט בלויז וואָס ער בעט ביי אים נישט קיין הסכמה, נייערט ער פרעגט ביי אים אפילו נישט קיין דעה.

אַ מרה שחורה האָט זיך פאַרצויגן איבער יוסף הערשס פּנים. דער אַלטער פּריץ האָט עס באַמערקט און ער האָט באַלד צוגעגעבן:

— און וואָס שייך דעם חשבון צווישן אונדז, פאַניע שטערנבאַך, דאַרפט איר גאָרנישט זאָרגן. איך שאַץ געהעריק אָפּ די גרויסע אַרבעט, וואָס איר האָט אַריינגעלייגט אין דער פאַבריק. איך וועל אייך חלילה נישט באַעוולהן. פון אונדזער חלק וועט איר באַקומען אַ צוגאָב פון גאַנצע פינף פּראָצענט פאַר אייך.

— נישט אין דעם האַנדלט זיך, פאַניע דזיעדזיצו — האָט יוסף

הערש געענטפערט — וועגן געלט טראַכט איך איצט נישט. איך קען בלויז נישט פאַרשטיין, ווי איר קענט מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט אָפּזאָגן זיך פון דער פאַבריק, וואָס איז אונדזער צירונג. ווי קען מען זיין אַזוי קאַלטבלוטיק?

— האַ, איר מיינט סענטימענטן? פאַר סענטימענטן איז נישטאָ קיין פלאַץ, ווען פאַרמעגן איז אין סכנה. אַזוי, טייערער פריינט.

— דאָס פאַרמעגן איז נישט אין סכנה. עס איז בלויז געקומען אַ שווערע צייט, וועלכע מ׳דאַרף איבערהאַלטן. אויב ס׳איז נישט מעגלעך זי איבערצוהאַלטן, דאַרף מען כאָטש פּרווון זי איבערצוהאַלטן, מ׳דאַרף קעמפן פאַר דער פאַבריק, אָבער נישט לאָזן זיך אַוועקשטופּן אַזוי לייכט, אָן קאַמף, אָן גאָרנישט.

דער אַדוואָקאַט גאָלדהאַמער האָט זיך איצט אַריינגעמישט:

— דער פּאַפּאַ זעט, מיינע ווערטער זאָגט ער. אפשר וואָלט טאַקע געווען ריכטיקער איבערצוּוואַרטן נאָך אַביסל?

דער אַלטער פריץ האָט נאָכגעלאָזט פון זיין תקיפותדיקייט. ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן ראַנד פון אַ שטול און פאַררויכערט אַ קובאַ־ציגאַר.

— איר זענט נאָך יונג, מיינט פריינט — האָט ער געזאָגט — און חוץ דעם ווייסט איר נישט דאָס, וואָס איך ווייס. גלויבט מיר, אַז דאָס צעשיידן זיך פון דער פאַבריק קאָסט אויך מיך אַ שטיק געזונט. אָבער איך זע נישט קיין אַנדערן אויסוועג. מיר וועלן זיך נישט קענען דערהאַלטן. אויב מיר וועלן איצט נישט געבן די פאַבריק מיט גוטן, וועלן מיר זי אַביסל שפּעטער געבן מיט בייזן און דעמאָלט וועלן מיר נישט אָפּנעמען דאָס אינוועסטירטע געלט.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס? — האָט יוסף הערש געפרעגט און אים האָט זיך געדאַכט, אַז גאָלדהאַמערס איצטיקע ווערטער האָבן אַ שייכות צו דעם זעלבן מקור, פון וועלכן גאָלדהאַמער האָט זיך דערוווּסט וועגן לאַזורס פאָרשלאַג נאָך איידער יוסף הערש האָט עס אים דערציילט — ווער האָט אייך געבראַכט די דאָזיקע ידיעות?

דער אַלטער גאָלדהאַמער האָט אַ לאַנגע ווײַלע געקוקט יוסף הערשן גלייך אין די אויגן און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— פון וואַנען איך האָב די דאָזיקע ידיעות, קען איך אייך נישט

זאָגן. וואָס איך קען אייך יאָ זאָגן איז אָט דאָס: שטאַרקע און בייזע כוחות אַרבעטן קעגן אונדז. זיי האָבן קעגן אונדז אויפגעשטעלט אַ גאַנצע מאַשין, וואָס צילט צו אונדזער פאַרניכטונג. מיר וועלן נישט אימשטאַנד זיין זיי בייצושטיין. איר ווייסט, פאַניע יוזעפּיע, אַז עס איז אונדזער מזל, וואָס מיר זענען איצט געבליבן שטיין אָן רוי־שטאָף? קוקט מיך נישט אַזוי אָן. איך ווייס, וואָס איך רעד. ווען מיר וואָלטן, צום ביישפּיל, היינט באַקומען פון ערגעץ אייל אויף פאַרצוזעצן דעם באַטריב אויף נאָך אַ חודש צייט, וואָלט דאָס פאַר אונדז געווען דאָס אמתדיקע אומגליק. אין אַ חודש אַרום וואָלטן מיר געבליבן שטיין אין דער זעלבער לאַגע, וואָס היינט, ווייל די בייזע כוחות אַרבעטן כסדר און דעמאָלט וואָלטן מיר זיך געמוזט בעטן, מען זאָל ביי אונדז קויפן די פאַבריק. ווי אַזוי מען שניידט אָפּ אין אַזאַ צייט, דאַרף איך אייך נישט זאָגן, פאַניע שטערנבאַך. איר ווייסט דאָס אַליין.

גאָלדהאַמערס ווערטער האָבן אויף יוסף הערשן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. האָט אים דאָך ר׳ ישראל געזאָגט דאָס זעלבע. „ווען איך וואָלט געמיינט מיין טובה, וואָלט איך דיר איצט פאַרקויפט דעם אייל. אָבער איך מיין דיין טובה און צוליב דעם, וועל איך דיר נישט פאַרקויפן". וואָס באַדייט דאָס? האָבן זיך אפשר די ביידע לייט צוזאַמענגערעדט? אָ, ניין, וואָס פאַראַ איינפאַל. ווי קומען זיי איינער צום צווייטן? נישט אַנדערש, נאָר די מעשה מיט די בייזע כוחות מוז זיין אַן אמתדיקע. און ר׳ ישראל? ווייזט אויס, אַז ער איז טאַקע געווען אויפריכטיק, ווען ער האָט אים, יוסף הערשן, פאַרזיכערט אין זיין פריינטשאַפט. וואָס זשע איז טאַקע איצט דער אויסוועג? מ׳מוז פאַרקויפן די פאַבריק.

בעת יוסף הערש האָט געשוויגן, האָט זיך דער אַלטער גאָלדהאַמער אויפגעשטעלט און האָט אים דערלאַנגט די האַנט.

— אויף ווידערזען, פאַניע שטערנבאַך. גייט איצט און טוט, וואָס איך האָב אייך געזאָגט. און אַמאָל, אויב איר וועט האָבן אַ געלעגנהייט, זאָלט איר באַדאַנקען אייערע אַפּוטרופּסים, די צוויי ברידער גאַרטענבערג.

דער פּריץ האָט יוסף הערשן צוגעוואָרפן אַ פיל באַדייטנדיקן בליק.

***

די קניה פון דער נאַפט־פאַבריק „גאָלדהאמער עט שטערנבאך" איז פאַר די גארטענבערגס געווען אַ גלענצנדיק געשעפט. אמת, די פאַבריק איז לויט זייערע השגות געווען זייער קליין. פאַר זייערע ריזיקע אייל־זאַפאַסן, וואָס זענען שוין געווען מאַגאַזינירט אין די רעזערוואַרן און בפרט פאַר דער פּראָדוקציע פון די נייע שאַכטן האָבן זיי געדאַרפט האָבן אַ ראַפינעריע מיט אַ פיל גרעסערן פאַרנעם, ווי עס איז געווען די ניי געקויפטע. אָבער די ראַפינעריע „גאָלדהאמער עט שטערנבאך" האָט געהאַט איין גרויסע מעלה, וואָס האָט נישט געקענט פאַרביטן ווערן דורך קיין שום אַנדערער זאַך. זי איז געווען אַ פאַרטיקע און מען האָט תיכף געקענט אָנהייבן די אַרבעט. אין דער זעלבער צייט האָט מען געקענט צוטרעטן צום אויסבויען און אויסברייטערן די פאַבריק, כדי צו פאַרגרעסערן אירע פּראָדוקציע־מעגלעכקייטן.

די נייע בעלי־בתים האָבן זיך תיכף גענומען צו דער אַרבעט. זיי האָבן אַוועקגעשטעלט די פאַבריק אויף אַ פולן באַטריב און אין איין צייט אָנגעהויבן די בוי־אַרבעטן. די גארטענבערגס האָבן צוגעקויפט אַ גרויסן באָדן־שטח אין שכנות פון דער פאַבריק. זיי האָבן צוגעצויגן דעם פאַבריקס־פאַרקאַן ביז צום סאַמע קייזער־וועג, וועלכער פירט פון דראָהאָביטש קיין באָריסלאַוו. אין אַ קורצער צייט נאָך דעם, ווי זיי האָבן איבערגענומען די פאַבריק זענען דאָרט אויסגעוואקסן נייע, הויכע קוימענס. אַ גאַנצער וואַלד פון קוימענס האָט איצט געקיניגט איבערן פאַבריקס־טערען. שוואַרצע וואָלקנס רויך האָבן איצט כסדר פאַרדעקט דעם הימל איבער דער גאַנצער געגנט. דער רויך האָט פאַרסמט דעם אַרום מיט שטיקנדיקע ריחות פון נאַפט, שוועבל און פאַרברענטע גאַזן. אין דראָהאָביטש איז איצט די פאַבריק באַקרוינט געוואָרן מיטן שטאָלץ קלינגענדיקן נאָמען: די גרויסע פאַבריק.

אין דער גרויסער פאַבריק זענען געווען באַשעפטיקט הונדערטער אַרבעטער. דאָס רוב גויים, אָבער אַ טייל אויך יידן. די אַרבעטער האָבן געאַרבעט עבודת פרך. גאַנצע צוועלף שעה האָט געדויערט דער אַרבעטס־טאָג. פון וועלכע נישט איז סאָציאַלע פאַרזיכערונגען האָט מען נישט געוווּסט. דער אַרבעטס־לוין האָט געקלעקט אויף אַ טרוקן שטיקל ברויט. אויב דער אַרבעטער האָט געהאַט זיין שטיקל באַלעבאַטישקייט, אַ

הייזקע, אַ גאָרטן, אָדער אַ קו, האָט ער נאָך געקענט ווי עס איז זיך דורכ־שטופּן. איז ער אָבער געווען אינגאַנצן אָנגעוויזן אויפן אַרבעטס־לוין און בפרט אַז ער האָט נאָך געהאַט אַ משפחה, איז אים נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. צוליב דעם טאַקע האָבן אין דער פאַבריק געאַרבעט דאָס רוב פּויערים פון דערנעבנדיקע דערפער. יידן, וואָס זענען געווען אַ שטאָ־טישער עלעמענט, האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן ביי דער דאָזיקער אַר־בעט.

די גאָרטענבערגס האָבן אַריינגעזעצט אין דער פאַבריק אַ פאַרוואַל־טער, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער אַדמיניסטראַציע פון דער גרוי־סער אונטערנעמונג. דער פאַרוואַלטער האָט געהייסן פלעקער. ער איז געווען אַ ברייט־צעוואַקסענער ייד, אַ יודע־ספר און אַ גוטער בעל־חשבון. זיין אַרבעט איז נישט געווען צופיל קאָמפּליצירט. פלעקער האָט געהאַט די אויפגאַבע אָנצונעמען און אַרויסצוגעבן סחורות, אַכטונג צו געבן אויף דער אַרבעט און אויסצוצאָלן די אַרבעטער. די טעכנישע לייטונג פון דער פאַבריק האָט צו אים נישט געהערט. צו דעם זענען געווען אינזשיניערן און מייסטערס, וואָס זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון אויסלאַנד.

די הויפּט־ביוראָ פון דער גרויסער פאַבריק איז איינגעאָרדנט גע־וואָרן אין שטאָט. דאָרט איז געפירט געוואָרן די בוכהאַלטונג און די קאָ־רעספּאָנדענץ. דער לייטער פון דער דאָזיקער ביוראָ איז געווען נתן אַפּעל, אַ קליין, אויסגעדאַרט מענטשעלע מיט אַ קאָפּ לאַנגע, גרויע האָר. אַפּעל האָט צוליב זיין אויסזען געוועקט וויניק דרך־ארץ ביים עולם. אין שטאָט פלעגט מען אים רופן „דאָס אַפּעלע". כאָטש דאָס אַפּעלע האָט אויסגעזען, ווי מ׳וואָלט אים אָט באַלד געדאַרפט לייגן אין קבר אַריין, פונ־דעסטוועגן איז ער געווען זייער טיכטיק אין דער אַרבעט. לאַזער גאָרטענ־בערג האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן און נישט געטאָן קיין זאַך, נישט באַראַטנדיק זיך מיט אים.

נתן אַפּעל איז נישט געווען קיין געוויינלעכער בוכהאַלטער. ביי זיינע פופציק יאָר האָט ער שוין הינטער זיך געהאַט אַ שטורמישע פאַר־גאַנגענהייט. אַרויסגעקומען איז ער פון אַ פרומער שטוב און ביז צוואַנ־ציק יאָר איז ער געזעסן ביי תורה ועבודה אין זיין היים־שטעטל, אין דער געגנט פון טאַרנאָפּאָל. ער האָט באַקומען סמיכת הרבנים און האָט גע־

וואָרט אויף אַ פרייער שטעלע פון אַ רב. דאַכט זיך אָבער, אַז דאָס וואָרטן האָט זיך אים צוגעגעסן און אין אַ געוויסן טאָג האָט ער איבער־געלאָזט דאָס שטעטל, דאָס בית־המדרש און די טאַטע־מאַמע און איז אַוועק אין אַ גרעסערער שטאָט. דאָרט האָט זיך נתן אָפּגעשוירן די פיאות און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ „דייטש". געטראַכט האָט ער צו גיין ערגעץ־ווו אַרבעטן, אָבער דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט און האָט אים אַרויפגעפירט אויף אַ גאַנץ אַנדערן וועג. נתן האָט באַגעגנט אַ ייד, אַ גביר, וואָס איז געווען אַ פאַרברענטער משכיל. דער ייד האָט נתנען אַריינגענומען צו זיך, און האָט אים געגעבן מיטלען צום ווייטערדיקן לערנען.

נתן האָט זיך אַוועקגעזעצט לערנען און עס האָט גאָרנישט לאַנג גענומען, ווי ער איז אַלס עקסטערן אַדורכגעגאַנגען דעם מאַטורע־עקזאַ־מען. בקרוב האָט ער אָנגעהויבן צו שמען אין שטאָט ווי אַן אויסגע־צייכנטער אינסטרוקטאָר פאַר שוואַכערע שילער פון גימנאַזיום. אַפּעל האָט געגעבן לעקציעס און ער האָט שוין געקענט זיך אַליין אויסהאַלטן פון זיינע פאַרדינסטן. ער איז אָבער דערמיט נישט געבליבן באַפרידיקט. ער האָט אַ סך געלייענט און געלערנט ווייטער. מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ בוכהאַלטער.

בוכהאַלטערס זענען אין יענע צייטן געווען גוט באַצאָלט און אַפּעל האָט זיך דערשלאָגן צו אַ גוטער פּאָזיציע. ער האָט חתונה געהאַט, געהאַט קינדער און געלעבט אַן אָנשטענדיק לעבן. אין משך פון די עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָט ער עטלעכע מאָל געביטן די שטעלע, איבערציענדיק זיך פון איין שטאָט אין אַ צווייטער, ביז ער איז אָנגעקומען צו די גאָר־טענבערגס. דאָ האָט ער שוין געהאַט אַ גאָר בכבודיקע פּאָזיציע. ער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן בראש פון אַ ביוראָ, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די עניינים פון דער גרויסער נאַפט־ראַפינעריע.

פון זיין שטורמישער לעבנס־צייט איז נתנען געבליבן די ליבע פאַר דער שיינער ליטעראַטור, ספּעציעל פאַר די דייטשע און פּוילישע קלאַ־סיקערס. פונדעסטוועגן איז ער נישט געבליבן אָפּגעפרעמדט פון יידישע פּראָבלעמען. אדרבה, ער איז געווען אויסגעקאָכט אין דער גאַנצער השׂ־כּלה־ליטעראַטור, געקענט זיך פערזענלעך מיט די פירנדיקע משכילים

און געלייענט זייערע ווערק. אַ סך האָט נתן גענאַשט פון די גאַליצישע גרינדער פון דער השכלה־באַוועגונג, פון ר׳ נחמן קראָכמאַל און שלמה יהודה ראַפּאַפּאָרט. איצט, ווען די גאַליצישע השכלה איז געבליבן אין שאָטן און דעם אויבנאָן האָט פאַרנומען די רוסישע השכלה, האָט אָפּעל איר געווידמעט אַ גרויסן אינטערעס. ער האָט אַבאָנירט דעם „המליץ״ און אים געלייענט מיט גרויס התמזה. אים האָבן שטאַרק צוגעצויגן אַזעלכע שרייבערס, ווי יהודה לייב גאָרדאָן, דוד פרישמאַן, פרץ סמאָ־לענסקין און נחום סאָקאָלאָוו. פונדעסטוועגן איז אָפּעל אידייאיש גע־שטאַנען זייער ווייט פון די רוסישע און פוילישע משכילים. אים איז פיל נעענטער געווען די שיטה פון דער דייטשער „צייטונג דעס יודענטומס״ און פון דער „וויסענשאַפטליכע צייטשריפט פיר יידישע טעאָלאָגיע״, וואָס איז מיט יאָרן צוריק געגרינדעט געוואָרן דורך משה מענדעלסאָנס נאָכפאָלגער, אברהם גייגער, דער גרינדער פונעם רעפאָרמירטן טעמפל. אמת, די מזרח־אייראָפּעאישע משכילים האָבן געפּרעדיקט אויפקלערונג ביי יידן. זיי האָבן געפאָדערט, אַז יידן זאָלן לערנען אין וועלטלעכע שולן און זיי זאָלן דורך בילדונג דערגרייכן די מדרגה פון שלימותדיקע מענ־טשן. מיט דעם איז אָפּעל געווען פולשטענדיק מסכים. ער האָט אָבער נישט געקענט פאַרטראָגן דאָס עקזאַלטירטע אפיקורסות, וואָס איז ביי די רוסישע און פוילישע משכילים געוואָרן אַ צווייטע טבע. עס האָט אים פאַרדראָסן די להכעיסדיקייט פון די משכילים בנוגע די פּראָבלעמען פון אמונה און נאָך מער דאָס עפנטלעכע רעקלאַמירן זיך מיט דער דאָזיקער להכעיסדיקייט.

נתן אָפּעל האָט אַליין נישט מקיים געווען די מצוות פון דער תורה. ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון דער שטייפער דאָגמאַ־טישקייט, וואָס די רבנים האָבן אָנגעווענדט אין דעם אויספירן די תלמו־דישע הלכה. עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן דאָס אָפּשטעלן זיך פון די רבנים אויף יעדן קוצו של יוד און ער האָט זיי פאָרגעוואָרפן, אַז זיי פאַרשטייען נישט דעם גייסט פון דער צייט און זיי האַלטן פאַרמאַכט די יידן אין די ד׳ אמות פון זייער פינצטערן געטאָ־לעבן. ער האָט באַשול־דיקט די רבנים, הלמאי זיי האַלטן דאָס פאָלק אין פינצטערקייט און לאָזן אים נישט אַרויסגיין אויף די ברייטע שליאַכן פון דער מאָדערנער

מענטשלעכקייט. זיי לאָזן נישט, אַז דאָס פאָלק זאָל געניסן פונעם גרויסן ליכט פון דער אייראָפּעאישער קולטור. נישט בלויז די רבנישע שטייפ־קייט האָט אַפּעל פיינט געהאַט, נאָר אויך דער „חסידישער ערב רב״ (אַזוי האָט ער גערופן די חסידים) האָט ביי אים אַרויסגערופן עקל און אים געבראַכט אין גרימצאָרן.

פונדעסטוועגן קען מען נישט זאָגן, אַז אַפּעל זאָל געוועזן זיין אַ כופר בעיקר. ער האָט אויפריכטיק געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון גאָט און דעריבער איז ער ווייט געוועזן פון די מזרח־אייראָפּעאישע משׂ־כילים, וואָס פלעגן ביי יעדער געלעגנהייט דעמאָנסטרירן זייער פיינט־שאַפט צו רעליגיע. ער האָט געהאַלטן, אַז נישט די משׂכילים זענען באַ־רופן צו אַנטשיידן וועגן דער עקזיסטענץ פונעם געטלעכן וועזן. די גרעס־טע פילאָזאָפן פון דער נייער צייט האָבן דירעקט אָדער אומדירעקט אנערקענט די עקזיסטענץ פון גאָט. משה מענדעלסאָן האָט אין זיין בוך „ירושלים״ פאָרמולירט דעם יחוס פון מענטש צום געטלעכן מהות און פון ייד צו די יסודות פון דער יידישער רעליגיע. לויט מענדעלסאָ־נען באַגרענעצט זיך די מאַכט פון דער רעליגיע צו צוויי זאַכן: לימוד און נחמה. רעליגיע דאַרף לערנען און טרייסטן דעם מענטש. אָבער חוץ דעם גאָרנישט. דאָס אוראַלטע, עכטע יידנטום, האָט מענדעלסאָן דער־וויזן, האָט אנערקענט די פולע פרייהייט פון דענקען. עס האָט איבער־געלאָזט דעם יחיד דאָס רעכט צו האָבן אייגענע רעליגיעזע איבערציי־גונגען. די דאָזיקע פרייהייט איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די אמונה גופא איז ביים אוראַלטן יידנטום נישט אנערקענט געוואָרן ווי דער הויפּט־עיקר פון דער יידישער רעליגיע. אירע הויפּט־עיקרים זענען גע־ווען: וויסן און דערקענען, און אויב דער יחיד האָט שוין דערגרייכט די דאָזיקע צוויי עיקרים, האָט ער במילא דערגרייכט אויך דעם יסוד פון דער רעליגיע, דאָס הייסט די אמונה.

אָט דאָס האָט נתן אפעל אַרויסגעלייענט פון משה מענדעלסאָנס ווערק און ער האָט אין דעם געגלויבט, ווי אַ פרומער ייד גלויבט אין תורת משה. דער גלויבן אין גאָט, פלעגט ער זאָגן, מוז קומען פון אַן אי־נערלעכער דערקענונג. ער טאָר נישט אַרומגעשטעלט ווערן דורך קיין שום צווימונגען. און וואָס טוען די רבנים, וועלכע שטעלן זיך אָפּ אויף

יעדן פּינטעלע פון דער הלכה? זיי רינגלען אַרום דאָס יידנטום מיט אַן ענגער צוים. זיי זענען ווי שומרים פאַר אַן עדה אַרעסטאַנטן. די פּעולה איז, אַז די אמונה ווירקט זיך נישט אויס אין פרייען געדאַנק. זי ווערט אויפן מענטש אָנגעוואָרפן ווי אַ שווערער עול, ווי אַ קייט אויף אַ באַצוווּנגענער חיה.

נתן אַפּעל האָט די אָרטאָדאָקסן נישט געקענט מוחל זיין זייער נישט טאָלעראַנץ. אָבער די טומלדיקע אַנטי־רעליגיעזע להכעיסדיקייט פון די משכילים האָט ער אויך נישט געקענט פאַרטראָגן. באַזונדערס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס די משכילים האָבן פלוצים אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אַ יידישער נאַציע. פּרץ סמאָלענסקין האָט אין ווין אַרויסגעגעבן אַ צייטונג „השחר״, ווו ער האָט געפּרעדיקט אַזאַ נאַרישע זאַך, אַז יידן זענען אַ פאָלק פונקט ווי אַלע אַנדערע פעלקער. וואָס הייסט עפּעס אַ פאָלק? זינט הונדערטער יאָרן טענהן די אַנטיסעמיטן, אַז יידן זענען אַ נאַציאָנאַלע געמיינשאַפט און זיי שטרעבן צו דער פאַרניכטונג פון אַלע אַנדערע פעלקער. וואָס זשע דאַרפן טאָן יידן? זיי דאַרפן, פונקט ווי עס האָט עס געטאָן משה מענדעלסאָן, דערווייזן דער וועלט, אַז יידן זענען נישט מער, ווי אַ רעליגיעזע געמיינשאַפט. קומען איצט די משכילים און גיבן געוועכט די אַנטיסעמיטישע העצערס. מיט אייגענע הענט גיסן יידן אייל אויפן אַנטיסעמיטישן פייער. איז עס נישט קיין הימל־געשריי? ס׳איז דאָך ממש זעלבסטמאָרד.

פאַר אַפּעלס אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט דאָס ליכט פון קולטור, וואָס איז געקומען פון מערב. אין דער דאָזיקער קולטור האָט ער געזען די יידישע ישועה. קולטור, האָט ער געזאָגט, איז משיח. יידן מוזן זיך מיט דער גאַנצער נשמה אַריינוואַרפן אין קאַמף פאַר דער וועלטלעכער קולטור. אַראָפּוואַרפן פון זיך די בעקעשע און דעם פאַרגליווערטן שימל פון אבערגלויבן. זיי מוזן ווערן מענטשן, אַריינדרינגען אין דער מענטשלעכער וועלט־משפחה. לערנען זיך און לערנען אַנדערע. פונקט ווי די יידישע רעליגיע איז די מאַמע פון אַלע רעליגיעס, אַזוי מוזן אויך איצט די יידן ווערן די ליכט־טרעגערס פאַר אַלע אומות.

ווען נתן אַפּעל האָט זיך באַקענט מיט כאַטיליען, האָט ער זי געפרעגט:

— וואָס איז דער צוועק פון אייער פילאַנטראָפּישער אַרבעט?

— נישטאָ ביי אונדז קיין שום צוועק — האָט כאַטיליע געענטפערט — פאַראַן אַרום אונדז אַזויפיל אָרעמקייט און ס׳וואָלט געווען אַן עבירה פאַר גאָט, ווען מ׳וואָלט זיי נישט אַרויסגעהאָלפן אין דער נויט.

אַפּעל האָט נישט באַהאַלטן זיין אומצופרידנקייט.

— גלאַט אַזוי גיט איר מענטשן געלט? — האָט ער געפרעגט — דאָס איז דאָך פשוטע שנאָרעריי. ווו זשע איז דער תכלית און וואָס וועט זיין דער סוף מיט די מענטשן, וואָס איר גיט זיי געלט?

— איך קלער נישט וועגן קיין סוף. ווען אַ מענטש איז הונגעריק, דאַרף מען אים קודם געבן עסן און נישט פרעגן וועגן תכלית.

— איר פירט די אַרבעט אָן שום פּלאַן. — האָט אַפּעל אַנטשלאָסן פעסטגעשטעלט — אייער אַרבעט וועט נישט געבן קיין שום ממשות־דיקע פעולה.

— וואָס פאַראַ פעולות דערוואַרט איר פון אונדזער אַרבעט? — האָט כאַטיליע געפרעגט מיט פאַרדראָס — ס׳שטייט דאָך אין אונדזערע הייליקע ספרים, אַז מ׳דאַרף טאָן צדקה.

— יאָ, די הייליקע ספרים זאָגן זיך דאָס זייעריקע און מיר מוזן וויסן דאָס אונדזעריקע. מיר לעבן שוין היינט אין אַן אַנדערער וועלט. מ׳דאַרף טראַכטן וועגן תכלית פאַר יידן און אויב מ׳גיט די אָרעמעלייט סתם אַזוי געלט און מ׳פאַדערט פון זיי גאָרנישט, וועלן זיי דאָך קיינמאָל נישט ווערן קיין לייט.

— ווי אַזוי ווילט איר פון זיי מאַכן לייט?

אַפּעל האָט אַנטוויקלט פאַר כאַטיליען אַ גאַנצן פּלאַן. אין צוגע־קליבענע ווערטער האָט ער איר אויסגעמאָלן די געוואַלטיקע מעגלעכ־קייטן, וואָס זענען פאַראַן פאַר יידן, אויב זיי לערנען זיך אויס אַ מלאכה. דער עיקר איז די יוגנט, האָט אַפּעל געזאָגט. מ׳דאַרף איר העלפן אַריבער־צוגיין צו אַ וועלטלעכן לימוד, ווייל ס׳שטייט פאַר איר אַ גרויסע צו־קונפט. די דאָזיקע יוגנט דאַרף מען דערמוטיקן און סטימולירן צום לער־נען. די וויכטיקסטע זאַך איז, האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז יידן זאָלן ווערן גלייך ווי אַלע מענטשן. זיי זאָלן פון זיך אַראָפּוואַרפן זייער אַזיאַטישן הולך, די פאַרצייטיקע בעקעשע און די בערד מיט די פיאות. זיי

זאָלן אויפהערן צו רעדן זשאַרגאָן און באַנוצן זיך מיט דייטש אָדער פּויליש, ווי איינער וויל. אויב יידן וועלן דאָס דערגרייכן, וועלן זיי ווערן געהאָלפן. ס׳וועט פאַרשווונדן ווערן די אָרעמקייט ביי יידן און במילא אויך דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער קומט הויפּטזעכלעך צוליב דער יידישער אָרעמקייט און דעם פאַנאַטיזם.

דער דאָזיקער שמועס איז פאָרגעקומען אין כאַטיליעס סאַלאָן. נתן אַפּעל, וועלכער איז לכתחילה געזעסן אַן אָנגעשטייפּטער, ווי ס׳פּאַסט זיך צו זיצן אין אַ גבירישן סאַלאָן, האָט זיך לאַנגזאַם אָנגעהויבן צו היצן. זיין גרוי, קרענקלעך פּנים האָט זיך באַדעקט מיט ציגל־רויטע פלעקעלעך. זיין לאַנגע טשופּרינע האָט זיך געפּאַטלט אויפן קאָפּ און פון זיין גאַנצער האַלטונג איז געווען צו זען, אַז עס גייט אים אין לעבן צו איבערצייגן כאַטיליען, אַז ער איז גערעכט.

אָבער כאַטיליע איז נישט נתפּעל געוואָרן פון אַפּעלס היציקע רייד. מיט איר מילדן בליק האָט זי אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין און האָט געענטפערט:

— איר ווייסט, הער אַפּעל, אַז איך בין נישט צופיל געלערנט. פונדעסטוועגן פאַרשטיי איך, וואָס איר מיינט. איר ווילט, אַז אַלע יידן זאָלן פלוצים אָנהייבן אַרומצוגיין מיט אָפּגעשוירענע פּיאות און מיט געגאָלטע פּנימער. מילא, וואָס איר ווילט איז אייער זאַך. מיך אַרט נישט זייערע בערד און פּיאות. זאָלן זיי טראָגן עס געזונטערהייט. מיין גאָטזעליקער טאַטע האָט אויך געטראָגן אַ באָרד און פּיאות און אייער טאַטע, מסתמא, אויך. וואָס שייך מיך, קען איך אייך פאַרזיכערן, אַז איך וועל קיינעם נישט זאָגן ער זאָל זיך גיין אָפּשערן די באָרד. אַז איר וועט דאָ מיט אונדז בלייבן און איר וועט אַלץ זען, וועט איר האָפנטלעך אויך אויפהערן צו טראַכטן וועגן בערד און פּיאות.

אַפּעל האָט ביי כאַטיליען נישט געפּועלט. אָבער אין אַנדערע קרייזן האָבן זיינע אידייען געהאַט מער דערפאָלג. פונקט איז אין דראָהאָביטש געשאַפן געוואָרן די „ספּוניע״, דער פאַריין פון יידן־פּאַליאַקן. אַן ערך צוויי מגינים יונגעלייט, דאָס רוב סטודענטן פון דער אוניווערסיטעט און יונגע דאָקטוירימלעך, האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן און געגרינדעט דעם פאַריין. יוסף הערש שטערנבאַך האָט אין זיין הויז געגעבן אַ זאַל פאַרן

פאַריין און די יוגנט פלעגט זיך דאָרט צוזאַמענקומען און פאַרברענגען ביי שמועסן און פאַרוויילונגען. נתן אַפּעל האָט צוזאַמען מיט זיינע צוויי דערוואַקסענע טעכטער באַזוכט דעם פאַריין. מיט דער צייט איז ער גע־וואָרן דער גייסטיקער מדריך פון דער יוגנט, וואָס פלעגט זיך דאָרט צוזאַמענקומען.

אַ באַזונדערס גוטן תלמיד האָט אַפּעל געפונען אין דעם דעמאָלט נאָך יונגן יאַנקעלע פייערשטיין. יאַנקעלע איז גראַד נישט געווען קיין סטודענט, אפילו רעכט לייענען און שרייבן האָט ער נישט געקענט. ביי זיין טאַטן, דער פערד־סוחר, האָט ער נישט געהאַט ווען צו פאַרנעמען זיך מיט לימוד. זינט דער פּריסטער יוגנט האָט יאַנקעלע אַרויסגעהאָלפן דעם טאַטן אין זיינע געשעפטן. אַלס קליין יינגל פלעגט ער יעדן מאָנ־טיק אַרויספירן אַ סטאַדע פערד אויף דער טאַרגאָוויצע 1). ווען יאַנקל איז געוואָרן אַביסל עלטער, האָט ער אָנגעהויבן אַרומצופאָרן איבער דער־פער און איינצוקויפן פערד. רייטנדיק פלעגט ער זיך אַריבערכאַפּן אויף אַ יאַריד אין אַ דערנעבנדיקער שטאָט. ער פלעגט מיט זיך פירן אַ טאַבון פערד מיט עטלעכע שקצים־אַנטרייבערס. ביי פופצן יאָר איז שוין יאַנקל געווען אַ גרויסער מומחה אין פערד־מסחר. דער פאָטער האָט זיך אויף אים אינגאַנצן פאַרלאָזט און ער האָט געפירט די עסקים ווי אַ דערפאַרע־נער סוחר.

ביי צוואַנציק יאָר האָט יאַנקל פאַרענדיקט די פערד־מסחרים. ער איז געוואָרן אַ חתן מיט לאָזער גאַרטענבערגס עלטערער טאָכטער און דער מחותן האָט דורכויס געפאָדערט, אַז יאַנקל זאָל אַריבערגיין צו זיי־נע נאַפּט־עסקים. יאַנקל האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין ביוראָ פון דער גרויסער פאַבריק און נתן אַפּעל האָט באַקומען אַן אָנווייזונג צו לערנען יאַנקלען און אים אַלץ מבאר צו זיין. באַלד איז דער לערער איבערראַשט געוואָרן פון זיין תלמידס פעאיקייטן. כאָטש יאַנקלען איז דאָס לייענען אָנגעקומען זייער שווער און דאָס שרייבן ממש מיטן זיבעטן שווייס, האָט ער זייער שנעל אויפגעכאַפּט דעם תמצית פונעם געשעפט און איז בקרוב געוואָרן אַ גאַנצער מומחה אין נאַפּט־ענינים. אַ זכרון האָט יאַנקל גע־

1) מאַרק־פּלאַץ פאַר פערד און בהמות.

האָט אַ גוטן און וואָס ער האָט איין מאָל געהערט, דאָס האָט ער שוין נישט פאַרגעסן. יאַנקל האָט זיך אויסגעלערנט לייענען און אַביסל שרייבן. ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן אַ פּליסיקן פּויליש און דייטש און ער איז געוואָרן דער אמתדיקער בעל־הבית פונעם ביוראָ.

ווען יאַנקל איז שוין געווען אַזאַ גרויסער מענטש און אָנגעטאָן פלעגט ער גיין עלעגאַנט, לויט דער לעצטער ווינער מאָדע, האָבן די דאָק־טוירעמלעך און סטודענטלעך אַוועקגעקוקט פון זיין אָפּשטאַם און אים אַריינגענומען אין פאַריין, ווי זייערס אַ גלייכן. אינעם פאַריין האָט יאַנקל באַלד אָנגעהויבן צו שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע. אַ דאַנק זיין איינגעבוירע־נער געשיקטקייט האָט ער זיך געשאַפן אַ קרייז פון אָנהענגער און מיט אַ צייט שפּעטער איז ער געוואָרן דער אָנערקענטער פירער פון דער „ספּויניע".

יאַנקל איז איצט געשטאַנען אויף זיינע אייגענע פיס. פונדעסטוועגן האָט ער זיך צו אַפּעלן ווייטער באַצויגן ווי אַ תלמיד צו אַ לערער. פון זיין באַרעדעווודיקן לערער האָט יאַנקל זייער אַ סך געגנאַשט. ער האָט אים געקוקט אין מויל אַריין און אויפגעכאַפּט און פאַרנאָטירט אין זכרון זיינע אַלע געדאַנקען. אַפּעל ווידער האָט יאַנקלען נישט געקאַרגט קיין רייד. סיי אויף די פאַריין־פאַרזאַמלונגען און סיי אין פּריוואַטע שמועסן האָט ער געשאָטן מיט „פילאָזאָפיעס", ציטירט ליטעראַטור און געגעבן צו פאַרשטיין פאַרשידענע ענינים, וועגן וועלכע מען האָט געשריבן אין „די נייע פרייע פרעסע" און אינעם „פּעסטער לאָיד". יאַנקל האָט מיט התמדה זיך צוגעהערט צו אַפּעלס פאָרטראָגן. ער האָט געוואָלט פון זיי וואָס מער לערנען.

אַפּעלס פאַרבינדונג מיט כאַטיליען אויפן געביט פון פילאַנטראָפּי־שער אַרבעט האָט זיך נישט געענדיקט מיט זייער ערשטן שמועס. כאָטש כאַטיליע האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען אַפּעלס עצות, האָט זיך אַפּעל פונדעסטוועגן געלאָזט אַריינציען אין דער אַרבעט. ער איז באַשטימט גע־וואָרן אַלס הויפּט־קאַסירער פון אַלע פאַריינען, מיט וועלכע כאַטיליע האָט אָנגעפירט. ביים אויספירן פונעם דאָזיקן אַמט האָט אַפּעל געהאַט זייער אַ סך פאַרדראָס. אָפט איז אויסגעקומען אויסצוצאָלן געלטער אויף צוועקן, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען נישט קיין ריכטיקע. אַממיינסטן

האָט אים געאַרט די אַרבעט פונעם „הכנסת־כלה"־פאַריין. וואָס איז דער שכל, האָט ער געפרעגט, אַז מ'פּאָרט צוזאַמען צוויי מענטשן און ביידע זענען קבצנים ואביונים און האָבן נישט אויפן ערשטן מיטיק. נישט בלויז וואָס זיי פאַרמאָגן גאָרנישט, נאָר זיי הייבן אַפילו נישט אָן צו טראַכטן, ווי אַזוי צו ווערן לייט. וואָס זשע טוט מיט זייער דער פאַריין? נישט מיר, נישט דיר שטעלט מען זיי אַוועק אונטער אַ חופה און מ'מאַכט זיי חתונה. צומאָרגנס גייען זיי ביידע אין די הייזער און בשעת מעשה ברענגען זיי אויף דער וועלט מחנות קינדער, וואָס האָבן נישט קיין היינט און נישט קיין מאָרגן.

אין אַפּעלן האָט זיך אַלץ געבונטעוועט קעגן דעם דאָזיקן אומבאַרעכנטן חתונה מאַכן אָרעמעלייט. ער איז אָבער געווען הילפלאָז. כאַטיליע האָט נישט געוואָלט אויסהערן זיינע טענות און אַליין איז ער געווען צו שוואַך, כדי וואָס נישט איז אויפצוטאָן אויף אייגענער האַנט. לכתחילה האָט ער געפּרוווט אויפצוטאָן. כאַטיליע פלעגט צו אים שיקן די אָרעמעלייט ער זאָל זיי אויסצאָלן די שטיצעס. פלעגט ער מיט די דאָזיקע מענטשן פאַרפירן שמועסן. ער פלעגט זיי געבן צו פאַרשטיין פאַרשידענע זאַכן און די אָרעמעלייט האָבן אים אויסגעהערט און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, גלייך ווי זיי וואָלטן מיט אים מסכים געווען. נאָר ווען ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן „אויסמענטשלען זיך", וועגן אָפּשערן באָרד און פּיאות, זענען די אָרעמעלייט באַלד געוואָרן אָנגעצונדן. טייל פלעגן אים שעלטן מיט טויטע קללות, ווינטשן אים, ער זאָל זיין די כפּרה פאַר כל ישראל און טאַקע באַלד, אָט דאָ אויפן אָרט.

אַפּעל האָט פאַרשטאַנען, אַז פון זיינע אידייען וועט גאָרנישט זיין. פון אַלע זייטן האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד און ער האָט זיך נישט געפילט בכוח צו קעמפן קעגן דער גאַנצער וועלט. האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף זיינע אַלע תורות און שווייגנדיק האָט ער געצאָלט דאָס געלט, וואָס כאַטיליע האָט אים געהייסן צאָלן. די אָרעמעלייט האָבן מיט דער צייט פאַרגעסן אין זיינע חטאים און ביסלעכווייז האָט זיך געענדערט זייער באַציאונג צו אים. זיי האָבן אים אָנגעהויבן צו רימען און צו בענטשן און ער איז אין זייערע אויגן אויסגעוואַקסן צו דער מדרגה פון זייער גרעסטן בעל־טובה.

.י

אין זכות פון די הייליקע מגידים

די לאַגע ביי רבקה רחלען אין שטוב האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט. זינט דער טאַטע עליו השלום איז געשטאָרבן האָט די מאַמע געטראָגן אויף זיך דעם גאַנצן עול פון פרנסה. די מאַמע האָט געשלעפּט די שווערע קוישן בייגל און קיינמאָל האָט זי זיך אויף גאָרנישט נישט באַקלאָגט. נאָר דעם לעצטן פסח, פונקט דעמאָלט, ווען איר בייגל־מסחר איז איבער־געריסן געוואָרן צוליב יום־טוב און זי האָט זיך אויסגערוט, האָט זי זיך פּלוצים דערפילט שוואַך. עס האָט איר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן און די פיס האָבן זיך אונטער איר געטרייסלט.

לכתחילה האָט די מאַמע נישט געלייגט קיין אַכט אויף איר שוואַכ־קייט. דעם ערשטן טאָג נאָך פסח, ווען דער יום־טוב איז שוין געלעגן באַהאַלטן אין די קאַסטנס מיט פסחדיקן געשיר און אין די יידישע שטובן האָט זיך צוריקגעקערט דער חמצדיקער אינדערוואָכן, האָט רבקה רחלס מאַמע גענומען איר גרויסן קויש און האָט זיך געלאָזט גיין צו שרהן, די בעקערין, וואָס האָט געוווינט אויף דער זשויפּ־גאַס. עס איז נאָך געווען זייער פרי און די באַוועגונג אין גאַס האָט זיך קוים וואָס געהאַט אָנ־געהויבן. מחנות פויערים און פויערטעס מיט פירעקיקע קיישלעך אונ־טער די אָרעמס און קאַנדלעך מילך אין די הענט האָבן געצויגן איבערן לאַנ־וועג פון די דערנעבנדיקע דערפער. זיי האָבן געטראָגן אין שטאָט צו פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן: פּוטער, קעז, אייער און דער עיקר מילך. די גאַנצע אַכט טעג פון פסח האָבן זיך די פויערטעס נישט געוויזן אין שטאָט. זיי האָבן געוווסט, אַז אין דער צייט פון יידישן יום־טוב וועלן זיי נישט האָבן ביי וועמען אָפּזעצן די סחורה. אָבער דער ערשטער טאָג נאָך יום־טוב איז שטענדיק געווען אַ יאַריד־טאָג. אין אַזאַ טאָג פלעגן זיך טויזנטער פויערים און פויערטעס אויסשטעלן אויפן קליינעם מאַרק־

פלאַץ און אויסלייגן זייער סחורה צום פאַרקויף. ווײַבאַלד זיי האָבן אָפּ־געלייזט דאָס געלט, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט איבער די יידישע קראָ־מען און דאָרט איינגעקויפט, וואָס איינער האָט געדאַרפט.

ווען רבקה רחלס מאַמע, זלאַטע, איז אַרויס פון איר שטוב, וואָס אַנטקעגן דער גרויסער שול, און אָנגעהויבן צו שפּרייזן איבערן לאַנ־וועג אין דער ריכטונג צום קליינעם מאַרק־פּלאַץ, האָט זי זיך געפילט זייער שוואַך. זי האָט פּאַוואָליענקע געשטעלט די טריט און די אָנקומענדיקע פויערטעס, וועלכע האָבן זי אויסגעמיטן, האָבן איר צוגעוואָרפן אַ גוט־מאָרגן. זלאַטע האָט קוים וואָס געקענט ענטפערן די באַגריסנדיקע גויעס. ביז צו דער זשויפּ־גאַס איז נאָך געווען אַ גוט שטיקל וועג און זלאַטע האָט פלוצים דערפילט, אַז זי וועט נישט דערגיין ביז אַהין. זי האָט זיך צוגעשלעפּט צום מאַרק־פּלאַץ און לעבן דעם באָד, אונטער דער בלינדער מויער, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט נישט געקענט מער שטעלן קיין טריט. די כוחות האָבן זי אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן. ביים האַרץ האָט איר גענאָגט ווי צום ברעכן, פאַר די אויגן האָבן איר געשוועבט רויטע פלעקן. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער מויער און אַזוי איז זי געבליבן שטיין.

אויפן מאַרק־פּלאַץ האָט שוין געהערשט די נאָרמאַלע באַוועגונג פון אַ יאַריד־טאָג. מענטשן זענען געלאָפן אַהין און אַהער און זיי זענען פאַר־בייגעלאָפן די שטייענדיקע זלאַטע. באַקאַנטע האָבן זיך אָפּגעשטעלט און באַלד איז אַרום איר געשטאַנען אַ היפּש געזעמל מענטשן.

ווייבער האָבן אָנגעקוקט די איינגעקאָרטשעטע און ציטערנדיקע פרוי. זיי האָבן געבראָכן די פינגער:

— זלאַטע לעבן, וואָס איז אייך?

— מענטשן! — האָט זלאַטע געפּליסטערט מיט די לעצטע כוחות — ראַטעוועט, ווייל אָט פאַל עך!

עמעץ איז צוגעלאָפן צו זלאַטעס טאָכטער, רבקה רחלס עלטערע שוועסטער, וואָס איז פּונקט נישט ווייט געשטאַנען ביי איר קראָם מיט מעל און קאַשע. די טאָכטער האָט געבעטן אַ שכנטע אַכטונג צו געבן אויף איר קראָם און אַליין איז זי אַוועקגעלאָפן.

— וואָס איז דיר, מאַמע? — האָט זי פון דער ווייטנס געשריגן, אַנכאַפּנדיק זיך ביים קאָפּ.

— טאַכטערשע, ס׳איז גאָרנישט. ס׳עט באַלד דורכגיין — האָט זלאַטע זי באַרואיקט.

אָבער רירן זיך פון אָרט האָט זי שוין נישט געקענט. צוויי מאַנסבילן האָבן זי פעסט גענומען אונטער די אָרעמס און אַזוי שלעפּנדיק זי צוריק־געפירט אין שטוב אַריין. אַ קרעכצנדיקע איז זלאַטע אַוועקגעפאַלן אויפן בעט און אַזוי איז זי געבליבן ליגן.

בעת מען האָט די מאַמע צוריקגעבראַכט אַהיים, איז רבקה רחל פונקט געשטאַנען אין מיטן שטוב מיטן בעזעם אין די הענט און זי האָט געהאַלטן אין צוקערן די ליימענע פּאָדלאָגע. די צוויי יינגערע ברידער־לעך זענען נאָך פאַרטאָג אַוועקגעגאַנגען אין חדר אַריין און רבקה רחל האָט אויך געדאַרפט באַלד אַוועקגיין, ווייל זי האָט געהאַט צו דערלע־דיקן כאַטיליעס אַ שליחות. דער מאַמעס צוריקקומען האָט אַזוי אַרום איבערגעדרייט דעם גאַנצן סדר פון דער שטוב.

רבקה רחל האָט דורכן פענצטער געזען אָנקומען דאָס געזעמל מענטשן מיט דער פאַרחלשטער מוטער. דאָס האַרץ האָט זיך ביי איר אָפּגעשטעלט און קאַלטע אַנגסטן האָבן באַגאָסן איר לייב, מיט אויס־געשטרעקטע אָרעמס איז זי צוגעלאָפן צו דער טיר און געשריגן:

— מאַמע!

דער גאַנצער עולם האָט זיך שטיל אַריינגעשאַרט אין שטוב אַריין. די שטילקייט האָט איבערגעריסן בלויז דאָס שטילע כליפּען פון רבקה רחלס עלטערער שוועסטער. רבקה רחל אַליין איז געשטאַנען אַ בלייכע און מיט פאַרשטאַרטע אויגן האָט זי געקוקט אַרום זיך.

— שטייט נישט, ווי געלעמטע — האָט איינער פון די מענער אויס־געשריגן — רבקה רחל, מאַך צורעכט ס׳געלעגער.

רבקה רחל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער מאַמעס בעט. מיט האַסטיקע באַוועגונגען האָט זי אַפּירגענומען פון אונטער דער ליגנדיקער מאַמען דעם פּליושענעם בעט־צודעק, וועלכן זי האָט ערשט מיט עטלעכע מינוט פריער אַליין אויסגעשפּרייט איבערן בעט. דערנאָך האָט זי אַוועק־געשאַרט דאָס איבערבעט און די מאַמע איז געבליבן ליגן אויפן שטרוי־

זאַק. די מענער זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב און די ווייבער האָבן זיך גענומען אויסטאָן זלאַטען.

עמעץ האָט אַריינגערופן לייזערן, דעם רופא. ער איז געקומען מיט זיין קעסטל מכשירים, האָט עס אַוועקגעשטעלט אויף דער באַנק לעבן דער הרובע און איז צוגעגאַנגען צו זלאַטען. לייזער האָט באַטראַכט זלאַטען מיט זיינע ברוינע, דורכדרינגענדיקע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק געשמייכלט, און האָט געזאָגט:

— מ׳דאַרף תיכף רופן אַ דאָקטער.

פונדעסטוועגן איז ער צוגעגאַנגען צו זיין קעסטל, האָט זיך דאָרט אַביסל געפּאָרעט און איז ווידער צוגעגאַנגען צו דער קראַנקער. צוויי פּיאַווקעס האָט ער איר אַוועקגעשטעלט אונטער די אויערן און ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער צעשפּרייט די הענט:

— מער קען איך גאָרנישט טאָן. מ׳דאַרף רופן אַ דאָקטער.

בעת ער איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר, האָט ער שטיל צו־געגעבן:

— און אַ סך רחמים.

הערנדיק אַזעלכע רייד, האָבן די ווייבער אויפגעהויבן אַ געשריי. מלכה די פישערקע, וואָס האָט געוווינט אין דעם זעלבן הויז, פּונקט אין דער דערנעבנדיקער טיר, האָט זיך אַריינגעמישט און פאַרשטאָפּט זיי די מיילער.

— וואָס מאַכט עץ דאָ יללות? — האָט זי זיך געבייזערט — גייטץ בעסער עפּעס טאָן.

עטלעכע ווייבער האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט.

— אמת, מ׳דאַרף טאָן. לאָמיר גיין רייסן קברים. — האָט איינע געררופן.

— אין זכות פון די הייליקע מגידים, וואָס האָבן געוווינט דאָ, אין דער זעלבער שטוב — האָט אַ צווייטע צוגעגעבן — מוז דער אויבערשטער העלפן.

די יידענע איז טאַקע געווען גערעכט. אינעם זעלבן הויז האָבן גע־וווינט די מגידים. דער הייליקער ר׳ פייוול מגיד מיט זיינע פיר זין. איצט זענען שוין די מגידים טויט און זיי ליגן אויפן דערנעבנדיקן בית־עולם

אונטער אַ בשותפותדיקן אוהל, וואָס קהל האָט פאַר זיי אויפגעשטעלט. כאָטש די מגידים זענען שוין נישטאָ, רוט נאָך כסדר זייער שכינה אויפן דאָזיקן אַלטן הויז, פון וועלכן עס קומען כסדר אַרויס ייִנגלעך בני תורה און מיידלעך, כשרע יידישע טעכטער.

מלכה די פישערקע וווינט אויך אינעם דאָזיקן הויז, כאָטש זי מיט איר משפחה פאַסט זיך גאַנץ קנאַפּ אַריין צו דער סביבה פונעם דאָזיקן הויז. איר מאַן איז אַ פּראָסטער גוט שבת. יעדן דאָנערשטיק און פרייטיק שטייט ער אויפן קליינעם מאַרק־פּלאַץ, לעבן דער באָד און פאַרקויפט יידן פיש אויף שבת. זייער זון האָבן די עלטערן געפּרוווט פירן אויף אַ תורה־וועג. דער קאָפּ איז אָבער ביי אים נישט געווען צום לערנען און ער איז אויסגעוואקסן אַ גרויסער און אַ ברייטער, ווי דער טאַטע. ער האָט גענומען העלפן דעם פאָטער ביי זיין מסחר און איז געבליבן אַ פישער פונקט ווי דער טאַטע און דער זיידע.

פונדעסטוועגן האָט מלכה אויך געהאַט אַ זכות אינעם דאָזיקן הויז. צווישן די אַלטע אָרעמעלייט, וואָס האָבן דאָ געוווינט, איז זי געווען די נגידותטע. ביי אירע שכנים פלעגט שטענדיק אויספעלן דאָס טרוקענע שטיקל ברויט. ביי מלכהן האָט זיך אָבער שטענדיק דער גרייצער געדרייט אין שטוב. האָט זי כסדר געהאָלפן אירע שכנים מיט וואָס זי האָט נאָר געקענט. דאָס הייסט, נעמען האָט ביי איר קיינער נישט גענומען. נאָר אַז עס איז ביי וועמען געקומען אַ שווערער טאָג, פלעגט מען אַרייבגיין צו מלכהן און ביי איר לייען אַ פונט קאַרטאָפל, אַ פערטל ברויט. מלכה האָט קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט. זי האָט אויך ביי קיינעם נישט געמאָנט די חובות.

זלאַטען האָט מלכה ליב געהאַט ווי דאָס לעבן. זלאַטע איז געווען אַ קלוגע יידענע און זי האָט שטענדיק געוווסט צו געבן אַ גוטע עצה. אויב עמעצ׳ איז, חס ושלום, קראַנק געוואָרן, האָט זלאַטע געקענט צוטרעפן די ריכטיקע רפואה. אָבער איצט, ווען זלאַטע איז אַליין אַזוי פאַרשלאָפט געוואָרן, ווער וועט איר צוטרעפן די רפואה? צוליב זלאַטעס צושטאַנד איז מלכה געווען שטאַרק דערשלאָגן. זי האָט אָבער נישט געלאָזט אויף זיך דערקענען די דערשלאָגנקייט און האָט געהאַלטן אין איין דערמו־

טיקן זלאַטעס ביידע טעכטער, וואָס זענען פּאַרוויינטע און שווייגנדיקע געשטאַנען ביי דער זייט.

— גאָט וועט אייך נישט פאַרלאָזן, קינדער — האָט זי כסדר איי־בערגעחזרט — די מאַמע וועט „מעטשעשעם" געזונט ווערן.

עס האָט אויסגעוויזן ווי מלכהס ברכה וואָלט טאַקע מקוים גע־וואָרן. אָט האָט די מאַמע געעפנט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב. מלכה האָט זיך אָנגעבויגן איבער זלאַטען:

— שוין בעסער, זלאַטע־לעבן? — האָט זי געפרעגט — אפשר וועט איר נעמען עפּעס וואַרעמס אין מויל אַריין?

זלאַטע האָט מיט אַ וואַרעמען בליק געקוקט אויף איר שכנטע. זי האָט פאַרשטאַנען די פראַגע, זי האָט אָבער נישט געקענט ענטפערן. מלכה האָט אַרויסגעלייענט פון זלאַטעס אויגן, אַז זי וויל אַ טרונק. האָט זי צוגערופן רבקה רחלען און איר געזאָגט:

— נעם זיך צו דער הרובע. מ׳דאַרף געבן דער מאַמען עפּעס אין מויל אַריין.

רבקה רחל איז צוגעלאָפן צום אויוון מיטן שוואַרץ פאַררויכערטן קוימען פון אויבן, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ פּירעקיקע גלאָק. זי האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע אין דער וואַנט און האָט געפּרווט צו צעהייצן דאָס שייטערל האָלץ, וואָס איז געלעגן צוגעגרייט אינעם אויוון. מלכה האָט אָבער באַמערקט, אַז מיטן צעהייצן וועט זיין אַ לאַנגע מעשה. איז זי אַרויסגעלאָפן פון דער שטוב און באַלד צוריקגעקומען, טראָגנדיק אין די הענט אַ טעפּל, פון וועלכן ס׳האָט געזעצט אַ פּאַרע.

— טרינקט, זלאַטע. ס׳איז געצוקערטע ליפּעווע טיי. ס׳זאָל אייך זיין צו רפואה.

מלכה האָט מיט איין האַנט אויפגעהויבן זלאַטעס קאָפּ, מיט דער צווייטער האָט זי איר דערלאַנגט דאָס טעפּל צום מויל. זלאַטע האָט אַביסל אָפּגעטרונקען און איז געבליבן ליגן מיט אָפענע אויגן, וואָס האָבן פאַרשטאַרט געקוקט פאַר זיך.

מלכה איז צוגעגאַנגען צו דער עלטערער טאָכטער, דבורה.

— דבורה — האָט זי געזאָגט — דו מוזט צוריקגיין אין דיין קראָם. היינט איז אַ מאַרק־טאָג און דו מוזט איצט פאַרדינען מער ווי

פריער, מ׳עט דאַרפן העלפן דער מאַמען. אפשר וועסטו אַרויסרופן דיין מאַן פונעם בית־המדרש? זאָל ער היינט קומען דיר העלפן, כדי דו זאָלסט קענען פון צייט צו צייט זיך אַריינכאַפּן אַהער.

און צו רבקה רחלען האָט מלכה געזאָגט:

— לייזערס פּיעווקעס האָבן אַביסל געהאָלפן. דאָס הייסט, גאָט האָט געהאָלפן, נאָר ער איז געווען דער גוטער שליח. איצט דאַרף מען טאָן, וואָס ער האָט געזאָגט. מ׳דאַרף רופן אַ דאָקטער.

רבקה רחל איז געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט. זי האָט זיך געשעמט צו זאָגן, אַז אין שטוב איז נישטאָ קיין געלט צו באַצאָלן דעם דאָקטער. צוליב די אַכט טעג פּסח, ווען די מאַמע האָט נישט פאַרדינט, איז די שטוב אויסגעליידיקט געוואָרן ביזן לעצטן ברעקל. אויפן היינטיקן יאַריד־טאָג האָט די מאַמע געלייגט גאָר גרויסע האָפענונגען. אין אַזאַ טאָג לייזט זיך זייער גוט. אָבער וואָס האָט מען דערפון, אַז ס׳איז געקומען דאָס גרויסע אומגליק. רבקה רחל האָט וועגן דעם אַלעמען געטראַכט. זי האָט זיך אָבער געשעמט עס צו זאָגן מלכהן. מלכה האָט פאַרשטאַנען, אַז רבקה רחלען ליגט עפּעס אויפן האַרצן און זי איז נישט אַנטשלאָסן צו גיין נאָכן דאָקטער. האָט זי מלכה אָנגענומען ביי דער האַנט און האָט איר צוגעגעבן קוראַזש.

— גיי, רבקה רחל, גיי. ס׳אַ שאָד די צייט. דו ווייסט, וווּ ס׳וווינט דער נייער דאָקטער? דאָרט לעבן דער רויטער קירכע, להבדיל. ר׳איז אַפילו אַן ערל, דער דאָקטער, אָבער דער אויבערשטער בענטשט זיינע הענט. ר׳איז אַ גוטער שליח און פאַר איין וועג אויך אַ גוטער מענטש. מ׳צאָלט אים, ווען מ׳האָט געלט. גיי זשע שוין און רוף אים.

מלכה האָט רבקה רחלען פּשוט אַרויסגעשטופּט דורך דער טיר. אין גאַס האָט דאָס מיידל דערפילט די וואַרעמקייט פון דער מילדער נאָך־פּסחדיקער זון. אַ וואַרעם מחיהדיק ווינטל האָט זיך געטראָגן פון די רחבותדיקע פעלדער, וואָס האָבן אַרומגעקרייזט דעם פאַרחושכטן לאָן, דאָס דראָהאָביטשער יידישע געסל. ווי אַ סתירה צו די אַרומיקע יונג־צעגרינטע פעלדער, צו דיביימער און קוסטעס, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו לאָזן די ערשטע קנאָספּן, איז דאָס געסל געלעגן אונטער אַ דיקן צודעק פון מיסט און שמוץ. פאַרוואָרלאָזט און דורך קיינעם נישט גערייניקט

האָט זיך דאָס געסל געבערגלט מיט הויפנס פון פוילנדיקן אָפּפאַל און צואה, וואָס האָבן פאַרסמט דעם אַרום מיט שטיקנדיקע ריחות.

אויף רבקה רחלען האָבן די שלעכטע ריחות נישט געמאַכט קיין איינדרוק. זי איז צו זיי געווען צוגעוווינט. אויף דער פרייער לופט האָט זי זיך דערפילט פיל היימלעכער. זיצנדיק אין שטוב האָט זי לחלוטין נישט געוווסט, אַז דער טאָג איז היינט אַזאַ וואַרעמער. אין איר טונקע־לער שטוב פלעגט די זון נישט צוקומען. אַ קאַלטע פייכטקייט פלעגט דאָרט שטענדיק ציען פון די ווענט. איז רבקה רחל שטענדיק געווען דורכגענומען מיט דער דאָזיקער נאַסער קאַלטקייט. ערשט איצט, אויף דער פרייער לופט, האָבן זיך אירע ביינער אָנגעהויבן צו באַפרייען פון דער פאַרגליווערטקייט. זי האָט דערפילט אַ נייעם כוח אין אַלע אברים.

צום דאָקטער לעכאָווסקי האָט רבקה רחל גערעדט האַלב דייטש און האַלב יידיש. דער דאָקטער, אַ הויכער און שטענדיק שמייכלדיקער יונגערמאַן, מיט אַ בלאָנד שפּיציק בערדל און דיקע ברילן אויף די קורצ־זיכטיקע אויגן, האָט גוט פאַרשטאַנען סיי דייטש און סיי יידיש. האָט ער באַלד געוווסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און האָט צוגעזאָגט באַלד צו קומען.

דאָקטער לעכאָווסקי פלעגט אַריינברענגען טרייסט און ברעקלעך פרייד אינעם הויז פונעם חולה. מיט אַ שמייכל און מיט אַ וויץ האָט ער געקענט פונאַנדערטרייבן די מרה שחורה און האָט געמאַכט מיטשמייכ־לען סיי דעם קראַנקן און סיי זיינע שטוב־מענטשן. אויך צו זלאַטען אין שטוב אַריין האָט דאָקטער לעכאָווסקי אַריינגעבראַכט אַביסל פריילעכ־קייט. ער האָט זיך געוויצלט מיט מלכהן די פישערקע, אויסגעפרעגט זיך אויף זלאַטעס טעכטער. ווען וועט דבורה געהאָלפן ווערן מיט אַ בן־יחיד און ווען וועט רבקה רחל אין אַ גוטער שעה חתונה האָבן. זלאַטעס צוויי בנים, וואָס זענען געקומען צו לויפן פונעם חדר און זענען דערשראָקענע געשטאַנען ביי דער טיר, האָט ער מכבד געווען מיט זיסוואַרג און אויס־געפרעגט זיך, ווו זיי האַלטן אין לערנען און צי זיי קענען שוין „טאַל־מוד". ער האָט זיי בפירוש אָנגעזאָגט נישט אַרומצושטיפן אין די גאַסן, נאָר יעדן טאָג פלייסיק לערנען.

צווישן איין וויץ און דעם צווייטן, צווישן איין פראַגע און דער

צווייטער, האָט דער דאָקטער באַטראַכט די קראַנקע. ער האָט באַטאַפּט דעם דופק, אַריינגעקוקט אין די אויגן און צוגעלייגט דאָס אויער צום האַרץ. דערנאָך האָט ער פאַרשריבן אַ רעצעפּט אין דער אַפּטייק און האָט צוגעזאָגט צו קומען צומאָרגנס אין דער פרי. די קראַנקייט, האָט ער געזאָגט, איז אַ שווערע, אָבער מיט גאָטס הילף וועט מען זי בייקומען. וועגן געלט האָט ער אפילו נישט געוואָלט הערן. ווען די מאַמע וועט געזונט ווערן, האָט ער געזאָגט, וועט זי אים שוין אַליין באַצאָלן.

מלכה איז נאָכגעגאַנגען דעם דאָקטער ביז אין גאַס. זי האָט אים געפרעגט אויף זלאַטעס מעמד. דער דאָקטער איז געוואָרן זייער ערנסט און האָט געזאָגט, אַז אויב די קראַנקע וועט איבערלעבן די היינטיקע נאַכט, וועט אפשר געלינגען צו דערהאַלטן זי ביים לעבן. פונקט ווי לייזער דער רופא האָט אויך ער געזאָגט, אַז מ׳דאַרף גרויס רחמים.

מלכה די פישערקע איז געווען אַ יידענע, וואָס האָט נישט געדאַרפט צוויי מאָל איבערצופרעגן. ווען זי האָט דערהערט דעם דאָקטערס ענטפער, האָט זי באַלד פאַרשטאַנען, אַז מיט זלאטען איז נישט גוט. איז זי צוריקגעלאָפן צו זלאַטען אין שטוב אַריין און גלייך פאַראָרדנט, אַז דבורה זאָל קודם־כל צולויפן אין אַפּטייק און נעמען די פאַרשריבענע רפואות. ווען דבורה איז צוריקגעקומען פון דער אַפּטייק, האָט איר מלכה אָנגעזאָגט:

— איצט מוזסטו צוריקגיין אין דיין קראָם. דו וועסט שוין דאָרט בלייבן ביז צום פאַרמאַכן און דיין מענדל זאָל תיכף קומען אַהער.

ווען מלכה האָט דורכן פענצטער געזען דעם אָנקומענדיקן מענדל, איז זי אים אַנטקעגנגעגאַנגען אין פאָרהויז און אָן שום הקדמות האָט זי אים געזאָגט:

— מענדל, אייער שוויגער איז זייער קראַנק. מ׳דאַרף גרויס רחמים. נעמט צונויף עטלעכע יידן און זעצט אייך אַלע אויף אַ גאַנצער נאַכט זאָגן תהלים. זאָל דער קראַנקער ביישטיין דער זכות פון די הייליקע מגידים.

מענדל האָט געוואָלט נאָך עפּעס איבערפרעגן, אָבער מלכה איז שוין צוריקגעלאָפן אין שטוב אַריין. איז ער אויך אַריינגעגאַנגען אין שטוב

אַריין, האָט זיך אַרומגעקוקט און באַלד איז ער אַוועקגעגאַנגען אין אַלטן בית־המדרש אַריין.

*

דער זכות פון די הייליקע מגידים איז בייגעשטאַנען רבקה רחלס קראַנקער מוטער. אפשר האָבן אין דעם געהאָט אַ חלק די ווייבער, וואָס האָבן דעם גאַנצן טאָג געמאָסטן פעלד און געריסן קברים. אפשר האָט אויך צוגעהאָלפן מענדלס תהלים־זאָגן במשך פון אַ גאַנצן מעת־לעת. מסתמא האָט זיך דער גאַנצער וויי־געשריי דורכגעריסן צום כסא־הכבוד און פונעם הימל האָט מען געהייסן, אַז זלאַטע זאָל בלייבן לעבן.

צומאָרגנס, ווען דאָקטער לעכאָווסקי איז מיט זיין געווייגלעכן שמייכל אַריינגעקומען צו זלאַטען אין שטוב אַריין, איז די קראַנקע געלעגן מיט אָפענע אויגן און האָט נישט גערירט מיט קיין שום אבר. דער דאָקטער האָט איר ווידער אַריינגעקוקט אין די אויגן און געפרעגט זי, צי זי דערקענט אים. זלאַטע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז יאָ. אירע ליפּן האָבן זיך באַוויגן, אָבער קיין שטימע האָט זי נישט געקענט אַרויסגעבן. דער דאָקטער האָט אַוועקגעשאָרט דאָס איבערבעט און באַטאַפּט זלאַטעס הענט און פיס. דערנאָך האָט ער צוגעלייגט דאָס אויער צום האַרץ און אַזוי איבערגעבויגן איבער דער קראַנקער איז ער געבליבן אַ לענגערע ווילע. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל און גענומען עפּעס שרייבן אין זיין נאָטיץ־בוך.

רבקה רחל איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַנטקעגן דעם דאָקטער אַ בלייכע און אָן לשון. זי האָט מורא געהאַט אויסצורעדן אַ וואָרט און פרעגן האָט זי דווקא געהאַט זייער אַ סך. דאָקטער לעכאָווסקי האָט פאַרשטאַנען דעם שטומען אויסדרוק פון רבקה רחלס אויגן. ער האָט צו איר געוואונקען זי זאָל מיט אים אַרויסגיין. ווען זיי זענען געווען אינעם לאַנגן פאָרהויז, האָט ער איר געזאָגט:

— די לעבנס־געפאַר איז אַדורך, אָבער אייער מוטער איז פּאַראַליזירט.

רבקה רחל האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס מיינט פּאַראַליזירט. זי האָט בלויז געפרעגט:

— וועט זי לעבן, די מאַמע?

דער דאָקטער האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אָ, יאָרן קען מען אַזוי לעבן.

הערנדיק, אַז די מאַמע וועט לעבן, איז רבקה רחל געוואָרן שטאַרק אויפגעלייגט. דער דאָקטער האָט איר נישט געוואָלט פאַרשטערן די שמחה און ער האָט שוין מער גאָרנישט געזאָגט. נאָר פּלוצים איז מלכה די פישערקע אַרויסגעקומען פון איר טיר און דערזעענדיק דעם דאָקטער אין פאָרהויז, איז זי געוואָרן אַביסל צעטומלט. באַלד האָט זי אָבער צו־ריקבאַקומען דאָס גלייכגעוויכט. זי האָט זיך פאַרנייגט פאַרן דאָקטער, ווישנדיק בעת מעשה די נאַסע הענט אינעם פאַרטעך. לעכאָווסקי איז צו איר צוגעגאַנגען און האָט זי אָוועקגעפירט אין אַ זייט. ער האָט איר אָנ־געהויבן צו דערציילן, וואָס ער האָט פעסטגעשטעלט.

— די קראַנקע וועט לעבן — האָט ער געזאָגט — אָבער די גאַנצע רעכטע זייט איז ביי איר פאַראַליזירט. דער מוח אַרבעט גוט און דאָס האַרץ גייט אויך מיט. איך האָף, אַז זי וועט רעדן, אָבער אויפשטיין פונעם בעט וועט זי שוין נישט קענען.

מלכה האָט שטיל געקרעכצט:

— נעבעך. אַ שטוב מיט קליינוואַרג. וואָס וועט מיט זיי זיין, גאָטעניו זיסער?

דער דאָקטער האָט איר אַריינגעשטעקט אַ פּאַפּירל אין האַנט.

— דאָ האָט איר דעם רעצעפּט און זאָל מען איר די רפואה געבן יעדע שעה ביז מאָרגן, ווען איך וועל קומען.

ווען ער איז געווען שוין פון דער צווייטער זייט טיר, האָט זיך מלכה געכאַפּט, אַז דאָס פּאַפּירל איז עפּעס צו שווער. זי האָט עס אויפגעפּאַקט. אין איר האַנט איז געלעגן אַ זילבערנער גולדן.

— אַ מלאך פון הימל — האָט זי געפּליסטערט און אירע אויגן זענען געווען נאַס.

זי איז אַריינגעגאַנגען צו זלאַטען, געטרייסט זי מיט אַ גוט וואָרט, געגעבן רבקה רחלען דעם רעצעפּט מיטן גולדן און איר געהייסן תיכף גיין אין דער אַפּטייק. רבקה רחל האָט נישט געוואָלט נעמען דאָס געלט.

וואָס הייסט? ווי קומט עפּעס מלכה צו געבן איר געלט? מלכה האָט איר אָבער אויפגעקלערט:

— נישט עך גיב דיר ס'געלט, נאָר אַ מלאך פון הימל האָט עס געבראַכט. פרעג נישט קיין שאלות, נאָר גיי גיך אין דער אַפּטייק. די מאַמע דאַרף אַ הילף.

פאַרנאַכט האָט זיך שטיל אַריינגעשאַרט אין שטוב אַריין גיטל די שפּיטאָל־גבאיטע. זי האָט געזאָגט אַ שטילינקן „גיט העלף״, אַוועקגע־שאַרט פונעם קאָפּ די שוואַרצע וואָלענע שאַל, און ווען־ זי איז גע־וועלכער אײַנגעהילט און אַוועקגעזעצט זיך אויף דער באַנק לעבן דער הרובע. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער פינצטערער שטוב און אַ לענגערע ווײַלע שווייגנדיק אַליין באַטראַכט.

— רבקה רחל, — האָט זי זיך אָנגערופן — די פרוי גאַרטענבערג האָט דיך געבעטן דו זאָלסט נאָך היינט ביי איר זיין.

רבקה רחל האָט געמיינט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דעם שליחות, וואָס זי האָט נישט באַוויזן נעכטן צו דערליידיקן. האָט זי זיך אָנגע־הויבן צו פאַרענטפערן.

— איר זעט דאָך, גיטל, די מאַמע איז קראַנק. כ'האָב נישט גע־קענט אַרויסגיין פון שטוב.

— גיי שוין, גיי, נאַריש קינד — האָט גיטל געמאַכט מיט די הענט, ווי זי וואָלט פון זיך געטריבן בייזע חלומות. — נישט וועגן דעם האַנדלט זיך. די פרוי גאַרטענבערג וויל דיך סתם אַזוי זען.

רבקה רחל האָט זיך פאַרטראַכט. וואָס דאַרף זי כאַטיליע האָבן אַזן פונקט היינט, ווען די מאַמע איז אַזוי שלאַף און רבקה רחל קען פון איר נישט אָפּטרעטן אפילו אויף אַ רגע.

— גיטל, — האָט זיך רבקה רחל געבעטן — ווי קען עך היינט אַרויסגיין פון דער שטוב? מילא, וועט מען שוין איין זיצונג מאַכן אָן מיר. ס'עט זיך שוין עמעץ געפינען, וואָס וועט אָנשרייבן וואָס מ'דאַרף.

גיטל האָט פון אומצופרידנקייט געדרייט מיטן קאָפּ.

— איי, איי, איי, רבקה רחל. כ'לעבן נישט דיין טבע צו זיין אַן עקשן. אַז מ'זאָגט דיר איין מאָל גיין, דאַרפסטו נישט פרעגן קיין שאַ־לות, נאָר תיכף גיין. אָט וועט מלכה די פישערקע בלייבן לעבן דער מאַ־

מען און אונדז ע׳מער אַ שפּרונג טאָן. איינס און צוויי און פּטור אַן עסק.

מלכּה איז פּונקט אַריינגעקומען אין שטוב אַריין און הערנדיק אין וואָס ס׳האַנדלט זיך, איז זי צוגעשטאַנען צו רבֿקה רחלען.

— אוודאי על עך בלייבן. גיי רבֿקה רחל, גיי שוין.

ווען גיטל מיט רבֿקה רחלען זענען אַריינגעקומען צו כּאַטיליען, איז זי צוזאַמען מיט די קינדער געזעסן אינעם גרויסן עס־זאַל ביים ווייס־געדעקטן טיש. דער עולם האָט געטרונקען די פּאַרנאַכטיקע קאַווע און פּאַרביסן מיט גרויסע שטיקער גוט־אויסגעבאַקענעם קוכן. אין שטוב האָט זיך געשפּירט אַ ריח פון עשירות און רחבֿותדיקייט. די שטימונג איז געווען אַ פריילעכע. דער יונגער עולם האָט הנאה געהאַט סיי פונעם עסן און סיי פון דער שעה, וואָס איז פריי געווען פון לערנען. מען האָט גע־שטיפט און אָפּגעטאָן כּלערליי פריילעכע שטיק דעם שטוב־לערער, וועל־כער איז געזעסן ביים עק פון טיש, אנטקעגן כּאַטיליען. אין דער דאָזי־קער פרייער שעה האָבן זיך די קינדער נוקם געווען אַן דעם לערער, וועל־כער האָט מיט זיי געקנעלט אַ גאַנצן טאָג און נישט געלאָזט כאַפּן אַן אָטעם.

כּאַטיליע האָט גיטלען און רבֿקה רחלען געבעטן זיצן און מיטעסן. רבֿקה רחלס געמיט איז אָבער נישט געווען צוגעפּאַסט צו דער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין דער גבֿירישער שטוב. זי האָט זיך אַנטשול־דיקט, אַז זי האָט נישט קיין צייט. זי איז בלויז אַריינגעקומען אויף אַ רגע, ווייל גיטל האָט איר געזאָגט, אַז די פרוי גאַרטענבערג וויל זי אומבאַדינגט זען. איצט שטייט זי ווי אויף שפּילקעס. זי מוז שוין צו־ריקגיין צו דער מאַמען, ווייל זי האָט לעבן איר איבערגעלאָזט אַ פרעמדן מענטש.

כּאַטיליע האָט זיך אויפגעהויבן פון איר שטול און אַריינגעפירט אירע געסט אין משהס שרייב־שטוב, וואָס איז איצט אין משהס אָפּ־וועזנהייט געשטאַנען ליידיק. מ׳האָט זיך אַוועקגעזעצט אין טיפע, לע־דערנע שטולן און כּאַטיליע איז באַלד צוגעטראָטן צום ענין.

— רבֿקה רחל — האָט זי געזאָגט מיט אַ מיטפילנדיקער שטימע

— כ׳האָב געהערט, וואָס ס׳האָט געטראָפן מיט דיין מוטער. האָב עך טאַקע געוואָלט הערן, וואָס ס׳טוט זיך ביי אייך.

— די מאַמע איז קראַנק, אָבער דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז זי וועט מיט דער הילף פונעם אויבערשטן לעבן.

— גאָט צו דאַנקען — האָט כאַטיליע לייכטער אָפּגעאָטעמט — וועלכן דאָקטער האָט איר געהאַט?

— לעכאָווסקין.

— אָ, אַ גוטער דאָקטער. האָט ער, הייסט עס געזאָגט, אַז זי וועט ווערן געזונט?

— כ׳ווייס נישט בפירוש. ער האָט היינט געזאָגט, אַז זי איז פּאַ־ראַליזירט, נאָר מיט דעם קען זי אָפּלעבן יאָרן.

אַ וואָלקן האָט זיך ווידער פאַרצויגן איבער כאַטיליעס פּנים. זי האָט צו רבקה רחלען צוגעבויגן איר גרויסן קאָפּ מיט די הויך־פּאַר־קעמטע גרויע האָר.

— דאָס איז דאָך נישט קיין פריילעכע בשורה — האָט זי אָנ־געהויבן, נאָר באַלד האָט זי זיך געכאַפּט, אַז רבקה רחל פאַרשטייט נישט דעם טייטש פון וואָרט פּאַראַליזירט.

— זי ווייסט מסתמא נישט, אַז פּאַראַליזירט און געלעמט מיינט דאָס זעלביקע — האָט כאַטיליע אַ טראַכט געטאָן און זי האָט באַשלאָסן נישט צו באַאומרואיקן דאָס מיידל. האָט זי זיך באַלד צוריקגעצויגן:

— אָבער ס׳וועט פאַריבערגיין. זיכער וועט עס פאַריבערגיין, נאָר דערווייל האָט איר דאָך נישט פון וואָס צו לעבן. די מאַמע וועט נאָך אַ לענגערע צייט נישט קענען אַרויסגיין פון דער שטוב. און איצט דאַרף מען דאָך אַ סך געלט אויף דאָקטוירים, אַפּטייקן און עך ווייס וואָס נאָך. מיין עך דיר צו געבן אַביסל געלט.

— חס וחלילה — האָט זיך רבקה רחל אַ דערשראָקענע אויפגעריסן פון דער שטול — קיין מאָל נישט. — און זי האָט זיך צעוויינט.

— וואָס וויינסטו, נאַריש קינד. זעץ דיך צוריק! כ׳גיי דיר דען עפּעס געבן פון מיין קעשענע? ס׳איז דאָך געלט פונעם פאַריין, וואָס ליגט אָנגעגרייט טאַקע אויף אַזעלכע צוועקן, אַז מ׳זאָל עס נישט באַדאַרפן. הער זשע אויף צו וויינען, רבקה רחל! שאַ, עכל דיר זאָגן נאָך עפּעס. דו וועסט ס׳געלט נעמען ווי אַ הלוואה. ווי באַלד דו וועסט האָבן, וועס־טו עס צוריקצאָלן. גוט אַזוי?

— ניין, ניין, פרוי גארטענבערג. עכל גאָרנישט נעמען. כ׳דאַרף נישט. ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס דאַרפן גיכער פון מיר. עכל אַרויס־גיין אין גאַס פאַרקויפן בייגל. עכל נישט נעמען.

— כ׳האָב גאָרנישט געוווסט, אַז דו ביסט נאָך אַזוי קינדיש — האָט כאַטיליע געשמייכלט — מאָרגן וועסטו דאָך נישט אַרויסגיין פאַר־קויפן בייגל. קודם מוז די מאַמע אַביסל צו זיך קומען, כדי דו זאָלסט זי קענען אַליין איבערלאָזן. דאָס מוז דויערן נאָך אַ צוויי וואָכן. וואָס זשע קלערסטו צו טאָן ביז צו די צוויי וואָכן?

— כ׳ווייס נישט. נאָר נעמען וויל עך נישט.

רבקה רחל האָט זיך פלוצים אויפגעהויבן און איז ווי משוגע אַרויס־געלאָפן פון כאַטיליעס הויז, פאַרקלאַפנדיק הינטער זיך אַלע טירן. פאַר־ווײנט און פאַרסאָפּעט איז זי געקומען צו לויפן אַהיים און מלכה, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן לעבן זלאַטעס בעט, האָט זיך פאַר איר שטאַרק דערשראָקן.

— גאָט איז מיט דיר, קינד. וואָס איז געשען?

רבקה רחל האָט זיך פלוצים דערמאָנט, אַז צוליב איר אויסזען קען זי מצער זיין די קראַנקע מוטער. האָט זי אָנגעשטרענגט אַלע כוחות און זיך באַרואיקט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און האָט גע־שוויגן. מלכה האָט זי אָבער נישט אָפּגעלאָזט. זי האָט דורכויס געוואָלט וויסן, וואָס ס׳איז געשען. נאָר איידער זי האָט פונעם מיידל אַרויסבאַ־קומען אַן ענטפער, האָט זיך שטיל געעפנט די טיר און גיטל האָט זיך ווידער אַריינגעשאַרט אין שטוב אַריין. זי האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק ביי דער הרובע און פונאַנדערגעשפּרייט די שוואַרצע שאַל, אין וועלכער זי איז געגאַנגען איינגעהילט. זי האָט נישט אַרויס־געזאָגט קיין וואָרט, נאָר האָט געקוקט אויף רבקה רחלען מיט טרויע־ריקע אויגן. דערנאָך האָט זי צוגעוווּנקען מלכהן און ביידע ווייבער זע־נען אַוועקגעגאַנגען אין אַן אַנטקעגנגעזעצטן ווינקל פון דער פינצטערער שטוב. אַ לענגערע מינוט האָבן זיי זיך דאָרט געשושקעט. גיטל האָט מלכהן עפּעס אַריינגעשטופּט אין דער האַנט. דערנאָך האָט זי שטיל גע־זאָגט „אַ גוטע נאַכט" און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

יא.

משה גאָרטענבערגס ערשטע נסיעה קיין ווין

שוין עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָבן משה און לאזער בשותפות געפירט זייערע גרויסע עסקים. דאָס מזל האָט זיי שטענדיק צוגעשפילט און ווו זיי האָבן נאָר געשטעלט אַ פוס, פלעגט זיי שטענדיק געלינגען. לאָזער האָט געהאַלטן, אַז די אַלע דערפאָלגן קומען רק אין משהס זכות. משה איז אַ ווילדער בר־מזל, פלעגט לאָזער זאָגן, פון יעדן גולדן, וואָס פאַלט אַריין אין זיין האַנט, ווערט באַלד אַ פאַרמעגן. דאָס געלט וואַקסט ביי אים ווי תבואה אויף אַ פרוכטבאַרער ערד.

אין דער אמתן איז משה געווען אַ סך רייכער פון זיין ברודער. אין שטאָט האָט מען שוין דעמאָלט געשאַצט משהן אויף אַ סך מיליאָן גולדן. לאָזערס עשירות איז אויך געווען זייער גרויס, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט געקענט גלייכן צו משהן. ס'איז טאַקע אינטערעסאַנט צו וויסן, פאַרוואָס דאָס עשירות פון די צוויי ברידער, וועלכע זענען שטענ־דיק געווען מיט זיך געקניפּט און געבונדן, איז נישט געוואַקסן גלייכ־מעסיק, פאַרוואָס איין ברודער איז געווען רייכער פונעם צווייטן. דער תי־רוץ איז, אַז די צוויי ברידער זענען געווען צוויי אַנטקעגנגעזעצטע וועלטן, צוויי פאַרשידענע סוחרישע טיפּן און דאָס האָט געהאַט אַ גע־וואַלדיקע השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון זייערע באַזונדערע עסקים.

לאָזער איז שטענדיק געווען דער געשעפטסמאַן פון גרויסן פאַרנעם. אים האָט פאַרדראָסן אויף משהן, הלמאי ער האָט זיך מיט זיין גאַנצן גוף אַוועקגעלייגט אויפן גאָלד־זאַק און פאַר יעדן זיינעם גרייצער איז ער גרייט צו שטרעקן דעם האַלדז. לאָזערן האָט געעקלט אַזאַ באַציאונג צו געלט. ער האָט ליב געהאַט מסחרישע אויפטוען, אויב אפילו זיי זע־נען פאַרבונדן געווען מיט ריזיקע. לאָזער האָט פיל איינגעשטעלט אין זיין לעבן, אָבער ווייניק פון דעם געווונען. אָפט פלעגט ער קומען צו משהן

מיט פאַרשידנאַרטיקע פאַרשלאָגן, וועלכע זענען לויט משהס איינזען נישט געווען פולשטענדיק זיכער. משה האָט ליב געהאַט צו שפּרייזן איבער אַן אייזערנער בריק. אויב אַ פאַרשלאַג האָט אים אויסגעוויזן צו זיין נישט אויף הונדערט פּראָצענט זיכער, האָט ער דאָס געשעפט נישט געמאַכט. משה האָט איבער לאָזערן געמוזט כסדר האַלטן אַ וואַכעדיק אויג און קוקן אים אין די הענט אַריין, כדי נישט צו לאָזן אים אָפּטאָן אַ נאַרישקייט.

אייניקע מאָל האָט זיך געטראָפן, אַז לאָזער האָט משהן פאַרגעשלאָגן אַזעלכע געשעפטן און משה האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי צו מאַכן. האָט אים לאָזער געוואָלט ווייזן, וואָס ער קען און ער האָט די דאָזיקע געשעפטן געמאַכט אַליין, אָן משהן. וואָס זשע איז געווען דער סוף? די געשעפטן זענען נישט געלונגען און לאָזער האָט געלייזט שווערע קלעפּ. אַ גאַנצע מנה יפה האָט לאָזער אויף אַזאַ אופן פאַרגראָבן אויף די פּאַמיאַרקער פעלדער, לעבן טרוסקאַוויעץ, ווו ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט זוכן נאַפט. קיין נאַפט האָט ער דאָרט נישט געפונען און די שווערע טויזנטערס, וועלכע ער האָט דאָרט געפּטרט, האָבן זיך צו אים מער נישט אומגעקערט. ערשט שפּעטער האָט לאָזער פאַרשטאַנען, אַז אָן משהן טאָר ער זיך נישט רירן, אָבער וואָס איז שוין געווען אָפּגעטאָן, איז געווען פאַרפאַלן. לאָזער איז אין זיין עשירות געבליבן הינטערשטעליק לגבי משהן.

ווען משה האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ווין, האָט ער נישט געטראַכט בלויז וועגן אַ לוסט־רייזע. אוודאי וועט אַביסל עולם הזה נישט שאַטן, אָבער דער עיקר האָט משה זיין נסיעה פאַרבונדן מיט אַ ריי געשעפטלעכע ענינים, וועלכע ער האָט געמוזט דערליידיקן אין ווין. אין דער ערשטער ריי איז געשטאַנען די פראַגע פון די מזומנים, וואָס ער האָט געהאַט ליגן ביי זיך אין שטוב. אמת, ער האָט געהאַט אַן אייזערנע פייער־קאַסע אין זיין שרייב־צימער. אָבער קעגן גנבים איז דאָס געלט נישט געווען זיכער אפילו אין דער פייער־קאַסע. און חוץ לזה איז וואָס פאַרא חכמה צו האַלטן אין שטוב אָן פּראָצענטער אַזעלכע גרויסע געלט־סכומים?

משה האָט אפילו אין די לעצטע יאָרן געהאַט גאַנץ גרויסע הוצאות. ער האָט געמוזט אָפּצאָלן דאָס רעשט חובות פונעם ריבניקער גוט, כדי

דעם שווערס פאַרמעגן זאָל אים בלייבן גאַנץ. דאַן האָט ער אָפּגעקויפט עטלעכע דערפער אַרום ריבניק און איינגעשלאָסן זיי אין אַ גיטער־שליסל, וואָס האָט געהייסן לוביענצע און איז געווען זיין אויסשליסלעך אייגנטום. ער האָט אויך געדעקט דעם רוב פון די אויסגאַבן, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן אַריבערגיין צו מעכאַנישע בויערונגען און וואָס שייך די קניה פון דער גרויסער פאַבריק, האָט ער איינגעצאָלט כמעט אַלץ, וואָס די פאַבריק האָט געקאָסט. לאָזער איז פּונקט דעמאָלט געווען אַריינגעפּלאָנטערט אין אַ שלעכטן עסק און ער האָט נישט געהאַט קיין מזומנים. נישט קוקנדיק אויף די דאָזיקע גרויסע הוצאות, איז נאָך משהן געבליבן אַזוי פיל געלט אין מזומנים, אַז ער האָט ממש נישט געהאַט ווו עס אַוועקצולייגן, הויפּטזעכלעך צוליב דעם איז פאַר אים די פראַגע פון דער געלט־לאַקירונג געווען איצט אַזוי וויכטיק.

משה האָט באַשלאָסן מיטצונעמען מיט זיך דאָס גאַנצע געלט. ווי נאָר ער וועט אָנקומען קיין ווין, וועט ער דאָס געלט אַריינלייגן אין בענק. נישט אין איין באַנק, זאָל זי אַפילו זיין די סאַמע גרעסטע. וויפל גרעסערע בענק עס זענען פאַראַן אין ווין, אויף אַזוי פיל חלקים וועט ער צעטיילן זיין געלט און אין אַ יעדער באַנק וועט ער אַריינלייגן איין חלק. נאָר אַריינלייגן געלט אין דער באַנק איז נאָך נישט דער ריכטיקער תכלית. געלט טאָר נישט ליגן. עס מוז כסדר אַרבעטן, אַריינברענגען נאָך געלט. האָט משה געמיינט אַריינצולייגן דאָס געלט אין דער באַנק אויף דערווייל און דערנאָך וועט ער זיך אַרומקוקן וועגן אַ געשעפט.

נאַפּט־עסקים זענען גאַנץ גוטע עסקים. והא ראיה, אים, ר׳ משהן, האָבן זיי געבראַכט אַזוי פיל הצלחה. משה האָט אָבער געוואָלט אויס־פּרוון זיין מזל אין געשעפטן פון אַן אַנדערן מין. בעצם האָט ער גע־טראַכט אַריינצובירגערן זיך אויך אין אַ צווייטער געשעפט־בראַנזשע. נאַפּט־געשעפטן זענען נישט קיין זיכערע. היינט טרעפט מען נאַפּט און מען ווערט נתעשר. מאָרגן קען, חלילה, דער נאַפּט אויפהערן צו שפּריצן און דאַן ווערט מען בדיל הדל במשך פון איין מעת־לעת. האָט משה נאָך מיט אַ צייט צוריק ביי זיך פעסט באַשלאָסן, אַז אַלע מזומנים, וועלכע ער וועט אַריינבאַקומען אין האַנט, וועט ער שוין נישט אומקערן אין די נאַפּט־עסקים. ער וועט פאַר זיי זוכן אַנדערע, מער זיכערע פאַרווענדונגען.

און אָט צוליב די דאָזיקע ענינים הויפּטזעכלעך איז משה געפאָרן קיין ווין.

משה איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אין ווין. ער האָט אַפילו נישט געהאַט קיין באַגריף, ווי אַזוי די גרויסע שטאָט זעט אויס. ער האָט בלויז געהערט, אַז דאָרט קלויבן זיך צוזאַמען די גרעסטע גבירים פון גאַנץ עסטרייך. האָט ער געוואָלט זיך מיט זיי צוזאַמענקומען. ווי אַזוי ער וועט דאָס טאָן, האָט משה נאָך נישט געוווסט. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז געלט עפנט טויערן און טירן. במילא וועט ער מיט זיין פעקל געלט געפינען דעם געהעריקן צוטריט צו די גרויסע לייט.

נאָך אַן ענין איז געווען, וואָס משה האָט אים אומבאַדינגט געוואָלט דערליידיקן. זיין פאַבריק, די גרויסע פאַבריק, מיט איר גאַנצן קנאַק און פאַרנעם, האָט נאָך ביז איצט נישט געהאַט קיין קאָנצעסיע. זי אַרבעט נאָך עד היום אויפן סמך פון דער צייטווייליקער דערלויבעניש, וואָס איז מיט יאָרן צוריק אַרויסגעגעבן געוואָרן גאָלדהאַמערן. משה האָט געוואָלט מאַכן אַ סוף צום דאָזיקן נישט זיכערן צושטאַנד. ער האָט געהאָפט, אַז איצט וועט אים געלינגען דורכצופירן די זאַך.

חוץ געזעלשאַפטלעכע ענינים האָט משה געהאַט נאָך אַ צעטל פון משפחה־ענינים, וואָס ער האָט געדאַרפט דערליידיקן אין ווין. דער עיקר האָט ער געוואָלט געפינען אַ מעגלעכקייט איינצואָרדענען אין ווין זיינע קינדער. די צוויי עלטערע זין דאַרפן שוין קומענדיקן ווינטער אָנהייבן צו לערנען אויף דער אוניווערסיטעט. האָט פאַר זיי משה געמוזט באַ־צייטנס זוכן אַן אָרט. טאַקע צוליב דער דאָזיקער פראַגע האָט ער באַ־שלאָסן מיטצונעמען כאַטיליען. זאָל זי ביי איין וועג אויך אַביסל פאַר־ברענגען אין דעם קייזערס שיינער שטאָט. און אפשר וועט זיך גאָר מאַכן נאָך אַן אַנדערע געלעגנהייט. ס'וועט זיך, למשל, טרעפן צו קויפן אַ הויז אין ווין. איז טאַקע בעסער, אַז כאַטיליע זאָל גלייך זיין אויפן אָרט, זי זאָל עס אָנקוקן און געבן איר הסכמה אויף דער קניה. אָן כאַטיליעס הסכמה וואָלט משה נישט געקויפט קיין הויז. איז גלייכער תיכף זי מיט־נעמען און נישט שפּעטער שלעפּן זי קיין ווין אונטערצושרייבן דעם קאָנ־טראַקט.

צו דער נסיעה האָט משה אויסגעקליבן אַ דינסטיק. ס'איז אַ מזלדי־

קער טאָג און חוץ דעם האָט ער נאָך איין מעלה: אַז מ׳פּאָרט דינסטיק, קומט מען אָן קיין ווין דאָנערשטיק און דאָס איז זייער באַקוועם. משה האָט געבעטן דעם ווינער האַנדלס־פאַרטרעטער פון דער גרויסער פאַבריק ער זאָל זיי אָפּוואַרטן ביי ׳רער באַן און זיי צופירן צו אַ פיינעם האָטעל. מיט דער הילף פונעם איבערשטן וועט שוין אַלץ זיין ווי עס דאַרף צו זיין.

פונדעסטוועגן האָט ביי משהן אַביסל געצאַפּלט דאָס האַרץ. אַ ספק האָט זיך ווי אַ וואָרעם איינגעביסן אין זיין מוח. פאָרט אַ פרעמדע און אַזאַ גרויסע שטאָט און ער דאַרף אין איר דערליידיקן אַזוי פיל ענינים, אַז עס פאַרדרייט זיך אים אַזש דער קאָפּ. צי וועט ער זיך געבן אַן עצה?

אַ גאַנצע וואָך האָט מען געפּאַקט די לעדערנע וואַליזעס, וואָס משה האָט ספּעציעל באַשטעלט פאַר דער דאָזיקער רייזע. די גאַנצע נאַכט פון מאָנטיק אויף דינסטיק האָט משה נישט געקענט צומאַכן קיין אויג. ער האָט זיך געדרייט אויפן געלעגער אַהין און צוריק און פאַרשידענע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין זיין מידן קאָפּ. ווען ער האָט שוין אויף אַ רגע איינגעדרימלט, האָבן אים באַלד אָנגעהויבן צו מאַטערן בייזע חלומות און ער האָט זיך כסדר געוועקט אין שרעק, אַ באַגאָסענער מיט קאַלטן שוויס. קוים מיט צרות האָט זיך משה דערוואַרט די מינוט, ווען די פאַרטאָגיקע גרויקייט האָט גענומען אַריינצוקוקן דורכן פענצטער אין זיין שלאָף־שטוב. שטיל האָט ער זיך אַראָפּגעשלעפּט פון זיין געלעגער און אָן אַ שאָרך, כדי נישט אויפצוּוועקן כאַטיליען, איז ער אַריין אין באָד־צימער און דאָרט האָט ער זיך שנעל אָנגעטאָן.

אַן אָנגעטוענער איז משה אַרויס אינעם רחבותדיקן קאָרידאָר. דער־נאָך האָט ער איבערגעדרייט דעם שליסל פון דער הינטערשטער טיר און איז אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף. אַ קאַלטער לופט־שטראָם האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין. כאָטש ס׳איז געווען נישט מער ווי עטלעכע טעג נאָך סוכות, איז שוין דער פרימאָרגן געווען אַ שניידיק קאַלטער.

משה האָט אַרויסגענומען פון דער לינקער וועסטל־קעשענע דעם גאָלדענעם אָמעגאַ־זייגער, וועלכן ער האָט געטראָגן צוגעקייטלט צו אַ דיקער גאָלדענער קייט. ס׳האָט ערשט געהאַלטן האַלב נאָך זעקס. אַ נעפּל־דיקע גרויקייט איז ווי אַ חופּה געלעגן איבערן חלל. פון הינטערן נעפּל האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו ווייזן די ערשטע שטראַלן פון ליכט. וואָס

אַמאָל זענען זיי געוואָרן שטאַרקער און לויטערער און זיי האָבן אָנגעזאָגט דאָס דערנענטערן זיך פונעם טאָג. אינעם חלל האָט נאָך כסדר געהערשט די נאַכט־שטילקייט. בלויז אַ שטיל פאַרבענקט הירזשען פון פערד האָט זיך געהערט פון דער שטאַל, וועלכע איז געשטאַנען אין דער זייט פונעם הויף, נעבן אַריינגאַנג אינעם גרויסן סאַד.

משה איז צוגעגאַנגען צו דער שטאַל, האָט געעפנט די טיר און איז אַריינגעגאַנגען צו זיינע פערד. ער האָט געוואָלט וויסן, וואָס איז די סיבה פון זייער הירזשען. איין קוק איז משהן גענוג געווען, כדי צו וויסן, וואָס ס׳טוט זיך. די פערד האָבן נישט געהאָט וואָס צו פרעסן. משה איז געוואָרן אין כעס אויפן פערד־שגץ, דער שלימזלדיקער וואַסיל, וואָס שלאָפט נאָך, כאָטש דער טאָג האָט זיך שוין געשטעלט. מיט איין שפרונג איז משה אַרויס פון דער שטאַל. ער איז צוגעלאָפן צום פענצטער פון דער קליינער הייזקע נעבן דער שטאַל און האָט מיט דער גאַנצער פויסט אַ פראַל געטאָן אין דער שויב, אַז זי האָט שיער נישט געפלאַצט. אָפּגעטאָן די זאַך, האָט זיך משה נישט פאַרהאַלטן קיין איין רגע, נאָר באַלד איז ער דורכן נידעריקן אייזערנעם טירל אַריינגעלאָפן אין סאַד אַריין. בעת ער האָט שוין געשפרייזט צווישן דיביימער, האָט ער זיך אומגעקוקט הינטער זיך און האָט אויפגעכאַפּט וואַסילס אַ צעשראָקענעם בליק. אין בלויזן העמד איז דער שגץ געלאָפן צום ברונעם מיט צוויי קאַנען אין ביידע הענט.

געלע אָפּגעפאַלענע בלעטער האָבן זיך געוואַלגערט איבער די שטעגן פונעם גרויסן סאַד. משה האָט מיט די פיס צעשאַרט די אָנגעוואָרפענע בלעטער, און בעת מעשה געקוקט אויפן הימל, פון וועלכן ער האָט געוואָלט אַרויסלייענען, צי דער טאָג וועט זיך היינט שטעלן אַ שיינער. פלוצים האָט אַ רויטלעכער ליכט־בויגן אויפגעבליצט פאַר זיינע אויגן און די שפיצן פון די הויכע קאַשטאַן־ביימער, וואָס האָבן געדיכט באַוואַקסן די אַנטקעגנאיבערדיקע פּלעבאַניע 1), זענען פאַרפלייצט געוואָרן מיט מילדן העל־רויטן ליכט. משה האָט מיט פרייד באַטראַכט די שיינקייט פון דער האַרבסטיקער נאַטור און אַ בענקשאַפט האָט זיך צעגאָסן

1) וווין־הויז פון די גלחים.

אין זיינע גלידער. אָט איז ער דאָ ביי זיך אינדערהיים. אַזאַ שיינע און רייכע היים. אַזוי באַקוועם און גוט. און אַנשטאָט צו זיצן אין דער דאָזיקער היים, פון איר הנאה צו האָבן, נעמט ער זיך פאָרן ער־געצוווו ווייט. היינט דריי אַזייגער נאָכמיטאָג גייט אָפּ דער צוג, וואָס וועט אים פירן קיין ווין. ווער ווייסט ווי לאַנג ס׳וועט אים אויסקומען צו וואַגלען אין דער פרעמד. און דאָ לאָזט ער איבער אויף הפקר אַזאַ פאַר־מעגן און די שטוב מיט די קינדער. אַ ספק האָט זיך אַריינגעריסן אין משהס האַרץ. אפשר האָט ער נישט געדאַרפט אָנהייבן מיט דער גאַנצער רייזע? און אויב ער האָט שוין יאָ באַשלאָסן צו פאָרן, האָט ער אפשר געדאַרפט כאַטיליען איבערלאָזן אינדערהיים. אויב זי וואָלט אַפילו נישט געקענט אַכטונג געבן אויף זיינע געשעפטן, אָבער צוליב דער שטוב און די קינדער וואָלט ער זיך איצט נישט געדאַרפט אַזוי זאָרגן.

נאָר וואָס האָט מען די אַלע טראַכטענישן, אַז ס׳איז סיי ווי צו שפּעט. אַלץ איז שוין צוגעגרייט צו דער נסיעה און ער וועט איצט נישט גיין חרטה האָבן אויף אַן אָפּגעטועגער זאַך. זאָל שוין זיין אַזוי ווי ס׳איז. משה האָט זיך באַמיט צו דערדריקן אין זיך אַלע ספקות. אָבער ס׳איז אים נישט געלונגען. אַן אויפגערעגטער איז ער איצט געגאַנגען דעם וועג צוריק אין שטוב אַריין. מיט האַסטיקע טריט איז ער אַריין אויפן הויף. דער טאָג האָט זיך שוין געהאַט געשטעלט אַ לויטערער און אַ שיינער. דער שגץ, וואַסיל, אין שטרוקסענע 1) הויזן אַריינגעלאָזט אין אַ פּאָר יוכטענע שטיוול און אינעם צעכראַסטעטן העמד, האָט זיך נאָך כסדר גע־פּאָרעט ביי דער שטאַל. אויסמיידנדיק אים האָט אים משה צוגעוואָרפן אַ בייזן בליק. ער האָט אים געדראָט מיטן פינגער און אים צוגעוואָרפן:

— מיינע פערד וועסטו אויסהונגערן? דו וועסט נאָך ביי מיר לייזן אַ מיאוסן סוף!

מיט שנעלע טריט איז משה אַרויפגעלאָפן די דריי טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט אין זיין הויז. אין פאָרהויז איז שוין געווען אַ באַוועגונג. די דינסטן זענען אַרומגעלאָפן מיט זילבערנע טאַצן אין די הענט. ס׳האָט געשמעקט מיט פרישער קאַווע און מיט פרישע געבעקס. משה האָט גע־

1) אַ ביליקער טוך.

עפנט די טיר פון דער שלאָף־שטוב. כאַטיליע איז נאָך געשלאָפן. משהן האָט שטאַרק פאַרדראָסן, הלמאי מ׳דאַרף גיין פאָרן און כאַטיליע האַלט נאָך אין איין שלאָפן. ער האָט זי אויפגעוועקט. זי האָט געעפנט די אויגן און געפרעגט נאָך אין האַלבן שלאָף:

— וואָס איז געשען?

— דו פרעגסט, וואָס איז געשען. מ׳דאַרף דאָך גיין פאָרן.

— וויפל איז דען דער זייגער? — האָט זי זיך דערשראָקן.

— שוין האַלב נאָך זיבן.

— אַ שוואַרצער חלום אויף מיינע שונאימס קעפּ — האָט זי זיך צעבייזערט — משוגענער ייד, וואָס מאַכסטו אָן אַזאַ גערודער. ביז דריי אַזייגער איז נאָך ווייט.

כאַטיליע האָט צוריק איינגענורעט דעם קאָפּ אין די פוכענע קישנס און זיך מער נישט אומגעקוקט אויף משהן. משה האָט זיך אַ פאַרשעמ־טער צוריקגעצויגן פון דער שלאָף־שטוב.

צוועלף אַזייגער זענען געקומען געסט צום געזעגענונגס־מיטיק. לאַ־זער, משהס עלטערער ברודער, נתן אַפּעל און יוסף הערש שטערנבאַך. מ׳האָט זיך געמיטלעך אַוועקגעזעצט ביים טיש און גענומען פאַרזוכן פון די גוטע מאכלים. משה האָט אָבער נישט געלאָזט רוען. ער האָט אונ־טערגעיאָגט דעם עולם מ׳זאָל גיך עסן, ווייל ער וועט פאַרשפּעטיקן דעם צוג. אַליין האָט ער גאָרנישט נישט געקענט נעמען אין מויל אַריין. לאָזער האָט געחוזקט פון משהן:

— האַ, משה, דו האָסט רייזע־פיבער?

משה האָט נישט געענטפערט אויף לאָזערס שפּאָטישער פראַגע. דאַ־קעגן האָט ער אָנגעהויבן לאָזערן אָנצוזאָגן וועגן פאַרשידענע געשעפט־לעכע ענינים. כאַטיליע האָט זיך צוגעזעצט צו אַפּעלן און אים געגעבן אָנווייזונגען וועגן דער צדקה־אַרבעט, וואָס דאַרף געפירט ווערן אין דער צייט פון איר אָפּוועזנהייט. דער זייגער האָט געוויזן איינס. משה האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער.

— מ׳דאַרף שוין פאָרן — האָט זיין שטימע געציטערט.

— וואָס איילסטו זיך, משה? — האָט אים לאָזער געהאַלטן ביים

אַרבל — האָסט נאָך צוויי שעה צייט און מיט דיינע פערד וועסטו אין אַן ערך צען מינוט זיין ביים וואקזאַל.

משה האָט אָבער נישט געהערט, וואָס לאָזער זאָגט אים. ער האָט אונטערגעיאָגט כאַטיליען זי זאָל זיך גיך אָנטאָן. אַליין האָט ער גענו־מען שלעפּן די וואַליזעס צו דער קאַלעס. באַלד איז ער אַן אָנגעטועגער אין זיין שוואַרצן אויבעררּאָק מיטן סאַמעטענעם קאָלנער געזעסן אין דער קאַלעס און גערופן:

— כאַטיליע! קום זשע שוין צום גוטן יאָר. מ׳עט דאָך פאַרשפּעטיקן צום צוג!

כאַטיליע איז אַרויסגעקומען אין איר פערסיאַנער מאַנטל מיטן שוואַרצן הוט, באַצירט מיט אַ בינטל הויכע, שטרויסענע פעדערן. גע־יאָגט דורך משהן האָט זי זיך געאיילט און האָט שווער געשטעלט די טריט.

— אַן אָנשיקעניש מיטן נאַרישן ייד — האָט זי געוואָרטשעט — ער לאָזט דאָך נישט אָפּאָטעמען. זייט געזונט, קינדער, זייט געזונט!

איבערטרעטנדיק די שוועל מיטן רעכטן פוס, האָט זי אַ קוש געטאָן די מזוזה.

— זייט געזונט!

וואַסיל האָט אַ טרייב געטאָן די צוויי שווערלייביקע פערד. מיט אויפגעהויבענע קעפּ האָבן זיי אין אַ טאַנצענדיקן גאַלאָפּ דורכגעשפּרייזט דעם טויער פון משהס הויף. די געסט און די קינדער זענען נאָכגעגאַנגען נאָך דער קאַלעס. ווען די קאַלעס האָט זיך שוין געהאַט דערווייטערט זענען לאָזער, אַפּעל און יוסף הערש שטערנבאַך געבליבן שטיין אַנטקעגן דער אַלטערטימלעכער רויטער קירך. לאָזער האָט צוגעוווּנקען יוסף הערשן, ווייזנדיק מיט די אויגן אויף דער פאַרשווונדענער קאַלעס:

— ס׳עט אים שוין גאָרנישט העלפן. משה גוי וועט ער שוין בלייבן ביזן טויט.

יב.

רבקה רחל פאַרקויפט בייגל

במשך פון גאַנצע צוויי וואָכן האָט רבקה רחלס מוטער געפּאָכעט מיט דער נשמה. ערשט נאָך צוויי וואָכן האָט דאָקטער לעבּאָווסקי ענד־גילטיק פעסטגעשטעלט, אַז די סכנה איז פאַריבער. די מאַמע האָט צו־ביסלעך אָנגעהויבן צו זיך צו קומען. זי האָט אָנגעהויבן צו באַוועגן מיטן קאָפּ און מיט דער לינקער האַנט און ס׳האָט זיך איר אומגעקערט דאָס לשון. אָבער די גאַנצע רעכטע זייט פון זלאַטעס קערפּער איז געבליבן געליימט. דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז אַזוי וועט שוין זלאַטע בלייבן אויף שטענדיק. פונדעסטוועגן האָט די מאַמע אָנגעהויבן צוריקצוקומען צו די כוחות. מיט דער הילף פון די קינדער האָט זי זיך געקענט אפילו אַראָפּשלעפּן פונעם בעט און זיך אַוועקזעצן אויף דער באַנק לעבן דער הרובע אָדער אויף אַ בענקל.

נאָך ווייטערדיקע עטלעכע וואָכן האָט זלאַטע מיט אייגענע כוחות געקענט זיך שלעפּן איבער דער שטוב. זי האָט זיך מיט דער געזונטער האַנט אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטוב־זאַך און געררוקט זיך, נאָכשלעפּנדיק הינ־טער זיך דעם קראַנקן רעכטן פוס. אַזוי שלעפּנדיק זיך האָט די מאַמע געקענט שוין וואָס נישט איז צוגרייטן אין שטוב, אָנשיילן קאַרטאָפל, צושטעלן אַן אָנבייסן און אָפּוואַשן די כלים.

דער גאַנצער עול פון פרנסה איז איצט געפאַלן אויף רבקה רחלס שוואַכע אַקסלען. במשך פונעם גאַנצן זומער איז רבקה רחל אַרומגע־גאַנגען איבער דער שטאָט מיטן גרויסן בייגל־קויש. זי האָט געמאַכט אַ גאַנץ גוטן פדיון. נישט ערגער פון דער מאַמען. מענטשן האָבן אויף איר געהאַט רחמנות און געקויפט ביי איר די בייגל. נאָר ווען דער זומער האָט זיך געענדיקט און ס׳האָבן זיך געשטעלט די ווינטערדיקע פרעסט, האָט זיך רבקה רחלס לאַגע שטאַרק פאַרערגערט. זי איז געווען צו שוואַך,

כדי זיך קענען אַרומשלעפּן איבער די גאַסן ביי די גרויסע פרעסט און חוץ דעם האָט זי נישט געהאַט קיין וואַרעמע מלבושים. דאָס לייזונג האָט זיך ביי איר שטאַרק פאַרקלענערט און דער פאַרדינסט האָט שוין נישט גע־קענט קלעקן אויף חיונה. מלכה די פישערקע האָט איצט געמוזט האַלטן אַן אויג איבער זלאַטעס אָרעמער שטוב. נישט איין מאָל איז איר אויס־געקומען אומבאַמערקט אַריינצוברענגען אַ ביסל שפּייז און אונטעררוקן עס זלאַטען, כדי אירע דריי קינדער זאָלן נישט ווערן פאַרהונגערט.

זלאַטע אַליין האָט איצט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז אויפן ביז־איצטיקן אופן וועט מען שוין נישט קענען דורכקומען. איר האַרץ האָט געווייטיקט צוליב רבקה רחלען, וואָס טראָגט אויף זיך אַזאַ שווערע משא, אונטער וועלכער זי ברעכט זיך איין. ס׳איז דאָך נישט קיין קליי־ניקייט מפרנס צו זיין אַ שטוב פון קיין עין־הרע פיר נפשות. נישט איין מאַנספּאַרשוין ברעכט זיך איין אונטער אַזאַ שווערער לאַסט. ווער שמועסט נאָך אַ מיידל, אַ שוואַך יונג עופהלע.

זלאַטע האָט געפילט, אַז איצט וועט מוזן קומען דאָס, וואָס פילט אַן מיט שרעק איר קראַנק האַרץ. איר עלטערן בחור, שלמהלע, וועט זי מוזן אַוועקנעמען פון לערנען און שיקן אים אַרבעטן. פערצן יאָר האָט שוין שלמהלע געענדיקט. ער איז אָבער אַ שוואַך קינד און איין גאָט ווייסט, צי ער וועט האָבן כוח צו אַרבעטן. און נאָך אַלעמען, וואָס פאַראַ בושה און וואָס פאַראַ פאַרלוסט וועט זיין דאָס אַוועקרייסן אים פונעם לערנען. דער רבי זאָגט דאָך אויף אים, אַז ער איז אַן עילוישער קאָפּ און ער לערנט גמרא מיט תוספות פונקט ווי די אַלטע בית־המדרש־יידן, וואָס לערנען צוזאַמען מיט מענדלען, זלאַטעס איידעם.

זלאַטעס האַרץ ווערט צעשניטן פאַר ווייטיק און פון אירע רויטע אויגן גיסן זיך טרערן. וואָס קען זי זיך העלפן? אַ קראַנקע יידענע, נעבעך. זי פּאָכעט מיט דער נשמה און מיט די לעצטע כוחות שלעפּט זי זיך אויף די געליימטע פיס. אין שטוב גייט מען אויס נאָך אַ שטיקל טרוקן ברויט, נאָך אַ בולבע. דאָס לעבן איז אַזוי ביטער, אַז איין גאָט זאָל זיך מרחם זיין.

— העלף מיר, טאַטע פון הימל, — האָט זלאַטע שטיל מתפלל גע־ווען, — אַז איך זאָל נישט מוזן אַוועקרייסן שלמהלען פונעם לערנען.

ער איז דאָך מיין איינציקע טרייסט און ער וועט דינען געטריי דיין כבוד און דיין גרויסקייט. שיק אויף אונדז אַראָפּ כאָטש אַ טראָפּן פון דיין גרויסער שפע פון רחמים און מיר וועלן געהאָלפן ווערן, גאָטעניו זיסער.

אַזוי האָט זלאַטע מתפלל געווען, אָבער אין הימל איז, ווייזט אויס, באַשטימט געוואָרן גאַנץ אַנדערש. שלמהלע האָט געמוזט אַוועקגיין אַרבעטן אין דער גרויסער פאַבריק. מ׳האָט נאָך געמוזט אָנווענדן אַ סך מי און פּראָטעקציע, כדי מ׳זאָל אים דאָרט צונעמען צו דער אַרבעט. שלמהלע איז געווען זייער שלעכט אַנטוויקלט. ביי זיינע פערצן יאָר האָט ער נישט אויסגעזען מער, ווי אויף צוועלף. נתן אַפּעל האָט זייער לאַנג געמוזט בעטן דעם אַלטן פלעקער, אַז ער זאָל צונעמען שלמהלען. ווען פלעקער האָט שוין מסכים געווען און שלמהלע איז געקומען זיך „פאָרשטעלן״, האָט זיך דער אַלטער אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ.

— וואָס איז אים איינגעפאַלן, דעם קהלשן פאַרזאָרגער? — האָט ער געדונערט — אַ קינד שיקט ער מיר צו דער אַרבעט.

פלעקער האָט צוגעוואָרפן שלמהלען אַ בייזן בליק, אָבער אים צוריקשיקן האָט ער נישט געוואַגט. סוף־כל־סוף איז די פּראָטעקציע געווען אַ צו שטאַרקע און פלעקער האָט געוווסט, אַז הינטער אַפּעלס פּלייצעס שטייט כאַטיליע. נישט האָבנדיק קיין אַנדערע ברירה, האָט פלעקער אַריינגענומען שלמהלען אין ביוראָ ווי אַ שיק־יינגל. ער האָט אים געהייסן צוקערן די פּאָדלאָגע און אים געשיקט אויף פאַרשידענע קליינע שליחותן.

כאָטש ביידע קינדער האָבן איצט אַריינגעבראַכט אין שטוב אַריין, איז דאָס דחקות כסדר נאָך געווען זייער גרויס. דער ווינטער האָט געפאָדערט זיינע ספּעציעלע הוצאות, האָלץ צו באַהייצן די שטוב, ווו די קראַנקע מאַמע איז געזעסן, אַ וואַרעמער מלבוש פאַר די קינדער, וואָס לויפן אַרום אין די גרויסע פרעסט. רבקה רחל האָט דאָס אַלץ געמוזט טראָגן אויפן קאָפּ און טאָג־איין, טאָג־אויס האָט זי זיך געראַנגלט מיט די דאָזיקע מאַטעריעלע שוועריקייטן.

פונדעסטוועגן איז רבקה רחל נישט געוואָרן פאַרצווייפלט. פאַרקערט, זי האָט בפירוש געוווסט, אַז אירע צרות זענען נאָך נישט די גרעסטע. פאַראַן מענטשן, וואָס ליידן פיל גרעסערע יסורים, ווי זי און איר

משפּחה. פֿאַראַן אַזאַ אָרעמקייט, אַז אַנטקעגן איר איז רבקה רחל אַ נגי־דותטע, אַ פּרינצעסין. די אויסגעוואָרצלטע קאַשערע־אַרבעטער, וואָס האָבן מיט יאָרן צוריק פֿאַרלוירן די אַרבעט, אינוואַלידן, וואָס זענען פֿאַר־אומגליקלעכט געוואָרן אין די קאַשערעס און זענען געבליבן קאַליקעס אויפֿן גאַנצן לעבן, זענען אָן אַ שיעור אָרעמער פֿון רבקה רחלען. און היינט ווו זענען די יורדים, די אַמאָליקע נאַפּט־ און וואַקס־גבירים, וואָס שומסקי, ימח שמו, האָט פֿון זיי געמאַכט אַ תל?

רבקה רחל האָט אַליין געקענט אַ סך אַזעלכע יורדים. זי האָט זיך מיט זיי געטראָפֿן בעת זי האָט אויסגעפֿירט כאַטיליעס פֿאַרשידענע שליחות. אָט, למשל, דער אַלטער ייד, וואָס וווינט אין דעם פֿינצטערן קעמערל אויף דער זשויפּ. אַמאָל איז ער געווען אַ גרויסער גביר, דער דאָזיקער ייד. געהאַט קאַשערעס מיט יאַמעס און גאָט ווייסט וואָס נאָך. נאָר היינט גייט ער נעבעך אויס אין זיין פֿינצטערן קעמערל און נישטאָ ווער עס זאָל אים דערלאַנגען אַ טעפּל וואַרעם וואַסער. כאָטש רבקה רחל האָט גענוג אייגענע דאגות און צרות, פֿונדעסטוועגן כאַפּט זי זיך כסדר אַריין צום דאָזיקן שטענדיק־שווייגנדיקן זקן און טראָגט אים עפּעס צו.

רבקה רחל טראַכט זייער פֿיל וועגן דעם דאָזיקן זקן און זי פֿאַר־גלייכט אָפֿט אין די געדאַנקען זיין לאַגע מיט איר אייגענער לאַגע. און ווי עס זאָל נישט זיין קען זי נישט לייקענען, אַז די לאַגע פֿון איר מאַמען איז אָן אַ פֿאַרגלייך בעסער. קודם־כל האָט די מאַמע אַרום זיך אירע קינ־דער. ווי שווער עס זאָל נישט זיין, פֿונדעסטוועגן ווערט יעדן טאָג באַ־זאָרגט דאָס שייטערל האָלץ, וואָס איז נויטיק, כדי אָנצוװאָרעמען פֿאַר דער מאַמען די שטוב. אָבער אַזעלכע מענטשן, ווי דער שווייגנדיקער זקן? ווי אַזוי קענען זיי זיך העלפֿן און ווער וועט זיי געבן, אַז זיי האָבן אַרום זיך נישט קיין רינד און נישט קיין קינד? איז טאַקע אָן עבירה פֿאַר גאָט צו טראַכטן בלויז וועגן זיך און צו פֿאַרגעסן פֿון די אָרעמע און הילפֿלאָזע, וואָס האָבן קיינעם נישט אויף דער וועלט. רבקה רחל קען פֿון זיי נישט פֿאַרגעסן. אויב דער אויבערשטער האָט איר געהאָלפֿן מיט דעם, וואָס ער האָט געהאָלפֿן, דאַרף זי אים אָפּדאַנקען און טראָגן הילף צו אַנדערע.

רבקה רחל האָט ווידער אָנגעהויבן צו קומען צו די פֿאַריין־זיצונגען.

אין דער צייט, וואָס כאַטיליע איז געווען אין ווין, האָט נתן אַפּעל אָנגע־פירט מיט דער גאַנצער אַרבעט. די זיצונגען פלעגן פאָרקומען אין דער „ספּוויניע" און מיט אַלע כוחות האָט מען זיך באַמיט אַרויסצובאַקומען וואָס מער געלט.

אין דער צייט פון יענעם שווערן ווינטער איז די נויט געווען זייער גרויס. נתן אַפּעל האָט שוין אינגאַנצן מוותר געווען אויף זיינע אידייאי־שע פּרינציפּן, וועלכע ער האָט געוואָלט מיט אַ צייט צוריק אָפּהיטן ביים טיילן צדקה. אין כאַטיליעס אָפּוועזנקייט איז אויף אים געפאַלן די גאַנ־צע לאַסט און ער האָט זיך געוואָרפן ווי אַ פיש אין וואַסער, כדי אַרויס־צובאַקומען די נויטיקע געלטער, כדי צו קענען העלפן דאָרט, ווו הילף איז געווען אַממיינסטן נויטיק.

די המצאות פון שערן בערד און פּיאות, „אויסמענטשלען" דאָס יידישע פאָלק זענען איצט אַפּעלן נישט געלעגן אין קאָפּ. דער „מתן בסתר"־פאַריין האָט געשטורעמט נאָך געלט און אַפּעל איז אַ פאַרביטער־טער געלאָפן פון איין גביר צום צווייטן און געבעטן הילף פאַר די נויט־באַדערפטיקע. די גבירים האָבן נישט אַזוי גיך געעפנט די קעשענעס. אַפּעלן איז דאָס אַרויסבאַקומען פון זיי די נדבות אָנגעקומען ווי קריעת ים סוף. ווען כאַטיליע וואָלט געווען אין שטאָט, וואָלט די זאַך זיכער אָנגעקומען לייכטער. ראשית־כל האָט זי לעבן זיך געהאַט משהן. ווי גרויס עס זאָל נישט זיין משהס קמצנישקייט, האָט ער אין אַ שווערער צייט געמוזט געבן געלט פאַר אָרעמעלייט. ער האָט זיך געמעגט שטעלן אויפן קאָפּ, אָבער ביי כאַטיליען האָט ער גאָרנישט געקענט אויספירן. ער האָט געמוזט געבן. חוץ דעם האָט כאַטיליעס נאָמען געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע השפעה אויף די שטאָטישע גבירים, ווי אַפּעלס. ערשט איצט האָט זיך אַפּעל וועגן דעם איבערצייגט. כאַטיליעס וואָרט איז געווען גע־ווען, כדי די גבירישע קעשענעס זאָלן זיך עפענען. אַפּעל האָט געמוזט זיך אויסרעדן דאָס האַרץ ביז ער האָט פון וועמען אַרויסבאַקומען עטלעכע גולדן.

נתן אַפּעל איז געווען שטאַרק פאַרביטערט און ער האָט געדונערט קעגן קהל, וואָס זאָרגט נישט פאַר קיינעם און קעגן די גבירים, וואָס ווילן נישט וויסן פון גאָרנישט חוץ פון זייער אייגענעם עולם הזה. אין

יענעם שווערן ווינטער האָט זיך אַמשאַרפּסטן געשטעלט דאָס פּראָבלעם פון די אַלטע לייט. אַפּעל האָט געזען, אַז דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איז איצט פיל מער אָנגעווייטיקט ווי אַפילו דאָס פּראָבלעם פון די יתומים. אַפּעלס כעס אויף קהל איז געווען אָן אַ שיעור. נישט מען טראַכט וועגן די יתו־מים און נישט וועגן די אַלטע לייט. די קהלישע פּאַרזאָרגערס האָבן גאַנץ אַנדערע ענינים אין קאָפּ. זיי מוזן טראַכטן וועגן זיך אַליין.

אין אַ באַריכט, וואָס אַפּעל האָט אַרויסגעשיקט צו כאַטיליען קיין ווין, האָט ער צוו. אַ. געשריבן:

„ס׳איז אַ גרויסע עוולה מצד דער קהילה פונעם נאַפּט־געביט, וואָס ביז היינט איז נאָך קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז אַזאַ געביט, ווי דראָ־האָביטש און באָריסלאַוו נויטיקט זיך אין אַ בית־יתומים און אין אַ מושב זקנים. איך האַלט אָבער, אַז די נויטיקייט פון אַ מושב זקנים איז איצט אַ פיל מער דרינגענדיקע ווי פון אַ בית־יתומים. ווען איר וואָלט דאָ איצט געווען, וואָלט איר געזען, ווי גרויס עס איז די צאָל פון היימ־לאָזע זקנים, וואָס גייען אויס פון הונגער און קעלט. מיר באַמיען זיך זיי צו העלפן, אָבער אונדזער הילף איז אַ טראָפּן אין ים“.

רבקה רחל האָט אין אַזאַ שווערער צייט נישט געקענט בלייבן אָן אַ זייט. נישט געקוקט אויף אירע אייגענע שווערע דאגות, האָט זי פונ־דעסטוועגן יעדע מעגלעכע מינוט געווידמעט דער צדקה־אַרבעט. זי איז אַרומגעלאָפן מאַכן געלט, זי האָט פונאַנדערגעטראָגן הילף. דאָס מיידל איז איצט געווען אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין אירע שווערע אויפגאַבן און זי האָט גאָרנישט געוווסט פון איר יוגנטלעכקייט. איינגעהילט אין דער מאַמעס שוואַרצער, וואָלענער שאַל איז זי אַרומגעלאָפן מיטן בייגל־קויש איבער דער שטאָט. זי האָט נישט געוווסט פון קיין אָפּרו, ווייל אויב נישט מיטן קויש איז זי ווידער געלאָפן אין פאַרשידענע שליחותן פונעם פּאַריץ. אין אָוונט, ווען זי פלעגט אַהיימקומען, האָט זי זיך געמוזט לאַנג רייבן די פאַרגליווערטע גלידער. דערנאָך ערשט האָט זי גענומען איר טעפּל הייסע גריץ און זיך דערמיט אָוועקגעזעצט אויף אַ בענקל לעבן דעם צעהייצטן אייזערנעם אייוועלע. זופנדיק די וואַרעמע זופּ פלעגט זי זיך צוהערן צו די שמועסן, וואָס זענען אָנגעגאַנגען אין שטוב.

אין דער דאָזיקער אָוונט־שעה פלעגט שוין די מאַמע ליגן אין בעט.

ביים טיש, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, אונטערן קאָפּטשענדיקן נאַפט־לעמפּל, פלעגט שלמהלע זיצן מיט זיינע חברים. כמעט יעדן אויפ־דערנאַכט פלעגן די חברים אַריינקומען צו שלמהלען און מען האָט צוזאַ־מען פאַרבראַכט ביי שמועסן און וויכוחים. איצט זענען עס שוין נישט געווען קיין חברים פון חדר, נאָר חברים פון דער אַרבעט. אַלע האָבן זיי זיך אויפגעפירט ווי דערוואַקסענע מענטשן. זיי זענען געווען ערנסט און באַמיט זיך צו רעדן קלוגע דיבורים. אויך שלמהלע, זינט ער איז געוואָרן אַ פאַרדינער, האָט ער אויפגעהערט צו זיין אַ קינד. ער האָט זיך נוהג געווען ווי אַ דערוואַקסענער מאַנספאַרשוין און די אַרומיקע מענטשן האָבן זיך צו אים באַצויגן ווי צו אַ דערוואַקסענעם.

שלמהלע איז געווען אַ קליין און אויסגעדאַרט יינגל. ווען ער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן, האָט ער זיך גאַנץ קורץ אָפּגעשוירן די פּיאות און זיי קונציק פאַרדרייט הינטער די אויערן אַזוי, אַז מען זאָל זיי נישט אָנזען. דער מאַמען, וואָס האָט דערפון געהאַט גרויס עגמת נפש, האָט ער געזאָגט, אַז דער אַלטער פלעקער האָט אים געהייסן אַזוי טאָן, מחמת אין דער פאַבריק קען מען נישט אַרומגיין מיט לאַנגע פּיאות. שלמהלע איז געווען אַ קליינער, אָבער זיינע חברים זענען שוין געווען גרויסע יינגלעך, גאַנצע חתן־בחורים.

אָט האָט יונה, חוה דער שניידערקעס זון, געציילט שוין גאַנצע אַכצן יאָר. ער האָט אויך געאַרבעט אין דער גרויסער פאַבריק און יעדן פאַרטאָג פלעגט ער וואַרטן אויף שלמהלען און זיי פלעגן צוזאַמען גיין צו דער אַרבעט. דורכן וועג האָבן זיי געהאַלטן אין איין שמועסן און קיין טעמע צום שמועס האָט זיי, ווייזט אויס, נישט אויסגעפעלט.

יונה איז געווען אַ גאָר פלינקער בחור. זיינע לעבעדיקע אויגן האָבן זיך שנעל געגליטשט איבער אַלעמען, וואָס ער האָט באַגעגנט. אַלץ האָט ער באַמערקט און פון אַלעמען געוווּסט. אין תורה־לערנען איז ער אפילו געווען געניטער הינטערשטעליק. זיין מוטער, חוה די שניידערקע, איז נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק געבליבן נעבעך אַן עגונה, ווייל איר מאַן, יונהס טאַטע איז אין אַ געוויסן טאָג פלוצים אַוועק פון דער היים און זיין געביין איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. חוה האָט געניית פאַר די פּויערטעס ספּודניצעס, קאָלירטע קליידער, און פון דעם האָט זי מפרנס געווען די־

שטוב־קינדער, וואָס דער מאַן האָט איר איבערגעלאָזט. אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט חוה נישט געקענט יונהן שיקן לערנען און יונה איז געבליבן אַן עם הארץ גמור. ער האָט קוים געקענט דאַוונען און חוץ דעם מער גאָרנישט. חוה האָט שטאַרק געליטן צוליבן זונס עם הארצות. אָבער יוחנן האָט די גאַנצע זאַך ווייניק פאַרדראָסן. יונה האָט נישט געהאַלטן פון צופיל דאַוונען. שבת אין בית־המדרש אַריין האָט אים חוה געמוזט טרייבן מיט שטעקענעס און אינדערפרי פלעגט ער לייגן תפילין נאָר דעמאָלט, ווען ער האָט בפירוש געזען, אַז די מאַמע שלאָפט נישט. דאַקעגן האָט ער זיך ערגעצוו אויסגעלערנט לייענען גוייש און ער פלעגט זיך כסדר אַרומטראָגן מיט פאַרשידענע ביכלעך און צייטונגען. נאָר איין גאָט ווייסט, וואָס פונעם יונג וועט אויסוואַקסן, האָט זיך די מוטער געזאָרגט. אָבער זי האָט זיך נישט געקענט העלפן, ווייל זי האָט איבערן זון נישט געהאַט קיין שום מאַכט. יונה איז שוין געווען אַ מענטש פאַר זיך, אַ פאַרדינער און דערצו האָט ער פיינט געהאַט אויסצוהערן עמעצנס דעות.

רבקה רחל איז געווען שטאַרק אומצופרידן פון שלמהלעס חברשאַפט מיטן יונג. זי וואָלט גערן פאַרטריבן יונהן פון דער שטוב, אָבער זי האָט עס נישט געקענט טאָן. פאָרט אַ מאַמעס אַ קינד און דערצו נאָך אַ נאָענטער שכן. האָט זיך רבקה רחל צו אים נישט אָנגערופן, נאָר איז שטילערהייט געזעסן אין איר ווינקל און האָט געזופט די גריץ. זי האָט אָבער אויפמערקזאַם צוגעהערט זיך צו יונהס שמועס און נישט דורכגעלאָזט קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס ער האָט דערציילט. און דערציילט האָט יונה גאַנץ אינטערעסאַנטע זאַכן. אין דער דעסטילאַציע־קאַמער פון דער גרויסער פאַבריק, ווו ער אַרבעט, האָט ער געזאָגט, זענען אַריינגעבראַכט געוואָרן נייע מאַשינען. איין מאַשין איז עפּעס אַזאַ אויסטערלישע, אַז עס איז פשוט נישט צו פאַרשטיין, ווי מענטשן האָבן זי געקענט אויסטראַכטן. ממש מופתים באַווייזט די דאָזיקע מאַשין. אויף איין קלאַפּ דעסטילירט זי דעם אייל און רייניקט תיכּף די פּראָדוקטן, וואָס קומען אַרויס פון דער דעסטילירונג. דער מייסטער, וואָס באַדינט די דאָזיקע וווּנדערלעכע מאַשין, איז אַ טשעך. אַן אַלטער און אַ גרויסער שיכור. יונה איז זיין באַהעלפער.

יונה האָט פון זיך אַליין זייער שטאַרק געהאַלטן. דער מייסטער, האָט ער געזאָגט, קען זיך אָן אים נישט באַגיין. די סודות פון דער מאַשין קען שוין יונה בעסער פונעם מייסטער און אַז דער מייסטער לויפט פון צייט צו צייט אַרויס אין אַ שענק, כדי זיך אונטערצולענען ס'האַרץ מיט אַ כוסה, בלייבט די גאַנצע דעסטילאַציע־קאַמער אויף יונהס אחריות. קיין מכשול האָט יונה, ברוך השם, נישט געהאַט. ער ווייסט גוט, ווי אַזוי מ'דאַרף קוקן אויפן דרוקמעסטער און ווי אַזוי אויפן טערמאָמעטער און ביי אַלע אומשטענדן קען ער באַהערשן די לאַגע, אַז ס'זאָל חלילה נישט קומען צו אַ קאַטאַסטראָפע.

שלמהלע האָט שטאַרק באַוווּנדערט זיין עלטערן חבר און האָט אים שטילערהייט מקנא געווען. יונה דאַקעגן האָט פון זיך אַליין געהאַט זייער פיל נחת און אָן אויפגעלייגטער האָט ער געזאָגט:

— ס'אַראַ שאָד, וואָס דו אַרבעטסט נישט צוזאַמען מיט מיר. כ'וואָלט דיך אַלץ אויסגעלערנט. כאָטש מאָרגן גיי צו צום אַלטן פלעקער און בעט אים ער זאָל דיך שיקן אין די פאַבריק־האַלעס. גענוג שוין געווען אַ שיק־ייִנגל. זאָג אים, אַז דו ווילסט זיך אויסלערנען די אַרבעט, אַז דו ווילסט גיין אין דער דעסטילאַציע־קאַמער.

— וואָס שייך זאָגן, איז גאָר נישקשה. זאָגן קען עך אַלץ. נאָר צי ר'עט מעך הערן, דער אַלטער — האָט שלמהלע אַ באַזאָרגטער געענטפערט.

— נו, וואָס זאָרגסטו, שלמה? זאָג דיין שוועסטער, וועט זי אַ שמועס טאָן דאָרט, אין די הויכע פענצטער און דעמאָלט וועט ער דיך שוין מוזן אויסהערן, דער אַלטער פלעקער.

רבקה רחל האָט גוט געהערט, וואָס יונה האָט געזאָגט און עס האָט איר שטאַרק פאַרדראָסן, הלמאי ער רעדט אָן שום דרך־ארץ וועגן די „הויכע פענצטער" און ער מיינט דערמיט די גאַרטענבערגס, וואָס זענען בעצם אויך זיינע בעלי־בתים, פון וועלכע ער האָט פרנסה. זי האָט זיך אָבער געמאַכט נישט הערנדיק און אַ שווייגנדיקע געבליבן זיצן אין איר ווינקל. אָבער יונה האָט זיך געווענדט דירעקט צו איר:

— רבקה רחל — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פון פאַרוואורף —

כ׳לעבן ס׳וואָלט נישט געווען קיין עוולה, ווען דו וואָלסט זיך משתדל געווען ביי דיינע פּריצים פֿאַר שלמהס וועגן.

די ווערטער „דיינע פּריצים" האָט יונה אַרויסגעזאָגט מיט אַ שטי־מע, אין וועלכער ס׳האָט זיך געהערט אַ טאָן פון פאַראַכטונג. רבקה רחלען האָט יונהס פאַרהאַלטן זיך שטאַרק אָנגעכאַפּט ביים האַרץ. דאָס דאָזיקע שטילע מיידל, וואָס קיין הויך וואָרט פלעגט נישט אַרויסקומען פון איר מויל, האָט איצט פלוצים אויסגעשאָסן מיט כעס:

— פאַרוואָס געפעלן דיר נישט די פּריצים? אַליין עסטו דאָך זייער ברויט.

יונה האָט זיך פאַרלוירן פון רבקה רחלס פּלוצימדיקן אָנגריף. ער האָט אָבער נישט געלאָזט אויף זיך דערקענען די פאַרלוירנקייט. אויף זיין פּנים האָט אויפגעבליט דער געוויינטלעכער ביטולדיקער שמייכל און ער האָט דעם מיידל גאַנץ רויִק געענטפערט:

— ערשטנס, וואָס טויג דיר זיך צו בייזערן, רבקה רחל? צווייטנס, עס עך נישט זייער ברויט. אויב דו ווילסט איז גאָר פאַרקערט. זיי שטופּן זיך אָן די קעשענעס מיט געלט, וואָס קומט אַרויס פון מיין פּראַצע, פון מיין בלוט און פונעם בלוט פון אַנדערע, אַזעלכע ווי עך בין.

— האַ? — רבקה רחל האָט אָנגעקוקט יונהן מיט אַ פאַרוואונדערטן בליק — וואָס רעדסטו, יונה? כ׳פאַרשטיי דעך גאָרנישט.

— פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט? ס׳איז דאָך אַ גאַנץ פּשוטע זאַך. די אַרבעטער האָרעווען און גייען אויס פאַר הונגער. די פּריצים ווערן אָבער נתעשר. די אַרבעטער גייען אַרום אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע און די פּריצים פאָרן זיך אַרום אין לאַקירטע קאַלעסן און בויען שיינע הייזער.

יונה האָט זיך אָנגעהויבן צו היצן.

— אָט קוק אָן מעך, ווי עך גיי — האָט ער געוויזן אויף זיינע געלאַטעטע צייגענע הויזן, וואָס האָבן אינגאַנצן געגלאַנצט פון דער איינ־געזאַפּטער פעטקייט פון די פאַרשידענע איילן, ביי וועלכע יונה האָט געאַרבעט — אויב עך אַרבעט צוועלף שעה אין אַ מעת־לעת, וואָלט גע־ווען אַ יושר כ׳זאָל קענען באַשטיין זיך קויפן אַמאָל אַ נייע פאַר הויזן. כ׳קען זיך אָבער נישט פאַרגינען צו קויפן וואָס נישט איז פאַר זיך. פאַר־

וואָס? ווייל מיין פריץ, וואָס דו זאָגסט, אַז עך עס זיין ברויט, מוז זיך קויפן אַ הויז פאַר דעם געלט, וואָס מיין אַרבעט ברענגט אים אַריין. ס׳זאָגט זיך אַ הויז. און ווו איז אַ נייע פאַבריק און ווו אַ פרישע פאָר פערד?

— שווייג! — האָט רקבה רחל געשריגן נישט מיר איר שטימע. דער קליינער ברודער, וואָס האָט געשלאָפן אויף דער באַנק לעבן דער הרובע, איינגעדעקט מיט אַ באַרג שאַלן און שמאַטעס, האָט זיך אָנגעהויבן אומרואיק צו דרייען אויפן געלעגער. די מאַמע, וואָס האָט שוין געדרימלט, האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט גערופן מיט אַ מידער שטימע:

— רבקה רחל! רבקה רחל!

— וואָס איז, מאַמע — האָט זיך רבקה רחל אויפגעריסן און איז צוגעלאָפן צו דער מאַמעס בעט — שלאָף, מאַמע, שלאָף. ס׳עט שוין זיין שטיל.

דער קליינער הענג־לאָמפּ האָט אָנגעהויבן צו צאַנקען, די שטוב איז אָנגעפולט געוואָרן מיט אַ שטיקנדיקן ריח. סודותפולע שאָטנס האָבן געטאַנצט אויף די פאַרטונקלטע ווענט. שלמהלע איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ בענקל און האָט גענומען אַריינדרייען דעם קנויט ביים לאָמפּ. זיין טרחה איז אָבער געווען אָן אומזיסטיקע. דער פלאַם פונעם לאָמפּ האָט נישט אויפגעהערט צו שפּרינגען, דאָ אַרויף און דאָ אַראָפּ. דאָס גלעזל פונעם לאָמפּ איז געווען שוואַרץ פון סאַדזשע. אין שטוב איז געוואָרן אַלץ מער פינצטער. שלמהלע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַ צעבייזערטער אויפן לאָמפּ איז ער אַראָפּגעקראָכן פונעם בענקל.

רבקה רחל האָט זיך דערווייל צוריקגעזעצט אויף איר פּלאַץ. לכתחילה האָט זי באַשלאָסן נישט אָנצורופן זיך מער צום יונג. נאָר איידער וואָס און ווען איז זי ווידער אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ וויכוח. אָנגעהויבן האָט ווידער יונה און איצט האָט ער מיט נאָך מער אימפעט אַטאַקירט די גבירים, וואָס נוצן אויס דעם אָרעמען אַרבעטער. רבקה רחל האָט מורא געהאַט די מאַמע זאָל זיך ווידער נישט אויפוועקן. האָט זי שטילערהייט געענטפערט יונהן:

— ווי פאַלסטו אויס אַזוי צו רעדן? און די טובות, וואָס זיי טוען

פּאַר דער שטאָט, זענען גאָרנישט? און דאָס געלט, וואָס זיי פּאַרטיילן צווישן אָרעמע, ווילסטו אויך נישט רעכענען? טו זיך אַ קלאַפּ אין האַרץ, יונה, ווייל ס׳רעדט פון דיר קנאה. קנאה איז אַ מיאוסע זאַך, יונה.

— וואָס מיר קנאה, ווער מיר קנאה — האָט יונה געצויגן די אַקס־לען — זייער צדקה איז אויך נישט מער ווי אַ פּאָרטל אָפּצונאַרן די וועלט. אוצרות האָבן זיי אָנגערויבט, אָנגעזויפּט זיך מיט פרעמדן בלוט און איצט וואַרפן זיי צו קרישקעס צו די הונגעריקע הינט.

די טיר האָט זיך שטיל געעפנט. אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער יונ־גערמאַן אין אַ קורצן זשאַקעט און קיילעכדיקן קאַפּעליוש איז אַריינגעקו־מען אין שטוב אַריין. דאָס איז געווען משהלע ראַפּאַפּאָרט, אַ חסידישער בחור, וואָס האָט געאַרבעט ביי שמעונען אין דער זייפן־זידעריי. משה האָט געטראָגן לאַנגע פּיאות און אַ ווילד־צעוואַקסן בערדל. ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט זיך רבקה רחל שטאַרק דערפרייט, ווייל זי האָט געוווסט, אַז אין איר וויכוח מיט יונהן וועט משה זיך שטעלן אויף איר צד.

— פּונקט גוט זענט איר געקומען, משה — האָט זי באַגריסט דעם גאַסט.

משה איז געווען צופרידן פון רבקה רחלס וואַרעמען קבלת פּנים.

— וואָס אי׳ די מעשה? — האָט ער געפרעגט אַ צעשמייכלטער.

רבקה רחל האָט איבערדערציילט דעם אינהאַלט פון איר שמועס מיט יונהן און משה האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט, צופּנדיק זיך בעת מעשה דאָס ווילד צעוואַקסענע בערדל. ווען זי האָט געענדיקט האָט ער אונטערגעכאַפּט מיט אַ גמרא־ניגון:

— מילא, וואָס איר זאָגט קנאה, ווייס עך נישט. ס׳זענען גיכער די גוישע ביכלעך, וואָס די גאַנצע גאַס ווייסט, אַז ער טראָגט זיך מיט זיי אַרום. און אָט זעט איר, וואָס ס׳קומט דערפון אַרויס.

יונה איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ שווייגנדיקער. נאָר איצט האָט ער פּלוצים משהן איבערגעהאַקט די רייד.

— און אַז ביכלעך, טאָ וואָס? גלויב מיר, משה, אַז די ביכלעך האָבן געשריבן קליגערע מענטשן פון דיר.

— שוויג, פושע ישראל — האָט זיך משה צעשריגן. רבקה רחל האָט אים אַ דערשראָקענע אָנגעכאַפּט ביים אָרבל.

— שאַ, די מאַמע שלאָפט!

משה האָט זיך אַ דריי געטאָן אויפן בענקל, זיך צוגערוקט צו יונהן און אים שטיל אַריינגעזאָגט אין פּנים אַריין:

— אַ מורד במלכות ביסטו. ווּעסט שלעכט אָפּשניידן.

— כ׳בין נישט קיין מורד — האָט זיך יונה פאַרטיידיקט — כ׳קען נאָר נישט פאַרליידן קיין עוולות.

— ס׳אַרא עוולות טוט דיר מלכות? איז דען נישט אונדזער קייסער, מאריך ימים זאָל ער זיין, דער בעסטער הערשער פאַר יידן?

— ער איז דער בעסטער הערשער פאַרן גביר. דעם אָרעמאַן האָט ער פיינט.

— וואָס רעדסטו יונה? וואָס פאַראַ חילוק איז צווישן דעם גביר און דעם אָרעמאַן? אַלע זענען מיר די זעלבע יידן פאַרן רבונו של עולם.

יונה האָט זיך צעלאַכט און משה האָט זיך געפילט געטראָפן פון זיין געלעכטער. יונה האָט אָבער נישט דערלאָזט משהן צום וואָרט.

— זיי נישט קיין שוטה, משה — האָט ער אים געזאָגט — אָט האָסטו אונדזערע פּריצים, די גאַרטענבערגס. קוק זיי אָן און פאַרגלייך זיי מיט מיר, זייערס אַן אַרבעטער. זיי, די פּריצים, גייען אין גאָלד און מיר, דעם אַרבעטער, רינט אַריין אין די שיך. מיט וואָס זשע זענען מיר גלייך?

משה האָט שטאַרק געוואָלט עפּעס ענטפערן יונהן, אָבער אַזוי, אַז ער זאָל אים דערמיט פאַרפּאַטשן דאָס פּנים. ער האָט אים אָבער נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. האָט ער גלייכגילטיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: עט, שטותים. ס׳לוינט זיך נישט איבער דעם צו פאַרלירן צייט. נאָר באַלד האָט זיך משה עפּעס דערמאָנט:

— פאַרוואָס נעמסטו די גאַרטענבערגס ווי אַ משל. נעם גלייכער מיין בעל־הבית, שמעונען דעם זייפנזידער און מעד, וואָס עך אַרבעט ביי אים. נו, זע׳מער אונדז דען נישט די גלייכע קבצנים? און וואָס פאַראַ קבצנים? קבצנים מיט אַ גריף.

— ע, דו פאַרשטייסט גאָרנישט, משה. אַ שאָד מיט דיר צו רעדן.

— אוודאי פאַרשטיי עך נישט, ווייל כ׳האָב נישט אַריינגעקוקט אין דיינע טריפהנע ביכער. האַ, ס׳שטייט דיר נישט אָן צו רעדן מיט מיר. זע נאָר דעם משומד. אַ גרויסער פריץ איז ער גאָר געוואָרן.

משה איז געווען שטאַרק אויפגערעגט. ער האָט גענומען רעדן אויפן קול. און ס׳איז געווען קענטיק, אַז ער איז מוכן אָנצוהייבן אַ געקריגעריי. רבקה רחל איז געוואָרן אומרואיק. זי האָט מורא באַקומען, אַז צוליב דעם געקריגעריי זאָל זיך, חלילה, נישט אויפוועקן די קראַנקע מאַמע. האָט זי מיט די אויגן געמאַכט פאַרצווייפלטע צייכנס צו משהן און געוויזן אים אויף דער שלאָפנדיקער מוטער. נאָר איידער משה האָט באַוויזן זיך צו באַרואיקן, איז שוין יונה אָפּגעווען די צייט. ער האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבן פונעם בענקל און איז ווי אַ משוגענער אַרויסגעלאָפן פון דער שטוב.

נאָך יונהס אַוועקגיין האָט משה מיט באַדויערן געשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט געזאָגט:

— חוה די שניידערקע, נעבעך. אַ רחמנות אויף איר צוליב דעם תכשיט וואָס זי האָט אויסגעכאָוועט.

דער נאַפט איז אויסגעגאַנגען אינעם לאָמפּ. אין שטוב איז געוואָרן פינצטער. משה האָט זיך געזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען, שלמהלע האָט זיך געלייגט שלאָפן. בלויז רבקה רחל איז געבליבן זיצן אין דער פינצטער. זי האָט געטראַכט וועגן די אָרעמעלייט, וועלכע גייען אויס אין די קאַלטע קעמערלעך, וועגן יונהן, וואָס דער „נישט גוטער" האָט איבער אים באַקומען די שליטה און וועגן איר אָרעמען ברודער, שלמהלע, וועלכער איז, נעבעך, אַריינגעפאַלן אין יונהס הענט. רבקה רחל האָט אַליין נישט געפילט ווי פון אירע אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן צו גיסן טרערן.

יג.

ווי אַזוי ווערט מען אַן אַדלמאַן?

כמעט דורכן גאַנצן ווינטער זענען כאַטיליע און משה געבליבן אין ווין. ערשט צוזאַמען מיט די ערשטע וואַרעמע ווינטעלעך, וואָס האָבן געגומען בלאָזן פון דרום און אָנזאָגן דאָס דערנענטערן זיך פונעם פרי־לינג, האָט זיך דאָס גבירישע פאַרפאַלק אומגעקערט קיין דראָהאָביטש. משה האָט, לחלוטין, געוואָלט בלייבן אין ווין אויף פורים. כאַטיליע האָט אָבער דערויף נישט מסכים געווען.

— אויף פורים — האָט זי געזאָגט צו משהן — מוזן מיר זיין אין דער היים. כ׳וויל נישט איבעררייסן דעם מנהג פון טיילן געלט אום פורים.

משה האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג. צוליבן טיילן געלט אום פורים לוינט זיך נישט צו פאַרלאָזן ווין. נתן אַפּעל קען די מלאכה פון טיילן געלט פונקט אַזוי גוט, ווי כאַטיליע און אַז מ׳וועט אים הייסן, וועט ער טיילן. דערפאַר אויב מ׳וועט בלייבן אין ווין איבער פורים, וועט מען נישט דאַרפן איינאָרדענען די סעודה. דאָס וואָלט טאַקע פאַר משהן געווען דער ריינער ריווח. נישט דאָס געלט מיינט ער, משה. חס־ושלום. נאָר וויפיל איז דאָס ווערט, אַז ער וועט נישט דאַרפן אָנקוקן די טריפהנע פּנימער פון די גויים, וואָס קומען צו אים זיך גוט אָנפרעסן.

אָבער ביי כאַטיליען האָט משה נישט געקענט אויספירן, אויב ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין אירס אַן ענין. זיינע טענות האָבן גאָרנישט געהאָלפן און אויף פורים זענען זיי געווען צוריק אין דער היים. דער ערשטער, וואָס איז געקומען מקבל פנים זיין די גאַרטענבערגס איז געווען נתן אַפּעל. כאַטיליע האָט אים גלייך גענומען אין אַ זייט און פאַרפירט מיט אים אַ שמועס.

— הער אַפּעל — האָט זי געזאָגט — כ׳האָב געלייענט אייערע

בריוו און די נייס, וואָס כ׳האָב פון זיי אַרויסגענומען, האָבן מיך גאָר־נישט דערפרייט. צוליב די דאָזיקע נייס טאַקע האָב איך געצוווּנגען משהן, אַז מיר זאָלן מיט עטלעכע וואָכן פריער זיך אומקערן אַהיים. כאָטש, דעם אמת זאָגנדיק, איז פּאַר אונדז געווען זייער אינטערעסאַנט צו בלייבן נאָך אַ געוויסע צייט אין ווין. אייער אַלאַרם וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ מושב זקנים איז, ווייזט אויס, אַ באַגרינדעטער. אויב איר האַלט, אַז ביי דער איצטיקער לאַגע איז ער וויכטיקער פון אַ יתומים־הויז, בין איך מוכן אייך צו שטיצן. אָבער דער עיקר, וואָס איך האָב אייך געוואָלט זאָגן איז עפּעס אַנדערש. הערט, הער אַפּעל. ס׳איז איצט פאַראַן אַ מעגלעכקייט אַרויסצובאַקומען אַ גרויסן סכום געלט, פאַר וועלכן מ׳וועט קענען אויפ־בויען בנין. מיין חלום איז אויפצושטעלן אַ בית־יתומים, נאָר אויב איר זאָגט, אַז דער מושב זקנים איז איצט וויכטיקער, בין איך מסכים. זאָל זיין אַ מושב זקנים. אַז מ׳וועט לעבן, וועט מען נאָך דערלעבן אויפצו־שטעלן דעם בית־יתומים אויך. דער ענין באַשטייט איצט אין דעם, ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען דאָס געלט. אָט דאָס וויל איך אייך זאָגן, הער אַפּעל. נאָר איר מוזט מיר צוזאָגן, אַז איר וועט מיר אין דעם צוהעלפן.

— אדרבה, איך וועל אייך צוהעלפן. נאָר זאָגט, וואָס מ׳דאַרף טאָן.

כאַטיליע האָט גענומען שילדערן פאַר אַפּעלן די גרויסע דערפאָלגן, וואָס זיי האָבן געהאַט אין ווין. זיי זענען זיך דאָרט צוזאַמענגעקומען מיט די סאַמע גרעסטע לייט, מיט אָט די מענטשן, וואָס טרייסלען מיט דער גאַנצער ווינער בערזע. פון די דאָזיקע לייט איז אָפּהענגיק, צי אַן אַקציע אָדער אַ ווערט־פּאַפּיר דאַרף שטייגן אָדער פאַלן, צי אַן אַקציען־געזעלשאַפט דאַרף עקזיסטירן אָדער אונטערגיין. דער באַראָן גוטמאַן איז ביי זיי געווען מיט אַן אָפּיציעלן באַזוך. אַ העפלעכער און אַ פיינער מענטש. ער האָט זיי איינגעלאַדן אין דער אָפּערע. זיי זענען געווען אין אַ געזעלשאַפט פון זעקס מענטשן. מ׳איז געזעסן אין גוטמאַנס ערן־לאָ־זשע. דער באַראָן מיט דער פרוי, זיין עלטערער ברודער, ווילהעלם אויך מיט דער פרוי און כאַטיליע מיט משהן.

נישט בלויז וועגן באַזוכן און פאַרוויילונגען האָט כאַטיליע דער־ציילט אַפּעלן. אויך אויפן געשעפטלעכן געביט האָבן די גאַרטענבערגס

זייער אַ סך אויפגעטאָן אין וויק. זיי האָבן געקויפט אַ גרויס הויז אין דער שענסטער געגנט פון דער שטאָט. זיי האָבן תיכף איינגעאָרדנט פאַר זיך אַ דירה און אַנגעשטעלט אַ דינערשאַפט. איצט קען מען שוין דרייסט זאָגן, אַז זיי וווינען אין וויק, אַז זיי זענען וויינער בעלי־בתים. ביים סוף פון הייגטיקן זומער, האָט כאַטיליע געזאָגט, וועט משה אַוועקפירן קיין ווין די צוויי עלטערע זין און זיי וועלן — אין אַ מזלדיקער שעה זאָל עס זיין — אָנהייבן צו שטודירן אויף דער אוניווערסיטעט. דעם קומענ־דיקן ווינטער וועלן די גאָרטענבערגס אויך פאַרברענגען אין ווין, אויב דער אויבערשטער וועט שענקען לעבן און געזונט. אַ שיין לעבן לעבט מען דאָרט, אין ווין. אַן אמתדיק גן־עדן. ווען נישט די אָרעמעלייט, נעבעך, וואָס זענען דאָ געבליבן און גייען אויס פון הונגער און קעלט, וואָלט כאַ־טיליע נאָך נישט צוריקגעקומען. משה האָט געחלשט צו בלייבן ביז איבער פסח. און די קינדער? מילא, די קינדער גיבן זיך שוין דאָ אַן עצה אָן די עלטערן. ס׳פעלט זיי דען עפּעס, חס־ושלום? צוליב די קינדער וואָלט זיך כאַטיליע נישט געאײַלט אַזוי שטאַרק צוריקצוקומען. נאָר די פליכטן אַנטקעגן די אָרעמע מענטשן — אָט דאָס האָט זי נישט געלאָזט רוען.

אַפּעל האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט כאַטיליעס דערציילונג. נאָר פון דעם אַלעמען האָט ער אַלץ נאָך נישט געוווּסט דאָס וויכטיקסטע. פון וואַנען וועט מען באַקומען דאָס געלט אויף צו בויען דעם מושב זקנים? האָט ער אויסגענוצט אַ מאָמענט, ווען כאַטיליע האָט זיך אָפּגעשטעלט, כדי צו כאַפּן דעם אָטעם און ער האָט אַריינגעוואָרפן אַ פראַגע:

— יאָ, אָבער וואָס האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיטן מושב זקנים?

כאַטיליע האָט אַפּעלן צוגעוואָרפן אַ נישט־צופרידענעם בליק. אַפּעל האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער. ער האָט זיך פאַרהאַלטן ווי אַ גראָבער נפש. איז ער אויף זיך אַליין געוואָרן אין כעס און אַ צע־מישטער האָט ער אָנגעהויבן זיך צוריקצוציען:

— יאָ, פאַרשטייט זיך — האָט ער געשטאַמלט — דאָס, וואָס איר דערציילט איז זייער אינטערעסאַנט, נאָר איך ווייס נאָך נישט, מיט וואָס איך וואָלט אייך געקענט זיין בייהילפיק.

— כאַפּט נישט, הער אַפּעל. אָט באַלד וועט איר וויסן. נאָר הערט זיך גוט איין. ס׳איז אַ נישט טאָג־טעגלעכער ענין. משה האָט אין ווין

געזען די גוטמאַנס, די צוויי ברידער, וואָס פון דער היים זענען זיי נישט אַזוי איי־איי־איי. זיי האָבן זיך אויך אַליין אַרויפגעאַרבעט. האָט משה, הייסט עס, געזען די גוטמאַנס און אַלץ וואָס זיי האָבן דערגרייכט. כ׳מיין דאָס פאַרמעגן זייערס און די כבודים און דעם אַדל־טיטל, וואָס זיי האָבן אים באַקומען דירעקט פונעם קייסער. מיין משה האָט אויסגע־רעכנט, אַז ס׳איז נישט אַזאַ גרויס געוואַלט, סוף־כל־סוף פאַרמאָגט שוין מיין משה היינט, קיין עין הרע, נישט ווינציקער פון די גוטמאַנס. פרעגט ער טאַקע, משה, פאַרוואָס זאָל ער נישט באַקומען פונעם קייסער דעם אַדל־טיטל? מילא צו ווערן אַ באַראָן האָט ער נישט קיין השגה, אָבער דער טיטל פון אַ „ריטער־פאָן“, אַזוי ווי ס׳האָבן אים די גוטמאַנס, קומט משהן אָן שום ספק. און אָט דאָ שטעקט די גאַנצע זאַך, וועגן וועל־כער איך וויל מיט אייך רעדן. מיין משה האָט זיך אין ווין אַרומגעקוקט אין די געהעריקע קרייזן, ער האָט איבערגעפרעגט דאָ און דאָרט און אַביסל קאָסטן האָט ער זיך, פאַרשטייט זיך, אויך געלאָזט און דער ענט־פער איז געווען, אַז יאָ. מ׳וועט קענען באַקומען דעם „ריטער־פאָן“־טיטל, אָבער ס׳מוז זיין, זאָגן זיי, אויף דעם אַ יסוד. וואָס איז דער יסוד? מ׳מוז זיך אַרויסווייזן מיט געוויסע וויכטיקע אויפטוען אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט. משהן איז די זאַך אַריין אין קאָפּ אַריין און ער איז איצט גרייט עפּעס אויפצוטאָן. ער וויל עפּעס אויפבויען, אַ גרעסערן בנין, וואָס זאָל בלייבן אַן אָנדענק פאַר דער אייביקייט. ער וויל שאַפן אַ פונדאַציע אויף אונדזער נאָמען, אָבער בפירוש ווייסט ער נישט, וואָס ער דאַרף טאָן.

כאַטיליע האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויף איר פּנים האָט זיך באַ־וויזן אַ כיטרע שמייכעלע.

— וואָס שייך מיר — האָט זי פאָרגעזעצט — ווער איך גאַנץ ווייַ־ניק נתפּעל פונעם אַדל־טיטל. צוליב מיר קען משה יאָ ווערן אַ ריטער־פאָן אָדער נישט. ס׳איז מיר נישט קיין אונטערשיד. נאָר וואָס דען? ס׳איז מיר איינגעפאַלן, אַז איצט איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט אויסצונוצן משהס שוואַכקייט. כל זמן ער איז גרייט עפּעס צו טאָן, דאַרף מען אים אונטער־יאָגן. מ׳דאַרף אים אונטערדרוקן דעם געדאַנק, אַז ער זאָל אויפבויען דעם מושב זקנים. איך ווייס נישט צי ס׳וועט דורכגיין אַזוי לייכט. משה צינדט זיך לייכט אָן ביז עס קומט צום אַרויסנעמען דעם טייסטער פון

קעשענע. אַז עס האָלט ביים געבן געלט, ווייסט איר דאָך, ווי אַזוי ער ווערט. ער קילט זיך אָפּ. נאָר גאָרנישט. זאָל ער געזונט זיין. אָבער מיר, פון אונדזער זייט, מוזן זען, אַז ער זאָל נישט ווערן אָפּגעקילט.

— איך באַוווּנדער אייער חכמה, פרוי גאַרטענבערג — האָט אַפּעל אַרויסגעזאָגט מיט איבערצייגונג — דרך־ארץ פאַר אייך.

אַפּעל האָט לאַנג געדריקט כאַטיליעס ווייסע האַנט און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— איך פאַרשטיי שוין אין וואָס ס'האַנדלט זיך. מיר דאַכט זיך, אַז די זאַך דאַרף געלינגען.

בעת כאַטיליע איז מיט אַפּעלן געזעסן אינעם סאַלאָן, האָט דערווייל משה אַרומגעקוקט זיך אינעם הויז. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די שטי־בער און האָט אויפמערקזאַם אַלץ באַטראַכט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די צימערן זענען נישט אַזוי, ווי זיי דאַרפן זיין. ס'פעלט אָרדנונג. דאָס באָד־צימער האָט ער געפונען פאַראומרייניקט. אינעם פאָדערהויז, אין אַ ווינקל אונטערן סופיט האָט ער דערזען אַראָפּהענגען שפּינגעוועבס. זעענדיק אַזאַ זאַך, האָט משה אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל. ער האָט צוזאַ־מענגערופן די גאַנצע דינערשאַפט און געזאָגט זיי מוסר אויפן הויכן קול. אין ווין, האָט ער געשריגן, וואָלט אַזאַ זאַך נישט פאָרגעקומען. דאָרט זענען די דינסטמיידלעך געוויסנהאַפטער און דער עיקר ריינער און אָנ־שטענדיקער, ווי דאָ. נאָכן אָפּפאַרטיקן זיך מיט די דינסטמיידלעך איז משה אַרויסגעלאָפן אין דער שטאַל און ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער ריכטיקער טומל.

משה האָט איינגעזען, אַז זיינע באַליבטע צוויי פערד זעען שלעכט אויס. זיי זענען געוואָרן מאָגער און קוקן מיט טרויעריקע אויגן. משה האָט גענומען אין דער אַרבעט וואַסילן, דעם פערד־שגץ. ער האָט אים אַריינ־געזאָגט אין טאַטנס טאַטן אַריין און געוואָלט אים תיכף ומיד שטעלן פאַר דער טיר. אַ נס, וואָס כאַטיליע האָט פונקט פאַרענדיקט דעם שמועס מיט אַפּעלן און איז אַרויס פונעם סאַלאָן. הערנדיק די געוואַלדן אויפן הויף, איז זי אַרויסגעלאָפן און געפרעגט, וואָס ס'טוט זיך דאָ. זי האָט משהן אַריינגערופן אינעם עס־זאַל און דאָרט אים שטיל אַריינגעזאָגט, כדי קיי־נער זאָל נישט הערן:

— משוגענער ייד, וואָס פּאַראַ שטיק אַרבעטסטו אָפּ? ס׳איז דאָך אַ בושה צו דיין פּנים. אנשטאָט צו באַגריסן זיך פיין מיט דער דינערשאַפט, פונאַנדערטיילן זיי מתנות, און ווייזן זיך ווי אַ מענטש, מאַכסטו אַ טומל ווי אַ ווילדער. וואָס וועט זאָגן די וועלט, משה? כ׳לעבן ס׳פּאַסט נישט.

— אַז ס׳געפעלט מיר דאָ גאָרנישט — האָט זיך משה פאַרענטפערט ווי אַ חדר־ייִנגל — ס׳דאַכט זיך מיר רק, אַז אונדז האָב׳מער איבערגעלאָזט דאָס הויז פיל שענער, ווי ס׳איז איצט.

— אוי, נאַריש קינד — האָט כאַטיליע איינגענומען משהן מיט גוטן — מייַנסטו, אַז עמעץ האָט דיר פאַרטוישט דאָס הויז? נאָר גאָר־נישט. נאָכן ווינער לוקסוס, קען דיר שוין גאָרנישט מער געפעלן.

כאַטיליע האָט משהן אַריינגעפירט אין זיין שרייב־צימער און אים געהייסן אַוועקזעצן זיך און איבערקוקן דאָס פּעקל בריוו, וואָס איז געלעגן אויפן שרייב־טיש. אַליין איז זי מיט באַזאָרגטע טריט אַוועק אין דער קיך. משה האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ברייטער לעדערנער שטול און איז אַזוי געבליבן זיצן. פאַרשידענע געדאַנקען האָבן זיך אים געפּלאָנטערט אין קאָפּ. וואָס איז טאַקע מיט אים געשען? במשך פון דער גאַנצער ריי־זע פון ווין קיין דראָהאָביטש האָט ער כסדר געטראַכט וועגן זיין היים, וועלכע ער האָט פאַרלאָזט מיט עטלעכע חדשים צוריק. ער האָט געטראַכט וועגן יעדער גוט באַקאַנטער זאַך, וועגן דער שטאַל, וועגן די פערד, וועגן די שטעגן אין זיין סאָד און וועגן יעדן בוים. ער האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד, אַז אָט וועט ער שוין באַלד דאָס אַלץ זען. דער עיקר אָבער האָט משה געבענקט נאָך די קינדער. ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיין אָפּגע־זונדערט פון קינדער? זיצנדיק אין צוג האָט ער פאַרשטאַנען, אַז כאַטיליע איז געווען גערעכט דערמיט, וואָס זי האָט נישט געוואָלט לענגער בלייבן אין ווין. שוין די העכסטע צייט געווען צוריקצוקומען צו די קינדער. ר׳ שלמה מאיר ראָטשילד, וועלכן משה האָט באַזוכט עטלעכע טעג פאַרן אַוועקפאָרן, האָט זיך אפילו געחידושט, הלמאי משה איילט זיך אַזוי אַוועקצופאָרן פון ווין.

— פון ווין פאָרט מען נישט אַוועק אַזוי גיך — האָט משהן געזאָגט

דער אַלטער ראָטשילד — וואָס איז, איר האָט זיך פֿאַרבענקט נאָך די קינ־דער?

משה שעמט זיך נישט דערמיט, וואָס ער האָט זיך טאַקע פֿאַר־בענקט נאָך די קינדער. און אויב מען איז אַ גביר טאָר מען נישט ליב האָבן אייגענע קינדער? און ראָטשילד אַליין האָט דען נישט ליב זיינע קינדער? טאָ וואָסזשע שטעלט ער אים אַזעלכע נישט קלוגע קשיות?

משהן האָט פֿאַרדראָסן ראָטשילדס שפּאָטישער טאָן, אין וועלכן ער האָט געפֿרעגט משהן צי ער האָט זיך פֿאַרבענקט נאָך די קינדער. האָט אים משה געענטפֿערט:

— מעגלעך, אַז אויב עמעץ איז אַ ראָטשילד, דאַרף ער שוין נישט ליב האָבן די קינדער, אָבער מיר פֿעלט נאָך זייער אַ סך, כדי צו זיין אַ ראָטשילד. דעריבער זאָג איך אייך גאַנץ אויפֿריכטיק, הער באַראָן, איך בענק נאָך מיינע קינדער.

משה האָט געזאָגט דעם אמת. מיט ראָטשילדן קען ער זיך נאָך נישט גלייכן. דערפֿאַר אָבער קען ער זיך גלייכן מיט גוטמאַנען. אויב מ׳וואָלט זיך אַוועקגעזעצט רעכענען, ווייסט נאָך משה נישט, ווער ס׳וואָלט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ גרעסערן עושר, ער אָדער גוטמאַן. משהס הויז, וואָס ער האָט איצט געקויפֿט אין ווין, איז אַ סך שענער און גרעסער פֿון גוט־מאַנס הויז. און היינט די גרויסע צאָל אַקציעס, וואָס משה האָט איינ־געקויפֿט אין ווין. אין משהס באַזיץ געפֿינען זיך היינט גאַנץ היפּשע „פּאַקעטן” פֿון אַקציעס פֿון פֿיר גרעסטע ווינער בענק. אמת, גוטמאַן האָט דעם רוב פֿון די אַקציעס פֿון די וויטקאָוויצער קוילן־גרובנס און אייזן־פֿאַבריקן. מ׳ווייזט אָבער, אַז צו די דאָזיקע אַקציעס האָט גוטמאַן אַ שטילן שותף, טאַקע דעם זעלבן ר׳ שלמה מאיר ראָטשילד. איז טאַקע אַ שאלה, וויפֿיל ס׳האָט אין דעם צו שטעקן ראָטשילד און וויפֿיל גוט־מאַן. ביי משהן זענען נישט פֿאַראַן קיין שום שאלות. דאָס פֿאַרמעגן, וואָס ער האָט צו שטעקן אין דער נאַפֿט־אינדוסטרי, געהערט צו אים, אמת, אַ חלק פֿונעם פֿאַרמעגן געהערט צו משהס ברודער, לאָזער. אָבער די גוטמאַנס זענען דאָך אויך צוויי ברידער און צוויי שותפֿים. און איצט דאַרף מען צורעכענען די גיטער, וואָס זענען אויסשליסלעך משהס אייגנ־טום. אויב מען וועט דאָס אַלץ צוזאַמענרעכענען, דאָס הייסט אַלץ, וואָס

גוטמאַן פאַרמאָגט און וואָס משה און מ׳וועט אַראָפּרעכענען דאָס, וואָס דער בכבודיקער ר׳ שלמה מאיר האָט צו שטעקן אין וויטקאָוויץ, איז גאַנץ מעגלעך, אַז משה זאָל זיך אַרויסווייזן שטאַרקער פון גוטמאַנען.

איז טאַקע משהן שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס גוטמאַן בלאָזט פון זיך אַזוי. ער האָט דעם טיטל „ריטער-פאָן" און לאָזט זיך פון אַלעמען רופן „הער באַראָן"? מילא, האָט מען שוין געזען אַזעלכע פּריצים און זיי בלאָזן פון זיך נישט אַזוי. ער קען רעדן אַ גוטן דייטש? ביי דעם דאָזיקן געדאַנק האָט זיך אין משהס האַרץ געעפנט אַ נישט-פאַרהיילטע וווּנד. בעת זיי האָבן פאַרבראַכט אין ווין אין אַ גרעסערער געזעלשאַפט האָט גוטמאַן מיט אַלעמען גערעדט דייטש. בלויז צו משהן האָט ער גערעדט אויף זשאַרגאָן. דערביי האָט ער זיך באַמיט צו רעדן אַ צעקאַליעטשעטן יידיש, כלומרשט ער אַליין קען נישט רעדן יידיש. נאָר וואָס קען ער טאָן מיטן דאָזיקן עם הארץ, וואָס איז איצט געקומען צו פאָרן פון דער פּינצטערער פּראָווינץ? מוז ער צו אים רעדן אויף זיין לשון. פונקט ווי ער רעדט, להבדיל, צו די בעטלערס, וועלכע קומען צו אים שנאָרן אַ נדבה.

משה האָט גוט פאַרשטאַנען גוטמאַנס כוונה. דער באַראָן האָט אים געוואָלט מבייש זיין פאַרן גאַנצן עולם. ט׳איז אים אָבער נישט געלונגען. דער דירעקטאָר פון דער קרעדיט-אַנשטאַלט, אַז ער האָט דערהערט, ווער משה איז, האָט ער זיך מיט אים זייער שטאַרק דערפרייט און האָט אויסגערופן אויפן הויכן קול, אַזוי, אַז אַלע האָבן געהערט:

— דאָס איז דאָך דער עסטרייכישער נאָפט-קיניג.

אַ טאָפּלטע הנאה האָט משה געהאַט פון דעם, וואָס דער גענעראַל-דירעקטאָר פון דער קרעדיט-אַנשטאַלט האָט געזאָגט. ערשטנס, איז אים אָנגענעם געווען צו הערן אַזאַ קאָמפּלימענט און, צווייטנס, האָט ער באַמערקט, ווי גוטמאַן איז אָנגעצונדן געוואָרן און ווי ער האָט דערנאָך מיט אַ באַהאַלטענער שנאה געקוקט אויפן באַנק-דירעקטאָר.

ווען משה דערמאָנט זיך די דאָזיקע זאַך שמייכלט ער צו זיך פון הנאה. ער וועט נאָך ווייזן גוטמאַנען, ווער גאַרטענבערג איז. אַן אַדל-טיטל פונעם קייסער איז נישט גוטמאַנס מאָנאָפּאָל. אויך משה קען האָבן אַזאַ טיטל און ער וועט אים האָבן מיט גאָטס הילף.

משה האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום שטויס רענצ־לעך, וואָס זענען געווען אָנגעלייגט אינעם ווינקל פון דער שרייב־שטוב. ער האָט אויפגעהויבן אַ העל־ברוינעם לעדערנעם רייזע־טאַש און האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף דער שטול. אַזוי זיצנדיק האָט ער געעפנט דעם טאַש און אַרויסגענומען פון אים אַ בינטל פּאַפּירן. ער האָט געגנ־מען דורכקוקן די ווייסע פּאַפּיר־זייטלעך, געדיכט באַשריבענע מיט ציי־פערן. דאָס זענען געווען די דעפּאָזיט־באַשטעטיקונגען פון דער באַנק, ווו ער האָט איינגעלייגט די געקויפטע אַקציעס. זיין אַדוואָקאַט האָט אים געזאָגט, אַז לויט דער צאָל אַקציעס, וואָס ער פאַרמאָגט, האָט ער אין זיינע הענט דעם קאָנטראָל איבער פיר בענק. אַ שאָד, אַז משה האָט נישט געפרעגט דעם אַדוואָקאַט, וואָס ער מיינט מיטן דאָזיקן קאָנטראָל. אַז משה וועט דאָס צווייטע מאָל זיין אין ווין, וועט ער פרעגן דעם אַדוואָ־קאַט און ער וועט טאַקע גיין קאָנטראָלירן די בענק. אויב ס׳קומט אים, פאַרוואָס זאָל ער עס נישט האָבן?

נאָר דער ענין מיט גוטמאַנען לאָזט משהן נאָך אַלץ נישט רוען. יענער טראַכט, אַז נאָר ער אַליין איז אַ שיינער ייד, הלמאי ער טוט צדקה און האַלט אויס אַ ישיבה. מופתים באַווייזט ער. ער מיינט, אַז ער איז דער איינציקער אויף דער וועלט. ער פאַרגעסט אָבער, אַז מיט געלט איז נישט שווער צו זיין אַ שיינער ייד. משה וועט טאַקע ווייזן גוטמאַנען, אַז ער קען אויך זיין אַ שיינער ייד.

— מירן זיך טאַקע פאַרמעסטן און מ׳עט זען, ווער ס׳עט בלייבן דער שענערער ייד, עד צי ער — האָט משה צו זיך גערעדט און ער האָט זיך גענומען אויסצופּאַקן די רענצלעך, וואָס זענען געלעגן אין זיין שרייב־צימער.

דער באַשלוס צו ווערן אַ שיינער ייד איז ווייזט אויס געווען ביי משהן אַ פעסטער. שוין צומאָרגנס האָט ער אָפּגעהאַלטן אַ לענגערע קאָנ־פערענץ מיט זיין ביורא־לייטער, נתן אַפּעל. אין מיטן פון דער קאָנפע־רענץ איז אַריינגעקומען משהס אַדוואָקאַט, ד״ר טויבנפעלד. דער אַד־וואָקאַט האָט געמוזט זיין באַשטעלט, ווייל אַריינקומענדיק אין הויז, האָט ער ביי קיינעם גאָרנישט געפרעגט, נאָר איז גלייך אַריין אין משהס שרייב־צימער. ביז שפּעט אין אָוונט זענען די דריי מענער געזעסן ביים

טיש און געאַרבעט. ווען דיביידע געסט זענען אַוועק, איז משה אַ צע־שטראַלטער אַריינגעקומען אין עס־זאַל, ווו די גאַנצע משפּחה איז שוין געווען אויסגעזעצט ביים טיש און האָט געוואַרט אויף אים מיט דער וועטשערע. משה האָט זיך רחבותדיק אַוועקגעזעצט אויף זיין פּאָטער־שטול אויבנאָן, ער האָט זיך אַ גלעט געטאָן דאָס קיילעכדיקע בערדל און האָט דערקלערט מיט אַ פייערלעכער שטימע:

— כאַטיליע, קינדער, לאָמיר זיך זאָגן מזל־טוב. די פונדאַציע פון נעם מושב זקנים איז שוין געשאַפן געוואָרן אין אַ מזלדיקער שעה.

אַ גליקלעך שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף כאַטיליעס פּנים.

— ווען שטעלט מען זיך בויען? — האָט זי געפרעגט מיט אַ צי־טערנדיקער שטימע.

— מאָרגן גייט מען אָנקוקן אַ פּלאַץ און אַז מ'עט, מעטשעשעם, קויפן דעם פּלאַץ, וועט מען זיך באַלד שטעלן בויען.

— זאָל זשע טאַקע זיין אין אַ מזלדיקער שעה און זאָל אונדז דער אויבערשטער אָפּצאָלן דערפאַר בכפלי כפלים — כאַטיליעס שטימע האָט געציטערט און איבער אירע באַקן האָבן זיך געגאָסן טרערן — געבענטשט זאָלן זיין דיינע הענט, משה, און דיין האַרץ זאָל פול זיין מיט פרייד. אין זכות פון די מעשים טובים, וועלכע דו טוסט, זאָלן מיר דערלעבן נחת ביי אונדזערע קינדער און אַ רואיקע, אַ פריידיקע עלטער!

כאַטיליע האָט מער נישט געקענט רעדן. די שטימע האָט זיך איר געבראָכן פון גערירטקייט. משה איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אויך ער האָט נישט געקענט רעדן, ווייל ער האָט אַלע כוחות אָנגע־שטרענגט, כדי צו באַהערשן דעם טרערן־קוואַל, וואָס האָט זיך מיט גע־וואַלט געשטופּט אין זיינע אויגן. דעם דאָזיקן האַרטהאַרציקן ייד האָט נאָך קיינער נישט געזען וויינען און משה האָט אויך איצט נישט גע־וואָלט ווייזן זיינס אַ טרער, אפילו נישט פאַר זיין אייגענער פרוי, פאַר זיינע אייגענע קינדער. דאָס מאָל איז אָבער משהן נישט געלונגען צו באַ־הערשן דעם טרערן־קוואַל. ער האָט מיטגעוויינט מיט כאַטיליען.

יד.

חנוכת הבית אינעם מושב זקנים

ביי כאַטיליען איז די שטימונג געווען אַ יום־טובדיקע. זי האָט אַליין נישט געקענט זיך גלויבן, אַז אָט איז געקומען דער מאָמענט, ווען איר לאַנגיאָריקער חלום איז מקוים געוואָרן. די בוי־אַרבעטן אַרום דעם נייעם בנין פונעם מושב זקנים זענען שוין פאַרענדיקט. דער בנין שטייט אַ פאַרטיקער און אַן אויסגעפוצטער און פונקט ווי אַ כלה וואַרט אויף דער חופה, אַזוי וואַרט ער אויף זיין חנוכת הבית.

אַ קיילעכדיק יאָר האָט געדויערט דאָס בויען. במשך פונעם דאָזיקן יאָר פלעגט כאַטיליען אָפט באַפאַלן אַ ספק. אפשר איז עס נישט וואָר? אפשר איז עס נאָך אַלץ אַ חלום? אין אַזאַ מאָמענט פלעגט זי שנעל אויף זיך אַרויפוואַרפן דעם מאַנטל און פלעגט אַריבערלויפן די סאמבערער גאַס ביז צום בנין פונעם גימנאַזיום. פון דאָרט האָט זי שוין געקענט זען דעם אויפשטייענדיקן בנין, וואָס איז פון טאָג צו טאָג געוואַקסן ווי אויף הייוון.

דאָס טעמפּאָ פון דער בוי־אַרבעט איז געווען אַזוי משונהדיק שנעל, אַז פון איין טאָג אויפן צווייטן פלעגט כאַטיליע נישט דערקענען דעם בנין. משה האָט דורכויס גּעפאָדערט, אַז ביזן ווינטער זאָל דער בנין שטיין אַ פאַרטיקער. ער האָ״ז גערעכנט, אַז במשך פונעם ווינטער וועלן אויסטריקענען די ווענט און אויפן קומענדיקן פרילינג וועט מען שוין קע־נען אויסמאָלן אינעווייניק א״ן פאַרטיק מאַכן דאָס הויז צו דער דערעפע־נונג.

ביים אָנהויב פונעם פרילינג האָט מען זיך גענומען צום אויסענ־דיקן די געביידע. עס איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן צו דער אַרבעט אַ גרוי־סע צאָל אַרבעטער. אין איין צייט האָט מען אויסגעפּראַוועט די אויסער־לעכע ווענט, אויסגעענדיקט דעם בנין אינעווייניק, געצויגן דעם אייזער־

נעם פּאַרקאַן אַרום דעם גאָרטן און איינגעריכטעט די באַזונדערע צימערן און זאַלן. משה האָט געוואָלט, אַז די דערעפענונג פונעם מושב זקנים זאָל פּאָרקומען אין חודש מאי. מען האָט אָבער נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן די אַרבעט ביז צו דער דאָזיקער צייט. האָט מען געמוזט אָפּלייגן די פייערונג אויף עטלעכע וואָכן. לסוף איז באַשטימט געוואָרן, אַז די פייערונג וועט פּאָרקומען דעם לעצטן זונטיק פון חודש יוני.

אין דעם דאָזיקן טאָג זענען משה און כאַטיליע געווען שטאַרק אויפגערוימט. נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט זענען זיי אויפגעשטאַנען זייער פרי און תיכף זיך אָנגעטאָן אין די מלבושים, וואָס זענען ספּעציעל געניית געוואָרן פאַר דער דאָזיקער פייערונג. כאַטיליע האָט אָנגעטאָן אַ שוואַרץ זיידן קלייד מיט אַ לאַנגן שלעפּ. זי האָט אָנגעטאָן איר צירונג, דעם האַלדז־באַנד מיט די גרויסע ברילִיאַנטן ווי אַרבעסן, די אויערינגלעך מיט פינקלדיקע שטיינער און אָן אַ צאָל ברילִיאַנטענע רינגען. איר ווייסער קאָפּ האָר האָט איר צוגעגעבן זייער אַ סך ערנסטקייט. זי האָט אויסגעזען ווי אַן אַריסטאָקראַטישע מאַטראָנע פון ראפאעלס בילדער. משה האָט אָנגעטאָן אַ נייעם שוואַרצן שלוסראָק, אַ פּאָר געשטרייפטע הויזן און לאַקירטע שיך. אַלס קאָפּ־צודעק האָט ער געהאַט אַ הויכן, גלאַנציקן צילינדער.

אַרום צען אַזייגער האָט זיך משה אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער אין אַ זייט, כדי מען זאָל אים נישט באַמערקן פון דרויסן. ער האָט געוואָלט אָבסערווירן די באַוועגונג אין גאַס. פונקט האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצושיטן אַ המון קריסטן פון דער אַנטקעגנאיבערדיקער קירכע, ווען עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע דורכפאָרנדיקע קאַלעסן. זיי זענען אָנגעקומען פונעם מאַרק־פּלאַץ און זענען געפאָרן איבערן סאמבערער וועג אַרויפצו צום נייעם בנין פונעם מושב זקנים, אויף דער גאַס, האַרט אונטער משהס פענצטער האָט זיך געמאַכט אַ גרויס געדרענג. די מענטשן־מאַסע, וואָס איז אַרויס פון דער קירכע און האָט פאַרפּלייצט דעם גאַנצן וועג, האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיט די אָנקומענדיקע געשפּענער און אַלע צוזאַמען האָבן גענומען זיך רוקן אין דער ריכטונג, וווּ עס איז געשטאַנען דער נייער בנין.

דאָס געדרענג אויף דער גאַס איז כסדר געוואַקסן. עס האָבן אָנגע־

הויבן צו שטראָמען אין מאַסן יידן פון דער שטאָט. לכתחילה זענען זיי אָנגעקומען איינציקווייז און אין קליינע גרופּעס. באַלד זענען די גרופּעס געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער, ביז זיי האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין אַ טויזנטער קעפּיקן המון, אין אַ שטראָמענדיקן מענטשלעכן טייך. די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער שטאָט, סיי יידן און סיי קריסטן זענען געגאַנגען אָנקוקן דעם זעלטענעם פּאַראַד, וואָס האָט באַלד געדאַרפט דערעפנט ווערן. אפשר האָבן זיי אויף אַזאַ אופן געוואָלט אויסדריקן די אנערקענונג פאַר אַ מענטש, וואָס האָט אַזאַ גרויס פאַרמעגן געשפּענדעט לטובת הכלל און אפשר איז עס געווען צוליב פּשוטער, מענטשלעכער נייגיריקייט. משה האָט אָבער נישט געטראַכט וועגן די סיבות, וואָס האָבן געשטויסן די מענטשן צו קומען צו דער פייערלעכקייט. ער איז געשטאַנען ביים פענצטער און האָט געשעפּט נחת. יעדע מינוט האָט ער צוגערופן כאַטיליען און געוויזן איר אַ נכבד, וואָס גייט צו דער פייערונג. אָט פאָרט דער סטאַראָסטע אין זיין לאַקירטער קאַלעס. אָט גייען די גלחים מיטן קאַנאָניק בראש. משה האָט געוואָלט, אַז כאַטיליע זאָל דאָס אַלץ זען. ס'איז דאָך איר יום־טוב. אַביסל זיין יום־טוב אויך, זייער ביידנס יום־טוב, זייער ביידנס גרויסער טאָג.

אַ פערטל נאָך עלף איז געקומען צו לויפן יוסף הערש שטערנבאָך. אַ צעיאַכמערטער און פאַרשוויצטער האָט ער שווער געסאָפּעט. דעם צילינדער האָט ער געהאַלטן אין דער האַנט. אין דער צווייטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ ווייס טיכל און האָט זיך כסדר דערמיט געווישט דעם הויכן שטערן.

— קוים זיך דורכגעשטופּט — האָט ער געשטאַמלט — אַזוי פיל מענטשן, אַזוי פיל מענטשן. יאָ, וואָס בין איך געקומען? משה, כאַטיליע, וואָס שטייט איר עפּעס אַזוי ווי גולמס? אַלע זענען שוין דאָ אויפן אָרט. איר מוזט שוין גיין.

משה האָט אָנגעהויבן יוסף הערשן אויסצופרעגן, אָבער יוסף הערש האָט אים איבערגעהאַקט.

— נישטאָ קיין צייט — האָט ער גערופן — איר זענט סייווי פאַרשפּעטיקט. קומט!

זיי זענען אַרויס אויפן הויף. אַן אויפגערוימטער און אַן אויסגע־

גלייכטער איז וואַסיל געזעסן אויפן באַק פון משהס פּריש־אויסלאַקירטער קאַלעס. וואַסיל האָט געטראָגן אַ פּראַק מיט אַ ווייסער וועסט און אַ צי־לינדער אויפן קאָפּ. עפּעס מאָדנע האָט דער מגושמדיקער דאָרפס־שגץ אויסגעזען אין דעם פּריצישן הולך. אַליין האָט ער זיך אויך נישט גוט גע־פילט אין זיין מלבוש. מיט אויפגעריסענע אויגן האָט וואַסיל געקוקט אויף זיינע גרויסע הענט, וואָס האָבן געשטעקט אין אַ פּאָר ווייסע הענטשקעס און האָט נערוועז אַריבערגעוואָרפן די לייצעס פון איין האַנט אין דער צווייטער. צוליב די הענטשקעס האָט ער נישט געפילט די ליי־צעס אין די הענט.

מ׳האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער קאַלעס. כאַטיליע מיט משהן אויבנאָן, יוסף הערש אַנטקעגן. וואַסיל האָט אָנגענומען די לייצעס און זיי פעסט פאַרצויגן. היינט האָט ער געוואָלט טרייבן די פערד מיט הויך אויפגעשטעלטע קעפּ, ווי ס׳פּאַסט זיך פאַר אַזאַ פּאַראַד. פעסט איינגע־צוימטע האָבן די פערד געריררט פון אָרט מיט אַ קורצן, טאַנצענדיקן טריט ווי בעת אַ מיליטערישער דעפילאַדע.

ווען וואַסיל איז אַרויסגעפאָרן פונעם טויער און האָט געוואָלט פאַר־קערעווען אויף רעכטס צום סאַמבערער וועג צו, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ וואַנט פון שוואַרץ אָנגעטוענע מענטשן. די פערד האָבן זיך אָפּ־געשטעלט און וואַסיל האָט נישט געוווסט, וואָס ער זאָל טאָן. אָבער פּלו־צים איז געשען אַן אומדערוואַרטעטע זאַך. סטיכיש האָט זיך די מענ־טשן־מאַסע צעשפּאָלטן און איבערגעלאָזט וואַסילן אַ פרייען וועג. דער המון האָט גענומען יובלען.

— האָך! זאָל לעבן די משפּחה גאַרטענבערג! וויוואַט!

ווי אַן עלעקטרישער שטראָם איז דורכן המון דורכגעלאָפן די ידיעה, אַז די גאַרטענבערגס פאָרן אָן. אויף דער לענג פונעם גאַנצן וועג האָט זיך כסדר געשפּאָלטן דער ים פון מענטשן און וואַסיל, אַן אויסגעצווי־גענער מיט די לייצעס אין די הענט האָט דורכגעפירט זיינע לייבן־פערד מיט די שטאָלץ אויפגעשטעלטע קעפּ אין מיטן פונעם יובלענדיקן המון.

— האָך! זאָל לעבן! וויוואַט!

כאַטיליע האָט גליקלעך געשמייכלט. אירע אויגן זענען פול געווען

מיט טרערן. משה האָט אָן אויפהער געצויגן דעם צילינדער פון קאָפּ. ער האָט באַגריסט דאָ אויף רעכטס, דאָ אויף לינקס.

ווען די קאַלעס איז צוגעקומען צום פּריש־געפּאַרבטן אייזערנעם טויער פון דער נייער געביידע, איז דער גאַנצער פונדאַציע־קאָמיטעט אַנטקעגנגעגאַנגען כאַטיליען און משהן, כדי זיי אויף אַזאַ אופן אָפּגעבן כבוד. לאַזער גאַרטענבערג, נתן אַפּעל און מרדכי שטערנבאַך האָבן זיך דערנענטערט צו דער קאַלעס און האָבן דעם פּאַרפּאָלק געהאָלפן ביים אויסשטייגן. דאַן זענען אַלע צוזאַמען אַריין אין הויף און האָבן זיך דורכ־געשמועסט צום פּעדערשטן גאָרטן, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם נייעם בנין פון דער גאַס. כאָטש אינעווייניק האָט מען אַריינגעלאָזט בלויז אויף פּערזענלעכע איינלאַדונגען, איז דער גאַנצער גאָרטן געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן.

דער סטאַראָסטע איז צוגעגאַנגען צום פּאַרהאַנג, וואָס האָט פּאַר־דעקט אַ טייל פון דער פראַנט־וואַנט פונעם בנין, צווישן צוויי פענצטער. ער האָט אַוועקגעשאַרט דעם פּאַרהאַנג און ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שוואַרצער, מאַרמאָרענער אָנדענק־טאָוול מיט אויסגעקריצטע גאָלדענע אותיות. דער סטאַראָסטע האָט אויפן קול געלייענט די אויפשריפט אויפן טאָוול:

— זשידאָווסקי דאָם סטאַרצווו *) — פונדאַציע פון אַטיליע גאַר־טענבערג, געבוירן רייכגעווירץ, און משה גאַרטענבערג, געגרינדעט אי־נעם יאָר 1888.

פאַרענדיקט דאָס לייענען, האָט דער סטאַראָסטע באַדאַנקט פּאַרן כבוד, וואָס מען האָט אים צוגעטיילט, איבערגעבנדיק אים דאָס דער־עפענען פונעם מושב זקנים. ער האָט דערקלערט, אַז דער מושב־זקנים איז דערעפנט און באַלד דערנאָך האָט ער אָנגענומען כאַטיליען און משהן ביי די הענט און האָט זיי צוגעפירט צו אַ טישל, אויף וועלכן ס׳איז גע־לעגן דער סימבאָלישער שליסל פונעם הויז.

— נעמט דעם שליסל און טוט מיט אים לויט אייער ווילן — האָט דער סטאַראָסטע פייערלעך דערקלערט — איר אַליין זענט די מנדבים

*) יידישער מושב־זקנים.

פון דער דאָזיקער פּרעכטיקער געביידע, וואָס וועט שטיין אין דינסט פון די סאַמע דערהויבנסטע מענטשלעכע צילן. איר אַליין זענט פון איר די בעלי־בתים און בלויז איר האָט דאָס רעכט וועגן איר צו באַשטימען.

משה האָט גענומען דעם שליסל און אים צוגעטראָגן צום אַלטיטשקן בירגערמייסטער. דערלאַנגענדיק דעם בירגערמייסטער דעם שליסל, האָט משה געזאָגט:

— דער פּאַן בורמישטש איז דער בעל־הבית פון דער שטאָט און צו אים געהערט דאָס באַשטימען וועגן אַ בנין, וואָס דאַרף דינען דעם כלל.

דער בירגערמייסטער האָט איבערגעגעבן דעם שליסל צום ראש הקהל און דער ראש הקהל האָט אים דערלאַנגט מרדכי שטערנבאַכן, דעם פּאַרוואַלטער פונעם נייעם מושב זקנים.

נאָך דער דאָזיקער קורצער צערעמאָניע האָבן די צוויי גלחים, דער פּוילישער און דער רוטענישער, געהאַלטן קורצע רעדעס. זיי האָבן גע־רעדט וועגן דעם פֿרידלעכן צוזאַמענלעבן פון די דריי טיילן פון דער באַפעלקערונג, פון פּאָליאַקן, רוטענער און יידן. וועגן דער היינטיקער פייערונג האָבן זיי געזאָגט, אַז זי איז דער בעסטער באַווייז אויף דעם, אַז אַזאַ פרידלעך צוזאַמענלעבן איז טאַקע פאַראַן. והא ראיה, צווישן דעם ריזיקן עולם, וואָס פאַרפלייצט דעם גאַנצן סאַמבערער וועג און באַטיי־ליקט זיך אין דער היינטיקער שמחה, זענען פאַראַן פונקט אַזוי קריסטן ווי יידן.

נאָך די קורצע רעדעס זענען אַלע געסט אַריינגעגאַנגען אין דעם נייעם בנין, אינעם קאָרידאָר זענען זיי באַגריסט געוואָרן דורכן פּרויעק־טאַנט, די פּרויען האָבן אַנטקעגנגעטראָגן זילבערנע טאַצן, אויף וועל־כע ס'איז געלעגן ברויט און זאַלץ. דער עולם איז אַריינגעגאַנגען אין דעם גרויסן זאַל, וואָס האָט פאַרנומען דעם גאַנצן פראָנט פונעם הויז. דער דאָזיקער זאַל איז געווען אַ שול און משה האָט נישט געקאַרגט קיין געלט, כדי די שול זאָל אויסגעשטאַט ווערן כיד המלך. די גאַנצע מזרח־וואַנט האָט זיך געטונקען אין גאָלד. אַלע ווענט זענען באַצירט געווען מיט קונסט־מאָלערייען, וואָס האָבן אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן געלט.

נתן אָפּעל האָט געוואָלט, אַז די דאָזיקע שול זאָל זיין אַ רעפאָרמיר־

טער טעמפּל. אָבער די איבעריקע מיטגלידער פונעם פונדאַציע־קאָמיטעט האָבן אים אויסגעלאַכט. יוסף הערש שטערנבאך האָט אַפּעלן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַזאַ שטאָט ווי דראָהאָביטש דאַרף נישט קיין רעפאָרמירטן טעמפּל.

— ווער וועט צו דיר קומען דאַווענען? — האָט ער געפרעגט — אונ־דזערע יידן וועלן אַנטליפן פון אַ רעפאָרמירטן טעמפּל ווי פון אַ שרפה. דאָס איז געזאָגט אויף די יידן, וואָס זוכן אַ שול אָדער אַ בית־המדרש. די אפּיקורסים ווידער, וואָס דאַרפן זיי האָבן אַ שול?

ווען אַפּעל האָט פּרובירט צו פאַרטיידיקן זיין שטעלונג, האָט אים יוסף הערש געזאָגט גאַנץ פּשוט:

— לאָז אָפּ מיט דיינע נאַרישע מעשיות. דו ווילסט אַ רעפאָרמירטן טעמפּל? דו ווייסט דאָך גוט, אַז ס'שטייט אם פגע בך מנובל זה משכהו לבית המדרש. טאָ פרעג איך: ווי אַזוי וועט מען זיך מ'שטיינס געזאָגט קענען באַהאַלטן אין בית המדרש, אַז דאָרט וועלן אום שבת שפּילן אָרגלען?

אַפּעל האָט זיך אָנגעצונדן.

— פאַר ווע׳מען גייסטו דאָ שפּילן דעם פרומאַק? — האָט ער גע־שריען — אַלע, וואָס זיצן אָט דאָ, ווייסן גאַנץ גוט, ווי שטאַרק פרום דו ביסט, יוסף הערש.

— ווער גייט שפּילן דעם פרומאַק? כ'האַלט בלויז, אַז דאָ ביי אונדז טויג עס נישט. נישטאָ פאַר וועמען. — יוסף הערש האָט זיך גענומען צוריקצוציען, ווייל ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ס'לוינט זיך נישט צו צע־קריגן מיטן מעכטיקן גבירישן בוכהאַלטער.

אָבער די איבעריקע מיטגלידער פונעם פונדאַציע־קאָמיטעט זענען אויך נישט געווען נתפּעל פון אַפּעלס פאָרשלאַג. אַפּעל האָט אָנגעהויבן זיך אונטערצוגעבן און מען האָט געפונען אַ פּשרה. ס'וועט נישט זיין קיין רעפאָרמירטער טעמפּל, נאָר פּשוט אַ טעמפּל. אַזוי איז עס געבליבן. די נייע שול אינעם מושב־זקנים איז געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען טעמפּל. דער טעמפּל איז געווען פונקט אַזאַ בית־התפילה, ווי אַלע אַנ־דערע, וואָס זענען געווען אין שטאָט. דער נוסח פון די תּפילות און די מנהגים זענען געווען די זעלבע, וואָס אומעטום. אַנדערש איז גע־

ווען בלויז דאָס, וואָס ביי דער מזרח־וואַנט איז געווען אַן ערן־פּלאַץ פאַרן קרייז־ראַבינער און יעדן שבת האָט דער קרייז־ראַבינער געדאַרפט דאָרט האַלטן אַ „פּרעדיקט״.

ביים איינאָרדענען דעם טעמפּל האָט משה גארטענבערג געהאַט זיי־נע אויסרעכענונגען. ער האָט געוואָלט צוציען צום בית־המדרש זיינע מקורבים. ער האָט גערעכנט, אַז אויב די מקורבים וועלן קומען דאַווענען, וועלן זיי מנדב זיין געלט פאַרן מושב זקנים.

איצט, ווען דער גאַנצער עולם האָט זיך אַריינגעשאָטן אין דעם טעמפּל, איז דאָרט געוואָרן געדיכט פון מענטשן. אויפן באַלעמער, וואָס האָט פאַרנומען די גאַנצע ברייט פון דער מזרח־וואַנט, האָבן זיך אויס־געזעצט די נכבדי העיר. כאָטש ס׳איז געווען העלער טאָג, האָבן אין אַלע לייכטער געברענט דיקע יום־טובדיקע ליכט. אין די קאָלירטע וויטראַזשן פון די הויכע פראָנט־פענצטער האָט זיך געשפּיגלט די מיטאָגדיקע זון. זי האָט זיך צעשפּאָלטן אין טויזנטער פאַרשידנפאַרביקע שפּרענקעלעך, וואָס האָבן וויברירט אויף די ווענט, אויף דער פּאָדלאָגע און אויף די שוואַרצע קליידער פון די פאַרזאַמלטע געסט.

ר׳ לייבעלע דיין און ר׳ וואָלף חזן, איינגעהילטע אין טליתים מיט ברייטע זילבערנע עטרות, זענען געשטאַנען ביים ארון הקודש. ר׳ ליי־בעלע האָט אָוועקגעשאַרט דאָס קינסטלעריש געשטיקטע פּרכת און באַלד זענען דיביידע כלי קודש מיט ספרי תורה אין די אָרעמס אַראָפּגעגאַנ־גען פונעם באַלעמער. זיי האָבן זיך שווער דורכגעשטופּט צווישן דעם צוזאַמענגעפּרעסטן עולם. זיי האָבן געזאָגט קאַפּיטלעך תהלים. מיט יראת הכבוד האָט דער עולם נאָכגעזאָגט די פסוקים און געקושט די ספרי תורה. נאָכן אומקערן זיך אויפן באַלעמער האָט ר׳ לייבעלע געמאַכט דעם שהחיינו און ר׳ וואָלף חזן האָט אָפּגעריכט די תפילה. דער ניי־אויפגע־נומענער קרייז־ראַבינער, ד״ר מרגליות, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים עמוד. זיין פעך־שוואַרצע, פּירעקיקע באָרד און זיין הויכער, גלאַנציקער צילינדער האָבן געוועקט דרך־ארץ. ד״ר מרגליות איז גלייכצייטיק געווען רעליגיע־פּראָפעסאָר אין גימנאַזיום. צוליב דעם האָט ער גענאָסן פון נאָך מער רעספּעקט ביי די „דייטשן״ און בפרט ביי די, וואָס האָבן געהאַט קינ־דער אין גימנאַזיום. דערפאַר אָבער האָבן אים די בעקעשע־יידן נישט

אויפגענומען פריינטלעך. ווען ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים עמוד, האָבן זיי עפּעס געוואָרטשעט אין די בערד אַריין און די מער־היציקע האָבן אפילו גענומען עפּעס שרייען.

— שאַ, שאַ, שאַ, — האָט זיך געמאַכט אַ רעש און דער עולם איז געבליבן שטיל.

דער קרייז־ראַבינער האָט אָנגעהויבן זיין „פּרעדיקט". ער האָט גע־רעדט דייטש און דערנאָך איז ער אַריבערגעגאַנגען אויף פּויליש. ער האָט נישט געקאַרגט קיין שבחים, נישט פּאַר מלכות און נישט פּאַר אַלע נכבדים. דעם ערשטן שבח האָט ער אָפּגעגעבן דעם קייסער פראַנץ יאָ־זעף, דערנאָך האָט ער שטאַרק געלויבט דעם סטאַראָסטע און דעם ביר־גערמייסטער. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט מלכות האָט זיך דער קרייז־ראַ־בינער אַ נעם געטאָן צו משהן און כאַטיליען. משה, האָט ער געזאָגט, איז דער געטרייער פּאַטער פון דער גאַנצער שטאָט. ער שפּייזט זי מיט ברויט און מיט פּוטער. דער מושב־זקנים מיטן פּרעכטיקן טעמפּל, וואָס ער האָט אויפגעבויט, איז בלויז אַ קליינער טייל פון דעם אַלעמען, וואָס ער גיט דער שטאָט. דאָס, וואָס זיין „ליבענסווירדיגע געפּערטין" (דער ראַבינער האָט געמיינט כאַטיליען) טוט צדקה יעדן טאָג, באַטרעפט אין סכום פילפאַכיק מער, ווי ס'האָט אָפּגעקאָסט דער מושב־זקנים. וועגן כאַ־טיליען האָט דער ראַבינער גערעדט מיט אַ גערירטער שטימע. זי איז נישט קיין מענטש, האָט ער געזאָגט, זי איז אַ מלאך.

משה איז געזעסן אויף זיין ערן־פּלאַץ און געשעפּט נחת. כאַטיליע האָט געקוקט דעם ראַבינער אין מויל אַריין און האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף זיינע ווערטער. ווען דער ראַבינער האָט זיך געלאָזט שוועבן אין די הימלישע הויכקייטן און האָט גענומען אַזוי שטאַרק לויבן משהן און כאַטיליען, האָט זיך משה דערפילט אַביסל אומהיימלעך. ס'האָט זיך אים אָנגעהויבן צו דאַכטן, אַז דאָס אַלץ קומט נישט פּאַר אויף דער וואָר. ס'איז אַ חלום. ווי איז עס דען מעגלעך, אַז די אַלע שבחים זאָלן געהערן צו אים, צו משהן? משה האָט מיט אַלע חושים איינגעהערט זיך איגעם ראַבינערס ווערטער.

— יאָ, ער מיינט טאַקע מיך — האָט ער געטראַכט — און איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז איך בין אַזוי שטאַרק באַליבט אין שטאָט.

ווען דער „גאָטעסדינסט״ האָט זיך געענדיקט, זענען די געסט גע־גאַנגען אָנקוקן די שטיבער און דאָס בעל־הבתישקייט פונעם נייעם הויז. משה איז געגאַנגען פאָרויס און האָט געוויזן, ווי גרויס ס׳זענען די שטי־בער און ווי שיין ער האָט זיי איינגעאָרדנט. פאַר אַכציק זקנים איז דאָס הויז באַשטימט, האָט ער געזאָגט, און ער האָט לגמרי נישט געמאַכט קיין סוד פון דעם, וויפיל געלט ער האָט באַצאָלט פאַר יעדער זאַך און וויפל געלט ער האָט איינגעלייגט אין דער באַנק אַלס פונדאַציע־פאָנד.

— דאָס געלט האָב איך איינגעלייגט אין ווערט־פּאַפּירן און פון די פּראָצענטער וועט מען קענען אויסהאַלטן די זקנים, וואָס וועלן דאָ וווינען — האָט ער דערקלערט בקול רם, אַז אַלע זאָלן הערן.

דער עולם האָט געהערט און האָט געשאָקלט מיט די קעפּ. אַזוי איז געפייערט געוואָרן דער חנוכת הבית פונעם דראָהאָביטשער מושב זקנים. די דאָזיקע פייערונג האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון פון די דראָהאָ־ביטשער יידן און מיט יאָרן שפּעטער האָט מען נאָך וועגן איר גערעדט.

טו.

דער יידישער בירגערמייסטער

פאַרן טויער פונעם באַריסלאַווער געמיינדע־הויז האָט זיך געטאָן חושך. אַ כאָפּטע ווייבער האָט פון אינדערפרי אָן געשטורעמט דעם ני־דעריקן געמיינדע בנין פון רויטע נישט אויסגעפּראַוועטע ציגל.

— לאָזט אונדז אַריין צום בירגערמייסטער! — האָבן זיי זיך גע־בעטן ביים פּאָליציאַנט, וואָס האָט געהיט דעם טויער — אָך און ווי איז צו אונדזערע פינצטערע יאָרן, צו אונדזער לייב און לעבן.

יורקע פּראַטש, דער שטאָטישער פּאָליציאַנט אין אַ טונקל־בלויען אוניפאָרם און מיט אַ קרומער שווערד ביי דער זייט, האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג ביים טויער. ער האָט נערוועז געדרייט די לאַנגע וואָנצעס און האָט זיי אויף רוטעניש געגעבן צו פאַרשטיין:

— וואָס רייסט איר זיך אַזוי, ווייבער? מ׳קען איצט נישט שטערן דעם פּאַן בורמישטש. דער סעקרעטאַר זיצט איצט ביי אים און דער ביר־גערמייסטער שרייבט זיך אונטער. ווי נאָר זיי וועלן ענדיקן, וועט מען אייך אַריינלאָזן. אין קאַנצעלאַריע ווייסט מען שוין וועגן אייך. איך האָב געמעלדן. שטייט זשע, ווייבער, רואיק און וואַרט געדולדיק.

— ווי אַזוי זאָל איך שטיין רואיק, אַז מיין וועלוועלע זיצט אין דער פינצטערער קאַמער ביי אַזאַ גרויסן פראָסט, — האָט איינע פון די ווייבער געוויזן מיטן פינגער אויף אַ קליינער, הילצערנער שאָפע אָן פענצטער, וואָס איז געשטאַנען ביים עק פונעם געמיינדע־הויף. די גאַנ־צע שאָפע האָט קוים דערגרייכט די הויך פון אַ מיטלוווקסיקן מענטש.

ס׳איז געווען אַ זוניקער פרימאָרגן אין חודש כסלו. דער אַרום האָט געבלאַנקט מיט ווייסקייט פון אַ פריש־אָנגעשאָטענעם שניי, פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעפינקלט זילבערנע פראָסט־שפּרענקעלעך. דער פראָסט האָט פאַרבענקט געקרעכצט אונטער די שטיוול און האָט וויטיקלעך גע־

צופּט די אויערן און געדרייטלט די נעז. ס׳איז באמת געווען אַ רחמנות אויף עמעצן, וואָס מוז ביי אַזאַ וועטער זיצן אינעם דאָזיקן הילצערנעם קעמערל, וואָס האָט געטראָגן דעם פיין־קלינגענדיקן נאָמען: דער שטאַטישער אַרעסט.

די ווייבער האָבן געוויינט אַזוי יאָמערלעך, אַז ס׳האָט געקענט רירן אַ שטיין. יורקע פּראַטש איז פון זייער געוויין געווען שטאַרק גערירט. ס׳זענען גוט באַקאַנטע יידענעס, מיט וועלכע ער איז כמעט צוזאַמען אויפגעוואַקסן. זיין שכל האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז איצט, ווען די ווייבער געפינען זיך אין אַן אומגליק, דאַרף ער זיי העלפן. האָט זיך יורקע פאַרטראַכט און אַ מאַך געטאָן צו די ווייבער:

— שאַ. וואַרט דאָ רואיק און איך וועל אַריינגיין געוואָר ווערן, וואָס ס׳טוט זיך.

באַלד איז ער צוריקגעקומען און האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער שווערד איבער דער שוועל, אַ סימן, אַז ער האָט עפּעס וויכטיקס צו מעלדן.

— הערט אויף צו וויינען — האָט ער געזאָגט מיט אַן אַמטלעכער ערנסטקייט — און גייט אַהיים. קאָכט דאָס וואַרעמעס, ווי יעדן טאָג. ס׳וועט זיין גוט.

די ווייבער זענען געשטאַנען אַן לשון און נישט גערירט זיך פון אָרט. יורקע איז געוואָרן בייז. סוף־כל־סוף איז ער דאָך אַן אַמטלעכע פּערזאָן, אַ פּאָליציאַנט און אַז ער זאָגט עפּעס, דאַרף מען אים פאָלגן. ער הייסט די ווייבער גיין אַהיים און זיי שטייען אויפן אָרט און קוקן אויף אים מיט אויפגעריסענע אויגן. האָט ער אַן אויפגערעגטער נאָך אַמאָל אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער שווערד און האָט געזאָגט:

— מיינט נישט, ווייבער, אַז דאָס זאָג איך אייך פון מיר אַליין. נײַן. דער פּאַן בורמישטש האָט אייך געהייסן אַזוי זאָגן. און אַז ער זאָגט, טויג נישט איבערצופרעגן. טוט אַזוי ווי ער הייסט אייך.

די ווייבער האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט. זיי האָבן בלויז געצויגן מיט די פּלייצעס און הינטערוויילעכטס מיט אַ שטיל געוויין זיך צוריקגעצויגן פונעם געמיינדע־פּלאַץ. אין דער זעלבער צייט האָט זיך איגעם צימער פונעם בירגערמייסטער געפירט פאָלגנדיקער שמועס:

— וויפיל בחורים זיצן דאָרט פאַרשפאַרט? — האָט געפרעגט משה איציק קארנהאבער, דער באַריסלאַווער בירגערמייסטער, אַ מיטלוואוקסי־קער מאַנספאַרשוין מיט אַ ברוין ציג־בערדל און ברייט־צעוואקסענע פליי־צעס.

דער סעקרעטאַר איז געשטאַנען אַנטקעגן משה איציקן. ער האָט זיך מיטביידע הענט אָנגעשפאַרט אינעם בלאַט פונעם רחבותדיקן שרייבטיש, ביי וועלכן משה איציק איז געזעסן אַ צעשפאַרטער.

— פיר בחורים — האָט דער סעקרעטאַר געענטפערט — היינט פאַרטאָג האָבן זיי זשאַנדאַרמען אַרויסגעשלעפּט פון די שטיבער און דערווייל זיי פאַרשפאַרט אין אונדזער אַרעסט. מאָרגן דאַרף מען זיי אָוועקנעמען קיין דראָהאָביטש אין דער מיליטער־קאָמאַנדע. זיי וועלן שוין מוזן דינען אין מיליטער און אַז גאָט וועט העלפן קענען זיי נאָך האָבן אַ פּראָצעס פאַר דעזערציע.

משה איציק האָט אויפגעהויבן די אויגן צום סעקרעטאַר.

—אר־ווא. זענען זיי דאָך אין סכנה.

— געוויס.

— וואָסזשע איז געשען, אַז מ׳האָט זיך אַזוי האַרב צו זיי אַ נעם געטאָן? כ׳האָב וועגן דער גאַנצער זאַך גאָרנישט געוווּסט.

— טאַקע אַ חידוש. די גאַנצע שטאָט האָט דאָך וועגן דעם גערעדט מיט אַ צייט צוריק. דאָס איז געווען אַזוי: זומער־צייט, בעת מען האָט וועגבירט יונגען אויף זופּאַקעס *) איז דאָ נישט ווייט אויף דער הערך־גאַס געשטאַנען די ווערבירונגס־קאָמאַנדע. צוויי זעלנער מיט הויכע באַפּעדערטע היטלען האָבן געקלאַפּט אין פּויקן און אַ קאַפּראַל איז גע־שטאַנען איבער אַ קופּערנעם קעסל מיט פּירערס **). יעדן דורכגייענדיקן יונג האָט דער קאַפּראַל פאַרטשעפּעט און אים פאַרגעשלאָגן ער זאָל אויפ־שטעלן זיין יארמלקע. דער קאַפּראַל וועט אים דאַן אָנפילן די יאַרמלקע מיט פּירערס. טאָמער כאַפּט זיך איינער צו און שטעלט אויף די יאַרמל־

---

*) אין גאַליציע האָט מען אַזוי גערופן סאָלדאַטן, וואָס האָבן געדינט צוועלף יאָר און נאָכן אויסדינען האָבן זיי געהאַט אַ רעכט צו ווערן מלוכהשע אָנגעשטעלטע.

**) עסטרייכישע מטבע פון פיר גרייצערס.

קע, איז ער שוין אַ פּאַרטיקער. ער באַקומט נאָך אַ שיסל וואַרעניקעס און דערנאָך גייט ער צו די זעלנער.

— די פיר בחורים — האָט דער סעקרעטאַר פאַרגעזעצט — זענען פּונקט געגאַנגען פונעם בית־המדרש. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרן באַ־רעדעוודיקן קאַפּראַל און האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט, וואָס ער האָט גערעדט. זיי האָבן נאָר געזען, אַז ער שטופּט זיי אַ סך געלט. געלט איז דאָך אַ גוטע זאַך און פאַרוואָס נישט נעמען, אַז מ׳גיט. האָבן זיי גענומען. דער קאַפּראַל איז געווען מלא־שמחה. ער האָט יעדן אויסגע־פרעגט ווי ער הייסט, געקלאַפּט זיי אויף די דלאָניעס און געשלעפּט אין דער קהלישער קיך צו עסן די וואַרעניקעס. אויף וואַרעניקעס זענען די בחורים גראַד נישט געווען קיין בעלנים. האָבן זיי די וואַרעניקעס נישט געגעסן. זיי האָבן בלויז גענומען זייער ביסל געלט, נאָך אַמאָל דער־לאַנגט שלום דעם קאַפּראַל און פאַמעלעך זיך אַהיימגעגאַנגען.

— נו, נו. זיי זענען שוין געווען אָפּגעקאָכטע.

— וואָס פרעגט איר? אינדערהיים, ווען זיי האָבן אויסגעפּאַקט דאָס געלט און דערציילט פון וואַנען זיי האָבן עס, איז די טאַטע־מאַמע פינצ־טער געוואָרן פאַר די אויגן. מ׳איז צוריקגעלאָפן מיטן געלט צום קאַפּ־ראַל. יענער האָט זיך אויסגעלאַכט. די בחורים, האָט ער געזאָגט, האָבן געגעבן תקיעת־כף און די זאַך איז אַ פאַרפאַלענע. די טאַטעס האָבן אפילו געטענהט, אַז די זאַך איז נישט גילטיק, ווייל די בחורים האָבן נישט געגעסן די וואַרעניקעס. דער קאַפּראַל האָט זיך דערמיט נישט איבער־גענומען. מ׳קען זיין אַ גוטער זעלנער אָן וואַרעניקעס, האָט ער געענט־פערט, און די עלטערן זענען אַהיימגעגאַנגען אָן גאַרנישט. ווען ס׳איז גע־קומען די צייט זיך צו שטעלן צום מיליטער, האָבן זיך די בחורים נישט צוגעשטעלט. במשך פון עטלעכע חדשים איז געווען שטיל. נאָר היינט זענען פּלוצים אָנגעקומען זשאַנדאַרמען און זיי האָבן צוגענומען די ייִנג־לעך. אָט דאָס איז עס.

— הם, הם — האָט משה איציק געשאָקלט מיטן קאָפּ — דאָס עסק איז טאַקע זייער שווער.

אַ רגע האָט ער געטראַכט און דאַן אַנטשלאָסן באַפוילן:

— שיק מיר אַריין דעם רויטן לייבוש.

דער רויטער לייבוש איז איצט געווען קאַרנהאַבערס אַ „מענטש״. קאַרנהאַבער האָט לייבושן געגעבן די גאַנצע חיונה מיטן תנאי, אַז לייבוש מוז שטענדיק זיין ביי אים „אונטער דער האַנט״. ווען ער וועט אים דאַרפן, זאָל ער זיין גרייט. משה איציק האָט זיך מיט דער צייט אַזוי צוגעוווינט צו לייבושן, אַז אָן אים פלעגט ער זיך נישט רירן אויף קיין טריט. אפילו אויף אַ געשעפטלעכער נסיעה פלעגט ער פאָרן מיט לייבושן.

אין דער צייט, ווען משה איציק איז געזעסן אין דער געמיינדע, פלעגט לייבוש וואַרטן אין פאָרהויז און בעת מעשה אַריינכאַפּן אַ שמועס מיט וועמען ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. זינט יענעם געשעעניש מיט דער איינגענומענער יאמע פון די גאַרטענבערגס זענען שוין פאַריבער קאַרגע צוואַנציק יאָר. די הערשאַפט פון די ווילדע יונגען האָט שוין געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט. דעם רויטן לייבושס חברהלייט זענען שוין נישט געווען. אַ טייל איז אויסגעשטאָרבן, אַנדערע זענען זיך פונאַנדערגעפאָרן, אָדער גאָר געוואָרן אנשטענדיקע באַלעבעסלעך. דער רויטער לייבוש איז געבליבן אַ פאַריתומטער און ער האָט כסדר נאָך געחלומט פון די אַלטע גוטע צייטן, ווען ער איז געווען אין די פעדערן און אַ שטאָט מענטשן האָט פאַר אים געציטערט. היינט האָט זיך דאָס מזל איבערגעקערט. דער רויטער לייבוש איז דערפירט געוואָרן צו אַ מעמד פון אַ „מענטש״ ביי עמעצן.

נאָר צוריקגעשמועסט האָט לייבוש געדאַרפט זיין שטאַרק צופרידן פון דעם, אַז משה איציק האָט אים גענומען צו זיך. וואָרום אויב נישט, וואָס וואָלט געטאָן אַזאַ רויטער לייבוש. די יאָרן זענען דאָך פאַריבערגעלאָפן און ביי לייבושן איז דאָס רויטע בערדל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַש־גרויען קאלטון. זיין פלייצע איז שוין איצט געווען היפשלעך איינגעבויגן און די כוחות פון אַמאָל זענען אויך פאַרשוווּנדן. בלויז די דרייסטקייט און די ריזיקאַלישקייט פון אַמאָל זענען ביי אים געבליבן. זיינע יונגטלעך־גלאַנצנדיקע אויגן זענען געבליבן ווי אַ סתירה צום אַלט־איינגעקאַרטשעטן פנים. דאָס פינקל פון להכעיסדיקייט איז אין זיי

נישט אויסגעלאָשן געוואָרן. די דאָזיקע אויגן זענען געווען דער לעצטער זכר פון לייבושעס אַמאָליקן גלאַנץ.

איצט, ווען דער בעל־הבית האָט גערופן דעם רויטן לייבוש, האָט לייבוש מיט זיין פעסטן, אַביסל וואַקלדיקן טריט דורכמאַרשירט די צוויי צימערן פונעם געמיינדע־ביורא און איז אַריין צום בירגערמייסטער. בלויז געציילטע מינוטן האָט לייבוש פאַרברענגט ביי משה איציקן. באַלד איז ער אַרויס פון משה איציקס קאַבינעט און נישט אויסרעדנדיק צו קיינעם קיין וואָרט, האָט ער זיך צוגעקנעפּלט זיין אָפּגעטראָגן פעלצל און האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון דער געמיינדע.

משה איציק האָט צוריקגערופן דעם סעקרעטאַר און מען האָט זיך גענומען צום אונטערשרייבן די געמיינדע־דאָקומענטן. דער ענין פונעם אונטערשרייבן איז נישט געווען קיין פשוטער. משה איציקס האַנט, וואָס איז צו אַלע אַרבעטן געווען גענוג פלינק, האָט לחלוטין נישט געטויגט צום שרייבן. וואָס הייסט נישט געטויגט? אפילו לייגן די חתימה פון זיין אייגענעם נאָמען, אַ זאַך, וועלכע ער האָט במשך פון יאָרן איינגעזורט יעדן טאָג, פלעגט ער פון איין מאָל צום צווייטן פאַרגעסן. דער סעקרעטאַר האָט כסדר געמוזט האַלטן די השגחה איבער משה איציקס פען. ער האָט געקאָמאַנדעוועט: אַ בענקעלע און אַ שטעקן. דאָס מיינט אַ לאַטייניש ן „מ", וועלכער זעט אויס ווי אַן איבערגעדרייט בענקל און אַ „י", וועלכע איז ענלעך צו אַ שטעקעלע. אַזוי האָט דער סעקרעטאַר דיקטירט און משה איציק האָט געשטעלט די צייכנס. ווען מען האָט שוין געהאַלטן ביים סוף, פלעגט משה איציק ווערן אויפגערוימט. דעם סוף פון דער חתימה האָט ער שוין געוווסט אַליין. פלעגט ער אויסכאַפּן ביים סעקרעטאַר:

— נאָך אַ העקעלע און אַ מאַטיקע *) און כ׳בין שוין באַלד פאַרטיק.

אַזוי האָבן ביידע, דער סעקרעטאַר און משה איציק, יעדן טאָג במשך פון עטלעכע שעה שווער געהאָרעוועט ביים אונטערשרייבן זיך. נאָך דער דאָזיקער אַרבעט איז משה איציק געווען פאַרשוויצט, ווי ער וואָלט נאָר

*) געמיינט אַ לאַטייניש „ע" און אַ „ר".

וואָס אַרויס פון אַ שוויץ־באָד. קומענדיק אַהיים פלעגט ער זיך תיכף איבערטאָן דאָס העמד.

אויך איצט, נאָכן מזלדיקן פאַרענדיקן דעם ענין מיט די חתימות, האָט זיך משה איציק מיט אַ ווייס טיכעלע געווישט דעם שטערן און בעת־מעשה געמאָלדן דעם סעקרעטאַר:

— כ׳מוז אָוועקפאָרן אויף עטלעכע טעג. זייער וויכטיקע ענינים וואַרטן אויף מיר אין סאמבער.

— ווען וועט איר זיין צוריק?

— כ׳ווייס נישט בפירוש. איבעריקנס איז עס נישט וויכטיק. וויכטיק איז אַן אַנדער זאַך. דהיינו, דו מוזט געדענקען, אַז כ׳האָב שוין געהייסן איינשפאַנען דעם שליטן און באַלד, ווי איך גיי נאָר פון דאַנען אַרויס, זעץ איך זיך אויף אויפן שליטן און פאָר אַוועק. וועסטו געדענקען?

— יאָ, איך וועל געדענקען.

משה איציק האָט דעם סעקרעטאַר נישט געזאָגט דעם אמת. בעת ער איז געזעסן אין דער געמיינדע איז דער שליטן נאָך נישט געווען איינגעשפּאַנט. משה איציק איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין שטוב אַריין און האָט פאַרברענגט דעם נאָכמיטאָג פּונקט אַזוי ווי יעדן טאָג. ערשט שפּעט נאָך מעריב האָט ער אַריינגערופן דעם אָנטרייבער, געהייסן אים איינשפאַנען דעם גרין־לאַקירטן, פאַראַדנעם שליטן מיט די זילבערנע גלעקלעך און אַזוי איינגעשפּאַנט שטיין גרייט אויפן הויף. דער אָנטרייבער האָט אויסגעפירט משה איציקס באַפעל. ער האָט אַוועקגעפירט דעם שליטן מיט די פערד אין מיטן הויף און אַזוי ווי די נאַכט איז געווען אַ פראָסטיקע, האָט ער די פערד צוגעדעקט מיט וואָלענע דעקעס.

משה איציק אַליין איז געבליבן זיצן אין שטוב און ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט נאָך אויף עפּעס געוואַרט. ערשט שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך צו אים אַריינגעשאַרט דער רויטער לייבוש. דאָס פוטערנע היטל איז ביי אים פאַררוקט געווען איבער די אויערן און דער אויסגעקראָכענער קאָלנער פונעם פעלצל הויך אויפגעשטעלט. די גאַנצע באָרד איז געווען ווייס פונעם פראָסט און זיינע מגושמדיקע שטיוול זענען געווען אַרומגעקלעפּט מיט האַרט פאַרפרוירענעם שניי. לייי־

בוש איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער שטוב און זענענדיק, אַז משה איציק איז אַליין, האָט ער געזאָגט:

— ס'איז פאַרטיק. — אין זיינע כיטרע אייגעלעך האָט אויפגע־בליצט אַ גנביש שמייכעלע.

— לאָמיר גיין — האָט משה איציק געענטפערט און תיכף גענו־מען אויף זיך אַרויפשלעפּן דעם אינדערוואַכעדיקן פּעלץ מיטן גלאַנציקן סילענעם קראַגן.

די שעה איז געווען אַ שפּעטע, די נאַכט אַן אויסגעשטערנטע און אַ פראָסטיקע. די צוויי מענער האָבן זיך אויפגעזעצט אויפן שליטן און געגומען זיך איינוויקלען אין בונדעס און שאָפּן־פּעלצן. משה איציק האָט דעם אַנטרייבער געהייסן נעמען דעם וועג אין שטאָט אַריין, קיין דראָהאָ־ביטש. דער שליטן איז אַרויס פונעם הויף און האָט זיך לייכט געגליטשט איבער דער דיקער שניי־דעק. דער אַנטרייבער האָט אויסגעמיטן דעם וועג און האָט פאַרקערעוועט גלייך אויף די פעלדער. איבער די באָריס־לאַווער וועגן איז נישט מעגלעך געווען צו פאָרן מיט אַ שליטן אפילו ביי די גרעסטע פרעסט. די טיפע בלאָטע, וואָס האָט פאַרפלייצט די באָ־ריסלאַווער וועגן, האָט נישט געפרוירן, מחמת ס'איז אין איר געווען זייער אַ סך ערד־אייל.

דער שליטן האָט זיך גיך געטראָגן איבער די ווייס־געדעקטע פעל־דער. ווייטע ליכטעלעך פון די אַרום און אַרום צעוואָרפענע שאַכטן האָבן אַרויסגעפינקלט פון דער נאַכט־פינצטערקייט. משה איציק האָט זיך איינ־געקאָרטשעט אונטער זיינע דיקע פעלצן און באַלד האָט ער גענומען שנאָרכצן ווי אַ באַן־לאָקאָמאָטיוו.

**
*

צומאָרגנס פאַרטאָג זענען די זשאַנדאַרמען צוגעקומען צום געמיינ־דע־הויף. אויף אַ פויערישן לייטער־וואָגן האָבן זיי געפירט נאָך עטלעכע „דעזערטירן", וועלכע זיי האָבן געכאַפּט אין די אַרומיקע דערפער. זיי האָבן געוואָלט מיטנעמען די פיר ייִדישע בחורים, כדי זיי צוצושטעלן צו דער מיליטערישער קאָמענדאַנטור. אָבער אַריינקומענדיק אין געמיינדע־הויף זענען די זשאַנדאַרמען געוואָרן איבעררעשט פונעם בילד, וואָס האָט

זיך אַנטפלעקט פאַר זייערע אויגן. די הילצערנע שאַפע, וואָס האָט גע־דינט אַלס שטאָט־אַרעסט, איז געשטאַנען איבערגעקערט. די דיקע סלו־פעס פונעם פונדאַמענט זענען גאַנצערהייט אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער ערד. די שאַפע איז געלעגן אויף אַ זייטיקער וואַנט און די ברעטער פון דער פאָדלאָגע זענען אַרויסגעריסן געוואָרן. אין סאַמע מיטן פון דער פאָדלאָגע איז געבליבן אַ ברייטער לאָך. פון די פיר בחורים איז נישט גע־בליבן קיין זכר.

די זשאַנדאַרמען האָבן זיך געפרעגט אויפן בירגערמייסטער. האָט מען זיי געזאָגט, אַז ער איז נאָך נעכטן בייטאָג אַוועקגעפאָרן פון דער שטאָט און ער וועט צוריקקומען ערשט אין אַ וואָך אַרום. די זשאַנדאַר־מען האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל און האָבן זיך גיך אָפּגע־טראָגן פון באָריסלאַוו.

דערווייל איז שוין משה איציק געווען אין דראָהאָביטש. אין מיטן נאַכט האָט זיך זיין שליטן אָפּגעשטעלט אויפן דראָהאָביטשער מאַרק־פּלאַץ. משה איציק האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם שלאָף און האָט גע־פרעגט אַ צעשראָקענער:

— לייבוש, דו ביסט דאָ? ווו זענען מיר ערגעץ?

— וואָס הייסט ווו? אין שטאָט שוין.

—אר־וואַ, אַזוי גיך?

משה איציק האָט גענומען אַראָפּקריכן פונעם שליטן. ער האָט גע־ציטערט פאַר קעלט.

— ס׳איז זייער קאַלט, לייבוש. מ׳דאַרף זיך אָנוואַרעמען. לאָמיר אַריינגיין צו קעסלערן אין גאַסט־הויז.

אויפן מאַרק־פּלאַץ איז געשטאַנען דאָס אַלטע הויז פון קעסלערס גאַסט־הויז. משה איציק, לייבוש און דער אָנטרייבער זענען צוגעגאַנגען צום הויז. זיי האָבן געמוזט זייער לאַנג קלאַפּן אין טויער ביז מ׳האָט זיי געעפנט. אַריינקומענדיק אינעם שענק, האָבן זיך אַלע דריי אויסגע־זעצט ביי אַ טיש און משה איציק האָט געהייסן דערלאַנגען אַ פלעשל בראָנפן מיט אַ גאַנצער געבראָטענער גאַנדז. נאָך אַ ברייטן לחיים האָט מען זיך גענומען צו דער אכילה. דאָס גענדזל איז באַלד נעלם געוואָרן. די געסט האָבן ווידער געמאַכט אַ לחיים און דער שענקער האָט נישט

געוואַרט מער אויף אַ באַשטעלונג. ער האָט צוגעטראָגן נאָך בראָנפּן און אַ צווייט געבראָטן גענדזל. פאַרטרונקען האָט מען מיט גוט אקאַ־טשימער ביר.

נאָך דער סעודה האָט זיך משה איציק שנעל אויפגעהויבן.

— מ׳טאָר זיך נישט פּיעשטשען — האָט ער געזאָגט — מיר מוזן פאָרן ווייטער.

אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן צו גרויען. אַ קאַלט ווינטל האָט געשלאָגן אין פּנים אַריין און אונטער די פיס האָט געקנאַקט דער פראָסט. משה איציק איז איצט געווען אַ סך מער רירעוודיק ווי געוויינטלעך. ער איז פלינק צוגעלאָפן צום שליטן און האָט באַקוקט די פערד, וואָס זע־נען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן און האָט געציטערט פאַר קעלט, כאָטש דער אָנטרייבער האָט זיי געהאַט צוגעדעקט מיט דיקע באַ־ראַניצעס. *)

— ווייסטו וואָס, לייבוש? — האָט זיך משה איציק אָנגערופן — די פערד ציטערן טאַקע פון קעלט, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דער פראָסט האָט געפּלאַצט. ס׳איז דאָך גאַנץ וואַרעם.

לייבוש האָט געשמייכלט.

— ס׳דאַכט זיך אייך, הער קאָרנהאַבער. דאָס גענדזל וואַרעמט אייך. פונדעסטוועגן דאַרפט איר זיך גוט איינדעקן אויפן שליטן — האָט ער אים פאָטערלעך געעצהט.

משה איציק האָט איצט געדאַרפט פאָרן קיין סאמבער. ער האָט דאָרט געהאַט צו דערליידיקן וויכטיקע ענינים, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו זיינע גרויסע נאַפט־עסקים. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען באָריס־לאַוו האָט געהאַלטן אין אַריבערגיין צו אַ מאַסנהאַפטער מעכאַניזירונג פון דער נאַפט־אינדוסטריע. דער וווקס פון דער שטאָט איז פאָרויסגעגאַנ־גען אין אַ געוואַלטיק שנעלן טעמפּאָ. איבער נאַכט פלעגן אויפשטיין צענדליקער און הונדערטער נייע שאַכט־טורעמס. איבערן גאַנצן נאַפט־געביט האָבן בייטאָג און ביינאַכט אָפּגעהילכט מעטאַלענע קלאַנגען פון שווערע האַמערס, וואָס האָבן אַריינגעקלאַפּט די שטאָלענע שווידערס אין

*) אַ דעקע פון שאָפענע פעלצן.

דער ווידערשפעניקער ערד. די ריזיקע מאַשינען האָבן גע‌זשומעט און גע־רוישט און זיי האָבן אָנגעפּילט דעם חלל מיט זייער אייגנאַרטיקער מו־זיק. דאָ איז אָנגעגאַנגען אַ שווערע מלחמה. דער מענטש האָט זיך פאַר־מאָסטן אַרויסצורייסן ביי דער ערד אירע פאַרבאָרגענע אוצרות. די פעלזיקע ערד האָט זיך געשיצט מיט אַלע מיטלען, וואָס זענען געשטאַ־נען אין איר רשות. טיף אין איר שויס האָט זי דעם אוצר אויסבאַהאַלטן פאַרן מענטשלעכן אויג. זי האָט אויפגעשטעלט האַרטע פעלזן, וואָס האָבן זיך קוים געלאָזט דורכבויערן דורך דעם שווידער. און נישט זעלטן, ווען דער שווידער איז שוין געווען טיף אין דער ערד, האָט די ערד זיך אויפ־געריסן אין אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד. זי האָט געריסן די שטאָלע־נע שטאַנגען, וועלכע האָבן געפירט דעם שווידער. דער שאַכט איז דאַן פאַרשטאָפּט געוואָרן און פונעם פאַרמעגן, וואָס דער שאַכט האָט אָפּ־געקאָסט, איז אין איין מינוט געוואָרן אַ תל.

דער מענטש האָט זיך איינגעעקשנט. ער האָט דווקא געוואָלט באַ־זיגן די ערד, האָט ער גאַנצע בערג מיט אייזנוואַרג געשלעפּט קיין באָ־ריסלאַוו פון די ווייטסטע מקומות. דער באָריסלאַווער משא־וואָקזאַל איז כסדר געווען פאַרוואָרפן מיט אויסגעלאָדענע שווערע אייזנס. צוואַקסענע לאָסט־פערד האָבן געשלעפּט די דאָזיקע משאות פון דער באַן צו די ווייט־פונאַנדערגעוואָרפענע גרובנס. גאַנצע קאַראַוואַנעס וועגענער האָבן כסדר געצויגן איבער די טיף־בלאָטיקע באָריסלאַווער וועגן. זיי האָבן אַריינגע־פירט לעבן אין דער אויפקומענדיקער גרויס־אינדוסטרי. זיי האָבן אָנגע־פילט מיט רעש די גאַנצע שטאָט און אַדאַנק זיי האָבן זיך די שאַכטן געמערט ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט, אָט, וועט גאַנץ באָריסלאַוו פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ וואַלד פון הויכע טורעמס.

אין דעם דאָזיקן נייעם באָריסלאַוו, וואָס האָט אָנגעהויבן אויפצו־קומען ווי אַ מאָדערנער אינדוסטרי־צענטער, האָט משה איציק קאָרנהאָ־בער געהאַט אַ גאַנץ בכבודיקן חלק. מיט יאָרן צוריק, ווען דער טאַטע האָט נאָך געלעבט, האָט משה איציק געהאַט עטלעכע קליינע קאַשערעס בשותפות מיטן טאַטן. אָבער משה איציקן האָט דאָס מזל צוגעשפּילט. ער האָט געקויפט עטלעכע טערענען און איז נתעשר געוואָרן. ער האָט גע־נומען שטעלן מאָדערנע שאַכטן פאַר זיך אַליין. זיינע שאַכטן האָבן גע־

געבן א סך אייל. משה איציק איז פון טאג צו טאג אלץ מער געוואקסן אין עשירות. ער האט זיך פארמאסטן צו ווערן בירגערמייסטער פון באריסלאוו. ווי אזוי עס איז געלונגען דעם דאזיקן מאן, וואס האט נישט געקענט שטעלן אן אות אויפן פאפיר, צו דערגרייכן דעם דאזיקן בכבודיקן אמט, ווייסט איין גאט. א פאקט איז, אז ער איז געווארן בירגערמייסטער און אז ער איז אויפן דאזיקן בענקל געזעסן היפשע עטלעכע יארן. צי האט משה איציק געזוכט כבוד? מעגלעך, אז יא. אבער דער עיקר האט ער געזוכט געשעפט. ער האט געוווסט, ווי אזוי צו פארייניקן כבוד מיט געשעפט. אין רשות פון דער באריסלאווער געמיינדע זענען געשטאנען די רייכסטע און די בעסטע טערענען. זיצנדיק אויפן בענקל פון בירגערמייסטער, האט משה איציק געקענט אכטונג געבן, אז די דאזיקע טערענען זאלן נישט אריינפאלן אין קיין פרעמדע הענט...

משה איציק האט זיך נישט געקענט אונטערשרייבן. אבער אין געשעפטלעכע ענינים איז ער געווען א גאון. אליין פלעגט ער זיך באריימען, אז ס׳איז נאך נישט געבוירן געווארן אזא מענטש, וואס זאל אים, משה איציקן, קענען אפנארן. ער האט געזאגט אמת. משה איציקן האט קיינער נישט אפגענארט, ווייל ער האט אלעמען, אפילו די סאמע געלערנטסטע ארומגעוויקלט ארום זיין פינגער.

איצט איז משה איציק געפארן קיין סאמבער. דורך זיינע געהיימע וועגן האט ער באקומען די ידיעה, אז דאס סאמבערער קרייז־געריכט דארף בקרוב שאפן דעם רעגיסטער פונעם ערד־באזיץ אינעם באריסלאווער נאפט־ראיאן. האט ער זיך געוואלט זען מיט זיינע באפריינדעטע ריכטערס, ווייל ער האט געוווסט, אז בעתן פארלייגן די גרונט־ביכער וועט ער קענען אפלעקן א פעטביינדל. משה איציק האט שוין מיט אלע פיטשעווקעס געקענט דעם סדר, ווי מ׳וועט דורכפירן די דאזיקע רעגיסטראציע. זיין גוטער ברודער, דער דראהאביטשער ריכטער, קאוועצקי, האט דאס אים אלץ מסביר געווען. האט משה איציק געוווסט, אז במשך פונעם קומענדיקן זומער וועט מען דורכפירן די אויסמעסטונגען פון די באריסלאווער פעלדער און אז מיט דער דאזיקער ארבעט וועלן אנפירן די דראהאביטשער באצירקס־ריכטערס. די דאזיקע צוויי ידיעות האבן פאר משה איציקן געהאט א וויכטיקע באדייטונג. ער האט חוץ דעם נאך גע־

וואַלט וויסן, ווער ס׳וועט באַשטימען די ריכטערס אויף די באַזונדערע טיילן פון דער שטאָט. ס׳איז דאָך געווען קלאָר, אַז איין ריכטער וועט נישט קענען מאַכן די אַרבעט אין גאַנץ באַריסלאַוו. מ׳וועט מוזן די שטאָט פאַרטיילן צווישן עטלעכע ריכטערס. האָט אים קאַוועצקי געענטפערט, אַז דאָס סאַמבערער קרייז־געריכט וועט פונאַנדערטיילן די שטאָט־ראַיאָנען צווישן די ריכטערס און אַז די זאַך איז אַ זייער דרינגענדיקע, ווייל היינט מאָרגן וועט שוין פאָרקומען די פונאַנדערטיילונג.

צוליב דעם האָט משה איציק געדאַרפט ווי אַמגיכסטן זיין אין סאַמבער׳. ער איז געפאָרן מיט אַ קלאָרן פּלאַן. ער האָט געוואָלט אויספועלן, אַז דער צענטראַלער ראַיאָן פון באַריסלאַוו זאָל צוגעטיילט ווערן קאַוועצקין. מיטן דאָזיקן שיכור וועט משה איציק קענען אַלץ דורכפירן. וואָס משה איציק וועט אים הייסן, דאָס וועט ער פאַרשרייבן אין די גרונט־ביכער. משה איציק האָט אַן אויג אויף עטלעכע גוטע טערענען אויפן פּאַטיק. ער קען זיי נישט באַקומען, ווייל די בעלי־בתים ווילן נישט פאַרקויפן. וועט ער איצט אָפּאַרבעטן מיט קאַוועצקין, אַז ער זאָל פאַרשרייבן די טערענען אויף משה איציקס נאָמען און דאַן איז שוין אַלץ פאַרפאַלן. מעגן די בעלי־בתים שרייען חי וקים. די טערענען וועלן געהערן צו משה איציקן.

משה איציק האָט געהאָפט, אַז ס׳וועט אים נישט שווער זיין אויסצופועלן אין סאַמבער׳, אַז קאַוועצקי זאָל באַשטימט ווערן אויפן צענטראַלן ראַיאָן פון באַריסלאַוו. נישט איין שווערע זאַך האָט ער שוין דאָרט אויסגעפועלט. צוליב וואָס דען גיט ער אויס הונדערטער גולדנס אויף כאַבאַר? אַלע ווייסן דאָך אין שטאָט, אַז ער, משה איציק, האַלט אין קעשענע סיי דאָס סאַמבערער און סיי דאָס דראָהאָביטשער געריכט.

איז איצט משה איציק אַן אויפגעלייגטער געזעסן אויף זיין שליטן. ער וועט די זאַך דורכפירן אָן שום ספק. והא ראיה, לעצטן זומער האָט ער געהאַט אַ פּיל שווערערן ענין און ער האָט אים בשלום דורכגעקומען. דאָס איז געווען דער ענין מיט הערש באַלעכאַווערס אַפּעלאַציע קעגן אַ דראָהאָביטשער פּסק־דין. מ׳מוז מודה זיין, אַז הערשס אַדוואָקאַט האָט גאַנץ פיין אָפּגעאַרבעט די זאַך. ער איז געקומען מיט ראיות, אַז משה איציקס עדות, וואָס האָבן געשווירן פאַרן באַצירקס־געריכט, זענען

פּראָסט פּשוט געווען פאַלשע. און נאָך וואָס פאַרא ראיות? ער האָט דער־וויזן, אַז די עדות זענען קיינמאָל אין לעבן נישט געווען אין באָריסלאַוו און האָבן אפילו נישט געוווסט, וווּ ס׳געפינט זיך דער טערען, וואָס הערש באַלעכאַוווער האָט כלומרשט פאַרקויפט משה איציקן. כאָטש פאַרן גע־ריכט האָבן זיי גאַנץ פיין אַלץ געזאָגט, דהיינו, זיי זענען אַליין דערביי געשטאַנען, ווי הערש האָט משה איציקן געוויזן דאָס פעלד, פאַרקויפט עס אים און גענומען דעם מקח.

— פיו, פיו, שוין איין מאָל אַן אַדוואָקאַטל — האָט זיך משה איציק מיט הנאה דערמאָנט דעם איבערגעטריבענעם אַדוואָקאַט — אַז ער׳ איז אַזאַ קלוגער פאַרשוין, וועט כדאי זיין צו געבן אים פאַרדינען און זאָל ער ווערן אַן אייגענער.

נאָר אין יענעם עסק מיט הערש באַלעכאַוווער איז טאַקע שולדיק געווען לייבוש. אָט זיצט ער דאָ און מאַכט זיך גאָרנישט וויסנדיק.

— האָ, לייבוש, דו שלאָפסט?

— ניין, הער קאַרנהאַבער, כ׳שלאָף נישט.

— דעם פּראָצעס מיט הערשן געדענקסטו? אוי וואָס פאַרא צרות דו האָסט אָנגעטאָן. אַ מערכה, אַז עד בין משה איציק קאַרנהאַבער און כ׳שטעק מיט ביידע פיס אינעם סאַמבערער געריכט. ווען נישט וואָלט׳מער אונדז דעמאָלט דעם פּראָצעס פאַרשפּילט. נאָך ווי פאַרשפּילט! אונדז וואָלט׳מער אים פאַרשפּילט מיט אַ סמיטשעק. דעם טערען וואָלט ווייטער געהאַט הערש באַלעכאַוווער און מ׳וואָלט נאָך אפשר געדאַרפט גיין „יושבן". עפּעס אַ קלייניקייט, מיינסטו. פאַלשע עדות און נאָך מיט אַ שבועה דערצו. האָ, האָ, האָ.

— צוליב מיר זענען געווען די צרות? — האָט זיך לייבוש גע־פּרוווט אָפּשאָקלען פונעם ענין — וואָס בין עך שולדיק?

— הערט נאָר אַ מעשה. ס׳גייט אים שוין גאָרנישט אָן? און ווער האָט אָפּגעזוכט די עדות?

— די עדות האָב עך טאַקע געבראַנגט. אָבער איר האָט מיר גע־הייסן זיי ברענגען.

— יאָ, יאָ, כ׳האָב געהייסן. אָבער דיין קאָפּ מוז ליגן אין דעם, אַז די עדות זאָלן זיין גוטע און נישט אַזעלכע, וואָס מ׳קען זיי אָפּפרעגן.

משה איציק האָט זיך צעקאָכט. ער האָט מיט אָפענעם כעס גע־קוקט אויף זיין באַגלייטער און אים געדראָט מיט דער האַנט, וואָס איז געווען איינגעהילט אין אַ פוטערנער הענטשקע:

— אויב דו וועסט ווייטער אַזוי פירן די געשעפטן, וועט נישט זיין גוט, לייבוש. געדענק עס דיר!

לייבוש האָט נישט געענטפערט און משה איציק איז אויך אַנטשוויגן געוואָרן. פון די מיט שניי באַדעקטע פעלדער האָט אַ שטאַרקער ווינט גענומען בלאָזן גלייך אין פנים אַריין. ביי אַזאַ וועטער איז גלייכער גע־ווען נישט צו עפענען דאָס מויל. לייבוש ווידער האָט געטראַכט וועגן זיין גלענצנדיקן אַמאָל און וועגן דער מיאוסער אַרבעט, וואָס ער מוז איצט טאָן פאַר משה איציקן. זיין הויפּט־אַרבעט איז טאַקע באַשטאַנען אין ווערבירן פאַלשע עדות פאַר משה איציקס צאָלרייכע פּראָצעסן. אין שטאָט פלעגט מען זאָגן, אַז משה איציק האָט אויפגעשטעלט אַ גאַנצע פּראָצעסן־אינדוסטרי. דער רויטער לייבוש האָט פאַר אים צוזאַמענגע־קליבן אַ מחנה יאָר־עדות, וואָס האָבן נישט געדאַרפט איינטונקען קיין האַנט אין קיין קאַלטן וואַסער. דעם געהאַלט האָט זיי משה איציק צו־געשיקט ביז אין שטוב אַריין. זיי האָבן בלויז געדאַרפט שטיין אין כסדר־דיקער גרייטקייט און ווען מען האָט געדאַרפט האָבן זיי געדאַרפט גיין אין געריכט און זאָגן עדות. פאַר קיין שבועה האָבן זיי זיך נישט געטאָרט שרעקן.

צו די גרויסע טערענען, אויף וועלכע משה איציק האָט כסדר גע־שטעלט נייע שאַכטן, איז משה איציק דאָס רוב נישט דערגאַנגען מיט קיין כשרע מיטלען. ער פלעגט זיך נוהג זיין אַזוי: ווען ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף אַ טערען, האָט ער תיכף געשיקט זיינע מענטשן צום אייגנ־טימער פונעם טערען און אים פאָרגעשלאָגן, אַז ער זאָל פאַרקויפן דאָס פעלד. דאָס רוב פלעגן זיך די בעלי־בתים אָפּזאָגן. ס'איז געווען אַ צייט, ווען דער פּרייז פון די באַריסלאַווער פעלדער האָט געהאַלטן אין איין שטייגן און קיינעם האָט זיך נישט געוואָלט אַוועקגעבן דאָס פעלד משה איציקן בחצי חינם. אָבער משה איציק האָט נישט גערוט. וויבאַלד דער בעל־הבית האָט אָפּגעזאָגט, האָט ער אָנגעהויבן צו אַרבעטן אויף אַלע כלים. ער האָט פאַרפירט אַ פּראָצעס, אויפגעשטעלט פאַלשע עדות,

וועלכע האָבן געשווירן אויף זאַכן, וואָס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. די ריכטערס האָט ער געהאַט אָפּגעחורשט און די פּראָצעסן פלעגן אים אַדורכגיין גלאַטיק. מ׳האָט דערציילט, אַז ווען ער האָט אָנ־געטראָפן אויף אַ ווידערשפּעניקן קעגנער, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אַזוי לייכט אַרויסרייסן זיין אייגנטום, האָט זיך משה איציק נישט אָפּגע־שטעלט פאַר קיין שום זאַך. ער איז מוכן געווען אפילו אויסצוטראַכטן אַ בילבול אויף זיין קעגנער און איינזעצן אים אין תפיסה.

משה איציק האָט געוווסט, אַז אַ האַלבע שטאָט יידן האסט אים תכלית השנאה, אַז זיינע קרבנות שעלטן אים מיט טויטע קללות און אויב ס׳וואָלט נאָר אַ קליינער חלק פון די דאָזיקע קללות מקוים געוואָרן, וואָלט ער, משה איציק, געדאַרפט שוין נישט גיין אויף זיינע פיס, נאָר ממש קריכן אויף אַלע פיר. אָבער משה איציקן האָבן גאָרנישט געאַרט די קללות פון זיינע שונאים. ער איז, ברוך השם, גוט געגאַנגען אויף זיינע פיס און האָט פּונקט געהאַלטן אין מיטן פון זיינע בליענדיקסטע יאָרן. איצט, ווען ער איז אַ פאַרטראַכטער געזעסן אויפן שליטן און האָט מיט די אויגן באַגלייט די דיקע שניי־פלאַטעס, וואָס זענען געטראָגן געוואָרן דורכן ווינט און האָבן זיך אַרומגעיאָגט אינעם חלל, איז אים פּלוצים באַפאַלן אַ חרטה־געפיל. אפשר טוט ער נישט ריכטיק דערמיט, וואָס ער צווינגט מענטשן זיי זאָלן אים אָפּגעבן זייער אייגנטום. ס׳איז דאָך אַ פשוטער רויב. דאָס געריכט פסקנט אים טאַקע צו דעם דאָזיקן רויב, אָבער פונדעסטוועגן בלייבט עס רויב. נאָר צוריקגעשמועסט, ביי וועמען נעמט ער דאָס אַוועק די טערענען? ביי געלט־קוועטשערס און ספּעקולאַנטן, וואָס ווילן אַרויסבאַקומען אַ וואָס גרעסערן מקח פאַר זייער פעלד, וואָס שרויפן אַרויף די פרייזן פון די טערענען ביז צו אַן אַבסורדאַלער הויך. און ער? אַז ער באַקומט אַ טערען, שטעלט ער אויף אים באַלד שאַכטן. ער גיט אַרבעט מענטשן, ער ברענגט אויפלעבונג אין דער שטאָט, אין גאַנצן לאַנד.

דער ווינט האָט זיך כסדר אַלץ מער פאַרשטאַרקט. ער איז אַריבער אין אַן אמתדיקן שטורעם. ער האָט געגומען שיטן אין די אויגן מיט האַרט פאַרפרוירענע שניי־שפּליטערלעך, וואָס האָבן געשטאָכן ווי שפּיל־קעס. די צעשראָקענע פערד האָבן שווערלעך געשלעפּט די פיס פונעם טיף

אָנגעשאָטענעם שניי. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די הינטערשטע פיס, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט אַוועקזעצן. די זאַווערוכע האָט איצט גאַנצע הויפנס שניי געיאָגט אַנטקעגן דעם פאָרנדיקן שליטן. זי האָט פאַרשאָטן די קעפּ, די פּנימער און די אויגן פון די פאָרנדיקע. אינעם חלל איז געוואָרן פינצטער. משה איציק האָט נישט געוווסט ווי שפּעט ס'איז. ער האָט אויך נישט געוווסט ווי לאַנג מען פאָרט שוין.

דער אָנטרייבער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און געשריגן הויך, כדי איבערצושרייען דעם שטורעם:

— מען זעט גאָרנישט. מיר זענען אַראָפּ פונעם וועג. אפשר וועט מען איבערוואַרטן די זאַווערוכע?

— פאָר ווייטער! — האָט משה איציק נערוועז צוריקגעשריגן.

ער מוז נאָך היינט זיין אין סאמבער, כדי זיך זען מיטן געריכטס־פּרעזידענט. יעדע רגע איז אַ געוואַגטע, ווייל מען קען פאַרשפּעטיקן. אפשר איז גאָר שוין איצט צו שפּעט. דער פּרעזידענט איז נישט קיין נביא און ער ווייסט נישט, אַז משה איציק קלייבט זיך צו אים צו קומען. האָט ער לייכט געקענט שוין אונטערשרייבן די נאָמינירונג פון די קאָמיסיעס און דעמאָלט איז אַלץ פאַרפאַלן. משה איציקן וועט זיך דאַן אויסגליטשן פון דער האַנט אַ גרויס פאַרמעגן, וואָס ער האָפט צו באַקומען מיט דער הילף פון קאָוועצקיס בלייפעדער.

דער שגץ האָט געטריבן די פערד אין דער זאַווערוכע. ער האָט אָבער פאַרלוירן די אָריענטירונג און די פערד זענען געגאַנגען, ווי זיי האָבן געוואָלט. דאָ פאַרקערעוועט אויף לינקס און דאָ אויף רעכטס. ס'איז געווען קלאָר, אַז מען האָט פאַרבלאָנדזשעט. פּלוצים האָט זיך פון הינטערן וויבערירנדיקן שניי־פאָרהאַנג אויסגעשיילט אַ בנין.

— ס'איז אַ זאַגראָדע — האָט דער אָנטרייבער ווידער גענומען שרייען — לאָמיר אַריינפאָרן, ווייל סיי־ווי וועט מען נישט דערפאָרן.

משה איציק, אַן אויסגעשעפּטער, האָט אַ מאַך געטאָן:

— זאָל שוין זיין, וואָס עס וויל. — ער האָט געהייסן אַריינפאָרן אין דער זאגראַדע.

דער בנין איז אָבער נישט געווען קיין זאגראַדע. עס איז געווען די קרעטשמע פון גאיע וויזשנע, אַ דאָרף צווישן דראָהאָביטש און סאמ־

בער. דער יידישער קרעטשמער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט די געסט. ער האָט זיי אַוועקגעזעצט אין דער וואַרעמער שטוב און האָט די פערד אַריינגעפירט אין שייער. משה איציק האָט זיך דערוווּסט, אַז ס׳האַלט שוין ביי מיטאָג־צייט. זענען זיי, הייסט עס, געפאָרן אינעם דאָזיקן גע־וויטער פון באַגינען ביזן האַלבן טאָג און דערפאָרן סך־הכל ביז גאַיע וויזשנע, אַ מרחק, וואָס מיט משה איציקס פערד קען מען אים לייכט מאַכן במשך פון צוויי שעה. טאַקע זייער ביטער. עפּעס קלעפּט זיך נישט משה איציקן מיט דעם געשעפט. זאָל עס זיין אפשר אַן אצבע אלקים?

משה איציק האָט זיך צוגעשאַרט צו דער הילצערנער באַנק. אַן אויסגעמאַטערטער האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער באַנק פּינטלען־דיק מיט די אויגן. זיין אָטעם איז געווען שווער, זיינע באַקן רויט־צע־פרוירענע פונעם פראָסט און ווינט. דער מעמד, אין וועלכן ער האָט זיך איצט געפונען, האָט אים געשטויסן צו חשבון־הנפש.

— וואָס איז דען מיין זינד, פאָטער אין הימל — האָט ער גע־טראַכט — אַז עך נעם ביי יענעם אַוועק אייגנטום? נו, פאַרוואָס ווילן זיי מיר נישט פאַרקויפן? זיי ליגן איבער דעם, ווי אַ הונט איבער אַ ביין. אַליין פרעסט ער נישט און אַ צווייטן וויל ער נישט צולאָזן. אַז עך באַקום די פעלדער, גיס עך אין זיי תיכף אַריין לעבן. כ׳שטעל אויף שאַכטן, ס׳מאַכט זיך אַ באַוועגונג, מענטשן פאַרדינען אויף חיונה. איז דען דאָס אַ זינד?

— און די עדות מיט די פאַלשע שבועות? — האָט זיך געשטופּט אַ צווייטער געדאַנק.

— נו, מילא. קען מען דען אַלץ דערגרייכן אויף אַ כשרן וועג? מ׳מוז דאָך אַמאָל אַ דריי טאָן. אויב נישט, וואָלט מען נישט געקענט גאָרנישט אויפטאָן. בפרט אינעם זינדיקן באָריסלאַוו.

משה איציק האָט דערפילט אַ באַדערפעניש זיך פאַר עמעצן אויס־צורעדן דאָס האַרץ, זיך צו פאַרענטפערן. האָט ער זיך צוגערוקט צו לייבושן.

— לייבוש, — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק דעם אַלטן גלייך אין פנים אַריין — דו קלערסט וועגן מיר דאָס ערגסטע. עך ווייס דאָס גאַנץ גוט. ניין, ניין. דריי נישט מיטן קאָפּ. ס׳מאַכט נישט אויס. אָבער וואָס

קען עך טאָן? אָט זע, למשל, די אייגענע זעלדע די קאָזעכע. זיצט זי זיך אויף אַ טערעז, וואָס איז גאָלע גאָלד. און וואָס? אַליין פּגרט זי אַוועק פאַר הונגער און מיר וויל זי אים נישט פאַרקויפן. וואָסזשע בלייבט מיר צו טאָן? כ׳מוז נעמען קאַוועצקין און הייסן אים איבערשרייבן דעם טע־רעז אויף מיר. אויף אַן אַנדערן אופן וועל עך מיט איר נישט דורכקו־מען. בין עך גערעכט, לייבוש?

משה איציק האָט שטאַרק געוואָלט, אַז לייבוש זאָל אים צוגעבן גערעכט. אָבער לייבוש האָט געדרייט מיטן קאָפּ.

— זעלדע די קאָזעכע איז אַן אלמנה — האָט ער שטיל געענט־פערט — און דערצו האָט זי נאָך אַ קראַנקע טאָכטער.

— וואָס בין עך שולדיק — איז משה איציק געבליבן זיצן מיט אויסגעשפּרייטע הענט — כ׳וויל איר באַצאָלן, וויל זי נישט.

— נו, טאָ גייט איר איצט ביי איר אַוועקנעמען דעם טערעז אומ־באַצאָלטערהייט — לייבוש האָט משה איציקן נישט געקוקט אין פּנים אַריין. זיין שטימע האָט לייכט געציטערט, האָט געמאָנט.

— לייבוש, כ׳זאָג דיר צו. וויבאַלד קאַוועצקי וועט דורכפירן דאָס זייניקע, וועל עך זעלדען באַצאָלן דאָס, וואָס כ׳האָב איר אָנגעבאָטן. דו וועסט איר אַליין אָפּטראָגן ס׳געלט — משה איציק האָט זיך ביי לייבושן ממש געבעטן.

לייבוש האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט מער נישט אַרויסגעזאָגט קיין וואָרט. מען האָט געגרייט צו טיש און די דריי געסט האָבן זיך גענומען צו דער סעודה. משה איציק האָט כסדר אונטערגע־יאָגט. ער טאָר זיך נישט פאַרשפּעטיקן קיין סאַמבער. מען מוז גיך אָפּ־עסן און ווייטער פאָרן. אַי די זאַווערוכע? זי האָט זיך שוין מסתמא געשטילט. נאָכן עסן זענען אַלע אַרויס צו די פערד. דער שטורעם־ווינט האָט געזוצט מיט דעם זעלבן אימפּעט, וואָס פריער. משה איציק האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן לענגער. ער האָט זיך ביים קרעטש־מער אויסגעפרעגט וועגן דער ריכטונג פון וועג, אַן וועלכן מ׳דאַרף זיך האַלטן, כדי ווי אַמפריסטן אָנצוקומען קיין סאַמבער. דערנאָך האָט ער זיך גענומען צוריק איינוויקלען אין די פעלצן און בונדעס. ווען ער איז

שוין געזעסן אויפן שליטן אַ גרייטער צום פאָרן האָט ער זיך אָנגערופן צו זיין באַגלייטער:

— ווייסט, לייבוש, מיין אַביש וועט „מיעטשעשעם" אויף פסח קומען קיין באָריסלאָוו.

— איר מיינט אייער ברודער, דעם אָפיציר — האָט לייבוש איבער־געפרעגט מיט יראת הכבוד.

— דעם אָפיציר? — משה איציק האָט זיך אָנגעבלאָזן — ער איז שוין ברוך השם אַן אָבערסט *) פון דער קיניגלעכער אונגאַרישער אַרמיי.

דער שליטן איז אַרויסגעפאָרן פונעם קרעטשמערס הויף. אויפן וועג האָט דער ווינט געאַרבעט אויף אַלע כלים. ס'איז נישט מעגלעך געווען צו שמועסן.

ערשט שפּעט אין אָוונט איז משה איציק אָנגעקומען קיין סאמ־בער. ער האָט אָבער נישט פאַרשפּעטיקט גאָרנישט. אדרבה, ער האָט מצליח געווען ביים געריכטס־פּרעזידענט און ער האָט מצליח געווען אויך שפּעטער, ווען דער ריכטער קאָוועצקי האָט דורכגעפירט די רעגיסטראַציע פונעם גרונט־באַזיץ. נישט בלויז זעלדעס טערען איז אַריינגעפאַלן אין משה איציקס הענט, נאָר אויך אַ היפּשע צאָל אַנדערע פעלדער אינעם צענטער פון באָריסלאָוו.

*) פּאָלקאָווניק.

טז.

דער גענעראַל זאָגט קדיש

אין אַ געוויסן וואַרעמען פרילינג־טאָג האָט דער צוג אַראָפּגע־בראַכט קיין בּאַריסלאַוו אַ זעלטענעם גאַסט. פונעם וואַגאָן, וואָס איז באַצייכנט געווען „ערשטע קלאַס", איז באַשיידן אַרויסגעשטיגן אַ יונ־גערמאַן אין אַ מיליטערישן אוניפאָרם. דאָס איז אָבער נישט געווען סתם אַ מיליטערישער אוניפאָרם, ווי מ׳זעט אים ביי די סאָלדאַטן אָדער ביי די אָפיצירן. דער יונגערמאַן איז געווען אָנגעטאָן אין קליידער, וואָס האָבן זיך ממש געטונקען אין גאָלד. דאָס הויכע אָפּיצירישע היטל איז אַרומגעקלעפּט געווען מיט גאָלדענע צייכנס. די שוואַרצע לאַנגע הויזן זענען באַצירט געווען מיט רויטע לאַמפּאַסן און די ברייטע פּעלערינע איז אונטערגעשלאָגן געווען מיט רויטן געוואַנט.

אויפן קליינעם באַריסלאַווער וואָקזאַל האָט דער אָנגעקומענער גע־צויגן אויף זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. מענטשן האָבן נישט געוווּסט, וואָס דער דאָזיקער אוניפאָרם באַדייט. זיי האָבן זיך בלויז אָנ־געשטויסן, אַז דער פּאַרשוין מוז זיין אַ „פיגור", אַ שררה.

דער יונגערמאַן איז דערווייל געבליבן שטיין אויפן ברייטן פּלאַץ פאַרן וואָקזאַל און ער האָט זיך נישט־אַנטשלאָסן אַרומגעקוקט, פּונקט ווי ער וואָלט נישט געוווּסט, וואָס מיט זיך צו טאָן. זיינע אַרויפגעדריי־טע קורצע וואָנצעלעך פון אַן אומבאַשטימטן קאָליר האָבן נערוועז געצי־טערט. זיין פּנים פון אַ דייטשן יונקער איז געוואָרן רויט. מיט דער לינקער האַנט האָט ער זיך אונטערגעהאַלטן די זילבערנע שווערד און מיט דער רעכטער האָט ער זיך פאַריכט דעם מאַנאָקל, וואָס ער האָט געטראָגן אי־נעם לינקן אויג.

— דאָננער־וועטער נאָך איין מאל! — האָט דער שררה צו זיך גע־וואָרטשעט — וואָס קוקן זיי אַלע אויף מיר, פּונקט ווי איך וואָלט גע־

האָט הערנער. וואָס פאַרא פאַרשאָלטענע העק איז עס, אַז אַ מענטש קען נישט דורכגיין אומבאַמערקטערהייט.

דער שררה האָט געהייסן דעם טרעגער צוטראָגן די רענצלעך צום ערשטן פיאַקער, וואָס איז געשטאַנען ביים עק פונעם וואַקזאַל־פּלאַץ. דער אַנטרייבער איז געוואָרן צעטומלט, ווען ער האָט דערזען, אַז דער זעל־טענער גאַסט דערנענטערט זיך פונקט צו אים. פון גרויס צעטומלטקייט האָט דער בעל־עגלה נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער שררה רעדט צו אים. דער גאַסט האָט געמוזט עטלעכע מאָל איבערחזרן, וואָס ער וויל און פון כעס האָט ער אַזש פאַרקרימט דאָס מויל און געקריצט מיט די ציין.

— וואָס איז דאָ מיט אייך? — האָט דער גאַסט געפרעגט מיט אַ געבייזער — נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין מענטש אין אַן אוניפאָרם?

דער בעל־עגלה האָט זיך נאָך מער פאַרלוירן און דער שררה האָט אויף אים, ווייזט אויס, באַקומען רחמנות, ווייל ער האָט אַ שמייכל גע־טאָן און רואיק באַפוילן:

— נו. פאָרט שוין, פאָרט!

— וווהין פאָרן? — דער בעל־עגלה האָט פונעם פרעמדן נישט אַראָפּגעלאָזט די צעשראָקענע אויגן.

דער שררה האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע. אויב ער וועט איצט זאָגן צו וועמען ער פאָרט, וועט באַלד די גאַנצע שטאָט וויסן, ווער עס איז געקומען. נאָך וואָס דאַרף ער עס? וועט גלייכער זיין נישט צו זאָגן תיכף, ווער ער איז.

— וווּ איז אייער בירגערמייסטער? — האָט ער געפרעגט דעם בעל־עגלה מיט זיין געוויינלעכן באַפעלערישן טאָן.

— איך ווייס נישט ווו ער איז. אפשר אין דער געמיינדע און אפשר ביי זיך אין שטוב.

— ווי אַזוי הייסט ער, דער בירגערמייסטער?

— הער קאָרנהאַבער איז ביי אונדז בירגערמייסטער.

— פירט מיך גלייך צו אים. אַלץ איינס ווו ער איז.

דער בעל־עגלה האָט אַ נישט־אַנטשלאָסענער אַ טרייב געטאָן זיין אויסגעדאַרטע שקאַפע. ווען מען איז אַריינגעפאָרן אין דער קאַסערן־גאַס,

האט ער זיך אויסגעדרייט צו זיין פאסאזשיר און האט געזאגט מיט הכנעה:

— כ׳גלויב נישט, אז ער זאל נאך איצט זיין אין דער געמיינדע. כ׳וועל צופארן גלייך צו אים אין שטוב.

דער גאסט האט א שאקל געטאן מיטן קאפ, אלס צייכן, אז ער איז מסכים. ווען משה איציק האט דערזען דעם גאסט, איז ער געבליבן נישט ווינציקער איבערראשט, ווי די מענטשן פון דער גאס. זאל עס זיין אביש? יא, אוודאי אביש, נאר ווער וואלט אים דערקענט אין אזא משונהדיקן הולך?

— אביש! — איז משה איציק מיט א געשריי ארויסגעלאפן אנט־קעגן דעם גאסט — וואס איז פון דיר געווארן?

די ברידער האבן זיך צעקושט און משה איציק האט נאך אלץ נישט געקענט צו זיך קומען.

— אביש, וואס זאל עס באדייטן, אז דו גייסט אינגאנצן אין גאלד און אין רויטן? וואס איז עס אזעלכעס?

אביש האט זיך צעלאכט.

— דו ווייסט גארנישט, משה איציק? ווארט וועל איך זיך פאר דיר פארשטעלן. איך בין גענעראל־לייטענאנט אדאלף ריטער פאן קארווין־קארנהאבער. איצט פארשטייסטו שוין?

— אך־ווא, אך־ווא, — איז משה איציק שטיין געבליבן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן — א גענעראל? טאקע אן אמתדיקער גענעראל? הלמאי האסטו מיר גארנישט געשריבן?

— העי! — האט זיך משה איציק פלוצים דערמאנט און האט גע־נומען צוזאמענרופן זיינע בני־בית — קומט אלע אהער! אביש איז שוין ברוך השם א גענעראל! מזל־טוב! מזל־טוב! זאל זיין אין א גוטער שעה.

ווי אזוי אביש קארנהאבער, משה איציקס יינגערער ברודער, איז געווארן גענעראל, איז א באזונדער קאפיטל פאר זיך. געשען איז עס אזוי. נאך מיט אן ערך דרייסיק יאר צוריק, ווען אביש איז געווארן בר־מצווה, האט ער זיך ארייגעקלאפט אין קאפ אריין א משוגעת, אז ער מוז גיין אין דער קאדעטן־שול. ער וויל ווערן אן אפיציר, האט ער געטענהט, ווייל דאס מיליטער געפעלט אים זייער שטארק. ער האט שטארק ליב פערד און

זיין גרעסטער חלום איז צו טראָגן אַ שווערד ביי דער זייט. דעם טאַטן האָט אַביש געמאַכט דעם טויט. ער האָט פון אים געפאָדערט, אַז ער זאָל אים תיכף אַוועקפירן אין אַ קאַדעטן־שול. דער טאַטע האָט אָנגעהויבן זיך אויסצופרעגן ביי מענטשן און ער האָט זיך דערוווסט, אַז פאַר אַ יידיש יינגל איז אַמבעסטן אַריינצוטרעטן אין אַן אונגאַרישער קאַדעטן־שול. האָט דער טאַטע אַוועקגעפירט אבישן קיין בודאַפעשט און דאָרט אים אַריינגעגעבן אין דער קיניגלעכער קאַדעטן־שול.

זינט דעמאָלט האָט זיך שוין אביש נישט צעשיידט מיטן מיליטעריִשן אוניפאָרם. ער האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו דער מיליטערישער פּראָפעסיע און האָט זיך מיט התמדה גענומען צום לערנען. ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל אָנגעטאָן דעם פּאַראַדנעם גראַנאַטענעם מונדיר און ער האָט דערהערט דאָס קלאַפּן פון זיין באַזילבערטן שווערדל, וואָס ער האָט געטראָגן ביי דער לינקער זייט, האָט ער זיך דערפילט זייער חשוב ביי זיך אַליין. וואָס פון זיינע חברים, פון ר׳ מאירלס, דעם גמרא־מלמדס תלמידים גייט אַרום אין אַזאַ מין אָנגעטועכטס? ווען אביש וואָלט איצט צוריקגעקומען קיין באָריסלאַוו און באַוויזן זיך דאָרט אין אַזאַ הולך, וואָלט פאַר אים אַוועקגעפּגרט די גאַנצע שטאָט. און זיינע חברים? אוי וואָלטן זיי אים מקנא געווען.

נאָר פון קומען קיין באָריסלאַוו איז קיין רייד נישט געווען. אַביש האָט געמוזט עטלעכע יאָר זייער אַ סך לערנען און ערשט דערנאָך וועט ער ווערן קאַדעט־אַספּיראַנט. זייענדיק אַ קאַדעט־אַספּיראַנט, קען ער ערשט טראַכטן וועגן באַקומען אורלויב און קומען אַביסל אַהיים.

אין לערנען האָט אביש געמאַכט גרויסע פאָרשריטן. אין געשיכטע, אין דער דייטשער און אונגאַרישער שפּראַך איז ער געווען דער ערשטער שילער, כאָטש בעת ער איז געקומען אין שול, האָט ער נישט געקענט קיין איין אונגאַריש וואָרט. אַממייַנסטן האָט אביש ליב געהאַט מאַטעמאַטיק און פיזיק. ער פלעגט זיך פאַרטיפן איבער געאָמעטרישע אויפגאַבן און פלעגט לייזן די שווערסטע פון זיי. די פאַרוויקלטסטע אַרטילערישע אויסרעכענונגען פלעגט ער מאַכן אַזוי פלינק און גענוי, אַז אפילו די לערער, אַלטע אַרטילעריע־אָפיצירן, האָבן אים קוים געקענט

נאָכיאָגן. אבישן האָבן אַלע פאָרויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

ער איז אויסגעשטאַנען אַלע עקזאַמענס מיט אויסצייכענונג און ער האָט פּינקטלעך אַוואַנסירט פון איין אָפיצירישער שטופע אויף דער צווייטער. ביי עטלעכע און פערציק יאָר איז ער שוין געווען גענעראַל. אין דעם דאָזיקן עלטער ווערן גענעראַל איז נישט געווען קיין פשוטע זאַך. כדי דאָס צו דערגרייכן האָט מען געדאַרפט איינע פון דריי פאַלגנדיקע זאַכן: אָדער שטאַרקע פּלייצעס, אָדער גרויסן משפחה־יחוס, אָדער מ׳האָט געדאַרפט זיין אַ גאון. אַזוי ווי אבישׂ האָט נישט געהאַט קיין איינע פון די צוויי ערשטע באַדינגונגען, איז קלאָר, אַז ער איז טאַקע געווען אַ גאון.

די נאָמינאַציע פון גענעראַל איז צו אבישן געקומען אומגעריכט. זינט אַ לאַנגער צייט האָט ער זיך באַמיט צו באַקומען אורלויב. עטלעכע יאָר האָט ער שוין נישט געזען זיין ברודער און די משפחה און חוץ דעם האָט ער געטראַכט צו פאָרן צום יאָרצייט פונעם טאַטן עליו השלום. כאָטש ער איז געווען אַ הויכער אָפיציר, האָט ער נישט איבערגעריסן מיט יידישקייט. די יאָרצייטן פון די עלטערן פלעגט ער אָפּהיטן מיט באַזונדערער פּיעטעט. ער פלעגט קיינמאָל נישט דינגען קיין געצאָלטע קדיש־זאָגערס. ער פלעגט זיך אַליין מטריח זיין אין אַ שול, פלעגט דאָרט דאַווענען גלייך ווי אַלע יידן און פלעגט זאָגן קדיש.

דאָס יאָר, האָט ער געוווסט, קומט אים אַ חודש אורלויב. האָט ער געמאַכט באַמיאונגען, אַז דער אורלויב זאָל אים אויספאַלן פּונקט אין דער צייט פונעם טאַטנס יאָרצייט. אַזוי אַרום וועט ער קענען אַ חודש צייט פאַרברענגען מיטן ברודער און מיט דער משפחה און ער וועט קענען אינעם יאָרצייט־טאָג באַזוכן די קברים פון די עלטערן. ווי איבעראַשט איז אבישׂ געוואָרן, ווען ער האָט צוזאַמען מיטן אורלויב־באַפעל באַקומען נאָך אַ צווייטן פּאַפּיר. ווען ער האָט איבערגעלייענט דאָס פּאַפּיר, האָט ער זיך אַליין נישט געגלויבט. דאָס איז געווען זיין נאָמינירונג אויף דער מדרגה פון גענעראַל.

פּונקט אַזוי ווי די נאָמינירונג איז פאַר אים געווען אַ אַ סיורפּריז, האָט אבי שבאַשלאָסן צו מאַכן מיט איר אַ סיורפּריז זיין ברודער, משה איציקן. דעריבער האָט ער אים נישט געשריבן קיין וואָרט וועגן דעם,

ווען ער קומט און וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. אומגעריכט איז ער אַראָפּגעפאַלן קיין בּאָריסלאָוו און האָט אַלעמען איבערראַשט מיט זיין גענעראַלישן אוניפאָרם.

כאַטש אַביש האָט געוואָלט, אַז מען זאָל אין בּאָריסלאָוו נישט וויסן וועגן זיין קומען, האָט זיך די ידיעה באַלד פונאַנדערגעטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט. ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אין גאַס, האָט אים אַרומגערינגלט אַ המון מענטשן, סיי קינדער און סיי עלטערע. אַלע האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ בייז וווּנדער. אַביש האָט זיך זייער שלעכט געפילט אונטער די בליקן פונעם המון, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז די מענטשן מיינען גאָרנישט קיין שלעכטס. פאַרקערט, זיי זענען מיט אים שטאָלץ, וואָס ער קומט אַרויס פון זייער שטאָט, פון זייער בלוט און פלייש.

גוטע ברידער און פריינט זענען געקומען אין שטוב אַריין באַגריסן דעם גאַסט. איינער פון די ערשטע איז געווען ר׳ מאירל דער אַלטער גמרא־מלמד, וואָס האָט שוין דריי דורות באָריסלאַווער יידן געלערנט תורה. אַ טיפער זקן איז געווען ר׳ מאירל. די שמיעה איז שוין ביי אים געווען אינגאַנצן קאַליע און די ראיה נישט קיין בעסערע. קוים וואָס האָט ער זיך געשלעפּט אויף די שטייפע פיס, אונטערשפּאַרנדיק זיך אויף צוויי שטעקענעס. פונדעסטוועגן איז ער געקומען זען אבישן. דער זכרון האָט נאָך ביי אים געאַרבעט ווי ס׳דאַרף צו זיין און ער האָט גוט געדענקט אַבישן, וועלכער איז געווען זיין תלמיד. ר׳ מאירל האָט זיך געפילט ווי דער הויפּט־מחותן. ער האָט דאָך אויך אַ שטיקל חלק אין אבישעס גדלות.

— יאָ, יאָ — האָט ער דעם גענעראַל געשטופּט שלום עליכם — כ׳האָב נאָך דעמאָלט געוווּסט, אַז פון דיר וועט אויסוואַקסן אַ לייט. ס׳לערנען איז ביי דיר געגאַנגען ווי אַ וואַסער, ממש ווי אַ וואַסער. נישט ווי ביי משה איציקן, וואָס מ׳האָט מיט אים געמוזט האַקן שטיינער. נו, נו, גאָט האָט געהאָלפן און דו ביסט טאַקע אַ מענטש. נאָך וואָס פאַר אַ מענטש קיין עין הרע. יאָ, זאָג זשע מיר טאַקע, אביש, ביסטו כאָטש אַזוי גרויס ווי ציי‎גער?

— ווער איז צייגער? — האָט זיך אביש געחידושט.

— וואס הייסט ווער? דו ווייסט גארנישט, ווער צייגער איז? ער איז דאך דער פאליציי־אינספעקטאר, וואס די גאנצע שטאט יידן ציטערט פאר אים.

אבישן האט זיך שטארק געוואלט לאכן. ער האט אבער אין זיך דערשטיקט דאס געלעכטער, כדי נישט מביש צו זיין דעם אלטן רבין.

—א, יא. אזוי גרויס ווי צייגער בין איך שוין יעדנפאלס.

פרייטיק צו נאכטס איז אויסגעפאלן דער יארצייט נאכן טאטן עליו השלום. אביש איז צוזאמען מיט משה איציקן געגאנגען דאווענען אין בית המדרש אריין. צוליבן גאסט איז די שטימונג אינעם אלטן בית־המדרש געווארן א פייערלעכע. די יידן האבן זיך דערפילט שטארק גע־הויבן, ווען אביש איז אריינגעקומען. דער בעל־תפילה האט מיט א צי־טערנדיקער שטימע געזאגט די קבלת־שבתדיקע תפילות. דער עולם האט נאכגעזאגט די פסוקים פון תהלים. דער צארט פליסנדיקער ניגון האט זיך אויסגעוועבט אין א שטילן געזאנג פון מלאכים. שטופנווייז האט זיך דאס געזאנג געהויבן העכער און העכער, עס האט אנגענומען כוח, גע־ברויזט מיט התלהבות, אנגעפילט דעם חלל מיט א ציטער פון פרייד און קדושה. אבישעס שטימע האט זיך אריינגעפלאכטן אינעם ברויזנ־דיקן געזאנג. ער האט געפילט, אז ער איז איינער פון זיי, א גליד פונעם שטארקן גוף, וואס הייסט ישראל. ביי „לכו נרננה״, בעת מען האט געזאגט „כי אל גדול ד׳ ומלך גדול...״ האט זיך אים געדאכט, אז די הונדערטער אנגעצונדענע ליכט האבן זיך צוזאמענגעשמאלצן אין א גרויס פייער, וואס האט זיך ארויפגעריסן הויך, ביז צום סופיט פונעם אלטן בית־המדרש. דארט, אונטערן סופיט איז דאס פייער געבליבן הענגען, ווי א בלענדנדיקער ליכט־קוואל און אביש איז געווען זיכער, אז ווען ער וואלט ארויפגעקוקט צום סופיט, וואלט אים דאס ליכט אויסגעשטאכן די אויגן. האט ער אריינגעקוקט אין זיין קליין סידורל און האט מיט־געזאגט די תפילות צוזאמען מיט דער עדה.

לעבן דעם גענעראל איז געזעסן דער אלטער ר׳ ישראל ליבער־מאן. דאס פנים איז ביי אים געווען בלייך און צעקנייטשט און ער האט שטיל געקרעכצט. זיין קרעכצן איז געווען דורכנעמענדיק מיט שטילן

ווייטיק, וואָס ווערט דערשטיקט אין האַרצן און קען נישט אַרויסגע־בראַכט ווערן פאַרן מויל.

— פאַרוואָס קרעכצט דער זקן? — האָט דער גענעראַל געטראַכט און ער האָט שטאַרק רחמנות באַקומען אויפן אַלטן גביר.

ר׳ ישראלס לאַנגע אויסגעקעמטע באָרד איז געווען ווייס ווי דער שניי. מען האָט אין איר געקענט איבערציילן יעדעס הערעלע. דער הויכער שטערן האָט געבלאַנקט מיט ווייסקייט פון פאַרמעט. די ליפּן האָבן זיך באַוויגן אין אַ תפילה.

ר׳ ישראל האָט זיך פאַר קיינעם נישט געקלאָגט. ער האָט געוווּסט, אַז זיין שטערן איז שוין אויסגעלאָשן געוואָרן, פּונקט ווי זיינע אַלטע אויגן. דאָס מזל האָט זיך פון אים אָפּגעקערט און זיין עשירות האָט גע־האַלטן אין אויסרינען ווי ווייַן פון אַ לעכערדיקן פאַס. פון זיין אַמאָליקער פּאָזיציע איז ער ענדגילטיק אָוועקגערוקט געוואָרן. די ריבניקער ברי־דער האָבן אים באַזיגט אויף אַלע פראָנטן, אָוועקגעלייגט אים ווי אַ טויטן לייב. ר׳ ישראל האָט דאָס אַלץ גוט פאַרשטאַנען און ער האָט געוווּסט, אַז זיין לאַגע פאַרערגערט זיך כסדר, אַז ער פאַרמאָגט שוין מיט די לעצטע כוחות. די עטלעכע שאַכטן, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט, מיינענדיק, אַז זיי וועלן אים פאַרטרעטן דעם פּלאַץ פון זיינע אַמאָליקע אומצאָליקע קאַשערעס, האָבן אים אויך נישט געבראַכט קיין גליק. און איצט קוים וואָס ער קען נאָך זשיפּען, אָנהאַלטן דעם זכר פון זיין אַמאָליקן גלאַנץ. יאָ, פאַר אים האָט זיך שוין אַלץ געענדיקט.

ר׳ ישראל האָט זיך פאַר קיינעם נישט באַקלאָגט אויף זיין ירידה. צומאָל האָט זיך אים אפילו געדאַכט, אַז אַזוי דאַרף זיין. אַלטע מוזן אָפּטרעטן און אויף זייער פּלאַץ מוזן קומען יונגע. פונדעסטוועגן ווען ער באַגעגנט זיך אויג אויף אויג מיט די דאָזיקע יונגע ווערט אים אַביסל קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן. דאָס איז נישט קנאה און אויך נישט שנאה. ס׳איז נאָר אַ געפיל פון רחמנות אויף זיך אַליין, אַ געפיל פון אינער־לעכן ווייטיק. אָט זענען אויפגעקומען נייע מענטשן. דעם אַלטן קאָרנהאַ־בערס צוויי זין. דער אַלטער קאָרנהאַבער אַליין איז געווען אַ גאָרנישט. אַ קליין באַלעבעסל, וואָס איז נאָכגעגאַנגען ישראלס פּוסטריט. געזוכט ביי אים עפּעס צו פאַרדינען. און אָט איצט די צוויי בנים זיינע — מיט

אַ וועלט טרייסלען זיי. זיי האָבן מאַכט און ער, ישראל? פון זיינע הענט האָט זיך אַלץ אויסגעגליטשט. ער איז שוין צו אַלט, כדי צוריק צוזאַמענ־צוקלייבן די פאַרלוירענע פעדעם און זיך ווידער אַרויפבאַקומען אויפן פערד. יאָ, אַלץ איז שוין פאַריבער.

דער גענעראַל האָט מיט גרויס מיטגעפיל געקוקט אויפן אַלטן גביר, וועמען ער האָט גוט געדענקט פון די אַמאָליקע צייטן. די עלטער איז נישט קיין פריילעכע זאַך, האָט ער געטראַכט. אָט האָט זי דעם דאָזיקן צעוואקסענעם בוים פאַרוואַנדלט אין אַ צעבראָכענעם שאַרבן. דער גענעראַל האָט געוואָלט עפּעס זאָגן ר׳ ישראלן. ער האָט אים געוואָלט טרייסטן מיט אַ גוט וואָרט. ער האָט אָבער נישט געוווסט, ווי אַזוי אָנ־צוהייבן דעם שמועס. דערווייל האָט מען פאַרענדיקט מעריב און עמעץ האָט אויסגערופן: קדיש. דער גענעראַל האָט זיך אויפגעשטעלט און גע־זאָגט קדיש נאָכן פאַרשטאָרבענעם פאָטער.

יז.

דער קייסער איז געקומען

זינט יענעם גרויסן טאָג, ווען מען האָט געפייערט דעם חנוכת־הבית פונעם מושב זקנים, האָט זיך כאַטיליע כסדר געפילט אַזוי ווי אַ שווערער שטיין וואָלט איר אַראָפּגעפאַלן פון האַרצן. זי איז געווען אויפגעלייגט און פריילעך און דאָס לעבן אין איר שטוב האָט אויך באַקומען אַן אַנדער צורה. די מחיצה, וואָס איז ווי אַ נישט זעבאַרע וואַנט געשטאַנען צווישן איר און איר מאַן, איז פאַרשוואונדן. זינט כאַטיליע האָט דערפילט אין משהן אַ געטרייען מיטהעלפער אין איר צדקה־אַרבעט, זינט זי האָט זיך איבערצייגט, אַז ער שטייט גרייט מיט זיין טייסטער און קאַרגט נישט קיין געלט, אויב עס האַנדלט זיך אין גרויסע און ממשותדיקע אויפטוען, האָט זי אויף אים אָנגעהויבן צו קוקן מיט גאַנץ אַנדערע אויגן. ער איז איר געוואָרן נאָענט און טייער און זי האָט זיך מיט אים אָנגעהויבן צו באַראַטן וועגן אַלע צדקה־עסקים, מיט וועלכע זי האָט אָנגעפירט.

כאָטש קנאַפּע זעקס יאָר זענען שוין פאַריבער זינט יענעם גרויסן טאָג, האָט די דאָזיקע אידיליע צווישן מאַן און ווייב כסדר אָנגעהאַלטן. משה און כאַטיליע פלעגן איצט פאַרברענגען זאַלבעצווייט די שפּעטע אָוונט־שעהן און פלעגן זיך דערציילן אַלץ, וואָס האָט געטראָפן אין משך פונעם טאָג. אויך משה האָט געפילט אין כאַטיליען אַ געטרייע מיטהעלפערין. זי האָט זיך איצט שטאַרק אינטערעסירט מיט זיינע געשעפטלעכע ענינים און נישט זעלטן פלעגט זי אים אין אַ שווערן מאָמענט אַרויסהעלפן מיט אַ גוטער עצה.

צוליב דער דאָזיקער ענדערונג, וואָס איז אַריינגעטראָטן אין זיין שטוב, האָט זיך משה געפילט זייער גליקלעך. ערשט איצט האָט ער דערפילט דעם טעם פון האָבן אַ געטרייע לעבנס־באַגלייטערין. ער האָט

זיך באַמיט צו טאָן אַלץ, כדי די דאָזיקע באַציאונגען זאָלן אָנהאַלטן אויף שטענדיק. משה האָט גוט געוווסט, וואָס עס האָט דערפירט צום פאַרבעסערן זיך פון זיין משפחה־לעבן. האָט ער באַשלאָסן אויך אין דער צוקונפט צו טאָן זאַכן, וואָס זאָלן כאַטיליען צופרידנשטעלן. ער האָט געמאַכט שלום מיט די גבאיטעס און נישט געקוקט מער אויף זיי מיט קיין קרום אויג. פאַרקערט, אָפט פלעגט ער זיך אַריינמישן צו די זיצונגען, פלעגט אַריינוואַרפן אַ וואָרט, אַן עצה. אַז מען האָט געדאַרפט אַ שטאַרקערע פּראָטעקציע אין די הויכע פענצטער, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט צום ביישפּיל וועגן אַ מלוכהשער סובסידיע, אָדער וועגן אַרויסבאַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש ביי דער מאַכט, האָט שוין משה די זאַך גענומען אויף זיך און ער פלעגט טאַקע אַלץ דורכפירן בסדר.

מיט אַזעלכע מעשים האָט משה נאָך מער אויסגענומען ביי כאַטיליען. זי האָט פאַר אים נישט באַהאַלטן איר צופרידנקייט און משה האָט איר געוואָלט נאָך מער צוליב טאָן. ער האָט אָנגעהויבן צו שטעלן אין רשות פון די פאַריינען גרויסע סומעס געלט. ער האָט געוווסט, אַז דערמיט טוט ער איר אָן גרויס פאַרגעניגן און פאַר אים האָבן די אַלע סומעס בסך הכל געהאַט אַ גאַנץ קליינע באַדייטונג. וואָס האָט דען ביי אים אויסגעמאַכט אַ סכום פון עטלעכע טויזנט גולדן, אַז זיין פאַרמעגן האָט איצט געוואקסן אין אַזאַ טעמפּאָ, אַז אים אַליין איז שוין געווען שווער זיך פונאַנדערצוקלייבן אין דעם, וואָס ער פאַרמאָגט? די יערלעכע דיווידענדעס פון די אַקציעס, וואָס זענען געווען דעפּאָזיטירט אין די ווינער בענק, האָבן אים אַריינגעבראַכט הונדערטער טויזנטער גולדן. היינט, ווו זענען די רוחים פון זיינע עצמדיקע עסקים? דער עיקר, פאַרשטייט זיך, פון די נאַפט־עסקים.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט זיך משה לייכט געקענט פאַרגינען די הוצאה פון די עטלעכע טויזנט גולדן, וואָס כאַטיליעס פאַריינען האָבן אים געקאָסט. ער איז טאַקע נישט געווען קיין אויסברענגער און כאָטש ער איז געווען אַזוי רייך, האָט ביי אים יעדער גולדן געהאַט גרויס חשיבות. אויב ער האָט אויסגעגעבן געלט אויף צדקה, האָט ער עס זיכער נישט געטאָן סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין. ער האָט דערביי געהאַט זיין בפירושן חשבון. ערשטנס, האָט אים די דאָזיקע הוצאה אַריינגע־

בראַכט דאָס שלום בית און, צווייטנס, האָט ער געוווּנטן דעם נאָמען פון אַ שיינעם ייד. משה איז נישט געווען קיין כבוד־זוכער. דעם נאָמען פון אַ שיינעם ייד האָט ער נישט געזוכט גלאַט אַזוי. אויב ער האָט געוואָלט אָנגיין פאַר אַ שיינעם ייד, איז עס געווען צוליב דעם, וואָס ער האָט געוווּסט, אַז דער דאָזיקער וועג איז דער איינציקער וואָס קען אים דער־פירן צום אדל־טיטל. משה האָט נאָך שטענדיק געחלומט פונעם אדל־טיטל. ער האָט נישט אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז סוף־כל־סוף וועט ער פונעם קייסער באַקומען דעם טיטל פון באַראָן אָדער לפּחות פון אַ „רי־טער פאָן".

משה האָט קיינעם נישט מקנא געווען צוליב געלט. ווען האָט ער דען געקענט מקנא זיין, אַז די גאַנצע וועלט איז געלעגן ביי זיינע פיס? פּריצים און שררות האָבן זיך פאַר אים געבוקט. זיי האָבן אים געקוקט אין די אויגן און האָבן געוואַרט אויף זיינס אַ גוט וואָרט. כאָטש ער פלעגט זיך מיט זיי קיינמאָל נישט אַריינלאָזן אין קיין שמועסן. משה האָט זיך שוין נישט איינמאָל איבערצייגט וועגן דער גרויסער חשיבות פון זיין פּערזאָן. איין וואָרט זיינס פלעגט עפענען טויערן, וואָס זענען געשטאַנען פאַרמאַכט אויף זיבן שלעסער. איין שמייכל זיינער איז גע־נוג געווען, אַז עס זאָלן קענען דורכגעפירט ווערן די סאַמע אומ־מעגלעכסטע געשעפטן, אפילו אַזעלכע, וואָס זענען געווען קעגן די הערשנדיקע לאַנד־געזעצן.

די איינציקע זאַך, וואָס האָט משהן געפעלט, איז טאַקע געווען דער אדל־טיטל. צוליב דעם איז ער געווען שטאַרק געקרענקט. פאַר משהן איז דער דאָזיקער טיטל נישט בלויז געווען אַ כבוד־זאַך. ער וואָלט פאַר אים געקענט האָבן אַ וויכטיקע ממשותדיקע באַדייטונג. זינט אַ ריי יאָרן פלעגט משה פאַרברענגען יעדן ווינטער אין ווין. זיין אויפ־האַלט אין ווין איז שוין איצט נישט געווען לשם פאַרגעניגן. ער האָט איצט אין ווין געהאַט פאַרצווייגטע געשעפטן, מיט וועלכע ער האָט גע־מוזט פּערזענלעך אָנפירן. כמעט דעם חשובסטן פלאַץ האָט איצט משה פאַרנומען אויף דער ווינער בערזע. זיין דערשיינען דאָרט און פאַראינ־טערעסירן זיך מיט אַ געוויסן פּאַפּיר האָט תיכף געהויבן דעם קורס פו־נעם דאָזיקן פּאַפּיר. משה איז געווען דער טאָן־געבער פון דער ווינער

בערזע, דער מאַכטהאָבער אין דער עסטרייכישער פינאַנץ־וועלט. ווען ער וואָלט נאָך געהאַט דעם אדל־טיטל, וואָלטן פאַר אים געשטאַנען אָפן אַלע וועגן, ביז צום סאַמע בורג־שלאָס, די רעזידענץ פונעם קייסער בכבודו ובעצמו.

משהס ריוואַל, דער באַראָן גוטמאַן, האָט אין משהן געהאַט אַ גרויסע נקמה. דער באַראָן האָט גוט געוווסט, צוליב וואָס משה איז אַזוי שטאַרק געקרענקט. משה ווידער האָט געוווסט, אַז דער באַראָן שטעלט אים אונטער אַ פיסל און שטערט אים אין באַקומען דעם אדל־טיטל. ווען זיי פלעגן זיך צוזאַמענטרעפן, האָט משה שטענדיק געפילט אויף זיך גוטמאַנס איראָניש־דורכשפיזנדיקן בליק. משה פלעגט אַוועקדרייען דעם קאָפּ, כדי נישט צו טרעפן זיך מיט גוטמאַנס בליק.

יענעם פרילינג, ווען אין באָריסלאַוו האָט זיך באַוויזן דער גענעראַל קאָרנהאַבער, איז משהס פאַרדרוס נאָך מער געוואַקסן. היתכן — האָט ער זיך געפרעגט — אַ יונג, וואָס פאַרמאָגט גאָרנישט, ממש גאָרנישט, און אָט איז ער אַן אַדלמאַן, אַ „ריטער פאָן"? אַן קאָפּ־דאַרעניש, אָן צרות האָט ער באַקומען דעם טיטל, בעת משה מיט זיינע שווערע מיליאָנען קען זיך נישט דערשלאָגן צו אַזאַ נאַרישקייט. דאָס מאָל זענען שוין ביי משהן געווען גאַנץ בולטע קנאה־געפילן. ער האָט מקנא געווען אבישן.

משה האָט זיך פאַרטרויט פאַר כאַטיליען און האָט איר דערציילט, צוליב וואָס ער איז אַזוי שטאַרק געקרענקט. האָט זי די גאַנצע זאַך אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין:

וואָס דאַרפסטו זיך אַזוי שטאַרק זאָרגן, נאַריש קינד? אַז אונדז ע'מער דורכפירן אונדזערע אַלע פּלענער, עסטו סיי־ווי ווערן די ערשטע פּערזענלעכקייט אין לאַנד. דו גאָדענקסט די פּאַראַדעס, וואָס אונדז האָב'מער געהאַט אינעם מושב זקנים. נאָך עטלעכע אַזעלכע פּאַראַדעס און מ'עט ליגן ביי דיינע פיס, אַז דו זאָלסט וועלן אָננעמען דעם באַראָן־טיטל.

בעת כאַטיליע האָט גערעדט וועגן די פּלענער, האָט זי געמיינט קודם־כל דאָס אויפבויען אַ בית־יתומים. דער בית־יתומים איז זינט אַ סך יאָרן געווען איר טייערסטער חלום. די אומשטענדן האָבן געפירט צו דעם, אַז מען האָט קודם געמוזט אויפשטעלן דעם מושב־זקנים. אָבער כאַטיליע האָט נישט מוותר געווען אויפן בית־יתומים. להיפוך, מיט דער צייט האָט

זיך ביי איר אַלץ פעסטער איינגעוואָרצלט די איבערצייגונג, אַז דער בית־יתומים מוז אויפגעשטעלט ווערן. מיט דער צייט זענען אויך גע־וואקסן אירע השגות מכוח דער גרויסקייט און דער שיינקייט פונעם הויז. זי האָט בפירוש געוואָלט, אַז דער בית־יתומים, וועלכן זי וועט אויפבויען, זאָל פאַרנעמען דעם ערשטן פלאַץ צווישן אַלע ענלעכע בנינים אין לאַנד. כאַטיליע האָט נישט געוווסט, וויפיל אַזאַ בנין וועט אָפּ־קאָסטן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף צו אים האָבן אַ גרויסע אפּותיקא און זי איז נאָך נישט געווען פאַרטיק מיט איר משהן און זי האָט נאָך נישט געהאַט זיין הסכמה אויף דער דאָזיקער גרויסער שפּענ־דונג. זי האָט אָבער געגלויבט, אַז סוף־כל־סוף וועט ער מסכים זיין. נישט מער, נאָר ס׳מוז אַביסל דויערן און כאַטיליע האָט געהאַט אַ סך גע־דולד.

ווען משה האָט זיך פאַר כאַטיליען פאַרטרויט וועגן זיינע צרות, האָט זי די זאַך געשיקט אויסגענוצט פאַר אירע פּלענער. זי האָט אים אונ־טערגערוקט דעם געדאַנק פון מאַכן ווייטערדיקע גרויסע שפּענדונגען. משה האָט לעת עתה נישט געגעבן קיין ענדגילטיקן ענטפער. אָבער כאַ־טיליען האָט עס נישט געאַרט. זי האָט געוווסט, אַז דער געדאַנק וועט אים שוין נישט לאָזן צו רו, אַז סוף־כל־סוף וועט ער זיך טאָן אַ רייס־אויף און וועט די זאַך דורכפירן. דערווייל האָט זי געפירט איר טאָג־טעגלעכע צדקה־אַרבעט. צוזאַמען מיטן גרויסן אויפשוווּנג פון דער נאַפט־אינדוסטרי איז געוואַקסן די נויט און דאָס דחקות צווישן די אַרויסגע־שטויסענע. כאַטיליע האָט געמוזט איר טעטיקייט אויסברייטערן און נאָך מער פאַרצווייגן. אמת, די גרויס־אינדוסטרי האָט אַריינגעבראַכט עשי־רות אין דעם נאַפט־געביט, אָבער גלייכצייטיק האָט זי אכזריותדיק באַ־האַנדלט די אַלע מענטשן, וואָס האָבן איר נישט געקענט נאָכקומען. טויזנטער משפּחות האָט זי אַרויסגעשטויסן פון די רעלסן און דערפירט זיי צום מצב פון שנאָרערס. דאָס רוב זענען עס געווען יידן. געווען זע־נען אַזעלכע, וואָס דאָס מזל האָט זיי נישט צוגעשפּילט און זיי האָבן זיך אויסגעגליטשט אויפן וועג, וואָס זיי האָבן געמיינט, אַז ער וועט זיי פירן צום רייכטום. אפשר האָבן זיי נישט געהאַט קיין מזל און אפשר זענען זיי געווען צו שוואַך, כדי צו געווינען דעם שווערן קאַמף מיט דער

תאוואהדיקער רויבערישקייט פון די שטאַרק־פּויסטיקע גבירים. אַזוי אָדער אַזוי, דער סוף איז געווען, אַז זיי זענען איינגעשלונגען געוואָרן דורך ד'ער כסדר וואַקסנדיקער גרויס־אינדוסטרי. ד'ער רוב פון דער אָרעמקייט איז אָבער געקומען פון די אַרבעטנדיקע קרייזן. מענטשן האָבן זייער געזונט און כוח געפּטרט ביי אַ שווערער אַרבעט און ווען די כוחות זע־נען אויסגעגאַנגען זענען זיי ווי אויסגעקוועטשטע ציטרינען אַרויסגע־שליידערט געוואָרן אין מיסטקאַסטן.

כאַטיליעס אַרבעטס־פעלד איז אַזוי אַרום געווען זייער ברייט. זי האָט אָבער נישט געקענט נאָכקומען די ריזיקע באַדערפעונישן און איר הילף איז געווען גלייך ווי אַ טראָפּן וואַסער אין אַ גרויסן ים. זי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון איר שוואַכקייט. זי האָט אָבער נישט גע־ווּסט, ווי אַזוי זיך אַן עצה צו געבן מיט דער שווערער לאַסט, וואָס זי האָט אויף זיך גוטווויליק גענומען. זי האָט געהאַט אַ גוט האַרץ, וואָס האָט געוויייטיקט צוליב די יידישעליידן, עס האָט איר אָבער געפעלט דער חוש פאַר קאָנסטרוקטיווקייט אין דער פילאַנטראָפּישער אַרבעט. אַלץ האָט זי געטאָן לשם מצוה. שטענדיק איז זי געווען אַריינגעטאָן אין קליינע הילפס־אויפגאַבן. זי האָט צעדריבלט דאָס געלט, וואָס זי האָט צוזאַמענ־געשטעלט מיט אַ סך מי. זי האָט אָבער בלויז געלאַטעט די יידישע צרות. קיין ממשותדיקע הילף, וואָס זאָל עמעצן אויפריכטן און שטעלן אויף די פיס, האָט זי קיינעם נישט געקענט געבן.

נתן אַפּעלס טענות זענען זיכער געווען געגרעכטע אין אַ גרויסער מאָס. ער איז אָבער באַגאַנגען אַן עיקרדיקן פעלער און דעריבער איז ער טאַקע דורכגעפאַלן. אנשטאָט אויפצוקלערן די באַדייטונג פון קאָנסטרוק־טיווער פילאַנטראָפּיע און באַמיען זיך, אַז אין דער ערשטער ריי זאָל געגעבן ווערן הילף צו אַזעלכע מענטשן, וואָס ווילן מיטן דאָזיקן געלט עפּעס אויפטאָן און שטעלן זיך אויף די פיס, האָט ער געפּרעדיקט רעפאָר־מיסטישע אידייען, מיט וועלכע ער האָט ביי קיינעם נישט גושא חן גע־ווען. די פּעולה איז געווען, אַז מען האָט אים נישט גענומען ערנסט. מען האָט אים באַטראַכט ווי אַ מאַניאַק, וואָס האָט נישט קיין אַנדערע דאגות ווי נאָר צו קעמפן קעגן בערד און פּיאות. במילא האָט אַפּעל נישט געקענט האָבן קיין השפּעה אויפן גאַנג פון דער אַרבעט, כאָטש זיינע גע־

דאַנקען װעגן פּראָדוקטיװיזירן די ײדישע אָרעמקײט זענען געװען ריכ־טיקע.

כאַטיליע פלעגט זיך אין אַלע אירע מעשים רעכענען מיט דער גרױס פון דער מצוה, װאָס זי קױפט זיך. הכנסת כלה, האָט זי געװוּסט, איז אַ גרױסע מצוה. אױך דאָס טראָגן כשרע שפּײז פאַר די קראַנקע אין שפּיטאָל איז אַ גרױסע מצוה, פּונקט װי דאָס דערהאַלטן בײם לעבן מיט אַ לעפל געקעכץ אַ מענטש, װעלכער גײט אױס פון הונגער. האָט זי כסדר געטאָן דאָס זעלבע: חתונה געמאַכט אָרעמע פּאָרפעלקער, אָר־גאַניזירט דאָס טראָגן עסן אין שפּיטאָל אַרײן און געטײלט נדבות צו אָרעמע לײט.

אין משך פון די לעצטע יאָרן האָט כאַטיליע געהאַט אַ היפּשע צאָל חתונות. זי האָט אױך חתונה געמאַכט רבקה רחלען, װעלכע איז געבליבן אַ קײלעכדיקע יתומה נאָך זלאַטעס טױט. רבקה רחלס חתונה איז פאַר דער שטאָט געװען אַ גרױסער יום־טוב. קינד און קײט האָט זי געקענט און ליב געהאַט. פּונקט אַזױ װי די שטאָט האָט מיט איר מיטגעטרױערט נאָכן טױט פון איר מוטער, אַזױ האָט זי זיך מיטגעפרײט מיט איר שמחה. פון לאַנג האָט מען געװוּסט, אַז משה ראַפּאַפּאָרטס אָפּט אַרײנקומען צו רבקה רחלען אין שטוב אַרײן איז נישט גלאַט אַזױ אין דער װעלט אַרײן. משה האָט זיך פאַרטרױט פאַר מלכה די פישערקע, אַז דאָס קלײנע, אױסגעדאַרטע מײדעלע געפעלט אים און אַז ער װיל זי נעמען פאַר אַ װײב. רבקה רחל װידער האָט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם בחור. זי האָט אָבער געטענהט, אַז זי האַלט נישט בײ חתונה האָבן. דהײנו, זײער אַ סך עלנטקײט איז נאָך פאַראַן אױף דער װעלט און זי, רבקה רחל, איז מחויב צו גײן העלפן דער אָרעמקײט. טאָ זאָל זי פּונקט אין אַזאַ צײט זיך אַװעקשטעלן און פּראַװען פאַר זיך אַ שמחה? נײן, דאָס װאָלט ממש געװען אַ חרפּה און אַ בזיון. אַזאַ זאַך קען זי נישט טאָן.

אָבער דאָס לעבן האָט געפירט אַנדערש. נאָך דער מאַמעס טױט איז רבקה רחל געבליבן עלנט װי אַ שטײן. אירע צװײ ײנגערע ברידער זענען שױן אױפגעװאַקסן. זײ זענען אַװעק אױף אײגענע װעגן. רבקה רחל אין אײנע אַלײן געבליבן אין דער אַלטער שטוב. כאַטיליע האָט זיך אַרײנ־

געמישט. זי האָט דורכויס געפאָדערט, אַז רבקה רחל זאָל חתונה האָבן. האָט זי חתונה געהאַט.

משה ראַפּאַפּאָרט איז געווען אַ גוטער מאַן. ער האָט כסדר גע־אַרבעט ביי שמעונען, דעם זייפנזידער, און זיין פאַרדינסט האָט נישט געקלעקט מעו׳, ווי אויף חיונה בצמצום. פונדעסטוועגן האָט רבקה רחל אויפגעהערט אַרומצוגיין מיט די בייגל. זי האָט זיך באַנוגנט מיט משהס קליינע פאַרדינסטן.

דעם זעלבן זומער, ווען ס׳איז געפּראַוועט געוואָרן רבקה רחלס חתונה, האָט די שטאָט איבערגעלעבט אַ גאָר זעלטן געשעעניש, אַ גע־שעעניש, וואָס האָט נישט געהאַט זיין גלייכן זינט די שטאָט איז שטאָט. דער קייסער פראַנץ יאָזעף, וועלכער האָט זיך שוין זינט תחילת זומער געפונען אויף דער נסיעה איבערן גאַנצן לאַנד, האָט אין חודש יולי גע־דאַרפט באַזוכן דראָהאָביטש און באָריסלאַוו. די דראָהאָביטשער יידן האָבן גאַנץ ווייניק פאַרשטאַנען, וואָס דער קייסער איז אויסן מיט דער דאָזיקער נסיעה. מן־הסתם, אַז אַ קייסער פּלאָגט זיך אָפּ חדשים לאַנג אויף אַ נסיעה, איז עס נישט גלאַט אַזוי אָן גאָרנישט. ס׳מוז אין דעם שטעקן עפּעס אַ „פּאָליטיק״, וואָרום ס׳איז שווער צו גלויבן, אַז ער מיינט בלויז זיך אָנקוקן זיין מלוכהלע און טרעפן זיך מיטן פאָלק. אמת, דאָס פאָלק גייט נאָך אים אויס פון ליבשאַפט און ס׳וועט זיכער זיין גליקלעך, ווען ס׳וועט האָבן די מעגלעכקייט אָנצוקוקן דעם קייסער. אָבער ס׳לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז דעם קייסערס נסיעה זאָל נישט האָבן קיין אַנ־דערן צוועק, ווי נאָר הנאה צו טאָן דעם פאָלק.

קלוגע מענטשן האָבן דעם קייסערס רייזע פאַרבונדן מיט פאַרשי־דענע פּאָליטישע געשעענישן, וואָס האָבן זיך אין יענער צייט אָפּגעשפּילט אויף דער וועלט. מן הסתם, האָבן זיי געזאָגט, וויל דער קייסער אָפּטאָן אויף טערקיש פאַניען. והא ראיה, ער האָט אַרויסגעגעבן אַ שטרענגן באַפעל, אַז בעת דער גאַנצער נסיעה טאָר זיך נישט געפינען לעבן דעם קייסער קיין איין באַוואָפנטער סאָלדאַט, קיין איין אוניפאָרמירטער באַ־אַמטער. די נסיעה מוז טראָגן אַ פולשטענדיק ציווילן כאַראַקטער, איז גע־זאָגט געווען אינעם דאָזיקן באַפעל, און בלויז איין מיליטערמאַן האָט זיך געקענט געפינען אינעם קייסערס באַגלייטונג. דאָס איז געווען זיין פער־

זענלעכער אדיוטאַנט. אַלע איבעריקע מיטגלידער פון דער באַגלייטונג זענען געווען ציוויל־לייט.

אַרום דעם דאָזיקן באַפעל האָט מען זייער אַ סך דיסקוטירט. וואָס באַדייט די דאָזיקע ענייוותדיקייט פונעם קייסער? צי האָבן זיך אים שוין צוגעגעסן די מיליטערישע פּאַראַדעס און דעפילאַדעס? ווען אפילו יאָ. טאָ פונדעסטוועגן וואָלט ער זיך געקענט פאַרגינען צו האָבן אַרום זיך עטלעכע זשאַנדאַרמען, כדי זיי זאָלן אָפּהיטן זיין פּערזאָן. געשאַדט וואָלט עס געוויס נישט און ווי אַ זאַך מאַכט זיך, וואָלט דער קייסער יעדנפאַלס געווען זיכערער מיט זיין לעבן. און צוריקגעשמועסט, אויב ער וויל נישט האָבן לעבן זיך נישט קיין סאָלדאַט און נישט קיין זשאַנדאַרם, ווער זשע וועט אים טאָקע אָפּהיטן בשעת דער לאַנגער נסיעה? ס׳איז באמת נישט קיין געלעכטער. מ׳האָט דאָך בפירוש געזען דעם סוף פון אַנדערע קיסריים, וועלכע האָבן זיך נישט געהעריק געהיטן. אָט האָט דער צאַר אַלעקסאַנדער געמאַכט אַ נסיעה איבער זיין לאַנד און וואָס איז געווען דער סוף? די ניהיליסטן האָבן אים אַוועקגעלייגט, ווי להבדיל אַ הונט. און דער איצטיקער צאַר, דער אַלטער אַלעקסאַנדער דער דריטער, וואָס איז שוין כלומרשט אַ גוטער און אַ ליבעראַלער. אַנו, זאָל ער פּרווון צו מאַכן אַ נסיעה? וואָלט מען באַלד געזען, צי ער וואָלט נישט אַריינגע־כאַפּט קיין קויל.

די יידן זענען אויפריכטיק באַזאָרגט געווען וועגן דעם גורל פון זייער אַלטן קייסער, פראַנץ יאָזעף. הלמאי זאָל מיט אים, חס ושלום, נישט געשען קיין מכשול. אַ מאָדנעם באַפעל האָט ער אַרויסגעגעבן. ער זאָגט זיך בפירוש אָפּ פון יעדער שוץ. ער מאַכט זיך הפקר. וואָס איז דאָ דער שכל?

אָבער די קליגערע האָבן אויך אויף דעם געהאַט אַ פאַרטיקן ענטפער. דער קייסער, האָבן זיי געגעבן צו פאַרשטיין, וויל ווייזן דער וועלט, אַז מיט אים וועט גאָרנישט געשען. ער וויל זיך טאַקע אַביסל רייצן מיט פאַניען. אָט פאָרט ער איינער אַליין, אָן שום שוץ, איבער דער גאַנצער מדינה און וואָס באַקומט ער? בלומען מיט ברכות. און פאַניע? זאָל ער נאָר אָנהייבן צו פאָרן, וועט מען שוין זען, וואָס ער וועט באַקומען.

יידן האָבן געשמועסט און די צייט האָט זיך גערוקט. זינט עטלעכע

וואָכן איז שוין דער קייסער געווען אויפן וועג און ס׳איז, ברוך השם, נישט פאָרגעקומען מיט אים קיין שום מכשול. ס׳האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פונעם קייסערס באַזוך אין דעם דראָהאָביטשער נאַפט־ראַיאָן. אַ טאָג פריער האָט דער קייסער פאַרבראַכט אין לעמבערג. ער האָט באַזוכט די גרויסע אויסשטעלונג פון דער גאַליציִשער אינדוסטריע און אַגריקולטור. די דאָזיקע אויסשטעלונג איז איינגעאָרדנט געוואָרן ספּעציעל לכבוד דעם קייסערס באַזוך. צומאָרגנס אינדערפרי האָט זיך זיין סאַלאָן־צוג אָפּגעשטעלט אויף דער דראָהאָביטשער באַן־סטאַציע. פאָרויס איז געווען באַשטימט, אַז פאַרמיטאָג וועט דער קייסער אַדורכפאָרן די שטאָט און באַלד דערנאָך וועט ער זיך אומקערן אין זיין סאַלאָן־צוג. נאָך דעם זעלבן נאָכמיטאָג האָט דער קייסער געדאַרפט באַזוכן באָריסלאַוו.

פאַרטאָג איז משה גארטענבערג, אַן אויסגעפּוצטער אין אַלעם שענסטן, אַוועקגעפאָרן קיין באָריסלאַוו. דער מאַרשאַלעק פונעם אויטאָנאָמישן באַצירקס־ראַט, דער רעכטיטשער גראַף, טאַרנאָווסקי, וועלכער האָט געדאַרפט באַווירטן דעם קייסער אויפן שטח פונעם דראָהאָביטשער באַצירק, האָט געהאַט צוגעזאָגט משהן, אַז ער וועט אים פאָרשטעלן פאַרן קייסער ווי דעם פאָרשטייער פון דער נאַפט־אינדוסטריע. אַ גאַנצע וואָך האָט זיך משה צוגעגרייט צום דאָזיקן זעלטענעם צוזאַמענטרעף מיטן קייסער. ווי זיין טבע איז געווען אין אַזעלכע פאַלן, איז ער די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער און האָט צו קיינעם נישט אַרויסגערעדט קיין גלייך וואָרט. אינעם טאָג פונעם קייסערס באַזוך איז ער אויפגעשטאַנען זייער פרי. ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט כאַטיליען און איז אַרויס אויפן הויף. דער פערד־שגץ האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו „פּאַיען״ די פערד, ווי ער האָט דערזען דעם בעל־הבית אַן אויסגעפּוצטן אין שוואַרצן, מיטן הויכן צילינדער־הוט אין דער האַנט, אַראָפּגיין פון די טרעפּלעך. משהס מרה שחורהדיק פּנים האָט נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס און דער שגץ האָט זיך פאַר אים שטאַרק דערשראָקן. ער האָט גענומען גיך זיך פאָרען אַרום די פערד, אָבער ווי אויף להכעיס איז אים אַלץ אַרויסגעפאַלן פון די הענט. משה איז געווען שטאַרק אומגעדולדיק. ער האָט געקריצט מיט די ציין און מיט כוח זיך צוריקגעהאַלטן, כדי נישט אַריינצוזאָגן דעם שגץ אין טאַטנס טאַטן אַריין.

פֿאַרן טויער האָט זיך באַוויזן נתן אַפּעל. אויך ער האָט געטראָגן אַ שוואַרצן שלוסראָק און האָט דעם צילינדער־הוט געהאַלטן אין דער האַנט. זיינע לאַנגע גרויע האָר האָבן זיך ווי קאַלטונעס געדרייט אַרום די שלייפֿן און זענען אַראָפּגעפֿאַלן איבערן נאַקן ביז צו די שטאַרק־איינגעהויקערטע פּלייצעס. אין די לעצטע יאָרן האָט זיך אים שטאַרק פֿאַרגרעסערט דער פּליך איבערן שטערן. דאָס קרענקלעך־אויסגעדאַרטע פּנים איז איצט געווען אַ סך געלער ווי פֿריער און איבער זיינע אַרויסשטאַרנדיקע קין־ביינער האָט זיך געצוגלט אַ דין־דורכזיכטיקע הויט. בלויז דער סאַמעטענער גלאַנץ פֿון די אויגן איז ביי אים געבליבן פּונקט ווי פֿריער. דאָס זענען געווען די זעלבע יוגנטלעך־שטיפֿערישע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק געשמייכלט, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: קוקט נישט אויף מיין איינגעשרומפּנקייט און אויסגעמאַטערטן גוף, פֿון וועלכן עס שפּירט זיך שוין דער ריח פֿון קבֿר. קוקט ליבערשט אויף אונדז, ווייל מיר טראָגן דעם שמייכל פֿון פֿרילינג און פֿון דער אויפֿגייענדיקער זון.

ווען משה האָט דערזען אַפּעלן, האָט ער זיך אַביסל באַרואיקט. אין נתן אַפּעלס באַגלייטונג פֿלעגט ער זיך שטענדיק פֿילן מער זיכער. פֿאָרט אַ געבילדעטער מענטש און אַ בעל־שׂכל דערצו. אין אַ שווערן מאָמענט געפֿינט ער כּסדר די ריכטיקע עצה און מ׳קען זיך אויף אים פֿאַרלאָזן. משה האָט אַפּעלן וואַרעם באַגריסט.

— גוט מאָרגן, פּאַניע אַפּעל. איר זעט מיר עפּעס היינט נישט גוט אויס. אפֿשר זענט איר, חלילה, נישט געזונט? מ׳וואָלט געדאַרפֿט פֿרעגן אַ דאָקטער.

— ווער מיר דאָקטער, וואָס מיר דאָקטער. כ׳האָב שוין געפֿרעגט ביי דאָקטוירים — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — נו, ווייסן זיי זיך דען פּונעם נאָמען צו זאָגן? גאָרנישט, מ׳וועט זיך שוין ווי עס איז אַזוי דורכדרייען. הער גאַרטענבערג, מ׳דאַרף שוין פֿאָרן, האַ?

די קאַלעס איז געשטאַנען פֿאַרטיק. משה איז בכּבֿודיק אַרויפֿגעשטיגן דער ערשטער. נאָך אים איז אַרויף אַפּעל. משה האָט גענומען זיך איינהילן אין אַ פּעלערינע.

— ס׳איז אייך דען קאַלט, הער גאַרטענבערג? — האָט נתן געפֿרעגט

מיט אַ שמייכל און בעת מעשה געקוקט צום לויטערן הימל, אויף וועלכן ס׳האָט זיך געשטעלט אַ בריענדיקע זון.

— איי, פּאַניע אַפּעל, איר זענט גאָרנישט פּראַקטיש. ווען איר וואָלט געווען אין ווין, וואָלט איר פון אַזעלכע זאַכן מער געוווּסט. אָט נעמט די צווייטע פּעלערינע און הילט זיך איין. אויפן וועג ווערט מען דאָך פאַר־שטויבט און ווי אַזוי ווילט איר זיך אין אַ פאַרשטויבטן שלוסראָק שטעלן פאַרן קייסער? האַ?

אָן חשק האָט אַפּעל געשלעפּט אויף זיך די פּעלערינע און די קאַלעס האָט זיך שוין דערווייל געטראָגן איבערן אויסגעפלאַסטערטן שטראָז. דורכן מאַרק־פּלאַץ איז נישט מעגלעך געווען דורכצופאָרן. כאָטש ס׳איז נאָך געווען זייער פרי, האָבן זיך שוין המונים מענטשן אָנגעזאַמלט לענג־אויס דעם וועג, ווו דער קייסער האָט געדאַרפט דורכפאָרן. מ׳האָט זיך געוואָלט באַוואָרענען מיט אַ גוטן פּלאַץ, כדי נישט צו פאַרלירן די איינ־ציקע געלעגנהייט אינעם לעבן צו זען דעם קייסער. צום היטן די אָר־דענונג איז פון די שטאָט־בעלי־בתים אויסגעטיילט געוואָרן אַ בירגער־לעכע מיליץ. מיט דריי קאָלירקע לענטעס אויף די ברוסטן האָבן זיך די מיליץ־לייט אַרומגעדרייט צווישן דעם עולם. זייער אויפגאַבע איז גע־ווען צו היטן, אַז דער דורכפאָר־וועג זאָל זיין פריי. די דאָזיקע אויפגאַבע איז אָבער געווען אַ זייער שווערע. דער המון האָט זיך געשטופּט און האָט נישט געלייגט קיין שום אַכט אויף די באַפעלן פון די מיליץ־לייט. קוים מיט צרות האָט זיך משה מיט זיין קאַלעס באַוויזן דורכצושטופּן דורך דער געדיכטער מענטשן־מאַסע. ווען דער וואָגן האָט פאַרקערעוועט צום באַריסלאַווער וועג, האָט זיך משה אומגעדרייט און האָט געוואָרפן אַ בליק אין דער ריכטונג פון דער סטריער גאַס. איבער די קעפּ פונעם המון האָט זיך געטורעמט אַ הויכער טויער, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין מיטן גאַס. דער טויער האָט זיך געטונקען אין גרינס און עס האָבן איבער אים געפלאַטערט צוויי מלוכהשע פענער. ביים דאָזיקן טויער האָט דער קייסער געדאַרפט באַגריסט ווערן דורך די פּני־העיר.

ווען משה און נתן זענען אָנגעקומען קיין באַריסלאַוו, האָבן זיי אויך דאָרט געטראָפן דאָס זעלבע, וואָס זיי האָבן מיט אַ שעה צוריק איבער־געלאָזט אין דראָהאָביטש. דער גאַנצער וועג פונעם באַריסלאַווער וואקזאל

ביז צו דער געמיינדע צו איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. ביים עק פון דער קאסערן־גאַס, דאָרט, ווו זי קרייצט זיך מיט דער הערן־גאַס, האָט דער המון פאַרשפּאַרט דעם דורכפאָר. די באָריסלאַווער מיליציאַנטן האָבן ממש מיט פויסטן געמוזט פאַר משהן דורכברעכן אַ וועג. אויס־געמאַטערטע האָבן זיך משה און נתן צוגעשלעפּט צום גרויסן פּלאַץ לעבן דער געמיינדע, ווו עס האָט געדאַרפט פאָרקומען דעם קייסערס קבלת־פּנים.

אַן ערך זייגער איינס נאָכמיטאָג איז דער גרויסער המון מענטשן, וואָס איז געשטאַנען אויסגעשטעלט לענגאויס דעם וועג פון דער באַן ביז צו דער געמיינדע, עלעקטריזירט געוואָרן דורך דער ידיעה, אַז דער סאַ־לאָן־צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער באָריסלאַווער באַן־סטאַציע. די ידיעה איז איבערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל און ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי די פּני־העיר, וואָס זענען געווען פאַרזאַמלט אויפן געמיינדע־פּלאַץ, האָבן זיך וועגן איר דערוווּסט. די מענטשן זענען גע־בליבן שטיין אָן באַוועגונג. אַ טויטע שטילקייט האָט זיך צעשפּרייט אי־בער דער גאַנצער שטאָט. אַלעמענס הערצער האָבן גענומען שטאַרקער קלאַפּן. אַ געמישט געפיל פון גערירטקייט און יראת־הכבוד האָט באַ־הערשט דעם המון. אָט באַלד וועלן זיי האָבן די זכיה צו זען דעם מאַיעס־טעט פון דער גרויסער מלוכה, דאָס איבערמענטשלעכע וועזן, וואָס רע־פּרעזענטירט סוווערעניטעט און הערשאַפט.

אויפן פּלאַץ ביי דער געמיינדע האָט מען זיך גענומען גרייטן צום קבלת־פּנים. משה איציק קאָרנהאָבער איז אַ צעהיצטער אַרויסגעלאָפן פאַר־נעם געמיינדע־בנין. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן פּלאַץ און האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן בנין, וואָס איז באַצירט געווען מיט פּילקאָלירקע אויפשריפטן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט געטריישאַפט פאַרן קייסער. דערנאָך האָט ער אַ גלעט געטאָן מיט די אויגן די פיר הויכע מאַשטן ביי די עקן פונעם פּלאַץ, אויף וועלכע עס האָבן געפלאַטערט ברייטע מלוכה־שע פענער. משה איציק איז, ווייזט אויס, געווען צופרידן פונעם באַקוק, ווייל אַ צעשמייכלטער האָט ער זיך דערנענטערט צום גרויסן עולם מענ־טשן, וואָס איז געווען פאַרזאַמלט אויפן פּלאַץ.

משה איציק האָט אָנגעהויבן אויסצושטעלן די פאַרשידענע דעלע־

גאַציעס, וואָס זענען דאָ געווען. די גלחים פוןביידע גלויבנס האָט ער אָוועקגעשטעלט אויף אַ בכבודיקן אָרט. נישט ווייט פון זיי די רבנים, וואָס האָבן מיטגעבראַכט אַ ספר תורה. אויפן שטיקל אָרט, וואָס משה איציק האָט זיי צוגעטיילט, האָבן זיי אויסגעשפּרייט אַ חופּה, וואָס איז ספּעציעל באַצירט געווען מיט אַ העברעאישער אויפשריפט, אויסגענייט מיט גאָלדענע אותיות אויף בלויען סאַמעט: „ברוך הבא אדונינו הקיסר האדיר החסיד והחכם פראנץ יוסף הראשון ירום הודו". נישט ווייט פון די רבנים האָבן זיך אויסגעשטעלט די עטלעכע צענדליק פּוילישע פּריצים, אָנגעטוענע אין לאַנגע שלאַכצעקע קאָנטושן מיט באַפּעדערטע קאָל־פּאַקעס אויף די קעפּ. די דאָזיקע פּריצים זענען געווען דירעקטאָרן פון די ניי־אַנטשטאַנענע גרויסע נאַפט־אונטערנעמונגען.

משה גאָרטענבערג איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן לעבן ישראל לי־בערמאַנען. ביידע קעגנער האָבן זיך נישט געזען זינט זייער אַ סך יאָרן. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק צוגעוואָרפן נייגעריקע און אָנגעברוגזטע בליקן. משה האָט באַטראַכט דעם זקן און האָט זיך שטאַרק געחידושט צוליב זיין פאַרענדערן זיך. אָט שטייט ער אין זיין מאַיעסטעטישער הויכקייט, אָבער די פּלייצע איז שוין ביי אים גאָר איינגעבויגן און דאָס שבתדיקע מלבוש צוביסלעך אויסגעריבן און אויסגעקראָכן פון אַלטקייט. צי איז ער טאַקע יענער ישראל ליבערמאַן פון אַמאָל, דער גביר און דיקטאַטאָר אין באָריסלאַוו? ווען משה וואָלט נישט געקענט די גאַנצע געשיכטע פון ישראלס אויפשטייג און ירידה, וואָלט ער קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז די ביידע זענען איין מענטש. ר' ישראל איז געשטאַנען אַ שווייגנדיקער. ער האָט צו קיינעם נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, בלויז שטיל אַריינגע־קרעכצט אין זיין באָרד אַריין.

משה איז געווען שטאַרק אַנטוישט צוליב דעם גרויסן עולם, וואָס איז געקומען צום קבלת־פּנים. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט דאָ זיין דער איינציקער חשובער גאַסט, ווען מען האָט איינגעלאַדן צו קומען באַגריסן דעם קייסער. אויב שוין נישט דער איינציקער, זאָל שוין זיין איינער פון עטלעכע געציילטע געסט. אָבער אויף אַזאַ אָנגעלויף האָט זיך משה נישט געריכט און די זאַך האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט

זיך אומגעדרייט צו אַפּעלן, וועלכער איז געשטאַנען אַ טריט הינטער אים, און האָט צו אים געזאָגט:

— נו, הער אַפּעל, וואָס זאָגט איר עפּעס צו דעם דאָזיקן אָנלויף? ווי אַזוי וועלן מיר ביי אַזאַ ערב רב דערלאַנגען דעם קייסער אונדזער בקשה?

— מ׳עט שוין געפינען אַן אויסוועג, — האָט אים אַפּעל באַרויִקט, נאָר אַליין האָט ער אויך נישט געוווּסט, ווי אַזוי מען וועט דערכקומען מיט דער זאַך.

דער רעכטיטשער גראַף האָט געהאַט צוגעזאָגט משהן, אַז ער וועט אים צוהעלפן, כדי ער זאָל קענען דעם קייסער פּערזענלעך איבערגעבן די בקשה וועגן דעם באַראָן־טיטל. עטלעכע טעג האָט זיך משה געמאַטערט צוזאַמען מיט אַפּעלן און זיי האָבן אָנגעשריבן די דאָזיקע בקשה. איצט האָט זי אַפּעל געהאַלטן אין דער האַנט, ווי מען האַלט אַ טייערן אוצר, גרייט זי איבערצוגעבן דעם קייסער. אָבער ביי דעם גרויסן עולם, וואָס איז דאָ אָנגעלאָפן, האָט משה פאַרלוירן די האָפענונג, אַז ער וועט האָבן אַ געלעגנהייט צו דערלאַנגען די בקשה.

דערווייל האָבן זיך פונדערווייטנס דערטראָגן עפּעס מאָדנע קולות. לכתחילה האָט מען נישט געקענט פאַרשטיין זייער באַדייט. נאָר יואָס אַמאָל זענען די דאָזיקע קולות געוואָרן אַלץ שטאַרקער און דייטלעכער. דער המון האָט געמאַכט אויסרופן לכבוד דעם קייסער.

— האָך, זאָל לעבן! — האָבן זיך געטראָגן די קולות, אַלץ העכער און אַלץ נענטער.

פונעם געמיינדע־הויף, וואָס איז געלעגן אַביסל אין דער הויך, האָט מען ביים עק פון דער גאַס דערזען צוויי וועגענער, וואָס האָבן זיך לאַנגזאַם געררוקט פאָרויס. דער ערשטער וואָגן איז געווען אַ געוויינלעכע ברישקע פון אַ פּריצישן הויף, איינגעשפּאַנט אין צוויי פערד. די ברישקע איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. דער צווייטער וואָגן איז געווען אַ לאַקירטע און ווייס אויסגעבעטע קאַלעס. זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַבעסערן פיאַקער־וואָגן. זי איז אָבער נישט געשלעפּט געוואָרן דורך אַן אויסגעדאַרטער פיאַקערישער שקאַפּע. דריי שטאָלצע לייבן־פערד זענען געגאַנגען אין איר געשפּאַן און דער אָנטרייבער אין אַ

גרעפישער ליבעריע איז אַן אויסגעשטייפטער געזעסן אויפן באַק. אויף דער קאַלעס איז געפאָרן אַ זקן אין אַ גענעראַלישן אוניפאָרם און מיט אַ ברייטער אָרדן־שאַרפּע אַרום דער ברוסט. די צוויי טיילן פון זיין ווייסער באַקן־באָרד זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין צוויי אַנטקעגנ־געזעצטע זייטן, איבערלאָזנדיק אין מיטן פונעם קין אַ טיף־ברייטן שרונט.

דער המון האָט פון התלהבות געוואָרפן די היטלען אין דער לופט און האָט טויב געמאַכט דעם אַרום מיט זיינע געשרייען.

— האָך! זאָל לעבן אונדזער קייסער!

ווי אַן אויטאָמאַט האָט זיך דער זקן געבויגן אַמאָל אויף לינקס און אַמאָל אויף רעכטס. פון צייט צו צייט האָט ער נאָך סאַלוטירט, אויפהייבנדיק די רעכטע האַנט צום דאַשעק פון זיין שוואַרצן אָפיציר־רישן היטל. אויף אַזאַ אופן האָט דער קייסער באַגריסט דעם עולם און האָט געדאַנקט פאַרן האַרציקן קבלת־פּנים.

די וועגענער האָבן פאַרקערעוועט אין געסל, וואָס האָט געפירט אַרויפצו צום געמיינדע־פּלאַץ. באַלד האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן פונעם פּלאַץ. פון דער בריטשקע איז פלינק אַראָפּגעשפּרונגען אַ הויכער פאַרשוין מיט אַ פּאָר זילבער־ווייסע דיקע וואָנצעס. די לאַנגע פּאָלעס פונעם קאַנטוש האָבן זיך אים געפּלאָנטערט צווישן די פיס. ער איז צו־געלאָפן צו דער קאַלעס און האָט געהאָלפן דעם אַלטן קייסער אַראָפּצו־שטייגן. די איבעריקע פּאַסאַזשירן פון דער בריטשקע, פּריצים אין פּאַר־שידנפאַרביקע קאַנטושן האָבן גענומען אַראָפּקריכן פונעם וואָגן. באַלד איז די בריטשקע געבליבן ליידיק און הינטער דעם קייסערס פּלייצעס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַן אָפיציר, דער אַדיוטאַנט, וואָס האָט דעם קייסער באַגלייט אויף דער רייזע. די פּריצים פון דער בריטשקע האָבן זיך אויסגעשטעלט אַ טריט הינטערן אַדיוטאַנט.

דער ערשטער פּריץ, דער זעלבער, וואָס האָט דעם קייסער געהאָלפןביים אַראָפּשטייגן, איז געווען דער רעכטיטשער גראַף, טאַרנאָווסקי. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַביסל ביי דער זייט און האָט גענומען אויס־רופן מיט זיין באַסאָווער שטימע אויף אַ קאָרעקטן דייטש:

— אייער מאַיעסטעט! דערלויבט אייך פאָרצושטעלן דעם פאָר־שטאַנד פון דער באָריסלאַווער געמיינדע.

משה איציק האָט זיך טיף פאַרנייגט און צוזאַמען מיט אים האָבן זיך פאַרנייגט די ראַטמענער און די באַאַמטע פון דער געמיינדע. משה איציק איז פאַרויסגעגאַנגען אויף עטלעכע טריט. ער האָט זיך דערנענטערט צום קייסער און דער קייסער האָט אים דערלאַנגט די האַנט. נאָך דער דאָזיקער צערעמאָניע איז דער קייסער מיט אַ קורצן און אונטערטאַנצנדיקן טריט צוגעלאָפן צו די גלחים, ער האָט זיי עפּעס אַריינגעזאָגט שטילערהייט און באַלד דערנאָך איז ער אַרונטערגעלאָפן אונטער דער חופּה, ווו עס זענען געשטאַנען די רבנים מיט דער ספר תורה. אין איילעניש האָט ער אַ קוש געטאָן די ספר תורה און באַלד איז ער אַפּירגעלאָפן פון אונטער דער חופּה.

משה גאַרטענבערג האָט זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיקער משונהדיקער צערעמאָניע און ער האָט זיך שטאַרק געחידושט, הלמאי אַלץ קומט דאָ פאָר אַזוי בחיפּזונדיק, אַזוי אויסגערעכנט און אויסגעמאָסטן, ווי, להבדיל, אין טעאַטער אויף דער בינע. די אַבסאָלוטע שטילקייט, וואָס האָט באַגלייט די גאַנצע צערעמאָניע, האָט אויף משהן אַרויפגעוואָרפן אַן אימה און האָט ביי אים צוגענומען די לעצטע האָפענונג אויף צו קענען איבערגעבן דעם קייסער זיין פּערזענלעכע בקשה. אויב ס'הערשט דאָ אַזאַ משונהדיקע שטילקייט און קיינער רעדט נישט אַרויס קיין וואָרט, טאָ ווי אַזוי וועט ער, משה, וואַגן איבעררייסן די שטילקייט און זאָגן דעם קייסער, אַז ער דאַרף אים עפּעס איבערגעבן? יאָ, ס'זעט זיך שוין בפירוש, אַז פון דער גאַנצער זאַך וועט גאָרנישט זיין.

אָבער משה האָט געהאַט אַ טעות. דער רעכטיטשער גראַף איז געווען אַ וואָרטסמאַן. אויב ער האָט עפּעס צוגעזאָגט, האָט ער געהאַלטן. אָט איז פּלוצים געשען אַ משונהדיקע זאַך. ווי נאָר דער אַלטער קייסער איז אַפּירגעלאָפן פון אונטער דער חופּה, האָט זיך פּלוצים געלאָזט הערן דעם רעכטיטשער גראַפס באַסאָווע שטימע:

— מאַיעסטעט! דערלויבט אייך פאָרצושטעלן דעם נעסטאָר פון די באָריסלאַווער אינדוסטריאַלן. הער איזראַעל ליבערמאַן האָט דאָ מיט פערציק יאָר צוריק געשאַפן די ערשטע וואַקס־גרובנס.

דער קייסער אַליין איז, ווייזט אויס, געווען איבערראַשט פונעם

גראָפס שטימע. ער האָט זיך ראַפּטום אָפּגעשטעלט אין מיטן לויפן און על פּי צופאַל איז ער שטיין געבליבן פונקט לעבן ר׳ ישראלן.

— יאַוואָל, מאַיעסטעט. דיזער מאַן איסט עבען הער ליבערמאַן.

דער קייסער האָט אויפגעהויבן די אויגן און האָט אָנגעקוקט דעם הדרת פּנימדיקן אַלטן יידן, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים. דעם קייסערס אויגן האָבן זיך צעשמייכלט. ער האָט געדריקט ר׳ ישראלס ציטערנדיקע האַנט און דערביי עפּעס אומפאַרשטענדלעך געמורמלט. אַ ווײַלע האָבן זיך צוויי פּאָר אויסגעלאָשענע, אַלטע אויגן קעגנזייטיק באַטראַכט. אַ פלואיד פון פאַרשטענדיקונג האָט דורכגעשניטן דעם לופט־מרחק צווישן זיי. דערנאָך האָט זיך דערהערט דעם קייסערס זקנישע, אַביסל קוויטשענדיקע שטימע:

— זעהר אנגענעם. ווירקליך זעהר אנגענעם.

דער רעכטיטשער גראַף האָט נאָך נישט געענדיקט. באַלד האָט ער ווייטער אָנאָנסירט:

— לעבן דעם הער ליבערמאַן שטייט הער מאָזעס גאַרטענבערג, דער ערשטער פּאָטענטאַט אין אונדזער נאַפט־געביט. יאַוואָל. דער איסט ער. הער מאָזעס גאַרטענבערג.

בעת דער קייסער האָט משהן דערלאַנגט די האַנט, האָט דער גראַף גערעדט ווייטער:

— הער גאַרטענבערג בעט ביי אייער מאַיעסטעט די דערלויבעניש אויף איבערצוגעבן אַ פּערזענלעכע ביטע.

פּאַר משהן איז פּלוצים אויסגעוואַקסן די הויכע געשטאַלט פונעם קייסערס אַדיוטאַנט. משה, אַ צערודערטער פון דער פּלוצימדיקער ווענדונג, האָט פון אַפּעלס האַנט אַרויסגעריסן דעם ווייסן קאָנווערט און האָט אים דערלאַנגט דעם אַדיוטאַנט. דער קאָנווערט איז באַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די ברייטע פאָלעס פונעם אַדיוטאַנטס פּעלערינע.

— עס איסט שאָן אין אָרדנונג — דער אַדיוטאַנט האָט משהן סאַלוטירט און דערביי האָט ער פריינטלעך געשמייכלט.

דערווייל האָט זיך אויפן געמיינדע־פּלאַץ אויספאַרמירט אַ מאָדנער צוג. משה איציק קאָרנהאַבער האָט מיט אים אָנגעפירט. ער איז געלאָפן דער ערשטער. נאָך אים דער רעכטיטשער גראַף און צוויי טריט ווייטער

האָט מיט זיין טאַנצנדיקן טריטעלע אונטערגעשפּרונגען דער קייסער אַליין. הינטערן קייסער איז נאָכגעגאַנגען זיין גאַנצע באַגלייטונג אין ביים סוף דער עולם, וואָס האָט מקבל פּנים געווען דעם קייסער אויפן געמיינדע־פּלאַץ. דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו אַ זייטיקן טויער, וואָס האָט געפירט אויפן שטח פון אַ נאַפּט־גראָבן. דער קייסער האָט געוואָלט אָנקוקן אַ באָריסלאַווער שאַכט.

דער באַזוך אויפן שאַכט האָט נישט לאַנג געדויערט. דער צוג האָט זיך אומגעקערט אין דער זעלבער אָרדנונג. דער קייסער האָט סאַלוטירט און געשמייכלט צום פאַרזאַמלטן עולם. דער רעכטיטשער גראַף האָט צוגעפירט דעם קייסער צו דער קאָלעס און געהאָלפן אים זיך אויפזעצן. דעם קייסערס באַגלייטערס אין די לאַנגע קאַנטושן האָבן גענומען בהלה־דיק שפּרינגען אויף דער ברישקע. די וועגענער האָבן זיך אויסגעדרייט אויף צוריק און באַלד האָבן זיך פון דער גאַס ווידער געהערט די קולות פונעם המון:

— האך! וויוואַט! זאָל לעבן אונדזער קייסער!

יח.

אַ ייִדישע רעוואָלוציע

צוזאַמען מיט דער ערשטער טאָג־שיין האָט נטע לעפּאַק פאַרענדיקט זיין לעצטן וועכטערישן אַרומגאַנג איבערן שאַכט־טערען. אין זיין ברייטן וועכטערישן שאָפּן־פּעלץ מיט דער קוטשמע אויפן קאָפּ האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט מיטן פּנים צום וועג און האָט אויסגעקוקט, צי עס קומט שוין דער טאָג־וועכטער, וועלכער האָט ביי אים געדאַרפט איבערנעמען די וואַך. עטלעכע מינוטן איז ער געשטאַנען, ווי ער האָט דערהערט שווערע טריט פון אַ זיך דערנענטערנדיקן מענטש. ס׳איז אָבער נישט געווען דער טאָג־וועכטער. צו נטעס גרויסער איבערראַשונג איז גאָר געקומען אליה באָמבע.

וואַקלענדיק האָט אליה געשטעלט די טריט, שאַרנדיק מיט די צעפאָרענע שטיוול. דער וועג צו נטען האָט געפירט באַרג־אַרויף און אליה, אַן אַסטמאַטיקער, האָט געסאָפּעט ווי אַ באַן־לאָקאָמאָטיוו. אויפן האַרץ האָט ביי אים געזאָטן. פּונקט ווי ס׳וואָלט זיך דאָרט געקאָכט אַ קעסל מיט וואַסער. ווען ער איז שטיין געבליבן אַנטקעגן נטען, האָט ער זיך אַ היפּשע ווײַלע געמאַטערט, ביז ער האָט געקענט כאַפּן דעם אָטעם.

— גוט העלף, נטע — האָט ער באַגריסט דעם נאַכט־וועכטער און בעת מעשה האָט ער זיך פאַרקייכט אין אַ דיניטשקן, איבערגעריסענעם הוסטל.

נטע לעפּאַק, אַ הויכער הדרת־פּנימדיקער זקן, האָט געטראָגן די קוטשמע פאַררוקט ביז איבער די אויגן. פון אונטער דער פאַררוקטער קוטשמע האָט ער מיט גרויס אומרואיקייט באַטראַכט זיין יוגנט־חבר, וועלכער איז, מן הסתם, אין דער דאָזיקער פרימאָרגנדיקער שעה געקומען צו אים מיט אַ וויכטיקער שליחות. אליה איז געווען דער באַדינער אין ר׳ ישראל ליבערמאַנס קאַנצעלאַריע. אויב ער איז אַזוי פרי געקומען,

הייסט עס, אַז מען האָט אים געשיקט און אויב מען האָט אים געשיקט אַהער, איז עס נישט קיין גוטער סימן, האָט נטע פאַרשטאַנען.

— מ׳רופט דער אין ביוראָ, — האָט אליה באַלד באַשטעטיקט נטעס השערה.

— וואָס אי׳ די מעשה? — נטעס קול האָט לייכט געציטערט.

אנשטאָט אַן ענטפער איז ווידער געקומען אליהס קייך־הוסט. ער האָט געפּאָכעט מיט די הענט און נטע האָט אים געמוזט פּעסט אונטער־שפּאַרן, וואָרום אויב נישט, וואָלט זיך דער ייד נישט געקענט האַלטן אויף די פיס. צוביסלעך האָט זיך דער הוסט איינגעשטילט און אליה איז ווידער צו זיך געקומען. מיט אַ שולדיקן שמייכל האָט ער געקוקט אויף זיין אַלטן פריינט.

— ס׳איז אפשר פון דער קעלט — האָט ער זיך שטיל פאַרענט־פערט — און אפשר גאָר פון דער נאַסקייט. כ׳ווייס אַליין נישט פון וואָס. יאָ, יאָ, נטע, ס׳איז נישט גוט.

אליה האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און באַלד איז ער אַרי־בער אויף אַן אַנדערער טעמע.

— האָב עך דען דיר נישט געזאָגט די גאַנצע צייט — האָט ער געפרעגט מיט יאוש — אַז פון יענעם גרויסן וואקס־שאַכט, וואָס זיי האָבן דאָ אויפגעשטעלט אין מיטן פּאַטיק, וועט קיין גוטס נישט אַרויס־קומען? האָב עך געזאָגט, נטע, צי כ׳האָב נישט געזאָגט?

— אמת, אליה, דו האָסט געזאָגט. — האָט נטע שטיל באַשטע־טיקט.

— נו, זעסטו איצט דעם סוף — האָט אליה געשריגן אַ צעקאָכטער — אַז ימח שמו וזכרו און אַ כפרה זאָל ער ווערן פאַר כל ישראל, דער משומד. קום, נטע, מיט מיר. מ׳רופט דיך אין ביוראָ.

— ווי אַזוי קען עך גיין — האָט זיך נטע אַנטקעגנגעשטעלט — אַז דער טאָג־וועכטער איז נישט געקומען און כ׳האָב נישט אייך ווען איבערצולאָזן דעם שאַכט.

אליה האָט זיך ווידער פאַרקייכט אין זיין דין קוויטשנדיקן הוסטל און בעת־מעשה האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף נטעס רייד,

ווי איינער וואָלט געזאָגט: ס׳איז שוין נישט קיין נפקא מינה. סיי־ווי איז נישטאָ וואָס צו היטן.

זינט עטלעכע וואָכן האָט געדויערט די מהומה אין באָריסלאַוו. באַלד נאָך די ימים נוראים איז געקומען די נייע גזירה, וואָס האָט דערפירט צום חורבן פון די באָריסלאַווער יידן. די עטלעכע און אַכציק פּאַרבלי־בענע וואַקס־קאַשערעס, וואָס האָבן זיך מיט אַלע כוחות געשיצט פאַר דער גיריקער גרויס־אינדוסטרי און האָבן באַוויזן נאָך ווי עס איז צו זשי־פען, זענען פּלוצים געצוואונגען געוואָרן אָפּצושטעלן די אַרבעט. אַלע יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די דאָזיקע קאַשערעס, זענען געבליבן אָן ברויט. צו די איבער טויזנט „לעפּאַקעס״, וואָס זענען נאָך מיט אַ צייט צוריק אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון די פּאָזיציעס, זענען איצט צוגעקומען פרישע טויזנטער אַרבעטער־משפּחות, בסך הכל אַלע יידישע אַרבעטער פונעם באָריסלאַווער נאַפט־ראַיאָן.

אין איין טאָג איז געשען דאָס דאָזיקע גרויסע אומגליק, כאָטש דער גאַנצער משא ומתן האָט זיך געשלעפּט אַ קיילעכדיק יאָר. קיינער האָט נישט געוואָלט גלויבן, אַז דער סוף וועט זיין אַזאַ ביטערער. מיט אַ יאָר צוריק איז קיין באָריסלאַוו אַראָפּגעקומען דער לאַמער ווערבער, דער משומד, די ווינער לענדערבאַנק, וועלכע האָט געהאַט אָפּגעקויפט גרויסע באָדן־שטחים אין באָריסלאַוו, האָט אים געשיקט, כדי ער זאָל דאָ אויפ־שטעלן אַ נייעם וואַקס־שאַכט. צוזאַמען מיט ווערבערן האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען טראַנספּאָרטן מיט אייזנוואַרג, מיט מאַשינען. דאָס זענען גע־ווען די נייסטע מאַשינען־טיפּן, וועלכע זענען גענוצט געוואָרן אין די גרוי־סע קוילן־גרובנס אין וויטקאָוויץ. ווערבער איז נישט געקומען אַליין. אַ מחנה אינזשעניערן, ספּעציאַליסטן אין בערגבוי־ענינים, האָט אים באַ־גלייט. מען האָט זיך טאַקע באַלד געשטעלט צו דער אַרבעט. בקרוב איז אויסגעוואַקסן דער נייער וואַקס־שאַכט אויפן פּאַטיק. נישט גלאַט אַזוי אַ שאַכט איז עס געווען, נאָר אַ גאַנצע פאַבריק, וואָס האָט פאַרנומען אַן אומענדלעך גרויסן שטח אין סאַמע האַרץ פון באָריסלאַוו. מען איז צו־געטראָטן צו די אונטערערדישע גראָבונגען. אין באָריסלאַוו האָט מען דערציילט, אַז לויט די פּאַראַנענע פּלענער, וועלן זיך די אונטערערדישע

קאָרידאָרן און שטאַלניעס פונעם נייעם וואקס־גרובן ציען אונטער דער גאַנצער שטאָט.

לכתחילה האָט דאָס אָנקומען פון דער אינזשיניערן־עקספּעדיציע אַרויסגערופן ביי די באָריסלאַווער יידן אַ גרויסע שמחה. מען האָט גע־שמועסט אין שטאָט וועגן די גרויסע פּלענער און מען האָט געהאָפט, אַז ביים דאָזיקן גרויסן פייער וועט זיך די שטאָט יידן קענען אָנוואַרעמען. נישט אומזיסט געפינט זיך די לענדערבאַנק אין יידישע הענט און געוויס וועלן אירע בעלי־בתים זיך באַמיען עפּעס אויפצוטאָן לטובת זייערע באָריסלאַווער ברידער. בקרוב האָט אָבער דיווירקלעכקייט געוויזן עפּעס אַנדערש. אמת אַ קליינער טייל יידן האָט זיך טאַקע יאָ אָנגעוואַרעמט ביים פייער. עטלעכע יידן, וואָס האָבן צופעליק געהאַט פעלדער אין דער געגנט, וואָס איז אַרומגענומען געוואָרן דורך ווערבערס פּלענער, האָבן פאַר זייער באַדן באַקומען אַ גאַנץ שיינעם מקח. אויך מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, ווען די אַרבעט איז שוין געווען אין גאַנג, זענען אויפגע־ריכט געוואָרן די פּאָר קרעמערס, וואָס זענען געשטאַנען מיט זייערע קלייטן נישט ווייט פונעם שאַכט. זיי האָבן אָנגעהויבן צו לייזן אַ סך געלט ביי די אַרבעטער פונעם שאַכט.

אָבער אַנטוישט זענען געבליבן די יידישע אַרבעטס־מענטשן. ווער־בער האָט תיכף ביים אָנהייב געגעבן צו וויסן, אַז קיין יידישע אַרבעטער וועט ער נישט צונעמען. די אַרבעט איז אַ צו שווערע, האָט ער געטענהט, און יידן טויגן נישט צו דער דאָזיקער אַרבעט. אויפן שאַכט האָט זיך גע־ראַיעט פון „מאַזוירן", וואָס האָבן מחנותווייז געשטראָמט פון מערב־גאַליציע. אַביסל רוטענער פון די אַרומיקע דערפער האָט ווערבער אויך צוגענומען צו דער אַרבעט, נאָר נישט קיין יידן. די האָפענונג פון די אַי־בער טויזנט אויסגעוואָרצלטע „לעפּאַקעס" אויף באַקומען אַרבעט זענען אויסגערונען געוואָרן. בעת מען האָט כסדר צוגענומען פרישע אַרבעטער, האָט מען זיי אַלע געלאָזט פאַר דער טיר.

דערמיט האָבן זיך נאָך נישט געענדיקט די יידישע צרות. באַלד נאָך דעם, ווי דער נייער וואקס־גרובן האָט אָנגעהויבן צו „גיין", איז אַ האָגל פון גזירות געפאַלן אויף די קעפּ פון די יידישע באַזיצערס פון די קליינע וואַקס־קאשערעס. ווידער זענען אַרומגעלאָפן די קאָמיסיעס פונעם

דראָהאָבימשער בערגבוי־אַמט. זיי האָבן געגישטערט, געמאָסטן און גע־טאַפּט. ס׳האָט געהייסן, אַז זיי פאָרשן אויס די זיכערקייטס־באַדינגונ־גען אין די קאשערעס. אָבער זייער אויספאָרשונג האָט טייער געקאָסט די באָריסלאַווער יידן. ווו זיי האָבן נאָר געפונען די קלענסטע אומפּינקט־לעכקייט, דאָרט האָבן זיי תיכף געהייסן אָפּשטעלן די אַרבעט. זיי האָבן דאַן פאַרחתמעט די קאשערע און דער משא ומתן איז געווען פאַר זיי פאַרענדיקט. די קאשערע־בעלי־בתים האָבן אָנגעקלאָגט דעם בערגבוי־אַמט פאַרן געריכט. עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פּראָצעסן. אָבער וואָס קען זיין די פּעולה פון די פּראָצעסן, אַז זיי שלעפּן זיך יאָרנלאַנג? דערווייל זענען די קאשערעס געשטאַנען טויטע און די אַרבעטער האָבן געהונגערט צוזאַמען מיט זייערע משפּחות.

אָט אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען במשך פון אַ יאָר צייט. ביים סוף פון זומער 1896 האָט עס זיך אָנגעהויבן און נאָך די ימים נוראים פונעם קומענדיקן יאָר האָט עס זיך פאַרענדיקט. ווי אַזוי האָט עס זיך פאַר־ענדיקט? מיט אַ פולשטענדיקן חורבן פון די קליינע באָריסלאַווער נאַפט־יידן. אויפן סמך פון אַ נייעם געזעץ האָט דער בערגבוי־אַמט געלאָזט וויסן, אַז פון היינט אָן מוז יעדער שאַכט האָבן אַרום זיך אַ שטח פון פינף טויזנט קוואַדראַט־מעטער נישט באַוווינטן באָדן. די ביזאַיצטיקע אַכט הונדערט מעטער זענען בטל געוואָרן. אַזוי ווי קיין שום יידישע קא־שערע האָט אַרום זיך נישט געהאַט דעם געפאָדערטן פרייען שטח, זענען אַלע קאשערעס פאַרמאַכט געוואָרן. דער בערגבוי־אַמט האָט אָנגעזאָגט, אַז ער וועט בקרוב צוטרעטן צום פאַרשיטן פון אַלע פאַרמאַכטע קא־שערעס, מחמת זיי זענען געפערלעך פאַרן לעבן פון די איינוווינער פון דער שטאָט.

ווען נטע לעפּאַק און אליה באַמבע האָבן זיך אַרויפבאַקומען פונעם אונטערשטן פּאַטיק, ווו עס איז געשטאַנען ר׳ ישראל ליבערמאַנס שאַכט, אויפן אויבערשטן פּאַטיק, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, כדי צו כאַפּן דעם אָטעם. קיין יונגעלייט זענען זיי שוין נישט געווען. זיי האָבן נאָך געדענקט דעם אָנהייב פון דער באָריסלאַווער אינדוסטרי. אַלע זייערע יאָרן האָבן זיי אָפּגעלעבט מיט דער דאָזיקער אינדוסטרי.

— הערסט, נטע, זינט באָריסלאַוו איז באָריסלאַוו האָב׳מער אונדז

נישט געהאט אזעלכע צרות, ווי איצט — האט זיך אליה געקלאגט פאר זיין יוגנט־חבר.

— האָ, האָ — האָט נטע אונטערגעכאַפּט יענעמס געדאַנק — ס'זע־נען געווען אַמאָל גוטע צייטן. געדענקסט, ווען אונדז זע'מער געגאַנ־גען מיטן רויטן לייבוש? אוי, ווייל איז דעמאָלט געווען צו אונדז.

— נו, זאָל שוין זיין אפילו שפּעטער, ווען מ'איז געקראָכן אין שאַכט אַריין און מ'האָט געגראָבן דעם וואַקס. וואָס האָט אונדז דען געפעלט דע־מאָלט? האָ, נטע, פון וואַנען נעמט מען די כוחות פון אַמאָל?

ווי אַן ענטפער איז געקומען אליהס נייער הוסט־אַטאַק, וואָס האָט ווידער געדויערט אַ גוטע רגע. די זקנים האָבן זיך ווידער געשלעפּט לענג־אויס דעם הילצערנעם טראָטואר. אין דער דאָזיקער שפּעט־האַרבסטיקער צייט איז גאַנץ באָריסלאַוו געלעגן אונטער אַ דיקן צודעק פון פעטער בלאָטע. אַ דיניטשק, פּראַסטיק רעגנדל האָט גענומען שניידן אין פּנים אַריין. די צוויי יידן האָבן זיך נאָך מער איינגעקאָרטשעט.

— וואָסזשע מיינסטו, אליה, — האָט זיך נטע אָנגערופן — ר' ישראל וועט אונדז טאַקע לאָזן איינגאַנצן פאַלן? געדענקסט דאָך, ווען אונדז זע'מער געוואָרן שוואַך און האָב'מער נישט געהאַט מער קיין כוח צו קריכן אין די אונטערשטע שאַכטן, האָט ער פאַר אונדז געפונען אַנ־דערע פּרנסות. דעך האָט ער אַריינגענומען אין ביוראָ און מעך געמאַכט פאַר אַ וועכטער. ער ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז עך בין אַ ייִדע, אַן אָרע־מאַן און כ'האָב אַ שטוב מיט פאַרזעסענע מיידן. הייַנט וואָסזשע וועט זיין ווייטער? ווען מ'האָט דאָ מיט עטלעכע וואָכן צוריק אָפּגעשטעלט די אַרבעט און אַלע אַרבעטער האָט מען אָװעקגעשיקט, האָט ער פונדעסט־וועגן אונדז ביידע איבערגעלאָזט. מילא, די ביוראָ איז נאָך, ברוך השם, ביוראָ און דו האָסט זיך נאָך ביי וואָס צו דרייען. און דער שאַכט, אויב ער שטייט אפילו, מוז ער דאָך אויך האָבן אַ וועכטער. וואָלט, הייסט עס, נישט געווען אַזוי שלעכט. אָבער עך קלער אַן אַנדערע זאַך, אליה. מיר' דאַכט זיך, אַז אַזוי קען עס נישט בלייבן אויף שטענדיק, אַז עפּעס מוז דאָ געשען. האָ, אליה, וואָס קלערסטו?

— עך קלער, אַז ס'איז נישט גוט. דו ביסט גאַנץ גערעכט. נטע, אויב דו זאָגסט, אַז ר' ישראל איז פאַר אונדז ווי אַ געטרייער טאַטע.

אָבער וואָס האָט מען דערפון — אליה האָט זיך צוגעבויגן צו נטעס אויער און אים אַריינגעזאָגט אַ סוד — אַז ער אַליין איז שוין אויס בעל־הבית. די קאַשערעס האָט מען אים פאַרחתמעט און כ׳האָב מורא, אַז מ׳עט זיי שוין נישט עפענען. וואָסזשע קען ער אונדז העלפן?

אויף נטען האָבן אליהס רייד געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. כאָטש ער האָט אליין געוווּסט, אַז מיט ליבערמאַנען האַלט עס שוין גאַנץ שמאָל, האָט ער זיך פונדעסטוועגן נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז זיין מעכטיקער בעל־הבית זאָל פּלוצים פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ הילפלאָז באַשעפעניש. נאָר אויב אליה וואָגט שוין אַרויסצוזאָגן אַזעלכע קלאָרע דיבורים, מיינט עס, אַז ס׳איז טאַקע שלעכט.

— אליה, וועגן וואָס רופט מען מעך אַצינד אין ביורא? — האָט נטע געפרעגט מיט אַ פאַריאושטער שטימע.

אליה האָט נישט געענטפערט. פּונקט זענען די יידן פאַרבייגעגאַנגען דעם נייעם וואַקס־שאַכט, וואָס דער לאָמער ווערבער האָט אים אויפגעשטעלט. פונעם הויכן אייזערנעם קוימען האָט געזעצט אַ געדיכטער רויך. אַ גיהנומדיקער רעש פון מאַשינען האָט פאַרטויבט דעם גאַנצן אַרום. ס׳האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז אַ מחנה טייוולאָנים איז דאָ אָנגעלאָפן און אָט גייען זיי אויסטאַנצן זייער שרעקלעכן שדים־טאַנץ אין דער באַגלייטונג פון דער דאָזיקער זשומענדיקער מוזיק. פונעם מאַשינען־רעש האָט זיך אַזש די לופט געהויבן און נטען האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט טרייסלט זיך און אַז אָט גייט זי איינפאַלן צוזאַמען מיט דעם דאָזיקן גיהנומדיקן אָנשיקעניש.

די יידן האָבן פאַרשנעלערט זייערע טריט. זיי האָבן אויסגעמיטן צו קוקן אין דער זייט פונעם הויכן פּאַרקאַן, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם גרובן פון דער גאַס. מיט די לעצטע כוחות זענען זיי געלאָפן, כדי וואָס גיכער זיך צו דערווייטערן פונעם דאָזיקן פלאַץ. ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער הערן־גאַס, האָבן זיי דאָרט געטראָפן גרופּעס יידישע אַרבעטער אין צעריסענע און פאַרפעצטע בגדים. די אַרבעטער זענען אומבאַוועגלעך געשטאַנען און האָבן געשוויגן. זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון לעבעדיקע מתים. בלויז די אויגן האָבן ביי זיי געגלאַנצט פון אַן איינערלעכן פיבער. זיי זענען געשטאַנען און האָבן געקוקט אויפן שוואַרצן

דריך־וואַלקן, וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם הויכן אייזערנעם קוימען איבער דעם נייעם וואַקס־גרובן. אין זייערע בליקן איז געווען שנאה און יאוש.

ווען די צוויי זקנים האָבן איבערגעטראָטן די שוועל פון ר׳ ישראלס שרייב־שטוב, האָט זיי מקבל־פּנים געווען יוסף ווינטער, ר׳ ישראלס שרייבער. איצט איז ער שוין געווען סיי שרייבער און סיי בוכהאַלטער. זינט די געשעפטן האָבן ביי ר׳ ישראלן אָנגעהויבן צו גיין שלעכט, זענען צוויי מענטשן שוין נישט געווען נויטיק אין דער ביורא. דער פֿריערדי־קער בוכהאַלטער האָט געמוזט אַוועקגיין.

— גוט מאָרגן, נטע, — ווינטער האָט אָנגעקוקט דעם הויכן זקן אינעם רחבותדיקן נאַכט־וועכטערישן שאָפּן־פּעלץ.

— גוט יאָר, יוסף. וואָס איז עפּעס נייעס?

— נישט קיין גוטע נייעס, נטע. מ׳האָלט שוין ביי נעילה. כ׳דאַרף אייך באַצאָלן פאַר דער וואָך און אייער אַרבעט איז געענדיקט.

נטע האָט דערפילט אַ היץ אין קאָפּ און אין פּנים. פאַר די אויגן האָט אים אָנגעהויבן צו שווינדלען. מיט אַ שטאַמלענדיקן לשון האָט ער געפרעגט:

— היתכן, ווער זשע וועט די נאַכט היטן דעם שאַכט, אויב עך גיי אַוועק?

— נישטאָ וואָס צו היטן, נטע. — יוסף האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ — ס׳איז שוין נישט קיין שאַכט, ס׳איז אַ נבילה, אַ מת. איצט פאַרשטייט איר, נטע?

— יאָ, כ׳פאַרשטיי. נאָר וואָס על עך, נעבעך, טאָן? אַ זקן מיט נישט פאַרזאָרגטע טעכטער. אפשר וואָלט עך געקענט זעך דורכשמועסן מיט ר׳ ישראלן? כ׳בעט אייך, יוסף, לאָזט מעך צו צום בעל־הבית.

ווינטער האָט הילפלאָז צעשפּרייט די הענט און בעת מעשה געקוקט אויף אליה באָמבע, ווי ער וואָלט פון אים דערוואַרט הילף. אליה איז אָבער געשטאַנען אַ צעבראָכענער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און האָט אפילו נישט געזען ווינטערס בליקן.

פּלוצים האָבן זיך פונעם צווייטן צימער דערהערט שווערע טריט. אַ זייטיקע טיר האָט זיך געעפנט און ר׳ ישראל אַליין, אין זיין וואַטע־

נעם שלאָפראָק און מיט אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ, איז אַריינגעקומען אין דער שרייב־שטוב. מיט איין בליק פון זיינע אויסגעלאָשענע אויגן האָט ר׳ ישראל אַרומגענומען די גאַנצע שטוב און די אַנטשוויגענע מענטשן.

— אַהאַ — האָט זיך ר׳ ישראל דערמאָנט — דו ביסט עס, נטע? שלום עליכם.

ר׳ ישראל האָט געדריקט נטעס האַנט.

— יאָ, יאָ, נטע, אַזוי איז עס. זאָג מיר, כ׳בעט דעך. ווי לאַנג אַר־בעטסטו ביי מיר?

— אַן ערך דרייסיק יאָר, ר׳ ישראל. די צייט לויפט אַדורך, איידער מ׳קוקט זיך אום. נו און איצט זאָגט מיר דער שרייבער, אַז אַלץ איז געענדיקט. איר ווייסט דאָך, ר׳ ישראל, כ׳האָט אַ שטוב מיט מיידן און אַליין בין עך שוין נישט קיין יונגיטשקער.

— שאַ, זאָג גאָרנישט, נטע. כ׳ווייס אַלץ.

ר׳ ישראל איז ווידער צוגעגאַנגען צו נטען. ער האָט גענומען זיין האַנט און לאַנג זי געדריקט. זיינע רויטע אויסגעלאָשענע אויגן זענען גע־ווען נאַס.

אונטער נטען האָבן די פיס געציטערט. דאָס האַרץ האָט געצאַפּלט און האַסטיק געקלאַפּט, ווי ס׳וואָלט געוואָלט אַרויספליען פון דער ברוסט. אַ הייסע נאַסקייט האָט נטע דערפילט אין די קאַלטונעס פון זיין באָרד. פון זיינע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן.

אַ פאַרטשאַדעטער איז נטע לעפאַק אַרויסגעלאָפן פון ר׳ ישראלס הויז. שלעפנדיק די פיס האָט ער געשפּרייזט איבער די ברעטער פון דער הערן־גאַס. ער האָט אַרום זיך גאָרנישט נישט געזען. פאַר זיינע אויגן איז נאָך כסדר געשטאַנען דער צעבראָכענער ר׳ ישראל מיט די רויטע און נאַסע אויגן, וואָס האָבן נטען געשטאָכן אין פּנים אַריין. נטע האָט קיי־נעם נישט באַמערקט, נישט געזען, ווען ער מיידט אויס און ווער עס פאַרשטעלט אים דעם וועג. אַלץ האָט אין אים געצאַפּלט פון אַן איבער־לעבער אויפטרייסלונג. אים האָט זיך נאָר געדאַכט, אַז אָט איז ער דערגאַנגען צום ראַנד פון אַ טיפן און ברייטן אָפּגרונט, וועלכן ער איז נישט בכוח דורכצושפּרינגען און וועלכער מוז אים איינשלינגען. שטייט ער אַזוי, נטע, און קוקט. ער קוקט אין דעם שוואַרצן תהום אַריין, אין

װעלכן ער זעט דעם שרעקלעכן גזר דין, װאָס איז געפֿאַלן אױף זײַן קאָפּ.

פֿון גרױס אָנשטרענגונג האָט זיך נטעס לײַב באַדעקט מיט שװײס, כאָטש אין דרױסן איז װײַט נישט געװען װאַרעם. פֿאַרקערט, צוזאַמען מיטן דריבנעטשקן רעגן האָט אַ פּראָסטיקער װינט געצװיגן פֿון די בערג.

װען נטע האָט דערפֿילט, אַז דאָס באַװעגן זיך שטרענגט אים אָן ממש איבער די כוחות, האָט ער בײַם סאַמע אױער דערהערט עמעצנס שטימע:

— װאָס שטופּט ער זיך אַזױ, דער אַלטער?

נטע האָט זיך אַראָפּגעטרײסלט פֿון דער פֿאַרגליװערטקײט און פֿאַרחידושט געקוקט אַרום זיך. װוּ געפֿינט ער זיך ערגעץ? ער האָט זיך פּלוצים דערזען אין מיטן פֿון אַ ים פֿון מענטשן, אַ צוזאַמענגעפּרעסטן צװישן אַ פּיל טױזנט קעפּיקן המון, װאָס האָט זיך פֿאַמעלעך באַװױגן פֿאָרױס מיט אַ געפּילדער און רעש. מען האָט שױן נישט געזען קײן זכר פֿון דער אײביקער בלאָטע, װאָס האָט באַדעקט דעם באַריסלאַװער שטראָז. איבערן טראָטואַר, איבער דער גאַנצער ברײט פֿונעם שטראָז האָט זיך פֿונאַנדערגעגאָסן דער המון, װי אַ בײז־שטורעמדיקער טײַך. אָן אײַנגעפּרעסטער צװישן דער מענטשן־מאַסע האָט נטע נישט געזען מער װי דעם שװאַרץ־פֿאַרכמורעטן הימל איבער זיך און די צעהױקערטע שװאַרצע שינדל־דעכער פֿון די הײַזקעס בײַם ראַנד פֿון דער גאַס. דאָס איבעריקע, װאָס ער האָט געזען, זענען געװען מענטשלעכע קעפּ, איבערגעצװיגענע מיט היטלען פֿון כלערלײ מינים. פּנימער בערדיקע און פֿאַרשװאַרצטע, אױגן אײַנגעפֿאַלענע און פֿאַרצװיגענע מיט אַ קרענקלעכן גלאַנץ.

— אונדזערע קינדער גײען אױס פֿון הונגער! — דאָס דאָזיקע געשרײ האָט פֿאַרטױבט דעם חלל. און נטע האָט ערשט רעכט נישט פֿאַרשטאַנען, װאָס עס טוט זיך דאָ. ער האָט באַמיט זיך געװאָר צו װערן בײַ זײַנע שכנים, װוּהין ער איז ערגעץ אַרײַנגעפֿאַלן. אָבער אױף זײַנע קשיות האָט אים קײנער נישט געענטפֿערט. מען האָט אים אפֿילו נישט געהערט.

פֿון אַ מרחק פֿון עטלעכע טריט האָט זיך דערהערט עמעצנס װײנענדיק קול, װאָס האָט זיך באַמיט איבערצושרײַען דעם טומל:

— יידן, בני רחמנים! לאָזט צו אייך רעדן אַ וואָרט!

ווי אַן ענטפער אויפן דאָזיקן קול איז געקומען אַן אומבאַשרייבלעכער רעש. פון אַלע זייטן האָבן זיך דערהערט קולות, ווי אין אַ בית־המדרש בעת קריאת התורה:

— שאַ, שאַ, שטיל זאָל זיין! שאַט!

דער רעש האָט זיך דורכגעטראָגן איבער די קעפּ פונעם המון. דערנאָך האָט ער זיך לאַנגזאַם איינגעשטילט. די פריערדיקע שטימע האָט זיך ווידער געלאָזט הערן. דאָס מאָל דרייסטער און פעסטער.

— יידן, אונדזער גלות האָט נישט קיין שיעור. אונדז האָב׳מער שוין היינט נישט קיין שטיקל ברויט פאַר אונדזערע קינדער. איצט קומט דער ווינטער און אונדזערע שטיבער זענען ליידיק. נישטאָ קיין בולבע און נישט קיין שייטל האָלץ איינצוהייצן אין אויוון. מירן, חלילה, אויסגיין ווי די ליכט. יידן, ס׳איז שוין די העכסטע צייט אויסגעלייזט צו ווערן. האָט רחמנות אויף אייערע משפחות! לאָמיר גיין אַנטקעגן משיחן! פון דער גאַנצער וועלט גייען איצט יידן קיין ארץ־ישראל. דאָרט וועט זיין די ישועה. לאָמיר נעמען אונדזערע משפחות און לאָמיר אויך גיין קיין ארץ־ישראל. יידן...

ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער טומל, אַ פּיפּעריי, אַ קוויטשעריי.

— מ׳עט אָוועקפאַלן אויפן וועג.

— ווי קען מען גיין אַזאַ לאַנגן מהלך?

— אַ ייד אַ שוטה.

— שאַ, שאַ. שאַט. שטיל זאָל זיין!

— יידן, הערט זיך צו — האָט אַ נייע שטימע געדונערט אין דער לופט און אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן — אונדז קענ׳מער זיך נישט אונטערנעמען צו גיין אַזוי ווייט. אונדז מוז׳מער באַלד דאָ געפינען די רפואה אויף אונדזער מכה. יענע, וואָס האָבן צעשטערט אונדזערע שאַכטן, מוזן אונדז איצט געבן אַנדערע אַרבעט. אַ וועלט איז נישט הפקר. קומט, יידן, לאָמיר גיין!

דער המון האָט זיך אַ באַוועג געטאָן פאָרויס. באַלד האָט זיין שפּיץ דערלאַנגט דעם הויכן פּאַרקאַן פונעם נייעם וואַקס־גרובן. דער עולם האָט זיך געוואָרפן צום פּאַרקאַן און אים גענומען באַלאַגערן פון אַלע זייטן.

ווען דער שפּיץ פונעם צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן אַריינגאַנג אין דעם גרובן, האָט מען פון אינעווייניק שנעל פאַרפּראַלט דעם הויכן טויער און מען האָט אים פאַרריגלט מיט אייזערנע שטאַנגען.

די יידן האָבן מיט שטעקנס גענומען קלאַפּן אין פאַרקאַן און אין טויער.

— מיר ווילן רעדן מיטן דירעקטאָר. מיר וועלן אויסקלייבן אַ דע־לעגאַציע. לאָזט אַריין אונדזערע שליחים.

פון אינעווייניק איז נישט געקומען קיין שום ענטפער. עס האָט זיך בלויז געהערט דער בייזער געברום פון די מאַשינען, וואָס האָבן פאַר־טויבט די וועלט.

אַ גוטע האַלבע שעה האָט שוין געדויערט דאָס קלאַפּן אין פאַר־קאַן און אין טויער. דער גרובן האָט נישט געגעבן קיין ענטפער. דער המון איז געוואָרן האָפּערדיקער און אַגרעסיווער.

— פאַרוואָס ענטפערט עך נישט?

— משומדים, שונאי ישראל!

— איר האָט פון אונדז געמאַכט שנאָרערס און איצט ווילט איר אונדז אפילו נישט אויסהערן!

— עפנט דעם טויער!

שטיינער האָבן אָנגעהויבן צו פליען איבערן הויכן פאַרקאַן. לכת־חילה איינציקווייז און שפּעטער אַלץ געדיכטער, אַלץ מער. דאָס עקשנות־דיקע שווייגן פון דער גרובן־פאַרוואַלטונג האָט שטאַרק אויפגערעגט דעם עולם. מענטשן זענען געוואָרן ווילד. זיי האָבן געטומלט און געשריגן, געדראָט מיט שטעקנס, געשליידערט שטיינער און גאַנצע ציגל.

פלוצים איז אינעווייניק אָפּגעשטעלט געוואָרן דאָס געברומעריי פון די מאַשינען. עמעץ האָט זיך דערנענטערט צום טויער און האָט אַרויס־געקוקט דורך אַ שפּאַרע צווישן די ברעטער.

— וואָס ווילט איר? — האָט אַ קול געפרעגט אויף רוטעניש.

— מיר ווילן רעדן מיטן דירעקטאָר. מיר וועלן אַריינשיקן אַ דע־לעגאַציע.

— דער דירעקטאָר איז נישטאָ.

— ס׳איז נישט אמת. ער איז דאָ. זאָגט אים, אַז מיר ווען נישט אָפּטרעטן, ביז ער וועט נישט אַריינלאָזן אונדזער דעלעגאַציע.

נאָך עמעץ איז צוגעקומען צום טויער. דער נייער האָט גערעדט דייטש.

— מענטשן, איר זענט משוגע געוואָרן. גייט זיך תיכף פונאַנדער, ווייל מיר וועלן טעלעפאָנירן קיין דראָהאָביטש און אַרויסרופן זשאַנדאַר־מען און מיליטער.

— איר קענט טאָן, וואָס איר ווילט. אונדזערע משפחות זענען הונ־געריק. מיר האָבן שוין פאַר קיינעם נישט קיין מורא.

די צוויי פאַרשוינען פון הינטערן טויער האָבן זיך אָפּגעטראָגן. די מאַשינען זענען געבליבן שטיל, אָבער פון אינעווייניק איז נישט געגעבן געוואָרן קיין שום צייכן, אַז די דירעקציע וויל אויסהערן די טענות פון די יידישע אַרבעטער.

— וואָסזשע וועט זיין דער סוף? — האָבן זיך אַלץ שטאַרקער גע־לאָזט הערן פראַגן צווישן דעם אויפגערעגטן עולם.

פּלוצים האָט זיך איבער די קעפּ פונעם עולם באַוויזן אַ הויכער יונ־גערמאַן מיט אַן אָפּגעגאָלטער באָרד און צוויי פינקלדיקע אויגן. ער איז אַרויפגעקראָכן אויף עמעצנס פּלייצעס און אַזוי איז ער אַ ווײַלע געבליבן הענגען איבערן עולם אַ שווייגנדיקער.

— שאַ, שאַט. שטיל זאָל זיין!

— ס׳איז אַ שליח פון דראָהאָביטש — האָט מען זיך איבערגעגעבן

— ער וויל עפּעס זאָגן. שאַ!

דער יונגערמאַן האָט באַלד אָנגעהויבן צו רעדן. זיין שטימע איז געווען אַ לויטערע און אין זיין גאַנצן פאַרהאַלטן זיך איז געווען אַ סך זעלבסטזיכערקייט. ווייזט אויס, אַז דאָס רעדן צו אַ גרויסער מענטשן־מאַסע איז פאַרן דאָזיקן יונגנמאַן נישט געווען קיין נייעס, אַז ער איז דערצו געווען שוין צוגעוווינט.

— די דראָהאָביטשער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַזאַ אָנגעלאָדענעם טאָן — שיקט אייך, ליבע חברים, דורך מיר די האַרציקסטע גרוסן. זי רופט אייך צו אויסדויער אין אייער גע־רעכטן קאַמף. נישט בלויז יידישע אַרבעטער מאַכן מיט אייך יד־אחת;

אויך די נישט־יידישע אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט איז מיט אייך, חברים...

— ס'איז נישט אמת, יונה — האָט עמעץ איבערגעריסן דעם רעד־נער.

דער דאָזיקער צווישנרוף איז גענוג געווען, כדי פון דער גאַנצער רעדע זאָל ווערן אַ תל. ס'איז אַנטשטאַנען אַ טומל, בעת וועלכן ס'האָבן זיך קוים אַרויסגעהערט די אויסרופן פון פאַרשידענע יחידים.

— פאַרוואָס פאַרנעמען זיי אונדזערע פּלעצער? פאַרוואָס לאָזן זיי נישט צו קיין ייד צו דער אַרבעט?

— קוקט אים נאָר אָן, אַ מליץ יושר פון די ערלים איז ער גאָר. אַז ברענען זאָלן זיי ווי ליכט!

דער טומל האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט און יונה, חוה דער שניי־דערקעס (ער איז עס טאַקע געווען) האָט געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, כדי צו באַרויקן דעם עולם.

— יידן, חברים — האָט ער זיך געריסן, פרוונדיק איבערצושרייען דעם צעברויזטן ים — לאָזט צו אייך רעדן!

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. עמעץ האָט יונהן אַראָפּגעשטויסן פון די אַקסלען פון זיינע חברים. ער איז פאַרשוואונדן אינעם המון.

דערווייל האָט דער שטיינער־האָגל איבערן פאַרקאַן כסדר אָנגע־האַלטן. די שטיינער זענען געפלויגן אַלץ געדיכטער און אַלץ מיט מער אכזריות. אינעם טומל האָט זיך דערהערט אַ היסטעריש געוויין פון אַ פרוי. זי האָט אויף עפּעס געקלאָגט מיט אַ וויינענדיקער שטימע און פון איר געדיכטן ווערטער־שטראָם האָט מען אַרויסגעהערט בלויז דעם „איי וויי איז צו מיינע ביטערע יאָרן".

נטע לעפּאַק איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ צוגעפּרעסטער צו די פאַרקאַן־ברעטער, אַ שריט אָדער צוויי פונעם היכן טויער, וואָס איז געווען דער אַריינגאַנג אינעם וואַקס־גרובן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט פון דעם אַלעמען, וואָס מען האָט דאָ גערעדט. ער האָט בלויז געוווסט, אַז יידן שרייען, ווייל עס טוט זיי ווי און אים, נטען, טוט דאָך אויך אַזוי ביטער ווי דאָס האַרץ. פון ר' ישראלן איז ער אַרויס אַ צע־בראָכענער. אַ זקן אָן כוחות, אָן שום האָפענונג אויף צו קענען זיך ער־

געצווו צושפּאַרן. אין שטוב וואַרטן אויף אים זיינע טעכטער. שוין די העכסטע צייט זיי אַוועקצושטעלן אונטער אַ חופּה. כאָטש אין איין טאָג אַלע דריי. ער קען זיי אָבער גאָרנישט העלפן. אפילו דאָס טרוקענע שטיקל ברויט האָט ער שוין פאַר זיי אויך נישט. און ר׳ ישראל, דער גביר, וואָס האָט אים געשפּייזט דאָס גאַנצע לעבן? ער איז שוין אַליין נישט מער ווי אַ צעבראָכענער שאַרבן. נטע האָט אין זיינע נאָסע, רויט־צעברענטע אויגן אַרויסגעלייענט דעם שרעקלעכן גזר־דין, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף ר׳ ישראלן, אויף נטען אַליין און אויף די טויזנטער יידן, וועלכע טומלען איצט אָט דאָ לעבן אים. כאָטש נטע פאַרשטייט נישט, וואָס זיי רעדן, ווייסט ער פונדעסטוועגן, אַז די בראָך איז זייער גרויס און אַז די יידן דאַרפן גרויס רחמים.

ווען עס האָט זיך דערהערט די ווייבערישע שטימע, וואָס האָט מיט אַ געוויין געקלאָגט מיטן „איי ווי איז צו מיינע ביטערע יאָרן", האָט זיך נטען רק געדאַכט, אַז עס וויינט זיין עלטערע טאָכטער, צירל, זיין פאַר־חושכטע כלה־מויד, וואָס ער שטייט כסדר אַנטקעגן איר אַ שולדיקער און אַ הילפלאָזער. עפּעס אַ פייער האָט זיך פלוצים אָנגעצונדן אינעם זקנס פאַרטריקנטע געדערים. ער האָט אין זיך דערפילט אַ כוח פון אַ לייב און ער האָט גענומען מיט די אַקסלען אַוועקשטופּן די מענטשן, וואָס האָבן אים צוגעדריקט צום פּאַרקאַן. בעתן שטופּעניש האָט ער פאַר־קאַטשעט די לאַנגע פּאָלעס פון זיין נאַכט־וועכטערישן שאָפּן־פּעלץ און האָט זיך צוגערוקט צום טויער פונעם וואַקס־גרובן.

— העי רופּ! — האָט ער אויפן גויישן שטייגער אונטערגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע דעם טויער און גענומען אים שטופּן — העי רופּ! יידן, וואָס שטייט איר ווי גולמס. לאָמיר אויפברעכן דעם טויער!

אַ וואַנט פון פּלייצעס האָט גענומען דריקן אויף די ברעטער פונעם הויכן טויער. די ברעטער האָבן אָנגעהויבן צו פּלאַצן מיט אַ קראַך. די מענטשן־מאַסע האָט זיך אַריינגעשאָטן אינעם רחבותדיקן הויף פונעם גרויסן וואַקס־גרובן. ביים אויפגעבראָכענעם טויער און אויפן הויף גופא איז געוואָרן אַ מהומה און אַ מוראדיקער רעש. דער אַלטער נטע איז אַ צעווילדעטער געלאָפן פאָרויס, נאָך אים אַ המון יידן מיט שטעקענעס, אַרויסגעריסענע ברעטער פונעם פּאַרקאַן און מיט וואָס נאָר איינער האָט

געקענט כאַפּן אין האַנט אַריין. דער המון איז געלאָפן איבערן הויף אין דער ריכטונג פון דער ביורא־געביידע און אויפן וועג האָט ער אומגעוואָרפן און געבראָכן אַלץ, וואָס ער האָט געטראָפן. דורכן טויער האָבן כסדר אַריינגעשטראָמט פרישע מענטשן־מאַסן.

פון ביוראָ איז אַרויסגעלאָפן דער לאמער ווערבער. זיין פּנים איז געווען אַש־גרוי פון שרעק, די האָר צעפּאַטלט, די אויגן ווילד־צעעפנט. ווערבערן זענען נאָכגעלאָפן די אינזשיניערן און די באַאַמטע. ווי פאַרסמטע מייז האָבן זיי זיך געדרייט אינעם אַנטקעגנאיבערדיקן ווינקל פונעם גרויסן הויף. זיי האָבן געזוכט אַ לאָך אין פּאַרקאַן, כדי זיך אַרויסצובאַקומען פון דער פּאַסטקע. ווערבער האָט דערזען, אַז דער המון האָט אים באַמערקט און לאָזט זיך לויפן צו אים. זיינע ווילד־צעשראָקענע אויגן האָבן אַרום זיך געוואָרפן פאַרצווייפלטע בליקן. פּלוצים האָט ער דערזען דעם גרויסן רעזערוואַר, וואָס איז געשטאַנען עטלעכע טריט לעבן אים. מיט זיין אונטערהינקענדיקן טריט האָט ער זיך געלאָזט לויפן צום דאָזיקן רעזערוואַר. שנעל האָט ער אַרויפגעקלעטערט אויפן אייזערנעם לייטער, וואָס האָט געפירט צום שפּיץ פונעם רעזערוואַר. זיינע באַגלייטערס האָבן אים פלינק נאָכגעקלעטערט. דער גאַנצער עולם איז אַריין אינעם רעזערוואַר און באַלד האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ פונעם שווערן צודעק, וואָס איז פון אינעווייניק אַראָפּגעלאָזט געוואָרן איבערן רעזערוואַר. די אָנגעלאָפענע יידן זענען אַזוי אַרום שטיין געבליבן פאַר אַ פאַרהאַקטן רעזערוואַר.

— קוקט אים נאָר אָן, דעם העלד!

— ווו האָסטו זיך פאַרשטעקט, משומד?

— קום אַרויס פונעם לאָך און וויין אונדז דיין טריפהנעם פּרצוף!

אויף אַזאַ אופן האָט דער המון חוזק געמאַכט פונעם לאמען דירעקטאָר. די יידן האָבן שטאַרק באַדויערט, וואָס זיי איז נישט געלונגען אַריינצובאַקומען אין די הענט דעם שונאי־ישראל. די שנאה איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי וואָלטן אים זיכער צעממיתט אויף טויט, ווען זיי וואָלטן אים געכאַפּט.

דערווייל האָט זיך צווישן די אַרבעטער פונעם וואַקס־גרובן אָרגאַניזירט אַ זעלבסטשוץ קעגן די אַריינגעדרונגענע יידן. מאַזוירן און רו־

טענער האָבן זיך באַוואָפנט מיט שטעקענעס און אייזערנע דראַנגען. זיי זענען אַנטקעגנגעלאָפן די יידן און כדי זיך צוצוגעבן קוראַזש, האָבן זיי זיך צוגעשריגן איינער דעם צווייטן:

— קומט, לאָמיר אָנלערנען די זשידקעס!

זיי זענען אָנגעלאָפן אַנטקעגן דעם גרויסן המון, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם בנין, ווו עס זענען געשטאַנען די מאַשינען. די יידן האָבן פונקט געהאַלטן ביים צעקלאַפּן די מאַשינען. מיט רציחה האָבן זיי צעשטערט אַ יעדע זאַך, וואָס האָט זיך געפונען אינעם בנין. בראש פּונעם דאָזיקן המון האָט געווילדעוועט נטע לעפּאַק. אַ שווערע אייזערנע שטאַבע האָט ער געהאַלטן איןביידע הענט און האָט מיט רציחה צעקלאַפּט אַלץ, וואָס איז אים אונטערגעקומען אונטער די הענט. דאָס היטל האָט זיך אים פאַררוקט אויף אַ זייט, די ברייטע פּאָלעס פונעם שאַפּנפּעלץ האָבן געפלאַטערט ווי פליגל פון אַ פליענדיקן פויגל. נטע האָט מיט ביידע הענט געהויבן דאָס אייזן הויך איבער די קעפּ פון די מענטשן און צוזאַמען מיטן אַראָפּלאָזן פונעם אייזן האָט זיך געהערט אַ קנאַק און אַ טראַסק. גאַנצע שטיקער פון מאַשינען־טיילן, צעבראָכן גלאָז, קופּערנע און ניקלנע אינסטרומענטן, דאָס אַלץ איז געפלויגן אין דער לופט און איז צוריקגעפאַלן אויף די קעפּ פון די צעווילדעטע מענטשן.

די גוישע אַרבעטער זענען אָנגעלאָפן פונקט אַנטקעגן נטען, וועלכער איז געווען אַריינגעטאָן אין זיין צעשטערונגס־אַרבעט. ער האָט נישט באַמערקט די אָנקומענדיקע סכנה. אַ מאַזויער האָט מיט אַן אייזערנעם דראנג אַ שמיר געטאָן איבער נטעס קאָפּ. זיין הויכער קערפּער האָט זיך לייכט אַ וויג געטאָן און באַלד זיך אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע פונעם מאַשינען־בנין. עטלעכע יידישע אַרבעטער זענען צוגעלאָפן צו נטען, אָבער דער רוב האָט זיך מיט אַ בייזן געברום אַ הויב געטאָן אַנטקעגן די גוישע אַרבעטער. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ מוראדיק געשלעג. די פאַרביטערטע יידן האָבן זייער גאַנצן צאָרן אויסגעלאָזט צו די מאַזויערן און רוטענער. מיט רציחה האָט מען זיך קעגנזייטיק געשלאָגן און ביידע צדדים האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין שטאַרקע קלעפּ. דער יידישער כוח איז אָבער געווען אַ שטאַרקערער. עס האָט געדויערט סך־הכל עטלעכע מינוט און די גויים זענען בהלהדיק געלאָפן צוריק. זיי זענען

געלאָפן ווי פון אַ גיהנום אַרויס, אָן היטלען, אָבער דערפאַר מיט צע־שפּאָלטענע קעפּ און צעבלוטיקטע פּנימער. די יידן האָבן זיי מן־הסתם נישט שלעכט דערלאַנגט, ווייל צעשראָקענע זענען זיי געלאָפן ווי משוגעים און יעדער האָט באַזונדער פאַר זיך געזוכט אַ לאָך זיך צו באַהאַלטן.

פלוצים איז צווישן די יידן אויסגעבראָכן אַ גרויסע פּאַניק.

— מיליטער איז אָנגעקומען! — די דאָזיקע ידיעה האָט זיך גע־טראָגן פון מויל צו מויל און יעדער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף מאַכן פליטה.

די יידן האָבן אָנגעהויבן צוריקציען זיך צום טויער. ביים טויער איז געוואָרן אַ גרויס שטופּעניש און אַ געדראַנג. יעדער האָט וואָס פריער געוואָלט זיך אַרויסבאַקומען אויף דער גאַס. טייל מענטשן האָבן אויסגע־בראָכן לעכער אין פּאַרקאַן פון דער צווייטער זייט הויף. מען איז גע־שפּרונגען איינער איבערן צווייטן, מען איז געלאָפן אַזוי גיך, ווי מען האָט נאָר געקענט. ווען די לעצטע יידן זענען געלאָפן איבערן טויער פּו־נעם וואקס־גרובן, האָבן זיי אין מיטן פונעם פאַרבלאָטיקטן שטראָז געזען שטיין אַ לאַנגע שורה פון לייטער־וועגענער. אויף די וועגענער זענען גע־זעסן בלוי אָנגעטוענע סאָלדאַטן מיט ביקסן אין די הענט. די סאָלדאַטן האָבן זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט, ווי די יידן שפּרינגען אין בהלה אי־בערן טויער און לויפן זיך גלייך פונאַנדער אין פאַרשידענע זייטן.

דער וואקס־גרובן איז געבליבן אויסגעליידיקט פון מענטשן. דער חורבן איז געווען אַ גרויסער. אַרויסגעריסענע טירן, אויסגעהאַקטע פענצ־טער, איבערגעקערטע וועגעלעך און צעשטערטע מאַשינען — אַט דאָס האָבן די יידישע אַרבעטער אָפּגעטאָן אויפן נייעם וואקס־גרובן. ווען די סאָלדאַטן זענען אַריינגעקומען אויפן שטח פונעם גרובן, האָבן זיי דאָרט נישט געטראָפן קיין לעבעדיקן נפש. בלויז אויף דער פּאָדלאָגע פונעם מאַשינען־בנין איז אַ באַוווסטלאָזער געלעגן נטע לעפּאַק.

יט.

כאַטיליעס נדר

אויף משה גאַרטענבערגן האָט די ידיעה וועגן אָוועקשטעלן פון דער אַרבעט טויזנטער יידישע אַרבעטער לכתחילה נישט געמאַכט קיין שום איינדרוק. פונקט האָט ער זיך געגרייט אַוועקצופאָרן מיט דער משפחה קיין ווין אויף ווינטער און ס'איז אים נישט געלעגן אין קאָפּ צו פאַר־נעמען זיך מיט ענינים, וואָס האָבן נישט קיין דירעקטן שייכות צו אים. דעריבער האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, ווען כאַטיליע האָט גענומען מיט אים איינטענהן, הלמאי מ'דאַרף זען עפּעס צו העלפן די אַרבעטסלאָזע יידן. משה האָט געוואָלט זיך אַרויסדרייען פונעם ווייבס פאָדערונגען. וואָס קען ער, אַ יחיד, האָט ער איר געגעבן צו פאַרשטיין, העלפן טויזנ־טער מענטשן? זאָל ער אפשר גיין פונאַנדערטיילן צווישן זיי זיין גאַנץ פאַרמעגן? נו, ווען ער זאָל עס אפילו טאָן, וואָס וואָלט געווען די פעולה? נישט ער וואָלט ביי וואָס נישט איז געבליבן און נישט זיי וואָלטן גע־האָלפן געוואָרן.

כאַטיליע האָט זיך אָבער נישט געלאָזט פאַררעדן די ציין. עס האַנדלט זיך נישט וועגן פונאַנדערטיילן דאָס פאַרמעגן, האָט זי געטענהט. עס האַנדלט זיך אין דעם, אַז מען זאָל פאַר די יידן, אָדער כאָטש פאַר אַ טייל פון זיי געפינען נייע אַרבעטס־פּלעצער. ביי משהן אַליין זענען אָנגעשטעלט טויזנטער מענטשן. טאָ זאָל ער, משה, טאָן אַ נדר, אַז אויף יעדן אַרבעטס־פּלאַץ, אויף וועלכן ער קען צונעמען אַ ייד, וועט ער נישט אָנשטעלן קיין גוי. דערמיט, האָט כאַטיליע געהאָפט, וועט מען קענען באַ־זאָרגן מיט אַרבעט לפחות טויזנט אַרבעטסלאָזע יידן.

משה האָט נישט אויסבאַהאַלטן זיין אומצופרידנקייט פון כאַטיליעס אַריינמישן זיך אין זיינע עסקים.

— קודם־כל — האָט ער געזאָגט — זענען יידן נישט קיין גוטע

אַרבעטער. זיי זענען צו קלוג און צו גרויסע יחסנים. וואָס מען זאָל נישט געבן אַ גוי, איז ביי אים אַלץ גוט. אָבער דער ייד איז שטענדיק נישט צופרידן, כאָטש גיב אים די גאַנצע וועלט, וועט ער נאָך כסדר טענהן, אַז ס'איז ווייניק.

— פאַרוואָס רעכנסטו נישט, משה, אַז דער גוי האָט חוץ דער אַר־בעט נאָך זיין אייגענע בעל־הבתישקייט, וואָס ברענגט אים חיונה? און חוץ דעם דאַרף דאָך דער גוי נישט באַצאָלן דעם מלמד, וואָס לערנט מיט זיינע קינדער און דירה־געלט דאַרף דער גוי אויך נישט באַצאָלן. טאָ וואָסזשע איז דיר אַ חידוש, אַז דער גוי קען אַרבעטן פאַר אַ גאָרנישט?

משה האָט זיך נישט געלאָזט איבערצייגן. פאַר אים איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז אויב ער וואָלט געטראַכט אַזוי ווי זיין ווייב, וואָלט ער נישט בלויז נישט געווען משה גאַרטענבערג, נאָר ער וואָלט היינט אַרומגעגאַנגען אין צעריסענע הויזן, פּונקט אַזוי ווי די טויזנטער אַר־בעטסלאָזע יידן, האָט ער אויף אַ גאַנץ פּשוטן אופן געגעבן צו פאַר־שטיין כאַטיליען:

— אַז עך קען האָבן אַ ביליקערן אַרבעטער און דערצו נאָך אַ בע־סערן, ווייל דער גוי האָט דאָך מער כוח פון אַ ייד, טאָ וואָס זשע דאַרף ער נעמען דעם ערגערן און באַצאָלן אים אַ בעסערן מקח? מ'דאַרף דאָך פּשוט זיין משוגע, מ'זאָל עס טאָן. און דאָס, אַז זיי זענען יידן? מילא זענען זיי יידן. אָבער אין געשעפט טאָר מען זיך נישט רעכענען מיט אַזעלכע זאַכן, בפרט, אַז מיט יידן איז גוט צו עסן קוגל, אָדער צו גיין אין שוויץ־באָד אַריין. אָבער אַרבעטן? אַרבעטן דאַרף מען נאָר מיט גויים.

כאַטיליע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מאָל וועט זי נישט אויספירן. זי האָט געזען, אַז משה איז פעסט אַנטשלאָסן נישט צו מישן זיך אין דער פראַגע פון די באָריסלאַווער אַרבעטסלאָזע. זי האָט אָבער געפילט, אַז אין אַזאַ שווערן מאָמענט טאָר זי נישט בלייבן אין אַ זייט. זי האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אויף וואָס פאַראַ אופן זי קען העלפן די באָ־ריסלאַווער יידן. וויבאַלד איר ערשטער פּלאַן מיט משהס נדר איז אַדורכ־געפאַלן, איז זי געווען אינגאַנצן ראַטלאָז. נאָר איין זאַך איז פאַר איר געווען קלאָר. אין דעם דאָזיקן שווערן מאָמענט טאָר זי נישט אַוועקפאָרן

פון דער שטאָט. טאָמער מאַכט זיך דאָך עפּעס אַ מעגלעכקייט אַרויס־צוהעלפן די אָרעמע באַריסלאַווער יידן, מוז זי זיין אויפן אָרט און אויס־נוצן די דאָזיקע מעגלעכקייט. כאַטיליע האָט געפּאָדערט פון משהן, אַז זייער נסיעה קיין ווין זאָל אָפּגעלייגט ווערן אויף פיר וואָכן. נאָר מיט גרויס אָנשטרענגונג איז משהן געלונגען צו באַהאַלטן פאַרן ווייב דעם גרימצאָרן, וואָס האָט אים באַהערשט צוליב דער דאָזיקער פאָדערונג. וואָס הייסט אָפּלייגן די נסיעה? און צוליב וואָס? צוליב די באַריסלאַווער יידן, וואָס ער קען זיי נישט און האָט נישט מיט זיי קיין שום משא־ומתן. באמת מאָדנע זאַכן קומען כאַטיליען אין קאָפּ אַריין און אַז זי עקשנט זיך איין, איז פאַרפאַלן. זי מוז אויספירן.

משהן האָט געקאָסט זייער אַ סך געזונט דאָס איינהאַלטן זיך און נישט אויסשיסן מיט כעס. ער האָט זיך אַ שטאַרקן ביס געטאָן אין דער צונג. אַלץ האָט אין אים אַ צאַפּל געטאָן. ער איז אָבער געבליבן שטיל. זינט אַ געוויסער צייט איז כאַטיליע נישט געווען געזונט. דאָקטוירים, וועלכע האָבן זי געהיילט, האָבן אָנגעזאָגט משהן, אַז כאַטיליע טאָר זיך נישט אויפרעגן. יעדע אויפרעגונג, האָבן זיי געזאָגט, קען דערפירן צו גאָר שלעכטע זאַכן, חס־וחלילה. דעריבער האָט משה שטאַרק אַכטונג געגעבן, אַז כאַטיליע זאָל אויף אים נישט דערקענען זיין אויפרעגונג און זי זאָל בלייבן רואיק.

פונדעסטוועגן האָט ער איר פאַרזיכטיק דערמאָנט:

— כאַטיליע, דו דאַרפסט דאָך זיין ביים ווינער דאָקטער.

— על עך ביי אים זיין אַ חודש שפּעטער.

אין דער דאָזיקער פראַגע האָט שוין משה נישט אויסגעפירט. די רייזע קיין ווין איז אָפּגעלייגט געוואָרן.

דערוויל האָט אָנגערוקט די שפּעטע האַרבסט־צייט און צוזאַמען מיט איר איז געקומען די מהומה אויפן וואקס־גרובן פון דער לענדער־באַנק. נאָך דער דאָזיקער מהומה איז משה געוואָרן ביי זיך אין גרויסן.

— זעסט, כאַטיליע — האָט ער געדונערט — ווּעמען דו גייסט פאַר־זאָרגן. ס'זענען דען מענטשן? רעוואָלוציאָניקעס זענען עס. מורדים במל־כות. און דו, כאַטיליע, האָסט נאָך אויף זיי רחמנות. נו, ווער האָט עס גע־זען אַזאַ זאַך?

— איי משה, משה. זינדיק נישט מיט די רייד, אַ סך פעלערן דאַרף מען מוחל זיין אַ הונגעריקן מענטש. הערסט וואָס עכ׳ל דיר זאָגן: ווען דו טוסט עפּעס פאַר זיי, וואָלסטו געהאַט אַ גרויסע מצוה.

— כאַטיליע, דו פאָדערסט פון מיר זאַכן, וואָס זענען איבער מיי־נע כוחות. איך טו אַלץ, וואָס עך קען נאָר. זאָג מיר, עך בעט דיך, קענסט צו מיר האָבן וואָס פאַראַ נישט איז טענות? האָסט געזאָגט אַ בית־יתומים, ליגט שוין אָנגעגרייט געלט צו בויען דעם בית־יתומים. איז עמעצן פּלוצים אַריין אַ מאַנקאַליע אין קאָפּ אַריין מיט אַ יידישן שפּיטאָל, שטייט שוין דאָס שפּיטאָל כמעט פאַרטיק. געלט גיב עך יעדן טאָג חוץ דעם. טאָ וואָס ווילסטו פון מיר נאָך? אַלץ מוז דאָך האָבן אַ גרענעץ. כ׳לעבן, כאַטיליע, הער שוין אויף צו טראַכטן וועגן די באָריסלאַווער יידן.

— אַלץ האָט אַ גרענעץ. יאָ, יאָ. אַלץ האָט אַ גרענעץ — כאַטיליע האָט אַ רעזיגנירטע מעלאַנכאָליש איבערגעחזרט — אָבער צו יידישע צרות איז נישטאָ קיין גרענעץ און קיין סוף.

אייגנטלעך איז משה געווען גערעכט. אין יענע צייטן פלעגט ער שוין רעגולער יעדן חודש אויסצאָלן גאַנץ היפשע סומעס פאַר כאַטיליעס פאַריינען. ער האָט אויך געהאַט שוין געשאַפן די פונדאַציע פונעם צו־קונפטיקן בית־יתומים און אויפן חשבון פון דער דאָזיקער פונדאַציע האָט ער איינגעלייגט אין אַ באַנק ווערט־פּאַפּירן אויף אַ גרויסן סכום געלט. אויך דאָס יידישע שפּיטאָל, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין אַ משונה־דיק שנעלן טעמפּאָ, במשך פון געציילטע וואָכן, האָט ער פינאַנסירט. אַזוי אַרום האָבן אים די פאַרשידענע צדקה־אונטערנעמונגען אָפּגעקאָסט גרוי־סע טויזנטערס און ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס, וואָס ער האָט געגעבן איז לעת עתה גענוג.

משהן האָט באַזונדערס פאַרדראָסן דער ענין מיטן יידישן שפּיטאָל. מילא, וואָס שייך דעם בית־יתומים, האָט ער געוווּסט, אַז וועגן דעם דאָ־זיקן בית־יתומים הלומט כאַטיליע שוין זינט כמה יאָרן. האָט ער איר געוואָלט צוליב טאָן. אים איז אפילו געפעלן געוואָרן כאַטיליעס געדאַנק, אַז דער בית־יתומים זאָל אויפגעבויט ווערן מיט אַ גבירישן פאַרנעם. ער זאָל זיין פון זיין מין דער שענסטער אין לאַנד און ער זאָל אויף אייביק בלייבן אַ דענקמאָל נאָך דער גאַרטענבערגישער משפּחה. האָט משה מיט

אַ באַזונדערן אייפער גענומען זיך צו די ענינים פונעם בית־יתומים. אָבער די מעשה מיטן שפּיטאָל איז אים אַריינגעקראָכן אין סאַמע מיטן און צו־ליב דעם דאָזיקן שפּיטאָל האָט מען געמוזט איבעררייסן די צוגרייטונגס־אַרבעטן אַרום דעם בית־יתומים. מיטן דאָזיקן שפּיטאָל איז געווען אַזוי:

זינט אַ געוויסער צייט שוין איז דאָס שטאָטישע שפּיטאָל באַהערשט געוואָרן דורך אַ כנופיה פון מאָנאַשקעס און גלחים, וואָס האָבן זיך גע־שטעלט פאַר אַ ציל צו „באַקערן" יידן צום קריסטלעכן גלויבן. דער יידי־שער שפּיטאָל־פּאַריין, מיט וועלכן כאַטיליע האָט אָנגעפירט, האָט טאַקע באַזאָרגט די יידישע קראַנקע מיט כשר עסן. אָבער די גאַנצע זאַך האָט נישט געטויגט, ווייל די יידישע קראַנקע זענען געלעגן אין אַן אַטמאָס־פער פון גייסטיקן צוואַנג און עס האָט זיי כסדר געדראָט די סכנה צו ווערן אָפּגעשמדט אַפילו קעגן זייער ווילן. אַ דערדריקנדיקן איינדרוק האָט געמאַכט דער פאַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין זומער 1896 מיט אַ שווער קראַנק יידיש מיידל. בעת דאָס מיידל האָט שוין געגוססט, האָבן די מאָנאַשקעס מיט די גלחים זי אָפּגעשמדט.

די קהלה האָט זיך איינגעשטעלט. די רבנים זענען געגאַנגען צום סטאַראָסטע. ס'האָט נישט געהאָלפן. ד"ר לעכאָווסקי, וועלכער איז דע־מאָלט געווען דירעקטאָר פונעם שטאָטישן שפּיטאָל, האָט ממש איינגע־ריסן ווענטן, כדי מען זאָל דעם קערפער פונעם יידישן מיידל אַרויסגעבן צו איר משפחה. פאַר לעכאָווסקין איז די זאַך געווען באַזונדערס פיינלעך און ער איז אַוועק צום קאַנאָניק און גערעדט מיט אים האַרבע דיבורים. דער קאַנאָניק האָט זיך אָבער איינגעעקשנט און ער האָט אויסגעפירט דאָס זייניקע. דאָס מיידל איז מיט גרויס פּאַראַד באַערדיקט געוואָרן אויפן קריסטלעכן צווינטער. דער קאַראַוואַן איז פאַרפלייצט געווען מיט בלו־מענקראַנצן און טויזנטער פרומע קריסטן זענען נאָכגעגאַנגען דער לוויה פונעם שפּיטאָל ביז צו דער קירך און צוריק פון דער קירך אויפן צווינ־טער. די קירכן־גלאָקן האָבן זייער לאַנג געקלונגען און זיי האָבן אָנגע־פולט די שטאָט מיט אימהדיקייט און שרעק. יידן האָבן אויסגעמיטן צו ווייזן זיך אין גאַס. בלויז דעם מיידלס מאַמע איז אַ צעבראָכענע געשטאַ־נען לעבן דעם שפּיטאָל און האָט געקוקט, ווי מען טראָגט אַרויס די טרומנע מיטן קערפער פון איר אָרעם קינד. אַ טאָפּלטן שמערץ האָט זי,

נעבעך, געהאַט, די אַלטע יידישע מוטער. זי האָט פאַרלוירן איר קינד און דערצו האָט זי נאָך געמוזט צוזען, ווי שונאים פראַווען זייערע שדישע קונצן איבער דעם קינדס טויטן קערפּער. די מאַמע האָט דאָך אַמבעסטן געוווסט, אַז איר קינד איז געווען אַ כשרע יידישע טאָכטער.

דער דאָזיקער פאַל האָט אויפגעשטורעמט די גאַנצע געגנט. מען האָט שפּעטער דערציילט, אַז יידישע שטאַרקע יונגען האָבן זיך געגרייט אָפּצושלאָגן דעם טויטן קערפּער, די שונאי־ישראל האָבן זיך אָבער אויף דעם געריכט און זיי האָבן באַצייטנס צוגעגרייט זייערע „באָיוווקעס". בלויז אַ האָר האָט געפעלט, אַז אין שטאָט זאָל אויסברעכן אַ פּאָגראָם. נאָר אַ דאַנק דער אַנטשלאָסנקייט פונעם סטאַראָסטע און דער קאַלטבלוּ־טיקייט פונעם וואַכמייסטער פון די זשאַנדאַרמען איז דעמאָלט געלונגען אויסצומיידן בלוטיקע געשעענישן.

פונעם דאָזיקן טרויעריקן פאַל האָבן דראָהאָביטשער יידן געצויגן אַ מוסר השכל. רבקה רחל ראַפּאַפּאָרט, וועלכע האָט אין יענער צייט שוין איינגאַנצן אָנגעפירט מיטן „שפּיטאָל־פאַריין" איז אַריינגעלאָפן צו כאַטיליען מיט אַ געוויין:

— פרוי גארטענבערג, איר שוויגט, ווען אַזאַ אומגליק איז אויס־געגאַנגען צו דער שטאָט! איר זיצט רואיק אין שטוב, בעת די קדושה איז הפקר? פרוי גאַרטענבערג, שוויגט נישט! ראַטעוועט! פרוי גאַרטענ־בערג...

משה איז פונקט געווען אין שטוב און ער איז געוואָרן שטאַרק גע־רירט. כאַטיליע האָט הילפלאָז געקוקט אויף משהן און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן.

— כ'טו אַ נדר — האָט זי אויסגעשריגן נישט מיט איר שטי־מע — כ'טו אַ נדר און איר אַלע זאָלט הערן! אויב גאָט וועט אונדז שענקען לעבן, וועט דאָ איבעראַיאָר שטיין אַ יידיש שפּיטאָל!

משה האָט אַ דערשראָקענער געקוקט אויף כאַטיליען. וואָס איז איר איינגעפאַלן? נאָר אַ נדר איז אַ נדר. מ'מוז אים האַלטן. האָט ער נישט געפרעגט קיין איבעריק וואָרט, נאָר איז באַלד אַרויסגעגאַנגען, כדי צו באַ־זאָרגן אַלץ וואָס מען דאַרף, כדי דאָס שפּיטאָל זאָל קענען אויפגעשטעלט ווערן צו דער צייט. קהל האָט צוגעטיילט פאַרן שפּיטאָל אַ רחבותדיקן

באָדן־שטח אויפן לאַן, האַרט לעבן דער גרויסער שול און משה האָט באַדונגען אַ בוי־מייסטער און געהייסן אים זיך תיכף אָוועקשטעלן צו דער אַרבעט.

האַרבסט־צייט, ווען די גאַרטענבערגס האָבן געהאַלטן ביים אָוועק־פאָרן קיין ווין, איז דער נייער בנין געשטאַנען אונטערן דאַך. כּאַטיליע האָט זיך סוף־כּל־סוף געלאָזט איבערצייגן, אַז מיט איר זיצן אין דראָהאָ־ביטש וועלן די באָריסלאַווער אַרבעטסלאָזע נישט ווערן געהאָלפן. איר געזונט־צושטאַנד איז נישט געווען קיין גוטער. זי האָט געדאַרפט די הילף פון די ווינער גרויסע דאָקטוירים און משה האָט לסוף אויסגעפירט, אַז מען זאָל אָוועקפאָרן. ווען זיי זענען דעם קומענדיקן פרילינג צוריק־געקומען פון ווין, האָבן זיי לעבן דער מויער פון דער גרויסער שול גע־טראָפן דעם פאַרטיקן שפּיטאָל־בנין, געבויט אין האַלב־גאָטישן סטיל, מיט הויכע, קיילעכדיקע פענצטער און מיט צוויי טורעמלעך איבער ביי־דע עקן פונעם בנין. דאָס שפּיטאָל האָט געקענט אַריינגעמען אַן ערך פער־ציק קראַנקע. עס איז געווען באַדינט דורך יידישע דאָקטוירים און יידי־שע קראַנקן־שוועסטערס.

ווען כּאַטיליע האָט באַזוכט דאָס שפּיטאָל, האָט איר פּנים, וואָס איז איצט געווען קרענקלעך־פאַרגעלט, אויפגעשיינט אין אַ גליקלעכן שמייכל. מיט אויגן פול מיט דאַנקבאַרקייט און שטאָלצקייט האָט זי געקוקט אויף איר משהן, וועלכער איז אַן אויפגערוימטער אַרומגעלאָפן איבער די פיין־איינגעאָרדנטע שפּיטאָל־סאַלעס און האָט זיך מיט אַלעמען געפרייט, ווי אַ קליין קינד.

כּאַטיליע איז איצט געווען צופרידן פון משהן. זי האָט געוווסט, אַז אויך ער האָט פיל אַנטוישונגען איבערגעלעבט אין די לעצטע יאָרן. זיין חלום איבערצושטייגן דעם באַראָן גוטמאַן איז נישט מקויים געוואָרן. די בקשה, וועלכע ער האָט דערלאַנגט דעם קייסער, בעת דעם קייסערס באַ־זוך אין באָריסלאַוו, איז געבליבן אָן ענטפער. משה האָט נישט געשלאָפן. ער האָט זיך געזען מיט פאַרשידענע שררות און האָט זיך באַמיט צו דערגיין דעם סוד, פאַרוואָס ער באַקומט נישט דעם אַדל־טיטל. פון די ענטפערס, וועלכע משה האָט באַקומען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז קיין אַדלמאַן וועט ער שוין נישט זיין. זיין „מילכיקע פאַרגאַנגענהייט" האָט

אים דערין געשטערט. משה האָט שטאַרק געליטן צוליבן דאָזיקן קלאַפּ. ער איז אָבער ביי זיך נישט געפאַלן. פאַרקערט, ער האָט זיך באַמיט נאָך מיט מער שטאַט צו פירן זיין הויף.

ווען כאַטיליע האָט אים איצט געזען אַ צעשטראַלטן, ווי ער האָט זיך געלאָזט פון די דאָקטוירים אויפקלערן דעם באַדייט פון יעדער מינדעס־טער זאַך אין דער שפּיטאָל־איינריכטונג, האָט זי זיך דערמאָנט די צייטן, ווען זי האָט געמוזט אים איינרעדן, אַז אַ דאַנק דער אָפענער האַנט ביים טאָן צדקה וועט ער דערגרייכן דעם באַראָן־טיטל. היינט ווייסט ער שוין בפירוש, אַז דעם טיטל וועט ער נישט האָבן. פונדעסטוועגן שטעלט ער זיך נישט אָפּ. ער גייט פאָרויס און טוט ווייטער צדקה.

כאַטיליע איז שטאַרק גערירט געוואָרן פון אירע אייגענע געדאַנ־קען. אין די לעצטע צייטן איז זי צוליב איר שלעכטן געזונט־צושטאַנד געווען שטאַרק עמפּינדלעך און ביי יעדער קלייניקייט פלעגן אירע אויגן נאַס ווערן. אויך איצט האָט זי נישט געקענט איינהאַלטן די טרערן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ ווייס געפאַרבטן שענקעלע מיט זילבערדיק־שימערירנדיקע כירורגישע מכשירים. זי האָט כלומרשט אַריינגעקוקט אין דעם שענקעלע און בגנבה האָט זי מיט אַ ווייס טיכעלע געווישט די אויגן און די פאַררויטלטע נאָז.

כ.

דער פּאָדעם האָט זיך איבערגעריסן

דאָס לעצטע יאָר פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט האָט געחתמעט דעם כאַראַקטער פונעם דראָהאָביטשער נאַפט־ראַיאָן ווי אַ גרויס־אינדוסטריעלן צענטער. אַ ריי גרויס־קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטן פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד און אפילו פונעם ווייטן אַמעריקע האָבן גענומען אויפ־שטעלן שאַכטן אין באָריסלאַוו. די ערד האָט איצט מיט אַ ברייטער האַנט געטיילט אירע פאַרבאָרגענע אוצרות. עס פלעגט זיך אָפט טרעפן, אַז ביי די ערשטע טויזנט מעטער האָט שוין אַ זעץ געטאָן אַ שטאַרקער אייל־שטראָם. די אונטער דער ערד אָנגעזאַמלטע גאַזן פלעגן אַרויסשטויסן די אייל־פליסיקייט מיט אַ שטאַרקן אימפּעט. די שווערע אייזנס, מיט וועלכע מען האָט געבויערט די ערד, דער שווידער און די גאַנצע משא פון די שטאַנגען, וועלכע האָבן געפירט דעם שווידער, פלעגן דאַן פליען אין דער לופט, ווי פעדערלעך פון אַ צעריסן איבערבעט, געטראָגן דורך אַ שטאַרקן ווינט. אָפט פלעגט זיך אויך טרעפן, אַז דער אימפּעט פונעם אייל־שטראָם האָט צעטראָגן דעם גאַנצן שאַכט צוזאַמען מיט זיינע איי־זערנע רושטאָוואַניעס און די שווערלייביקע מאַשינען.

אינעם באָריסלאַווער לשון האָט אַזאַ אייל־שטראָם געהייסן „ווי־בוך". אין תוך גענומען איז אַ וויבוך געווען אַ ברכה פאַרן גרובן־באַזי־צער. אָבער איין האָר האָט געפעלט, אַז די דאָזיקע ברכה זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קללה, נישט סתם אין אַ קללה, נייערט אין אַ מפלה און אפילו אין אַ גענצלעכן חורבן. די קלענסטע אומפאָרזיכטיקייט האָט גע־קענט גורם זיין, אַז דער אייל־שטראָם זאָל תיכף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פייער־שטו'אָם. ביי גרויסע וויבוכעס האָט נישט געהאָלפן אפילו די גרעסטע פאָרזיכטיקייט. דער אייל פלעגט זיך אָנצינדן אַליין פון זיך, פון דער היץ, וואָס זיין אייגענע באַוועגונג האָט געשאַפן. אַן אייגנאַר־

טיקע אילומינאַציע פלעגט באַריסלאַוו האָבן אין יענער צייט. יעדן מאָנ־טיק און דאָנערשטיק פלעגט זיך ערגעצווו מאַכן אַ וויבוך און באַלד האָט אַ פייערדיקער סלופּ פונעם ברענענדיקן אייל־שטראָם פאַרפלייצט די געגנט מיט בלוטיק־רויטן ליכט.

כאָטש די פייער־סטיכיע האָט אויפגעפרעסן אַ שפּאָר ביסל אייל, איז נאָך גענוג געבליבן פאַר די גרובן־באַזיצערס. דאָס איז געווען די צייט, ווען די באָריסלאַווער אַלגעמיינע פּראָדוקציע האָט געהאַלטן ביי דריי טויזנט ציסטערנעס אַ חודש. יעדער נייער חודש האָט פאַרגרעסערט די צאָל שאַכטן, יעדער חודש האָט געמאַכט שטייגן די הויך פון דער נאַפט־פּראָדוקציע.

אין דראָהאָביטש איז שוין אין יענער צייט די גרויסע פאַבריק נישט געווען קיין יחידה במינה. ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן זענען כסדר אַרום איר געוואַקסן נייע פאַבריקלעך. אוודאי האָבן זיך די דאָזיקע פאַבריקן נישט געקענט גלייכן צו דער גרויסער פאַבריק פון די גאַרטענבערגס. נאָר פונ־דעסטוועגן האָבן זיי אַלע צוזאַמען געהאַט שוין אַ גרעסערע פּראָדוקציע־קאַפּאַציטעט, ווי די גרויסע פאַבריק.

אויך מלכות איז נישט געבליבן מן הצד. קירע *) האָט אינעם צווייטן עק פון דער שטאָט, האַרט לעבן דער גרויסער באַן־סטאַציע, אויסגעבויט אַ נייע נאַפט־ראַפינעריע, וואָס אַנטקעגן איר איז אפילו די גרויסע פאַב־ריק געווען אַ קאַרליק. די מלוכהשע פאַבריק האָט געהייסן די בענזינירונג. זי האָט די ערשטע אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן דעם לייכטן בענזין, וואָס איז באַנוצט געוואָרן צו די נייע לייכטע מאָטאָרן. די בענזינירונג האָט פאַרנומען אַ באָדן־שטח, וועלכער האָט לייכט געקענט קלעקן אויף אויס־צובויען אַ היפּש שטעטל. אין דער אמתן איז טאָקע די בענזינירונג גע־ווען אַ שטאָט פאַר זיך. חוץ די ריזיקע פאַבריקס־איינריכטונגען, האָט זי געהאַט גאַנצע וווינונגס־בלאָקן פאַר טויזנטער אַרבעטער און באַאַמטע, בנינים פון געזעלשאַפטלעכן געברויך, אַ קירך, אַ שול, אַ טעאַטער־זאַל וכד'.

ביי די דאָזיקע אומשטענדן האָט זיך די לאַגע אין דער גרויסער

---

*) אַזוי האָבן יידן גערופן דעם קייסער.

פאַבריק אַביסל געענדערט. עס איז געוואָרן שווערער מיטן געפינען אַ פּאַ־סיקן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר דער פּאַרטיקער סחורה. לאָזער גאַרטענבערג האָט ווידער געמוזט נעמען צו הילף זיין גרויס־סוחרישן טאַלאַנט, כדי צו שאַפן פאַר דער פאַבריק נייע קאָמערציעלע פאַרבינדונגען. קיין יונגער־מאַנטשיק איז שוין לאָזער דאַן נישט געווען. שוין גוט איבער די זעכציק. זיין מילך־ווייסער קאָפּ און די ברייטע ווייסע באַקן־בערד האָבן אויף דעם עדות געזאָגט. פונדעסטוועגן האָט ער זיך געפילט פריש און זיין ברייט־בייניקער גוף איז נאָך געווען רירעוודיק, פּונקט ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק. לאָזערן איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז אין רוסלאַנד וועט ער קענען געפינען אַן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר זיינע נאַפט־פּראָדוקטן. לאַנג האָט ער נישט געטראַכט, נאָר באַלד גענומען זיך גרייטן צו דער נסיעה קיין רוסלאַנד.

לאָזער האָט געוווסט, אַז ביים צאַר זענען פאַראַן גרויסע באַגרענע־צונגען פאַר יידן. אין די גרעסערע שטעט פון רוסלאַנד, האָט ער גע־ווּסט, טאָר זיך קיין ייד נישט אויפהאַלטן און ווייסט דער שוואַרצער יאָר וואָס פאַראַ איינפאַלן פאַניע האָט נאָך. האָט זיך לאָזער באַרעכנט, אַז נאָך וואָס דאַרף ער אַהין פאָרן ווי אַ ייד, אַמיין וועט ער בעסער פאָרן ווי אַ גוי. האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט צום רוטענישן גלח, אַריינגע־שטופּט אים אַ פעטע מטבע אין דער יד אַריין און דער גלח האָט אויס־געשריבן אַ פּאַפּיר, וואָס האָט באַשטעטיקט, אַז לאָזער גאַרטענבערג איז אַ כשרער גוי פון דור דורות. מיטן דאָזיקן „אַרישן" פּאַפּירל האָט זיך לאָזער געלאָזט אין וועג אַריין און ער האָט מצליח געווען. נאָך זיין אומ־קערן זיך אַהיים האָבן גאַנצע צוגן מיט אָנגעפולטע נאַפט־ציסטערנעס אָנגעהויבן אַוועקצוגיין פון דער גרויסער פאַבריק קיין רוסלאַנד. אין שטאָט האָבן אָבער בייזע צינגער גענומען פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, אַז לאָ־זער האָט זיך געשמדט.

פון זיין הצלחהדיקער נסיעה קיין רוסלאַנד האָט זיך לאָזער אומגע־קערט אין די ערשטע טעג פון חודש אלול. ער האָט געטראָפן משהן אַ דערשלאָגענעם און פאַרצווייפלטן, צוליב קאַטיליעס געזונט־צושטאַנד. די קראַנקייט, וואָס האָט אין איר געעגבערט זינט עטלעכע יאָר, האָט זיך איצט צעפלאַקערט אין אַ גרויס פייער. קאַטיליע איז אויסגעטריקנט גע־

וואָרן ווי אַ שטעקן, זי האָט נישט געקענט עסן, ווייל וואָס זי האָט נאָר גענומען אין מויל אַריין, האָט זי תיכף צוריקגעגעבן. דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז זי דאַרף האָבן אַן אָפּעראַציע. מיט דער אָפּעראַציע טאָר מען נישט אָפּשלעפּן, האָבן זיי געזאָגט, נאָר מען דאַרף זי תיכף ומיד מאַכן. משה האָט זיך געגרייט אַוועקצופאָרן מיט כאַטיליען קיין ווין, כדי צו הערן די מיינונג פונעם ווינער פּראָפעסאָר, וועלכער האָט זי ביז איצט קורירט.

לאָזער האָט אפילו נישט געהאַט קיין צייט זיך דורכצושמועסן מיט משהן. צומאָרגנס נאָך לאָזערס אָנקומען אַהיים איז שוין משה מיט כאַטיליען אַוועקגעפאָרן קיין ווין. דער וועג איז געווען אַ זייער שווערער. די יסורים האָבן די קראַנקע נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין רגע. דאָס שאָקלען זיך פונעם שנעלצוג האָט איר, ווייזט אויס, נאָך פאַרערגערט די ליידן. זי איז די גאַנצע צייט געלעגן אויף איר בעטל אינעם שלאָף־וואַגאָן און האָט שטיל געקרעכצט.

משה האָט פון איר נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין מינוט. אַליין האָט ער שוין אויך אויסגעזען ווי זיין אייגענער שאָטן. ער האָט געציילט די שעהן און די מינוטן, ביז מען וועט שוין אָנקומען קיין ווין. זיין איינציקער באַגער איז איצט געווען צו זען ווי אַמשנעלסטן דעם פּראָפעסאָר. משה האָט געהאָפט צו הערן פונעם פּראָפעסאָר אַ טרייסט־וואָרט. ס'קען דאָך נישט זיין, אַז כאַטיליעס קראַנקייט זאָל זיין אַזאַ שווערע, אַז מען זאָל מוזן אַזש מאַכן אַן אָפּעראַציע. דראָהאָביטשער דאָקטוירים, וואָס ווייסן זיי דען? דער ווינער פּראָפעסאָר, וואָס זיין נאָמען קלינגט איבער דער גאַנצער וועלט, איז עפּעס אַנדערש. מיט דער הילף פונעם אויבערשטן וועט ער שוין געפינען פאַר כאַטיליען די נויטיקע רפואה, אַז מ'זאָל נישט מוזן מאַכן די אָפּעראַציע.

משה איז איצט מיט זיינע געדאַנקען געווען ביים אַלטן פּראָפעסאָר, וואָס פלעגט שטענדיק גוטמוטיק שמייכלען און דערביי זיך גלעטן דאָס קורץ־צוגעשוירענע זילבער־ווייסע שפּיץ־בערדעלע. אָ, ווי וואָלט ער שוין געוואָלט איצט זיצן אין דעם פּראָפעסאָרס שטילן קאַבינעט. ווי וואָלט ער שוין געוואָלט זיך ווידער איינהערן אין זיינע געלאַסענע רייד, וואָס ווירקן אַזוי דערמוטנדיק, אַזוי באַרואיקנדיק. איז דאָך אויך פאַראַיאָרן ווינטער,

ווען זיי זענען געווען אין ווין, כאַטיליע פאַרשלאָפּט געוואָרן. דאָקטוירים, אפילו שוין ווינער דאָקטוירים, האָבן געזאָגט, אַז ס'האַלט נישט גוט. משה האָט זיך אָבער נישט פאַרלאָזט אויף די דאָקטוירים. ער האָט אַראָפּ־געבראַכט צו כאַטיליען דעם פּראָפעסאָר אַליין. און וואָס איז געווען די פּעולה? ס'איז געשען אַ נס. דער פּראָפעסאָר האָט עפּעס פאַרשריבן אין אַפּטייק אַריין און באַלד דערנאָך איז געוואָרן בעסער. כאַטיליע איז צו זיך געקומען און זי האָט אפילו געקענט זיך אויפהייבן און פאָרן אַהיים. משה האָט אפילו געבעטן מ'זאָל במשך פונעם גאַנצן זומער בלייבן אין ווין. אַזוי ווי כאַטיליע איז נישט מיט אַלעמען, וועט בעסער זיין צו פאַר־בלייבן אין ווין, וווּ מ'האָט אונטער דער האַנט דעם פּראָפעסאָר. אָבער כאַטיליע האָט נישט געוואָלט הערן פון בלייבן אין ווין. מ'קען נישט, האָט זי געטענהט, איבערלאָזן די שטוב אינגאַנצן אויף הפקר. און הייגט ווו זענען די כלל־פּליכטן, וועלכע זי טראָגט אויף זיך? ס'איז דאָך שוין די העכסטע צייט צו פאַרענדיקן דעם משא ומתן מיטן בית־יתומים. דער ענין שלעפּט זיך שוין אַזוי לאַנג, אַז ס'איז פּשוט אַ חרפּה פאַר זיך אַליין, בפרט אַז אַלע פּלענער זענען שוין פאַרטיק און דאָס געלט ליגט גרייט. ווי קען זי אין אַזאַ צייט בלייבן אין ווין? זי מוז פאָרן אַהיים און זען באַלד צו פאַרענדיקן דעם ענין פונעם בית־יתומים. זאָל מען זיך תיכף שטעלן בויען.

משה געדענקט, ווי ער האָט זיך דעמאָלט ביי איר געבעטן. ער וועט אויפבויען דעם בית־יתומים אַזוי גרויס און שיין, אַז די וועלט האָט נאָך אַזעלכעס נישט געזען. ער וועט באַלד געבן די געהעריקע אָנווייזונגען און די אַרבעט וועט זיך אָנהייבן. צוליב דעם דאַרף נישט כאַטיליע פאָרן קיין דראָהאָביטש. אַלץ וועט געמאַכט ווערן פּונקט אַזוי ווי זי וואָלט ביי דעם געווען. זאָל זי בלייבן אין ווין און ווען דאָס הויז וועט שוין שטיין פאַר־טיק, וועט זי שוין, אם ירצה השם, זיין אינגאַנצן געזונט און דעמאָלט וועט מען פאָרן קיין דראָהאָביטש און מען וועט פייערן דעם חנוכת הבית מיט אַזאַ גרויסן פּאַראַד, אַז יענער חנוכת הבית פונעם מושב זקנים קען זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל.

כאַטיליע האָט צוגעשמייכלט צו משהס רייד. זי האָט זיך אָבער נישט געלאָזט איבעררעדן. זי איז געווען פעסט אַנטשלאָסן צוריקצופאָרן

קיין דראָהאָביטש אויף זומער. וואָסזשע איז געווען די פּעולה? ווײַבאַלד מען איז געקומען אַהיים, האָט כאַטיליען ווידער אָנגעהויבן צו ווערן שלעכט און אַזוי האָט זי דורכגעקרענקט דעם גאַנצן זומער. אין אַזאַ לאַגע איז נישט געווען ווען צו טראַכטן וועגן בית־יתומים, ווייל מען איז דאָך כסדר געווען פאַרנומען מיט דאָקטוירים און אַפּטייקן.

און איצט? איצט פירט ער כאַטיליען מיטן שנעלצוג „קראָקע־ווין" צוריק קיין ווין. אָבער אין וואָס פאַראַ צושטאַנד פירט ער זי? איין גאָט זאָל זיך מרחם זיין.

אין דער לעצטער נאַכט פון דער רייזע, ווען דער צוג האָט זיך געטראָגן איבער די אונגאַרישע פּושטעס אין דער ריכטונג צו פּרעשבורג, האָט אינדרויסן געבושעוועט אַ מוראדיק געוויטער. אָנגעשוואָלענע רעגן־טראָפּנס צוזאַמענגעמישט מיט דער אַראָפּפאַלנדיקער פאַרע פונעם לאָקאָמאָטיוו און מיט צעגליטע קוילן־שפּליטערס האָבן געקלאַפּט אין פענצטער פונעם שלאָף־וואַגאָן. משה האָט ווי שטענדיק געוואַכט לעבן כאַטיליעס בעטל. זי איז אַ האַלב אויסגעטועטע געלעגן אין אַן אומרואיקן דרימל. משה האָט זיך איינגעהערט אין איר קורצן אָטעם און אין איר שטיל אײַבערגעריסן קרעכצן. דאָס קלאַפּן פון די רעדער אויף די באַן־רעלסן און דאָס רוישן פונעם געוויטער הינטערן פענצטער האָט אים צענומען און איינגעשלעפערט. קאַשמאַרדיקע בילדער האָבן אים גענומען פּייניקן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט האָט עמעץ שטיל געעפנט די טיר פונעם האַלב־פינצטערן קופּע און ער דערנענטערט זיך צו כאַטיליעס בעטל. משה האָט זיך גוט איינגעקוקט. האָט ער דערזען אַ שוואַרצע געשטאַלט מיט אַ פויערישער קאָסע אויפן אַקסל. משה האָט זיך אויפגעריסן אַ באַגאָסענער מיט שווייס. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. קיינער איז נישט געווען.

משה האָט זיך מיטן טאַשן־טיכל געווישט דעם שטערן. ער האָט נאָך געציטערט פון שרעק. דער שלאָף האָט אים געקלעפּט די אויגן, האָט אים ווידער געוואָלט אַרײַנגעמען אונטער זיינע פליגל. משה האָט אָבער באַשלאָסן צו קעמפן מיטן שלאָף און נישט לאָזן זיך מער באַהערשן דורך אים. ער איז אַן איינגעקאָרטשעטער געבליבן זיצן אויפן רענצל לעבן כאַטיליעס צוקאָפּנס. ער האָט זיך געווישט די פאַרקלעפּטע אויגן. ניין, ער וועט זיך מער נישט דערוועגן צו שלאָפן. ער וועט זיך באַמיען עפּעס צו

קלערן און אַזוי אַרום צו פֿאַרטרייבן דעם שלאָף. וועגן וואָס וועט ער קלערן? וועגן זייטיקע ענינים, וועגן געשעפֿטן. אָבער וויבאַלד ער האָט נאָר אָנגעהויבן צו קלערן, האָבן זיך פֿאַרשידענע בילדער גענומען ווידער אַריינרייסן אין זיין מוח. פֿאַר זיינע אויגן האָט זיך פּלוצים אַנטפּלעקט די הדרתדיקע געשטאַלט פֿון זיין שווער, ר' גדליה. ער האָט פֿריינטלעך גע־שמייכלט און געוויזן מיט דער האַנט אויף דער שלאָפֿנדיקער כאַטיליע.

— נישט אַלץ איז עולם הזה, מיין קינד — האָט משה בפירוש גע־הערט ר' גדליהס שטימע — נישט אַלץ. אַז מען גייט אַוועק פֿון דער וועלט און מען לאָזט איבער נאָך זיך גוטע מעשים, האָט מען אַ תיקון אויף יענער וועלט.

משה האָט זיך ווידער אויפֿגעריסן אַ דערשראָקענער. ער האָט אויף זיך געפֿילט אַ באַרירונג פֿון אַ קאַלטער האַנט. ער האָט געציטערט ווי אַ פֿיש.

— וואָס שרעקסטו זיך, משה? — האָט ער דערהערט כאַטיליעס שוואַך, כמעט שעפּטשענדיק קול.

כאַטיליע האָט נישט געשלאָפֿן. אירע איינגעפֿאַלענע אויגן האָבן גע־שמייכלט צו משהן און מיט דער אויסגעדאַרטער האַנט האָט זי געגלעט משהס שיטערע טונקל־ברוינע האָר. אירע ליפּן האָבן זיך לאַנגזאַם באַ־וועגן ווי ביי אַ תפילה.

— משה, — האָט זי געזאָגט — דו ווייסט דאָך. דער מענטש איז נישט מער ווי אַ מענטש. קיינמאָל קען מען נישט וויסן, וואָס ס'עט זיין מאָרגן. בפֿרט איצט, ווען עך פֿיל זיך אַזוי שלאַף. ווייסט, משה, כ'האָב גאָרנישט מורא. די קינדער אונדזערע זענען שוין, ברוך השם, דערוואַקסע־נע. זיי גייען זיך אויף זייערע אייגענע וועגן און דו, משה, ביסט דאָך שטענדיק געווען אַ גוטער טאַטע. בין איך טאַקע רואיק וועגן די קינדער. אויף דיר טוט מיר שטאַרק וויי דאָס האַרץ.

— פֿאַרוואָס רעדסטו אַזוי, כאַטיליע? — האָט איר משה איבער־געהאַקט מיט אַ געבראָכענער שטימע — ווי פֿאַלט דיר עפּעס איין צו רעדן אַזעלכע זאַכן? — דו וועסט זיין געזונט, כאַטיליע. אַנדערש קען עס גאָר נישט זיין.

— שאַ, שאַ! כאַפּ נישט. כ'מיין דאָך נישט דאָס. כ'מיין נאָר צו

זאָגן, אַז ס׳לעבן פונעם מענטש ליגט אין גאָטס הענט. נו, וואָסזשע דאַרפסטו דערפון האָבן עגמת נפש? דער מענטש מוז כסדר גרייט זיין אויף אַלעמען. אָט דאָס מיין עך, משה. כ׳וואָלט געוואָלט דו זאָלסט וויסן, אַז עך טראַכט נישט צו שרייבן אַ צוואה. כ׳האָב אָבער אַ ווונטש, וואָס כ׳וואָלט געוואָלט ער זאָל ווערן דערפילט. אַלץ איינס, צי כ׳על לעבן, צי, חלילה, נישט. דעם ווונטש קענסטו. דאָס איז דער בית־יתומים.

— אוודאי קען עך אים. דער בית־יתומים וועט מערטשעשעם קו־מענדיקן זומער זיין שוין פאַרטיק. און דו, כאַטיליע, וועסט אים, מיט דער הילף פונעם אייבערשטן, אַליין בענטשן בעתן חנוכת־הבית. אַזוי וועט עס זיין און אַנדערש טאָרסטו אפילו נישט טראַכטן, כאַטיליע.

מיט די לעצטע כוחות האָט זיך משה באַמיט צו באַהערשן, כדי נישט צו ווייזן פאַר כאַטיליען זיין צעבראָכנקייט און כדי איינצוהאַלטן דעם טרערן־שטראָם, וואָס האָט זיך מיט געוואָלט געריסן פון זיינע רויט־אָנ־געצונדענע אויגן. כאַטיליע האָט צו אים בלייך געשמייכלט. איר ווייסער קאָפּ איז געלעגן פאַרריסן אויפן קישן. איר דורכזיכטיק פּנים מיט דער פאַרשפּיצטער נאָז איז געווען אומבאַוועגלעך, ווי ביי אַ סטאַטוע. משה האָט נישט אויסגעהאַלטן. טרערן האָבן אַליין פון זיך אָנגעהויבן צו גיסן זיך פון די אויגן.

ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן מזרח־וואָקזאַל אין ווין, איז שוין געווען האַלבער טאָג. כאַטיליע האָט נישט געקענט מיט אייגענע כוחות אַראָפּגיין פון איר בעטל. משה האָט געמוזט ביים שעף פונעם וואָק־זאַל בעטן אַן אַמבולאַנס. כאַטיליען האָט מען אויף אַ טראָג־בעטל אַראָפּ־גענומען פונעם צוג און דאַן האָט זי משה אַוועקגעפירט אין אַ פּריוואַ־טער קליניק. משה האָט טעלעפאָנירט צום פּראָפעסאָר. דער פּראָפעסאָר האָט פונקט געהאַלטן ביים מיטיק־עסן. ער האָט אָבער איבערגעריסן דאָס עסן און איז תיכף געקומען אין דער קליניק. ער האָט כאַטיליען זייער לאַנג באַטראַכט און ער איז געווען זייער ערנסט. משהן האָט ער גע־זאָגט, אַז דער צושטאַנד איז אַ זייער שווערער. אויף משהס פראַגע, צי מען דאַרף אַן אָפּעראַציע, האָט דער פּראָפעסאָר אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען און האָט אויסמיידנדיק געענטפערט, אַז דאָס וועט מען ערשט וויסן צומאָרגנס.

צומאָרגנס איז שוין נישט געווען וועמען צו אָפּעררירן. די זעלבע נאַכט האָט כאַטיליע אויסגעהויכט די נשמה.

דער ארון מיט כאַטיליעס קערפּער איז געקומען קיין דראָהאָביטש אין אַ ספּעציעלן סאַלאָן־וואַגאָן. אין דעם זעלבן וואַגאָן זענען געפאָרן משה און זיינע קינדער, וועלכע האָבן שוין דעמאָלט געוויינט אין ווין. אויף דער גרויסער סטאַציע אין דראָהאָביטש האָט דעם ארון אָפּגעוואַרט אַ גרויסער עולם מענטשן. דעם ארון האָט מען אַוועקגעפירט אין משהס הויז און די לוויה איז באַשטימט געוואָרן אויף צומאָרגנס.

אַזאַ לוויה האָט נאָך די שטאָט נישט געזען. יידן און קריסטן, אָרעמע און רייכע, מענער, פרויען און קינדער, אַלץ איז געקומען אָפּגעבן כאַ־טיליען דעם לעצטן כבוד. ווען דער אָרון איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן פון משהס שטוב, זענען אַלע קלייטן אין שטאָט פאַרמאַכט געוואָרן און די סירענעס פון דער גרויסער פאַבריק האָבן גענומען טרומייטערן מיט אַ וויינענדיקער שטימע. די סירענעס האָבן שוין נישט אָפּגעשטעלט זייער טרומייטערן. זיי האָבן כאַטיליען באַגלייט ביז צו איר אייביקער רו.

דער פיל טויזנט קעפּיקער לוויה־צוג איז געפירט געוואָרן צום מושב־זקנים. דערנאָך איז ער מיט זייטיקע וועגן (כדי נישט דאַרפן דורכצוגיין לעבן דער קירך) צוגעקומען צום גרויסן מאַרק־פּלאַץ. פון דאָרט האָט דער צוג פאַרקערעוועט אין דער ריכטונג פון לאַן. ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט פאַר דער גרויסער שול, וווּ מען האָט כאַטיליען מספּיד געווען, און שפּעטער פאַרן טויער פונעם יידישן שפּיטאָל, וועלכן כאַטיליע האָט באַנייט ערשט מיט צוויי יאָר צוריק. אַנטקעגן דעם שפּיטאָל איז שוין געווען דער אַריינגאַנג צום בית החיים.

אויפן בית־עולם, נישט ווייט פונעם אַריינגאַנג, האָט משה נאָך מיט אַ צייט צוריק רעזערווירט אַ פּלאַץ פאַרן גאַרטענבערגישן משפּחה־קבר. כאַטיליע איז געווען די ערשטע, וואָס איז געלייגט געוואָרן אינעם דאָזיקן קבר.

דאָס געוויין איז געווען זייער גרויס. עס האָט געוויינט משה, עס האָבן געוויינט די קינדער און עס האָבן געוויינט טויזנטער אָרעמע מענ־טשן, פאַר וועלכע כאַטיליע האָט געזאָרגט און וועלכע זי האָט געשפּייזט.

איצט זענען זיי געבליבן פאַריתומט און זיי האָבן זייער ווייטיק אויסגע־גאָסן אין אַ ים פון ביטערע טרערן.

איבער דעם פרישן קבר האָט כאַטיליעס זון געזאָגט דעם ערשטן קדיש. משה איז געשטאַנען אַן אויסגעגלייכטער. זיין פּנים האָט מען נישט געזען, ווייל ער האָט עס פאַרשטעלט מיטביידע הענט. אין קאָפּ האָט אים געהאַמערט אַ ווייטיק. ער האָט נישט געוויינט. שוין נישט געהאַט קיין טרערן. בילדער פון כאַטיליעס לעצטע טעג צוזאַמענגעמישט מיט זכרונות פונעם פאַרגאַנגענעם לעבן האָבן זיך געוויקלט אין זיין זכרון. דאָס גאַנצע פאַרגאַנגענע לעבן צוזאַמען מיט זיינע שטורמישע שטרע־בונגען, דערגרייכונגען און עליות האָט איצט אויפגעטויכט אין זיין מוח. ווי בילדער פון אַן איבערגעריסענער פילם־סטענגע האָט עס זיך געוויקלט אין אַ נישט־געאָרדנטן סדר. וואָס האָט געטויגט דער גאַנצער קאַמף? נאָך וואָס זענען געווען די שטרעבונגען, די ליידן און די מאַטערנישן? אַלץ איז דאָך סיי ווי פאַרבייגעגאַנגען. כאַטיליע איז שוין נישטאָ און ער אַליין? אַ צעבראָכענער זקן שטייט ער איבער איר קבר און באַוויינט דאָס, וואָס איז אַוועק און וועט זיך שוין מער נישט אומקערן.

נאָך דער קבורה האָט דער עולם זייער לאַנג געוואַרט ביז משה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער פאַרגליווערטקייט און האָט זיך געלאָזט צופירן צו דער וואַרטנדיקער קאַלעס.

כא.

דער נייער דור

במשך פון די שבעה־טעג האָט משה נישט געפילט אַזוי שטאַרק זיין איינזאַמקייט. די קינדער זענען געווען אין דער היים און חוץ דעם האָט זיך די טיר פון זיין הויז נישט פאַרמאַכט, ווייל אַ גאַנצן טאָג זענען געגאַנגען מענטשן מנחם אבל זיין די פאַריתומטע גבירישע משפחה. אָבער באַלד נאָך שבעה זענען די קינדער צוריקגעפאָרן קיין ווין און משה איז אַליין געבליבן אין זיין גרויסן הויז. די רחבותדיקע גבירישע שטיבער, וואָס פלעגן אים שטענדיק באַגריסן מיט פרייד, ווען ער פלעגט זיך אומקערן אַהיים, האָבן זיך אים איצט אויסגעדאַכט צו זיין פוסט. אַן אומהיימלעכע אומעטיקייט האָט געבלאָזן פון די ווינקלען און האָט אויף משהן אָנגעיאָגט אַן אימהדיקן פחד. משה האָט גענומען באַטראַכטן אַלץ, וואָס ס׳איז געווען אינעם הויז. יעדן חפץ האָט ער באַזונדער גענומען אין האַנט און אים באַקוקט. דערנאָך האָט ער אים אוועקגעשטעלט אויף זיין פלאַץ. ער האָט געעפנט דעם שאַנק מיט דער וועש, דעם קליידער־שאַנק און אַלע שופלאָדן פון דער קאָמאָדע. יעדע זאַך האָט אים דערמאָנט די פאַרשטאָרבענע פרוי, האָט אים אָנגעוויזן אויף זיין טרויעריקער ווירקלעכקייט: ער איז אַליין געבליבן אויף דער וועלט.

ביינאַכט, ווען ער האָט זיך איינער אַליין געלייגט אין דער שלאָףשטוב, האָט ער זיך ביז האַלבער נאַכט געדרייט אויפן בעט און האָט בשום אופן נישט געקענט איינשלאָפן. ער האָט זיך אַזוי לאַנג געדרייט, ביז ער האָט גענומען דאָס קישן מיט דער קאָלדרע און איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער סאָפע, וואָס איז געשטאַנען אין זיין שרייב־שטוב. אָבער אויך דאָרט האָט ער נישט געקענט איינשלאָפן. מיט צרות האָט ער זיך דערוואַרט דעם טאָג, ווען ער האָט זיך געקענט שוין אויפהייבן און אָנטאָן.

פּאַר משהן איז געווען קלאָר, אַז ער וועט דאָ נישט קענען אויס־האַלטן. האָט ער אָנגעהויבן צו טראַכטן, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פונעם הויז.

— פאַרקויף עס צוזאַמען מיט אַלע זאַכן. אַט אַזוי ווי ס׳שטייט און גייט — האָט אים געראָטן זיין ברודער, לאַזער.

משה איז אָבער נישט געווען אַנטשלאָסן. ס׳זענען פאָרט פאַראַן טויזנטער זאַכן און איעדע פון זיי איז אַן אָנדענק נאָך זיין כאַטיליען. היינט גיי און זאָג זיך אויף איין מאָל אָפּ פון די אַלע זאַכן. אָבער אויס־האַלטן אינעם הויז איז פאָרט נישט געווען מעגלעך. האָט משה אין אַ געוויסן טאָג צוזאַמענגעקליבן עטלעכע קלענערע חפצים, וואָס האָבן אים אַמשטאַרקסטן דערמאָנט אין כאַטיליען, האָט זיי זאָרגעוודיק איינגע־פּאַקט אין אַ רענצל און מיט דעם האָט ער פאַרלאָזט דאָס הויז. משה איז אַוועקגעפאָרן קיין ווין און ערשט מיט אַ צייט שפּעטער האָט ער זיין אַדוואָקאַט געהייסן פאַרקויפן דאָס הויז. אַלע זאַכן, וואָס זענען געווען אינעם הויז, האָט ער געהייסן פאַרטיילן צווישן אָרעמע מענטשן.

משה האָט זיך מער נישט אומגעקערט קיין דראָהאָביטש. ער איז שוין געבליבן וווינען אין ווין און האָט די פירונג פון אַלע נאָפּט־גע־שעפטן איבערגעלאָזט לאַזערן. משה האָט זיך אינגאַנצן אַריינגעוואָרפן אין די ריזיקאַלישע בערזע־געשעפטן. משמעות, ער האָט זיך אויך שטאַרק געענדערט. ער איז געוואָרן גאַנץ גלייכגילטיק צו געלט, צו רייכטום. ער פלעגט איצט מאַכן אַזעלכע אומזיכערע געשעפטן, וואָס אויף אים איז עס ממש נישט געווען צו גלויבן. אָבער ווי אויף צו להכעיס פלעגט אים אַלץ ווייטער געלינגען. זיין פאַרמעגן איז ווידער געוואַקסן אָן אַ שיעור. דאָס געלט האָט זיך אַליין צו אים געשאַרט.

כאַטיליע האָט אָנגעהויבן אַ סער׳יע פון טויטן אינעם גאַרטענבער־גישן הויז. עס איז געשטאָרבן נתן אַפּעל. אין אַ געוויסן אָוונט האָט ער זיך געלייגט שלאָפן און אינדערפרי זיך שוין נישט אויפגעוועקט. קיי־נער האָט אפילו נישט געוווּסט, ווען ער האָט אויסגעהויכט דעם אָטעם.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז געקומען די ריי אויף לאַזערן, דעם ברייטביינעקן גיבור, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען קראַנק. לאַ־זער האָט זיך צוגעקילט און האָט געכאַפּט אַ לונגען־אַנטצינדונג. סך־

הכל עטלעכע טעג האָט ער זיך געמוטשעט און איז אַוועק. אין שטאָט האָט מען געשמועסט, אַז דאָקטוירים האָבן אים פאַרשפּילט. אָבער די דאָקטוירים האָבן געטענהט, אַז ביי אַזאַ גיבור, און בפרט אין לאָזערס יאָרן, קען יעדע קלענסטע קראַנקייט לייכט דערפירן צו אַ קאַטאַסטראָפע. ווער שמועסט אַ לונגען־אַנטצינדונג און דערצו נאָך אַ צווייזייטיקע.

נאָך לאָזערס טויט איז די פאַרוואַלטונג מיטן גאַרטענבערגישן פאַרמעגן איבערגעגאַנגען צו לאָזערס עלטערן איידעם, יאַנקל פייערשטיין. דאָס פאַרמעגן איז איצט באַשטאַנען פון עטלעכע גוט פּראָדוצירנדיקע שאַכטן אין באָריסלאַוו, פון אַ צאָל ווערטפולע טערענען און פון זייער אַ סך ברוטאָ־ און נעטאָ־אָנטיילן אין פאַרשידענע באָריסלאַווער גרובנס. די גרויסע פאַבריק איז פאַרקויפט געוואָרן נאָך ביי לאָזערס לעבן. אַ ווינער אַקציען־געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך אָנגערופן מיטן נאָמען „גאַליציא“, האָט נאָך מיט אַ צייט פריער אָנגעהויבן צו בויערן שאַכטן אין באָריסלאַוו. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט אָפּגעקויפט די גרויסע פאַבריק. די נייע בעלי־בתים האָבן געמאַכט אין דער פאַבריק ריזיקע אינוועסטירונגען. די פאַבריק האָט זיך צעוואַקסן אין דער ברייט און אין דער לענג. זי איז דערפירט געוואָרן צו דער זעלבער מדרגה, אויף וועלכער ס׳איז געשטאַנען די מלוכהשע „בענזינירונג“.

פונקט ווי זיין שווער איז יאַנקל פייערשטיין געווען אַ געשעפטסמאַן פון גרויסן פאַרנעם. ער האָט געוואָלט ווייזן, אַז אונטער זיין פאַרוואַלטונג האָבן זיך שטאַרק צעוואַקסן די עסקים פונעם הויז. ער האָט זיך נישט באַגרענעצט מיטן שטח פון באָריסלאַוו. ער איז געגאַנגען ווייטער און ווייטער.

אַ צווייטער נאַפט־ראַיאָן איז געווען אין מערב־גאַליציע, אין דער געגנט פון די שטעט יאַסלע, קראָסנע און גאָרליץ. די דאָרטיקע פּראָדוקציע האָט זיך נישט געגלייכט צו באָריסלאַוו לויט דער גרויס, אָבער דער דאָרטיקער אייל איז געווען אַ לייכטערער און אַ בעסערער. דאָס מיינט, אַז ביי דער ראַפינירונג האָט ער אַרויסגעגעבן מער בענזין און וויניקער פּאַראַפין. אינעם דאָזיקן נאַפט־ראַיאָן, אין דער שטאָט יאַסלע, האָט יאַנקל פייערשטיין אויפגעבויט אַ נאַפט־ראַפינעריע, וואָס האָט זיך

לייכט געקענט גלייכן מיט דער „בענזינירונג“. די דאָזיקע פאַבריק איז געווען אַן אמתדיקע צירונג און יאַנקלס גאַנצער שטאָלץ.

פייערשטיינס צווייטער אויפטו פאַרן גארטענבערגישן הויז האָט גע־הייסן אוריטש. אוריטש איז געווען אַ דאָרף, טיף פאַרשטופּט אין די קאַרפּאַטן, ערגעץ הינטער סכידנעצע. דער רירעוודיקער לאָזער האָט נאָך מיט יאָרן צוריק אויסגעפאָרשט דעם דאָזיקן טערען. ער האָט דאָרט גע־קויפט גרויסע באָדן־שטחים, ער האָט אָבער שוין נישט באַוויזן אָנצו־הייבן דאָרט אַן אַרבעט. ערשט יאַנקל האָט פאַרענדיקט דאָס ווערק פון־נעם פאַרשטאָרבענעם שווער. ער האָט דאָס אָפּגעשטאַנענע דאָרף או־ריטש פאַרזייט מיט אַ נעץ פון קליינע נאַפט־שאַכטן און האָט עס פאַר־וואַנדלט אין אַ וויכטיקן נאַפט־צענטער.

קענענדיק זיך אויסווייזן מיט אַזעלכע דערפאָלגן, איז יאַנקל גע־וואָרן ביי זיך אַ תקיף. ער האָט אָנגעהויבן צו מאַכן געשעפטן פאַר זיך אַליין און חוץ דעם האָט ער נאָך אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך אַ לאָר־בערקראַנץ אויפן פּאָליטישן געביט. פּאָליטיק איז ביי יאַנקלען געווען אַ ליידנשאַפט, אַ שוואַכקייט, פאַר וועלכער ער איז גרייט געווען מקריב צו זיין אַלץ און אַלעמען. די גארטענבערגס האָבן קיינמאָל נישט געהאַט צו טאָן מיט אַזעלכע זאַכן, פון פּאָליטיק האָבן זיי זיך אָפּגעקערט מיט עקל. יאַנקל האָט דער ערשטער אַריינגעפירט דעם פּאָליטישן עלעמענט אינעם גאַרטענבערגישן הויז.

מיט זיין אייגנאַרטיקער געשיקטקייט האָט יאַנקל צוזאַמענגענומען אַלע פּאָזיטיווע דערגרייכונגען פון די גארטענבערגס, זייער עשירות, זייע־רע פילאַנטראָפּישע אויפטוען און פון דעם אַלעמען האָט ער פאַר זיך געמאַכט אַ שפּרינג־ברעט צו זיין פּאָליטישער קאַריערע. אַביסל האָט ער גענאַשט פון זיין לערער, נתן אַפּעל. דאָס מיינט נישט, חלילה, אַז ער האָט אינטעלעקטועל דערגרייכט אַפּעלס מדרגה. אָ, ניין. ער איז פאַרן גאַנצן לעבן געבליבן דער זעלבער עם־הארץ, וואָס ער איז געווען אין די צייטן, ווען ער האָט געטריבן פערד אויף די יאַרידים. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַ שפּאָר ביסל איינגעבוירענע אינטעליגענץ און דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרדעקן מיט אַן אויבערפלעכלעכן גלאַנץ זיין פולשטענדיקע אינטעלעקטועלע פוסטקייט.

אויף אַזאַ אופן איז געווען מעגלעך, אַז פייערשטיין זאָל קענען מאַכן דעם רושם פון אַ קולטורעלן מענטש. ער האָט גאַנץ קאָרעקט גע־רעדט ביידע שפּראַכן: פּויליש און דייטש. זיין מיטלוואָקסיקע געשטאַלט, זיין לייבן־קאָפּ און דאָס גלאַט־ראַזירטע פּנים האָבן געמאַכט אַ גאַנץ סימ־פּאַטישן איינדרוק. ער האָט געוווּסט, ווי זיך פריי צו באַוועגן אין דער בעסטער געזעלשאַפט. ער האָט אפילו געקענט זיך באַטייליקן אין אַ שמועס און נישט פאַרראַטן דאָס עם־הארצות. בלויז אין מאָמענטן, ווען ער פלעגט איבער זיך פאַרלירן דעם קאָנטראָל, פלעגט פון אים אַרויס־קריכן דער גראָבער נפש און פלעגט זיך מיט ציניזם ווייזן פאַר דער עפנטלעכקייט.

זיין פּאָליטישן דרך האָט יאַנקל אָנגעהויבן אַלס פירער פון די יידן־פּאָליאַקן אין זיין אייגענער שטאָט. ער איז געוואָרן דער פאַרטרוי־אונגסמאַן פונעם פּוילישן פּאַרלאַמענטאַרישן קרייז אינעם ווינער רייכס־ראַט. דער דאָזיקער פּאַרלאַמענטאַרישער קרייז האָט געהייסן „קאָלאָ פּאָלסקיע״ און ער האָט געהאַט די הויפּט־דעה אין דער רעגירונג פון גאַ־ליציע. אַלס פאַרטרויאונגסמאַן פונעם דאָזיקן „קאָלאָ פּאָלסקיע״ איז פייערשטיין געווען דער פּאַקטישער דיקטאַטאָר אינעם דראָהאָביטשער באַצירק. די באַשטימונג פון אַ סטאַראָסטע, אָדער פון אַן אַנדערן העכערן מלוכה־באַאַמטן האָט נישט געקענט פאָרקומען אָן זיין הסכמה. און אַז דער באַאַמטער איז שוין אפילו געזעסן אויפן בענקל, האָט אים איין קרומער קנייטש אויף יאַנקלס פּנים געקענט תיכף ומיד אַראָפּזעצן. אַזוי אַרום איז דער גאַנצער באַצירק געוואָרפן געוואָרן צו יאַנקלס פיס און ער האָט מיט אים געקענט טאָן, וואָס ער האָט נאָר אַליין געוואָלט.

ביי יאַנקלען איז דאָס וואָרט פּאָליטיק געווען אַ סינאָנים פונעם באַגריף מאַכט. מאַכן פּאָליטיק האָט ביי אים געהייסן געווינען מאַכט. קודם־כל פאַר דער אַלפּוילישער באַוועגונג, וועלכער ער האָט געטריי גע־דינט און דערנאָך אַביסל פאַר זיך אַליין, פאַר זיין כבודס וועגן. יאַנקל האָט נישט געלערנט קיין געשיכטע און ער האָט נישט געקענט פון בי־כער, וואָס עס מיינט אַזעלכעס דעמאָקראַטיזם. מיט זיין חוש האָט ער אָבער תופס געווען, אין וואָס עס באַשטייט דער יסוד פון דער עסטריי־כישער ליבעראַל־קאָנסטיטוציאָנעלער אָרדנונג, אויף וועלכער דער קייי־

סער האָט זיך באַמיט צו שטיצן זיין מלוכה. און נאָך עפּעס האָט ער פאַר־שטאַנען אויך. ער האָט געהאַט גרייט טויזנטער פאַרשידענע מיטלען און דריידלעך, מיט וועמענס הילף ער האָט שטענדיק געקענט אומגיין די קאָנסטיטוציאָנעלע געזעצן און אויסנוצן זיי פאַר זיינע פּאָליטישע צוועקן.

ביים אויסנוצן די געזעצן פאַר זיינע פּאָליטישע צוועקן האָט יאַנקל געוויזן אמתדיקע גאונישקייט. ער האָט זיך באַרעכנט, אַז ביי דער קאָנסטי־טוציאָנעלער אָרדנונג וועט ער קענען שפּילן אַ ראָלע נאָר דאַן, ווען ער וועט הינטער זיך האָבן אַ וואַנט פון געשווירענע אָנהענגערס. אַזוי ווי זיין גאַנ־צע מענטאַליטעט איז געווען אַ ריין סוחרישע, האָט ער אויך אויף דעם געביט געמאַכט אַ סוחרישן חשבון. אָנהענגערס, האָט ער פאַרשטאַנען, דאַרף מען זיך קויפן, פּונקט ווי מען קויפט אַ מלבוש, אָדער אַן אַנדערע זאַך פון פּערזענלעכן געברויך. דאָס קויפן פון אָנהענגערס איז אָבער נישט אַזוי פּשוט ווי דאָס קויפן אַ מלבוש. דאָ מוז מען אַרויסווייזן מער פאַר־שטאַנד און מען מוז אָנווענדן אַ סך מער אויסגערעכנטקייט. די דאָזיקע צוויי זאַכן זענען ביי יאַנקלען געווען אין אַ שפע. און ער האָט זיי טאַקע גוט אויסגענוצט פאַר זיין פּאָליטיק.

די פאַרשטאָרבענע כאַטיליע האָט ביי איר לעבן נישט געוווסט, וואָס פאַראַ גרויסע צוגרייטונגס־אַרבעט זי טוט פאַר יאַנקלען. די נעץ פון פילאַנ־טראָפּישע פאַריינען, וועלכע זי האָט געשאַפן, זענען אין יאַנקלס הענט גע־וואָרן זיינע וויכטיקסטע פּאָליטישע אינסטרומענטן. ער האָט זיך טאַקע באַמיט מיט אַלע מיטלען אויפצוהאַלטן די עקזיסטענץ פון די דאָזיקע פאַריינען. די זאַך איז אים נישט אָנגעקומען שווער. פון דער רייכער קאַ־סע פונעם גאַרטענבערגישן הויז האָט ער כסדר געשטיצט די פאַריינען און האָט דערביי באַמיט זיך, אַז די גאַנצע שטאָט זאָל וויסן, ווער עס איז דער בעל־טובה.

מיט דער דאָזיקער האַנדלונג האָט יאַנקל געוווּנען צוויי זאַכן אויף איין מאָל. ערשטנס איז ער געוואָרן פּאָפּולער אין דער שטאָט; צווייטנס האָט ער אַ געוויסן טייל פון דער באַפעלקערונג געמאַכט פון זיך אָפּהענ־גיק. אמת, דאָס זענען געווען בלויז אָרעמעלייט, וועלכע פלעגן קומען נאָך הילף צו די צדקה־פאַריינען, אָבער ביי וואַלן פרעגט מען דאָך נישט,

ווער עס האָט געשטימט. אַ שטימע איז אַ שטימע, נישט קיין חילוק צי פון אַ גביר צי פון אַ שנאָרער.

יאַנקל פייערשטיין האָט גאַנץ גוט אויסגערעכנט דעם ענין מיט די אָרעמעלייט. פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן בלויז אויף זיי. ער האָט געוואָלט נאָך האָבן אויף זיין זייט די בירגערלעכע קרייזן פון דער שטאָט. האָט ער גענומען זוכן וועגן ווי צו מאַכן פון זיך אָפּהענגיק דעם יידישן מיטלשטאַנד, וואָס איז בעצם געווען דער רוב פון דער באַפעלקערונג. דער פלאַן איז אים באַלד אונטערגעקומען. דער פאַר־שטאָרבענער נתן אַפּעל פלעגט זיך אַלע יאָרן אַרומטראָגן מיט פאַרשי־דענע געדאַנקען, וואָס האָבן געצילט צו דער פּראָדוקטיוויזירונג פון די יידן. יאַנקל האָט איצט אַרויסגעשאַרט פון דער פאַרגעסנקייט נתנס פּראַק־טישע פּלענער און האָט זיי אויסגענוצט פאַר זיינע פּאָליטישע צוועקן. ווי אַ געניטער געשעפטסמאַן האָט יאַנקל געוווסט, ווי אַזוי צו רעאַלי־זירן אַפּעלס געדאַנקען. ער האָט באַלד אויפגעשטעלט אַ ריי פון קאָאָפּע־ראַטיווע בענק מיט אַ גמילת־חסד־קאַסע און די דאָזיקע נייע אינסטי־טוציעס האָבן גענומען לייען געלט אויף גאַנץ קליינע פּראָצענטער, אָדער אפילו בחינם. קליינע הענדלערס, בעלי־מלאכות און סתם יידן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די בענק און מען האָט גענומען געלט אויף וועקסע־לעך. אַזוי אַרום האָבן פייערשטיינס בענק געמאַכט פון זיך אָפּהענגיק כמעט די גאַנצע שטאָט יידן. איצט האָט שוין יאַנקל געפילט הינטער זיך אַ שטאַרקע וואַנט און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז געקומען די צייט אָנצוהייבן אַ פּאָליטישע אַקציע.

זיין ערשטער טריט האָט אים געבראַכט הצלחה. אָן שום שוועריג־קייטן האָט ער פאַרנומען די קהילה. די פריערדיקע קהילה־פאַרוואַלטונג איז געווען אַ צעפוילטע און יאַנקל איז דאָרט אַריין, כדי צו מאַכן אָרדנונג. ער האָט געוואָלט יוסף הערשן מאַכן פאַר ראש־הקהל. אָבער יוסף הערשן איז די זאַך נישט געווען צום הארצן, האָט יאַנקל גענומען זיין יינגערן ברודער, מרדכי, און געמאַכט אים פאַר ראש הקהל.

דערנאָך איז געקומען די ריי אויפן מאַגיסטראַט. דער אַלטיטשקער בירגערמייסטער איז פונקט געשטאָרבן און ביז צו נייע וואַלן האָט נאָך געדאַרפט דויערן אַ געוויסע צייט. דער סטאַראָסטע האָט געדאַרפט באַ־

שטימען אַ צייטווייליקן קאָמיסאַר, וואָס זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון בירגערמייסטער ביז צו די וואַלן. האָט יאַנקל געזאָגט צום סטאַראָסטע, אַז ער זאָל טאָקע אים, יאַנקלען, באַשטימען פאַר קאָמיסאַר. דער סטאַראָסטע האָט נישט געוואָגט זיך אַנטקעגנצושטעלן און יאַנקל איז געוואָרן דער קאָמיסאַר.

יאַנקל האָט אָבער נישט געטראַכט צו פאַרבלייבן בירגערמייסטער. ער האָט געהאַלטן, אַז עס וועט זיין פיל בעסער, אויב דעם אַמט פון בירגערמייסטער וועט האַלטן אַ קריסט. ער אַליין האָט געוואָלט זיין דער פאַרטרעטער פונעם בירגערמייסטער. נאָר אויפן אַמט פון בירגערמייסטער האָט ער געוואָלט האָבן אַזאַ מענטש, וואָס וועט אים, יאַנקלען, אין אַלעמען פאָלגן. האָט זיך פונקט געמאַכט אַ מעשה מיט אַן אַסעקוראַציע־אַגענט, וועלכער איז אַראָפּגעקומען פון ערגעצווו קיין דראָהאָביטש. דער יונגער אַסעקוראַציע־אַגענט האָט געהייסן יאַראָש און ער איז יאַנקלען געפעלן געוואָרן. האָט יאַנקל אַמאָל פאַרפירט מיט אים אַזאַ שמועס:

— זאָג מיר, יאַראָש. דו קענסט זיין אַ „נאַש בראַט"?

— אוודאי קען איך, פּאַניע פייערשטיין. נאָר וועגן וואָס האַנדלט זיך?

— אָט וואָס. אויב דו וועסט זיין אַ „נאַש בראַט", וועל איך דיך מאַכן פאַר בירגערמייסטער.

פון איבערראַשונג האָט זיך יאַראָשעס פּנים באַגאָסן מיט רויטקייט. ער האָט נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם.

— איך בירגערמייסטער? — האָט ער געשטאַמלט — פּאַניע פייערשטיין, איר מאַכט דאָך חוזק פון מיר.

יאַנקל האָט ווויליונגעריש געקלאַפּט יאַראָשן אויף דער פּלייצע.

— זיי נישט קיין שוטה, יאַראָש, אַז איך זאָג, איז געזאָגט. טו נאָר אַכטונג, אַז עס זאָל זיך דיר נישט איבערקערן אין קאָפּ, ווען דו וועסט שוין זיין בירגערמייסטער, ווייל דאַן וועסטו זיין אַן אָפּגעקאָכטער.

יאַנקל האָט מיט אַ פינגער אַ פיר געטאָן איבערן האַלדז. דערמיט האָט ער געוואָלט אָנדייטן, אַז אויב יאַראָשן וועט זיך דווקא יאָ איבערדרייען אין קאָפּ, וועט אים יאַנקל שעכטן, ווי, להבדיל, אַ קאַלב.

אויף צומאָרגנס האָט יאַנקל באַשטעלט יאַראָשן ער זאָל קומען אין

מאַגיסטראַט, כדי צו זען זיך נאָך מיט אַנדערע פּריצים און מיטן סטאַ־ראָסטע אַליין. ווען יאַראָש איז אַריינגעקומען אין דעם צימער פון ביר־גערמייסטער, איז דאָרט יאַנקל געזעסן איינער אַליין. יאַנקל האָט יאַ־ראָשן פריינטלעך באַגריסט און זיך צו אים אָנגערופן בזה הלשון:

— באַלד וועלן מיר אויספּראָבירן, צי דו וועסט טויגן צו זיין ביי אונדז אַ בירגערמייסטער. קוק נאָר אַרויס דורכן פענצטער. אָט דאָ איז עס — יאַנקל האָט געוויזן מיטן פינגער — וואָס זעסטו, יאַראָש?

— וואָס זע איך? — איז יאַראָש געשטאַנען אַ דערשטוינטער — איר ווייזט דאָך מיטן פינגער אויף דער טראַפיק *).

— יאָ, יאָ, טאַקע דאָס מיין איך. גיי זשע, זיי מוחל, אַהינצו און קויף מיר אַ פּעקל עגיפּטישע ציגאַרעטן. דאָ האָסטו אַ זעקסערל.

לכתחילה האָט יאַראָש געמיינט, אַז יאַנקל טרייבט ליצנות. האָט ער שטיל אונטערגעלאַכט, ווי מען לאַכט געוויינטלעך, בעת אַ פאַרגעזעצטער דערציילט אַ שלעכטן וויץ. אָבער פון יאַנקלס פּנים האָט יאַראָש באַלד אַרויסגעלייענט, אַז ער מיינט נישט קיין שפּאַס, אַז ער וויל בפירוש, אַז יאַראָש זאָל אים ברענגען די ציגאַרעטן.

אין יאַראָשן האָט דאָס האַרץ געצאַפּלט און זיין פּנים איז געוואָרן רויט פון צאָרן. ווי וואַגט ער, דער גראָבער יונג, אים צו שיקן נאָך ציגאַרעטן. אמת, ער איז אַן אַסעקוראַציע־אַגענט און יאַנקל האָט אים אין לעצטן יאָר געגעבן אַ סך צו פאַרדינען. ער איז אָבער נישט קיין שיק־יינגל און ביז איצט האָט נאָך קיינער נישט געוואַגט אים, דעם פּוילישן אַדלמאַן, אַזוי צו דערנידעריקן. אין יאַראָשן האָט זיך אַלץ געבונטעוועט קעגן דער דאָזיקער באַהאַנדלונג און ער האָט שוין געוואָלט אויסשיסן מיט כעס. ער האָט אָבער באַוויזן זיך צו באַהערשן.

— עס טאָר זיך דיר נישט „איבערקערן אין קאָפּ" — האָט ער זיך דערמאָנט און ער האָט נאָר פאַרקריצט די ציין.

נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט איז יאַראָש אַוועקגעגאַנגען אין דער טראַפיק און האָט יאַנקלען געבראַנגט דאָס פּעקל ציגאַרעטן. יאַנקל האָט אים געקלאַפּט גוטברודעריש אויף דער פּלייצע און האָט געזאָגט:

---

*) טאַבאַק־געשעפט.

— יאַראָש, דו טויגסט. דו וועסט זיין אַ גוטער בירגערמייסטער ביי אונדז. איך בין פון דיר שטאַרק צופרידן.

אויך פון די וואַלן צום שטאָט־ראַט, וואָס זענען פאָרגעקומען מיט אַ צייט שפּעטער, איז יאַנקל געווען צופרידן. יאַראָש איז געוואָרן בירגער־מייסטער און יאַנקל וויצע־בירגערמייסטער. יאַראָש האָט טאַקע גוט גע־טויגט צו זיין אַמט. ער האָט פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון יאַנקלס וואָ־רעניש און עס האָט זיך אים די גאַנצע צייט נישט „איבערגעקערט אין קאָפּ". יאַנקל איז געבליבן דער פאַקטישער בעל־הבית פון דער שטאָט. ער האָט ווייטער געטאָן, וואָס ער האָט געוואָלט און יאַראָש איז געווען אַ ווערקצייג אין זיינע הענט. אויך יאַנקלס פּערזענלעכע באַציאונג צו יאַ־ראָשן האָט זיך נאָך די וואַלן נישט מיט קיין סך געענדערט. מעגלעך, אַז נאָך ציגאַרעטן האָט ער אים שוין מער נישט געשיקט, אָבער דערפאַר האָט ער מיט אים פאַרשטופּט אַלע לעכער. געהאַלטן אים פאַר זיין שאַלאַטן־שמש און שבת־גוי.

יאַנקל פּייערשטיין איז געווען גערעכט, אויב ער איז געווען צו־פרידן פונעם וואַל־רעזולטאַט. בעצם האָט זיך נישט געהאַנדלט אין דעם פּערזענלעכן סך־הכל פון די וואַלן. יאַנקל האָט נישט געהאַט דעם מינ־דעסטן ספק, אַז זיינע אַלע קאַנדידאַטן וועלן ווערן אויסגעוויילט. גע־האַנדלט האָט זיך וועגן די צאָלן פון די געפאַלענע שטימען. יאַנקל איז געווען אַ גוטער בעל־חשבון און ער האָט גוט גערעכנט די צאָלן פון די שטימען. די דאָזיקע צאָלן האָבן באַשיינפּערלעך געוויזן, אַז דאָס רוב שטי־מען האָט ער באַקומען אין דער לעצטער וואַל־קוריע, צו וועלכער עס האָבן געהערט די אָרעמע מענטשן, די קלענסטע שטייער־צאָלערס. אין אָט דעם פאַקט האָט יאַנקל געזען אַ באַשטעטיקונג אויף דעם, אַז זיין דרך איז געווען אַ ריכטיקער. יענע קרייזן, וועלכע ער האָט געוואונען מיט זיינע צדקה־אויפטוען, זענען אים געבליבן טריי. אמת, יאַנקל האָט נישט ליב געהאַט צו פאַרלאָזן זיך אויף נסים און ער האָט שוין אין יענער צייט געהאַט אָרום זיך אַ חברה ווילדע יונגען, וואָס זענען אין דעם טאָג פון די וואַלן אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט און האָבן אַכטונג געגעבן, אַז אַלע זאָלן קומען צו די וואַלן און אָפּגעבן אויף יאַנקלען די שטימען. נאָר פונ־דעסטוועגן, ווען דאָס פאָלק וואָלט געוואָלט דווקא אָפּטאָן יאַנקלען אויף

להכעיס, וואָלטן אויך די ווילע יונגען נישט געקענט אים גאָרנישט העלפן. נאָר וואָס דען? גאָט איז אַ פאָטער און אין יאַנקלס בענק איז געלעגן כמעט די גאַנצע שטאָט יידן. האָבן די ווילע יונגען נישט געהאַט קיין שווערע אויפגאַבע. זיי זענען געגאַנגען פון ייד צו ייד און האָבן אָנ־געזאָגט, אַז אויב עמעץ וועט נישט שטימען אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין, וועט מען אים תיכף מאַכן פעליק זיינע וועקסלען און מען וועט אים לאָזן גיין מיט אַ שטעקן איבער די טירן. ביי די וואַלן גופא האָט שוין יאַנקל אַליין געקוקט, וואָס פאַראַ צעטלעך עס ווערן אַריינגעלייגט אין דער אורנע.

דער רייכערער קלאַס מענטשן האָט נישט געשטימט פאַר פייער־שטיינען. סיבות אויף דעם זענען געווען פאַרשידענע. אָט, למשל, משה איציק קאָרנהאַבער. ער איז שוין דעמאָלט געווען אויס באַריסלאַווער בירגערמייסטער און האָט זיך שוין געהאַט באַזעצט אין דראָהאָביטש. ער האָט נישט געוואָלט שטיצן יאַנקלען, ווייל ער האָט געהאַט זיינע אַל־טע חשבונות מיט די גאַרטענבערגס. אַנדערע גבירישע משפחות, וואָס זענען אויפגעקומען אין די שפּעטערדיקע צייטן און זענען נתעשר גע־וואָרן ביי די מעכאַנישע בויערונגען, האָבן יאַנקלען פשוט נישט פאַרגו־נען, נישט זיין פאַרמעגן און נישט זיין השפעה. אַזוי ווי זיי זענען פון אים נישט געווען אָפּהענגיק, האָבן זיי נאָך אים נישט געפרעגט און האָבן געטאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

דער רוב פון דער פּוילישער באַפעלקערונג איז געווען אויף פייער־שטיינס זייט. ער האָט דאָך רעפּרעזענטירט די אָפיציעלע פּוילישע פּאַר־טרעטערשאַפט אין דער עסטרייכישער מדינה, די אַלפּוילישע באַוועגונג. אויך די יידישע אינטעליגענץ האָט פייערשטיין געהאַט הינטער זיך. די דאָזיקע אינטעליגענץ האָט זיך גרופּירט אין דעם פאַריין פון יידן־פּאָ־ליאַקן און זי איז געווען גייסטיק צוזאַמענגעבונדן מיטן פּוילישן פאָלק. וואָס עס האָט יאַנקלען יאָ געפעלט, זענען געווען די שטימען פון די רו־טענער. די דאָזיקע שטימען האָט ער לעת עתה נישט געהאַט מיט וואָס צו דערלאַנגען. אמת, ביי שטאָטראַט־וואַלן איז זייער באַדייטונג נישט געווען קיין גרויסע, ווייל אין שטאָט זענען זיי געווען אין אַ מינאָריטעט. אָבער די פאָרשטעט און די דערפער זענען געווען זייערע און יאַנקל האָט

געוווסט, אַז אויב עס וועט קומען צו פּאַרלאַמענט־וואַלן, וועלן זייערע שטימען זיין די דעציִדירנדיקע. די רוטענישע שטימען האָט יאַנקל אומ־באַדינגט געוואָלט געווינען.

געווינען פאַר זיך די רוטענער, האָט יאַנקל געוווסט, קען מען מיט איין זאַך: מיט בראָנפן. האָט ער די פּראָפּינאַציע *) פונעם דראָהאָביטשער באַצירק גענומען אויף זיך. האָבנדיק די פּראָפּינאַציע, איז יאַנקל געוואָרן דער אמתדיקער בעל־הבית איבער אַלע שענקערס און איבער די דאָרפי־שע קרעטשמערס. מיט דער הילף פון די קרעטשמערס איז ער געווען אימ־שטאַנד צו קאָנטראָלירן דאָס דאָרף און עס משפיע צו זיין אַזוי, ווי ער האָט געדאַרפט.

נישט אומזיסט האָט פייערשטיין געמאַכט די דאָזיקע גרויסע צו־גרייטונגען. ער האָט זיך בפירוש געגרייט ווי צו אַ גרויסער מלחמה. ער איז געווען גערעכט. די צייט איז נישט געווען קיין זיכערע. ביים אידיי־אישע שטרעבונגען האָבן אָנגעהויבן אַרויסצושפּראָצן און זיך באַפעסטיקן צווישן דער יוגנט. די סאַמע געפערלעכסטע באַוועגונג איז געווען די סאָ־ציאַליסטישע, וואָס האָט געוואָלט נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר אומוואַרפן דעם קייסער און אַלץ איבערדרייען מיטן קאָפּ אַראָפּ. די דאָ־זיקע געפערלעכע באַוועגונג האָט שוין געהאַט געשלאָגן וואָרצלען צווישן דער פוילישער יוגנט. ווער האָט דען מיט זיי געלערנט די סאָציאַליסטי־שע תורה, אויב נישט אַ ייד? דער סטודענט הערשעלע ליבערמאַן, יוזעק קאַטאָליקס עלטסטער זון, איז געוואָרן אַ פייערדיקער סאָציאַליסט און האָט גענומען אַגיטירן פאַר סאָציאַליזם צווישן זיינע חברים אין גימ־נאַזיום. איז וואָס געווען דער סוף? מען האָט הערשעלען אַרויסגע־שליידערט פונעם גימנאַזיום און יוזעק האָט, נעבעך, געהאַט מיט אים גרויסע צרות. ער האָט געמוזט הערשעלען אַוועקשיקן אין אַן אַנדערער שטאָט און ערשט דאָרט האָט ער געקענט מאַכן די מאַטורע. ווען הערשע־לע איז נאָך דער מאַטורע צוריקגעקומען אַהיים, האָט ער זיך ערשט אויף אַ רעכטן אמת גענומען צו דער אַרבעט. אינעם נאַפט־געביט, וואָס איז

*) מאָנאָפּאָלישער פּאַרקויף פון בראָנפן אינעם אַמאָליקן עסטרייך.

איבערפולט געווען מיט אַרבעטער, איז אים נישט אָנגעקומען שווער צו אָרגאַניזירן אַ שטאַרקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

נישט בלויז פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט פייערשטיין געהאַט אויסצושטיין געברענטע צרות. אויך יידן האָבן זיך באַזונדער געשאַפן זייער סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. געשען איז עס אַזוי: לכתחילה זענען די יידן געווען צוזאַמען מיט די קריסטן אין איין פּאַרטיי. אָבער דערנאָך איז זיי עפּעס נישט געפעלן געוואָרן. האָט יונה חוה דער שניידערקעס זיך מישב געווען, האָט אַוועקגענומען זיינע יידן און געשאַפן אַ באַזונדערע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. בקרוב האָט זיך צו יונהן אָנגעשלאָסן יאָסעלע פרידמאַן, דער זון פון זישע פרידמאַן, וועלכער איז, אגב, געווען יאַנקל פייערשטיינס בוכהאַלטער און רעכטע האַנט. יאַנקלען איז אפילו געווען אַ גרויס חידוש אויף יאָסעלען, הלמאי ער — אַ באַלעבאַטיש קינד און פונדעסטוועגן חברט ער זיך מיט די הפקר־יונגען, וואָס ווילן חרוב מאַכן די וועלט. יאַנקל פלעגט אָפט אויפוואַרפן זישען די חטאים פון זיין זון. אָבער וואָס האָט זיך זישע געקענט העלפן, אַז זיין זון איז אַוועק אויף שלעכטע דרכים?

כאָטש יאָסעלע פרידמאַן איז געווען הערשעלע ליבערמאַנס *) נאָענ־טער פריינט, האָט ער פונדעסטוועגן פאַרלאָזט די רייען פון דער פויליש־שער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און איז אַריבערגעגאַנגען צו יונהס נייער פּאַרטיי. באַלד איז ער דאָרט געוואָרן דער גאַנצער רעדל־פירער און אַזוי ווי ער איז געווען אַ יונגערמאַן מיט טעמפּעראַמענט, האָט ער געהאַלטן פלאַם־פייערדיקע רעדעס, אין וועלכע ער האָט געשטורעמט קעגן מלכות, קעגן די גבירים און קעגן יאַנקל פייערשטיינען.

די רוטענער זענען אויך נישט געבליבן מן הצד. אויך זיי האָבן זיך געשאַפן אַן אייגענע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. זיי זענען געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט די פוילישע סאָציאַליסטן, נאָר פאַר יאַנקלען איז נישט געווען קיין נפקא מינה מיט וועמען זיי גייען און וואָס זיי ווילן. דער

---

*) ער האָט זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבן צו רופן מיטן נאָמען הערמאַן ליבער־מאַן. אונטערן דאָזיקן נאָמען איז ער שפּעטער באַקאַנט געוואָרן ווי דער פירער פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

עיקר איז געווען, אַז אויפן דאָרף קענען זיי באַקומען די השפּעה און אויב אַזוי קענען לייכט צונישט ווערן יאַנקלס אַלע פּלענער מכוח דעראָבערן דאָס דאָרף מיט דער הילף פונעם פּראָפּינאַציע־בראַנפן.

ביי אַזעלכע אומשטענדן איז פייערשטיינס פּאָזיציע נישט געווען קיין פריילעכע. ער האָט קעגן זיך געהאַט אַ שטאַרקן סאָציאַליסטישן פראָנט. כאָטש די באַזונדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זענען צווישן זיך נישט שטענדיק געווען שוה בשוה, פונדעסטוועגן וואָס נוגע פייערשטיי־נען זענען זיי אַלע געווען אייניק. זיי האָבן אויף אים געשאָטן פּעך און שוועבל, געזידלט אים מיט די סאַמע ערגסטע רייד. כאָטש די פּאַרטייען האָבן זיך נישט צוזאַמענגערעדט, האָבן זיי געשאַפן דעם אַזוי צו זאָגן סאָציאַליסטישן פראָנט קעגן פייערשטיינען. יאַנקל האָט פון זיי נישט איין מאָל געהאַט אויסצושטיין צרות און ווען ער וואָלט נישט געווען קיין תקיף, וואָלט ער זיך מיט זיי נישט געקענט געבן קיין עצה. אָבער יאַנקל האָט געהאַט אַ שטאַרקן רוקנביין און אַ גענוגנדיקע צאָל מיט־לען, כדי זיי צו האַלטן אין צוים. נישט בלויז ווילע יונגען זענען געווען אין זיין רשות, נאָר אויך זשאַנדאַרמען און תפיסות זענען געווען אין שטאָט. יאַנקל פייערשטיין האָט זיך געקענט מיט זיי שאַפן, ווען ער האָט נאָר געדאַרפט.

פייערשטיין האָט טאַקע געצוימט די סאָציאַליסטן און זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין פאַר אים געפערלעך. ער האָט געמיינט, אַז איצט וועט ער שוין קענען אָפּאָטעמען און פירן זיך זיין מלוכה בשלום ובשלוה. אָבער יאַנקלען איז נישט געווען באַשערט צו האָבן אַ לייכט לעבן. באַלד האָט ער באַקומען אַ פרישן קעגנער, מיט וועלכן ער האָט זיך נישט גע־קענט אַזוי גלאַטיק אָפּפאַרטיקן ווי מיט די סאָציאַליסטן. לכתחילה איז דער דאָזיקער קעגנער נישט געווען קיין ערנסטער, אָבער שפּעטער האָט ער זיך צעוואַקסן אין אַ כוח און ער האָט גענומען באַדראָען יאַנקל פייער־שטיינס פּאָזיציע.

כל זמן די פאַר ציוניסטלעך, וואָס זענען אויפגעקומען אין שטאָט, האָבן נישט געטאָן מער, ווי נאָר געטענהט, אַז יידן דאַרפן פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט עס יאַנקלען ווייניק פאַרדראָסן. ער האָט פון זיי געלאַכט. נאַרישע יינגלעך האָבן זיך אַ מאנקאליע אַריינגעשלאָגן אין קאָפּ אַריין.

נאָך וואָס דאַרפן דען יידן פאָרן קיין ארץ ישראל? מ׳דאַרף פשוט זיין משוגע, כדי צו קריכן צום טערק און צו זיינע ווידטעגישן. און צוריקגע־שמועסט, נאָך וואָס דאַרפן יידן פאָרן? איז זיי דען שלעכט אין מדינת עסטרייך? מען געניסט, ברוך השם, פון אַלע פרייהייטן. והא ראיה, אַ ייד רעגירט מיטן גאַנצן באַצירק. און דאָס איז דען אַלץ? וויפל יידישע ריכטערס זענען פאַראַן און וויפל מלוכהשע באַאַמטע און וויפל אָפיצירן און אפילו גענעראַלן. טאָ וואָסזשע דאַרף מען פאָרן קיין ארץ־ישראל און שאַפן דאָרט אַ יידישע מדינה?

— מ׳דאַרף זי טאַקע אויף ביין און ניינציק כפרות — האָט יאַנקל געטענהט צו זיינע מקורבים — און אַז די ציוניסטלעך ווילן דווקא פאָרן קיין ארץ־ישראל, טאָ זאָלן זיי תיכף פאָרן. ווער דאַרף זיי דען דאָ האָבן? נאָר די יידן זאָלן זיי אָפּלאָזן. יידן דאַרפן נישט קיין מדינה.

כל זמן די ציוניסטן האָבן בלויז געטענהט וועגן ארץ ישראל איז זיי האָבן נישט געטאָן מער, ווי נאָר געשאַפן סטודענטישע קרייזלעך און העברעאישע שולן, איז נאָך געווען האַלב צרות. פאַר יאַנקלען האָט עס אויסגעזען ווי קינדער וואָלטן זיך געשפּילט. אָבער אין אַ צייט אַרום האָט יאַנקל דערפילט, אַז ס׳איז נישט קיין קינדערשפּיל. דאָס איז גע־שען, ווען קיין דראָהאָביטש איז אַראָפּגעקומען דער יונגער ד״ר פאַכט־מאַן, וועלכער האָט דאָ אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן אַלס אַדוואָקאַט. פאַכט־מאַן איז געווען אַ טעמפּעראַמענטפולער יונגערמאַן און ער האָט געוווסט, ווי אַזוי מען דאַרף רעדן צו מענטשן. ווען ער פלעגט זיך אַוועקשטעלן פאַר אַן עולם יידן און האַלטן אַ רעדע, פלעגט זיך פייער שיטן פון זיין מויל. ער האָט אַגיטירט פאַר ציוניזם און דערביי פלעגט ער יאַנקלען נעמען אין דער אַרבעט און ער פלעגט אים אויסדרייען, ווי מען דרייט אויס, להבדיל, אַ נאַסע שמאַטע. יאַנקלען פלעגט פאַכטמאַן אָנרופן רק מיטן נאָמען „דער מאָשקע״ און ער פלעגט אים באַשולדיקן, אַז ער איז דער גורם פון אַלע יידישע צרות. יאַנקלען האָט מען דאָס אַלץ צוגעטראָגן און ער איז געווען אויסער זיך פון כעס אויפן עזות־פנימניק, וואָס וואַגט צו באַשמוצן אים, דעם רעגירער פון דער שטאָט.

יאַנקל האָט בכיוון אויסגעמיטן אַ צוזאַמענטרעף מיט פאַכטמאַ־נען. נישט קענענדיק אפילו דעם יונגן אַדוואָקאַט, האָט ער אים פונדעסט־

וועגן געהאַסט תכלית השנאה. אין יאַנקלס פאָרשטעלונג האָט פאַכטמאַן געמוזט זיין אַ מענטש אַ ריז, וואָס קען מיטרייסן מאַסן מיטן רייץ פון זיין מענערישער געשטאַלט און מיטן כוח פון זיין שפּראַך. ווי פאַרוווּנ־דערט איז אָבער יאַנקל געוואָרן, ווען ער האָט איין מאָל דערזען פאַכט־מאַנען. בעת יאַנקל האָט אַמאָל שפּאַצירט אין גאַס, האָט אים איינער פון זיינע באַגלייטערס געזאָגט:

— אָט דאָ קומט פאַכטמאַן.

ס׳איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג און פאַכטמאַן איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ זומערדיקן אַנצוג. דעם שטרויענעם הוט האָט ער גע־האַלטן אין דער האַנט. יאַנקל האָט אים גוט אָנגעקוקט און ער האָט נישט געגלויבט די אייגענע אויגן. אָט דער קורצזיכטיקער יונגערמאַן, וואָס קוקט דורך דאָפּלטע ברילן און האָט נאָך דערצו אַ פּליך אויפן קאָפּ, אָט דער איז פאַכטמאַן? אויך פאַכטמאַן האָט נייגיריק געקוקט אויף יאַנקלען און זייערע בליקן האָבן זיך אויף אַ רגע צוזאַמענגעטראָפן. יאַנקל האָט אין פאַכטמאַנס אויגן דערזען אַ להכעיסדיק שמייכעלע און אַ געפיל פון שנאה צום דאָזיקן איינגעקאָרטשעטן יונגנמאַן האָט פּלוצים איבערפולט זיין האַרץ. יאָ, דער דאָזיקער פאַכטמאַן איז אַ דם־שונא. מ׳וועט זיך מיט אים מוזן אָפּרעכענען.

כב.

אַן אייגנאַרטיקע בערזע

כאָטש דער זייגער האָט ערשט געוויזן אַכט אינדערפֿרי האָט זיך שוין ביי שענהאַלצן אין קאַפֿעהויז געטומלט ווי אויף אַ יאַריד. אַלע טיש־לעך זענען געווען פֿאַרנומען דורך יידן מכל המינים. „דייטשן" מיט אָפּ־געגאָלטע פּנימער, האַלבע דייטשן מיט קורץ צוגעשוירענע בערדעלעך און חסידישע יידן אין לאַנגע בעקעשעס זענען געזעסן איבער טעפּלעך שוואַרצע קאַווע אָדער גלעזלעך קאַכעדיקע טיי און האָבן געזופּט. צווישן איין זופּ און אַ צווייטן האָט מען זיך צוגעשריגן עפּעס משונהדיקע אויס־דרוקן, האַלב אָפּגעריסענע זאַצן און אויסטערלישע נעמען, וואָס קיין מענטש וואָלט עס נישט פֿאַרשטאַנען.

— האָסט אַן אַכטל סימענסאל?

— כ׳דאַרף האָבן אַ פּראָצענט טריסקאי. ווער קען מיר געבן?

פֿון פֿאַרשידענע עקן קאַפֿע־זאַל האָבן זיך תיכף געלאָזט הערן ענט־פֿערס.

— איך האָב.

— קויף ביי מיר, מרדכי. וועסט האַנדלען אַ מציאה.

— יידן, כאַפּט גיך סימענסאל. מאָרגן וועט ער שטייגן אויף ס׳דאָפּלטע.

דער טומל האָט צוזאַמען מיט די געדיכטע רויך־וואָלקנס פֿון די דיקע קובע־ציגאַרן געזוכט אַן אַרויסגאַנג דורך דער גלעזערנער טיר, וואָס האָט זיך אומאויפֿהערלעך געעפֿנט און פֿאַרמאַכט. מאַסן מענטשן האָבן געהאַלטן אין איין אַריינשטראָמען אין קאַפֿעהויז. די אַריינגעקומענע מע־נער האָבן אין פֿאַדערצימער אָפּגעשאָקלט פֿון פּראָסטיקן שניי די בעל־הבתישע קראַגנס פֿון זייערע פּעלצן און דערנאָך זיך אַריינגעשאַרט אי־נעם קאַפֿע־זאַל. עס האָט געהאַלטן ביי חנוכה־צייט און די שטאָט איז גע־

לעגן אונטער אַ דיקן צודעק פון ווייסן שניי. אין דרויסן האָט אַ פּראָס־טיקער ווינט געשלאָגן אין פּנים אַריין און פונדעסטוועגן זענען אין גאַס לעבן דעם קאָפּעהויז געשטאַנען אין געזעמלען אַ סך יידן. כדי זיך אָנצו־וואַרעמען האָט ווער צוגעקלאַפּט איין פוס צום צווייטן און ווער האָט פּלוצים אָנגעהויבן צו שלאָגן זיך מיט די הענט איבער דער ברוסט און איבער דער פּלייצע. אויך די דאָזיקע יידן, וואָס זענען געשטאַנען אויפן פּראָסט, האָבן געפירט די זעלבע שמועסן, וואָס יענע אינעווייניק:

— אַן אַכטל סימענסאַל און אַ זעכצנטל מאַנטע קאַרלאָ און נאָך און נאָך.

אָט דאָ, אויף דעם אָרט האָט זיך באַזעצט די סאַמע אייגנאַרטיקס־טע בערזע, וואָס איז ווי נישט איז פאַראַן. פון איר מין איז זי געווען די גרעסטע אינעם מלכות עסטרייך. דאָ האָט מען געהאַנדלט מיט חלקים „ברוטאָ" און „נעטאָ". דער דאָזיקער האַנדל איז אָנגעגאַנגען אין אַ גאַר גרויסן פאַרנעם. מען פלעגט זאָגן, אַז דער אומזאַץ, וואָס איז אין משך פון איין טאָג געמאַכט געוואָרן אין שענהאַלצס קאָפּעהויז, האָט לייכט געקענט קלעקן אויף אויסצובויען אַ היפּש שטעטל.

דער דאָזיקער האַנדל האָט זיך אָנגעהויבן גלייך נאָך דעם, ווי עס איז געגרינדעט געוואָרן דער ספּעציעלער רעגיסטער פון די נאַפט־פעל־דער. ווען אַ נאַפט־געזעלשאַפט האָט אָפּגעקויפט אַ טערען ביי אַ בעל־הבית, האָט זי חוץ דעם מקח אין מזומנים אָפּגעשריבן דעם בעל־הבית אַ געוויסע צאָל פּראָצענטער פון דער צוקונפטיקער פּראָדוקציע פון די שאַכטן, וועלכע וועלן אויפגעשטעלט ווערן אויפן דאָזיקן טערען. די דאָ־זיקע אָפּגעשריבענע פּראָצענטער זענען פאַרצייכנט געוואָרן אינעם נאַפט־רעגיסטער,ביים דראָהאָביטשער געריכט. וויבאַלד דער פּראָצענט איז געשטאַנען איינגעשריבן אין דעם רעגיסטער, איז ער שוין געווען אַ סחורה אויף מסחר. די בערזע ביי שענהאַלצן אין קאָפּעהויז האָט דעם פּראָצענט תיכף גענומען אין דער אַרבעט. זי האָט אים געשטעלט אַ קורס, זי האָט אים געקויפט און פאַרקויפט. דער בעל־הבית, וואָס האָט פאַר־קויפט דעם טערען, פלעגט זיך כמעט שטענדיק לאָזן צורעדן און ער פלעגט באַלד נאָכן קאָנטראַקט אַ טייל פון זיינע נייע ברוטאָ־חלקים פאַר־קויפן פאַר גוט געלט.

אַ גאַנץ אַנדערע זאַך זענען געווען די נעטאָ־חלקים. ווען אַ נאַפּט־געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט בויערן אַ שאַכט און אין מיטן פון דער אַרבעט האָט איר אויסגעפעלט געלט, האָט זי גענומען זוכן אַ קונה אויף אַ געוויסער צאָל פון נעטאָ־פּראָצענטער. מיט פּשוטערע ווערטער מיינט עס, אַז דער קויפער פון די נעטאָ־פּראָצענטער איז געוואָרן אַ שותף צום שאַכט. פאַרשטייט זיך, אַז אויך אַזאַ פאַרקויף איז פאַרצייכנט געוואָרן אין דעם געריכטלעכן נאַפּט־רעגיסטער.

ביי שענהאָלצן אין קאַפּע־הויז האָבן זיך באַזעצט די מעקלערס פון דער ברוטא און נעטאָ־בערזע. די צייט, וועגן וועלכער עס דערציילט זיך, איז געווען די תקופה פונעם שטאַרקסטן אויפבלי פון דער באָריסלאַווער גרויס־אינדוסטריע. די גרעסטע מעקלערס פון שענהאָלצס קאַפּעהויז האָבן טאַקע געמאַכט גאַנץ גוטע געשעפטן. אַ סך פון זיי זענען שוין דעמאָלט געווען זעלבשטענדיקע סוחרים. זיי פלעגן די חלקים קויפן אויף אייגענעם חשבון און דערנאָך זיי פאַרקויפן מיט גרויסע רוחים. אָט די דאָזיקע גרע־סערע מעקלערס האָבן אָנגעפולט דעם אינעווייניק פונעם געמיטלעכן קאַ־פעהויז. דער מינדערער עולם, מעקלערס, צו וועלכע דאָס מזל האָט נישט צוגעשמייכלט, האָבן זיך אַרומגעדרייט אין גאַס, לעבן דעם קאַפּעהויז. זיי האָבן זיך נישט געקענט פאַרגינען צו באַצאָלן יעדן טאָג פאַרן גלעזל טיי. האָבן זיי געמוזט זיך דעם גאַנצן טאָג פּלאָגן אין פראָסט און אין ווינט. זייערע קונים פלעגן זיי שוין אויפזוכן אין גאַס לעבן דעם קאַפּע־הויז. אויך דאָרט האָט מען גאַנץ גוט געקענט מאַכן אַ געשעפט.

ווער זענען געווען די קונים? אָ, וועגן דעם וואָלט געווען אַ סך צו דערציילן, נאָר דאָס וואָלט שוין אַריבערגעשפּרייזט די עצמדיקע טעמע פון אונדזער דערציילונג. וועט גענוג זיין צו זאָגן אָט וואָס: קיין קונים האָט, ברוך השם, נישט אויסגעפעלט. זיי זענען נישט בלויז געווען אינעם נאַפּט־געביט, נאָר אויך ווייט, ווייט איבער דער גאַנצער מדינה און אפילו אין אויסלאַנד, אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און אין ווייטן ענגלאַנד. מילא וועגן גבירים איז אָפּגערעדט, אָבער אינעם דראָהאָביטשער נאַפּט־ראַיאָן האָבן אפילו וואַסער־טרעגערס געקויפט ברוטאָ־חלקים. יעדן איינעם האָט געלאָקט די פּערספּעקטיוו פון גרויסע הכנסות, וואָס די מעקלערס פלעגן צוזאָגן מיט אַ ברייטער האַנט.

— אויב דו וועסט קויפן דעם דאָזיקן חלק — פלעגט דער מעקלער איינרעדן דעם קונה — ווערסטו נישט דאַרפן מער איינטונקען קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער. דו ווערסט דיר קענען אַרומשפּאַצירן מיטן שטעקעלע איבער דער שטאָט און דיינס וועט וואַקסן. יעדן חודש ווערסטו ביז אין שטוב אַריין באַקומען דיין געלט־איבערווייזונג און דו ווערסט לאַכן פון דער גאַנצער וועלט.

אַ סך מענטשן איז טאַקע געלונגען, אָבער אַ סך אַנדערע האָבן באַ־גראָבן זייערע פּאָר קראָנען. דער מסחר איז אָנגעגאַנגען מיט אַ הו־האַ. ער האָט זיך צעשפּרייט איבער אַלע גאַליצישע שטעט. דערגרייכט ביז קראָקע און אָנגעשלאָגן אַזש אין ווין.

ביי שענהאָלצן אין קאַפעהויז האָט איסר טשאבאן געהערט צו די סאַמע חשובסטע מעקלערס. גאָרנישט לאַנג ווי ער האָט זיך אַרויפגע־אַרבעט. סך־הכל מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער צוזאַמען מיט אַלע יידי־שע אַרבעטער אין באָריסלאַוו געבליבן אָן אַרבעט. לעפּאַקעס האָט מען זיי גערופן, די אַרבעטסלאָזע יידן און איסר טשאבאן איז געווען איינער פון די לעפּאַקעס. ער איז אָבער נישט געווען קיין פאַרשלאָפענער. ער האָט זיך תיכף גענומען צו אַן אַנדערער פּרנסה. ער האָט גענומען מעקלען ביים פאַרקויף פון ברוטא־חלקים. אויך אַנדערע לעפּאַקעס האָבן זיך געוואָרפן אויף דער זעלבער פּרנסה. נאָר איסרן איז געלונגען. במשך פון אַ קורצער צייט איז ער אויפגעוואקסן צו איינעם פון די וויכטיקסטע מעק־לערס אויפן פּלאַץ.

איצט איז ער שוין געגאַנגען פיין אָנגעטאָן. אַ טכוירענעם פעלץ האָט ער געטראָגן אינדערוואָכן און דאָס שוואַרץ־פאַרדאַרטע פּנים איז ביי אים שטענדיק געווען גלאַטיק אָפּראַזירט. אַזוי קליין ווי ער איז געווען, איז ער געווען רירעוודיק ווי אַ טייוול. מיט זיינע ביין מאָס רייד האָט ער געקענט פאַרטומלען אַ וועלט. מיט גיכע טריטעלעך איז ער איצט אַריינ־געלאָפן אין קאַפעהויז. ער האָט זיך אפילו נישט אויסגעטאָן דעם פעלץ, נאָר גלייך איז ער אַריין אינעם קאַפע־זאַל און נערוועז זיך אַרומגעקוקט, פונקט ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט. זעענדיק אַ גרופּע יידן ביי אַ טישל, איז ער צו זיי צוגעלאָפן.

— ווער האָט „איל סיטי״? — האָט ער געוואָרפן אַ פראַגע.

— יאָ, כ׳האָב. אַ פּערטל פּראָצענט ברוטאָ. — אַ ברייט צעוואקסע־נער ייד מיט אַ ווייסן־שפּיץ־בערדעלע האָט געענטפערט אויף איסרס פראַגע.

— אַ פּערטל פּראָצענט — האָט איסר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט

— ס׳איז גאָרנישט.

— וויפיל דאַרפט איר דען „איל סיטי״?

— כ׳דאַרף אַ סך, זייער אַ סך. כ׳צאָל תיכף מזומנים.

די יידן ביים טישל האָבן זיך איבערגעקוקט, נאָר איידער עמעץ האָט באַוויזן צו ענטפערן, איז שוין איסר געשטאַנען לעבן אַ צווייטן טישל ביים אַנדערן עק פון זאַל.

— האַ, וואָס זאָגט איר עפּעס צו דעם? — האָט דער ייד מיטן שפּיץ־בערדל געפרעגט זיינע שכנים — עפּעס אַ נייע שפּעקולאַציע גייט ער אָפּטאָן.

אַלע האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

„איל סיטי״ איז געווען אַ נייער טערען, וואָס אַן אומבאַקאַנטע געזעלשאַפט האָט אָפּגעקויפט ערשט דעם לעצטן זומער. די געזעלשאַפט האָט געדאַרפט באַלד אויפשטעלן צוויי שאַכטן, אָבער די אַרבעט איז דאָרט נישט צוגעגאַנגען ווי ס׳דאַרף צו זיין. די בערזע ביי שענהאַלצן האָט זיך דעריבער נישט באַצויגן מיט צוטרוי צו „איל סיטי״. דער קורס פון די דאַזיקע ברוטאָס איז געווען אַ נידעריקער. אין מיטן ווינטער האָט די געזעלשאַפט קוים באַוויזן צו לאָזן אין גאַנג דעם ערשטן שאַכט. אפילו דאָס האָט אויף קיין סך נישט געענדערט די באַציאונג פון דער בערזע צו „איל סיטי״. מען האָט ווייטער נישט געהאַט קיין צוטרוי. אויף „איל סיטי״ זענען נישט געווען קיין קונים.

ווען איסר איז אַריינגעלאָפן אין קאַפעהויז און האָט גענומען פרעגן אויף „איל סיטי״, האָט מען אים באַלד חושד געווען, אַז ער גייט מאַכן אַ קינסטלעכע האָסע אויף די דאָזיקע ברוטאָס. וואָרום אויב ער וואָלט נישט געמיינט בלויז דאָס, טאָ נאָך וואָס וואָלט ער געדאַרפט אומעטום צו צעפויקן, אַז ער גייט קויפן „איל סיטי״? אַז עמעץ וועט אים דערלאַנגען אַ חלק „איל סיטי״, וועט ער, מסתמא, אָנהייבן צו דרייען און ער וועט נישט קויפן.

עס האָט זיך געפונען אַ מעקלער, וואָס האָט איינגעשטעלט און אונ־טערגעטראָגן איסרן אַ גאַנצן פּראָצענט „איל סיטי". איסר האָט תיכף גע־געבן האַנטגעלט און מען איז אַוועק צום אַדוואָקאַט שרייבן דעם קאָנ־טראַקט. הערנדיק אַזאַ זאַך האָבן אַנדערע מעקלערס אָנגעהויבן פּאָרזיכ־טיק איינצוקויפן „איל סיטי". די איינגעקויפטע חלקים האָבן זיי גע־בראַכט איסרן און ער האָט זיי געקויפט.

דער קורס פון „איל סיטי" האָט גענומען שטייגן. איסר האָט נישט געלייגט אויף דעם קיין אַכט. ער האָט געהאַלטן אין איין קויפן. פּאַר די מעקלערס איז דער ענין געוואָרן אַביסל קשהדיק. עפּעס מוז דאָך פּאָרט שטעקן אין דעם. וואָס הייסט ער קויפט? ווי לאַנג קען ער אַזוי קויפן און וואָס טוט ער מיט די געקויפטע חלקים? מען האָט אָנגעהויבן צו נישׁ־טערן אין די געריכט־ביכער. מען האָט אָבער גאָרנישט געפונען. אַלע איינ־געקויפטע חלקים זענען געווען פאַרשריבן אויף איסרס נאָמען. דאָס מיינט, אַז איסר פאַרקויפט נישט די געקויפטע חלקים, אַז ער האַלט זיי פעסט. וואָסזשע וועט ער מיט זיי טאָן? ער וועט זיך מיט זיי דערשטיקן, ווייל דער מעמד איז אַזעלכער, אַז מען בויערט ערשט דעם ערשטן שאַכט. אמת, מען האַלט שוין גענוג טיף און מען האָט שוין באַקומען גאַז. אָבער קיין אייל איז נאָך נישטאָ. וועגן דעם צווייטן שאַכט ווייסט מען נאָך ל'חלוטין גאָרנישט. צי וועט מען אים בכלל אויפשטעלן און אויב מען מיינט אים אויפצושטעלן, איז אַ פראַגע ווען. ביי אַזאַ מעמד איז טאַקע אַ גרויס רעטעניש, וואָס איסר טשאַבאַן פּאַקט זיך אַריין אין „איל סי־טי".

איסרן האָט אָבער ווייניק געאַרט דאָס, וואָס מען האָט געשמועסט אויף דער בערזע. ער איז כסדר אַרומגעלאָפן און האָט געזוכט „איל סי־טי". וווּ ער האָט נאָר עפּעס געפונען, האָט ער תיכף געקויפט.

אין אַ געוויסן טאָג, אַן ערך אין דער העלפט פון חודש שבט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מיט „איל סיטי" האָט עפּעס פּאַסירט. בפי־רוש האָט מען נישט געוווּסט, וואָס עס איז דאָרט געשען. צי איז דער שאַכט פאַרנאָגלט געוואָרן לעולם ועד, צי דער מכשול איז נישט אַזוי גע־פערלעך און ער וועט קענען באַזייטיקט ווערן. יעדנפאַלס האָט די בער־זע באַלד רעאַגירט אויף די קלאַנגען. ווער ס'האָט נאָר געהאַט באַהאַלטן

אַ חלק „איל סיטי״, איז מיט אים אַרויס אויף דער בערזע. פון אַלע זייטן האָט מען איצט פאַרגעשלאָגן איסרן ער זאָל קויפן „איל סיטי״. זאָל ער באַצאָלן אַ העלפט פונעם פרייז, זאָל ער באַצאָלן וויפיל ער וויל נאָר, אַבי ער זאָל קויפן.

איסר טשאבאן האָט זיך פאַרלוירן. אין די „איל סיטי״־ברוטאָס האָט ער געהאַט אַריינגעלייגט זיין גאַנץ פאַרמעגן. ער האָט זיך אויסגעהוילט ביז צו דער לעצטער פּרוטה און זאָלן זיך די קלאַנגען אַרויסווייזן פאַר ריכטיקע, בלייבט ער בדיל הדל, ממש אַן גאָרנישט.

איסר האָט פאַר קיינעם נישט אַרויסגעוויזן זיין פאַרלוירנקייט. ער האָט צוגעוואַרט אַ טאָג און אַ צווייטן. דעם דריטן טאָג האָט ער באַשלאָסן אויסצופאָרשן דעם ענין. פאַרנאַכט איז ער אַריינגעקומען אין קאַפעהויז און באַלד האָט אים אַרומגעשטעלט אַ געזעמל מעקלערס, וואָס האָבן געוואָלט זיך דערוויסן נייעס וועגן „איל סיטי״. אַ טייל האָבן אויף אים געקוקט מיט באַזאָרגטקייט און דערוואַרט באַרואיקנדיקע ידיעות. אַנדערע, וואָס האָבן נישט געהאַט צו שטעקן אין „איל סיטי״, האָבן געקוקט מיט באַהאַלטענער הנאה. איסר האָט נישט נאָכגעלאָזט פונעם טאָן. ער האָט ווילליונגעריש געשמייכלט, ווי איינער רעדט: זאָגט, וואָס איר ווילט און מיך אַרט עס גאָרנישט. נאָר אונטערן צודעק פון דער ווילליונגערישער גלייכגילטיקייט האָט ביי איסרן געצאַפּלט דאָס האַרץ. וואָס וועט טאַקע זיין, אויב די קלאַנגען זענען, חלילה, ריכטיקע?

אין קאַפע־זאַל האָבן געברענט אַלע גאַז־לאָמפּן. מעקלערס האָבן אָנגעהויבן אַוועקצוגיין אַהיים. אין זאַל איז געוואָרן גערוימער. בלויז ביי עטלעכע טישלעך זענען נאָך געזעסן יידן און האָבן פאַרענדיקט זייערע חשבונות. באַלד האָבן זיך דערהערט מוזיק־קלאַנגען פונעם צווייטן זאַל, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין קעלער, אונטערן אויבערשטן קאַפע־זאַל. דער דאָזיקער צווייטער זאַל האָט געהייסן „דאָס גיהנומל״ און דאָרט האָט זיך געפונען אַ נאַכט־קאַבאַרעט. די מוזיק־קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פונעם „גיהנומל״ זענען פאַר די לעצטע פאַרבליבענע מעקלערס געווען אַ צייכן, אַז מען דאַרף אַהיימגיין. אַלע זענען אַרויס אין פאָדערצימער זיך אָנטאָן און איסר איז געגאַנגען מיט זיי צוזאַמען. אויף דער גאַס האָט זיך דער עולם צוגעוואָרפן „אַ גוטע נאַכט״ און מען איז זיך

פונאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשידענע ריכטונגען. איסר האָט זיך געזעגנט מיט די מעקלערס. ער איז אָבער נישט געגאַנגען אַהיים. ער האָט פאַרקערעוועט אין אַ זייטיק געסל און דאָרט שטיין געבליבן אַ ווײַלע אין דער פינצטער. ווען די טריט פון די מעקלערס האָבן זיך שוין גוט דערווייטערט, איז ער ווי אַ קאַץ אַרויסגעשפּרונגען פונעם געסל און באַלד איז ער צוריק געווען אין קאַפע־הויז.

קיין מעקלערס זענען שוין אין קאַפעהויז נישט געווען און איסר האָט נישט געדאַרפט מער מאַכן דעם אָנשטעל פון זאָרגלאָזיקייט. די גאַנצע מרה שחורה, וועלכע ער האָט זיך ביז איצט באַמיט צו באַהאַלטן אין זיך, איז אים אַרויס אויף זיין פאַרדאַרט פנימל. ער האָט גיך אויסגעטאָן דעם פעלץ און איז אַריין אין קאַפע־זאַל. דער קאַפע־זאַל איז געווען ליידיק. אַן אַנטוישטער האָט זיך איסר אומגעקוקט אין דעם פאָדערצימער און פון דאָרט איז ער מיט די געגרייטע טרעפלעך אַראָפּגעגאַנגען אין דעם „גיהנומל“. אויך דער טונקל־רויט באַלויכטענער זאַל פונעם „גיהנומל“ איז געווען ליידיק. עטלעכע מוזיקערס זענען געזעסן אויף נידעריקע בענקלעך און האָבן פויל געצויגן די סמיטשקעס איבער די פידלען. בלויז ביי איין טישל איז געזעסן אַ מאַנספּאַרשוין און אַנטקעגן אים אַן אויסדעקאָלטירטע בלאָנד־געפאַרבטע פרוי אין אַ לאַנג רויט קלייד. דער מאַנספּאַרשוין האָט עפּעס דערציילט און די פרוי האָט געהאַלטן אין איין לאַכן.

איסרן האָט די אומעטיקייט פונעם דאָזיקן זאַל נאָך מער אויפגערעגט. ער האָט זיך צוריקגעצויגן און גענומען זיך אַרומדרייען אין דעם שמאָלן קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט אינעם „גיהנומל“. אַזוי זיך דרייענדיק האָט איסר פאַרשטעלט דעם וועג די זיך אַרומיאָגנדיקע קעלנערס, וועלכע האָבן זיך כסדר אויף אים אָנגעשטויסן און אים צוגעוואָרפן נישט־פריינטלעכע בליקן. איסר האָט געמוזט צוריק אַריינגיין אינעם טונקל־רויטן זאַל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל און באַשטעלט וויין מיט ציגאַרן. אַזוי זיצנדיק האָט איסר באַטראַכט די מענטשן, וואָס קומען אַריין אין זאַל. עס האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרזאַמלען אַן עולם. מאַנספּאַרשוינען איינציקווייז אָדער זאַלבעצווייי האָבן זיך שטיל געשאַרט אין זאַל אַריין. זיי האָבן פאַרנומען פלעצער אַרום די טישלעך און באַ־

שטעלט ביי די קעלנערס, וואָס איינער האָט געוואָלט. די מוזיק איז גע־וואָרן האָפּערדיקער. אַ שורה אויסגעסטראָיעטע פרויען האָט זיך אַוועק־געשטעלט ביי דער וואַנט. דאָס זענען געווען די „קאָסירערינס". זיי האָבן גוטברודעריש געשמייכלט צו באַקאַנטע געסט, געהנדלט זיך צו זיי און געוואָרט אויף אַ ווינק, מען זאָל זיי הייסן זיך צוזעצן צו די טישלעך.

די מאַנספּאַרשוינען זענען געווען טונקל אָנגעטאָן און פון פּאַרשי־דענעם עלטער. געווען מענער מיט קאָקעטיש־צוגעשוירענע בערדלעך, געווען אויך מיט לאַנגע שלאַכעצקע וואָנסעס, אָדער גלאַט אָפּראַזירטע מיט מאָנאָקלען אָדער פּענסנעס אויף די אויגן. לעביונגען פון גאַנץ איי־ראָפּע זענען דאָ אָנגעלאָפן. מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום באַריסלאַווער נאַפט און האָבן געמוזט אַראָפּקומען אינעם נאַפט־געביט, ווען אפילו אויף אַ קורצער צייט, פלעגן זיך אָט דאָ אַריינכאַפּן. אין זייערע ווייטע מקומות האָבן זיי געהאַט די ווייבער מיט קינדער, נאָר זייענדיק אין דראָהאָביטש האָבן זיי תאווהדיק אַריינגעכאַפּט די פריי־לעכע נאַכט, די לוסטיקע מינוט, וואָס שענהאָלצס „גיהנומל" האָט זיי אָנגעבאָטן.

איסר האָט געקוקט אויפן דאָזיקן פרעמדן אָנגעלויף און ער האָט זיך געפילט דערדריקט און פאַראיינזאַמט. זיינע מחשבות האָבן זיך איינגעקלאַמערט אינעם „איל סיטי"־ענין און האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין רגע. אפילו די פריילעכע קלאַנגען פון דער מוזיק, וואָס האָט איצט באַקומען גוט באַצאָלטע באַשטעלונגען און האָט מיט פייער גע־שפּילט אויף אַלע כלים, האָבן אים נישט באַפרייט פון דער אומעטיקייט. איסר האָט זיך געדרייט אויפן בענקל און נישט געקענט איינזיצן. די אויגן האָט ער נישט אַראָפּגעלאָזט פון דער אַריינגאַנגס־טיר. דער מענטש, אויף וועלכן ער האָט געוואַרט, איז נאָך נישט געקומען.

אַן אויסגעפּודערטער יונגערמאַן האָט זיך באַוויזן אויף דער קליי־נער עסטראַדע. ער האָט געטראָגן אַ פראַק און זיינע פעך־שוואַרצע האָר זענען געווען גלאַטיק צוגעקעמט אין אַ שרינט אין דער מיטן. ער האָט געשמייכלט און געווענדט זיך צום עולם אין דייטש מיט אַ בפירושן ווינער־יידישן אַקצענט.

— מיר האָבן היינט די ערע — האָט ער געזאָגט — פאַרצושטעלן

דעם פובליקום צווײ גרויסע קינסטלערס. די שאַנסאָן־זינגערין, וועראָניקא קלאַד, איז אַן אמתדיקע פראַנצויזקע. דער צווייטער קינסטלער, וועלכן מיר פרעזענטירן היינט אין אונדזער פראָגראַם, איז דער גוט־באַקאַנטער זינגער בראָנאָווסקי.

דער עולם האָט אַפּלאָדירט און דער קאָנפערענסיער האָט דעם זעלבן פּזמון איבערגעזאָגט אויף אונגאַריש און אויף פּויליש. ביי שענהאלצן אין קאבארעט פלעגט מען זיך באַנוצן מיט אַלע דריי שפּראַכן. דאָס איז געווען צוליב די געסט פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס האָבן שטענדיק באַזוכט דעם קאַבאַרעט. די פאַרוואַלטונג האָט געוואָלט, אַז אַלע געסט זאָלן זיך דאָ פילן היימיש.

דער אָרקעסטער האָט מיט התלהבות געשפּילט שטראַוס׳ „ווינער וואַלד״. אין זאַל איז שוין די שטימונג געווען אַ פריילעכע. אַלע „קאָסי־רערינגס״ זענען געווען אַנגאַזשירט. זיי זענען געזעסן ביי טישלעך, האָבן זיך געחנדלט צו די מענער און האָבן הויך געלאַכט. קעלנערס זענען אַרומגעלאָפן מיט טאַצן און קענדלעך. דאָס כסדרדיקע קנאַלן פון גע־עפנטע שאַמפּאַניער־פלעשער האָט זיך ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט אַריינגעריסן אין די צאַרטע אַקאָרדן פונעם שפּילנדיקן אָרקעסטער.

די שאַנסאָן־זינגערין האָט זיך באַוויזן אויף דער עסטראַדע. זי האָט זיס געשמייכלט און געחנדלט זיך צום פובליקום. די מענער זענען אָבער פון איר נישט נתפּעל געוואָרן. זי איז געווען אַ קלייניקע און אַן אויס־געדאַרטע, פּונקט ווי זי וואָלט שטענדיק געהונגערט. דאָס טיף אויסדע־קאָלטירטע ווייסע קלייד מיטן לאַנגן שלעפּ האָט אויסגעבלויזט איר איינ־געפאַלענעם ברוסט־קאַסטן און די דיניטשקע אָרעמס הויט און ביין. די זינגערין האָט גענומען זינגען אַ נײ פראַנצויזיש לידל. זי האָט אפילו גאַנץ פיין געזונגען, אָבער פונדעסטוועגן איז דער עולם געבליבן צו איר קאַלט. זי איז נישט געפעלן געוואָרן.

איסר טשאַבאַן איז געזעסן אַ גלייכגילטיקער צו דער גאַנצער פאַר־ווײלונג. ער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון דער טיר. אַ סך מענטשן זענען אַריינגעקומען און אַרויסגעגאַנגען, אָבער דעם מענטש, וועלכן ער האָט דערוואַרט, האָט ער נישט געזען. איסר האָט געראויכערט איין ציגאַר נאָכן צווייטן און וואָס אַמאָל איז ער געוואָרן אַלץ מער נער־

וועז. בעת די שאַנסאָן־זינגערין האָט געהאַלטן אין מיטן זינגען, איז אויפן שוועל שטיין געבליבן אַ הויכער יונגערמאַן מיט גאָלד געראַמטע ביי־נאָקלען. איסר איז אויפגעשפּרונגען.

— ענדלעך זענט איר געקומען, דאָקטער פרענקעל — איז ער צו־געלאָפן צום אָנגעקומענעם — איך וואַרט אויף אייך ווי מען וואַרט אויף משיחן.

— האַ, ווער זע איך דאָ? — האָט זיך דער יונגערמאַן פונאַנ־דערגעלאַכט — הער טשאַבאַן, איר זענט אַהער געקומען? נאָר גאָרנישט, אַז איר זענט שוין דאָ, וועלן מיר פאַרברענגען אַ שיינעם אָוונט.

ער האָט געדריקט טשאַבאַנס האַנט.

— וווּ זיצט איר ערגעץ, הער טשאַבאַן?

— יאָ, יאָ, ד״ר פרענקעל. קומט טאַקע צו מיין טיש. איך האָב מיט אייך זייער אַ סך צו שמועסן.

טשאַבאַן האָט פרענקלען צוגעשלעפּט צו זיין טיש און אים אַוועק־געזעצט אַנטקעגן זיך.

— קעלנער, אַ פלאַש שאַמפּאַניער מיט אייז! — איסר האָט גע־מאַכט אַ נייע באַשטעלונג און האָט זיך אָנגעהויבן צו גרייטן צו אַן ערנסטן שמועס מיט זיין שכן. אָבער ס׳איז אים נישט געלונגען. אַ „קאַ־סירערין״, וועלכע האָט אויס פרענקעלס אַ גוטע באַקאַנטע, האָט זיך צוגעפּלאָנ־טערט צו זייער טיש און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאָר אַנדערער שמועס.

— אַזוי לאַנג האָסטו מיך היינט געלאָזט וואַרטן, ליבסטער — האָט דאָס מיידל געפרעגט פרענקלען מיט אַ שטימע פול מיט געקינצל־טער ליבע. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיינע קני און האָט זיך צו אים געטוליעט ווי אַ קאַץ.

פרענקעל האָט ביטולדיק געשמייכלט.

— אויף מיר האָסטו טאַקע געוואַרט? — האָט ער געפרעגט — איך בין אָבער היינט אויסגעליידיקט ביזן לעצטן העלער. וואָסזשע ווילסטו פון מיר האָבן?

דאָס מיידל האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי זי וואָלט זיך געפונען באַליידיקט. זי האָט פאַרקרימט דאָס פּנימל צום וויינען און האָט די אויגן

אַרויפגעריסן צו פרענקלען. פרענקעל האָט שמייכלענדיק געגלעט אירע האָר.

— נו, נו, קליינע, באַרואיק זיך.

איסר' האָט זיך צוגעקוקט צום דאָזיקן פלירט און ער האָט זיך גע־וואָרפן פון אומגעדולד. אים איז יעדע רגע געווען צו לאַנג. ביי פרענק־לען, וועלכער איז געווען דער דירעקטאָר פון דער „איל סיטי"־געזעל־שאַפט, האָט ער געוואָלט זיך דערוויסן וועגן די פרטים פונעם מכשול, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן שאַכט. צוליב דעם פטרט ער דאָך דאָ איצט די גאַנצע נאַכט, ווייל ער ווייסט, אַז חוץ דאָ קען מען מיט פרענקלען אין ערגעץ נישט שמועסן. האָט ער זיך שוין דערוואַרט אויף פרענקלען קען ער ווייטער מיט אים נישט שמועסן צוליב דעם אָנשיקעניש מיט דער מויד. איסר האָט געשאָסן מיט בייזע בליקן דאָ אויף פרענקלען און דאָ אויף דער „קאַסירערין". זיי האָט עס אָבער נישט געאַרט. פאַר־קערט, נאָכן ערשטן ברוך־הבא, ווען פרענקעל האָט איר געמאָלדן, אַז היינט האָט ער נישט קיין געלט, האָט זיך דאָס פּאָרל איבערגעבעטן. זיי האָבן זיך געשושקעט, געלאַכט און געטרונקען דעם שאַמפּאַניער־וויין, וואָס איסר' האָט באַשטעלט.

אויף דער עסטראַדע האָט מען פאָרגעזעצט דעם פּראָגראַם. בראַ־נאָווסקי האָט מיט גרויס דערפאָלג געזונגען זיינע קופּלעטן. מיט מלכות־דיקער זעלבסטזיכערקייט איז ער געשטאַנען אויף דער עסטראַדע און האָט זיך לאַנג געלאָזט אַפּלאָדירן. ער, דער ליבלינג פון דער גאַליצישער לעבע־וועלט, ער האָט גענומען זינגען אויף פויליש דאָס זעלבע לידל, וואָס די פראַנצויזקע האָט פריער געהאַט געזונגען. איצט האָט דער עולם שטאַרק הנאה געהאַט פונעם דאָזיקן לידל. צו די אַפּלאָדיסמענטן איז נישט געווען קיין סוף.

צווישן דער דאָזיקער פריילעכער געזעלשאַפט איז איסר געזעסן אַ פאַרמרה־שחורהטער. ער האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויפן פרייען מאָמענט צו קענען זיך דורכשמועסן מיט פרענקלען. די מויד האָט, ווייזט אויס, נישט געטראַכט צו פאַרלאָזן פרענקעלס שויס. אַ פאַר־צווייפלטער האָט איסר געפומען באַטראַכטן פרענקלען. אפשר וועט ער וואָס נישט איז אַרויסלייענען פון זיין פּנים? אויב ס'איז עפּעס געשען

אויפֿן שאַכט, דאַרף ער, פרענקעל, זיין פאַרזאָרגט. וואָס הייסט, דער שאַכט איז דאָך זיין ברויט, זיין פרנסה. האָט זיך איסר גוט אַריינגעקוקט אין פרענקעלס פנים, זוכנדיק אין אים שפּורן פון פאַרזאָרגטקייט. ער האָט אָבער גאָרנישט נישט געפונען. דער לעבע־יונג האָט געשמייכלט צום מיידל, וואָס איז געזעסן אויף זיין שויס און פון צייט צו צייט האָט ער געכאַפּט אַ קוש. האָט זיך איסר באַרעכנט, אַז דאָס קוקן אין פרענקעלס פנים טויג נישט. יענער איז אַ נישט־פאַרהייראַטער מענטש און פרנסה־ענינים ליגן אים אין דער לינקער פּיאַטע. אַ גלעזל ויין דאַרף ער און אַ פּאָר שיקסעס. צו אַלע אַנדערע זאַכן איז ער גאַנץ גלייכגילטיק. וואָסזשע קען מען ביי אַזאַ איינעם אַרויסלייענען פונעם פנים? קיין זאָרגן האָבן צו אים נישט קיין שליטה.

איסר איז געבליבן זיצן אויף זיין בענקל און האָט געוואַרט אויף אַ מעגלעכקייט זיך דורכצושמועסן מיט פרענקלען. ערשט וויט נאָך האַל־בער נאַכט איז די דאָזיקע מעגלעכקייט געקומען. די מויד האָט זיך אָפּגעטראָגן און איסר איז אַליין מיט פרענקלען געבליבן ביים טיש.

— זאָגט מיר, הער דאָקטער, ווי האַלט איר ערגעץ מיט דער קאַ־טאַסטראָפע? — האָט איסר געפרעגט מיט אַ ציטערנדיקער שטימע.

פרענקעל האָט אויפגעשטעלט אויף איסרן אַ פּאָר ברייט־צעעפנטע אויגן.

— קאַטאַסטראָפע? וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

— וואָס הייסט? מען שמועסט דאָך אין שטאָט, אַז איר זענט עפּעס נכשול געוואָרן אויפן שאַכט, האַ?

— צום ערשטן מאָל הער איך עס פון אייך, הער טשאבאן. נאָר וואַרט אַ רגע — האָט ער זיך עפּעס דערמאָנט — אהא, איך ווייס שוין.

ד"ר פרענקעל האָט מיט דער אָפּענער דלאָניע געקלאַפּט זיך אין שטערן און האָט זיך אַזש פאַרקייכט פון געלעכטער.

— הערט אַ מעשה, הערט אַ מעשה — האָט ער איבערגעחזרט און נישט אויפגעהערט צו לאַכן.

— וואָס ווייסט איר, דאָקטער? — האָט איסר אומגעדולדיק גע־פרעגט.

— אָ, הער טשאַבאַן, אייער בערזע האָט אַ גוטן חוש הריח. איך ווייסט, וואָס עס איז געווען?

— ניין. פון וואַנען קען איך וויסן.

— אנומלט האָט ביי אונדז געפּלאַצט אַ רער אין דער גאַז־לייטונג, דורך וועלכער אונדזערע גאַזן ווערן אָפּגעצויגן אין דער שטאָטישער גאַז־אַנשטאַלט. ס׳האָט געדראָט אַ שרפה, אויב מען וואָלט באַצייטנס נישט באַמערקט די זאַך. מען האָט אָבער יאָ באַמערקט און מען האָט פאַריכט די לייטונג. טראַכט איך, אַז אָט דאָס מוז זיין דער מכשול, וועגן וועלכן די בערזע־יידן שמועסן. נישט אַזוי, הער טשאַבאַן?

— כ׳ווייס נישט, גאַנץ מעגלעך, אַז טאַקע דאָס. נאָר זענט איר זיכער, דאָקטער, אַז חוץ דעם איז מער גאָרנישט געשען? — האָט איסר געגומען אויספאָרשן — צוליב וואָס פרעג איך? ברוטאָס „איל סיטי״ זע־נען שטאַרק געפאַלן און די סיבה פון דעם איז, אַז עפּעס איז כלומרשט געשען אויפן שאַכט.

— שאַ, הער טשאַבאַן, אויב אַזוי, איז דאָך טאַקע זייער גוט. — פרענקעל איז געוואָרן ערנסט — נוצט אויס די געלעגנהייט און קויפט נאָך חלקים. די לאַגע איז איצט גראַד אַ גוטע. מיר נעמען זיך שוין צום צווייטן שאַכט. לעת עתה האַלט מען עס בסוד, אָבער איך האָב שוין די אינסטרוקציעס פון ווין און פרילינג־צייט וועט שוין שטיין דער נייער שאַכט. ס׳איז אַ זיכערע זאַך.

— הער גאָר אַ מעשה — נאָך דער אויפרעגונג האָט איסר לייכטער אָפּגעאָטעמט — באַשערט געווען צו האָבן עגמת נפש. אַ שוואַרצער חלום אויף מיינע שונאימס קעפּ! טפו...

— באַרואיקט זיך, הער טשאַבאַן! — האָט פרענקעל געמינטערט איסרן — איר מוזט איצט טאָן מיט שכל. ס׳איז פאַראַן אַ גוטע גע־לעגנהייט צו מאַכן געלט. נוצט זי אויס און קויפט וואָס מער חלקים. נאָר געדענקט, אַז איך בין אַ שותף.

— אָ, דאָקטער פרענקעל. איר דאַרפט מיר נישט דערמאָנען. האָט אייך דען איסר טשאַבאַן ווען נישט איז באַוואוסט?

איסר האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין, אָבער פרענקעל האָט אים נישט געלאָזט.

— וואָס? נאָך אַזאַ גוטער ידיעה ווילט איר גאָר אַוועקגיין? ניין, הער טשאבאַן. מיר מוזן נאָך אויסטרינקען פאַרן וויל פון אונדזערע צו־קונפטיקע געשעפטן.

איסר איז געוואָרן שטאַרק אויפגעלייגט. ער האָט זיך נישט געלאָזט מער בעטן. געגומען איין כוסה און אַ צווייטע און אַזוי ווי ער איז נישט געווען צוגעוווינט צו טרינקען שאַמפּאַניער, האָט אים דער ווייַן באַלד אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַריין און וואָס ווייטער איז געשען האָט ער שוין נישט געוווסט.

פאַרטאָג איז פרענקלען מיט גרויס מי געלונגען אויפצוּוועקן איסרן. אַ פאַרטשמעלעטער האָט זיך איסר אויפגעהויבן פון דער קאַנאַפּע אין אַ זייטיקן קאַבינעט, וווּ מען האָט אים אַ באַוווסטלאָזן געהאַט אַריינגע־טראָגן. ער האָט זיך געריבן די אויגן און האָט נאָך האַלב באַוווסטלאָז געקוקט אויף פרענקלען, וועלכער איז איבער אים געשטאַנען.

— וועקט זיך אויף, הער טשאבאַן! איך מוז שוין פאָרן קיין באַ־ריסלאַוו. נאָר הערט גוט, וואָס איך זאָג אייך. גייט איצט אַהיים און טוט זיך איבער, נאָר לייגט זיך, חס וחלילה, נישט שלאָפן. היינט מוזט איר דעם גאַנצן טאָג שטיין אויף דער בערזע. וואָס איר וועט היינט קויפן, דאָס וועט זיין אונדזערס. מאָרגן וועט דער פרייז שטייגן און ס׳וועט זיין נאָך אַלעמען. טוט אַזוי ווי איך זאָג אייך. זייט געזונט!

כג.

די וועלט שטייט אין פלאַמען

נאָך פּורים האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דער צווייטער שאַכט „איל סיטי" שטייט שוין אַ פּאַרטיקער. דאָס אויפשטעלן דעם שאַכט איז פאַר־געקומען אין אַ משונהדיק שנעלן טעמפּאָ. ווי פון אונטער דער ערד איז ער פּלוצים אַרויסגעשפּרונגען, דער נייער שאַכט „איל סיטי צוויי". פאַר אַלעמען איז ער געווען אַ סיורפּריז, נאָר נישט פאַר טשאַבאַנען, וועלכער איז די גאַנצע צייט געווען אינפאָרמירט וועגן אַלעמען, וואָס עס קומט פאָר אויפן גרובן. איצט, ווען מען האָט שוין געוווּסט וועגן דעם צווייטן שאַכט, האָט ער זיך אַרומגעדרייט אינעם קאַפּעהויז מיט אַ הויך אַרויפגעריסע־נעם קאָפּ און האָט צו אַלעמען גוטברודעריש געשמייכלט. מענטשן האָבן אים שטאַרק מקנא געווען און מען האָט זיך ביי אים געבעטן ער זאָל פאַר־קויפן אַביסל פון זיינע חלקים. איסר האָט זיך געהייסן צאָלן אַ גוטן מקח און פאַרקויפט האָט ער נישט מער ווי אויפן שפּיץ מעסער. פאַר אַלעמען האָט ער זיך באַרימט, אַז דאָס וואָס ס'איז היינט, איז נאָך גאַרנישט. חלקים „איל סיטי" וועלן ווערט זיין דאָס צענפאַכיקע. זאָל מען נאָר צוואַרטן, וועט מען זען.

איסרס פרייד האָט אָבער נישט געדויערט לאַנג. סך־הכל פון פּורים ביז פּסח. באַלד נאָך פּסח איז פאָרגעקומען אַ געשעעניש, וואָס האָט אַלץ איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ. ס'איז געווען אַ געשעעניש, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזעלכעס נישט געזען.

אין מיטן נאַכט איז אין דראָהאָביטש געוואָרן אַ רעש:

— ס'ברענט, מענטשן! לויפט ראַטעווען!

דער רעש האָט זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט. קינד און קייט איז אַרויסגעשפּרונגען פון די בעטן און געלאָפן זען, ווו ס'ברענט. די דרומדיקע זייט פון הימל איז געווען פאַרדעקט מיט צאַנקענדיק־רויטן

געוואַנט. אויפֿן דאָזיקן בלוטיק־רויטן געוואַנט האָט זיך אין איין אָרט פֿאַרצייכנט אַ העלער שטריך פֿון אַ פֿלאַמענדיקן זייל. ער האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקער פֿלאַקער, וואָס איז אויפֿגעהאָנגען געוואָרן אויפֿן שפּיץ פֿונעם הימל. די גאַנצע שטאָט איז געווען פֿאַרגאָסן פֿון צאַנקענדיקן ליכט. שוואַרצע שאָטנס פֿון הייזער און טעלעגראַפֿן־סלופּעס האָבן זיך צעלייגט אויף דער ערד. זיי זענען אָבער נישט געבליבן ליגן. זיי האָבן פֿאַראַרבעט די סאַמע משונהדיקסטע שטיק. געשפּרונגען, געהוידעט זיך און אָנגעפֿולט דעם חלל מיט גיהנומדיקער אימה.

עס האָט געמוזט ברענען ערגעץ ווייטער. די וועגענער פֿון דער דראָ־האָביטשער פֿייערלעשער־קאָמאַנדע זענען מיט אַ טרומייטער אַדורכגעלאָפֿן די שטאָט. מענטשן האָבן געזען, ווי זיי האָבן זיך אַריינגעגליטשט אין דעם באָריסלאַווער קייסער־שטראָז. אויפֿן ערשטן וואָגן זענען געפֿאָרן פֿייערלעשערס אין מעשענע קאסקעס אויף די קעפּ. די ווייטערדיקע וועגענער האָבן געטראָגן פֿאַרשידענע מכשירים, דער עיקר פּעסלעך מיט וואַסער.

— אויב די פֿייערלעשערס זענען געפֿאָרן איבערן באָריסלאַווער וועג, מיינט דאָס, אַז עס ברענט די גרויסע פֿאַבריק — האָבן יידן צווישן זיך גערעדט.

אָבער די קריסטלעכע שכנים, וועלכע האָבן זיך בעסער אויסגעקענט אין פֿאַרשידענע נאַטור־דערשיינונגען, האָבן מיט די קעפּ געדרייט אויף ניין. לויט דעם, וואָס מען זעט אויפֿן הימל, מוז די שׂרפֿה זיין פֿיל ווייטער, ווי אין דער גרויסער פֿאַבריק. עס זעט אויס, אַז באָריסלאַוו ברענט.

איסר טשאַבאַן איז פּונקט אַזוי ווי אַלע איינוווינער פֿון דער שטאָט אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער שטוב. ער האָט געוווינט ביים אָנהויב פֿון דער סטרייער גאַס, האַרט לעבן דעם גרויסן מאַרק־פּלאַץ. איז ער מיט איין שפּרונג געווען אויפֿן מאַרק־פּלאַץ. ווען ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם צעפֿייערטן הימל, האָט ער תּיכף פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז באָריסלאַוו. אויב באָריסלאַוו ברענט, האָט ער דאָך דאָרט עפּעס אַ חלק. דאָרט איז ער געבוירן געוואָרן, דאָרט אויפֿגעוואַקסן און היינט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אַביסל אַרויפֿגעאַרבעט, האָט ער דאָרט צו שטעקן זיינע פּאָר קראָנען.

— מ׳דאַרף געוואָר ווערן, וואָס ס׳ברענט דאָרט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און געלאָזט זיך צוריקגיין אין שטוב אַריין.

איסרס ווייב און די קינדער זענען געווען וואַך. זיי האָבן געוואַרט, אַז איסר זאָל זיי דערציילן, וואָס ס׳טוט זיך. איסר איז אָבער ווי אַ פייל פון בויגן אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין און האָט זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט. מיט זיינע קליינע טריטעלעך איז ער אַריינגעלאָפן אין עס־צימער און איז צוגעשפרונגען צום טעלעפאָן־קעסטל, וואָס איז געווען צו־געקלאָפּט צו דער וואַנט. ער האָט אַראָפּגעריסן דאָס טרייבל און אָנגע־דרייט דאָס שוואַרצע קאָרבעלע.

— פאַרבינדט מיך מיט באָריסלאַוו! — האָט ער אַריינגעשריגן אין טרייבל אַריין.

— ס׳איז איצט נישט מעגלעך — האָט ער געהערט אַן ענטפער — איר מוזט וואַרטן אויף אייער ריי. איך פאַרצייכן אייער נומער.

איסר האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל.

— נאַ דיר אַ מעשה. — האָט ער דעם קאָפּ אויסגעדרייט צום ווייב, וועלכע איז אין שלאָפראָק געשטאַנען לעבן אים — וואָסזשע טויג מיר דער טעלעפאָן, אַז אויב מ׳דאַרף אים, איז ער נישטאָ?

— ס׳ברענט טאַקע באָריסלאַוו? — האָט דאָס ווייב געפרעגט מיט שרעק אין איר שטימע.

— פון וואַנען וויים עך. כ׳קלער אַזוי.

פלוצים האָט זיך איסר עפּעס דערמאָנט. ער איז ווידער צוגעלאָפן צום טעלעפאָן און ווען ער האָט פון דער צווייטער זייט דערהערט דעם אָפּרוף פון דער טעלעפאָניסטקע, האָט ער צו איר געזאָגט:

— פריילין, אויב איר קענט מיר נישט געבן תיכף באָריסלאַוו, טאָ פאַרבינדט מיך כאָטש מיט דעם און דעם נומער אין דראָהאָביטש.

אינעם טרייבל האָט זיך באַלד דערהערט אַ מענערישע שטימע.

— דאָס ביסטו, וואַוועל? דאָ רעדט איסר. ווייסטו נישט, וואַוועל, ווו ס׳קומט פאַר די שרפה? אַהאַ, דו האָסט נישט געקענט באַקומען קיין פאַר־בינדונג. יאָ, זע׳מער הייסט עסביידע גלייך. מעך האָט זי אויך נישט גע־וואָלט פאַרבינדן. האַ? מיט וועמען האָסטו גערעדט? אָר־וואַ. מיט יאַנקל פייערשטייך. וואָסזשע האָט ער געזאָגט? אַהאַ, ער האָט שוין יאָ באַקו־

מען די פאַרבינדונג. אוודאי, ווער זאָל באַקומען די פאַרבינדונג, אויב נישט ער. נו, נו, וואָסזשע איז ער געוואָר געוואָרן? ס׳ברענט אַ שאַכט? גוט אַ שאַכט, אָבער וואָס פאַראַ שאַכט? יאָ, יאָ. וואווע, וואָס זאָגסטו? וואָס ברענט?... „איל סיטי“?...

די לעצטע ווערטער האָט איסר אויסגעשריגן מיט עפּעס אַ פרעמדן קול. דאָס טרייבל איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט און ער איז שטיין געבליבן אַ געענדערטער אויפן פּנים, אַז דאָס ווייב האָט זיך אַזש דער־שראָקן פאַר אים.

— גאָט אי׳ מיט דיר, איסר. וואָס אי׳ געשען? — איז זי צו אים צו־געלאָפן און ווען זי וואָלט אים נישט צוגערוקט אַ שטול, וואָלט ער זיכער געפאַלן.

איסר איז אַ לענגערע מינוט געבליבן זיצן און ערשט שפּעטער האָט ער געענטפערט:

— „איל סיטי“ ברענט און איך האָב דאָרט גאַנצע פופצן פּראָצענט. ס׳גאַנצע פאַרמעגן. וואָס וועט איצט זיין?

— וואָס הייסט ס׳ברענט. דער שאַכט איז דאָך, מסתמא, אַסעקו־רירט. וועסטו באַקומען אַסעקוראַציע־געלט.

— אַסעקורירט זאָגסטו? אוודאי איז ער אַסעקורירט. נאָר וואָס פאַראַ שייכות האָט עס צו ברוטאַס? די בעלי־בתים וועלן באַקומען אַסע־קוראַציע־געלט, אָבער די ברוטאָווצעס? וואָס קומט זיי פון דעם?

— אַזאַ מכה אויף זיי, ווי זיי האָבן אַליין אונטערגעצונדן דעם שאַכט — האָט איסרס פּיפּיקע פּרוי אַלעמען חושד געווען אין שווינדלע־רייען — זיי ווילן האָבן דאָס אַסעקוראַציע־געלט.

איסר האָט נישט געענטפערט. ווער קען דאָ וויסן דעם אמת? אפשר האָבן טאַקע די בעלי־בתים אַליין אונטערגעצונדן דעם שאַכט. נאָר באַלד...

— ווי איז עס מעגלעך? ווי איז עס מעגלעך? — איז אים פּלוצים אונטערגעקומען אַ נייער געדאַנק און ער האָט זיך אַזש אויפגעהויבן פון דער שטול און גענומען שפּרייזן איבער דער שטוב. — ווי איז עס מעג־לעך? אַ שאַכט ברענט, גוט. אָבער ווי לאַנג קען ברענען אַ שאַכט? וואָס איז דען דאָרט פאַראַן אַזעלכעס, וואָס ברענט? ס׳איז דאָך גאָלע אייזן. און דער טורעם אַליין איז אויך פון אייזן. בלויז מיט ברעטער אַרומגע־

קלאַפּט. איז וואָס? די ברעטער טוען אַ ברען אויס, קען עס דויערן אַ האַלבע שעה. אַ שעה הויך געשאַצט און ס׳איז נאָך אַלעמען. ס׳איז דאָך ווי שטרוי. און דאָ ברענט שוין די שרפה אַ גאַנצע נאַכט און דעם פלאַם זעט מען פון אַזאַ ווייטן מרחק. באמת אַ רעטעניש.

— אפשר האָבן זיך אָנגעכאַפּט הייזער און שאַכטן אַרום און אַרום?

— האָט די פרוי אונטערגעזאָגט איסרן.

— כ׳גלויב נישט. „אָיל סיטי" שטייט אָפּגעזונדערט. אַרום אירע צוויי שאַכטן זענען פאַראַן בלויז פעלדער. די שרפה האָט נישט געהאַט וווּ זיך אַריבערצוּוואַרפן.

אַ מינוט שפּעטער האָט איסר אַ זאָג געטאָן צום ווייב:

— כ׳פאָר קיין באָריסלאַוו. זיי געזונט! — ער האָט הינטער זיך פאַרקלאַפּט די טיר.

אָבער דאָס פאָרן איז איצט נישט געווען קיין לייכטע זאַך. ס׳האָט ערשט געהאַלטן נאָך האַלבער נאַכט און דער ערשטער צוג איז ערשט געווען פינף אַזייגער אינדערפרי. אויפן מאַרק־פּלאַץ האָט איסר געטראָפן אַ מחנה יידן, וואָס האָבן געזוכט אַ געלעגנהייט צו פאָרן קיין באָריס־לאַוו. האָט ער זיך אָנגעשלאָסן צו זיי און האָט אויך געזוכט. פיאַקערני־קעס האָבן דערווייל דערשנאַפּט, אַז מ׳קען כאַפּן אַ גוט פאַרדינסטל, האָבן זיי אין מיטן נאַכט איינגעשפּאַנט זייערע שקאַפּעס און זענען אַרויסגעפאָרן אויפן מאַרק. ווען זיי האָבן דערזען, וואָס פאַראַ גרויסער עולם ס׳וואַרט אויף אַ געלעגנהייט צו פאָרן, האָבן זיי תיכף געהויבן דעם פרייז. אַ גאַנצן גולדן האָבן זיי געפאָדערט פון אַ פאַרשוין. יידן האָבן זיך שטאַרק געבייזערט אויף די פיאַקערניקעס, נאָר ווער ס׳האָט זיך גע־איילט, דער האָט נישט געהאַט קיין ברירה. ער האָט געמוזט באַצאָלן דעם גולדן.

צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע יידן האָט זיך איסר טשאַבאַן אַרויפגע־כאַפּט אויף אַ פיאַקער און מ׳איז געפאָרן. וואָס ווייטער מען איז געפאָרן, איז אַלץ געוואָרן ליכטיקער. ווען דער וואָגן האָט זיך אַרויפגעשלעפּט אויפן שפּיץ פונעם טעפּטשושער באַרג, האָט מען גאַנץ באָריסלאַוו גע־זען ווי אויף דער האַנט. די גאַנצע שטאָט איז געלעגן איינגעהילט אין אַ שלייער פון צאַנקענדיקער רויטקייט. דעם פייער־זייל האָט מען פון דאַנען

געזען גאַנץ קלאָר. ער האָט זיך אָנגעהויבן ביי דער סאַמע ערד און איז אַרויפגעשפּרונגען הויך, הויך, ביז צום הימל צו. ווייט, אין דער הימל־דיקער הויכקייט האָט ער זיך אויסגעבויגן אין אַ ריזיקן רויטן פייער־בויגן. ער האָט זיך דאָרט צעשפּרייט און צעזייט אין מיליאָנען פייערדי־קע פונקען, וואָס זענען דאַן צעשוווּמען געוואָרן אין אַ ים פון פעך־שוואַרצן רויך.

דער בעל־עגלה און די פּאַסאַזשירן האָבן מיט צעעפנטע מיילער גע־קוקט אויף דעם דאָזיקן משונהדיקן ספּעקטאַקל.

— ס׳איז נישט קיין שרפה — האָט זיך דער בעל־עגלה אָנגערופן מיט שרעק — ס׳גיהנום שפּייט מיט פייער.

ער האָט גענומען זאָגן אַ תּפילה.

איסר האָט זיך גוט איינגעקוקט אין דעם פייער־זייל. די ריכטונג, פון וואַנען ס׳קומט דער זייל, ווייזט טאַקע אויף „איל סיטי״. נאָר וואָס איז דאָרט געשען?

איסר האָט געציטערט ווי אַ פיש. עמעץ האָט אָנגעהויבן צו דער־ציילן וועגן ווולקאַנען. אין איטאַליע, האָט ער דערציילט, זענען פאַראַן געגנטן, ווו נישט מיר און נישט דיר הייבט אָן אַ באַרג צו שפּייען מיט פייער. אוי איז דאָס אַ מפּלה פאַר דער געגנט. מענטשן אַנטלויפן פון דאָרט, ווי פון אַ גיהנום. אָבער נישט שטענדיק העלפט דאָס אַנטלויפן. אַ סך קומען אום אויפן וועג. אפשר האָט זיך אויך דאָ געמאַכט אַזאַ ווול־קאַן?

— ס׳מוז זיין אַן אויפרייס. — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער.

דאָס האָט זיך מער געלייגט אויפן שכל. נאָר פונדעסטוועגן איז נאָך געבליבן אַ ספק.

— אַן אויפרייס? פון וואַנען קומט זשע אַזאַ ריזיקער פייער־זייל? פאַראַיאָרן איז געווען אַן אויפרייס אויף עפּעס אַ שאַכט אויף דער וואַ־לענקע, האָט דער אייל געשפּריצט במשך פון גאַנצע עטלעכע שעה. ס׳האָט צעטראָגן דאָס געהילץ פונעם שאַכט־טורעם און געהרגעט עטלעכע אַר־בעטער. אָבער קיין פייער האָט מען נישט געזען. אוי האָבן דעמאָלט לע־פּאַקעס אַריינגעכאַפּט אַ לוסטיקע מינוט. צומאָרגנס האָט דער אייל גע־רונען אין ריטשקעס איבער דער גאַנצער שטאָט און די לעפּאַקעס זענען

דרך אַרומגעלאָפן מיט עמערס און האָבן געשאַרט דאָס אייל צוזאַמען מיט דער בלאָטע. אָ, זיי האָבן דעמאָלט גאַנץ נישקשהדיק אָנגעשאַרט.

מיט אַ שעה שפּעטער האָט זיך איסר דערזען אין אַ באַקאַנטער געגנט. מען איז שוין געווען נישט ווייט פון די „אָיל סיטי"־פעלדער. עס האָט געשטיקט אַ מוראדיקע היץ. גיפטיקע ריחות פון פאַרברענטע גאַזן האָבן זיך שווער געלייגט אויפן האַרץ און האָבן גערייצט צום ניסן. אויפן וועג האָט געשטראָמט אַ גרויסע מענטשן־מאַסע. ס'איז נישט מעגלעך געווען צו פאָרן ווייטער. דער פיאַקער איז געבליבן שטיין און האָט זיך געהייסן באַצאָלן. ווייטער האָט מען שוין געמוזט גיין צופוס.

איסר האָט זיך מיט גרויס מי צוגעשטופּט צו אַ נידעריקן פּאַרקאַן, וואָס האָט אָפּגעצוימט אַ ריזיקן פעלד־שטח. טויזנטער מענטשן האָבן זיך געשטופּט צום דאָזיקן פּאַרקאַן. פון יענער זייט איז אָבער געשטאַנען אַ קאָרדאָן פון באַוואָפנטע סאָלדאַטן. די סאָלדאַטן האָבן געהיט, אַז קיינער זאָל נישט אַרויפגיין אויפן פעלד. ס'איז געווען ליכטיק ווי ביי־טאָג. דער פייער־זייל איז געשטאַנען אין אַ מרחק פון עטלעכע הונדערט טריט. ער האָט זיך אָנגעהויבן ביי דער סאַמע ערד.

דאָס פעלד אַרום דעם פייער־זייל איז געווען אויסגעהוילט, נישט קיין זכר פון אַ שאַכט אָדער אַ טורעם. בלויז מאַסיווע שטיקער אייזן, רעשטלעך פון מאַשינען אָדער רושטאָוואַניעס, האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. מען האָט זיי אַלע געזען און געקענט זיי איבערציילן, ווייל פון דער היץ האָט דאָס אייזן געגליט מיט רויטקייט. פונעם הימל האָט זיך געשאָטן אַ טרוקענער רעגן פון פעטן אַש. ער האָט זיך שווער געקלעפּט צו די מלבושים און פּנימער. אַז מען האָט אויפגעשטעלט די האַנט, איז זי תיכף באַדעקט געווען מיט אַ דיקער שיכט פון דאָזיקן אַש.

ס'האָט געהערשט אַן אומבאַשרייבלעכער רעש און טומל. ס'האָבן געטומלט די טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטופּט צום פעלד, ס'האָבן געשריגן די סאָלדאַטן, וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם וועג. די סאָלדאַטן זענען שוין געווען הייזעריק.

אַ יונגע פרוי, אַ מאַזורקע, מיט צעפּאַטלטע האָר און אין אַ צעריסן קלייד האָט זיך מיט אימפּעט געשטופּט אויפן פּאַרקאַן, פּרווונדיק אים

אַריבערצושפּרינגען. איר פּנים איז געווען ווילד פאַרקרימט, אירע הענט צעבלוטיקט. מיט אַ הייזעריקער שטימע האָט זי גערעוועט:

— איך מוז גיין. ער איז דאָרט געבליבן.

אַ סאָלדאַט האָט זי צוריקגעשטופּט מיט דער קאָלבע פון דער ביקס. מיט אַ הייזעריקער שטימע האָט ער איר צוריקגעשריגן אויף רוטעניש:

— וואָס ווילסטו דאָרט זוכן? דעם טויט פאַר דיר?

— מענטשן, וואָס זאָל איך טאָן? כ'בין געבליבן איינע אַליין מיט קליינע קינדער, מענטשן!... איר שטימע איז געווען פול מיט יאָמער און געבעט.

איסר האָט דאָ נישט געקענט אויסהאַלטן. ער האָט זיך צוריקגע־שטופּט פונעם פאַרקאַן און איז הינטער דער וואַנט פון דער שטייענדיקער מענטשן־מאַסע געלאָפן ווייטער. דאָס העמד האָט זיך געקלעפּט צו זיין לייב, אָבער ער האָט גאָרנישט געפילט. דער אינערלעכער אויפברויז האָט אין אים פאַרטויבט אַלע חושים. דער טומל און דאָס געשריי האָבן אים דערפירט צו אַ מעמד פון משוגעת. ער האָט נישט געהאַט קיין כוח זיך אָפּצושטעלן. פּלוצים האָט זיך פאַר זיינע אויגן געעפנט אַ ברייטער פּלאַץ, אָפּגעצוימט דורך אַ פאַרשטאַרקטן מיליטערישן קאָרדאָן. אַ דערשעפּטער פון לויפן האָט זיך איסר פּלוצים אויפגעכאַפּט פון דער פאַרגליווערטקייט. ער האָט געזען, אַז אויפן ברייטן פּלאַץ פּאָרען זיך אַ סך מענטשן. זיי לויפן אַרום און שרייען זיך איבער איינער דעם אַנדערן.

איסר האָט זיך דערנענטערט צום פּלאַץ ווי ווייט ס'איז פאַר אים געווען מעגלעך. ער האָט איצט געזען שוין גאַנץ דייטלעך, וואָס ס'טוט זיך דאָ. מחנות פייערלעשער האָבן זיך געפּאָרעט אַרום פאַרשידענע מכשי־רים. ווי משוגענע זענען זיי אַרומגעלאָפן אַהין און אַהער. פון לאַנגע גו־מענע שלויכן האָבן וואַסער־שטראָמען געשפּריצט אין פאַרשידענע ריכ־טונגען. דער רעש איז דאָ געווען נאָך גרעסער, עס האָט געהערשט אַן אמתדיקע בהלה. פאַר איסרן איז געווען קלאָר, אַז די מענטשן האָבן דאָ פאַרלוירן די קעפּ, אַז אָט די, וועלכע דאַרפן ברענגען רעטונג, זענען אַליין דערדריקט געוואָרן פונעם אומגליק.

אַ באַקאַנטע געשטאַלט האָט איסר פּלוצים דערזען צווישן די זיך אַרומיאָגנדיקע מענטשן אויפן פּלאַץ. דאָקטער פרענקעל אין אַ פּאָר הויז־

כע שטיוול און מיט אַ שוואַרץ פּנים, ווי ביי אַ קוימענקערער, האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט לעבן אַ פייערלעשער־גרופּע. ער האָט פונאַנדערגע־שטופּט די פייערלעשערס און האָט מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט דעם פייער־שפּריץ, ווי ער וואָלט אים עמעצן געוואָלט שליידערן אין קאָפּ אַריין. איסר האָט זיך דורכגעריסן דורכן מיליטערישן קאָרדאָן און איז געבליבן שטיין לעבן פרענקלען.

— דאָקטער, וואָס טוט איר?

— פּערריקטע קערלע, דומקעפּפּע — האָט פרענקעל געדונערט און דערזעענדיק טשאַבאַנען, האָט ביי אים אַ בלאַסער שמייכל אויפגעבליט אויפן פּנים.

— שאוען זי נור, ביטע. מיט וואַסער ווילן זיי פאַרלעשן ברענענ־דיקן ערד־אייל. — האָט זיך פרענקעל געקלאָגט — זיי וויסן נישט, אַז דערמיט צעפלאַקערן זיי נאָך שטאַרקער דאָס פייער.

— וואָס פאַראַ אומגליק איז דאָ געשען, דאָקטער? — איז טשאַבאַן נאָענט געוועז צום וויינען.

— דענקען זי זיך, טשאבאן — האָט איצט פרענקעל טרויעריק גע־שאָקלט מיטן קאָפּ — עס האָט אויפגעריסן ביידע שאַכטן און כמעט אַלע אַרבעטער זענען אומגעקומען. איך אַליין, ווי איר זעט מיך, דאַרף גיין בענטשן גומל. בלויז איין האָר האָט געפעלט, איך זאָל אויך אומקומען.

— וואָסזשע טוט מען איצט, דאָקטער?

— ס׳קומען פאַרשידענע אינזשיניערן — האָט פרענקעל געצויגן מיט די אַקסלען — און יעדער גיט אַ גוטע עצה. טאָן אַזוי, טאָן אַנ־דערש. אָבער ס׳העלפט נישט קיין שום זאַך. די סטיכיע איז שטאַרקער פון אַלע אינזשיניערן מיט זייערע חכמות.

— דאָקטער, מ׳דאַרף דאָך פאָרט עפּעס אויסטראַכטן און שטילן דאָס פייער. ס׳איז דאָך אַ פולשטענדיקער חורבן.

— איך האָב טעלעגראַפירט צו מיינע בעלי־בתים קיין ווין. אפשר וועלן זיי דאָרט געפינען ספּעציאַליסטן, וואָס וויסן ווי אַזוי צו פאַר־לעשן אַ ברענענדיקן אייל־שטראָם. מער קען איך גאָרנישט טאָן.

— דאָס איז דאָך אַ מעשה אויף עטלעכע טעג. ביז מ׳וועט קומען פון ווין און ביז וועט וועט וועט וועט... דערווייל וועט מען דאָ אומקומען. געוואַלט, דאָק־

טער, וואָס טוט מען? — טשאבאן האָט פון גרויס אויפרעגונג אָנגעכאַפּט זיך ביים קאָפּ און גענומען זיך רייסן די האָר.

— היסטעריזירט נישט, טשאבאן — האָט אים פּרענקעל געמוסרט — מען טאָר זיך נישט פאַרלירן. אַלץ קען זיך נאָך איבערדרייען צום גוטן. דער אייל־שטראָם קען זיך אַליין פון זיך פאַרלעשן, פּונקט ווי ער האָט זיך אָנגעצונדן.

פּרענקעלס רייד האָבן אָבער נישט באַרואיקט טשאבאנען. ער האָט בפירוש געזען, אַז פּרענקעל שטייט אַ הילפלאָזער אַנטקעגן דער סטיכיע, אַז ס׳איז נישטאָ קיין רעטונג, אַז אַלץ איז פאַרלוירן. ווער האָט געקענט פאָרויסזען אַזאַ אומגליק? צי האָט ווער נישט איז געקענט פאַר זיך אויסחלומען אַ מער זיכער געשעפט, ווי דאָס, וואָס ער האָט געהאַט מיט די „אייל סיטי״־ברוטאָס? און איצט גיי זיי אַ נביא און זע פאָרויס דעם אוי־בערשטנס דרכים. איז טאַקע געקומען איצט דער סוף. און וואָס פאַראַ סוף? דאָס גאַנצע פאַרמעגן ווערט אויפגעפרעסן דורכן פייער. אַזאַ פאַר־מעגן. אַזעלכע ׳אוצרות. און ער אַליין. ער, איסר טשאבאן, מיט זיינע גרויסע אויפטוען און קאָמבינאַציעס. וואָס בלייבט אים איצט צו טאָן? נעמען אַ שטריק און זיך אויפהענגען. קיין אַנדערן אויסוועג זעט ער נישט. אַלץ איז פאַרלוירן.

איסר איז געשטאַנען אַליין אין מיטן פונעם העל־באַלויכטענעם פעלד. פּרענקעל איז ערגעץ אַוועקגעלאָפן און די פייערלעשערס האָבן שוין געהאַט צונויפגענומען זייערע כלים און זיך אָפּגעטראָגן. דער טומל און די יללות אַרום און אַרום האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט. איסר האָט דערפילט אַ שטיקעניש אין האַלדז. ער האָט זיך אומגעקערט צו דער מענ־טשן־מאַסע, וואָס האָט באַלאַגערט דאָס פעלד.

ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, איז דער פייער־זייל געוואָרן אַ ביסל טונקעלער. איסר האָט דערזען, אַז אַלע מענטשן האָבן שוואַרצע פּנימער. אויך זיינע הענט זענען געווען שוואַרץ פון סאַדזשע. פונדער־ווייטנס האָט ער דערזען אַ מחנה לויפנדיקע פייערלעשער. די בהלה האָט זיך פאַרגרעסערט. וואָס איז געשען? פון מויל צו מויל האָט מען זיך אי־בערגעגעבן, אַז אין מיטן שטאָט איז אויסגעבראָכן אַ שרפה. פון די פונ־

קען, וואָס האָבן זיך אָן אויפהער געשאָטן פונעם הימל האָבן זיך אָנגע־כאַפּט הייזער. מ׳איז געלאָפן לעשן די נייע שרפה.

פייערלעשערס זענען אָפּגעצויגן געוואָרן פון „אָיל סיטי״. זיי האָבן דאָ סיי־ווי־סיי נישט געקענט גאָרנישט אויפטאָן. דאַקעגן איז זייער הילף נייטיק געווען אויף אַנדערע פּלעצער. מען האָט געדאַרפט שיצן די שטאָט, כדי זי זאָל נישט אָפּגעברענט ווערן. האָט מען מאָביליזירט פייערלעשער־קאָמאַנדעס פון אַלע אַרומיקע שטעט און מען האָט זיי אַלעמען אַוועקגע־שטעלט אין שטענדיקער גרייטקייט. זיי זענען טאַקע נישט געשטאַנען ליידיק. אין פאַרשידענע פונקטן פון דער שטאָט האָבן כסדר אָנגעהויבן צו ברענען הייזער. ווען נישט די פאַרשטאַרקטע שמירה פון די פייערלע־שערס וואָלט דעמאָלט גאַנץ באָריסלאַוו חרוב געוואָרן פון פייער.

עס איז שוין געווען פולער טאָג. איסר טשאַבאַן האָט זיך דאָ דער־פילט איבעריק. אַ צעבראָכענער האָט ער זיך געלאָזט גיין צו דער באַן, כדי אַהיימצופאָרן. אין צוג זענען אַלע פּאַסאַזשירן געווען שוואַרץ פון סאַדזשע, פונקט אַזוי ווי איסר. אויף דער קליינער באַן־סטאַציע אין דראָ־האָביטש איז איסר אויסגעשטיגן און איז צוגעגאַנגען צו אַ ברונעם, כדי זיך אַ ביסל אַרומצווואַשן. אויך דאָ האָט זיך אַש געשאָטן פונעם הימל, וועלכער איז באַדעקט געווען מיט אַ געדיכטן שוואַרצן וואָלקן. פון דער זון איז קיין זכר נישט געווען.

שוין עטלעכע טעג האָט געדויערט דער פייערדיקער אויפרייס אויף „אָיל סיטי״. קיין שום ענדערונגען אין דער לאַגע זענען לעת־עתה נישט פאָרגעקומען. די גרויס פונעם פייער פלעגט מען מעסטן בייטאָג לויט דער הייך פונעם פייער־זייל. מען האָט געהאַלטן אויף דעם זעלבן אָרט, ווי ביים אָנהייב. עס האָבן אָנגעהויבן צו קומען ספּעציאַליסטן פון לעשן שרפות אין דער בערג־אינדוסטרי. קודם זענען אָנגעקומען די פון די נעענטערע מקומות, פון שלעזיע און מערן. זיי האָבן מיטגעבראַכט משונה־דיקע מכשירים און אַפּאַראַטן. דערנאָך זענען געקומען ספּעציאַליסטן פון ווין, פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך. געווען אויך אַזעלכע, וואָס זענען געווען באַהאַוונט מיט מעטאָדן, וואָס ווערן אָנגעווענדט אין אַמעריקע. זיי האָבן מיטגעבראַכט אַלע נייטיקע אַפּאַראַטן.

מען האָט געמאַכט אַ פּרווו מיט זאַמד־שיטערס. דאָס זענען געווען

גרויסע מאַשינען, וואָס האָבן געשאָטן ריזיקע מאַסן זאַמד אויפן פייער. דאָס זאַמד האָט גאָרנישט געהאָלפן. האָט מען זיך גענומען גרייטן צום אונטערבויערן דעם שאַכט פון די זייטן. מען האָט געטראַכט אַפּצוציען דאָס אייל דורך זייטיקע רערן און דערמיט פאַרהיטן, אַז דאָס הייל זאָל נישט צוקומען צום הויפּטאַרויסגאַנג, ווו עס צינדט זיך אָן. איז דער דאָזיקער פּרווו אויך דורכגעפאַלן. די זייטיקע רערן האָבן געמוזט אַרויסגעפירט ווערן אויף דעם זעלבן נאַפט־פעלד און דאָרט איז די היץ געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס אייל פון די זייטיקע רערן האָט זיך אויך אָנגעצונדן, וויבאַלד עס האָט דערגרייכט דעם אַרויסגאַנג. מיט שווערע צרות האָט מען באַוויזן באַצייטנס צו פאַרמאַכן די שוין פאַרטיקע זייטיקע עפענונגען, וואָרום אויב נישט, וואָלט מען אַנשטאַט איין פייערזייל געהאַט תיכף עטלעכע.

דאָס פייער האָט דערווייל געבושעוועט מיט דעם זעלבן אימפּעט. נאָר די באָריסלאַווער תושבים האָבן זיך צו אים צוגעוווינט, ווי צו אַ טאָגטעגלעכער זאַך. דאַקעגן האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצוקומען קיין באָריסלאַוו באַזוכערס פונעם גאַנצן לאַנד. מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט אָנקוקן דאָס דאָזיקע בייזע וווּנדער, האָבן פאַרפלייצט די באָריסלאַווער גאַסן און האָבן זיך געדרעשט אויפן פעלד אַרום דעם ברענענדיקן שאַכט. מיט שרעק און פאַרוווּנדערונג האָבן זיי זיך צוגעהערט צום גערויש פונעם פלאַקער און צום געברום, וועלכער האָט באַגלייט דעם פלאַקער. ווען אַ פרישע אייל־כוואַליע פלעגט אַרונטערקומען אונטער דער צעברענטער רערן־לייטונג, דעמאָלט פלעגן אונטערערדישע קנאַלן, ווי אַ ווייט דונערן, פאַרטויבן דעם חלל. דער פייער־זייל פלעגט זיך דאַן רייסן צום הימל מיט אַ פאַרשטאַרקטן כוח און מיט אַ גיהנומדיקער פייפעריי. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי די ערד וואָלט זיך קעגן הימל צעבונטעוועט און האָט זיך פאַרמאָסטן אים צו פאַרניכטן, אויסצוברענען מיט העלישן פייער.

בעת אַזאַ פאַרשטאַרקטן אויפרייס איז אַמאָל איסר טשאַבאַן געשטאַנען נעבן די „אָיל סיטי״־פעלדער. מיט ציטער האָט ער זיך צוגעקוקט צו די מעשים פון דער צעיושעטער סטיכיע. דאָס איז שוין געווען ביים סוף פון דער דריטער וואָך, זינט דאָס פייער האָט זיך אָנגעהויבן. אַלע ספּעציאַליסטן, וואָס זענען געקומען פון גאָר דער וועלט, האָבן שוין

געהאַט געמאַכט זייערע פּרוון. אַלע זענען דורכגעפאַלן. אַפילו יענע, וואָס האָבן געהאַט די אַמעריקאַנישע אַפּאַראַטן און האָבן געוווּסט, ווי אַזוי מען איז זיך נוהג אין יענעם לאַנד ביי ענלעכע פאַלן, האָבן נישט מצליח גע־ווען. איסר איז איצט געשטאַנען אַנטקעגן דעם גרויסן פלאַקער און דאָס האַרץ האָט זיך ביי אים געריסן פון ווייטיק.

— וואָס פאַרא אוצרות פרעסט זי אויף יעדן טאָג, די דאָזיקע סטי־כיע — האָט ער געטראַכט — און איך מוז איר צושטייער געבן מיינע פּופּצן פראָצענט. וואָלט דאָס דאָזיקע אייל אַרויפגעקומען אויף דער אויבערפלאַך גאַנצערהייט... אַהאַ־האַ... אין משך פון דריי וואָכן וואָלט עס אויף מיין חלק בלויז אויסגעמאַכט אַזוי פיל, אַז נישט ראָטשילד, נאָר טויזנט ראָטשילדס פאַרמאָגן עס נישט. און אַזוי? אַזוי גיי איך פוילן און איך קוק זיך אַליין צו צו מיין לוויה.

מענטשן האָבן זיך געשטופּט נעבן איסרן, געוואָלט בעסער זען דאָס וווּנדער. איסר האָט מיט עקל געקוקט אויף די פרעמדע באַזוכערס, וואָס זענען געקומען זיך פאַרוויילן מיט זיין אומגליק. ער האָט אויסגעשפּיגן:

— טפו... און זיי דאַרף איך דאָ אויך האָבן צו מיינע צרות. זיי מאַכן זיך פריילעך אויף מיין לוויה.

איסר האָט זיך אַוועקגערוקט אין אַ זייט און איז ווייטער געשטאַנען אַנטקעגן דעם פלאַקער. היינט איז אים מער ווי שטענדיק געווען אומע־טיק אויף דער נשמה. היינט האָט אים פרענקעל דערציילט, אַז ס׳איז שוין נישטאָ פאַראַן קיין שום האָפענונג, אַז דאָס פייער זאָל אָפּגעשטעלט ווערן.

בעת אַ פרישער כוואַליע פון אויפרייסן, ווען דער גאַנצער אָרום איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון שטאַרקן דונערן, האָט איסר דערפילט, אַז עמעץ ציט אים ביים אַרבל. לעבן אים איז געשטאַנען אַ לעפאַק אין פאַר־פעצטע און אָפּגעריסענע בגדים. ער האָט עפּעס גערעדט, נאָר צוליבן טומל האָט איסר נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט.

דער לעפאַק האָט מיט דער האַנט געוויזן, אַז מען זאָל זיך דערווייטערן פונעם דאָזיקן גיהנום, כדי זיך קענען דורכשמועסן. איסר איז אַ גלייכגילטיקער אים נאָכגעגאַנגען. ווען זיי האָבן זיך געהאַט שוין גענוג דערווייטערט פונעם פייער, האָט זיך דער לעפאַק אָנגערופן:

— אַיאָ, עץ זענט איסר טשאַבאַן? כ׳קען אייך. עץ ווייסט אוודאי

נישט, ווער עך בין. כ׳וועל אייך זאָגן, כאָטש ס׳איז נישט אַזוי וויכטיק. עך הייס יאָסל הערמאַן. אָפּגעאַרבעט דרייסיק יאָר ביי ר׳ הערש באַלע־כאַוווער אין די קאַשערעס. נאָר איצט... — ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — איצט איז גאָרנישט... נאָר אָט וואָס כ׳האָב אייך געוואָלט זאָגן. אונדז זע׳מער אַ סך יידישע אַרבעטער. אונדז האָ׳מער געמאַכט יד אחת און וויל׳מער זיך אונטערנעמען צו פאַרלעשן ס׳פייער.

— האַ, וואָס זאָגט איר? — האָט איסר איבערגעפרעגט, ווייל ער האָט נישט געקענט תופס זיין די גאַנצע זאַך.

— דאָס, וואָס עך הערט. אונדז ע׳מער פאַרלעשן ס׳פייער. כ׳ווייס, אַז עך האָט דאָ צו שטעקן עפּעס אַ חלק און אַזוי ווי עך זענט אונדזערס אַ מענטש, קום עך מיט דעם צו אייך. שמועסט איבער מיט די בעלי־בתים און זאָלן זיי אונדז צולאָזן צו דער אַרבעט.

— ייד, איר מאַכט דאָך חוזק. איר ווייסט דען נישט, אַז אפילו די אַמעריקאַנישע אינזשינירן זענען דורכגעפאַלן?

— מ׳ווייסט, מ׳ווייסט — האָט זיך דער לעפּאַק נישט פאַרלוירן — אָבער דאָס שאַדט נישט. אונדז ע׳מער נישט דורכפאַלן.

— ווי אַזוי אַ שטייגער ווילט איר עס מאַכן?

דער לעפּאַק איז געוואָרן אָנגעברוגזט.

— איי, וואָס דאַרפט עך אַזוי פיל פרעגן? — גייץ און טוץ, וואָס מ׳זאָגט אייך. עך עט נישט האָבן קיין חרטה.

איסר איז צעטומלט געוואָרן פונעם לעפּאַקס זעלבסטזיכערקייט. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו באַרעכענען. וואָס האָט מען דאָ צו פאַרלירן? אַלץ איז דאָך סיי־ווי באַגראָבן, טאָ זאָלן זיי אויך מאַכן אַ פּרווו. נאָר פּלוצים איז אים עפּעס איינגעפאַלן.

— יאָ. וויפיל ווילט איר פאַר דער אַרבעט?

— לעת עתה גאָרנישט, אַז ס׳עט זיין פאַרטיק, עט מען אונדז באַ־צאָלן. נאָר איין זאַך דאַרף מען האָבן באַלד. מ׳דאַרף באַשטעלן גויים מיט פורן. אַ סך פורן וועלן מוזן אַרבעטן עטלעכע טעג.

ערשט איצט האָט איסר נישט פאַרשטאַנען גאָרנישט. נאָר איבער־פרעגן האָט דער לעפּאַק נישט דערלויבט. האָט זיך איסר אָפּגעשמועסט מיט אים, ווו מען וועט זיך טרעפן אין אַ שעה אַרום און דערווייל האָט

ער זיך אַוועקגעלאָזט זוכן פרענקלען מיט די בעלי־בתּים פון שאַכט, וועל־
כע זענען געקומען פון ווין. באַלד האָט ער זיי געטראָפן אַלע צוזאַמען.

— דאָקטער פרענקעל — האָט איסר אָנגעהויבן אָן שום הקדמות —
עס האָבן זיך צו מיר געמאָלדן יידישע לעפּאַקעס. זיי זאָגן, אַז זיי ווילן
פאַרלעשן דאָס פייער.

— זייער גוט. וואָסזשע ווילן זיי? — האָט פרענקעל גלייכגילטיק
געפרעגט.

— מען זאָל זיי דערלויבן אַרבעטן.

— ווער שטערט זיי? דער וועג איז אָפן. ווער עס וויל, קען צוגיין
— האָט פרענקעל שפּאָטיש געשמייכלט און געוויזן מיט דער האַנט אויפן
פייער.

— זיי האָבן אָבער אַ פאַרלאַנג. זיי דאַרפן אַ סך פויערישע פורן,
וואָס זאָלן מיט זיי אַרבעטן עטלעכע טעג. וואָלט מען געמוזט, הייסט
עס, באַשטעלן די דאָזיקע פורן.

— פורן? — האָט זיך פרענקעל פאַרוואונדערט — נאָך וואָס דאַרפן
זיי די פורן?

איינער פון די בעלי־בתּים, אַן עלטערער פּריץ, האָט זיך אַריינגעמישט.

— ניין. מיר האָבן שוין גענוג געלט אַרויסגעוואָרפן אין דער בלאָטע. די ספּעציאַליסטן מיט די אַפּאַראַטן האָבן אונדז אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן. מיר וועלן שוין מער נישט ריזיקירן. אויב זיי וועלן פאַרלעשן דאָס פייער, וועלן מיר אַלץ באַצאָלן, אָבער פאָרויס גיבן מיר נישט קיין העלער.

איסר האָט זיך אויסגעדרייט און איז געגאַנגען זוכן דעם ייד.

— נישט איז נישט — האָט ער געטראַכט אויפן וועג — אפשר
איז ער גערעכט, דער פּריץ.

דעם ייד האָט איסר געטראָפן אויפן אָפּגעשמועסטן אָרט. ער האָט
אים דערציילט, וואָס די בעלי־בתּים האָבן געענטפערט. דער לעפּאַק האָט
זיך פאַרטראַכט און האָט געזאָגט:

— אַ שוטה איז ער, דער בעל־הבית אייערער. ס'פייער ע'מער סיי־
ווי־סיי פאַרלעשן און פאַר אַלץ 'עט ער מוזן באַצאָלן. ער 'עט האָבן אָבער

היזק עטלעכע טעג, וואָס דאָס אייל ׳עט לענגער ברענען, ווייל די אַרבעט ׳עט מוזן לענגער דויערן.

צומאָרגנס האָבן זיך איבער טויזנט לעפּאַקעס פאַרזאַמלט אויפן פעלד ביים פייער־שפּייענדיקן שאַכט. זיי האָבן מיטגעברענגט לאָפּעטעס און זעק. יאָסל הערמאַן האָט פאַרטיילט די לעפּאַקעס אין קאָמאַנדעס און אָנגעזאָגט, וואָס מ׳דאַרף טאָן. די יידן האָבן אָנגעהויבן צו טראָגן זעק מיט ליים פון אַ דערנעבנדיקן ליים־פעלד. פונעם אָנגעטראָגענעם ליים האָבן זיי גענומען שיטן צוויי וואַלעס פון ביידע זייטן פלאַקער, אין אַ נישט ווייטן מרחק. מיט שווערן געהילץ האָבן זיי איינגעפּרעסט דעם אָנגעשאָטענעם ליים, כדי ער זאָל זיך זעצן און ווערן האַרטער. די אַרבעט ביים איינפּרעסן דעם ליים איז טאַקע געווען די סאַמע שווערסטע, צוליב דער היץ, וואָס האָט דאָרט געזעצט פונעם פייער און ביי וועלכן מען האָט געמוזט מאַכן די דאָזיקע אַרבעט. די אַרבעטער האָבן זיך דאָרט געמוזט טוישן יעדע עטלעכע מינוט, ווייל לענגער האָט קיינער נישט געקענט אויסהאַלטן.

נאָכן ערשטן אַרבעטס־טאָג האָט זיך שוין געלאָזט זען אַן אָנהייב פון צוויי פּאַראַלעלע ווענט, וואָס די יידן האָבן אָנגעהויבן אויפצושטעלן פון ביידע זייטן פונעם פייער. צומאָרגנס, ווען די יידן זענען ווידער געקומען צו דער אַרבעט, האָבן זיי געזען, אַז די נעכטן אויפגעשטעלטע שטיקער ווענט זענען האַרט ווי שטיין. אין דער היץ איז דער ליים אויסגעברענט געוואָרן אויף ציגל. יאָסל הערמאַן איז דערפון געווען שטאַרק צופרידן.

— דאָס פייער העלפט אונדז ביי דער אַרבעט — האָט ער זיך געחכמעט.

מען האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט און אַזוי איז עס צוגעגאַנגען במשך פון עטלעכע טעג, ביז די ווענט אַרום דעם פלאַקער האָבן דערגרייכט אַ גויטיקע הויך.

איסר טשאַבאַן איז איצט יעדן טאָג געקומען און האָט באַטראַכט די אַרבעט. ווען די צוויי ווענט זענען שוין געווען גענוג הויך, איז יאָסל הערמאַן צו אים צוגעקומען און האָט זיך אָנגערופן אויף זיין פלעגמאַטישן אופן:

— פונדעסטוועגן ע׳מער מוזן האָבן פון אייך אַ טובה.

— אַ בײַשפּיל וואָס?

— ס׳איז אַ זאַך, וואָס מ׳עט זי מוזן באַשטעלן אין אַ וואַרשטאַט. ס׳דאַרף זיין אַ קיילעכדיקער צודעק פון שטאָל. ער מוז אָבער זיין זייער שווער. וואָס שווערער, איז אַלץ בעסער.

יאָסל האָט איסרן געוויזן אַ פּאַפּיר מיט דער צייכענונג און מיט אַן אָנגעשריבענער מאָס.

— אָט דאָס — האָט ער געזאָגט — מוז מען תיכף באַשטעלן.

איסר האָט גענומען דאָס פּאַפּיר און איז אַוועק צו פרענקלען. פרענקעל איז איצט פּונקט געווען אַליין, ווייל די בעלי־בתים זענען ערגעץ אַוועקגעפאָרן. ווען איסר האָט אים געוויזן דאָס פּאַפּיר, האָט ער געצויגן די פּלייצע, ווי איינער זאָגט: וואָס קען איך טאָן, אַז יענער האָט פאַרבאָטן צו געבן געלט.

אָבער דאָס מאָל האָט אים איסר נישט אָפּגעלאָזט.

— גייט און באַשטעלט די זאַך תיכף ומיד — האָט ער געזאָגט מיט אַ באַפעלערישן טאָן — און זאָל אייך נישט אַרן, וואָס דער בעל־הבית זאָגט. אויב ער וועט זיך איינעקשנען, וועל איך באַצאָלן די רעכענונג. איר זענט מסכים?

פרענקעל האָט גענומען דאָס פּאַפּיר פון איסרס האַנט.

ווען איסר האָט זיך אומגעקערט צו יאָסלען און האָט אים פאַרזיכערט, אַז דער צודעק וועט זיין געמאַכט, האָט אים יאָסל געזאָגט:

— און איצט נאָך אַ זאַך. זיי מוזן אָפּרייניקן די זייטיקע רערלייטונגען, וועלכע זיי האָבן געהאַט געמאַכט. ווען אונדז ע׳מער פאַרמאַכן די הויפּט־עפענונג און ס׳עט שוין נישט זיין קיין פייער, מוזן זיי תיכף עפענען די זייטיקע לייטונגען.

פאַר איסרן איז איצט יאָסלס פּלאַן געווען אַ גאַנץ קלאָרער. אויב ס׳זאָל געלינגען, וואָס יאָסל מיינט, וואָלט מען געקענט געהאָלפן ווערן. איסר האָט געזיפצט.

טעג זענען ווידער פאַרביי און דער פייער־זייל האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרקלענערן. בײַנאַכט האָט מען שוין בפירוש געקענט זען, אַז דער זייל איז פיל נידעריקער. די אונטערערדישע קנאַלן זענען געוואָרן זעל־

טענער', דאָס געברום פונעם שפּריצנדיקן פייער שוואַכער. יאָסל הערמאַן איז פּונקט דעמאָלט פּאַרטיק געוואָרן מיט זיינע צוגרייטונגען.

— ווען זיי וואָלטן אונדז געגעבן די פורן, מ'זאָל קענען פירן דעם ליים און נישט דאַרפן אים טראָגן מיט די הענט, — האָט ער אַמאָל געזאָגט צו איסרן — וואָלט'מער געווען פאַרטיק מיט פינף טעג פריער.

די צוויי ווענט זענען שוין געווען גענוג הויך. דער צודעק איז אַ פּאַרטיקער געלעגן אויפן פעלד. די יידן האָבן אַריבערגעוואָרפן איבערן פייער אַ שווערע שטאָלענע אַקס מיט צוגעמאַצעוועטע שווערע קייטן אין דער מיטן.ביידע עקן פון דער ריזיקער אַקס זענען געווען אויסגעבויגן און האָבן געשאַפן קאַרבעס, וועלכע מען האָט געקענט אָנכאַפּן מיט די הענט. אַלץ איז געווען אויסגעמאָסטן מיטן פּינטעלע. דער מיטן פון דער אַקס, דאָרט וווּ די קייט איז געווען צוגעמאַצעוועט איז אויסגעפאַלן פּונקט איבער דער מיט פייער־שפּייענדיקער עפענונג. מען האָט צוגעצויגן די קייט צום שטאָלענעם צודעק. מען האָט אים באַפעסטיקט צו דער קייט. איבערן צודעק האָט יאָסל געהייסן אָנבינדן גרויסע שטיינער. ער האָט געוואָלט, אַז די משא זאָל זיין וואָס שווערער, אַז זי זאָל קענען גובר זיין דעם דרוק פונעם שפּריצנדיקן אייל און פון די אונטערערדישע גאַזן.

ווען די גאַנצע משא איז שוין געווען אָנגעבונדן אָן דער קייט, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די שווערסטע אַרבעט. מחנות יידן זענען געווען צו־געקלעפּט צו די קאַרבעס ביי ביידע זייטן פון דער אקס. מיט אַלע כו־חות האָט מען געדרייט די קאַרבעס און מען האָט די משא געשלעפּט אַרויף. נאָך עטלעכע שעה איז דער צודעק געבליבן הענגען איבער דער פייער־עפענונג. דער צודעק האָט דורכגעשפּאָלטן דעם זייל און דאָס פייער האָט גענומען זוכן זייטיקע וועגן אַרום אים. ווי אָנגעברוגזט האָט איצט דאָס פייער געשפּריצט מיט אַ שטאַרקערן געברום. דאָס אונטערערדישע דונערן האָט ווידער פאַרטויבט דעם חלל.

מיט אַלע כוחות האָבן לעפּאַקעס געהאַלטן די צוויי קאַרבעס פון דער אַקס. אין דער היץ זענען זייערע לייבער באַדעקט געווען מיט דיקע טראָפּנס שווייס. די ציגנער האָבן זיך געקלעפּט צו די גומענס. נאָך אַ מינוט, נאָך אַ רגע און ס'וועט שוין זיין נאָך אַלעמען. יאָסל הערמאַן האָט זיך געגרייט צו געבן דעם לעצטן צייכן. אויף זיין צייכן מוזן אַלע לעפּא־

קעס אין איין רגע אַוועקשפּרינגען פון די קאַרבעס, ווייל אויב עמעץ וועט, חלילה, פאַרשפּעטיקן מיט אַ צענטל פון אַ סעקונדע, וועט פון אים נישט בלייבן קיין זכר.

— איינס, צוויי און... דריי! — יאָסל האָט געגעבן דעם צייכן.

דער שווערער צודעק איז אַראָפּגעפּאַלן מיט אַ קנאַל פון אַן איינ־פּאַלנדיקן הויז. דער פייער־זייל איז פאַרשוונדן געוואָרן. בלויז אַ שוואַר־צער רויך איז געבליבן הענגען איבערן חלל. לאַנגזאַם האָט זיך דער רויך געהויבן צום הימל און האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די שוואַרצע וואָלקנס.

יאָסל האָט געגעבן אַ צווייטן צייכן. דאָס האָט געמיינט: עפענען די זייטיקע רערן־לייטונגען. פון פינף עפענונגען האָט אויף איין מאָל גע־נומען אַרויסשפּריצן אַ פינקלענדיקע, טונקל־ברוינע פליסיקייט. זי האָט באַשפּריצט דעם אָרום, צעגאָסן זיך איבער פעלדער, געשטראָמט אין ריטשקעס. ביז מען האָט די שטראָמען געצוימט און אין ברייטע רער־לייטונגען זיי אַוועקגעפירט אין די אונטערערדישע רעזערוואַרן.

די אַרבעט פון די לעפּאַקעס איז געווען פאַרענדיקט. וואָס די גרעס־טע ספּעציאַליסטן האָבן נישט געקענט אויפטאָן, האָבן באַוויזן אויפצו־טאָן די דאָזיקע געטריבענע יידן, מיט וועלכע מען האָט זיך געוואָרפן, אַפּזאָגנדיק זיי דאָס רעכט אויף אַרבעט. מיט הויך אויפגעהויבענע קעפּ האָבן זיי איצט געשפּרייזט צווישן דער נייגעריקער מענטשן־מאַסע, וואָס האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף זיגער. און אין אמתן זענען זיי געווען זיגער און יענער טאָג איז געווען דער טאָג פון זייער גרויסן טריאומף. אינעם דאָזיקן טאָג זענען זיי צוריקגעפירט געוואָרן צו דער פאַרלוירענער מדרגה פון בויער און שעפער. אינעם דאָזיקן טאָג, און נאָר אין אים, איז זיי געווען דערלויבט אַנצופרייען זיך צו דער זעט מיט זייער דערפּאָלג, אָנצוזעטיקן זיך מיט דער איבערצייגונג, אַז זיי זענען נוצלעך. דער מאָרגן וועט זיי צוריקשליידערן אין תהום פון וווּרטלאָזיקייט. די היינטיקע טריאומפירערס וועלן מאָרגן ווידער מיט בלעכערנע עמערס אַרומלויפן איבער באַריסלאַוו און מיט אויגן פון הונגעריקע הינט וועלן זיי נישטערן, ווו עס האָט געפּלאַצט אַ רער, אָדער ווו עס האָט זיך סתם אַזוי צעגאָסן אַביסל אייל. זיי וועלן אויסזופּן יעדן לעק פון צעגאָסענעם אייל, כדי אים

קענען אויסטוישן אויף אַ שטיקל טרוקן ברויט פֿאַר די הונגעריקע קינדער.

היינט האָט זיי ד״ר פרענקעל אויסגעצאָלט דעם שכר פֿאַר זייער אַרבעט. זיי האָבן די שווער־פֿאַרהאָרעוועטע פֿאַר גולדן גענומען אין די הענט, געקוקט אויף זיי און טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ. איסר טשאַבאן איז געשטאַנען לעבן פרענקלען. פון זיין צד האָט ער יעדן לעפּאַק צוגעגעבן נאָך אַ גולדן. בעת ער האָט דערלאַנגט דעם גולדן, האָט ער יעדן באַזונדער געדריקט די האַנט, געדאַנקט אים פֿאַר דער טרחה. דאָס רוב לעפּאַקעס האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדייט. אַ טייל אָבער, וואָס האָבן איסרן געקענט נאָך פון די אַמאָליקע צייטן, האָבן אים צוגעוווּנקען:

— זיי געזונט, איסר, מ׳דערקענט תיכף, אַז דו ביסט אַן אונדזעריקער, איינער פון אונדז.

— יאָ, יאָ. איינער פון אייך. איך בין אויף דעם שטאָלץ. — האָט איסר באַשטעטיקט און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן.

פון די זייטיקע עפּענונגען אויף „איל סיטי״ האָט נאָך במשך פון עטלעכע וואָכן געשפּריצט אַ שטאַרקער אייל־שטראָם. די טעגלעכע פּראָדוקציע האָט באַטראָפן אַ זייער הויכע, ממש אַ פאַנטאַסטישע ציפער. ערשט שפּעטער, ווען די אויפרייסן האָבן זיך געענדיקט, האָט מען צוריק אויפגעבויט די שאַכטן, מען האָט זיי פאַראינסטרומענטירט און סטאַביליזירט די פּראָדוקציע אויף אַ נאָרמאַלער הויך.

כד.

בלוטיקע וואַלן

יאַנקל פייערשטיין האָט געהאַט זייער פיל פערזענלעכע חסרונות, צוליב וועלכע ער האָט זיך געקויפט אַ וועלט מיט שונאים. פונדעסטוועגן האָט קיינער נישט געקענט לייקענען, אַז ער איז געווען אַ גוטער בעל־הבית פון דער שטאָט. אונטער זיין רעגירערשאַפט איז דראָהאָביטש געוואָרן אַ מאָדערנע שטאָט. די הויפּט־גאַסן זענען אויסגעלייגט געוואָרן מיט שטיינער און פאַרפלאַנצט מיטביימער. אַ ריי גרויסע בנינים פון עפנטלעכן געברויך זענען אויפגעבויט געוואָרן. דער בנין פון דער עסט־רייכיש־אונגאַרישער באַנק, דאָס נייע גימנאַזיום און עטלעכע בנינים פאַר פאָלקסשולן. פייערשטיין האָט זייער שטאַרק געשטיצט די בוי־באַוועגונג. זיין שטרעבונג איז געווען צו פאַרוואַנדלען דראָהאָביטש אין אַ גרויסער שטאָט. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פאַרשידענע גרויסצוגיקע פּלע־נער. ער האָט געוואָלט עלעקטריפיצירן די שטאָט, פאַרלייגן אַ וואַסער־לייטונג און אויפשטעלן אַ טראַמוויי־ליניע, וואָס זאָל פאַרבינדן די שטאָט מיט באָריסלאַוו און מיטן דערנעבנדיקן טרוסקעוויץ, וואָס האָט שוין גע־האַט באַקומען אַ גוטן שם אויף דער וועלט און האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַ מאָדערן איירָאָפּעאיש קוראָרט.

פאַר מענטשן, וועלכע האָבן מיט אים מיטגעאַרבעט, איז יאַנקל גע־ווען ווי אַ גוטער טאַטע. ער האָט פאַר זיי געזאָרגט און צוגעשאַנצט זיי וואָס מער פאַרדינסטן. אויף אַזאַ אופן האָט ער במשך פון יאָרן אָנגע־זאַמלט אַרום זיך אַ מחנה מענטשן, וואָס זענען אים געווען איבערגעגעבן מיט דער גאַנצער נשמה. כאָטש אַליין איז יאַנקל געווען אַ מענטש פון שטימונגען און ער האָט זיך אָפט געלאָזט פירן דורך קאַפּריזן, האָט דאָס נישט אָפּגעשטויסן פון אים זיינע געשווירענע אָנהענגער. זיינע גראָבע ווערטלעך און די סאַמע משונהדיקסטע איינפאַלן פלעגן זיי אַראָפּשלינגען

ווי ביטערע פילן און פלעגן ווייטער טאָן דאָס זייעריקע. זיי האָבן געווּסט, אַז אין אַן ערנסטן מאָמענט וועט זיי זייער בעל־טובה נישט פאַרלאָזן.

אָבער די מחנה פון יאַנקלס שונאים איז אויך כסדר געוואַקסן. איצט זענען עס נישט געווען בלויז פּאָליטישע קעגנער. אויך סתם־מענטשן, וואָס האָבן צו פּאָליטיק נישט געהאַט קיין שום שייכות, האָבן פאַרגרעסערט די רייען פון יאַנקלס בלוט־שונאים. פונדעסטוועגן איז יאַנקל פייערשטיין געבליבן ווייטער אַ שטאַרקע פּערזענלעכקייט. ער איז געווען דער טאָן־געבער נישט בלויז אין זיין שטאָט און אינעם גאַנצן נאַפּט־געביט, נאָר ער האָט אויך געהאַט אַ וויכטיקע השפּעה אויף דער פּאָליטיק פונעם גאַנצן לאַנד. זיין וואָרט איז געווען גלייך צו אַן ענדגילטיקן באַשלוס פון אַ דעצידירנדיקער קערפּערשאַפט. אים האָט מען זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט.

יאַנקל איז נישט געווען קיין טעאָרעטיקער פון פּאָליטישע פּראָבלעמען. ער האָט אפילו נישט געקענט זיין קיין טעאָרעטיקער. אים האָט געפעלט דער ערשטער באַדינג אויף דעם, די בילדונג. ער האָט אפילו נישט געהאַט קיין באַגריף וועגן פּאָליטיש־רייפן דענקען. נישט קוקנדיק אויף דעם איז ער צווישן הונדערט טויזנט מענטשן געוואָרן דער לעבעדיקער אויסדרוק פון אַ געוויסער פּאָליטישער ריכטונג. אַז מען האָט, למשל, געוואָלט באַצייכענען עמעצנס פּאָליטישע נייגונגען, פלעגט מען נישט זאָגן, אַז דער דאָזיקער מענטש געהערט צו דער אָדער יענער פּאַרטיי. מען פלעגט זאָגן, אַז ער גייט מיט פייערשטיינען, אָדער אַז ער גייט קעגן פייערשטיינען. פייערשטיין איז געווען די מאָס, צו וועלכער מען פלעגט צושניידן די פּאָליטישע הלבשה פון יעדן באַזונדערן תושב פונעם נאַפּט־געביט.

די דאָזיקע מדרגה האָט יאַנקל דערגרייכט מיט זיין, אַזוי צו זאָגן, פּראַקטישער פּאָליטיק־מאַכעריי. זי האָט באַדייט אַ ריקזיכטסלאָזן קאַמף קעגן אַלע קעגנער. אַ קאַמף מיט אַלע מיטלען און אָן שום צוימונגען. און קעמפן האָט יאַנקל געהאַט מיט וועמען. ביים סוף פון ערשטן צענדליק יאָרן פונעם היינטיקן יאָרהונדערט האָט שוין דאָס נאַפּט־געביט געהאַט אַ שטאַרק איינגעפונדעוועטע ציוניסטישע באַוועגונג. זי האָט שוין באַ־

וויזן אַריינצודרינגען אינעם געביט פון פּראַקטישער לאַנד־פּאָליטיק און זי האָט זיך געגרייט צום ענדגילטיקן פאַרמעסט מיט פייערשטיינען און זיינע אַנהענגער.

ציוניסטיש־געשטימטע אַרבעטער האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ פּועלי ציוניסטישן פאַריין, וועלכער איז אָנגעפירט געוואָרן דורך צוויי יונגע אַדוואָקאַטן: מאַקס ראָזענפעלד און זישע באַרכאַש. דער פאַריין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע, וועלכער איז געווען אַ שטאַרקער כוח, האָט זיך אָנגעשלאָסן צו פּועלי ציון. ראָזענפעלד און באַרכאַש זענען געווען צוויי געשווירענע פריינט. זיי פלעגן זיך נישט רירן איינער אָן דעם צווייטן. זייער פריינטשאַפט איז נישט געווען קיין היימישע. זי האָט געשטאַמט נאָך פון די קינדער־יאָרן, ווען זיי האָבן געוווינט בשכנות אין באַריס־לאַוו און זיך צוזאַמען אויפגעכאַוועט.

בעת די אָוונט־שפּאַצירן אויף דער דראָהאָביטשער פּראָמענאַדע, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס דעם סאַמבערער וועג, האָט מען זיי שטענדיק געזען צוזאַמען. דער דאַרינקער מאַקס, מיט זיין ייִנגלעריש־שע־מעוודיקן פּנים, צו וועלכן עס זענען לחלוטין נישט צוגעפּאַסט געווען די קורץ־דיניטשקע וואָנסעלעך, פלעגט כסדר עפּעס רעדן און דער לאַמער זישע פלעגט אַ שווייגנדיקער אונטערהינקען ביי זיין זייט. די חברים האָבן שטענדיק געהאַט וועגן וואָס צו שמועסן, כאָטש זייערע פאַראינטערעסי־רונגען זענען נישט שטענדיק געווען די זעלבע. ראָזענפעלדן האָבן אינ־טערעסירט סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, איבער וועלכע ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַרויסגעגעבן עטלעכע דיקע ביכער. באַרכאַש האָט דאַקעגן ליב געהאַט צו גריבלען זיך אין געשיכטע און אין פילאָ־זאָפישע ביכער. אויך ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אָנגעשריבן אייניקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, וואָס זענען געווען געדרוקט אין פאַרשידענע צייטשריפטן.

ראָזענפעלד איז געווען באַשאַנקען מיט מער אימפּולסיווקייט און טעמפּעראַמענט. בעתן רעדן פלעגט ער זיך אָנצינדן און פלעגט מיטרייסן די צוהערער. באַרכאַש איז געווען אַ שטילער פאַרשער, וואָס האָט ליב געהאַט צו זיצן איבער אַ ספר און פון אים הנאה צו האָבן. נאָר זעלטן

האָט ער געקענט אַרויסטרעטן פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט מיט אַ פֿאָרטראָג, אָדער אַ רעדע.

מאַקס און זישע האָבן אָן שום ספק געהאַט דעם זעלבן קוק אויפֿן פּראָבלעם פֿון סאָציאַלן קאַמף פֿאַר פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿונעם אַרבעטער־קלאַס. אָן דעם וואָלטן זיי נישט געקענט געהערן צו איין פּאָליטישער פּאַרטיי. נאָר אין אַן אַנדערער פֿראַגע זענען זיך זייערע אָנשויאונגען ווייט פֿונאַנדערגעגאַנגען. דאָס איז געווען די פֿראַגע פֿון יידיש־נאַציאָנאַלן באַנעם. ראָזענפֿעלד איז געווען אַ חסיד פֿון פֿראַנץ אָפּענהיימערס טעאָריע וועגן באָדן־רעפֿאָרם און באָדן־פֿאַרטיילונג אין ארץ־ישראל. ער איז אויך געווען מער קאָסמאָפּאָליטיש בנוגע דעם פּראָגראַם פֿון די יידישע אַרבעטער אין גלות. בארכאַש דאַקעגן איז מער נוטה געווען צו אחד העמען און זיין שיטה פֿון יידיש־גייסטיקן רענעסאַנס. אויב מעסטן מיט די קריטעריעס פֿון סאָציאַליזם, איז בארכאַש געווען מער נאַציאָנאַליסט פֿון ראָזענפֿעלדן. אמת, בארכאַש איז נישט געווען קיין מאמין, אָבער פֿונדעסטוועגן פֿלעגט ער אָפֿט קומען אין שול אַריין און באַזונדערס אין די ימים־טובים, וואָס האָבן חוץ רעליגיעזן, געטראָגן אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אַזוי אַרום האָט בארכאַש נישט געפֿאַסט אום יום־כפּור. אָבער אום תשעה־באב האָט ער שוין יאָ געפֿאַסט און ער איז געזעסן אין שול און געזאָגט קינות, פּונקט ווי דער סאַמע ערלעכסטער ייד. תשעה־באב, האָט ער געזאָגט, איז נישט קיין רעליגיעזער, נאָר אַ נאַציאָנאַלער טרויערטאָג און ער מוז מיטטרויערן מיטן פֿאָלק.

ראָזענפֿעלדן האָבן נישט אינטערעסירט לחלוטין ענינים פֿון רעליגיע, ווען זיי האָבן אפֿילו געהאַט אַ שייכות צום נאַציאָנאַלן באַנעם. ער איז געווען גאַנץ פֿריי, סיי פֿון רעליגיעזיטעט און סיי פֿון נאַציאָנאַליזם. נישט קוקנדיק אויף די דאָזיקע אונטערשידן, וואָס האָבן פֿונאַנדערגעטיילט די צוויי חברים, זענען זיי שטענדיק געגאַנגען צוזאַמען. נישט בלויז אויפֿן שפּאַציר איבער דער דראָהאָביטשער פּראָמענאַדע, נאָר אויך אין דער פּאָליטישער אַרבעט, ביים אָרגאַניזירן די פּועלי־ציוניסטישע באַוועגונג. זיי האָבן טאַקע אויסגעבויט די באַוועגונג, וואָס איז געוואָרן אַ שטאַרקער כוח און איז געגאַנגען שטורעמען יאַנקל פֿייערשטיינס פֿעסט איינגענומענע פּאָזיציעס.

די סתם־ציוניסטן זענען אויך נישט געזעסן מיט פֿאַרלייגטע הענט. אַרום פּאַכטמאַנען האָט זיך אָנגעזאַמלט אַן עליטע פֿון יונגער אינטעליגענץ. דאָס איז געווען יענער טייל פֿון דער געבילדעטער יוגנט, וואָס האָט אין די צייטן, ווען זי האָט באַזוכט דעם גימנאַזיום, באַטייליקט זיך אין די פֿאַרקאָנספּירירטע זעלבסטבילדונג־קרייזלעך. די דאָזיקע יוגנט איז דאַן רייף געוואָרן אין די ציוניסטישע פֿאַרבאַנדן, וואָס זענען אין אַ שפּע געווען אין אַלע עסטרייכישע אוניווערזיטעט־שטעט: אין ווין, טשערנאָוויץ, לעמבערג און קראָקע. די דאָזיקע יונגעלייט פֿלעגן זיך אומקערן אַהיים נאָכן פֿאַרענדיקן זייערע שטודיעס. זיי האָבן דאָ גענומען אויספֿירן די אויסשטודירטע באַרופֿן און דערביי האָבן זיי געווידמעט אַביסל צייט פֿאַר ציוניסטישער אַרבעט. אָט זיי האָבן דאָס געשאַפֿן דעם קערן פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין שטאָט.

ד״ר מיכאל רינגעל, וועלכער איז שפּעטער באַוווּסט געוואָרן ווי אַ וויכטיקער ציוניסטישער פֿירער, איז אין יענע צייטן געווען אַ דראָהאָביטשער תּושב. ער האָט דאָרט אַלס אַפּליקאַנט געאַרבעט ביי איינעם פֿון די ציוניסטישע אַדוואָקאַטן. אויך ד״ר לעאָן רייך, וואָס איז שפּעטער באַרימט געווען אַלס פֿירער פֿון די יידישע פֿאַרלאַמענטאַריער אינעם אומאָפּהענגיקן פּוילן, איז געווען אַ געבוירענער אין דראָהאָביטש. ער האָט פּונקט געהאַט פֿאַרענדיקט זיינע שטודיעס אויף דער פּאַריזער סאָרבאָנע און ער האָט זיך באַזעצט אין לעמבערג. ער פֿלעגט אָבער אויף יעדן שבת קומען קיין דראָהאָביטש צו זיינע עלטערן. די דאָזיקע צוויי יונגע דאָקטוירים האָבן זייער פֿיל בייגעשטייערט צו דער אַנטוויקלונג פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין דראָהאָביטש.

אין אַ שטאָט, ווו די כלי קודש זענען געווען אינגאַנצן אָפּהענגיק פֿון פֿייערשטיינען, איז נישט מעגלעך געווען, אַז עס זאָל זיך שאַפֿן אַ ציוניסטיש־רעליגיעזע באַוועגונג. איז טאַקע אין דראָהאָביטש נישט געווען קיין מזרחי־באַוועגונג. נאָר פֿונדעסטוועגן איז דאָרט יאָ געווען אַ מענטש, וואָס האָט אויף זיך גענומען די אויפֿגאַבע צו פֿאַרשפּרייטן דעם מזרחי־געדאַנק. דער דאָזיקער זעלטענער מענטש איז געווען ר׳ חיים מוניע שאַפּיראָ, אַ רבי פֿון דער ריזשינער גזע, אַ משכּיל און אַ באַוווּסטזיניקער, שטאָלצער ייד. כאָטש יאַנקל פֿייערשטיין און

זיינע קהילה־לייט האָבן געררודפט און געפּייניקט ר׳ חיים מוניען, האָט דער לעצטער אויף דעם נישט געלייגט קיין אַכט. ער האָט אומדערמידלעך געאַרבעט פאַר ישוב ארץ ישראל, מיט העלדישקייט, מיט מסירת נפש. דער זעלבער העלדישער ר׳ חיים מוניע וועט שפּעטער באקאנט ווערן פאַר דער גאַנצער יידישער וועלט, ווי דער דראָהאָביטשער רבי, דער גרינדער פונעם דאָרף כפר חסידים אין ארץ ישראל. דאָס וועט אָבער זיין מיט יאָרן שפּעטער. דערווייל איז אָבער ר׳ חיים מוניע געשטאַנען אונטער אַ פייער־האָגל מצד פייערשטיינס חברה־לייט. ער האָט געהאַט אויסצושטיין די סאַמע שווערסטע נסיונות.

אָט דאָס איז געווען דער אַקטיווער פראָנט קעגן יאַנקל פייערשטיי־נען. אין משך פון אַ סך יאָרן האָט יאַנקל גרינגגעשעצט די דאָזיקע קעג־נער. זיינע משרתים און בייהעלפערס פלעגן אים כסדר פאַרזיכערן, אַז די אַלע קעגנער זענען נישט בכוח אויפצוטאָן קיין מינדסטע זאַך. אַליין האָט ער אויך דאָס געוווסט. ווער זענען זיי דען, די יינגלעך, און וואָס ווילן זיי? וועט זיך דען אַן ערנסטער בעל־הבית אַריינלאָזן מיט זיי אין טענות? סתם נאַרישקייטן און באמת איז נישטאָ מיט וואָס זיך איבערצו־נעמען. אַזוי האָט יאַנקל פייערשטיין געטראַכט, אָבער די ווירקלעכקייט האָט אים באַלד געוויזן, אַז ער האָט אַ טעות. דאָס איז געווען בשעת די וואַלן צום עסטרייכישן רייכסראַט *) אין יאָר 1907. אינעם דראָהאָבי־טשער באַצירק האָבן דעמאָלט די ציוניסטן אַרויסגעשטעלט זייערס אַ קאַנדידאַט, דעם לעמבערגער אַדוואָקאַט, ד״ר גרשון ציפּער. יאַנקל האָט זיך געמאַכט פריילעך פון די ציוניסטן און זייער קאַנדידאַט. זיי גרייטן צו, האָט ער געזאָגט, אַ נייע אַוואַנטורע, נאָר וואָס וועט זיין דער סוף? זיי וועלן זיך מאַכן לעכערלעך. זיי וועלן אפשר אָנציען ביי אַ הונדערט שטימען.

דער סוף איז אָבער נישט געווען אַזעלכער, ווי יאַנקל האָט זיך פאַר־געשטעלט. יאַנקל האָט דעמאָלט איבערגעלעבט אַ ווייטיקלעכע איבעררא־שונג. דער ציוניסטישער קאַנדידאַט האָט אָנגעצויגן עטלעכע טויזנט שטי־מען און ס׳האָט אים גאָר ווייניק געפעלט, ער זאָל אויסגעוויילט ווערן

*) פאַרלאַמענט.

אַלס דעפּוטאַט. איין מערכה, וואָס יאַנקל האָט זיך באַצייטנס געכאַפּט, אַז דער עולם שטימט פאַר ציפערן. האָט ער געהאַט נאָך צייט אַ דריי צו טאָן אין דער וואַל־קאָמיסיע און אָפּצוראַטעווען דעם קאַנדידאַט פונעם „קאָלאָ פּאָלסקיע״, דעם ייִדישן „פּאָליאַק״, ד״ר נתן לעווענשטיין. לעווענשטיין איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט און אים האָט זיך אפשר געדאַכט, אַז ער איז דער אמתדיקער פאַרטרעטער פון די פּאָלקסמאַסן, וועלכע האָבן אים אָנגעטרויט די שטימען, אָבער יאַנקל האָט איצט געוווּסט שוין דעם אמת. ער האָט געוווּסט, אַז נישט דאָס פּאָלק האָט לעווענשטיינען אָנגעטרויט די שטימען, נאָר יאַנקלס קונצן האָט לעווענשטיין צו פאַרדאַנקען דעם מאַנדאַט. לעווענשטיינען האָט יאַנקל נישט דערציילט דעם אמת. ערשטנס האָט ער אים נישט געוואָלט מצער זיין. צווייטנס, האָט ער זיך נישט געוואָלט מודה זיין, אַז זיין השפעהביים פּאָלק איז געפאַלן. יאַנקל האָט בלויז צוזאַמענגערופן זיינע נאָענטסטע מענטשן און צו זיי האָט ער אויסגעלאָזט זיין ביטער האַרץ:

— איר דערציילט מיר כסדר — האָט ער געדונערט — אַז די ציוניסטן זענען אַ גאָרנישט מיט אַ גאָרנישט. ביי די לעצטע וואַלן האָב איך אָבער בפירוש געזען, אַז ס׳האַלט גאָר ביי עפּעס אַנדערש. זיי זענען געוואַקסן אין כוח און ס׳איז אַ גרויסע סכנה. הלוואי זאָל איך נישט אמת זאָגן. זיי וועלן צעשטערן דאָס פריינטלעכע צוזאַמענלעבן צווישן פּאָליאַקן און ייִדן. נאָר דאָס? זיי קענען דערפירן צו דעם, אַז מלכות וועט אָנהייבן צו קוקן אויף ייִדן ווי אויף מורדים. דעמאָלט, פאַרשטייט איר, וואָלט אונדזער לאַגע געוואָרן אַ ביטערע — האָט יאַנקל געסטראַשעט זיינע צוהערער. — איז דאָס ערשטע, וואָס איך פאָדער פון אייך — זיין טאָן איז איצט געווען אַ באַפעלערישער — איר מוזט מיט אָפענע אויגן קוקן אויף דערווירקלעכקייט. דער קאַמף קעגן די ציוניסטן מוז פאַרשאַרפט ווערן. נישט אָפּשטעלן זיך פאַר קיין שום זאַך. אפילו אַן אייגענעם זון דאַרף מען פאַרניכטן, אויב ער איז אַ ציוניסט. דערשטיקן זיי, ווי מ׳דערשטיקט אַ גיפטיקע שלאַנג!

זינט יענער צייט האָט זיך אינעם גאַנצן נאַפט־ראַיאָן אָנגעהויבן אַן אמתדיק געיעג אויף ציוניסטן. עס איז געווען אַן אינקוויזיציע קעגן ציוניסטן און קעגן סתם ייִדן, וואָס האָבן נישט געוואָלט האָרכן פייער־

שטיינס באַפעלן. מען האָט געדריקט אויפן עקאָנאָמישן געביט. ווער ס׳איז געווען חשוד אין ציוניזם, האָט באַלד פאַרלוירן די אַרבעט. יאַנקלס בענק האָבן פראָטעסטירט וועקסלען און געשלעפּט אין געריכט אַריין אַלע יידן, וואָס האָבן זיך מיט וואָס נישט איז פאַרזינדיקט, אָדער וואָס עמעץ האָט אויף זיי אָנגעטייטלט מיטן פינגער, אַז עפּעס איז ביי זיי נישט מיט אַלעמען. עס זענען אויך פאָרגעקומען אַרעסטן. במשך פון עטלעכע יאָר האָבן זיך געצויגן די דאָזיקע רדיפות און זיי האָבן זיך נאָך מער פאַרשאַרפט, בעת די קאַדענץ פונעם רייכסראַט האָט געהאַלטן ביים ענדיקן זיך און מען האָט זיך גענומען גרייטן צו נייע וואַלן.

אין יאָר 1910 איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פאָלקס־ציילונג. זי האָט געדאַרפט זיין דער יסוד פאַר די נייע וויילער־רשימות. די וואַלן זענען באַשטימט געוואָרן אויף אָנהייב זומער 1911. די דאָזיקע פאָלקס־ציילונג האָט געהאַט אַ שטאַרקן פּאָליטישן אונטערשלאַג אינעם גאַנצן לאַנד. אינעם דראָהאָביטשער געביט האָט זי צעפלאַקערט אַ ממשותדיקע מלחמה. אינעם פראַגע־בויגן, וועלכן יעדער בירגער האָט געדאַרפט אויספילן, איז געווען אַ פראַגע „מוטערשפּראַך״. די „קאָלאָ פּאָלסקיע״ האָט געהאַט שוין פריער אויסגעפּועלט ביי דער רעגירונג, אַז צווישן די שפּראַכן, וועלכע מען קען דעקלאַרירן אַלס „מוטערשפּראַך״, זאָל נישט פאַררעכנט ווערן נישט יידיש און נישט העברעאיש. גאַליצישע יידן האָבן אַזוי אַרום געהאַט די ברירה אָנצוגעבן אַלס זייער „מוטערשפּראַך״ איינע פון די דריי שפּראַכן: דייטש, פּויליש אָדער רוטעניש.

די זאַך האָט ביי יידן אַרויסגערופן אַ שטאַרקן פאַרדרוס. וואָס הייסט מען טאָר נישט שרייבן, אַז די מוטערשפּראַך איז יידיש? וואָס פאַראַ שפּראַך רעדן דען יידן? זאָלן זיי, הייסט עס, שרייבן אַ ליגן? מלכות הייסט זיי בפירוש אונטערשרייבן פאַלשע דעקלאַראַציעס. די „קאָלאָ פּאָלסקיע״ דאַקעגן האָט געהאַט איר קלאָרן שטאַנדפּונקט. זשאַרגאָן, האָבן אירע פאָרשטייער געטענהט, איז נישט קיין שפּראַך. זשאַרגאָן איז נישט מער ווי אַ צעקאַליעטשעטער דייטש. דאָס מיינט, אַז אויב אַ ייד רעדט זשאַרגאָן, רעדט ער אַ צעקאַליעטשעטן דייטש. טאָ זאָל ער דעקלאַרירן דייטש ווי זיין מוטערשפּראַך. וואָס שייך העברעאיש איז זי שוין גאָר קיין לעבעדיקע שפּראַך נישט. ביי יידן איז זי נישט מער ווי די שפּראַך פון

דער „ליטורגיע". ובכן וועמען קען איינפאַלן אַזאַ משונהדיקער געדאַנק, אַז לשון קודש זאָל אנערקענט ווערן אָפיציעל ווי די מוטערשפּראַך פון עסטרייכישע בירגער?

אין די יידישע נאַציאָנאַל־געשטימטע קרייזן האָט מען געשמועסט, אַז די גאַנצע שפּראַכן־גזירה איז אַן אויפטו פון די יידישע מיטגלידער פון „קאָלאָ פּאָלסקיע". פאַרשידענע ראיות האָט מען געברענגט און מען האָט באַוויזן, אַז די דאָזיקע חשדים זענען טאַקע ריכטיק. אָבער וואָס שייך פייערשטיינען, איז אים דער גאַנצער ענין נישט געווען צום האַרצן. באַלד ווי עס איז באַוווסט געוואָרן, אַז מען טאָר נישט שרייבן יידיש אַלס „מו־טערשפּראַך" און ווער עס וועט יאָ שרייבן, וועט מוזן באַצאָלן פּערציק קראָנען שטראָף־געלט, האָט זיך אין שטאָט געמאַכט אַ גרויסער רעש. דער גאַנצער צאָרן איז געווענדט געוואָרן קעגן יאַנקלען, הלמאי ער איז דאָ דער פאָרשטייער פון מלכות און ער דערלאָזט צו אַזאַ הימלשרייענדי־קער עוולה.

יאַנקל האָט לכתחילה נישט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן ענין. וויבאַלד ער האָט אָבער דערזען, אַז זיינע שונאים, די ציוניסטן, כאַפּן אונטער דעם טומל און נוצן אים אויס פאַר זייערע אַגיטאַציעס, האָט ער זיך באַרעכנט, אַז ס'איז דאָ באַגאַנגען געוואָרן אַ גרויסער פעלער. אין אַ בריוו, וועלכן ער האָט אָנגעשריבן צו לעווענשטיינען, האָט ער זיך אויסגעדריקט אַזוי:

„ווער האָט עס געדאַרפט און וועמען וועט עס נוצן, פרעג איך. מען האָט דאָך אונדזערע קעגנער אַריינגעגעבן אַ ברויט און אַ מעסער גלייך אין דער האַנט אַריין. נאָט אייך, קינדער, און שניידט געזונטערהייט. און באמת, נאַראָנים וואָלטן זיי געווען, ווען זיי וואָלטן דעם גאַנצן טומל נישט אויסגענוצט פאַר זייער וואַל־אַגיטאַציע. מיר וועלן דערפאַר טייער באַצאָלן, פאַניע פּרעזעסיע, הלוואי זאָל איך האָבן אַ טעות".

יאַנקל האָט נישט געהאַט קיין טעות. די ציוניסטן האָבן גענומען אַרבעטן אויף אַלע כלים. מען האָט אַגיטירט, אַז יידן זאָלן דווקא דע־קלאַרירן יידיש אַלס זייער מוטערשפּראַך. יידן האָבן געפאָלגט און דער סוף איז געווען, אַז מען האָט זיי דאַן געשלעפּט אין דער סטאַראָסטווע און אין געריכט אַריין. ווער ס'האָט געצאָלט שטראָף־געלט און ווער עס איז געגאַנגען אין אַרעסט אַריין, ווייל ער האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן

די שטראָף. יאַנקל פֿייערשטיין איז אַליין עטלעכע מאָל געגאַנגען בעטן מען זאָל יידן באַפרייען פֿון דער שטראָף. דאָס מאָל האָט זיין בעטן נישט געהאָלפֿן. אַ געזעץ איז אַ געזעץ און מען מוז עס האַרכן.

אָט ביי אַזעלכע אומשטענדן זענען פֿאָרגעקומען די צוגרייטונגען צו די וואַלן. יאַנקל פֿייערשטיין איז אַרומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער און צעקאָכטער. ער האָט בפירוש געפֿילט, אַז די לייצעס גליטשן זיך אים אַרויס פֿון די הענט, אַז ער פֿאַרלירט דעם באָדן אונטער די פֿיס. די גאַנצע שטאָט האָט ער איצט געהאַט קעגן זיך און ער האָט שוין אפֿילו נישט געקענט זיין זיכער מיט די אייגענע פֿריינט. מען האָט אים צוגעטראָגן, אַז אייניקע פֿון זיינע גאָר נאָענטע פֿריינט זענען שטילערהייט אַריבער־געגאַנגען צו די ציונים. יאַנקל האָט איצט געוווּסט, אַז רעכענען קען ער בלויז אויף זיינע געצאָלטע מענטשן. חוץ זיי איז נישטאָ אויף וועמען מער זיך צו פֿאַרלאָזן. האָט ער פֿאַרגרעסערט די חברה ווילע יונגען און האָט זיי איבערגעגעבן די גאַנצע פֿירונג פֿונעם וואַל־קאַמפּיין.

דערווייל האָט זיך געשטעלט דער פֿרילינג און צוזאַמען מיט אים איז געקומען די גרויסע וואַל־פּראָפּאַגאַנדע. מצד דער אַלפּוילישער נאַ־ציאָנאַלער באַוועגונג, וועלכע האָט געבילדעט דעם קערן פֿון „קאָלאָ פּאָלסקיע", האָט ווידער קאַנדידירט ד״ר נתן לעווענשטיין, דער טעאָרע־טיקער און פֿירער פֿון דער יידישער אַסימילאַציע אין גאַליציע. די ציו־ניסטן ווידער האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער אוקראַינישער פּאַר־טיי, וואָס איז געווען די שטאַרקסטע צווישן די רוטענער. לויטן דאָזיקן אָפּמאַך איז געשאַפֿן געוואָרן אַ בלאָק פֿון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אי־נעם דראָהאָביטשער קרייז האָט דער בלאָק אַרויסגעשטעלט אַ יידישן קאַנדידאַט. דער דאָזיקער קאַנדידאַט איז געווען דער ציוניסטישער פֿי־רער ד״ר גרשון ציפּער. נאָך אַ ריי ליסטעס זענען געווען: פּוילישע, רו־טענישע און סאָציאַליסטישע. דער עיקרדיקער קאַמף האָט זיך אָבער גע־דאַרפֿט אָפּשפּילן צווישן די צוויי שטאַרקסטע ליסטעס, בראש פֿון וועלכע עס זענען געשטאַנען — נישט צופֿעליק — צוויי פּראָמינענטע יידן: דער ייד־פּאָליאַק לעווענשטיין און דער ציוניסט ציפּער. ציפּער האָט געהאַט געזיכערט די שטימען פֿון די אוקראַינער.

וואַל־פֿאַרזאַמלונגען פֿלעגן פֿאָרקומען יעדן אָוונט אונטערן פֿרייען

הימל. ביי קרייסבערגן אויף דער סלאָוואַצקע־גאַס איז געווען אַ רחבותדיקער גאָרטן, וואָס האָט אַריינגענומען עטלעכע טויזנט מענטשן. דאָרט פלעגןביידע צדדים אָפּהאַלטן די פאַרזאַמלונגען. די בעסטע רעדנערס פלעגט מען אַראָפּברענגען. מצד די פּאָליאַקן איז די פּראָפּאַגאַנדע־אַקציע אָנגעהויבן געוואָרן מיט אַ רעדע פון ד״ר נתן לעווענשטיין בכבודו ובעצמו. הערן רעדן לעווענשטיינען איז נישט געווען קיין קלייניקייט. קרייסבערגס גאָרטן איז טאַקע אָנגעפּראָפּט געווען מיט מענטשן פון אַלע דריי נאַציאָנאַליטעטן. יאַנקל פייערשטיין איז אַרויפגעקראָכן אויפן טיש און האָט פאָרגעשטעלט דעם זייער חשובן גאַסט, דעם שטענדיקן דעפּוטאַט פונעם דראָהאָביטשער קרייז. לעווענשטיינס הדרתדיקע געשטאַלט האָט זיך תיכף באַוויזן אויפן טיש. זיין לייבן־קאָפּ מיט די לאַנגע געלאָקטע האָר, זיינע צעשמייכלטע אויגן אונטערן הויכן שטערן און די דיקע זילבערנע וואָנסעס האָבן צוגעשמידט אַלעמענס אויגן. אינעם צאַנקענדיקן שיין פון די צענדליקער פאַקעלן, וואָס האָבן געברענט אינעם גאָרטן, האָט זיין ברייט צעשמייכלט פּנים כסדר געענדערט די פאַרב. ער האָט זיך געבוקט פאַרן עולם, ווי אַן אַקטיאָר אויף דער בינע. באַלד האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן.

אין לעווענשטיינס שטימע האָבן זיך געהערט קלאַנגען פון ריינסטן קרישטאָל. זיין שפּראַך איז געווען די שענסטע און די ריינסטע שפּראַך פון די פּוילישע נאַציאָנאַלע דיכטער און נביאים. ביים סאַמע אָנהויב פון דער רעדע איז דער עולם שוין געווען באַצויבערט. כאָטש דער ריח פון שוועבל האָט זיך בפירוש געשפּירט אין דער לופט, האָט אין דעם גאַרטן געהערשט אַ טויטע שטילקייט. לעווענשטיינס ווערטער זענען געפאַלן ווי דונערן. זיי האָבן דורכגעשפּיזט אַלעמענס הערצער און זענען געבליבן הענגען אין דער לופט ווי אַן אומזעבאַר־ציטערנדיקער פלואיד.

ער האָט גערעדט וועגן דער גרויסקייט פון דער פּוילישער קולטור, וועגן די נביאים און העראָלדן, וואָס האָבן זי געטראָגן צום פאָלק, וועגן דעם שטאַרקן חותם, וואָס זי האָט געלייגט אויפן גאַנצן לאַנד. דער איינדרוק איז געווען אַ שטאַרקער. אַ סך פּוילישע פרויען זענען געווען צווישן דעם עולם. זיי האָבן געצויגן די פאַרפומירטע טיכלעך פון די טעשלעך און האָבן זיך געווישט די אויגן.

לעווענשטיין איז אַריבערגעגאַנגען צו ממשותדיקע ענינים. ער האָט געשילדערט די עסטרייכישע מאָנאַרכיע, ווי די איינציקע, וואָס דערלויבט אַ פרייע אַנטוויקלונג פון דער פוילישער קולטור. גאַליציע, האָט ער אָנגעוויזן, איז דאָס איינציקע לאַנד, מיט אַ געזיכערטער הערשאַפט פונעם פוילישן פאָלק. אויב ס'איז אַזוי, איז עס קודם־כל דער פאַרדינסט פון דער קלוגער פאָליטיק פון דער „קאָלאָ פאָלסקיע", וואָס שטייט אויף דער וואַך פון די פוילישע אינטערעסן און פאַרטיידיקט געטריי יעדע פוילישע פאָזיציע, יעדעס גרודקעלע פון דער פוילישער ערד.

נאָכן אָפּפאַרטיקן זיך מיט אַלגעמיין מלוכהשע און נאַציאָנאַל־פוילישע ענינים, האָט דער רעדנער גענומען רעדן וועגן יידן. די דאָזיקע טעמע האָט לעווענשטיין נישט געקענט אויסמיידן, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז ביי איר קען ער האָבן אַ מכשול. דאָס רוב שטימען, אויף וועלכע ער האָט גערעכנט, זענען געווען יידישע און ער האָט געפילט, אַז ער מוז עפּעס זאָגן פאַר יידן. האָט ער געזאָגט אַזוי: גאַליצישע יידן זענען אַן אינטעגראַלער טייל פונעם פוילישן פאָלק. ס'איז לחלוטין נישטא פאַראַן קיין שום אונטערשיד צווישן ייד און פּאָליאַק.

ווי ער האָט נאָר דאָס אַרויסגעזאָגט, איז פּלוצים די שטילקייט דורכגעשניטן געוואָרן דורך אַ שטאַרקער מענערישער שטימע.

— פאַרוואָס האָט מען דעם פאַן פייערשטיין נישט געוואָלט אָננעמען אין „סאָקול"? — האָט די שטימע געפרעגט.

דער דאָזיקער פּלוצימדיקער צווישנרוף האָט צעמישט די אָנפירערשאַפט פון דער פאַרזאַמלונג, אגב, איז די מעשה געווען אַן אמתדיקע. זי האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט אַ קורצער צייט צוריק. די גדולים פונעם פאַריין פון יידן־פּאָליאַקן האָבן זיך באַמיט אָנגענומען צו ווערן אַלס פשוטע מיטגלידער אין דעם איינציקן פויליש־פּאַטריאָטישן אָרדן, וואָס האָט געהייסן „סאָקול". די פאַרוואַלטונג פון „סאָקול" האָט זיי אָבער אָפּגעזאָגט און דערביי האָט זי נישט אָנגעגעבן קיין שום מאָטיוון, צוליב וועלכע זי זאָגט אָפּ.

ווען דער צווישנרוף איז געפאַלן האָט לעווענשטיין לכתחילה געוואָלט זיך מאַכן נישט וויסנדיק. ער האָט איבערגעוואַרט אַ רגע און גענומען רעדן ווייטער. אָבער דער צווישנרופער האָט נישט געטראַכט אים

צו שענקען. ווען לעווענשטיין האָט אַרויסגערעדט די ערשטע ווערטער, האָט זיך ווידער דערהערט די זעלבע שטימע:

— פאַרוואָס ענטפערט מען נישט אויף דער פראַגע?

איצט האָט זיך שוין געמאַכט אַ טומל. יאַנקל פּייערשטיין האָט זיך באַוויזן אויפן טיש. ער האָט עפּעס גערעדט, באַמיט זיך איבערצושרייען דעם טומל, קיינער האָט אים אָבער נישט געהערט. ווייזט אויס, אַז די שטערער זענען געווען אָרגאַניזירט און הינטער דעם צווישנרופער איז גע־שטאַנען נאָך אַ חברה טומלערס. דאָס פּייפעריי און די געוואַלדן זענען איצט געווען זייער גרויס. ס'איז שוין נישט מעגלעך געווען איינצושטילן דעם צעברויזטן עולם. יאַנקל איז שוין געווען הייזעריק. ער האָט נישט געהערט זיין אייגענע שטימע. ער האָט געפאָכעט מיט די הענט. גע־מיינט דערמיט איינצושטילן דעם עולם. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן.

פּלוצים איז דער עולם עלעקטריזירט געוואָרן. דער טומל האָט זיך אָנגעהויבן איינצושטילן און באַלד איז געוואָרן גאַנץ שטיל. אין דער שטילקייט האָבן זיך פון דערווייטנס געהערט געשרייען פון אַ גרויסער מענטשן־מאַסע, ווי ס'וואָלט געווען אַ דעמאָנסטראַציע. דער עולם האָט זיך איינגעהערט אין די דערווייטערטע קולות און יאַנקל האָט שנעל אויסגענוצט די שטילקייט און האָט צוגעווונקען לעווענשטיינען, אַז ער זאָל פאָרזעצן זיין רעדע. לעווענשטיין האָט גענומען רעדן ווייטער, אָבער די ווערטער האָבן זיך אים נישט געקלעפּט. עפּעס אַן אומרואיקייט איז געהאַנגען אין דער לופט און די געשפּאַנטקייט איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. דער עולם האָט נישט אויסגעהערט לעווענשטיינען. מען האָט זיך איינגעהערט אין די קולות, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אין איין דער־נענטערן.

באַלד האָט מען שוין געקענט הערן קלאַנגען פון איינצלנע ווערטער, אויסגעשריגענע אויף רוטעניש. פונעם צעברויזטן קולות־רעש האָבן זיך אויסגעשיילט לאָזונגען:

— נעכאַי זשיווע אוקראַינאַ! טאָ נאַשאַ רידנאַ זעמליאַ! *)

לעווענשטיין האָט איבערגעריסן די רעדע. ער האָט נישט געהאַט

*) זאָל לעבן אוקראַינע! דאָס איז אונדזער פאָטערלאַנד!

שוין צו וועמען צו רעדן, קרייסבערגס גאָרטן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צעכוואַליעטן ים פון מענטשלעכע קעפּ. די קעפּ האָבן זיך אומ־רואיק געדרייט אין אַלע זייטן. ס׳איז געוואָרן אַ רעש און אַ מהומה. מען האָט זיך גענומען שטופּן צום אַרויסגאַנג.

די אָנקומענדיקע כוואַליע איז שוין געווען נאָענט. אַ גערויש פון פעסטע טריט פון אַ מאַרשירנדיקער מענטשן־מאַסע האָט פאַרטויבט דעם גאַנצן טומל. איבער דער מהומה, וואָס האָט געהערשט אינעם גאָרטן, האָבן גענומען די אויבערמאַכט רוטענישע קולות און געוואַלדן. זיי זענען געקומען פון גאָר נאָענט, פון דער צווייטער זייט צוים.

— העי ליכט! נישט פאַרלעשן די פלאַקערס! — האָט מען זיך צו־געשריגן אינעם גאָרטן און די פּאַניק איז געוואָרן אַלץ גרעסער.

איבערן אייזערנעם פּאַרקאַן האָבן אָנגעהויבן אַריבערצושפּרינגען יונגע מענטשן. לכתחילה איינציקווייז און דערנאָך אַלץ מער, אַלץ געדיכ־טער. אַ טייל איז געווען אָנגעטאָן אין שטאָטישע און אַ טייל אין דאָר־פישע מלבושים. זיי האָבן פלינק געשפּרונגען, ווי קעץ און ווער עס איז אַריין, האָט זיך תיכף צוזאַמענגעמישט מיטן עולם אינעם גאָרטן.

אונטערן טויער פון קרייסבערגס פּאָסעסיע האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ שוואַרצע מענטשן־קאַלאַנע. ווען איר פראָנט האָט גענומען אַריינדרינגען אין דעם גאָרטן, האָט מען איר סוף נישט געקענט זען. די קאָלאָנע האָט זיך ווייט, ווייט געצויגן, ביז אין אַ צווייטער גאַס אַריין. מיט אימפּעט האָבן די אָנגעקומענע אָנגעהויבן אַריינצומאַרשירן אין גאָרטן אַריין. זיי האָבן פונאַנדערגעשטופּט דעם עולם און געלאָזט זיך גיין גלייך צום טיש, וווּ לעווענשטיין איז געשטאַנען מיט אַ צעעפנטן מויל. יאַנקל פייערשטיין האָט אים אַ שלעפּ געטאָן ער זאָל אַראָפּשפּרינגען פונעם טיש.

— אוקראַינער זענען געקומען — האָט ער אים מסביר געווען — זיי ווילן שטערן די פאַרזאַמלונג.

— וואָס הייסט — האָט לעווענשטיין געשריגן מיט כעס — ווי קומען זיי שטערן אונדזער פאַרזאַמלונג? מ׳דאַרף אַרויסרופן זשאַנדאַר־מען און מיליטער.

— שוין צו שפּעט, פּאַניע פּרעזעסיע, איר זעט דאָך וואָס ס׳טוט זיך.

— איצט זאָגט איר שפּעט — האָט לעווענשטיין זיך געבייזערט — איר האָט געדאַרפט וויסן, פּאַניע פייערשטיין, ווי אַזוי מען גרייט צו אַזאַ פאַרזאַמלונג.

יאַנקל האָט נישט געענטפערט. פאַר אים איז קלאָר געווען, אַז די סכנה איז איצט זייער גרויס און אַז מען טאָר נישט פאַרלירן קיין מי־נוט. האָט ער גענומען זיך צוריקציען און האָט מיט זיך געשלעפּט לע־ווענשטיינען, וועלכער האָט זיך כסדר נאָך נישט געוואָלט אונטערגעבן. די אוקראַינער זענען דערווייל צוגעקומען צום טיש מיט אַ געוואלט און פייפעריי.

— אַוועק פון דאַנען, פּוילישע פּאַכאַלקעס! — האָבן זיי געליאַ־רעמט.

הענט האָבן זיך געהויבן צום שלאָגן. דער טיש איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די אַריינגעדרונגענע אוקראַינער.

— נאַי רינגעל האָוואָריט! *) — האָט זיך איצט געטראָגן פון טויזנ־טער מיילער — נאַי רינגעל האָוואָריט!

יאַנקל האָט דערווייל אַרויסגעפירט לעווענשטיינען דורך אַ הינ־טערשטער טיר, וועלכע האָט פאַרבונדן קרייסבערגס פּאַסעסיע מיט אַ שכנותדיקן גאָרטן. יאַנקלס נאָענטע פריינט זענען נאָכגעלאָפן און דער גאַנצער עולם האָט זיך אין בהלה אָפּגעטראָגן פון דער פאַרזאַמלונג.

— נאַי רינגעל האָוואָריט! — האָט געדונערט אין קרייסבערגס גאָרטן.

צענדליקער הענט האָבן זיך פּלוצים אויפגעהויבן און האָבן אַוועקגע־שטעלט אויפן טיש אַ מיטלוויקסיקן שוואַרצן יונגנמאַן מיט קורצע שוואַרצע וואָנסעלעך. ד״ר מיכאל רינגעל האָט זיך מיט אַ צופרידענעם שמייכל אַרומגעקוקט איבער די טויזנטער קעפּ, פאַרגאָסענע דורך רויטן שיין פון ברענענדיקע פאַקעלן. ער האָט אויף זיך געפילט דעם בליק פון טויזנטער פאַר אויגן, וואָס האָבן איצט געוואַרט אויף זיין וואָרט. דער גאָרטן האָט נאָך כסדר געשטורעמט און געיובלט.

— נאַי רינגעל האָוואָריט!

---

*) זאָל רינגעל רעדן!

***

עטלעכע טעג פאַר די וואַלן האָט יאַנקל אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיטן סטאַראָסטע. ביידע, סיי דער סטאַראָסטע און סיי יאַנקל, זענען גע־ווען ניכטערע מענטשן און זיי האָבן נישט ליב געהאַט צו בויען שלעסער אויפן זאַמד. זיי האָבן געהאַט אַ גאַנץ קלאָרע פאַרשטעלונג פון דער עק־זיסטירנדיקער לאַגע און זיי האָבן גוט געוווסט, אויף וואָס זיי קענען יאָ רעכענען און אויף וואָס נישט.

דער סטאַראָסטע האָט יאַנקלען דערציילט וועגן די שלעכטע גרוסן, וואָס ער באַקומט כסדר פון זיינע פאַרטרויאונגס־לייט. אינעם גאַנצן נאָפּט־ראַיאָן האָבן סאָציאַליסטן באַקומען אַ שטאַרקע השפעה. אמת, דאָס רוב פון פּאָליאַקן וועט שטימען פאַר דער נאַציאָנאַלער ליסטע, אָבער דאָס איז ווייניק באַרואיקנדיק. דער פּראָצענט פון דער פּוילישער באַפעל־קערונג איז אַ קלײנער. אין שטאָט זעט זי זיך נאָך ווי נישט איז אָן, אָבער ווען די שטימען פון די שטעט וועלן צוזאַמענגערעכנט ווערן מיט די שטימען פון די דערפער, דעמאָלט וועט ערשט אַרויסקריכן די בראָך. דאָס רעשט ביסל פּוילישקייט וועט דערטרונקען ווערן אין אַ פרעמדן ים. אויב דער יידישער סעקטאָר וועט זיך שפּאַלטן, האָט דער סטאַראָסטע געגעבן צו פאַרשטיין יאַנקלען, דאַן איז אַ זיכערער דורכפאַל. די וואַלן זענען דעמאָקראַטישע און קיין שום קונצן וועלן איצט נישט העלפן. די איינציקע מעגלעכקייט צו ראַטעווען די לאַגע ליגט אין פייערשטיינס הענט. ער מוז מאָביליזירן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג און ער מוז זען, אַז אַלע יידן זאָלן אָפּגעבן די שטימען אויף דער פּוילישער ליסטע. צוליב דעם איז דאָך אינעם דראָהאָביטשער קרייז אַוועקגעשטעלט גע־וואָרן אַ ייד אַלס קאַנדידאַט פון דער פּוילישער ליסטע. יאַנקל מוז די דאָזיקע זאַך פאַרשטיין, האָט דער סטאַראָסטע אַפּעלירט צו זיין געוויסן, און ער מוז זי געהעריק אָפּשאַצן.

יאַנקל איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער און האָט געשוויגן. אין משך פון די לעצטע חדשים איז ער כסדר געשטאַנען אונטער אַ האָגל פון פאָדע־רונגען. סיי פון ווין און סיי פון לעמבערג פלעגן שטענדיק קומען אַלאַר־מירנדיקע בריוו, פּונקט ווי די וועלט וואָלט שוין געדאַרפט אונטערגיין. דער גובערנאַטאָר, באַבזשינסקי, האָט יאַנקלען צוגעשריבן אַ פריינטלעכן

בריוו. לויט ווי אים דאַכט זיך, איז דער דראָהאָביטשער מאַנדאַט באַ־דראָט און אויף יאַנקלען ליגט דער חוב צו ראַטעווען דעם דאָזיקן מאַנ־דאַט, וועלכער איז באַשט׳מט פאַר איינעם פון די חשובסטע טרעגער פון דער פוילישער קולטור, פאַרן אויפריכטיקן פויליִשן פּאַטריאָט, ד״ר נתן לעווענשטיין. ובכן איז יאַנקלס חוב צו טאָן אַלץ, כדי נישט לאָזן פאַלן דעם דאָזיקן ווירדיקן מאַן, וואָס, אגב, איז ער אויך יאַנקלס אַ גלויבנס־ברודער. אָט דאָס איז געווען דער נוסח פון באבזשינסקיס בריוו און היינט ווו איז לעווענשטיין אַליין? יעדע פּרימאָרגנדיקע פּאָסט פלעגט ברענגען יאַנקלען פון אים אַ גרוס. געווען זענען עס ווייַנענדיקע גרוסן, פאַרצווייפלטע רופן נאָך הילף, הכנעהדיקע רחמים־געבעטן.

יאַנקל האָט איצט געטראַכט וועגן אָט די אַלע בריוו און פלוצים איז אים געוואָרן ענג אינעם רחבותדיקן סאַלאָן פונעם סטאַראָסטע. ער האָט גענומען זיך אומרואיק צו דרייען אין זיין פאָטעל און אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט זיין שטערן.

וואָס האָבן זיי זיך אַלע אויף אים אָנגעזעצט? וואָס איז ער שול־דיק, אַז די לאַגע איז אַ שלעכטע? נאָר באַלד איז געקומען אַ צווייטער געדאַנק. ס׳איז אים, יאַנקלען, טאַקע גוט אַזוי. דער שווער, עליו השלום, האָט אים שטענדיק געוואָרנט: יאַנקל הייב נישט אָן מיט פּאָליטיק. דו וועסט שלעכט אָפּשניידן. האָט ער דעם שווער נישט געהערט און אָט האָט ער איצט צרות. זיי האָבן זיך אַלע אויף אים אָנגעזעצט. וואָס ווילן זיי פון אים? אַז מ׳ווייזט דעם הונט אַ פינגער, וויל ער באַלד די גאַנצע האַנט. ער האָט פאַר זיי אויפגעטאָן און ער טוט, וואָס ער קען. נאָר וואָס ווילן זיי איצט? ער זאָל זיך אינגאַנצן אויסשטרעקן, ער זאָל זיך פאַר זיי לאָזן באַגראָבן?

וואָס קען ער טאַקע העלפן? איז ער דען אַ בעל־מופת, אַז ער זאָל אויפטאָן זאַכן שלא כדרך הטבע. אַז מענטשן ווילן דווקא שטימען פאַר די ציונים, טאָ וואָסזשע קען ער זיך העלפן? און איצט קומט אָט דער שוטה, דער סטאַראָסטע, און זאָגט זיך, אַז די גאַנצע זאַך ליגט אין יאַנקלס הענט. אַז יאַנקל וועט וועלן, וועט לעווענשטיינס מאַנדאַט זיין אָפּגעראַ־טעוועט. האַ, וואָס אַ נאַר קען אויסטראַכטן.

— הערט, פּאַניע סטאַראָסטע — האָט זיך יאַנקל פלוצים אָנגעַ־

רופן — איר גלויבט טאַקע באמת, אַז אין מיינע הענט ליגן די אַלע מעג־לעכקייטן, וואָס איר זאָגט?

— פאַרשטייט זיך, הער פייערשטיין. אויב איך זאָג עפּעס, גלויב איך אין דעם.

— טאָ זייט מיר טויזנט מאָל מוחל, פאַניע סטאַראָסטע, אָבער איר האָט נישט קיין קלענסטן באַגריף פון דער לאַגע אין אייער פּאָוויאַט. *)

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן? — האָט זיך דער פריץ פאַר־לוירן. פייערשטיינס כוח האָט ער געקענט און ער האָט געוווסט, אַז דעם דאָזיקן ייד טאָר מען נישט אַנטקעגנרעדן. אויב ער זאָגט אַריין, דאַרף מען עס אָננעמען באהבה און שווייגן, פּונקט ווי עס וואָלט עס געזאָגט דער גובערנאַטאָר אַליין.

— וואָס איך מיין? אָט וועט איר באַלד הערן. וועגן ציוניסטן ווייסט איר עפּעס, פאַניע סטאַראָסטע?

— געוויס ווייס איך. איך האָב דאָך אַליין באַשטעטיקט זייערע סטאַ־טוטן.

— אויב אייערע ידיעות וועגן ציוניסטן באַגרענעצן זיך בלויז צו די סטאַטוטן, איז טאַקע זייער טרויעריק. און וועגן זייער וואַל־בלאָק מיט די אוקראַאינישע רוטענער ווייסט איר גאָרנישט?

— יאָ. איך האָב וועגן דעם געהאַט אַ ראַפּאָרט.

— גאָט צו דאַנקען — האָט יאַנקל שפּאָטיש געשמייכלט — און איצט זייט וויסן נאָך אַ זאַך: די ציוניסטן וועלן אָנציען די מערהייט פון די יידישע שטימען.

דער סטאַראָסטע האָט הילפלאָז צעשפּרייט די הענט.

— אַזוי גאָר זעט עס אויס. און איר, פאַניע פייערשטיין, קענט קעגן דעם גאָרנישט העלפן?

— ניין, פאַניע סטאַראָסטע. איך קען גאָרנישט העלפן און איר קענט אויך נישט העלפן.

— ווערזשע קען העלפן?

*) באַצירק.

יאַנקל האָט זיך אויפגעהויבן. ער איז צוגעגאַנגען צום סטאַראָסטע און אים אָנגענומען פאַרן קנעפּל פון זיין שוואַרצן ראָק.

— איר פאַרשטייט, פּאַניע סטאַראָסטע — האָט ער אים געזאָגט גלייך אין פּנים אַריין — נישט איך און נישט איר קענט העלפן. דאָס מיינט, אויב מיר וועלן זיך באַמיען באַזונדער. אָבער אויב מיר וועלן אַר־בעטן צוזאַמען, האַנט ביי האַנט, דעמאָלט קען נאָך מעגלעך זיין, אַז די לאַגע וועט זיך לאָזן ראַטעווען.

— אדרבה — האָט זיך דער סטאַראָסטע אָנגעכאַפּט — לאָמיר טאַ־קע טאָן עפּעס צוזאַמען און ראַטעווען לעווענשטיינס מאַנדאַט. זאָגטזשע טאַקע, פּאַניע פייערשטיין, וואָס דאַרפן מיר טאָן?

יאַנקל האָט אומצופרידן געדרייט מיטן קאָפּ.

— איי, איי, איי. איר ווילט דווקא, אַז איך זאָל אייך אַלץ מיט אַ לאָפּעטע אַריינלייגן אין קאָפּ אַריין. איר זענט דאָך אַ סטאַראָסטע און איר דאַרפט אַליין אויך האָבן אַביסל איניציאַטיוו.

דער סטאַראָסטע איז אַ צעטומלטער געשטאַנען אַנטקעגן יאַנקלען. זיין פּנים האָט זיך באַגאָסן מיט רויטקייט. מיט הילפלאָזער הכנעהדיקייט האָט ער געקוקט אויף יאַנקלען און ער האָט געשטאַמלט:

— אַנטשולדיקט, פּאַניע פייערשטיין. איך פאַרשטיי אייך נישט.

— איר פאַרשטייט נישט. איי, איי, איי. פאַרוואָס זאָלט איר נישט פאַרשטיין? ס'איז דאָך אַ גאַנץ פּשוטע זאַך. אָט קוקט. דאָס וואַל־געזעץ איז ביי אונדז דעמאָקראַטיש. זייער שיין. זאָל עס זיין דעמאָקראַטיש. אָבער אונדזער זאַך איז צו מאַכן אַזוי, אַז די דאָזיקע דעמאָקראַטישקייט זאָל ברענגען נוצן נישט די ציונים, נאָר אונדז. נו, האָב איך אייך געזאָגט און דאָס ווייטערדיקע מוזט איר שוין אַליין צוטראַכטן.

דער סטאַראָסטע האָט צעשפּרייט די הענט און יאַנקל האָט אים ציגע־וואָרפן אַ שפּאָטישן בליק. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— אויף ווידערזען, פּאַניע סטאַראָסטע. איר וועט עס שוין פאַר־שטיין.

מיט האַסטיקע טריט האָט יאַנקל פאַרלאָזט די סטאַראָסטווע־געביי־דע. נאָך דעם זעלבן טאָג האָט ער צוזאַמענגערופן אויף אַ „באַראַטינג" די אָנפירעס פון זיינע כנופיות. די ווילדע יונגען, וואָס אַ גאַנצע שטאָט

האָט פאַר זיי געציטערט אימת מות, זענען צו יאַנקלען געקומען מיט הכנעהדיק אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. יאַנקל האָט זיי אויפגענומען אין זיין איי־גענעם הויז, וואָס ער האָט פאַר זיך געהאַט אויפגעבויט ביים עק פון דער סאמבערער און דער סאלנע גאס. אין זיין עלעגאַנט איינגעאָרדנטן קאַבינעט האָבן זיך די צען לעפּיש־צעוואקסענע חברהלייט געפילט זייער אומבאַקוועם. זיי האָבן נישט געוווסט, ווי אַזוי מען דאַרף זיצן אויף אַ ווייכער שטול און ווי אַזוי מען דאַרף שטעלן די מגושמדיקע, באַשטיוול־טע פיס אויפן פוך־ווייכן טעפּיך. לייזער רייך האָט צווישן זיי געפירט דאָס רעדל. אַן אויסגעדינטער בעל־עגלה איז ער דורך יאַנקלען דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון „גענעראַל‟. ער איז געווען דער הויפּט־אָנ־פירער פון אַלע „באַיוווקעס‟. לייזער האָט יאַנקלען ערלעך אָפּגעדינט די פּאָר גולדן, וואָס ער האָט באַקומען אויף פּרנסה. זיין אויפגאַבע איז געווען אויסצופירן אַלע שמוציקסטע אַרבעטן. ער פלעגט אויף זיך נישט נעמען די אַרבעטן, צו וועלכע עס האָבן זיך גענויטיקט שטאַרקע ידים. זיין געביט איז געווען דורכצופירן ענינים מיט דער הילף פונעם אויבערשטן קול און פון ניבול־פּה. לייזער איז געווען אַן עזות־פּנימניק, וואָס זיינס גלייכן איז שווער צו געפינען אויף דער גאַנצער וועלט. אויב יאַנקל פייער־שטיין וואָלט אים געהייסן, וואָלט ער אפילו דעם קייסער אַליין אַרייַנ־געזאָגט אין טאַטנס טאַטן אַריין. אַ געשליפענע צונג באַדייט אָפּט מער, ווי אַ פּאָר שטאַרקע פויסטן. והא ראיה, לייזער רייך, וועלכער האָט דער עיקר געקעמפט מיט דער צונג, האָט געוווּנען די פולע אויבערמאַכט אי־בער זיינע אַלע חברים, די ווילע יונגען. אין זייערע אויגן איז לייזער אויסגעוואקסן צו יאַנקלס ערשטן פאַרטרעטער. זיין וואָרט איז ביי זיי געווען כמעט אַזוי וואָגיק, ווי דאָס וואָרט פון יאַנקלען אַליין.

ווען די חברהלייט האָבן זיך אויסגעזעצט אין יאַנקלס קאַבינעט, איז נאָך די שטול פאַרן שוואַרצן שרייבטיש געשטאַנען ליידיק. יאַנקל איז נאָך נישט געווען אין צימער און לייזער רייך האָט זיך דאָ געפילט ווי דער ראש.

— קינדער — האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן צו די לעפּיש־צעוואקסענע יונגען — עך זאָלט וויסן, אַז ס'איי נישט קיין געלעכטער.

איצטער ׳עט זיין אַ שווער שטיקל אַרבעט. וואַלן, האַ, האַ, האַ. מ׳דאַרף זעך גוט אָנגאַרטלען, קינדער!

דורך אַ זייטיקער טיר איז יאַנקל פּייערשטיין אַריינגעקומען אין צימער. אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט מיט יראת הכבוד און האָבן באַגריסט דעם אדון. יאַנקל האָט יעדן באַזונדער אָפּגעמאָסטן מיט אַ שאַרפן בליק און דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שטול ביי זיין שוואַרצן שרייבטיש. ער האָט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט און האָט גענומען איבערקוקן פּאַפּירן, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש. אין אַ פּאַר־גליווערטער שטילקייט איז דער עולם געזעסן און האָט געוואַרט אויף יאַנקלס וואָרט. יאַנקל האָט זיך אָבער געמאַכט נישט וויסנדיק. ער האָט כסדר געבלעטערט אין זיינע פּאַפּירן. ערשט נאָך אַ לענגערער ווײַלע האָט ער זיך גלייכגילטיק אָנגערופן, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פונעם שרייבטיש:

— נו, יידן, ווי האַלט איר ערגעץ מיט אייערע מענטשן?

— גאַנץ גוט, הער פּייערשטיין — איז לייזער רייך אַרויסגעשפּרונגען, ענטפערנדיק אין נאָמען פון אַלע חברהלייט — מ׳האָט שוין באַשטעלט די באַהעלפערס. ס׳עט זיין אַזוי ווי איר האָט געוואָלט.

— ביסטו, הייסט עס, זיכער, לייזער, אַז מ׳וועט אַלץ מאַכן, ווי ס׳דאַרף צו זיין?

— וואָס פאַרא פראַגע?

יאַנקל האָט שוין איצט געהאַט אַ פּאַרטיקן פּלאַן. וועגן דעם דאָזיקן פּלאַן האָט ער מיט קיינעם נישט געוואָלט שמועסן. אַליין האָט ער אים צוגעטראַכט און אַליין האָט ער גענומען אים אויספירן. די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר וויכטיק, איז געווען די פראַגע פון דער וואַל־קאָמיסיע. דאָס צוזאַמענשטעלן די קאָמיסיע האָט אים געקאָסט זייער אַ סך אַרבעט. ס׳איז אים אָבער געלונגען. אין דער קאָמיסיע האָט ער געהאַט אַן איבערוויגנדיקע מערהייט פון זיינע זיכערע מענטשן. דער דאָזיקער נצחון איז געווען אַ זייער וויכטיקער און ער האָט יאַנקלען שטאַרק דערמוטיקט. ער האָט איינגעאָרדנט אַן אַגיטאַציע־ביוראָ, ווו ער האָט אַריינגעזעצט זיינע אייגענע באַאַמטע און האָט זיי געהייסן צוגרייטן די רשימות פון אַלע וויילער. אויף די רשימות האָט ער געהייסן

אונטערשטרייכן מיט אַ רויטן בלייפעדער אַלע נעמען פון מענטשן, וואָס וועלן שטימען פאַר לעווענשטיינען און מיט אַ גרינעם בלייפעדער נעמען פון מענטשן, וואָס זענען געשטאָרבן אין דער צווישנצייט, דאָס הייסט נאָך דער פאָלקסציילונג און פאַר די וואַלן. דאָס אַגיטאַציע־ביוראָ האָט ער איינגעאָרדנט אין אַ פּריוואַטער דירה אויף סמאַלקי־פּלאַץ, האַרט אַנט־קעגן דעם אַלטן טעאַטער־זאַל, ווו עס האָבן געדאַרפט פאָרקומען די וואַלן. אַרום דעם אַגיטאַציע־ביוראָ האָט יאַנקל געוואָלט אַוועקשטעלן אַ גרויסע צאָל חברהלייט, וואָס וועלן אויספירן די שוואַרצע אַרבעט ביי דער אַגיטאַציע. לייזער רייכן און די הויפּטן פון די כּנופיות האָט ער אי־בערגעגעבן די אויפגאַבע פון אַנגאַזשירן די דאָזיקע מענטשן. אַט איצט האָט ער זיי צוזאַמענגערופן און געפאָדערט פון זיי אַ באַריכט.

— איך האָב אייך שוין אויפגעקלערט — האָט איצט יאַנקל גע־רעדט צו זיינע מענטשן — אין וואָס ס'האַנדלט זיך. פּינדעסטוועגן וועל איך אייך אַלץ זאָגן נאָך אַמאָל, כּדי איר זאָלט געדענקען. די שטאָט גייט קעגן אונדז. דער גאַנצער לאַן וועט איצט שטימען פאַר די ציונים. דער־פאַר טאַקע מוזט איר זיין זייער פאָרזיכטיק און איר מוזט גוט קוקן, וואָס פאַראַ מענטשן איר נעמט צו דער אַרבעט. ס'איז לייכט מעגלעך, אַז ס'וועלן זיך צו אייך מעלדן אַזעלכע, וואָס וועלן אונדז שפּעטער פאַר־ראַטן.

— האַ, האַ, האַ — האָבן די ווילע יונגען גענומען שרייען איינער איבערן אַנדערן — נישט ביי אונדז 'עט עס זיין, אַז ברענען און שרפענען זאָלן זיי.

— זאָרגט נישט, הער פייערשטיין, אונדז ווייס'מער שוין, וואָס צו טאָן.

— זייער גוט. זייער גוט — האָט זיי יאַנקל איבערגעשריגן — אָבער פאָרזיכטיקייט קען קיינמאָל נישט שאַטן. און איצט באַרואיקט זיך. איך האָב אייך נאָך עפּעס צו זאָגן. זונטיק פאַרטאָג מוזן אַלע שטיין אויף די פיס. דער זאַמל־פּונקט איז ביים אַגיטאַציע־ביוראָ. זאַמלט אָן אַ סך מענטשן. וואָס מער איז אַלץ בעסער און ברענגט זיי אַלע צו צום אַגיטאַציע־ביוראָ. זונטיק פאַרטאָג. איצט קענט איר גיין, געזונטערהייט.

***

דער זונטיקדיקער פרימאָרגן האָט צוגעשמייכלט מיט גינגאָלד פון אַ פרי־זומערדיקער זון. דער אַלטער טעאַטער־זאַל איז געווען אַ רחבותדי־קער און נידעריקער בנין פון שוואַרץ־פאַרשימלטע ברעטער, אַן איינגע־הויקערטער און אַן איינגעקאָרטשעטער. ער האָט זיך געטונקען אין גרינס און געלאָזט זיך איינטוליען דורך די אַלטע קאַשטאַן־ביימער, די געטרייע באַגלייטערס פון זיין ששת ימי בראשיתדיקער אַלטקייט. אין מיטן פון אַ קליינעם פּאַרק איז ער געשטאַנען און דער צוים, וואָס האָט אַרומגע־רינגלט דעם פּאַרק, איז געווען אַן אייזערנער און אַ נידעריקער.

יענעם זונטיקדיקן פרימאָרגן איז דער צוים געווען געדיכט אַרומ־געשטעלט דורך פאַרדעכטיקע פאַרשוינען. ברייטפּלייציקע יאַטן מיט רויט אָנגעלאָפענע פּנימער, אין היטלעך וווילינגעריש פאַררוקטע אין אַ זייט. זיי זענען געשטאַנען ביים פּאַרקאַן אינעווייניק אין גאָרטן, און האָבן אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. יעדן דורכגייער האָבן זיי דורכגעשפּיזט מיט די אויגן.

הייבט זענען געווען פאַרהאַמערט אַלע טירלעך, וואָס האָבן געפירט אין פּאַרק אַריין. בלויז דאָס הויפּט־טירל, פון דער זייט פונעם סטריער וועג, איז געווען אָפן. צום דאָזיקן טירל האָט זיך שוין אין דער פרימאָרגנדיקער שעה געשטופּט אַ המון מענטשן.

— פּלאַץ פאַר דער וואַל־קאָמיסיע! — האָט זיך דערהערט אַ שטימע.

דער המון, וואָס האָט זיך געשטופּט צום טירל, האָט זיך צוריקגע־צויגן. די קאָמיסיע־מיטגלידער זענען מיט הויך אויפגעהויבענע קעפּ אַריינגעגאַנגען.

אין דעם רחבותדיקן טעאַטער־זאַל איז שוין אַלץ געווען צוגעגרייט. לאַנגע טישן באַדעקט מיט גרינעם טוך זענען געווען אויסגעשטעלט, אויפן הויפּט־טיש איז געשטאַנען אַ הילצערנע אורנע. דער פאַרטרעטער פּו־נעם סטאַראָסטע, אַ הויכער גוי אין ברילן, איז געווען דער פאָרזיצער פון דער וואַל־קאָמיסיע. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט אָנגעצונדן אַ ליכט און גענומען מיט רויטן לאַק פאַרזיגלען די אורנע. ווען ער האָט גע־ענדיקט, האָט ער פייערלעך דערקלערט:

— מיינע הערן, מיר טרעטן צו צום אויספירן דעם וואַל־אַקט. זאָל מען אָנהייבן אַריינצולאָזן די וויילער.

— איך בעט אַ וואָרט — האָט זיך דערהערט אַן אויפגערעגטע שטי־מע פון דער זייט.

— ווער זענט איר? — האָט דער פּאָרזיצער געפרעגט.

אַ מיטליעריקער מענטש, מיט אַ פּליך אויפן קאָפּ און אַ פּאָר דיקע ברילן אויף די אויגן, האָט זיך אויפגעשטעלט.

— אַדוואָקאַט פאַכטמאַן איז מיין נאָמען. איך בין דער פאַרטרוי־ונגסמאַן פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער ליסטע און פונעם בלאָק פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. הער פּאָרזיצער, איך ברענג צום אויסדרוק דעם פּראָטעסט פון אַ גרויסער צאָל וויילער, צוליב דער בפירוש טענדענציע־זער צוזאַמענשטעלונג פון דער וואַל־קאָמיסיע. איך שטעל פעסט, אַז אַלע מיטגלידער פון דער וואַל־קאָמיסיע געהערן צו איין פּאָליטישער ריכטונג. דאָס איז אַ זאַך, וואָס שטייט אין אַ סתירה צום גייסט פון דעמאָקראַ־טישן וואַל־געזעץ. איך בעט מיין פּראָטעסט איינצושרייבן אין פּראָטאָ־קאָל.

— פּאַניע מעצענאַסיע — האָט דער פּאָרזיצער העפלעך געענט־פערט — איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז קיינער פון אונדז האָט נישט דאָס רעכט צו באַשטימען אַ וואַל־קאָמיסיע. די לאָקאַלע וואַל־קאָמיסיע ווערט באַשטימט דורך דער העכסטער וואַל־אינסטאַנץ, וואָס געפינט זיך אין לאַנד. ובכן, וועמען באַשולדיקט איר אין דער זאַך און וואָס מיינט איר אויפצוטאָן מיט אייערע פּראָטעסטן?

— אָ, הער פּאָרזיצער, מיר ווייסן גאַנץ גוט, וועמען מיר דאַרפן באַ־שולדיקן. אָבער איצט רעד איך נישט וועגן דעם. איך בעט נישט מער, ווי צו פאַרצייכענען אין פּראָטאָקאָל מיין פּראָטעסט, — האָט פאַכטמאַן דורכויס געפאָדערט.

די וואַל־קאָמיסיע איז אַוועק אויף אַ באַראַטונג. נאָך דער באַראַ־טונג האָט דער פּאָרזיצער געמאָלדן, אַז די קאָמיסיע האָט באַשלאָסן אָפּ־צוּוואַרפן פאַכטמאַנס ביטע. ווען פאַכטמאַן האָט דערהערט דעם ענטפער, איז זיין גאַנץ פּנים פאַרלאָפן מיט בלוט.

— דאָס איז אַן אומרעכט — האָט ער געשריגן — שעמען זאָלט איר אייך צוליב דעם דאָזיקן שענדלעכן באַשלוס.

— איר וועט זיך באַרויִקן, פּאַניע מעצענאַסיע, אָדער איך וועל

אייך מוזן בעטן צו פאַרלאָזן דעם זאַל. ביטע, עפנט די טיר פאַר די ווײילער.

אַזוי האָט אויסגעזען דער ערשטער אינצידענט אינעם דאָזיקן טאָג. ס'איז אָבער באַשערט געווען, אַז דער טאָג זאָל נאָך פיל מער אינצידענטן ברענגען. און טאַקע באַלד דערנאָך, ווען די ערשטע ווײילער האָבן אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין זאַל, איז עס ווידער געשען. ביים טיש האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ פאַרשוין און האָט געמאָלדן זיין נאָמען:

— מאָזעס אָפּענהיים.

מען האָט נאָכגעזוכט אין דער רשימה און מען האָט געפונען: דער פאַרשוין קען אָפּגעבן די שטימע.

ביים שכנותדיקן טישל האָט זיך אָבער פּלוצים עמעץ אויפגעריסן. דאָס איז געווען פאַכטמאַן. מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן האָט ער גוט באַטראַכט דעם פאַרשוין און האָט איבערגעפרעגט:

— ווי הייסט איר?

— מאָזעס אָפּענהיים.

— וואָס זאָגט איר? מאָזעס אָפּענהיים איז דאָך געשטאָרבן.

— קענען דען אין שטאָט נישט זיין צוויי מענטשן מיט דעם זעלבן נאָמען? — האָט זיך דער פאַרשוין נישט פאַרלוירן.

— הער פאָרזיצער, דאָס איז נישט מאָזעס אָפּענהיים — האָט זיך פאַכטמאַן געווענדט צום פאָרזיצער — איך האָב דעם דאָזיקן מענטש גוט געקענט, ווייל ער איז געווען מיין קליענט. מיט אַ חודש צוריק איז ער געשטאָרבן. איך ווייס עס גאַנץ זיכער. איך בין אַליין געווען אויף זיין לוויה.

דער פאַרשוין, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס מאָזעס אָפּענהיים, האָט גענומען טומלען.

— וואָס הייסט כ'בין נישט מאָזעס אָפּענהיים? כ'וועל אייך ווייזן — האָט ער געדראָט פאַכטמאַנען, — אַז כ'בין דווקא יאָ אָפּענהיים.

— באַרואיקט זיך — האָט אים דער פאָרזיצער גערופן צו אָרדנונג.

— קען אייך דאָ עמעץ?

— איך קען אים — האָט זיך אויפגעשטעלט אַ מיטגליד פון דער וואַל־קאָמיסיע — ער הייסט מאָזעס אָפּענהיים.

— פּאַניע מעצענאַסיע — האָט איצט דער פּאָרזיצער געווענדט זיך צו פאַכטמאַנען — ס׳האָבן וואַרשיינלעך געמוזט זיין צוויי מענטשן מיטן זעלבן נאָמען. אָט זעט איר, אַז אַ מיטגליד פון דער וואַל־קאָמיסיע קען דעם דאָזיקן ווײלער.

פאכטמאַן האָט ביטולדיק געשמייכלט.

— ניין, הער פּאָרזיצער. בלויז איין מענטש מיטן דאָזיקן נאָמען איז געווען אין שטאָט. אָט באַלד וועלן מיר הערן. זאָל דער ווײלער זאָגן, וווּ ער וווינט.

— מאַלי רינעק נומער זעקס.

— דאָס איז טאַקע ריכטיק — האָט פאכטמאַן באַשטעטיקט — דער פאַרשטאָרבענער מאָזעס אָפּענהיים האָט געוווינט אונטערן דאָזיקן אַד־רעס. איצט קענט איר לייכט נאָכקאָנטראָלירן אין דעם מעטריקאַל־אַמט און איר וועט זיך איבערצייגן, אַז דער דאָזיקער מענטש איז טאָקע גע־שטאָרבן.

דער פּאָרזיצער האָט אויסגעשאָסן מיט כעס:

— זאָגט איר, הייסט עס, אַז דער מיטגליד פון דער וואַל־קאָמיסיע איז אַ פאַלשער עדות? האָ?

— דאָס קען איך נישט זאָגן בפירוש — האָט פאכטמאַן רואיק געענטפערט — ווייל ס׳קען אויך מעגלעך זיין, אַז ער האָט אַ טעות. פונדעסטוועגן פאָדער איך, אַז דער ווײלער זאָל נישט צוגעלאָזט ווערן צום אָפּגעבן די שטימע.

— די וואַל־קאָמיסיע וועט וועגן דעם באַשליסן — האָט דער פּאָר־זיצער געענטפערט מיט כעס.

נאָך אַ קורצער באַראַטונג האָט ער געמאָלדן: די וואַל־קאָמיסיע האָט באַשלאָסן אָנצונעמען דאָס גבית־עדות פונעם קאָמיסיע־מיטגליד, וועל־כער האָט באַשטעטיקט די אידענטיטעט פון מאָזעס אָפּענהיים. על כן ווערט מאָזעס אָפּענהיים צוגעלאָזט צום שטימען.

פאכטמאַן האָט זיך נישט געלאָזט אַרויספירן פון גלייכגעוויכט.

— אייער באַשלוס — האָט ער געזיפצט די ווערטער — איז נישט קיין לעגאַלער. אויב ס׳איז אין שטאָט פאַראַן אַן עווידענץ פון פאַרשטאָר־

בענע, איז אייער חוב קודם־כל נאָכצוקוקן אין דער דאָזיקער עווידענץ. אויב איר האָט עס נישט געטאָן...

— איר וועט אונדז נישט לערנען! — האָט אים דער פּאָרזיצער אי־בערגעהאַקט — צום צווייטן מאָל ווערט איר גערופן צו אָרדנונג, ד"ר פאַכטמאַן. ביים דריטן מאָל וועט איר פאַרלאָזן דעם זאַל.

אויפן זאַל האָט זיך דערוויל אָנגעזאַמלט אַ גרויסער עולם ווײַלער און מען איז ווידער צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. נאָך אַ קורצער צייט האָט פאַכטמאַן ווידער פּראָטעסטירט:

— הער פּאָרזיצער! אַט שטייען דאָ פיר ווײַלער, וועלכע איך קען זייער גוט. איך ווייס, ווי אַזוי ס'הייסט אַ יעדער פון זיי. פונדעסטוועגן אַרט דאָס זיי גאָרנישט און אַט קענט איר באַלד פעסטשטעלן, אַז אַלע פיר גיבן אָן פאַלשע נעמען. די נעמען, וועלכע זיי גיבן אָן, זענען נעמען פון פאַרשטאָרבענע. אויף מיר מאַכט עס אָן איינדרוק, ווי אַ געוויסע פּאָליטישע גרופּע זאָל האָבן באַשלאָסן צוצופירן צו דער וואַל־אורנע דעם גאַנצן בית־עולם — האָט פאַכטמאַן געחוזקט — איך וויל אייך טאַקע פרעגן, הער פּאָרזיצער, אויב איר זענט גרייט אויך איצט צו ברעכן די קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטן און צו דערלאָזן די פיר פאַרשוינען צום שטימען?

דער פאַרטרעטער פון סטאַראָסטע איז געוואָרן אָנגעצונדן. זיינע אויגן האָבן געשאָטן מיט רציחהדיקע פונקען. ער האָט געפּאָכעט מיט די הענט, ווי איינער, וואָס האַלט ביים טרינקען זיך.

— וואָס פאַראַ רייד הער איך דאָ? — האָט ער געריעוועט — איר מיינט, אַז עס וועט אייך שטראָפלאָז אָנגיין דאָס וואַרפן רכילות אויף אַ וואַל־קאָמיסיע? מיר האָבן מיטלען קעגן אַזעלכע לייט, ווי איר. איר ווערט אויפגעפאָדערט צו פאַרלאָזן דעם זאַל. דאָקטער פאַכטמאַן, מיר וועלן נאָך שמועסן...

פאַכטמאַן האָט זיך שוין דערנענטערט צו דער טיר. פונעם וועג האָט ער צוגעשריגן:

— מען וועט פון אייך פאָדערן חשבון, הער קאָמיסאַר. איר טאָרט נישט טרעטן מיט די פיס די קאָנסטיטוציע פון דער מלוכה. מיר וועלן זיך טאַקע זען! אויף ווידערזען!

אין דער צייט, ווען אינעם זאַל איז אָנגעגאַנגען דאָס שאַרפע ווער־טער־געפעכט, האָט אין גאַס געהערשט אַ גאַנץ אַנדערע שטימונג. דאָס איינציקע אָפענע טירל, וואָס האָט געפירט צום טעאַטער־זאַל, איז געווען אַרומגעשטעלט דורך די צעוואַקסענע יונגען פון לייזער רייכס חברה. לייזער אַליין איז געשטאַנען ביי דער זייט און האָט מיט די אויגן דורכגעשטאָכן יעדן איינעם, וואָס האָט זיך באַמיט אַריינצוגיין אין טעאַטער־זאַל. ער האָט דעצידירט, וועמען דורכצולאָזן און וועמען נישט. בלויז געציילטע מענטשן זענען דורכגעלאָזט געוואָרן. פאַרשטייט זיך, די גאַנץ זיכערע. אַלע אַנדערע האָט מען צוריקגעהאַלטן ביים טירל און מען האָט זיי געיאָגט צוריק.

— גוט מאָרגן דיר, פסח טרעגער! — האָט לייזער אויף אַ ווייטן מרחק באַגריסט אַ גוטן ברודער — דו ווילסט טאַקע גיין שטימען? ווייס עך וואָס. נאָך וואָס דאַרפסטו עס? גיי בעסער אַהיים און רו זיך אָפּ לעבן דעם ווייב. אַ גאַנצע וואָך אַרבעטסטו, נעבעך, אַזוי שווער, טאָ רו זיך כאָטש היינט אָפּ. וואָס? דו ווילסט דווקא שטימען? ווייס עך וואָס. מ'עט שוין שטימען אָן דיר. גיי, גיי!

פסח טרעגער האָט זיך נישט געלאָזט פאַררעדן די ציין. ער איז געווען אַ גרויסער עקשן און דערצו נאָך האָט ער געטראָגן אַ האָס קעגן יאַנקל פייערשטיינען. האָט ער זיך געשטעלט און האָט געשריגן, אַז ער מוז דווקא אַריינגיין שטימען. אַ פּלוצימדיקער זעץ אין די ריפּן האָט אים אָבער באַלד דערמאָנט, ווו ער געפינט זיך. אַ לעפּישער פאַרשוין מיט צוויי מגושמדיקע ידים האָט אים אָנגענומען ביי די טרעגערישע שטריק, מיט וועלכע ער איז געווען אַרומגעגאַרטלט. נאָך אַ זעץ אין דער צווייטער זייט און דערנאָך אַ שטופּ און פסח איז אַראָפּגעפּלויגן פון די טרעפּלעך, ווי אַ פּעדערל. ער האָט זיך אַ שאָקל געטאָן אין דער לופט און איז אַרויפגעפאַלן אויף דעם המון מענטשן, וואָס האָט זיך דאָ געדרענגט.

אָט אַזוי האָט זיך לייזער נוהג געווען מיטן פשוטן עולם. צו בע־סערע מענטשן האָט ער גערעדט מיט אַן אַנדער שפּראַך.

— פּאַדאַם דאָ נוג, פּאַניע מ'עצעגאַסיע! *) איך ראַט אייך איצט נישט אַריינצוגיין. דער זאַל איז איבערפולט און ס'וועט אייך אויסקומען זייער לאַנג צו וואַרטן. פאַרנאַכט וועט זיין אַ סך בעסער. איבעריקנס

לוינט זיך נישט צו שטופּן. גייט בעסער אַהיים, אָדער כאַפּט זיך אַריבער קיין טרוסקעוויץ. כ׳לעבן, אַ שאָד צו זיצן אין שטאָט ביי אַזאַ שיינעם וועטער.

לייזער איז געווען גערעכט. דער טאָג איז געווען אַ הערלעכער. קיין איין וואָלקנדל איז נישט געווען אויפן הימל. די פרי־זומערדיקע זון האָט מילד געוואַרעמט און אַ קיל ווינטל האָט געטראָגן אנגענעמע ריחות פון די אַרומיקע גערטנער. פונדעסטוועגן האָט זיך דעם „פּאַן מעצענאַס״ נישט געגלוסט צו פאָרן קיין טרוסקעוויץ. לייזערן אויף צו להכעיס האָט ער געוואָלט גיין שטימען. וואָסזשע האָט מען געקענט טאָן מיט אַזאַ עקשן? קיין סך האָט מען נישט געדאַרפט. עס איז גענוג געווען איין גוטער שטופּ פון דער זייט און דער מעצענאַס האָט זיך, פונקט אַזוי ווי פּסח טרעגער, צוזאַמענגעגאָסן מיט דער מעכטיקער מענטשן־מאַסע, וואָס האָט באַלאַגערט דעם אַריינגאַנג אין טעאַטער־זאַל.

דער המון האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. ער האָט פאַרגאָסן די גאַנצע סטריער גאַס און האָט פאַרפלייצט דעם מאַרק־פּלאַץ. ס׳האָבן זיך באַוויזן זשאַנדאַרמען אין גרינע אוניפאָרמען און געלע קאַסקען אויף די קעפּ. זיי זענען פאָרויסגעגאַנגען מיט אויפגעשטעלטע ביקסן און האָבן פונאַנדערגעשטופּט דעם המון, כדי צו מאַכן פריי דעם דורכפאָר אין מיטן פונעם שטראָז.

עס האָט זיך דערהערט אַ ריטמיש קלאַפּן פון טריט. פון דער סטריער גאַס האָט צומאַרשירט אַן אָפּטיילונג מיליטער. אַ יונגער אָבערלייטענאַנט איז געגאַנגען פאָרויס מיט דער אַנטבלויזטער שווערד. נאָך אים די קאָמפּאַניע, אויסגעשטעלטע אין רייען צו פיר מאַן, ווי אַ קליין האָבן זיי זיך אַריינגעשלאָגן אינעם המון און אים פונאַנדערגעטיילט אויף צוויי צעברויזטע שטראָמען.

— קאָמפּאַני, האַלט! — האָט דער אבערלייטנאַנט קאָמאַנדעוועט.

— געווער ביי פוס! — איז געווען דער צווייטער באַפעל — רוט! קאַלטע סאָלדאַטישע אויגן האָבן זיך דורכגעקוקט מיט צעשמייכלטע

*) — כ׳פאַל צו אייערע פיס, הער אַדוואָקאַט! (אַ מין פון העפלעכער באַגריסונג, וואָס פלעגט גענוצט ווערן אַמאָל אין גאַליציע).

און נייגעריקע בליקן פון דער ציווילער מענטשן־מאַסע. ס׳איז געווען שטיל.

פון דער ווייטנס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּעריי פון אַ סך פערדי־שע קאָפּיטעס. פון הינטערן רויטן געריכט־בנין האָבן זיך באַלד אויסגע־שיילט פערדישע געשטאַלטן מיט רייטנדיקע סאָלדאַטן. אַן אָפּטיילונג קאַוואַלעריע האָט זיך פון הינטן אָנגעשלאָסן צו דער שטייענדיקער פוס־גייער־קאָמפּאַניע.

דער המון איז כסדר געוואַקסן. דער גאַנצער מאַרק־פּלאַץ איז שוין געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. פון אַלע פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט קעפּ. די באַלקאָנען פון די הייזער זענען געווען איבערפולט. פונעם דאַ־זיקן זעלטענעם בילד איז די שטאָט געווען פאַרוווּנדערט.

— וואָס טוט זיך?

— מען לאָזט נישט צו צו די וואַלן. יאַנקל פייערשטיין האָט אָוועק־געשטעלט זיינע „באַציארן“ *) און זיי פאַרטרייבן יעדן איינעם, וועלכער געפעלט זיי נישט.

אַזוי האָט מען צווישן זיך געשמועסט און די אויפרעגונג איז גע־וואַקסן פון מינוט צו מינוט.

— וואָס הייסט מען לאָזט נישט צו? שטייט דאָך געשריבן, אַז די וואַלן זענען אַלגעמיינע און דעמאָקראַטישע. יעדער בירגער האָט דאָס רעכט און דעם חוב צו קומען און אָפּצוגעבן זיין שטימע.

— מענטשן, הייבט בעסער נישט אָן. ס׳שטייט מיליטער און זיי האָבן געלאָדענע ביקסן. ס׳וועט, חלילה, זיין אַן אומגליק.

— יאָ, אמת. נאָך וואָס האָבן זיי טאַקע אַראָפּגעברענגט מיליטער? ס׳וועט גלייכער זיין אַוועקצוגיין און זאָל ער, יאַנקל, זיין די כפרה פאַר דער גאַנצער שטאָט.

— מ׳זעט דאָך בפירוש. דאָס מיליטער איז געקומען, כדי צו באַ־שיצן פייערשטיינס חברהלייט. לאָמיר אַוועקגיין!

פוענדעסטוועגן איז קיינער נישט אַוועקגעגאַנגען. דאָס געפיל פון מענטשלעכער נייגיריקייט האָט זיך נישט געלאָזט גובר זיין. נאָך אַ מי־

---

*) שקצים.

נוטקעלע בלייבן און זען, וואָס ס׳וועט זיין דער סוף. ס׳איז דאָך ניט מעגלעך, אַז זיי זאָלן האַלטן די טיר פאַרשפּאַרט דעם גאַנצן טאָג.

פון דער סאמבערער גאַס האָבן זיך דערטראָגן קולות, לכתחילה אָפּגעריסענע אויסרופן פון אַ סך מענטשן און דערנאָך לאַנג־דויערנדיקע שטורמישע געשרייען, אין וועלכע ס׳האָבן זיך אַריינגעמישט טענער פון אַ ווילדן געזאַנג.

— וואָס איז דאָס?

— מ׳שלאָגט דאָרט אפשר עמעצן?

— ניין. ס׳מוז ווידער זיין אַ דעמאָנסטראַציע.

ס׳איז טאַקע געווען אַ דעמאָנסטראַציע. יאַנטשאלעק, אַ יונגער נאַטאר־אַפּליקאַנט, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער סאָציאַליסטישער יוגנט, האָט איינגעאָרדנט אַ דעמאָנסטראַציע איבערן סאמבערער וועג. אַ סך גויישע אַרבעטער זענען אַרויס אין געשלאָסענע רייען. זיי זענען צוגעגאַנגען צו פייערשטיינס הויז און דאָרט האָבן זיי גערופן:

— פאַרוואָס לאָזט מען אונדז נישט שטימען? מיר פאָדערן אונדזערע בירגערלעכע רעכט!

מען האָט זיי געהערט ווי דעם קאָטער. פייערשטיין אַליין איז נישט געווען אין דער היים און ווען ער וואָלט אפילו יאָ געווען, וואָלט ער זיך ווייניק וואָס דערשראָקן פאַר יאַנטשאלעקס דעמאָנסטראַציע. אָבער יאַנטשאלעק איז געווען שטאַרק צופרידן פון זיין אָפּגעטוענער אַרבעט. ער האָט צוריקגעפירט זיין צוג צום מאַרק־פּלאַץ. די אַרבעטער האָבן נישט אויפגעהערט צו געוואַלדעווען. זיי האָבן געזונגען דעם „טשערוואָני שטאַנדאַר״ *).

אַרום דעם טעאַטער־זאַל איז דער המון פון פאסיווקייט אַריבערגעגאַנגען צו אַגרעסיווער אַקטיווקייט. די ידיעות, וואָס מען האָט זיך איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, האָבן פאַרשטאַרקט די אויפרעגונג. מען האָט געזאָגט, אַז אינעם זאַל זענען דאָ בלויז יאַנקלס חברהלייט און יעדער פון זיי גייט צו צום וואַל־טישל וויפל מאָל ער וויל נאָר. יעדעס מאָל מעלדט ער זיך אונטער אַן אַנדערן נאָמען און תיכף גיט ער אָפּ די שטי־

---

*) הימן פון די פוילישע סאָציאַליסטן.

מע. די וואַל־קאָמיסיע אַליין, האָט מען דערציילט, טוט נישט קיין אַנ־דערע זאַך, רק זי שיכורט. יאַנקל פייערשטיין האָט צוגעשטעלט אַ סך בראָנפן פון דער פּראָפּינאַציע און די קאָמיסיע־מיטגלידער לעבן דאָרט אַ פריילעכן טאָג.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורעם אויפן טירל צום טעאַטער־זאַל. דער שטורעם איז געקומען אַזוי פּלוצימדיק, אַז לייזער רייך האָט קוים באַוויזן צוזאַמענצורופן זיינע באַהעלפערס און איינצוהאַלטן די צע־ברויזטע מענטשלעכע כוואַליע. אַביסל מענטשן האָבן זיך דורכגעריסן. דרייסטערע זענען געשפּרונגען איבערן אייזערנעם צוים, וואָס איז פון אויבן געווען באַשלאָגן מיט שאַרפע נעגל.

אין יענעם מאָמענט איז יאַנקל פייערשטיין אַליין געזעסן אין צווייטן צימער פון דעם אַגיטאַציע־ביוראָ. ער האָט כלומרשט אַריינגעקוקט אין די ווילער־רשימות, אָבער זיינע מחשבות זענען גאַנץ ווייט געווען פון די נעמען, וואָס זענען שורותווייז געווען אויסגעשטעלט אויף די רשימות. ער האָט איצט בפירוש געזען, אַז זיין לאַגע איז אַ זייער שווערע און אַז ער איז דורכגעפאַלן מיט זיינע אַלע פּלענער און אויסרעכנונגען. גע־רעכנט האָט ער, אַז דער עולם וועט פונקט ווי אַלע מאָל בלייבן אַ גולם. מענטשן וועלן זען, אַז מען לאָזט נישט אַריין, וועלן זיי אַוועקגיין. אי־בער וואָס גייט מען זיך דען דאָ אַמפּערן? ס'איז דען אַ לעבנס־פראַגע, צי אַ פּרנסה־ענין? נישט מער ווי וואַלן. איז וואָס? יאָ געשטימט צי נישט געשטימט, בלייבט מען דאָך סיי־ווי דער זעלבער קבצן. לוינט זיך דען פּטרן צייט און כוחות אויף אַזאַ נאַרישקייט?

אַזוי האָט יאַנקל גערעכנט, אָבער ער האָט זיך ביטער פאַררעכנט. דער עולם האָט, ווייזט אויס, נישט געוואָלט בלייבן אַ גולם. אַ סימן, ער האָט זיך פאַרעקשנט און וויל נישט אַוועקגיין. זיכער איז עס די אַרבעט פון די ציונים, וואָס העצן אים אונטער. יאָ, יאָ, די ציונים. אין אַלעמען זענען זיי דאָך שולדיק. זיי און נאָר זיי!

פונדעסטוועגן דאַרף מען איצט זוכן עפּעס אַן עצה. צוריקציען זיך און פריי לאָזן דעם אַריינגאַנג אין טעאַטער־זאַל? אויף דעם איז שוין צו שפּעט. די מענטשן זענען איצט אויף אַ רעכטן אמת אויפגעבראַכט אויף יאַנקלען. אויב ער האָט נאָך געקענט רעכענען אויף אַביסל שטימען פון

זייטיקע מענטשן, ווייסט ער שוין איצט בפירוש, אַז אויב מען וועט פרייּ לאָזן דעם וועג, וועלן איצט אַלע שטימען קעגן אים. ווייזט אויס, אַז דער גאַנצער פּלאַן איז נישט געווען קיין ריכטיקער. אָבער דאָס איז דאָך איצט נישט די פראַגע. די פראַגע איז, ווי אַזוי מען ציט זיך צוריק כאָטש מיט אַביסל כבוד? יאָ, ס'איז פאַראַן אַ פּלאַן. מ'קען איבעררייסן די היינטיקע וואַלן, פּסלען זיי און אויסשרייבן נייע וואַלן. ביז צו די נייע וואַלן וועט מען זוכן אַנדערע מיטלען. יאָ, דאָס איז טאַקע אַ פּלאַן.

יאַנקל איז געזעסן אויפן בענקל און האָט דורכן פאַרמאַכטן פענצ־טער אַרויסגעקוקט אויפן קליינעם סמאלקי־פּלאַץ. זיין אויג האָט זיך אָנ־געשטויסן אויף אַ ים פון מענטשלעכע קעפּ, אָנגעפּראָפּט אַזוי געדיכט, אַז מען וואָלט צווישן זיי נישט געקענט אַריינשטעקן קיין שפּילקע. די מאַסע האָט געברומט, געשריגן, געשטורעמט.

יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיך תיכף זען מיטן סטאַראָס־טע. צוזאַמען וועט לייכטער זיין צו געפינען אַן עצה. אַ שווערלייביקער האָט ער זיך אויפגעשטעלט און האָט מיט דער האַנט צוגעגלעט זיינע שוואַרצע האָר. ער איז אַרויס אין גאַס און האָט זיך גענומען שטופּן צווישן דעם המון. באַלד האָט מען אים דערקענט און אַ בייזער געברום איז אַדורך איבער די מענטשלעכע קעפּ. יאַנקל האָט נישט געלייגט אויף דעם קיין אַכט. מיט זעלבסטזיכערקייט האָט ער זיך געשטופּט ווייטער.

— אַ יאָג אין דער זייט! דערלאַנגט אים דאָרט, דעם משומד! —

האָט אַ הייזעריקע שטימע גערופן פון דער ווייטנס.

יאַנקל האָט זיך פון אַלע זייטן אָנגעשטויסן אויף פיינטלעכע בליקן. פונדעסטוועגן האָט קיינער נישט געוואַגט אים אָנצורירן. די פּופּציק שריט, וועלכע ער האָט געדאַרפט דורכמאַכן, כדי זיך אַרויסצובאַקומען אויף דער סטריער גאַס, ווו די זשאַנדאַרמען האָבן געהיטן דעם פרייען דורכ־גאַנג, האָבן אים געקאָסט אַ סך כוח און אָנשטרענגונג. אַ פאַרשוויצ־טער האָט ער זיך אַרויסבאַקומען פונעם געדרענג און איז צוגעגאַנגען צו אַ זשאַנדאַרם. ער האָט זיך געהייסן צופירן צום טעאַטער־זאַל.

יאַנקל האָט אויסגעמיטן דעם גרויסן זאַל, ווו ס'איז געזעסן די קאָ־מיסיע. ער איז גלייך אַריין אין דעם צווייטן צימער. דאָרט איז געזעסן דער סטאַראָסטע מיט נאָך עטלעכע פּריצים און מען האָט זיך דערכאַפּט

דאָס האַרץ מיט אַ גלעזל משקה. ביים סטאַראָסטע האָבן די אויגן גע־גלאַנצט און אַ געדיכטער ווערטער־שטראָם האָט זיך געגאָסן פון זיין מויל. ווייזט אויס, אַז ער איז שוין געווען גוט בגלופין און ער האָט גע־וואָלט עפּעס געבן צו פאַרשטיין זיינע מיטזיצערס.

יאַנקל איז געבליבן שטיין ביי דער טיר און האָט באַטראַכט דאָס געזעמל. דער סטאַראָסטע האָט אים דערזען און איז צו אים צוגעלאָפן מיט אַ פול גלעזל אין דער האַנט.

— נעמט אַ כוסה, פּאַניע פייערשטיין. לאָמיר אויסטרינקען לכבוד אונדזער זיג.

— נאָך ווייט צום זיג — האָט יאַנקל קאַלט אָוועקגעשטופּט דעם סטאַראָסטעס אויסגעשטרעקטע האַנט — און בכלל איז איצט נישט די צייט צום טרינקען. איר ווייסט, וואָס ס׳טוט זיך אין גאַס, פּאַניע סטאַ־ראָסטע.

— איך ווייס, איך ווייס. צוליב דעם טאָקע האָב איך אַרויסגערופן צוויי קאָמפּאַניעס מיליטער. זיי וועלן שוין זאָרגן, אַז ס׳זאָל זיין שטיל — האָט ער ווילד־ונגעריש געשמייכלט.

— אַ גליקלעכער מענטש זענט איר, פּאַניע סטאַראָסטע — האָט יאַנקל רחמנותדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ — ווייסט איר פאַרוואָס? וויל איר פאַרשטייט גאָרנישט. אויב ס׳וועט אפילו געלונגען אויסצומיידן איב־צידענטן, מיינט איר, אַז די וואָלן וועלן אַנערקענט ווערן? די דעמאָנ־סטראַציע איז צו גרויס און אונדזערע קעגנער וועלן אויפשטורעמען די גאַנצע פּרעסע. די הויפּט־קאָמיסיע וועט סיי־ווי מוזן פּסלען אונדזערע וואַלן.

— אַזוי מיינט איר, פּאַניע פייערשטיין? וואָסזשע דאַרפן מיר טאָן?

— מיר דאַכט זיך, אַז ס׳וואָלט געווען ריכטיקער, מיר זאָלן אַליין איבעררייסן די וואַלן. מ׳קען זאָגן, אַז צוליב די דעמאָנסטראַציעס און די שולד וועט מען אַרויפוואַרפן אויף אונדזערע קעגנער.

אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר און ס׳האָט זיך אַריינ־געשאַרט איינער פון די ווילדע יונגען. ער איז צוגעגאַנגען צו יאַנקלען און אים שטיל עפּעס אַריינגערוימט אין אויער אַריין. יאַנקל איז אויפגע־שפּרונגען.

— זיי מאַכן חרוב אונדזער אַגיטאַציע־ביוראָ!

אַלע זענען אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. דורכרייסן זיך אויף דער צווייטער זייט סטריער גאַס האָט מען נישט געקענט. יאַנקל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים אייזערנעם פּאַרקאַן אַ טריט לעבן דעם טירל. לייזער מיט זיינע חברהלייט זענען געשטאַנען ביי דער זייט. דאָס טירל איז איצט געווען פאַרמאַכט און אַרומגעשטעלט דורך זשאַנדאַרמען.

די גאַס האָט געברויזט ווי אַ ים בעת אַ שטורעם־ווינט. דער המון האָט זיך צעוויגט ווי אַן אויפגעשטורעמטע כוואַליע. באַלד האָט ער זיך געטאָן אַ שטויס פאָרויס, צום סמאלקי־פּלאַץ צו און באַלד האָט ער מיט אימפּעט זיך צוריקגעוויגט, ווי ער וואָלט אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד. אַ מעכטיק געשריי פון טויזנטער מענטשן איז געהאָנגען אינעם חלל:

— הווו... הווו... הווו...!

פון זיין פּלאַץ, הגם אַביסל אין דער הויך, האָט יאַנקל נישט געקענט זען, וואָס ס׳טוט זיך ביים אַגיטאַציע־ביוראָ. מ׳האָט אים אָבער צוגעטראָגן.

— אַ מחנה לאָבוזעס ווילדעוועט אין ביוראָ.

— אַלע פּאַפּירן זענען אַרויסגעפלויגן דורכן פענצטער.

— מ׳ברעכט טישן און בענק.

באַלד האָט אויך יאַנקל פון זיין פּלאַץ דערזען אַן אויסטערלישע זאַך. איבער די קעפּ פונעם המון זענען צוויי מענטשלעכע געשטאַלטן געפלויגן ווי באַלן. דאָס זענען געווען יאַנקלס צוויי באַאַמטע, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו באַהאַלטן זיך באַצייטנס. דער אויפגערעגטער המון האָט צו זיי אויסגעלאָזט דאָס בייזע האַרץ. דורכן אויפגעהאַקטן פענצטער האָט מען זיי אַרויסגעשליידערט אין גאַס, איבער די קעפּ פון דער מענטשן־מאַסע. ווו זיי זענען געפאַלן האָבן זיך באַלד אויפגעשטעלט פרישע הענט און זיי געוואָרפן ווייטער. אויף אַזאַ אופן האָט מען זיי ווי שפּילעכלעך אַרומגעשליידערט איבערן גאַנצן סמאלקי־פּלאַץ. פונעם דאָזיקן שפּיל זענען די צוויי באַאַמטע אַרויס מיט גוט אונטערגעהאַקטע זייטן.

זשאַנדאַרמען האָבן זיך ענערגיש אַ נעם געטאָן צום פונאַנדערטרייבן דעם המון. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ קאַמף־ליניע און די ביקסן

מיט אַרויפגעקלאַפּטע באַגנעטן אויסגעשטרעקט אַנטקעגן דעם המון. אַזוי זענען זיי פאַרויסגעגאַנגען און האָבן דעם המון געשטופּט אויף צוריק. בעת מעשה האָבן זיי געטיילט געדיכטע קלעפּ מיט די קאָלבעס און האָבן געשריגן:

— פונאַנדערגיין זיך! פונאַנדערגיין זיך!

די זשאַנדאַרמען האָבן אָבער וויניק וואָס אויפגעטאָן. ס'איז זיי גע־לונגען אָוועקצושטופּן דעם המון פון איין זייט פּלאַץ. זיי האָבן אָבער גע־מוזט פאַרויסגיין און אַזוי אַרום האָבן זיי הינטער זיך איבערגעלאָזט אַ פרייען פּלאַץ. די מענטשלעכע כוואַליע האָט ווידער פאַרגאָסן דעם דאָ־זיקן פּלאַץ און די זשאַנדאַרמען זענען ראַטלאָז שטיין געבליבן אין מיטן פונעם המון, וועלכער האָט זיי פאַרגאָסן פון אַלע זייטן.

דערווייל האָט זיך דערטראָגן אַ פרישע ידיעה: דער הילצערנער בנין פונעם טעאַטער־זאַל ברענט!

דער פאַרטרעטער פונעם סטאַראָסטע, וועלכער האָט אַמטירט אַלס פאָרזיצער פון דער וואַל־קאָמיסיע, איז אַרויסגעלאָפן פונעם זאַל. פאַרשי־כורט פון שרעק האָט ער גערופן אויפן הויכן קול:

— די געביידע ברענט! זיי האָבן אונטערגעצונדן! פייער!!

דער טומל איז שוין איצט געווען אַזוי גיהנומדיק, אַז מען האָט גאָרנישט מער געהערט. אַ רגע שפּעטער האָט די בלאַנקענדיקע שווערד פונעם אָבערלייטענאַנט, וועלכער איז ביז איצט רויק געשטאַנען בראש פון זיין קאָמפּאַניע, אַ פינקל געטאָן אין דער לופט, הויך איבער די קעפּ פונעם המון. באַלד נאָך דעם האָט אַ שיסעריי פאַרטויבט דעם חלל, דריי מעכטיקע סאַלוועס האָבן אָפּגעהילכט מיט אַ ווייטן ווידערקול.

— פאַלן צו דער ערד! מ'הרגעט! רחמים!

דער המון האָט זיך אַ וויג געטאָן, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט זיך צוקלעפּן צו דער ערד. ס'האָט אָבער געדויערט נישט מער ווי עטלעכע רגעס, ווייל באַלד איז געקומען אַ צווייטע סעריע פון סאַלוועס. מיט דער זעלבער אימהדיקער געקנאַלעריי, מיט דעם זעלבן רוגזהדיקן ווידערקול.

אויף דער צווייטער זייט סטריער גאַס, ביי דער טיר פונעם אוקראַי־נישן קאָאָפּעראַטיוו איז געשטאַנען אַן עלטערער רוטענער. מענטשן האָבן אים געקענט. ער האָט געהייסן טאַטאַרסקי און איז געווען דער פאָטער

פון דריי זין, אַקטיווע אָפּיצירן פון דער עסטרייכישער אַרמיי. איז ער ביי זיך געווען דרייסטער, ווי יעדער אַנדערער פּשוטער בשר ודם. ער האָט פאַרהאַלטן אַ דורכלויפנדיקן זשאַנדאַרם און אים אַריינגעזאָגט:

— רוצחים! וואָס טוט איר? איר הרגעט דאָך מענטשן!

דער זשאַנדאַרם איז מיט רציחה צוגעלאָפן צו טאַטאַרסקין און אים אַריינגעשטאָכן דעם באַגנעט גלייך אין האַרץ אַריין.

אַ בהלה האָט געהערשט אין גאַס. אַ לויפעניש און אַ שפּרינגעניש. איבער מענטשלעכע קערפּערס, איינער איבערן צווייטן האָט דער יחיד געזוכט אַ וועג צו ראַטעווען זיך פונעם פייער. אין געציילטע מינוטן איז פונעם המון נישט געבליבן קיין זכר. פון דער ווייטנס האָבן זיך נאָך געהערט בהלהדיקע געשרייען און אַ געקלאַפּעריי פון לויפנדיקע טריט. פון דער נאָענט קרעכצן פון פאַרוווּנדעטע. געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע מענטשן האָבן זיך געוואַלגערט אומעטום. רעטונגס־אַמבולאַנסן האָבן זיך געיאָגט. מענטשן אין ווייסע קיטלען האָבן זיי אויפגעהויבן און געטראָגן צו די אַמבולאַנסן. אין דעם טאָג האָט מען אָנגעציילט דרייסיק טויטע און נייגציק פאַרוווּנדעטע.

דער בנין פון טעאַטער־זאַל איז נישט אָפּגעברענט געוואָרן. די וואַל־קאָמיסיע האָט נאָך דער שיסעריי פאַרגעזעצט די אַרבעט. קיין נייע ווייַלער זענען שוין נישט געקומען און די קאָמיסיע האָט צוגעוואַרט ביזן אָוונט אָן אַ שטאָך אַרבעט. אין אָוונט האָט מען צוזאַמענגעשטעלט דעם וואַל־אַקט. ד"ר נתן לעווענשטיין איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט. די הויפּט וואַל־קאָמיסיע האָט די וואַלן נישט געפּסלט, בלויז לעווענשטיין אַליין האָט דערקלערט, אַז ער נעמט נישט אָן ־עם מאַנדאַט. ער וויל נישט קיין מאַנדאַט, דורכגעווייקט מיט מענטשלעך בלוט.

יענעם אָוונט נאָך די טראַגישע וואַלן האָט עמעץ אויסגעשלאָגן אַלע שויבן אין יאַנקל פייערשטיינס הויז. דראָהאָביטשער בעלי־בתים האָבן צומאָרגנס טרויעריק געשאָקלט מיט די קעפּ.

— וואָס זענען די שויבן שולדיק? יאַנקלען האָט מען געדאַרפט אַזוי אויסשלאָגן די ציין און די אויגן.

אָבער יאַנקלען האָט קיינער נישט געזען. ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן גלייך נאָך די אָפּגעגעבענע סאַלוועס און מער האָט ער זיך נישט געוויזן.

כה.

דער קיניג איז געשטאָרבן

פיל לעגענדעס זענען אויסגעוועבט געוואָרן אַרום דער געשעעניש פון יוני 1911. אַ לאַנגע צייט האָט מען וועגן אים גערעדט און געשריבן נישט בלויז אין גאַליציע, נאָר איבער דער גאַנצער וועלט. דראָהאָביטש האָט דעם דאָזיקן טאָג קיינמאָל נישט פאַרגעסן. עס זענען פאַרפאַסט געוואָרן לידער, וואָס זענען דורך דער יידישער יוגנט געזונגען געוואָרן נאָך מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער. איין ליד, דאָס סאַמע פּאָפּולערסטע, האָט געהייסן „חנהלע" און האָט זיך אַמלענגסטן דערהאַלטן אינעם זכרון פון פאָלק. עס איז געזונגען געוואָרן מיט אַ טרויעריקן ניגון און מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

חנהלע איז צו דער אַרבעט געגאַנגען,
זי האָט פון גאָרנישט געוווסט.
פייערשטיין האָט אַרויסגעשיקט די קאָמאַנדע
און האָט חנהלען דערשאָסן אומזיסט.

ברידער, מיר טאָרן דאָס נישט פאַרשווייגן.
דיין גייסט שוועבט און לעבט אויף דער וועלט.
אין גאָלדענע ביכער וועלן מיר דיך פאַרשרייבן,
ביסט דערשאָסן געוואָרן ווי אַ העלד.

יענער טאָג האָט ענדגילטיק געחתמעט דעם סוף פון פּייערשטיינס פּאָליטישן דרך. ער איז אַראָפּ פון דער עסטראַדע מיט אַ קין־צייכן אויפן שטערן. ער איז פאַרשאָלטן און פאַרדאַמט געוואָרן דורך זיינע לאַנדסלייט און זיין אייגן געוויסן האָט אים געפּייניקט ביז צו די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן.

תיכף נאָך דער מהומה, ווען איבער דער שטאָט האָט זיך צעלייגט די אומהיימלעכע, בית־עולמדיקע שטילקייט, איז יאַנקל פייערשטיין נעלם געוואָרן. ווייזט אויס, אַז במשך פון עטלעכע טעג האָט ער זיך ערגעצווו געמוזט אויסבאַהאַלטן, וואָרום אין ווין האָט ער אויפגעטויכט ערשט אי־נעם זעקסטן טאָג נאָך דעם בלוטבאָד. ער האָט זיך באַמיט, אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוויסן וועגן זיין קומען קיין ווין. צוליב דעם איז ער נישט איינגעשטאַנען אין האָטעל, נאָר אין אַ פּריוואַטער דירה פון אַ גוטן פריינט.

די ווינער ציוניסטישע יוגנט האָט אָבער פון ערגעצווו באַקומען די ידיעה, אַז יאַנקל איז דאָ אין ווין. זיין אַדרעס איז שווער געווען אויסצו־געפינען. צו יאַנקלען זענען דערגאַנגען ידיעות, אַז עס ווערט אויף אים צוגעגרייט אַן אַטענטאַט. ער האָט געלעבט אין כסדרדיקער שרעק פאַרן דאָזיקן אַטענטאַט, אויף וועלכן ער האָט זיך געריכט יעדע מינוט.

פונדעסטוועגן האָט ער נישט געקענט איינזיצן אין שטוב. אַן אינער־לעכער אומרו האָט אים אַרומגעיאָגט איבער דער שטאָט. ער האָט גע־פילט ממש, אַז אין דער איינזאַמקייט וועט ער אַראָפּ פון זינען.

מיט אַ וואָך שפּעטער האָט ער דורך אומוועגן באַקומען אַ גרוס פון זיין פעטער, משה גאַרטענבערג. יענער האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט, הלמאי יאַנקל געפינט זיך שוין אַזוי לאַנג אין ווין און ער קומט אים נישט זען. פונעם פעטערס גרוס איז יאַנקל ווייניק נתפּעל געוואָרן. ער האָט זיך איצט געפילט שולדיק אַנטקעגן דער גאַנצער וועלט און באַזונ־דערס אַנטקעגן משהן, וועלכער פלעגט אים שטענדיק וואָרענען, אַז פון דער פּאָליטיק וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען.

יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז דער באַזוך ביי משהן וועט אים נישט אויסמיידן. האָט ער זיך גענומען אין די הענט און איז צוגעפאָרן צו משהן. ווען ער האָט אָנגעקלונגען אין משהס ווילע, האָט אַ דינער געעפנט די טיר און אים אַריינגעפירט אין אַ קליינעם סאַלאָן. יאַנקל האָט דער־לאַנגט דעם דינער אַ וויזיט־קאַרטע און יענער איז מיט שטילע טריט אַריינגעגאַנגען אין אַ צווייטן צימער. באַלד איז ער צוריקגעקומען און אַן איינגעבויגענער אין צווייען האָט ער פאַר יאַנקלען געעפנט אַ טיר און אים געבעטן אַריינצוגיין.

יאַנקל האָט דעם פּעטער געטראָפֿן זיצן אין אַ גרויסער וויג־שטול אַנטקעגן אַ ברייט־צעעפֿנטן פֿענצטער, מיט אַן אַרויסקוק אויף אַ שאָטנ־דיקן פּאַרק. פֿאַרשיכּורנדיקע ריחות פֿון פֿריש־צעבליטע לינדן האָבן גע־זעצט פֿונעם פֿענצטער. יאַנקל האָט באַגריסט דעם פּעטער און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקלביים סאַמע פֿענצטער. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויפֿן פּאַרק, אויף די אַלטע קאַשטאַן־ און לינדן־ביימער און אויף דער בלויער סטעזשקע פֿונעם דאנאו־טייך, וואָס האָט זיך געשלענגלט צופֿוסנס פֿונעם פּאַרק.

— ברוך הבא, יאַקאָב. — משהס אויגן האָבן געשמייכלט. זיין אויסגע־שטרעקטע האַנט איז געווען אויסגעדאַרט און באַדעקט מיט בלוי־אָנגעלאָ־פֿענע אָדערן.

— שלום עליכם, אַנקל. — האָט יאַנקל געדריקט משהס האַנט — וואָס איז, איר פֿילט זיך טאַקע שוואַך?

יאַנקל האָט באַמערקט, אַז משה האָט זיך במשך פֿון דער צייט, ווען ער האָט אים נישט געזען, שטאַרק געעלטערט. זיצנדיק אויף דער שטול אין זיין טונקל־רויטן זיידענעם שלאָפֿראָק מיט די שטוב־לאַטשן אויף די באָרוועסע, אויסגעטריקנטע פֿיס, האָט ער אויסגעזען ווי אַ טיפֿער זקן, וועלכן עס פֿאַרלאָזן שוין די כּוחות. די הויט אויף זיין פּנים האָט זיך גע־רונצלט און געקנייטשט. זיין קיילעכדיקע באָרד פֿון מעשענעם קאָליר איז געדיכט דורכגעוועבט געווען מיט זילבערנע פֿעדעם.

— כ׳פֿיל זיך נישט מיט אַלעמען — האָט משה געזאָגט — דו ווייסט דאָך, יאַקאָב, יאָרן לאָזן זיך נישט באַהאַלטן. זיי מאַכן דאָס זייע־ריקע.

— נו, ס׳האַלט נאָך נישט אַזוי ווייט. איר דאַרפֿט פֿרעגן אַ דאָק־טער.

משה האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: ווייס איך וואָס, דאָקטער היינט, דאָקטער מאָרגן. ס׳איז סיי־ווי נאָך אַלעמען.

— וואָסזשע הערט זיך ביי דיר, יעקבֿ? ווי גייען די געשעפֿטן? דער־צייל עפּעס פֿון דאָרט.

פֿון דאָרט האָט געמיינט פֿון דער היים, פֿון יענעם פֿאַרכּישופֿטן לאַנד, וואָס איז שטענדיק געווען איינגעהילט אין אַ דינעם רויך־שלייער

און ווו די לופט איז אָנגעפולט געווען מיט שאַרפע ריחות פון ערד־גאַז און פאַרברענטער שוועבל.

יאַנקל האָט אָנגעהויבן צו דערציילן. ער האָט דערציילט וועגן געשעפטן, אויפטוען און רווחים. משה האָט מיט גרויס פאַראינטערעסירונג אויסגעהערט יאַנקלס באַריכט. ער האָט איבערגעפרעגט און געבעטן אויפקלערונגען וועגן פאַרשידענע ענינים, וועלכע זענען באַרירט געווען אין די געשריבענע באַריכטן, וואָס יאַנקל פלעגט שטענדיק פון צייט צו צייט משהן אַריינשיקן.

— דיינע באַריכטן וועגן אונדזערע געשעפטן זענען זייער פיינע, יאַקאָב. וויפיל, דענקסטו וועט באַטרעפן אונדזער ריינע הכנסה פאַרן לעצטן יאָר?

— כ׳קען אייך, אָנקל, נאָך נישט אָנגעבן די ענדגילטיקע ציפערן. די באַלאַנסן זענען נאָך נישט פאַרטיק. איך מיין אָבער, אַז זי וועט אַריבערשטייגן אַ מיליאָן קראָנען.

—נישט שלעכט. גאָרנישט שלעכט.

משה איז געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקער. ער האָט זיינע אויסגעדאַרטע הענט צוזאַמענגעלייגט אויף דער ברוסט און האָט זיך פאַרקוקט אין אַ פונקט אויפן הויכן געשניצטן דיל. יאַנקל האָט אים באַטראַכט פון דער זייט און האָט זיך איבער אים געחידושט.

—וואָס איז פון אים געוואָרן? — האָט יאַנקל געטראַכט — שטענדיק איז ער געווען פול מיט לעבן און אַקטיוויקייט און היינט אַן אויסגעלאָשענער זקן, וואָס אַלץ איז אים גלייכגילטיק און קיין שום זאַך אינטערעסירט אים נישט.

נאָך צוליב אַ סיבה האָט זיך יאַנקל געוווּנדערט איבער דעם מעמד פון זיין פעטער. יאַנקל איז געווען זיכער, אַז ווי נאָר ער וועט זיך באַווייזן פאַר משהן, וועט אים דער לעצטער פאַרוואַרפן מיט פראַגן און פאַרווורפן צוליב דער מעשה מיט די וואַלן. דערווייל האָט משה וועגן דער גאַנצער זאַך נישט געלאָזט פאַלן קיין איינציק וואָרט. איז דען מעגלעך, אַז ער ווייסט דערפון גאָרנישט? אפשר טאַקע יאָ, ווייל משהס טבע איז ווייט געווען פון פאַרשווייגן וואָס נישט איז. צוליב אַ מינדסטער זאַך, וועלכע האָט אים פאַרדראָסן, פלעגט ער תיכף אַרויסגיין מיט לשון. און

נאָך מיט וואָס פאַראַ לשון? דער עיקר צוליבן דאָזיקן נישט געצוימטן לשון איז משהן ביזן היינטיקן טאָג געבליבן דער צונאָמען משה גוי.

משהס שווייגן האָט שוין געדויערט אַ היבשע צייט. ביי יאַנקלען האָט גענומען עגבערן דער געדאַנק, אַז דער אַלטער ווייסט טאַקע נישט פון די וואַלן.

— ווייסט, יאַקאָב — האָט משה פּלוצים גענומען רעדן — אין מיינע יאָרן דאַרף מען שוין מאַכן דעם חשבון הנפש. טראַכט איך טאַקע אָפט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט. איך טראַכט וועגן אונדזער משפּחה. פאַרשידענע מינים מענטשן האָט זי אַרויסגעגעבן. ווייסטו, יאַקאָב, ביז איצט זענען אָבער אין איר נישט בנמצא געווען קיין תקיפים.

אין יאַנקלען האָבן אויפגעצאַפּלט אַלע פיבערן.

— וווהין צילט ער, דער אַלטער? — האָט ער זיך געפרעגט.

משה האָט רואיק גערעדט ווייטער.

— איך זאָג עס גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. פּראָסטע מענטשן זענען מיר געווען. מיר האָבן געהאַט מזל און מיר האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט. פונדעסטוועגן זענען מיר געבליבן די זעלבע פּראָסטע מענטשן. אַזוי דיין שווער, עליו השלום, און אַזוי איך. ווער שמועסט כאַטיליע, זאָל זיך פאַר אונדז אַלע מיען. זי איז דאָך געווען אַן אמתדיקע צדיקות. נאָר וואָס דאַרף איך דיר וועגן דעם דערציילן? דו ווייסט עס דען נישט פונקט אַזוי ווי איך?

— זיכער וויס איך — האָט יאַנקל באַשטעטיקט, נאָר אינעווייניק האָט אים נישט אויפגעהערט צו פייניקן דער געדאַנק:

— וווהין צילט ער, דער אַלטער?

— ווייסטו, איז אוודאי גוט. נאָר וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן? אַהאַ. מיר האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט און מיר זענען קיינמאָל נישט געבליבן אין אַ זייט, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין כלל ענינים. אדרבה, דעם טייסטער האָבן מיר געהאַלטן אָפן און כסדר געגעבן, וויפיל מיר האָבן געקענט, אַזוי איז געווען ריכטיק און ביי דעם האָבן מיר זיך געדאַרפט טאַקע האַלטן און ווייטער נישט גיין קיין שריט. תקיפותדיקייט איז פרעמד צו אונדזער משפּחה.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן? — האָט יאַנקל נישט אויס־געהאַלטן — איר ווייסט שוין וועגן די דראָהאָביטשער וואַלן?

— שאַ, שאַ. אוודאי ווייס איך. יעדן טאָג שרייבן דאָך דערפון אַלע בלעטער. מעגסט מיר גלויבן, יאַקאָב, אַז ס'האַרץ טוט מיר שטאַרק וויי. דו האָסט זיך גענומען צו דער עבודה־זרה און דו האָסט אינגאַנצן פאַר־געסן אין אַ חוב, וואָס לאַסטעט אויף אונדזער משפּחה. פאַרדריסט דיך נישט, יאַקאָב, אַז כאטיליעס צוואה וועגן דעם בית יתומים איז נאָך ביז היינט נישט אויסגעפירט געוואָרן, כאָטש בקרוב וועט שוין זיין איר עלפטער יאָרצייט?

אין משהס שטימע האָט זיך געהערט ווייטיק און פאַרוווּרף. יאַנקלס פּנים האָט זיך רויט אָנגעצונדן. דיקע טראָפּנס שווייס האָבן באַדעקט זיין שטערן. ס'האָט אים געפעלט לופט צום אָטעמען. ער האָט זיך געדרייט אויפן בענקל און מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט ביי דער ברוסט.

— אָנקל — האָט ער זיך געבעטן — איר גלויבט טאַקע, אַז איך בין דער מערדער פון די דערשאָסענע מענטשן?

— נישט איך גלויב, נאָר אַזוי שרייבן אַלע היגע צייטונגען.

— ס'איז אַ בילבול, אָנקל. איך בין אומשולדיק. איך האָב נישט געהייסן שיסן.

— ווי אַזוישע איז געקומען צו דעם?

— ס'איז געווען אַ מיספאַרשטייעניש, אַ טראַגישע מיספאַרשטייע־ניש. כ'האָב שוין אויפגעקלערט די זאַך פאַר דער אויספאָרשונגס־קאָ־מיסיע, וועלכע פאַרנעמט זיך מיטן גאַנצן ענין. אָט הערט ווי ס'איז גע־קומען צום אומגליק: ווען ס'איז אונטערגעצונדן געוואָרן דער טעאַטער־זאַל, איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע מהומה. דער סטאַראָסטע איז געווען אַביסל שיכור. ער איז ווי אַ משוגענער אַרומגעלאָפן און האָט געליאַרעמט „פייער, פייער!״. געמיינט האָט ער, אַז ס'ברענט אַ פייער און דער אָפי־ציר, וועלכער האָט אָנגעפירט מיטן מיליטער, האָט פאַרשטאַנען, אַז דער סטאַראָסטע קאָמאַנדירט: „פייער!״, דאָס הייסט מ'זאָל שיסן. האָט ער גע־געבן דעם באַפעל צו שיסן.

— אוי־ווי. אַזוי גאָר זעט אויס די זאַך? אין די בלעטער שרייבן זיי וועגן דעם גאָרנישט.

משה איז געוואָרן אַביסל אויפגעלייגטער, נאָר באַלד האָט זיך ווידער אַ וואָלקן פאַרצויגן איבער זיין שטערן.

— אויב ער האָט אפילו נישט געהייסן שיסן — האָט ער געטראַכט — איז ער אָבער שולדיק אין דעם אַלעמען, וואָס האָט דערפירט צום שיסן.

משה איז ווידער געזעסן אַ שווייגנדיקער. יאַנקלען האָט ער שוין גאָרנישט מער געזאָגט. ער האָט געזען, ווי יענער זיצט אַ צעבראָכענער און אַן אויסגעלאָשענער אַנטקעגן אים.

— כ'שווער אייך, אָנקל מאָזעס — האָט זיך יאַנקל פּלוצים אויפגעשטעלט — אַז די ערשטע אַרבעט, צו וועלכער איך נעם זיך איצט, איז דאָס אויספירן כאַטיליעס צוואה. איר הערט, כ'האָב געשווירן!

יאַנקל האָט זיך שוין נישט צוריקגעזעצט. אַן אינערלעך באַדערפעניש האָט אים געצויגן אַרויסצוגיין פון דאַנען. כמעט אָן אַ זיי געזונט איז ער אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס. משה האָט אים פאַרחידושט נאָכגעקוקט און האָט אויף אים געהאַט רחמנות.

* * *

יאַנקל פייערשטיין האָט געהאַלטן וואָרט. כאָטש ער האָט שוין נישט געקענט זיך אומקערן קיין דראָהאָביטש און ער האָט נאָך געמוזט פון דאָרט אַוועקנעמען זיין ווייב און די קינדער, האָט ער פון ווין אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אַרום דעם בית־יתומים. די אַלטע פּלענער האָט ער געהייסן איבעראַרבעטן. ער האָט געוואָלט, אַז דער בנין זאָל זיין נאָך גרעסער און נאָך שענער, ווי ער האָט געדאַרפט זיין לויט משהס און כאַטיליעס אַמאָליקע פּלענער. דעם קומענדיקן זומער נאָך די בלוטיקע וואַל־געשעעניש זענען אויף אַ ברייטן שטח פון קהלשן באָדן, אויף דער סאָביעסקי־גאַס, געלייגט געוואָרן די פונדאַמענטן פאַרן דריי־פּליגלדיקן בנין פון בית־יתומים. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט מען איבערן דריטן שטאָק פונעם נייעם בנין געצויגן דעם דאַך. זומער 1914 האָט שוין דער בנין אַ פאַרטיקער געדאַרפט איבערגעגעבן ווערן אין רשות פון דער געזעלשאַפטלעכקייט. דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט געשטערט אין פאַרענדיקן

דעם בנין. ערשט נאָכן סוף פון דער רוסישער אָקופּאַציע אין גאַליציע האָט מען אים אויסגעענדיקט.

דער נייער בית־יתומים איז געווען איינגעאָרדנט מיט אמתער גבירי־שער רחבותדיקייט. ער איז געווען איינער פון די שענסטע בנינים אין דער גאַנצער געגנט, דאָס צירונג פון דער שטאָט.

משה גאַרטענבערג האָט דעם נייעם בנין נישט געזען. אין דער צייט פון מלחמה־אויסברוך איז ער שוין געווען צוגעשמידט צו זיין וויג־שטול און נאָר זעלטן האָט ער זיך געקענט אָננעמען מיט כוח, כדי צו מאַכן אַ קליינעם שפּאַציר איבער זיין פּאַרק. פונדעסטוועגן האָט ביי אים דער מוח געאַרבעט פונקט אַזוי ווי ביי אַ יונגן מענטש. האַלב־זיצנדיק און האַלב־ליגנדיק אויף דער וויג־שטול האָט ער ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן אַליין געפירט זיינע קאָמפּליצירטע בערזע־עסקים. די נשמה האָט ער אויסגעהויכט ביים פולן באַוווסטזיין און ביים לויטערן שכל.

אַ שעה פאַרן טויט האָט ער צוזאַמענגערופן זיינע נאָענטע און פאַר זיי אַנטפּלעקט די סודות פון זיינע געשעפטן. מיט מאַטעמאַטישער פּינקט־לעכקייט האָט ער פונעם זכרון אויסגערעכנט אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט אין מזומנים, ווערט־פּאַפּירן און אַקציעס. ס'איז נישט געווען קיין קליינ־קייט. די אונטערשטע שורה פונעם דאָזיקן חשבון האָט באַטראָפן אַ סכום פון קיילעכדיקע צוועלף מיליאָן אַמעריקאַנער דאָלער. וועגן דעם פאַרמעגן, וואָס ער האָט געהאַט ליגן אין דער נאַפט־אינדוסטרי און אין אומבאַוועג־לעכע גיטער, האָט ער נישט געדאַרפט גאָרנישט אָנזאָגן. דאָרטן זענען אומעטום געווען פאַרוואַלטונגען מיט עפנטלעך געפירטע ביכער. בלויז וועגן די בערזע־געשעפטן האָט ער געמוזט אָנזאָגן, ווייל זיי זענען געווען שטאַרק פאַרפּלאָנטערט און אָן דעם וואָלטן זיך זיינע יורשים קיינמאָל נישט פונאַנדערגעקליבן.

נאָך משהס טויט האָבן זיך די יורשים גענומען צו דער ליקווידירונג פון זיינע בערזע־געשעפטן. זיי זענען געווען איבערראַשט פון דער פּינקט־לעכקייט, מיט וועלכער משהס זכרון האָט געאַרבעט ממש ביזן לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן. אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעזאָגט, האָט געשטימט ביזן לעצטן פּרט, סיי בנוגע נעמען און אַדרעסן און סיי בנוגע ציפערן. ערשט דעמאָלט האָט מען פאַרשטאַנען דעם סוד פון משהס דערפאָלגן.

בלויז אַ מענטש מיט אַזאַ זכרון קען זיך מיט די נאַקעטע צען פינגער צו־שלאָגן צו אַזאַ פאַרמעגן.

געווען איז עס אינעם דריטן מלחמה־יאָר, קרוב אין דער זעלבער צייט, ווען עס איז געשטאָרבן דער קייזער פראַנץ יאָזעף דער ערשטער. די ידיעה פון משה גארטענבערגס טויט האָט די ווינער פרעסע פונאַנ־דערגעטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד. פון צווישן מבול באַריכטן פון די מלחמה־פראָנטן, מיט וועלכע די צייטונגען זענען דעמאָלט געווען פאַר־פלייצט, האָט זיך אויסגעשיילט אַ ידיעה, וואָס האָט געזאָגט, אַז „דער עסטרייכישער נאַפט־קיניג איז געשטאָרבן".

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג-לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן ציַיטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די יידן-שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער-מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (לידער) (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געבראָכענע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פאַליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (פּאָעמע) **(אויספאַרקויפט)**
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק **(אויספאַרקויפט)**
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער **(אויספאַרקויפט)**
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב **(אויספאַרקויפט)**
45) **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... **(אויספאַרקויפט)**
46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ **(אויספאַרקויפט)**
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן **(זכרונות)**
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען **(אויספאַרקויפט)**
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאַנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן **(אויספאַרקויפט)**
54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" **(ראָמאַן)**
55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אַש** — פּעטערבורג־וואַרשע־מאָסקווע
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם **(ראָמאַן)**
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע"
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)
66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן **(זכרונות)**
69) **אליהו טראָצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה **(אויספאַרקויפט)**
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... **(אויספאַרקויפט)**
72) **י. י. טרונק** — סימכע פּלאַכטע פון נאַרקאָווע **(אויספאַרקויפט)**
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראטור־פאנד אין סאן פאולא, בראזיל, 1952)
74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאנד
75) זיגמונט טורקאוו — פראגמענטן פון מיין לעבן
76) יהושע פערלע — יידן פון א גאנץ יאר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראטור־־פרעמיע פון „בונד" אין פוילן, ווארשע 1937)
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשארני — ווילנע
79) ז. סעגאלאוויטש — דער לעצטער לאדזשער ראמאן
80) יזכר־בוך — בעלכאטאוו (אויספארקויפט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף א פולער וואך
82—83) יצחק פערלאוו — דער צוריקגעקומענער (ראמאן)
84) יוסף אקרוטני — דאס בוך פון די עלנטע
85—86) מרדכי שטריגלער — גורלות
87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאליציע — מיין אלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פארטאג
89) משה דוד גיסער — דאס געזאנג פון א לעבן (אויספארקויפט)
90) ז. י. אנכי — ר' אבא און אנדערע כתבים
91—92) ד״ר עמנואל רינגעלבלום — קאפיטלען געשיכטע
93) שמעון הארענטשיק — אין גערויש פון מאשינען (ראמאן)
94) גרשם באדער — מיינע זכרונות (קראקע)
95—96) יאנאס טורקאוו — פארלאשענע שטערן
97—98) אלטער קאציזנע — שטארקע און שוואכע (ראמאן)
99) פועה ראקאווסקי — זכרונות פון א יידישער רעוואלוציאנערן
100) מארק טורקאוו — די לעצטע פון א גרויסן דור
101) י. הירשהויט — יידישע נאפט־מאגנאטן

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

102) משה זאנשיין — יידיש ווארשע
103) פ. מינץ (אלעקסאנדער) — דער קאמוניזם אין פוילן (זכרונות)

עס גרייט זיך צום דרוק:

מיכאל בארוויטש — ארישע פאפירן
מרדכי שטריגלער — געצארעמט מיטן ווינט (היסטארישער ראמאן)
י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראמאן)
ברוך האגער — מלכות חסידות
ד״ר א. מוקדוני — אין ווארשע און אין לאדזש (מיינע באגעגענישן)
ב. שעפנער — נאוואליפיע 7 (זכרונות)
פנחס שטיינוואקס — יידן צום געדענקען

פרעסע־אָפּרופֿן וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

יעקב באַטאָשאַנסקי שרייבט וועגן פּועה ראַקאָווסקיס „זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין" („די פּרעסע", בוענאָס־איירעס, דעם 21סטן אויגוסט 1954):

די לעצטע צוויי ביכער פון די הונ־דערט זענען דערשינען גאָר נישט לאַנג און עס איז די ריכטיקע צייט צו שרייבן אַ פּאָר ווערטער וועגן זיי און אַזוי אַרום דורכפירן אַ מין אָפּ־שאַצונג־סיום (דער מחבר פון אַט דעם מאמר האָט נישט באַוויזן צו שרייבן אָפּהאַנדלונגען וועגן אַלע פריערדיקע 98, אָבער וועגן דעם גרויסן רוב פון זיי האָב איך גע־שריבן). דאָס בוך, וואָס טראָגט דעם נומער 99, איז געשריבן פון פּועה ראַ־קאָווסקי און הייסט „זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין" און דער נומער 100 איז פון מאַרק טורקאָוו און הייסט „די לעצטע פון אַ גרויסן דור".

פּועה ראַקאָווסקי איז אַ פּרוי פון קיין עין־הרע נישט 89 יאָר. זי לעבט זינט 1935 אין ישראל. זי שטאַמט פון ביאַליסטאָק און זי האָט צענדלי־קער יאָרן געלעבט אין וואַרשע, ווו זי איז געווען דירעקטאָרין פון אַ באַ־רימטער העברעאישער שול. זי איז יאָרנלאַנג געווען אַן אָנגעזעענע דערציערין, זי איז געווען איינע פון די סאַמע ערשטע קעמפערינס פאַר פרויען־עמאַנציפּאַציע ביי אונדז און זי האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט ליי־טעראַרישער אַרבעט און איבערהויפּט מיט איבערזעצונגען. זי האָט איבער־געזעצט אויף יידיש די בשעתו באַ־רימטע ביכער־סעריע פון וויקטאָר מאַרגעריט „די בחורטע", „דער חבר", „דער נייער דור", „דיין קער־פּער געהער דיר". זי האָט אויך אי־בערגעזעצט „די רויטע ליליע" פון אַנאַטאָל פראַנס און אַ גאַנצע ריי וויסנשאַפטלעכע ווערק, ווי: „די נייסטע יידישע געשיכטע" (לויט דוב־נאָוו און אַנדערע קווערן), קאַרל קויטסקיס „ווער איז שולדיק אין וועלט־קריג?" א"אַ.

די מעמואַרן אירע האָט פּועה ראַ־קאָווסקי פאַרענדיקט לערך אין יאָר 1942; זיי האָבן געזאָלט דערשיינען אין אַ העברעאישער איבערזעצונג אין יאָר 1950, צום 85סטן געבוירנ־טאָג פון דער שרייבערין, אָבער מען האָט דאָס נישט געקענט באַווייזן און איר בוך איז דערשינען אין העברע־איש (איבערזעצט פון דוד קלעי) אין פאַרלאַג נ. טווערסקי אין יאָר 1952 א"נ „לא נכנעתי" (איך האָב זיך ניט אונטערגעטעניקט). צו דער יידישער אויסגאַבע איז צוגעגעבן די הקדמה פון רחל כצנלסון שז"ר א"נ „איינע פון די ערשטע", אין וועלכער עס

וואָרט איבערהויפּט באַטאָנט, אַז פּועה ראַקאָווסקי איז געווען אַ פּיאָ־נערין אויף דעם געביט פון באַפרייִ־אונג־קאַמף פאַר דער יידישער פרוי.

פּועה ראַקאָווסקיס זכרונות זענען געשריבן מיט דער זעלטענער פּשטות. נישטאָ קיין זכר פון קיין ליטעראַרי־שע צופּוצונגען און פּליטערלעך, עס פּלייצן פאַקטן און זיי פאַרפּלייצן ממש. ווען מען מאַכט אַ סך־הכל פון דעם, וואָס מען האָט איבערגעלייענט, גיט מען זיך חשבון, אַז די דאָזיקע פרוי האָט איבערגעלעבט אַזויפיל, אַז ס'וואָלט געווען צופיל פאַר עט־לעכע פרויען, אָבער זי דערציילט דאָס אַזוי פּשוט, אַז דו פאַרגעסט די ממש־פאַנטאַסטישע ליידן פאַר געוויינלעכער ווירקלעכקייט. פּועה ראַקאָווסקי איז געבוירן געוואָרן ביי אַ זיבעצניאָריקן טאַטן און פופצן־יאָריקער מאַמע און זי האָט געהאַט די זעלביקע קינדהייט, וואָס די מיינסטע קינדער פון יענער צייט. זי האָט געלערנט אין אַ פּריוואַטער רו־סישער שול און ווען זי האָט זי גע־ענדיקט, האָט זי געוואָלט אַריין אין דער ביאַליסטאָקער פּראָגימנאַזיע, אָבער דאָס האָט זי נישט געקענט פועלן ביי איר טאַטן, ווייל דאָרט האָט מען געמוזט שרייבן אום שבת, כאָטש דער פאָטער האָט דווקא יאָ געוואָלט, אַז זי זאָל ווייטער לערנען און ער האָט באַדויערט, וואָס זי איז נישט געבוירן געוואָרן קיין יינגל. און ווען זי איז אַלט געווען פערצן יאָר, איז געשען די ערשטע „אַוואַנ־טורע" אין איר לעבן: זי איז שוין כמעט געווען אַ כלה פאַר איר

טאַטנס יינגסטן ברודער, וואָס איז עלטער געווען פון איר בלויז מיט איין יאָר, אָבער דעם פאָטערס עלטס־טע שוועסטער האָט געהאַט אַ מיידל, וואָס איז געווען עלטער פון איר מיט אַ פּאָר יאָר און נישט קיין שיינע דערצו און זי האָט אויסגעווירקט, אַז פּועהס טאַטע זאָל אָפּטרעטן זיין טאָכטערס חתן דער פּלימעניצע... צו טראַגיש האָט דאָס אונדזער העלדין נישט אויפגענומען, אדרבה, ס'איז געווען ביי איר אַ קינדערשפּיל. דער־נאָך האָט מען זי אויף דעם אַמאָליקן שטייגער פאַרשלייערט פאַר אַ מאַן, וואָס זי האָט רעכט נישט געקענט און זי האָט אָפּגעווינט מיט אים אַ שטיק צייט און געהאַט צוויי קינדער. און ערשט דערנאָך האָט זי זיך אויף אַן אמת פאַרליבט אין איר שוועגע־רינס ברודער און ער האָט זי אויך ליב געהאַט. אָבער יענער איז געווען

אַ כהן און ער האָט נישט געטאָרט חתונה האָבן פאַר קיין גרושה. און זיינע עלטערן האָבן אים באַווירקט און ער האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אַנדערער. ווען פועה האָט שוין געהאַט צוויי קינדער, האָט זי געלערנט אויף לערערין און געענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג און איר מאַן האָט זי בשום אופן נישט געוואָלט גטן און זי האָט געפועלט אַ גט נאָר מיט דער הילף פון אַ געוואַגטן טריק. זי האָט געסטראַשעט דעם מאַן און דער גאַנצער פאַמיליע, אַז אויב זי וועט נישט קריגן קיין גט, וועט זי זיך שמדן אינאיינעם מיט די קינדער. זי האָט דאָס נישט געמיינט, אָבער די משפחה האָט זיך איבערגעשראָקן און זי האָט געקראָגן אַ גט.

צוליב אָפיציעלע מאָטיוון האָט זי נישט געקענט ווערן קיין לערערין אין ביאַליסטאָק און זי האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ שול אין לאָמזשע און זי האָט דאָרטן געעפנט אַ רוסישע שול, אין וועלכער מען האָט געלערנט העברעאיש. אין עלטער פון 26 יאָר איז זי אָנגעקומען קיין וואַרשע, ווו זי איז געוואָרן לערערין אין דעם חדר פאַר מיידלעך, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „יהודה" און דאָרט האָט זי אָנגעהויבן אויך איר ציוניסטישע טעטיקייט. זי האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט פאַרן יונגערמאַן, וועלכער איז געווען סטודענט אין אַ בערלינער אַגראָנאָמישער הויכשול און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געהאַט אַ פאַרלאָזנעם פלעוריט און זי האָט זיך געפלאָגט ביי זיין קראַנקן־בעט אין משך פון זעקס יאָר און זי האָט נאָך דערנאָך געמוזט נעמען חליצה, ווייל זי האָט מיט אים קיין קינד נישט געהאַט.

אַ טיילווייז נאָרמאַל לעבן האָט זי אָנגעהויבן פירן ערשט, ווען זי איז אַלט געווען 36 יאָר און זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ דריטן מאַן, וועלכער איז געווען יינגער פון איר מיט צען יאָר. וואַרשיינלעך האָבן אַלע גערעדט וועגן דער נישט־גלייכקייט פון שידוך, אָבער איר האָט וועגן דעם גערעדט נאָר אירער אַ פריינד; ער האָט ביי איר געפרעגט, צי זי איז נישט משוגע, ווען זי גייט חתונה האָבן מיט אַ מאַן, וואָס איז יינגער פון איר מיט צען יאָר. און זי האָט אים געענטפערט מיט שניידנדיקער לאָגיק. זעכצן יאָר האָט זי איינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן צו וואָס פאַר אַ מין זי געהערט און זי וויל זיך ניט גריבלען, צי איז עס ביי איר דער געפערלעכער עלטער אָדער אַ שטאַרקער טעמפעראַמענט. זי פילט זיך, האָט זי אים געזאָגט, נישט נאָר גייסטיק, נאָר אויך פיזיש נישט עלטער פון אים. „אַ צען, פופצן יאָר, האָט זי געזאָגט, וועל איך נאָך זיכער זיין אַ יונגע פרוי און שפעטער, קוים וועל איך דערפילן אונדזער יאָרן־אונטערשייד, וועל איך אַוועקגיין".

צרות האָבן זיך געשאָטן אויף פועהס קאָפּ אָן אַ צאָל. עס זענען געשטאָרבן אייגענע. עס איז געשטאָרבן אירע אַ טאָכטער, וואָס האָט נישט געראָטן חתונה געהאַט און איר געלאָזט צוויי אייניקלעך. עס איז געשטאָרבן אירער אַ זון... אַן איי־

ניקל... זי האָט דערצויגן די צוויי אייניקלעך און זי האָט דערנאָך געמוזט זיי אָפּפירן צו איר איידעמס עלטערן און עס האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה.

און דאָך האָט פּועה ראַקוואָסקי נישט פאַרלוירן קיינמאָל דעם מוט און זי האָט כסדר געאַרבעט און דערצויגן אייניקלעך און קינדער און איז געזעלשאַפטלעך געווען טעטיק און זי האָט געהאָלפן אויסבויען אַ גרויסע יידישע פרויען־באַוועגונג און האָט זיך באַטייליקט אין אַלגעמיינער ציוניסטישער אַרבעט און איז צוגעטראָטן צו דער צעירי־ציון־פּאַרטיי. זי האָט פון שטענדיק אָן געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום סאָציאַליזם, וועלכער איז ביי איר געווען איינס מיט דעם ציוניזם. זי האָט זיך באַטייליקט אין פערטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן און געזען פּערזענלעך הערצלען און נאָרדויען. אירע איינדרוקן וועגן הערצלען זענען אויסערגעווייטלעך אינטערעסאַנט, כאָטש ס׳איז אין זיי פאַראַן מער שטום־לשון, ווי רייד.

און עס ווערט פּראָסט און פּשוט געשילדערט די סביבה און עס וואַקסט אויס אַ גאַנצער קאַליידעסקאָפּ פון אַלערליי טיפּן און אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייטן. איבערהויפּט ווערט אַרויסגעבראַכט אינטערעסאַנט די שוויגער פון שלום אַש, וועלכע איז געוואָרן דער פּראָטאָטיפּ פאַר דער מוטער אין אַשס ראָמאַן „וואַרשע“. צוליב דער פאַרצווייגטקייט פון דער משפּחה איז די ראַקאָווסקי געוואָרן אַ וועלט־מענטש און זי האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט אַ סך לענדער. זי איז געווען אין ארץ־ישראל, אין ראַטנפאַרבאַנד, אין רומעניע. אין מאָסקווע האָט זי אַ זון האָט ער געוואָלט, אַז זי זאָל פאַרבלייבן דאָרט. דער זעלביקער זון האָט איר, ווען זי איז אַוועק קיין ארץ ישראל, דירעקט שפּעטער נישט געשריבן קיין בריוו, נאָר ער האָט זיך איבערגעשריבן מיט איר פּלימעניק, דעם פאַרלעגער און איבערזעצער מ. ראַקאָווסקי.

אין יאָר 1935 האָט פּועה ראַקאָווסקי זיך באַזעצט דעפיניטיוו אין ארץ ישראל. זי איז שוין דעמאָלט געווען אַ פרוי פון 70 יאָר און מען האָט זיך נישט געאיילט איר צו געבן קיין אַרבעט און זי רעדט וועגן דעם מיט אַ סך פאַרביטערונג, און זי בייזערט זיך שטאַרק אויף דעם ביוראָקראַטיזם, וואָס דאָרטן איז איינגעשטעלט געוואָרן. זי בייזערט זיך אויך אויף דער נעגאַטיווער שטעלונג צום גלות און זי זאָגט, אַז ווי אַ דירעקטע קאָנסעקווענץ דערפון איז אַרויסגעוואַקסן די זילזול־באַציאונג צו יידיש און זי פרעגט: „צי איז דען דער ענדציל פון אונדזערע שטרעבונגען זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ סעקטע, אַפילו אַ ריין העברעאיסטישער?“ אַנטקעגן דעם, וואָס מען האָט איר נישט געוואָלט געבן קיין אַרבעט, ווייל זי „איז צו פרי געבוירן געוואָרן“, שרייבט זי, אַז אין די העכסטע אינסטיטוציעס פון דער זיך בויענדיקער נאַציאָנאַלער היים „הערשט אנשטאַט דער יידישער עטיק — דער פינצטערסטער ביוראָקראַטיזם“ און זי גיט צו: „אונדזערע וואָרטפירערס

האַלטן נאָך איצט ביי דער תקופה פאַר מתן תורה, ווען מען פלעגט זקנים אַראָפּשליידערן פון די הויכע פעלזן־בערג".

אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער גיך, אַז זי האָט געהאַט צו טאָן מיט יידישע גזלנים און זי האָט באַלד געקראָגן איבערזעצונג־אַרבעט און אַ לוין צו קענען לעבן. זי האָט זיך גיך איבערגעבעטן מיט ארץ ישראל, ווו זי וועט אוודאי דערציען מירטשעם ביז די הונדערט צוואנציק. אינגאַנצן פעלן איר צו זיי 31 יאָר!

ווענן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ביכער־סעריע, זיך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyredón 667, Buenos Aires

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 101

Copyright by I. HIRSZHAUT, New York

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley

Este libro se terminó de imprimir el día 27 de Agosto de 1954, en los TALLERES GRÁFICOS JULIO KAUFMAN, Corrientes 1976, Buenos Aires

I. HIRSZHAUT

MAGNATES DEL PETROLEO

◆

Editado por la

Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Buenos Aires, 1954